STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08715

MAYN LEBNS-GESHIKHTE

Kalmon Marmor

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Judd Marmor
in memory of
his parents, Kalman & Sarah Marmor

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן מרמר

מיין לעבנס־געשיכטע

באַנד צווײ

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף
פון דעם איקוף און די לייען-קרייזן
אין לאָס-אַנדזשעלעס

●

ווערק פון קלמן מרמר אין בוכפאָרם

„דע פראָפונדיס" פון אָסקאַר ווײַלד, איבערגעזעצט און דערקלערט, לאָנדאָן, 1909.

ציון, אָדער ציוניזם? (בראָשור), גלאַסגוי, 1909.

„נאַציאָנאַלע אַרבעטער קאָמיטע" און קאָנגרעס באַוועגונג (בראָשור), שיקאַגאָ, 1916.

אָסקאַר ווײַלד און זײַן טראַגעדיע (צוזאַמען מיט „דע פראָפונדיס", צווייטע אויפלאַגע), ניו-יאָרק, 1926.

מאָריס ווינטשעווסקי, זײַן לעבן און שאַפן (אַרײַנפיר צו זײַנע „געזאַמלטע ווערק אין 10 בענד" — רעדאַקטירט פון קלמן מרמר), ניו-יאָרק, 1927.

קלאַסנקאַמפן אין אַלטערטום, ניו-יאָרק, 1933.

דאָוויד עדעלשטאַט, ביאָגראַפיע און בריוו, מאָסקווע, 1935.

דוד עדעלשטאַט צו זײַן פופציקסטן יאָרצײַט (בראָשור), ניו-יאָרק, 1942.

דער אָנהויב פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע (1871-1890), ניו-יאָרק, 1944.

דוד עדעלשטאַט, ביאָ-ביבליאָגראַפיע, ניו-יאָרק, 1950.

אהרן ליבערמאַנס בריוו, ניו-יאָרק, 1951.

יוסף באָוושאָווער, ניו-יאָרק, 1952.

יעקב גאָרדין, ניו-יאָרק, 1953.

קלמן מרמר

מיין לעבנס־געשיכטע

באַנד צוויי

איקוף פאַרלאַג
ניו־יאָרק

KALMAN MARMOR

MEIN LEBNS GESHICHTE

(My Autobiography)

Vol. II

Published by the
Yiddisher Kultur Farband (YKUF)
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.

Copyright by
Yiddisher Kultur Farband (YKUF)
1959

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.

166

אינהאַלט:

זייט	קאַפּיטל
413	82. אויפן דריטן ציוניסטן־קאָנגרעס אין באַזעל
419	83. דר. מאַקס נאָרדויס איינדרוק אויף מיר
424	84. מיינע פיר טעג אין באַזעל
431	85. איך באַשליס אַריבערגיין פון פילאָסאָפיע צו נאַטור־וויסנשאַפט
437	86. אויף יום־טוב אַהיים
442	87. אַ דעמאָנסטראַציע קעגן מיין פּראָפעסאָר פון כעמיע
447	88. שטעטל וויל וויסן, וואָס אַזוינס איך לערן אין פריבורג
451	89. איך בלייב איין יידישער סטודענט אין פריבורג
455	90. „היט זיך אויס פון געפאַר!"
460	91. מיין צער פון באַבען און זיידן
464	92. מיינע קאָונער סעריעס לעקציעס
470	93. מיין דורכשניטלעכער אַרבעטס־טאָג אין פריבורג
474	94. „דער אַנטיסעמיטיזמוס אין ווין"
479	95. אין פריבורגער שפּיטאָל
482	96. איך באַשרייב מיין פריבורגער קוואַרטיר
486	97. איך פליים זיך אַנצויאָגן מיינע לימודים
491	98. איך פאָר צו דער קרוינונג פון ענגלישן קעניג
496	99. איך שטודיר לאָנדאָן מיט אַ סיסטעם
501	100. אין דרום־זייט פון דער טעמזע
506	101. אויף אַן „עקסקוירשאָן" מיט יידישע ראַדיקאַלן
509	102. צוריק אין דער שווייץ
512	103. אויפן פינפטן באַזעלער קאָנגרעס
516	104. דריי קעגנער פון דער קאָנפערענץ
520	105. פאַרוואָס איך טרעט ניט אַריין אין דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע"
525	106. דאָס פאָטאָגראַפירן זיך מיט דר. הערצל
529	107. איך מיש זיך ניט אין די סכסוכים
532	108. שרה שפּרהס יונגע מאַמע שטאַרבט
538	109. אויף אַן אייזנבאַן־בריק איבער אַ ברייטן טייך
543	110. צווישן די חורבות פון רוים
547	111. איבער איטאַליענישע שטעטלעך און שטעט
551	112. דאָס הויז־געזינד פון סינדאַקאָ לואידזשי גראַציאַ
557	113. איך געזעגן זיך מיט איטאַליע
561	114. אין מיין לעצטן פריבורגער סעמעסטער
566	115. מיין צווייטער אַריינפאָר אין לאָנדאָן
570	116. די קלאַסן־קאַמפן צווישן לאָנדאָנער ציוניסטן
574	117. אונדזערע דיסקוסיעס וועגן דעמאָקראַטיע

קאַפּיטל	זייט
118. דער אָרעמער יידישער עולם אַרום אונדז	579
119. איך באַשליס פאַרבלייבן ווינטער אין לאָנדאָן	584
120. אַ „שווייצער סטודענט" וועגן ר' צבי הירש קאַלישער	588
121. "די וואַנט פון מערבי"	593
122. אַ באַראַטונג וועגן אַ יידישן שרייבער־פאַראיין אין לאָנדאָן	597
123. אַ געהיימע קאָנפערענץ מיטן דר. הערצל	601
124. די יידישע אינטעליגענטישע פראָלעטאַריער אין לאָנדאָן	605
125. צוליבן אַנאַרכיסט פעטער קראָפּאָטקין	610
126. „פּראָלעטאַרישער שטאָלץ"	615
127. דער קישינעווער פּאָגראָם	621
128. נייע פּלענער פאַר דער „מערבי"	626
129. וואַל־קאַמף צווישן די יידן אין לאָנדאָן	631
130. אין זשענעווע מיט אינטעליגענטע יידישע מענטשן	636
131. אין דער קאָלאָניע פון יידישע סטודענטן	641
132. טעטיקע וואָכן אין אינטערלאַקן	646
133. פאַרהוזערט צו די וויטערע פאָרזעצונגען	651
134. מיין בריוו צו דער „מערבי" פון 12טן יולי, 1903	655
135. אין דער ווילע „אַלפּענרוע"	658
136. מיין קאָרעספּאָנדענץ האַלט אין וואַקסן	663
137. קאַליידאָסקאָפּיש	668
138. מיין ענגלישע לאַנדסמאַנשאַפט	672
139. צום דריטן מאָל אין לאָנדאָן	675
140. מיינע מיטאַרבעטער מ. מ. אוסישקין און דר. משה גאַסטער	688
141. מיין קוואַרטיראַנט י. ח. ברענער	707
142. מיינע שמועסן מיט הלל צייטלינען	720
143. גאַסטער און וויצמאַן ווילן איך זאָל ווערן בעמיע־לערער	724
144. איך גרייט זיך פאָרן קיין אַמעריקע	727
145. מיינע ערשטע טעג אין פילאַדעלפיע	738
146. מיינע צוויי מיטאַרבעטער פון איסט־בראָדווי	744
147. די אָנפאַלן אויף מאַקסים גאָרקי און י. ח. ברענער	751
148. מיינע באַגעגענישן מיט יעקב גאָרדין און מיט ראובן בריינין	761
149. פון פילאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק	769
150. איך פאָר קיין האַאַג צום 8טן ציוניסטישן קאָנגרעס	777
151. איך פאַרלאָז האָלאַנד אויפן וועג צו ארץ־ישראל	782
152. חברים פירן מיך אַרום וויזן יפו	790
153. מיין באַקאַנטשאַפט מיט הרב קוק	796
154. איך באַקען זיך מיט קאָלאָניסטן	807
עפּילאָג	811

קאַפּיטל צוויי און אַכציק

אויפן דריטן ציוניסטן-קאָנגרעס אין באַזעל

באַלד ווי כ׳קום אָן אין באַזעל באַזוך איך מיין בערנער ווירטס עלטערן, ביי וועמען איך וויל איבערלאָזן מיינע זאַכן. צום גליק האָבן זיי פאַר מיר אַ גוטן צימער, איך וועל אפילו ניט דאַרפן איצט איינצאָלן, ווייל כ׳בין ביי זיי אַ בטוח. כ׳וועל עס קאָנען זיי אָפּשיקן פון בערן. כ׳לויף דעריבער אַ צופרידענער צו דער „שטאָט־קאַסינאָ״, וואו עס עפנט זיך היינט (15־טן אויגוסט 1899) אין אָוונט דער דריטער ציוניסטן־קאָנגרעס. מיט דער הילף פון באַזעלער איינוואוינער געפין איך באַלד אויס דעם פּלאַץ. די שווייצער זיינען אין דעם פּרט ענלעך צו די ווילנער יידן: זיי זיינען גרייט צו באַגלייטן אַ פרעמדן אַ שטיק וועג, און לאָזן זיך אפילו ניט באַדאַנקען.

די קאַסינאָ, דער פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פון דער הויכער שווייצער געזעלשאַפט, איז פאַרפּוצט מיט שניי־ווייסע פאָנען מיט בלויע מגן־דודס. אויפן באַלקאָן הענגט אַ טאָוול פון עטלעכע מעטער די לענג, אויף וועלכן עס שרייבט זיך מיט גרויסע בוכשטאַבן: דריטער ציוניסטן־קאָנגרעס. איבערן טאָוול איז צוגעשלאָגן אַ בלישטשענדיקער מעטאַלענער מגן־דוד מיט זיבן שטערן, — אַן אָנדייט אויף דעם זיבן־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, וואָס דר. הערצל שלאָגט פאָר איינצופירן אין דער צוקונפטיקער יידישער מדינה. איך לויף שנעל אַרויף די טרעפּ צו דער ביוראָ פונעם קאָנגרעס, און געפין באַלד אויס, אַז כ׳בין געקומען צו שפּעט... עס זיינען שוין מער ניטאָ קיין איינטריטס־קאַרטן פאַר געסט. די טוער דאָרטן זאָגן מיר, אַז אין טומל האָבן זיי שוין אויך געגעבן עטלעכע מענטשן דעם זעלביקן פּלאַץ... כ׳וויל כאָטש קריגן איין אַריינגאַנגס־קאַרטל, נאָר צו קאָנען וואָס עס איז הערן. נאָר אויך דאָס איז שוין צו־שפּעט.

מיין באַקאַנטער פּרעזידענט פון בערנער אַקאַדעמישן ציוניסטן־פאַר־איין זאָגט מיר, אַז ער האָט נעכטן באַשטעלט עטלעכע בילעטן אויף גאָר אַנדערע נעמען. אַזוי ווי יענע זיינען ניט געקומען, גיט ער מיר אַן עצה זיך צו מעלדן אויף איינעם פון זייערע נעמען. ס׳איז מיר זייער שווער עס צו טאָן: עס זעט מיר אויס ווי אַ „פאַדלאָג״, ווי נאָכמאַכן אַ פרעמדע האַנט־שריפט. צערודערט אָבער פון דעם שרעקלעכן צושטאַנד פון זיין אין באַזעל און ניט קאָנען זיין אויפן קאָנגרעס, גיי איך אַריין מעכאַניש אין ביוראָ און רייד אַרויס ווי אַ פאָנאָגראַף מיין באַקאַנטנס ווערטער. די טוער דאָרטן פרעגן מיך, צי כ׳בין אַ זשורנאַליסט, ווייל זיי האָבן נאָר קאַרטלעך בלויז פאַר זשורנאַליסטן. איך ענטפער זיי מיט אַ ברום, וואָס כ׳פאַרשטיי אים אַליין אויך ניט, און רוק זיך פאַמעלעך אַרויס פון ביוראָ.

אַ פאַרצווייפלטער לויף איך פון איין עק קאָרידאָר צום צווייטן, און געפין זיך קיין אָרט ניט. פלוצלונג דערזע איך מיין עלטערן פריינט, דעם סטודענט יעקב־מאיר זאַלקינד. איך הויב אים אָן דערציילן מיין אומגליק, לאָזט ער מיך ניט פאַרענדיקן און דערלאַנגט מיר תיכף אַן איינטריטס־קאַרטע. ער האָט, זאָגט ער, זיך געריכט אויף אַזעלכע פאַלן און זיך באַ־זאָרגט מיט עטלעכע קאַרטן.

אַ גליקלעכער גיי איך איצט דורך אַלע צימערן פון דער קאַסינאָ. כ׳גע־פין דאָרט דעם גרעסטן טייל בערנער יידישע סטודענטינס און סטודענטן. מיר באַגריסן זיך האַרציק, ווי מיר וואָלטן געווען נאָענטע קרובים.

אונטן אין קאַסינאָ איז אַ רייכער רעסטאָראַן (אין די דערבייאיקע געס־לעך זיינען פאַראַן געגוג קאַפע־הייזער פאַר פאַלקסמענטשן). די קאַסינאָ האָט אויך אונטן אַ סך באַראַטונגס־צימערן, נאָר אַ טרעפ העכער, פאַר דער גאַלעריע, איז דער מיטל־פונקט פון דער ציוניסטישער טעטיקייט. אומע־טום זיינען אָנגעקלעפּט ציוניסטישע אַפישן אין דייטש און רוסיש, געדרוקטע און געשריבענע; געדרוקטע אַפישן זיינען אויך צו זען אויף אַ סך פלעצער אין גאַסן; אַלע צימערן זיינען פאַרנומען. די שווייצער פאָסט פאַרנעמט דאָ אַ צימער און דערביי געפינט זיך די זשורנאַליסטן־ביוראָ. מ׳זאָגט מיר דאָרט, אַז ס׳איז איצט איינגעפירט אַ בעסערע סיסטעם ווי פריער, אַזוי אַז דער סטענאָגראַפישער באַריכט וועט יעדן טאָג אַרויס אין עטלעכע שפּראַכן. דעלעגאַטן וועלן דאָרט קריגן די זייער נויטיקע אינפאָרמאַציעס, און אויך די קאָרעספּאָנדענטן וועלן דאָרט געפינען הילף פאַר זייערע אויפגאַבעס.

ביים אַריינגאַנג אויף דער גאַלעריע שטייט אַ בופעט מיט אַן אויפשריפט, אַז אַלץ איז דאָרט כשר. אויף אַ גרויסן לאַנגן טיש איז אַן אויסשטעלונג פון ציוניסטישע ביכער און צייטשריפטן, אַלבאָמען פון ארץ ישראל, פאָסט־קאַרטלעך מיט בילדער פון דר. הערצל אָדער דר. נאָרדוי, ווי אויך מיט בילדער פון ארץ־ישראלדיקע לאַנדשאַפטן, פון דעלעגאַציעס פון די ערשטע

צוויי קאָנגרעסן, ווי אויך פון די פאַרשיידענע לענדער. איך באַשליס דאָרט צו קויפן די נייע אויפלאַגע (לייפּציג, 1899) פון „ראָם אונד יערוזאַלעם״ (רוים און ירושלים), וואָס דער דייטש־יידישער סאָציאַליסט מאָזעס העס האָט פאַרעפנטלעכט אין קעלן, 1862.

די באַדינער אין די זאַלן און ביי די טירן טראָגן ווייסע בענדער מיט בלויע מגן־דודס אויף זייערע אַרבל. די דעלעגאַטן טראָגן אויף זייערע לינקע קלאַפּעס בלישטשענדיקע מעטאַלענע מגן־דודס, צוגענייט צו קורצע בלויע סטענגעס. אַנדערע טראָגן נאָך דערצו אַ בלום. די זשורנאַליסטן האָבן ניט קיין באַזונדערע צייכנס. זיי זיינען צום גרעסטן טייל אויך דעלעגאַטן. מ׳זאָגט מיר אין זשורנאַליסטן־ביוראָ, אַז עס זיינען פאַראַן איבער 100 זשורנאַליסטן, וועלכע פאַרטרעטן מער ווי 150 צייטשריפטן.

אויפן גאַס האָבן די צייטונג־פאַרקויפער מיר אָנגעבאָטן זייער צייטונג מיט דער רעקלאַמע: „נייעס וועגן לאַבאָרין״ (דרייפוסעס אַדוואָקאַט אין וועלכן אַן אַנטיסעמיט האָט אַריינגעשאָסן אַ קויל). אין קאַסינאָ אָבער איז די רעקלאַמע: „דער דריטער ציוניסטישער קאָנגרעס״. כ׳לייען דאָרט וועגן די פאָר־פאַרזאַמלונגען, וועלכע זיינען דאָ אָפּגעהאַלטן געוואָרן איידער איך בין געקומען קיין באַזעל. כ׳זע אַז אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן וועגן אַלע פראַגעס זיך שוין געענוג מישב געווען אין זייערע לענדער. פון די באַריכטן אין צייטונג, ווי אויך פון אַ שמועס מיט מיין פריינט כאַצקל וואַרטסמאַן, וועלכער איז געווען ביי די מערסטע פאַרזאַמלונגען, פאַרשטיי איך, אַז די הויפּט וויכוחים זיינען:

1) וועגן דער געפּלאַנטער ציוניסטישער באַנק. ווען פּראָפעסאָר בעלקאָווסקי האָט אַרומגערעדט אירע סטאַטוטן, האָבן כמעט אַלע פּראָטעסטירט, וואָס עס ווערט איר דערלויבט צו מאַכן געשעפטן אויך אויסערהאַלב ארץ ישראל.

2) וועגן יידישער קולטור. דר. הערצל און זיינע מקורבים ווייסן ניט קלאָר, וואָס אַזוינס מיינט יידישע קולטור? זיי ווילן דעריבער מ׳זאָל וועגן דעם ניט ריידן. דאָס איז אויך די מיינונג פון אַלע רבנים, אפילו אויך פון דעם „חכם״ — ספרדישן אויבער־ראַבינער פון ענגלאַנד — דער הויך־געלערנטער דר. מאָזעס גאַסטער.

3) וועגן קאָלאָניזאַציע אין ציפּערן, פאָרגעשלאָגן פון דעיוויס טריעטש. ער דערקלערט, אַז די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג איז אַרויסגעוואַקסן פון בענקשאַפט נאָך ציון און פון דער יידישער נויט. דאָס בענקען נאָך ארץ ישראל, וואָס דויערט שוין באַלד 2,000 יאָר, קאָן נאָך ווייטער וואַרטן. צו דער יידישער נויט, וואָס טרייבט יערלעך טויזנטער יידן פון לאַנד, דאַרף מען אָבער באַלד מאַכן אַ סוף. און דער איינציקער מיטל עס איצט דורכ־

צופירן, איז קאַלאַניזירן ציפערן, אַן אינדזל אין שכנות פון ארץ ישראל. דער אינדזל געהערט איצט צו ענגלאַנד און מ׳קאָן ביי איר קריגן אַ דער־לויבעניש דערפאַר...

איך טראַכט, אַז פון די פאַרהאַנדלונגען וועגן קאַלאַניזירן ציפערן, וועל איך קאָנען איינזען, צי דער קאָנגרעס איז אַ יידישער, אָדער נאָר אַ ציוניסטישער?...

פון דער באַזעלער ציטונג דערוויס איך זיך אויך, אַז לעצטן זונטיק איז דאָ פאָרגעקומען אַ ציוניסטישע פרויען־פאַרזאַמלונג, וואו ס׳האָבן גע־רעדט די פרוי פון פראָפעסאָר גאָטהייל אין אַמעריקע און די פרוי פון דר. טהאָן אין גאַליציע. נעכטן, מאַנטיק ביינאַכט, האָבן די באַזעלער יונגע ציוניסטן געמאַכט אַ באַל פאַר די געסט. מ׳האָט דאָרט אויך געשפילט און געזונגען דעם נאַציאָנאַליסטישן שיר „עוד לא אבדה תקותנו״. ווען דר. הערצל איז אַריין האָט מען לכבוד אים געשפילט אַ מאַרש. כאַצקל וואָרטס־מאַן דערציילט מיר, אַז אונדזער בערנער סירקין האָט דאָ באַליידיקט דעם דר. הערצל, „נאָר צום גליק, זאָגט וואָרטסמאַן, זיינען דערביי ניט געווען קיין פאָליציסטן, ווען יאָ, וואָלטן די הערצליאַנער געלאָזט אַרעסטירן סירקינען פאַר מאַיעסטעט באַליידיקונג״...

מיין „גאַסט־קאַרטע״ (נומער 423) איז פאַר דער גאַלעריע. איך זיץ אין דער ערשטער שורה פונקט אַנטקעגן דער בינע און קאָן אַלץ זען גענוי. אויף מיין קאַרטע שרייבט זיך בפירוש, אַז „צו דער דערעפענונגס־זיצונג איז, פעסט־קלייד (פראַק און ווייסן שניפּס) פאָרגעשריבן״. כמעט אַלע דע־לעגאַטן זיינען טאַקע אַזוי אָנגעטאָן. נאָר איך פיל זיך גענוג יום־טובדיק מיט אַ פרישן בלימל אין לאַץ פון מיין געוויינלעכן אָנצוג. די רבנים, וועלכע זיצן אַלע אויף דער בינע, טראָגן שוואַרצע אַטלעסענע, זיידענע אָדער סאַ־מעטענע זשופּיצעס, פון וועמעס הינטערשטע קעשענעס עס הענגען אַרונ־טער היפשע רויטע נאָזטיכלעך. פאַראַן אויך אַ צאָל יידן ניט־רבנים אין זשופּיצעס און יאַרמעלקעס. אַלע ווילע ווערט אַ קושעריי אין זאַל און אויף דער גאַלעריע. ס׳טרעפן זיך צוזאַמען דעלעגאַטן און געסט, וועלכע קענען זיך שוין פון פריער. דאָס קושן זיך פון בערדיקע יידן מיט געגאָלטע מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון ישעיהס נבואה פון די „לעצטע טעג״, וואו ס׳וואוינט צוזאַמען אַ וואָלף מיט אַ שעפּס...

פון מיין פּלאַץ אויף דער גאַלעריע זע איך אַלצדינג. קיין דעלעגאַט און קיין גאַסט בלייבט ניט אומבאַמערקט פון מיינע אויגן. איך בין זיך משער, אַז עס זיינען פאַראַן איבער 200 דעלעגאַטן. אויבנאָן אויף דער בינע זיצט דאָס פּרעזידיום און אַרום אים די בייזיצנדיקע. אַ טרעפּל נידעריקער

זיצן די סעקרעטאַרן. זייער שרייב־טיש איז די טריבונע און ווען אַ רעד־נער שטייט דאָרט, פאַרשטעלט ער איינעם פון זיי. דעם פּרעזידענטס פּלאַץ איז דער העכסטער און זיין שטול איז דער שענסטער. אונטן לעבן דער בינע שטייען טישן פאַר די סטענאָגראַפן און זשורנאַליסטן, צווישן וועלכע עס זיצן אויך דעלעגאַטן. לעבן יעדן דעלעגאַט ליגט דער „אוסטאַוו" (די תקנות) פון קאָנגרעס און די פּאַרלאַמענטאַרישע כללים. אומעטום שטייען פלעשער וואַסער און גלעזער. פאַרן פּרעזידענט ליגט אַ גלאָק און אַ האַמער, צו קלינגען און צו קלאַפּן. אויפן וואַנט איבער דער בינע הענגט אין דער הויך אַ ווייסער לייוונט, אויף וועלכן ס'איז אויסגעמאָלט אַ גרויסער מגן־דוד און אין אים אַ לייב (דער שילד פון שבט יהודה) און די זיבן שטערן. היג־טערן פּרעזידיום, ביי דער וואַנט, צופוסן פון מגן־דוד מיטן לייב, זיצן אויף שטולן רוסלענדער רבנים, צווישן זיי אויך צוויי רומענישע — אַ רב און אַ פּרעדיקער.

דר. הערצל איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ התלהבות, וואָס קאָן ניט מער אַריבערגעשטיגן ווערן אפילו פאַרן „משיח־בן־דוד"... ער מאַכט אויף מיר אַ גוטן איינדרוק, כאָטש די מליצהדיקע שילדערונגען וועגן אים אין דער העברייאישער פּרעסע זיינען אַ סך איבערגעטריבן. זיין „מנוחת הנפש" (זעלן־רו) איז אויסגעטראַכט. פאַרקערט, ער זעט מיר אויס צו זיין אַ טעמפּעראַמענטפולער מענטש. נאָר ער האָט אַ סך ענערגיע און געדולד און קאָן זיך גוט קאָנטראָלירן, בפרט, ווען ער איז דער פאָרזיצער. ניט געקוקט אויף זיין דיפּלאָמאַטישער שפּראַך, באַזונדערס ווען ער רעדט פון סולטאַן, קייזער, קעניגן און פירשטן, פיל איך אין אים שטאַרק דעם פאַנ־טאַזיאָר. אָנגענעמענער איז מיר זיין נאַטירלעך ריידן, דורכגעפלאָכטן מיט אַ ביסל הומאָר און סאַטירע און מיט אַ טראָפּן פּאָעזיע.

ביי די באַלעבאַטישע ציוניסטן האָט שטאַרק אויסגענומען דר. הערצלס רעדע וועגן דער יידישער קאָלאָניאַל־באַנק. זיין קלינגענדיקער שלוס: „די יידישע קאָלאָניאַל־באַנק עקזיסטירט היינט!" האָט ביי זיי אַרויסגע־רופן אַן אַ שיעור מער התלהבות, ווי אַמאָל, ביי יידן, דער „לשנה הבאה בירושלים!" יום־כיפּור צו נעילה...

אינעם צווייטן טייל פון זיין רעדע האָט דר. הערצל דערקלערט, אַז מיט דער באַנק וועט מען ניט קויפן קיין ערד. זי וועט נאָר דינען ווי אַ פאַקטאָר צו באַקומען פון סולטאַן דעם טשאַרטער צו קאָלאָניזירן יידן אין ארץ־ישראל. ווען די באַנק וועט עס קריגן, וועט דעמאָלט ערשט געגרינדעט ווערן די אייגנטלעכע לאַנד־געזעלשאַפט, און מיט אַ זייער גרויסן קאַפּיטאַל. דאָס באַשאַפן אָט דאָס גרויסע ווערק קאָן ער שוין היינט פאַרזיכערן.

איך ווייל עס גריילעך גלויבן, נאָר זיין באַמערקונג, אַז ער קאָן עס נאָך היינט ניט אויסזאָגן, רופט ביי מיר אַרויס שטאַרקע ספקות אין זיין פאַרזי־כערונג. ער דערקלערט דעם איצטיקן צושטאַנד מיט אַ מגידישן משל: דאָס קאָרן איז שוין פאַרזייט, נאָר היינט איז נאָך ניטאָ קיין ברויט. ס'איז דאָס ברויט פון מאָרגן. נאָכדעם גייט ער אַריין אין דר. נאָרדויס רשות און הויבט אָן שילדערן די יידישע לאַגע. ער באַמערקט דערביי, אַז די הונ־דערטער טויזנטער אָרעמע יידן, וועלכע קאָנען אפילו קיין שקל ניט קויפן, זיינען די בעסטע ציוניסטן, ווייל זיי האָבן ניט פאַרגעסן די אַלטע טראַדי־ציעס און זיי ליידן נויט. ער דערקלערט, אַז דאָס יידנטום איז אַ גרויסע עלנט־אַכסניה מיט אָפּטיילונגען איבער דער גאַנצער וועלט, און ער וואָרנט די וועלט, אַז „פון אָט דער טיפער נויט קומען אַרויס אַלערליי קראַנק־הייטן, זיטנלאָזיקייט און רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען"... פון דעם קאָן עס פירן אין דריי וועגן: 1) ליידן און שוייגן, ווי ביז איצט. 2) זיך שטעלן קעגן... פול מיט שנאה צו דער שטיפמוטערלעכער געזעלשאַפט... 3) דער ציוניסטישער וועג: „זיך דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה פון גוטע זיטן, אויסטרעטן אַ גליקסוועג פאַר דער מענטשהייט... ביידע וועגן פאַרן צווישנפעלקערלעכן מסחר, זוכן אַ דורכברוך פאַר דער סאָציאַלער גערעכטיקייט... און אַזוי ווי אונדזער דיכטער שאַפט פון זיינע שמערצן לידער, אַזוי גרייטן מיר פון אונדזערע ליידן אַ פאָרשריט פאַר דער מענטש־הייט, וועלכע מיר דינען."

מיר געפעלט אָט דער שלוס פון דר. הערצלס לאַנגער רעדע, ווייל ער פאַראייניקט די צוקונפט פון אונדזער יידיש פאָלק מיט דער צוקונפט פון דער גאַנצער מענטשהייט. מיינע פילע ספקות אין זיינע פאַרזיכערונגען זיינען דערמיט ניט פאַרשוואונדן. איך ווינטש אָבער פון טיפן האַרצן, אַז עס זאָל מקוים ווערן אַלץ, וואָס ער זאָגט צו דורכצופירן פאַרן גליק פון אונדזער פאָלק, בפרט, ווען דאָס איז גוט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

נאָך דר. הערצלס לאַנגער רעדע פירט מען דורך די וואַלן: פאַר פרעז־זידענט — דר. הערצל. וויצע־פרעזידענט — דר. נאָרדוי, דר. גאַסטער, פראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם; בייזיצנדיקע — אַדוואָקאַט יאַסינאָווסקי פון וואַרשע, באַנקיר פינעלעס פון רומעניע, פראָפעסאָר גאָטהייל פון ניו־יאָרק, קאָמערציאַנט דוד וואָלפזאָן און אַדוואָקאַט באָדענהיימער פון קעלן; שריפט־פירער: דר. טשלענאָוו פון מאָסקווע, אינזשינער טיאָמקין, קאַזיאָנער רב פון יעליסאַוועטגראַד און דר. קאַהאַן־בערנשטיין פון קישענעוו — פאַר רוסיש; אינזשינער אוסישקין פון יעקאַטערינאָסלאַוו און ראַבינער נעמי־ראָווער פון רומעניע — פאַר העברייאיש; דע־האַז פון לאָנדאָן פאַר ענגליש, פרוי גאָטהייל פון ניו־יאָרק פאַר פראַנצויזיש, אַרכיטעקט מאַרמאָרעק פאַר

דייטש און דער יידיש־רוסישער שרייבער מ. בן־עמי פאַר יידיש. ער איז אויך דערוויילט געוואָרן אין אַ רייע פאַרשיידענע קאָמיסיעס.

אַזוי ווי ס׳איז געוואָרן שפּעט האָט דר. הערצל געבעטן מ׳זאָל איצט ניט דיסקוטירן קיינע פראַגעס נאָך אויסהערן דעם רעפּאָרט פון דר. מאַקס נאָרדוי איבער דער אַלגעמיינער לאַגע פון די יידן.

קאַפּיטל דריי און אַכציק

דר. מאַקס נאָרדויס איינדרוק אויף מיר

דר. מאַקס נאָרדוי איז, אַזוי ווי דר. טעאָדאָר הערצל, אַ אונגאַרישער ייד. ביידע זיינע געבאָרן אין בודאַפּעסט און זיך דערצויגן אין דער דייטשישער שפּראַך. דער ערשטער, אַ זון פון אַ רייכן קאָמערסאַנט, ווערט אַן אַדוואָ־קאַט; דער צווייטער, אַ קינד פון פאַלקסמענטשן (די מוטער, אַ פּשוטע ליטווישע יידענע), ווערט אַ דאָקטאָר־מעדיצין. ניט געקוקט אויף דעם ערשטנס רייכער אַריסטאָקראַטישער סביבה איז אין זיין עלעגאַנטער שיינ־קייט פאַראַן איינפאַכקייט און ער דערמאָנט מיך צייטנווייז מיין דאָרפישן טאַטן, ווען ער איז אָנגעטאָן, לכבוד שבת, אין זיין יום־טובדיקן סורדוט, און זיין שוואַרצע באָרד איז פיין פאַרקעמט. דר. נאָרדוי אָבער, דער גע־לערנטער דאָקטאָר און קריטיקער, טראָגט אַן אַרטיסטיש אויסגעשניצטע באָרד, אויף וועלכער אַ קינסטלער־פריזירער דאַרף שווער אַרבעטן זי אַזוי אויסצומייסטרעווען. ניט געקוקט אויף זיין פּראַנטישער באָרד לייכטן אַרויס פון זיין פּנים די קלוגע אויגן פון דעם שאַרפזיניקן געלערנטן קרי־טיקער און פּסיכאָלאָג.

פיזיש איז דר. נאָרדוי דער היפּוך פון דעם הויכן שלאַנקן הערצל. נאָרדוי איז קליינגעוואוקסיק און דיק; די האָר פון זיין קאָפּ און באָרד זיינען שניי־ווייס, ווי ביי אַ זקן פון אַכציק יאָר. זיין קרעפּטיק בליענדיק פּנים ווייזט אָבער זיין ריכטיקן עלטער — אַרום 50 יאָר. זיין מינע, אַלע זיינע תנועות, זיינען ווי פון אַ בעל־הבית אַ למדן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין בקיאות און חריפות מער ווי דער אָרטיקער רב, און ער ווייס זיין ווערט. זיינע פּאָפּולערע ווערק זיינען מיר באַקאַנט. כ׳ווייס, אַז ער גלויבט ניט אין זאַכן, וואָס דער קאַלטער פאַרשטאַנד קאָן ניט באַנעמען, און דאָך וואונדער איך זיך ניט, וואָס ער גלויבט אין ציוניזם. איך שטעל זיך פאָר, אַז דער ציוניזם איז ביי נאָרדוין אַ רעזולטאַט פון זיין אומצופרידנהייט צו דער בורזשואַזער ציוויליזאַציע. ער, דער פּראָפעסער פון דעם וועלט־באַרימטן בוך „די קאָנווענציאָנעלע ליגנס פון דער מענטשהייט", זעט אויך דעם ליגן

פון דער בורזשואַזער כלומרשטער גלייכהייט, פרייהייט און ברידערלעכקייט. ער האַלט דעריבער, אַז דאָס יידישע פאָלק געפינט זיך אין ניט קיין גוטן מצב און ער פרואווט עס היילן דורך דער ציוניסטישער רפואה. ער האָט עס טאַקע דערקלערט אין זיין היינטיקן רעפעראַט: פאַראַן, זאָגט ער, בלויז דריי מיטלען קעגן דער שנאה צו יידן, וואָס שטעלט אין געפאַר די עקזיסטענץ פונעם יידישן פאָלק; 1). די ניט־יידישע מענטשן זאָלן ענדערן זייער נאַטור. 2). מיר זאָלן ענדערן ניט נאָר אונדזער אמונה און מנהגים, נאָר אויך אונדזערע פנימער. 3). דאָס באַזעצן זיך אין אַן אייגענער יידישער מדינה. ער וואונדערט זיך ניט, זאָגט נאַרדוי, ווען ער הערט פון פאָגראָמען און רדיפות אויף יידן. פאַרקערט, ווען ער הערט עס ניט, איז עס ביי אים אַ וואונדער, וועלכן ער איז זייער דאַנקבאַר.

די ווירקונגען פון דער שנאה צו יידן פאַרגלייכט דר. נאַרדוי צו די צוויי טעאָריעס פון דער געאָלאָגיע: 1). אַז די ערד איז געוואָרן, וואָס זי איז איצט, דורך קאַטאַסטראָפעס: וואולקאַן־אויסברוכן, מבולס, א. ד. גל. 2). דורך לאַנגזאַמע כעמישע פּראָצעסן, וואָס גייען נאָך איצט אויך אָן. ער האַלט, אַז דער איצטיקער יידישער מצב איז ענלעך צום אייז־פעריאָד אין דער געאָלאָגיע. ער גלויבט דעריבער ניט, אַז ס׳וועלן ווידער פאַרקומען אַזוינע קאַטאַסטראָפעס, ווי אין מיטלאַלטער — אויסראָטן גאַנצע יידישע קהילות, אַרויסטרייבן הונדערטער טויזנטער יידן פון זייערע געבורטס־לענדער א. דגל. דאָך איז די איצטיקע יידישע לאַגע פול מיט סכנות, און דאָס איינציקע מיטל צו ראַטעווען יידן פון אונטערגאַנג, זאָגט דר. נאַרדוי, איז די שאַפונג פון אַן אייגענער יידישער מדינה.

אַזוי ווי דר. נאַרדוי האָט ניט גערעדט וועגן די מעגלעכקייטן צו פאַר־ווירקלעכן דעם ציוניזם, האָט זיין רעפעראַט ניט אויפגעוועקט אין מיר די אומצופרידנקייט, וואָס דר. הערצלס דיפּלאָמאַטיע, זיין פאַרלאָזן זיך אויפן חסד פון נדיבים, קעניגן און פירשטן, צו וועלכע כ׳האָב ניט דעם מינדסטן צוטרוי. פאַרקערט, נאַרדויס סאַרקאַזם קעגן די אַסימילאַטאָרן, האָט געשטימט מיט מיינע אייגענע שטאַרקע געפילן קעגן אַסימילאַציע, און געמאַכט אויף מיר אַ גאָר טיפן איינדרוק. כ׳וועל, דוכט מיר, קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין אויסלאַכן די אַסימילאַטאָרישע ראַבינערס פון דער דייטשישער יידישער בורזשואַזיע, וועלכע ער האָט כאַראַקטעריזירט — איראָניש, — ווי „עכטע אייניקלעך״ פון די יידישע מאַראַנען אין שפּאַניע. יענע — אין זייער עקשנות צו פאַרבלייבן יידן, האָבן זיך ליבער געלאָזט פאַרברענען אויפן שייטערהויפן, און די, די יידישע אַסימילאַטאָרס אין דייטשלאַנד, אין זייער ווילן צו גילטן ווי עכטע דייטשן, — לאָזן זיך ליבער שפייען אין פנים, אַבי ניט צוצוגעבן, אַז זיי זיינען יידן...

ניט געקוקט דעריבער אויף דעם, וואָס דר. הערצלס דיפּלאָמאַטישע

מיטלען זיינען מיר כלל ניט געפעלן און כ׳האָב אויך שטאַרקע ספקות, צי דאָס וועט פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן אידעאַל, האָט מיך דאָך דר. נאָרדוי דערנעענטערט צום ציוניזם, פשוט דורך זיין באַווייזן, אַז אין דער בורזשואַזער ציוויליזירטער וועלט, אין וועלכער מיר לעבן איצט, זיינען ניטאָ קיין ווירקזאַמערע מיטלען ווי ציוניזם אויפצוהאַלטן דאָס יידישע פאָלק.

ס׳איז געווען אַ גליק, וואָס כ׳בין היינט פאַרטאָג געפאָרן פון בערן קיין באַזעל מיט אַ שנעלצוג. וואָרעם די דערעפענונג פונעם קאָנגרעס איז געווען באַשטימט פאַר היינט (דינסטיק, 15־טן אויגוסט, 1899), 10 אַזייגער אין דער פרי. ווען כ׳פאָר מיט אַ געוויינלעכן צוג וואָלט איך זיכער פאַרזאַמט די סאַמע וויכטיקע געשעענישן פונעם דריטן קאָנגרעס. כ׳וואָלט אויך ניט געוואָרן באַלד, אין מיין ערשטן טאָג אין באַזעל, אַזוי היימיש מיט מיין „בערנער לאַנדסמאַנשאַפט.״

ניט צונויפגערעדטערהייט האַלטן מיר זיך אַ היפּשע גרופּע בערנער סטודענטן און סטודענטינס צוזאַמען. סטודענטינס מיט וועלכע כ׳האָב אין בערן זעלטן, אָדער גאָרניט, גערעדט, ווערן דאָ צו מיר „שוועסטער״, אָדער אפילו „מאַמעס״. זיי פירן מיך אין אַ קאַפע, וואו מ׳קריגט געשמאַקע נאַר־האַפּטע מאָלצייטן פאַר אַ מינימאַלן פּרייז. איך געפין דערוויל אויס, אַז אפילו יענע סטודענטינס און סטודענטן וועלכע האָבן וואוילהאָבנדיקע עלטערן און קריגן מאַנאַטלעך אַזאַ סומע, וואָס באַטרעפט פיר־פינף מאָל אַזוי פיל ווי מיין בודזשעט, בלייבט זיי דאָך אין מיטן חודש ניט פיל מער ווי מיר, נאָכדעם ווי זיי באַצאָלן זייערע שולדן און אַנטלייען אויך אַביסל צו אַנדערע, ווי איך טו עס. זיי מוזן דעריבער איצט אין באַזעל, זיין אַזוי שפּאָרזאַם ווי איך. די סטודענטינס זיינען דערפינדעריש אין אויסקלייבן גוטע מאכלים, און זיי באַשטימען פאַר מיר וואָס צו עסן און טרינקען. עטלעכע גיבן אויך אַכטונג כ׳זאָל אויסבינדן מיין שניפּס ווי געהעריק, און אויב עס געפעלט זיי ניט, בינדן זיי עס איבער. אַנדערע פאַרלאַנגען אפילו כ׳זאָל, זיי צוליב, ענדערן מיין פאַמיליע־נאָמען פון „מאַרמאָר״ אויף „מראַמאָר״, וואָס איז פאַר זיי — דערצויגענע אין רוסיש — גריגער אויס־צורײדן. כ׳דערקלער זיי, אַז מיין אונטערשריפט אויפן אויפרוף פון העב־רייאישן פאַראיין האָט בלויז די בוכשטאַבן „מרמר״, און מ׳קאָן עס אויך לייענען מראַמאָר. זאָלן זיי זיך נאָר אויסלערנען די יידישע שריפט.

פון מיין בערנער גרופּע דערוויס איך זיך, אַז טוערינס און טוער פון די רוסישע קאָלאָניעס אין דער שווייץ, ווי פון די פאַרשיידענע פאַרטייען — „בונד״, „סאָציאַל־דעמאָקראַטן״, „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן״ א. אַז. וו. זאַמלען דאָ ביי די בורזשואַזע דעלעגאַטן און געסט היפּשע סומען פאַר זיי־ערע פאָנדן. צוליב דעם איז וואַרשיינלעך אויך אַהער געקומען אונדזער

בערנער דר. זשיטלאָווסקי, וואָס קריטיקירט שטאַרק אַלץ וואָס די ציוניסטן ריידן אויף זייער קאָנגרעס.

אַ צאָל סטודענטינס זיינען זייער באַגייסטערט פאַרן דר. הערצל. זיי זאָגן מיר, אַז ווען די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל האָבן ביי זיך אַזאַ מאַגנעטישע פערזענלעכקייט, וואָלט זי געקאָנט אויפטאָן אַן אַ שיעור מער.

אַ סך פון מיינע באַקאַנטע האָבן ווייניק אינטערעס פאַר דער נאָכמיטאָג זיצונג, וואו אַרכיטעקט מאַרמאַרעק און דר. קאָקעש פון ווין גיבן אָפּ באַריכטן פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. כ׳וועל אָבער ניט אויסלאָזן די זיצונג. איך פאַרצייכן אַלץ, כדי צו קענען באַשרייבן דעם קאָנגרעס פאַר שרה שפרהן, ווי זי וואָלט דאָ געווען. כ׳פּלאַן איר עס צו שרייבן אין אַ לאַנגן בריוו, וואָס וועט מעגלעך פאַרנעמען אַ הונדערט זייטן... כ׳מאַך שוין פאַר דעם נאָטיצן אין שטאָטישן פּאַרק. דאָרט איז זייער שטיל און רואיק. דערוואַקסענע קומען דאָ ווייניק אַריין, און די שול־קינדער זיינען איצט אויפן לאַנד.

צווישן די זיצונגען גיי איך — מיט אַנדערע אָדער אַליין — באַקוקן די שטאָט און אירע מערקווירדיקייטן. כ׳באַזוך די בילדער־אויסשטעלונג פון מיין באַליבטן מאָלער בעקלין, כ׳גיי אויך אַריין אין דער היסטאָרישער מינסטער קירך, וואָס איז שוין אַלט נאָענט פון זיבן הונדערט יאָר, און וואו ס׳איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די זיבן־יאָריקע גלחישע אסיפה אין 15־טן יאָר־הונדערט, וועלכע האָט ניט געפונען קיין בעסערן מיטל קעגן דער אויסגע־לאַסנקייט פון גלחים און פּאַפּסטן, ווי צו מאַכן נייע בלבולים און פאַרפאָל־גונגען קעגן יידן... אויף דער קירכע שטייען צוויי הויכע טורעמס אין גאָטישן סטיל. כ׳האָב דאָרט אינווייניק ניט געפונען קיין וויכטיקע היסטאָ־רישע מאָנומענטן, נאָר די טורעמס אַליין מאַכן אַ רושם מיט זייער פיינעם אויסזען. שטייענדיק אויף די טורעמס האָב איך געקאָנט גוט באַטראַכטן די שטאָט באַזעל, וועלכע איז דורך דעם טייך רהיין צעטיילט אין „קליין באַזעל״ און „גרויס באַזעל״. די ערשטע איז דער פאַבריק־צענטער, וואו כ׳האָב אויסגעציילט אַרום 150 פאַבריק־קוימענס, און גרויס באַזעל, די רע־זידענץ־געגנט, וואָס זעט אויס ווי אַ גאָרטן־שטאָט פול מיט שיינע ווילעס און פּאַלאַצן אַרומגערינגלט פון בוימער און בלומען.

מיטוואָך און דאָנערשטיק זיינען אַוועק אויף וויכוחים וועגן דער אַרבעט פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, אויף די באַריכטן וועגן דער קאָלאָניאַל־באַנק (פון דוד וואָלפסאָן) און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (דר. קאָן) און די דיסקוסיעס וועגן זיי. די וויכטיקע פראַגן וועגן דער יידישער קולטור און דער קאָלאָניזאַציע פון ציפּערן זיינען געבליבן אויף דעם לעצטן קאָנ־גרעס־טאָג.

די רבנים, וואָס זיינען געווען קעגן דעם, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל זיך פאַרנעמען מיט יידישער קולטור, האָבן אין דער דיסקוסיע וועגן דעם אַרויסגעשטעלט זייער גלענצענדיקסטן רעדנער — הרב ר׳ יצחק יעקב ריינעס.

הרב ריינעס איז אַרומגערינגלט פון די רבנים, וויצע־פּרעזידענטן און שריפטשטעלער, וועמעס פּלעצער זיינען אויף דער בינע. זיי פאַרלאָזן אַלע זייערע שטולן און שטייען אין אַ רעדל אַרום אים, זיי זאָלן הערן זיין יעדעס וואָרט. דער איינציקער וואָס בלייבט זיצן איז דר. הערצל, וואָס איז ווי אַ גר און פאַרשטייט ניט וואָס ריינעס רעדט. מיט שמערצלעכער בענקשאַפט קוקט הערצל אויף די דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דער בינע, און אויף די געסט וואָס שטייען טיף איינגעבויגן איבערן פאַרענטש פון דער גאַלעריע, און זייערע בליקן הענגען אויף ריינעסעס ליפּן. דר. הערצל איז קענטיק אומרויִק. ער איז צום ערשטן מאָל געבליבן „מחוץ למחנה״ און קיינער נעמט עס ניט אין אַכט. ס׳איז שוין אַריבער דעם רעדנערס פינף מינוט. דר. הערצל וויל עס מאַכן אויפמערקזאַם, ער קוקט אויפן זייגער, ער נעמט דעם האַמער אין האַנט, ער וויל ריידן, נאָר די שריפט־פירער ווינקען אים, ער זאָל ניט שטערן. און פון אַלע זייטן הערט זיך די דערמו־טיקונג צו הרב ריינעסן ער זאָל ריידן ווייטער. און הרב ריינעס, אין זיין לאַנגער סאַמעטענער זשופּיצע, און מיט די תנועות און מאַנירן פון אַ ליט־ווישן רב, און מיטן באַקאַנטן גמרא־ניגון, רעדט אַזוי אַפּ פולע 15 מינוט. ער דרשנט, אַז מען דאַרף איצט ניט ריידן וועגן דער יידישער קולטור, נאָר, ווי דר. הערצל וויל, זיך אָפּגעבן אינגאַנצן מיט מאַטעריעלע ענינים.

ראַבינער זעוו *), אַ רוסישער „קאַזיאָנער״ רב, טרעט אַרויס שאַרף קעגן ריינעסן. ער רעדט צוגליך אין יידיש און אין רוסיש, און ווייזט אָן, אַז דער אַלטער רב פאַרשטייט כלל ניט אין וואָס די יידישע קולטור־פראַגע באַשטייט. זעוו האָט אָבער ניט קיין גליק צו די ציוניסטישע פאַרזיצערס. דר. הערצל ווייס שוין, אַז ראַבינער זעוו האָט אים באַליידיקט אויף רוסיש. ער האָט זיך אויך געקריגט מיט דר. נאָרדוי, פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם און דר. גאַסטער. דער לעצטער האָט דאַרום אויסגעפּלפּולט, אַז ער (זעוו) האָט קיין רעכט צו ריידן און נאָר אַ דאַנק דער איינוווענדונג פון דעם גע־ערנטן דר. אַלעקסאַנדער מאַרמאָרעק האָט מען זעוון געלאָזט וואָס זאָגן.

מיכל האַלפּערין איז אַן אימפּאָזאַנטע פיגור. הויך און ברייט, מיט אַ שיינער בלאָנדער באָרד. ער האָט אַ שטאַרקע קלינגענדיקע שטים, נאָר קאָן ניט ריידן קיין יידיש, קאָן בכלל זיך ניט אויסדריקן קלאָר. ער האָט

---

*) שפּעטער אַ פּאָפּולערער רעדנער און געזעלשאַפטלעכער טוער אין אַמעריקע.

אויך גערעדט אין דער דיסקוסיע וועגן דער קאָלאָניאַל־באַנק. ער טענהט כסדר, אַז ער טרעט אַרויס אינעם נאָמען פון 5,000 יידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען אין רוסלאַנד, אין סיביר, און אויך זיי האָבן אים „נאַסטאַ־יעווועט" ער זאָל אין זייער נאָמען האַלטן אַ „רעטש" און „פּריסטאַנעווען", אַז די באַנק זאָל ניט נאָר „פּאָ נאַציאָנאַליסטיטשעסקי" און „פּאָ ציוניסטיטשעסקי" „טאָרגעווען", נאָר אויך „פּאָ ראַבאָטשעמו דיעלו" און ער שלאָגט פאָר זי זאָל געבן אַ פּראָצענט פאַר אַרבעטער... וועגן דער יידישער קולטור האָט ער וויניקער גערעדט, נאָר אַטאַקירט הרב ריינעסן: „אַ ייד אַ רב זאָל זיך 'אַטוואַזשעגען' זאָ צו שפּרעכן!" נאָר אַזוי ווי ער האָט דערביי דערמאָנט „יהודה איש קריות", וואָס האָט לויט דער קריסט־לעגענדע, פאַרראַטן יעזוסן צו די רוימער פאַר 30 גילדן, האָט אָבער אַ צאָל דעלע־גאַטן געגלויבט, אַז ער וויל דערמיט אַרויסברענגען אַ משל אויף הרב ריינעס, האָט מען אים כסדר אונטערגעבראָכן און דערווייל זיינען אַוועק זיינע פינף מינוט.

קאַפּיטל פיר און אַכציק

מיינע פיר טעג אין באַזעל

מיינע פיר טעג אין באַזעל אויפן דריטן ציוניסטן־קאָנגרעס זיינען אי־בערגעפּאַקט מיט איינדרוקן. באַזונדערס דער פערטער טאָג, פרייטיק דעם 18־טן אויגוסט, 1899, ווען אַלץ ווערט דאָ גערעדט און געטאָן אין גרויס איילעניש. דר. הערצל האָט צוגעזאָגט די רבנים, אַז ער וועט שליסן דעם קאָנגרעס אַ שעה פאַר ליכט־בענטשן, און ער וויל היטן זיין צוזאָג. דאָס קומט אים אָבער אָן זייער שווער, צוליב די פילע אָנגעלעגנהייטן, וועלכע זיינען איבערגעבליבן פאַרן לעצטן טאָג. ער יאָגט זיך דאַרום זייער שטאַרק און — אַחוץ הרב ריינעסן — לאָזט ער קיינעם ניט ריידן אין אַ דיסקוסיע מער ווי פינף מינוט, סיידן אַנדערע איינגעמעלדעטע רעדנער גיבן יענעם איבער זייערע ווערטער.

כ'האָב זיך צוגעקוקט און איינגעהערט צו אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין די פיר טעג פונעם דריטן ציוניסטן־קאָנגרעס, נאָר אַ באַזונדער רושם האָבן אויף מיר געמאַכט די רעדעס און די געשטאַלטן פון דר. הערצל, דר. נאָרדוי, דר. גאַסטער און אַנדערע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן.

דר. גאַסטערס רעדע האָט מיך נאָך מער דערהויבן ווי נאָרדויס. ביידע האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם גייסט פון דער אַלט־יידישער נבואה. דר. נאָרדוי האָט גערעדט וועגן די אַסימילאַטאָרס, ווי ירמיה קעגן די פאַל־

שע נביאים; דר. גאסטער — וועגן די „לעצטע טעג", ווי ישעיה און מיכה. ער האָט פאַרזיכערט, אַז אין דער צוקונפטיקער יידישער מדינה וועלן פאַרווירקלעכט ווערן די אידעאַלן פון אמת און גערעכטיקייט, פאַר וועלכע עס זיינען אַרויסגעטראָטן די נביאים פון שומרון און ירושלים. מיין בערנער באַקאַנטער, דר. נחמן סירקין, אַ גאַסט אויפן דריטן ציוניסטן־קאָנגרעס, דערציילט מיר, אַז ער האָט אָפּגעשטעלט דעם דר. גאַסטער ביים אַרויסגאַנג פון קאָנגרעס־זאַל און אים געפרעגט צי ער האָט מיט זיין רעדע געמיינט סאָציאַליזם. דר. גאַסטער האָט אים אָנגעדייט, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט צו ריידן וועגן סאָציאַליזם פריי און אָפן...

אַ באַזונדערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט — ביי דער היינטיקער דיסקוסיע וועגן יידישער קולטור — די קורצע רעדע פונעם רעדאַקטאָר פון „הצפירה", נחום סאָקאָלאָוו. — אַ שיינער, הויכער, קרעפטיקער מיטל־יאָריקער מאַן מיט אַ שפּיציק בלאָנד בערדל, קלוגע אויגן און פיינע מאַנירן. ער האָט קלאָר געמאַכט, אַז די יידישע קולטור־פראַגע איז ניט קיין רעלי־גיעזער ענין, אויף וועלכן די רבנים דאַרפן האָבן אַ מאָנאָפּאָל. לאָמיר, זאָגט ער, צוליב זיי עס ניט אָנרופן „קולטור", נאָר ריידן דירעקט וועגן איינפירן אָרדענונג אין אונדזער יידישן לעבן, אין די קהילות, חברות, פאָלקס־געשעפטן, האַנדל, דערציאונג א. אַז. וו. דעלעגאַטן שלאָגן־פאָר אַרויסצוגעבן סאָקאָלאָווס רעדע אין אַ באַזונדער בראָשור. אונטער דר. הערצלס איינפלוס ווערט דורכגעפירט אַ באַשלוס, אַז אויף אַזאַ אופן זאָל אויך פאַרעפנטלעכט ווערן די דרשה פון הרב ריינעס.

צוליב דער ערב־שבתדיקער איילעניש מאַטערט זיך דר. הערצל צו מאַכן אַלץ בקיצור און איבערלאָזן אַ סך ענינים פאַרן אַקציאָנס־קאָמיטעט צו אַנטשיידן. ער זוכט צו פאַרמיידן וויכוחים, אָדער ער ברעכט זיי אונטער אין מיטן. ער איז שוין הייזעריק און אָנגעשטרענגט. ווען אַ פּאָר מיטגלידער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט ווילן זיך אָפּזאָגן פון דערוויילט ווערן, באַמערקט דר. הערצל: „אויב אַלע זאָגן זיך אָפּ, וועל איך זיך אויך אָפּזאָגן". קיינער דערשרעקט זיך אָבער ניט, מ'נעמט עס אָן פאַר אַ וויץ און מ'לאַכט.

נאָענט צום שליסן דעם קאָנגרעס, ווען די רבנים האָבן זיך שוין גענומען גרייטן צום אַוועקגיין און אומגעדולדיק געדרייט זייערע רויטע שנופּ־טיכער, ווען אַ סך דעלעגאַטן זיינען געווען מיד און אויפגערעגט, וואָס מ'האָט אַ היפּשע צאָל זאַכן אויסגעלאָזן, אָדער זיי ניט באַטראַכט ווי געהעריק, און אַלע האָבן שוין דערוואַרט מיט אומגעדולד די „שלוס־רעדע" — איז ערשט דעמאָלט קריגט דעיווויס טריעטש דאָס וואָרט פאַרצולייגן זיין „ציפּערן־פּראָיעקט". די קעגנער דערפון הויבן תיכף אָן שטאַרק צו ליאַרעמען, נאָר טריעטש, וועלכער איז שטאַרק באַגייסטערט פאַר זיין פּלאַן צו קאָלאָניזירן יידן אויפן אינדזל ציפּערן, שטערט זיך ניט און רעדט ווייטער קלאָר און

זאַכלעך. ווען ער באַמערקט אָבער, אַז די וועלכע מיינען אַז ס׳איז לייכט צו געווינען ארץ ישראל, פאַרשטייען ניט קיין פּאָליטיק, וואָרעם דער גרעס־טער טייל פון ארץ ישראל און סיריע געפינט זיך אין קריסטלעכע הענט... ווערט דר. מנחם־מענדל שיינקין, דער קאַזיאָנער רב פון באַלטאַ אַזוי אויפ־גערעגט, אַז ער לויפט שלאָגן דעם רעדנער... דר. הערצל שטילט קוים איין דעם טומל און באַדויערט, וואָס דער קאָנגרעס זאָל ביים סוף זיך אַזוי באַנעמען. ער דערקלערט, אַז אויף דער יידישער בימה הערשט פרייע רעדע. צוגלייך אָבער בעט ער דעם רעדנער ניט אויפצורייצן דעם קאָנ־גרעס... דאָס האָט אָבער דער רעדנער בשום אופן ניט געקאָנט באַוויזן. די אויפגערייצטע האָבן דעריבער פאַרטויבט זיין שטים מיט זייערע קולות „שלוס!“, ניט געקוקט אויף הערצלס טענה: „איר זייט דאָך ניט מחויב אים צו פאָלגן“... דר. הערצל שטעלט צו אַן אָפּשטימונג די פראַגע צי דעיווּיס טריעטש זאָל נאָך ריידן? ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דער ענטפער איז געווען אַ קלינגענדיקער „ניין!“ און דעם רעדנערס אַראָפּגאַנג פון דער בימה איז באַגריסט געוואָרן מיט בראַוואָ־אויסרופן און האַנט־קלאַפּעריי.

אין זיין קורצער שלוס־רעדע בעט דר. הערצל אַנטשולדיקונג, אויב ער האָט אין דער אויפרעגונג פון דער לעצטער שעה ניט אַלעמאָל געהאַנדלט אָביעקטיוו... ער באַמערקט, אַז דאָס שליסן דעם קאָנגרעס צוליב דער שבת־רו באַווייזט, אַז מיר ווילן ניט באַליידיקן די רעליגיעזע געפילן... דער ציוניזם איז שוין אַרויס פון די ווינדעלעך. ס׳איז דערפאַר ניטאָ אַזוי פיל באַגייסטערונג ווי אַמאָל, נאָר דערפאַר אַרבעטן מיר איצט מער...

מיינע באַקאַנטע פרומע סטודענטן, וועלכע קריגן שטיצע און כשרע מאכלים פון די פראַנקפורטער פרומאַקעס, זיינען שוין היינט בייטאָג אַוועק־געפאָרן פון דאַנען. מיר דוכט, אַז אויך דר. נאָרדוי האָט שוין פאַרלאָזן באַזעל. כ׳בין נעכטן צופעליק אַריין אין אַ צימער הינטער דער בינע, וואו אינזשיניער טיאָמקין פון יעליסאַוועטגראַד האָט איינגעטענהט מיט דר. נאָרדוין, אַז ער טאָר ניט אַוועקפאָרן פון באַזעל פאַרן שלוס פון קאָנגרעס, אַז ער מוז אויך נאָכדעם זיך באַטייליקן אין דער זיצונג פונעם נייעם אַק־ציאָנס־קאָמיטעט. נאָרדוי אָבער האָט אים דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז ער מוז זיך צוריקקערן צום דרייפוס־פּראָצעס אַ־ן פראַנקרייך, וואו ער איז דער קאָרעספּאָנדענט פון דער „פאָסישע צייטונג“ אין בערלין. דאָס איז אַ טייל פון זיין „חיונה“, און ער טאָר דאָס ניט מער פאַרנאַכלעסיקן...

די ווירטין פון מיין קוואַרטיר וואונדערט זיך, וואָס איך בין געקומען היינט אַזוי פרי. ווען כ׳זאָג איר, אַז דאָס איז צוליבן שבת, דערציילט זי מיר, אַז אין איר קינדהייט זיינען אויך אין באַזעל געווען אַזוינע יידן, וואָס פלעגן

שבת רוען און אַפילו קאָכן פלעגט פאַר זיי אַ קריסטין. די אַלטע פרוי שמועסט זיך פאַנאַנדער וועגן דער אומזיסטער שנאה צווישן פעלקער און רעליגיעס. זי נעמט זיך איבער מיט דער מאָראַל און דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פון איר שווייצער פאָלק. כ׳דערצייל איר, אַז מיין פאָלק ישראל איז אין דעם פרט אַ מוסטער, און כ׳מאָל אָפּ פאַר איר בילדער פון מיינע עלטערנס הויז און פון אונדזער יידישער סביבה. איר עלטערע טאָכטער, וועלכע האָט געוואוינט צען יאָר אין בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, שילדערט פאַר מיר דאָס דאָרטיקע לעבן. איך הויב אָן דערפון צו פאַרשטיין קלאָרער דעם אַרגענטינער יונגן יידישן ישוב און ווער אין אים מער פאַראינטערעסירט.

אין דער באַזעלער קאַסינאָ טרעט אַרויס היינט אָוונט דער פאָלקס־פּאָעט און גרינדער פון יידישן טעאַטער — אברהם גאָלדפאַדן. כ׳בין אָבער איצט מער פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע וועגן „סאָציאַליסטישן־ציוניזמוס״, איבער וועלכן עס רעדט אין קליין־באַזעל — די אַרבעטער־געגנט פון שטאָט — אונדזער בערנער דר. סירקין.

לויט סירקינס מיינונג איז ציוניזם די „פאַרקערפּערטע אידייע פון משיח״. ניט געקוקט אויף איר וויכטיקייט קאָן זי אָבער ניט העלפן דאָס פאָלק, כל־זמן דער ציוניזם געפינט זיך אין בורזשואַזע הענט. אַלס ציוניסט רופט ער דעריבער די יידישע סאָציאַליסטן, אַז זיי זאָלן, צוליב די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס און די יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן, אַריינטרעטן אינעם ציוניזם און שאַפן אַ נייעם פּראָגראַם: דער ציוניזם זאָל זיין אַ „יידישער סאָציאַליזם״. דער „יודנשטאַט״ איז דאָך נאָך אַ פאַנטאַזיע, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר זיך אים פאָרשטעלן אַזוי פינצטער ווי די היינטיקע בורזשואַזע געזעלשאַפט? ווען ער איז געווען אַ דעלעגאַט אויפן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט ער צוזאַמען מיט דר. נאָרדוי אַריינגעבראַכט אַ פאָרשלאַג וועגן גרינדן קאָאָפּעראַטיוון, אָנשטאָט צו בויען אַלץ אויפן יסוד פון פּריוואַט־אייגנטום. די בורזשואַזע ציוניסטן האָבן אָבער אויף דעם געענטפערט מיטן געשריי: „דאָלאָי סאָציאַליזם״ (נידער מיט סאָציאַליזם)... ער פאַרהאַלט זיך קריטיש צו דר. הערצלס דיפּלאָמאַטיע, כאָטש ער האָט גאָרניט איינצואווענדן קעגן זיינע באַמיאונגען ביי די קיסרים, ווייל אָט דעם מיטל, צו געווינען פרייהייט און מענטשלעכקייט דורך מאָנאַרכן אָדער „געלט־קעניגן״ האָבן אויך אָנגעווענדעט סאָציאַליסטן, ווי לאַסאַל, ראָבערט אָוען א. ד. גל. אין אַמעריקע האָט אפילו אָן אַנאַרכיסט זיך געווענדט צום רייכסטן קאַפּיטאַליסט, ער זאָל דורכפירן זיינע אַנאַרכיסטישע אידייען... נאָר סאָציאַליסטן וויסן שוין פון דערפאַרונג אַז אָט די מיטלען זיינען פאַלש. צום סוף אונטערשטרייכט דר. סירקין נאָך אַ מאָל, אַז דער ציוניזם שטאַמט

ניט פון דער יידישער נויט, ווי דעיוויס טריעטש האָט היינט געזאָגט, נאָר פון דער משיח־אידייע, וועלכע קאָן ווירקלעך העלפן דעם פאָלק, ווען זי זאָל געפירט ווערן פון סאָציאַליסטן אונטערן „סאָציאַליסטישן ציוניזמוס.״

אַ פּאָר רוסישע ציוניסטן טרייסלען זיך תיכף אָפּ פון אַזאַ מין ציוניזם. זיי ווילן ניט האָבן קיין מגע־ומשא מיט סאָציאַליסטן. אַ איבערראַשונג איז געווען פאַר מיר די רעדע פון מיין מיטפאָרער קיין באַזעל, אַ יונגער סימפּאַטישער בחור אָנגעטאָן אַזוי איינפאַך ווי איך, און איז געזעסן נאָענט פון מיר. אַזוי ווי ער האָט געלייענט פראַנצויזיש און איך — דייטש, האָבן מיר זיך ניט באַקאַנט און די גאַנצע צייט ניט גערעדט איינער צום צווייטן... ער דערקלערט, אַז מ׳קאָן זיין צוגלייך אַ סאָציאַליסט און אַ ציוניסט. ער פאַרזעגלעך, אָנערקענטביידע פּראָגראַמעס, סיי די באַזעלער פון די ציוניסטן און סיי די פון יידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד, וואָס איז, לויט זיין מיינונג שטרענג נאַציאָנאַליסטיש. זיין רעדע מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, כאָטש ער קאָן זיך ניט אויסדריקן אין רוסיש אַזוי שיין און קלאָר ווי אין פראַנצויזיש *).

לעאָ מאָצקין, דער גלענצנדיקער רעדנער פון דער רוסישער קאָלאָניע אין בערלין, איז קעגן דר. סירקינס פּלאַן פון אַ באַזונדערן סאָציאַליסטישן ציוניזם. ער ווייזט אָן, אַז דאָס מיינט אַרבעטן אין רוסלאַנד אין געהיים, טאָ צו וואָס זאָל מען זיך אַליין מאַכן שווערקייטן? זיין אויספיר איז, אַז מ׳דאַרף ניט קיין סאָציאַליסטישן ציוניזם, נאָר סאָציאַליסטישע ציוניסטן. ער ווענדט זיך מיט אַ רוף צו יידישע סאָציאַליסטן, זיך צו האַלטן ביי זייערע סאָציאַליסטישע אידייען, נאָר זיי זאָלן צוגלייך אויך אַרבעטן פאַרן ציוניזם. ער קריטיקירט אויך דר. סירקינס אַגיטאַציע פאַר אַ סאָציאַליסטישער יידישער מדינה, כאָטש ער, מאָצקין, איז ניט קעגן אַזאַ סיסטעם. ער איז אָבער איבערצייגט, אַז די אַגיטאַציע דערפאַר וועט שאַדן דעם ציוניזם. הגם ער איז ניט קיין „הערצליאַנער״, ווי ער האָט דאָס באַוויזן, זאָגט ער, אויפן קאָנגרעס, האַלט ער דאָך, אַז ציוניסטן דאַרפן זיך אונטערוואַרפן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווען ניט, וועט זי צעפאַלן. ער פאַרטיידיקט אויך הערצלס דיפּלאָמאַטיע און פאַרזיכערט, אויף זיין ערנוואָרט, אַז עס זיינען פאַראַן וויכטיקע סודות, וואָס ער קאָן דאָ ניט דערציילן... ער האָט

---

*) אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אויפן פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, ווערט ער — צבי אבערסאָן — דער טעאָרעטיקער פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע״ אינעם ציוניזם, וועמעס פּאָליטישע פירער זיינען געווען דר. חיים וויצמאַן און לעאָ מאָצקין. דאָרט רעדט ער דעמאָלט אין יידיש, רוסיש, פראַנצויזיש און דייטש.

אויך, זאָגט ער, וואָס אויסצוזעצן קעגן סאָציאַליזם, און קאָן זיך דערצו באַנוצן מיט דער קריטיק פון די „רעוויזיאָניסטן” אָדער „בערנשטייניאַנער”. ער וויל זיך אָבער איצט ניט אַריינלאָזן אין וויכוחים, זייענדיק שטאַרק אויסגעמאַטערט פון אַרבעטן פיר טעג נאָכאַנאַנד און וויניק שלאָפן... ריידנדיק וועגן דער יידישער פראַגע אין רוסלאַנד, באַשטעטיקט מאָצקין אַלץ וואָס מיין מיטפאָרער האָט געזאָגט, נאָר ער, מאָצקין, פאַרשווייגט, אַז דאָס איז די פּראָגראַם פון יידישן אַרבעטער־בונד.

קעגן מאָצקינס קריטיק אויפן סאָציאַליזם טרעט אַרויס אַן אַרבעטער־אַגיטאַטאָר פון רוסלאַנד *). ער דערקלערט, אַזווירקלעכע סאָציאַליסטן ריידן ניט פון קיין פאַנטאַזיעס ווי דר. סירקין, נאָר פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

מיכל האַלפּערן, דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַנטאַזיאָר, פון אַ רייכער מיוחסדיקער משפחה, וועלכער איז געקומען אויפן קאָנגרעס אַלס ווילנער אַרבעטער דעלעגאַט, פאַרשאַפט דאָ דעם רוסיפיצירטן סטודענטישן עולם אַ היפש ביסל שפּאַס מיט זיין קאָמישן לשון. יעדעס מאָל ווען ער הויבט אָן ריידן רוסיש פאָדערט מען פון אַלע זייטן ער זאָל עס איבערזעצן אויף „זשאַרגאָן”, ווי זיי רופן אָן יידיש, און ער דערפילט באַלד זייער פאַרלאַנג. ווען ער גיט אַ זאָג: „פאָ סאָציאַליסטיטשעסקאָמו אי נאַציאָנאַליסטיטשעסקאָמו נאַפּראַוולעניו”. אַז מ׳פאָדערט פון אים אַן איבערזעצונג, ענטפערט ער: „שאַט! איך ווערדע אייך פערעוואָדזענען נאָ זשאַרגאָניע: אויף סאָציאַליסטיטשעסקע אונד נאַציאָנאַליסטיטשעסקע נאַפּראַוולעניעס!” זיינע יונגע צוהערער קייקלען זיך פאַר געלעכטער און דער גוטמוטיקער מיכל האַלפּערן קוועלט פאַר נחת, וואָס ער קען יידישע קינדער אַביסל פריילעך מאַכן כאָטש אין אויסלאַנד.

דער פאָרזיצער, מיין בערנער פריינט חיים כישין, דער פרעזידענט פון דער רוסישער קאָלאָניע, האָט מיט גרויס מי קוים איינגעשטילט די קאָמעדיע און געגעבן דאָס וואָרט דעם קאַזיאָנעם רב זעוו. יענער אָבער האָט דאָ ניט מער גליק ווי אויפן קאָנגרעס. חיים כישין האָט צו אים ניט מער געדולד ווי דר. הערצל און דר. גאַסטער. זעוו רעדט הויך און שיין אין רוסיש, דייטש און יידיש, נאָר מ׳וויל אים ניט הערן. און ווען ער האָט אויסגעשריען מיט האַרץ אין רוסיש: „ברידער! אויב איר האָט אמתע יידישע הערצער, אַנטלויפט פון סאָציאַליזם!” האָט ער שוין געמוזט זיך דאָ אָפּשטעלן.

---

*) קאָליאַ טעפּער, דער שפּעטער באַקאַנטער שרייבער, וואָס האָט אויך געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים „מאַרקיז ד׳אַברוצי”, וועלכער איז געווען דער טעאָרעטיקער פון דער גרופּע „יונגע” אין אַמעריקע.

שטעכיק און גאַליק איז אַרויסגעטראָטן קעגן סירקינען דער הויכער, שיינער אינזשיניער קאַצמאַן. ער האָט אים אויסגעלאַכט מיט אַזוי פיל סאַרקאַזם און געזוכט אים צו מאַכן לעכערלעך, אַז די „שטילע טויב", די געוויינלעכע רואיקע סטודענטין, באַשע אָסנאַס, סירקינס פרוי, האָט זיך שוין ניט געקאָנט מער קאָנטראָלירן. זי האָט פּראָטעסטירט: ווי לאַנג איז דער שיעור צו פּייניקן אַ מענטשן!?... קאַצמאַן האָט תיכּף אויפגעהערט ריידן און אַלע זיינען געבליבן זיצן פאַרשעמטע. דר. סירקין, בלאַס און מיד, ענטפערט, אַז ער וועט, זאָגט ער, זיך באַמיען צו פאַרעפנטלעכן אין גיכן אַ ווערק וועגן קאָאָפּעראַטיוון, וואו ער וועט באַווייזן, אַז זיינע פּלענער זיינען ניט קיין פּוסטע פאַנטאַזיעס. ער פאַרענדיקט מיט אַ רוף צו גרינדן אַ סאָציאַליסטישן ציוניזם!

די קאַפּע, אין וועלכער די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, האָט זיך שוין געדאַרפט באַלד פאַרמאַכן. זיינען מיר אַלע אַרויס אין גאַס, אַרומגעשפּאַצירט אין דער וואַרעמער נאַכט און פאָרגעזעצט אונדזער דיסקוסיע פאַרוויין. צוערשט האָב איך שפּצירט מיט מיין פראַנצויזיש-ריידנדיקן מיטרייזנדער, וועלכער האָט דאָ מיט מיר גערעדט אין רוסיש אָדער יידיש. ער האָט מיר דערציילט, אַז זינט ער איז געוואָרן אַ ציוניסט, האָט ער זיך אויסגעלערנט אויף אויסווייניק דעם תנ"ך אין פראַנצויזישער איבערזעצונג. איצט לערנט ער דעם העברייאישן אָריגינאַל. נאָכדעם האָב איך געשפּאַצירט מיט דעם אַרבעטער גיטאַטאַר, מיט קאַליאַ טעפּער. מיר האָבן גערעדט אויף העברייאיש. ער האָט פאַר מיר געשילדערט, ווי אַזוי ער לערנט אין אָדעס מיט אַרבעטער-קרייזלעך סיי סאָציאַליזם און סיי ציוניזם. לויט ווי ער דערציילט מיר, איז דער „בונד" אין דרום-רוסלאַנד אַ סאָציאַליסטיש-ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. כ'קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז איצט אויך דער „בונד" אין ווילנע, וואו אַמאַליקע חברים מיינע פון דער „גרופּע יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן" זיינען די טאָן-געבער...

באַגיינען געזעגן איך זיך מיט מיין בערנער סטודענטנשאַפט, וואָס פאָרט באַלד צוריק קיין בערן. איך וויל דאָ נאָך זיין מאָרגן און זיך באַקענען מיטן יידישן לעבן אין באַזעל.

אויפן וועג צוריק קיין בערן פאָר איך מיטן געוויינלעכן צוג. עס דויערט מער, כמעט נאָך אַ מאָל אַזוי לאַנג, ווי די רייזע קיין באַזעל מיטן שנעלצוג. די צייט לויפט אָבער גיך אַוועק אין שמועסן וועגן סאָציאַליזם-ציוניזם. איך זיץ צוזאַמען מיטן פאַרזיצער פון דער סאָציאַליסטיש-ציוניסטישער פאַרזאַמלונג, דער אַלטער „בילועץ" חיים כישין. איך זאָג פאַר אים אַרויס דאָס וואָס כ'שעם זיך צו ריידן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג. איך דער-

קלער אים פּאַרוואָס אונדזערע „יונגע" זיינען געווען קעגן ציוניזם און פּאַר־וואָס די יידישע אַרבעטער אין ווילנע, און זייערע פירער, זיינען וואַרשיינ־לעך נאָך איצט אויך קעגן ציוניזם, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָ רעדט אין זייער נאָמען מיכל האַלפּערין.

קאַפּיטל פינף און אַכציק

איך באַשליס אַריבערגיין פון פילאָסאָפיע צו נאַטור־וויסנשאַפט

איך באַשליס אַריבערגיין פון פילאָסאָפיע צו נאַטור־וויסנשאַפט. אַט דעם באַשלוס העלפט מיר אויך אָננעמען מיין פילאָסאָפיע־פּראָפעסאָר, לודוויג שטיין, אַליין ניט ווילנדיק דערפון.

פּראָפעסאָר לודוויג שטיינס געוואוינהייט צו באַגרינדן זיינע פילאָסאָ־פישע לימודים מיט באַווייזן פון נאַטור־וויסנשאַפט, רופט אַרויס ביי מיר דעם פאַרלאַנג זיך צו ווענדן דירעקט צו די קוואַלן פון אמת. עס ווילט זיך מיר אויך דערלערנען די געזעצן פון דער נאַטור, ניט בלויז טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש, זיי צו קאָנען באַשטעטיקן דורך עקספּערימענטן.

דאָס הענגט אָבער אָפּ ניט נאָר פון מיין ווילן. לערנען נאַטור־וויסנ־שאַפט קאָסט טייערער ווי פילאָסאָפיע. דערצו דאַרף מען נאָך צאָלן ספּע־ציעל פאַר די מאַטעריאַלן, וועלכע מ'באַנוצט ביים מאַכן עקספּערימענטן. מ'דאַרף אויך איינלייגן זאַלאָג (אַ משכן) פאַר די קאָסטבאַרע כלים פון פּלאַטין און אַנדערע איידעלע מעטאַלן, אין וועלכע ס'ווערן געמאַכט די כעמישע עקספּערימענטן אין דער לאַבאָראַטאָריע. איך בין דערום נאָך כלל ניט זיכער, צי ס'וועט מיר געלינגען אָפּשפּאָרן די מיטלען דערצו, אפילו ווען כ'זאָל אויפהערן עסן מיטאָגס אין דער סטודענטישער קיך און לעבן נאָר אויף ברויט מיט טיי... מעגלעך, איך וועל צוליב דעם מוזן פאַרלאָזן בערן. דערווייל אָבער זיינען מיינע „פעריען", אָדער „קאַניקולן" — די פרייע צייט צווישן איין סעמעסטער און דעם צווייטן, — פאַרנומען מיט לייענען און לערנען ביכער וועגן נאַטור־וויסנשאַפט. איך לייען אויך דורך פון דאָס ניי דעם „אוצר החכמה והמדע" פון צבי הכהן ראַבינאָוויטש און „ידיעות הטבע", בערנשטיינס פּאָפּולערע נאַטור־וויסנשאַפטן, איבערזעצט פון דוד פרישמאַן. דער עיקר אָבער שטודיר איך פאַר זיך די לערנביכער פון די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע לימודים, וועלכע די סטודענטנשאַפט באַ־נוצט אין בערנער אוניווערזיטעט.

דאָס לערנען פאַלט מיר ניט שווער. ווען כ'ווער אַ ווייל מיד, רו איך

זיך אַפּ דורך שרייבן בריוו און פּאָסט־קאַרטלעך צו מיין טאַטן, באַבען און זיידן, מיינע שוועסטער: הענע־טאַנע, אין ווילנע, און דאַבעלע אין לאָנדאָן, מיין דאָרטיקן פעטער מאָריס סאַפּירשטיין, מיינע מומעס: לאה ווילנער אין גערסעוויטש, און פּעסל אַלכאַוו אין יעקאַטערינאָסלאַוו. איך פאַרענ־דיק אויך ביסלעכווייז מיין לאַנגן באַריכט פון דריטן ציוניסטן־קאָנגרעס פאַר שרה שפּרהן — אַ בריוו פון 100 זייטן. פון באַזעל גופא האָב איך איר געשיקט נאָר אילוסטרירטע קאָנגרעס־קאַרטלעך.

מיינע פּאָסט־קאַרטלעך און בריוו, באַזונדערס דער הונדערט־זייטיקער צו שרה שפּרהן, שרייב איך געוויינלעך מיט די קלענסטע בוכשטאַבן. מיינע אויגן זיינען איצט געזינטער ווי מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, איידער דער פּראָפעסאָר קאָשער האָט מיר געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויף מיין רעכטן אויג. ווען כ'בין דעמאָלט געקומען צו אים ער זאָל אונטערזוכן, פּאַרוואָס מיין אויג טוט מיר אַזוי שטאַרק ווי האָט פּראָפעסאָר קאָשער געזאָגט, אַז ווען איך וואַרט נאָך איין טאָג, וואָלט שוין געווען צו־שפּעט. דאָס אויג וואָלט שוין געליטן פון אַ געפערלעכער אַנטצינדונג. ער אָפּערירט עס תיכף און נעמט פון דאָרט אַרויס אַ שטיקל האָלץ. אַרום אַ וואָך צייט בינדט ער איבער די וואונד יעדן טאָג און דערלויבט מיר אויך ניט צו לייענען מיטן לינקן אויג, אַזוי לאַנג ווי דאָס רעכטע איז נאָך ניט אויסגעהיילט. איך מוז דעמאָלט זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס מיינע פריינט לייענען מיר פאָר. איצט זיינען מיינע אויגן קלאָרער ווי פריער און זעען אויך שאַרפער און ווייטער.

פון צייט צו צייט קום איך צו אַ זיצונג פון אַקאַדעמישן ציוניסטן־פאַר־איין, וואו מיינע פריינט זאַלקינד און וואָרטסמאַן זיינען טעטיק. זיי זיינען מיר ביידע נאָענט, כאָטש זיי האָבן איינער דעם אַנדערן ניט איבעריקס ליב. וואָרטסמאַן קען ניט פאַרטראָגן די „פּרומאַקישע יידישקייט" פון די „פּראַנק־פורטער פרומאַקעס", וועלכע זאַלקינד מאַכט מיט. זאַלקינד ווידער איז בייז אויף וואָרטסמאַנען פאַר זיין אויסלאַכן די „הערצליאַנער."

וואָרטסמאַן נעמט אָפּט דאָס וואָרט אין פאַראיין. ער רעדט „קאָנגרעס־דייטש". ער איז אָבער ניט זיכער מיטן דייטשן אַרטיקל. ער פרעגט כסדר, ווי עס צו באַנוצן ביי דעם אָדער יענעם וואָרט: „דער", „די" אָדער „דאָס?" ער איז שוין געווען אַ דעלעגאַט אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1897, און דר. הערצל רופט אים אָן „דר. וואָרטסמאַן", דאָך איז ער אינעם פאַראיין, וואו די מערהייט באַשטייט פון עסטרייכער, וויניקער אָנגעזען ווי זאַלקינד. דער לעצטער האָט אויך אין באַזעל געהאַט מער צוטריט צום דר. הערצל. איין טאָג האָט אים זאַלקינד אָפּגעשטעלט אויף די טרעפּ פון דער קאַסינאָ, און באַגריסט און דערביי מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים אַלס

אַ נייעם סטודענטישן רעקרוט. דר. הערצל האָט מיר געדריקט די האַנט אַזוי, אַז כ׳פיל נאָך איצט זיין וואַרעמען דרוק.

לויט דער היגער פירונג, צאָלט ניט דער ציוניסטישער פאַראיין קיין דירה־געלט פאַר זיין פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ אין אַ רעסטאָראַן.

מ׳דאַרף דאָרט נאָר געבן צו לייזן, — עסן אַ מאַלצייט, אָדער טרינקען ביר. איך געוואוין זיך דאָרום צו צום דאָזיקן געטראַנק, וואָס כ׳פלעג פריער ניט טרינקען. איך באַנוגן זיך אָבער מיט איין גלאָז, בעת ליכטנשטיין, דער פאָרזיצער, זאַלקינד, דער וויצע־פאָרזיצער און אַנדערע, טרינקען דאָרט גאַנצע קופלען (פאָרצעלייענע קריגלעך באַדעקט מיט אַלט־דייטשע בילדער).

עס הויבן אָן קומען אַהער סטודענטן, וועלכע פּלאַנען דאָ צו לערנען קומענדיקן סעמעסטער. אַנדערע האָבן שוין דאָ אויך געלערנט לעצטן ווינטער. איך קריג באַלד אַריין אַ נאָענטן פריינט, אהרן מיכל באַראַכאָוו, דער עלטסטער זון פון דעם שוין פריער דערמאָנטן אַמאָליקן מיִשעגאָלער רב, ר׳ אבא יעקב באַראַכאָוו, דער מחבר פון ספר „חבל יעקב״. אהרן מיכל, אַ היינטוועלטיקער העברייאישער שרייבער, איז שוין אַליין אויך געווען ערגעצוואו אַ רב, און ער טראָגט נאָך זיין פיינע רבנישע שוואַרצע באָרד. ער האָט אין דער היים אַ פרוי מיט קינדער.

אהרן מיכל באַראַכאָוו איז צו מיר זייער פריינטלעך. מעגלעך צוליב דעם, וואָס ער האָט אַמאָל געקענט פערזענלעך מיין טאַטע־מאַמען, באָבען און זיידן און מיינע אַנדערע נאָענטע קרובים. ער געדענקט נאָך אויך מיין געבורט און מיין ברית. ווי אַן אמת־גוטער פריינט גיט ער מיר אויך גוטע עצות, נאָר איך פאָלג אים ניט. למשל, ער עצהט מיר ניט צו ריידן דאָ קיין יידיש, ווייל די אינטעליגענץ רעדט דאָ רוסיש. איך אָבער רייד אין רוסיש נאָר צו אַזוינע פּערזאָנען, וועלכע פאַרשטייען ניט קיין יידיש, און אויך ניט די דייטשע לערן־שפּראַך פון בערנער אוניווערזיטעט. די שווייצער גופא ריידן צווישן זיך אין יעדן דייטשישן קאַנטאָן אַן אַנדער דיאַלעקט. מ׳דער־ציילט דאָ אַן אַנעקדאָט, אַז מענדעלעס טאָכטער פלעגט ריידן אין יידיש צו איר שווייצער ווירטין. ווען יענע האָט געפרעגט: „וועלכן דויטש שפּרעכן זי, פרײלין אַבראַמאָוויטש?״ האָט מענדעלעס טאָכטער געענט־פערט: „איך שפּרעכע בערדיטשעווער דייטש״...

מער איינפלוס ווי באַראַכאָוו האָט אויף מיר דער פון אים פיל ייִנגע־רער, מאיר פינעס *) פון ראַזינאַי. דער דאָזיקער שיינער, קרעפּטיקער

*) דער פּראָפעסאָר פון דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור אין יידיש, וואַרשע, 1911. 2 בענד, מיט אַ פאָרוואָרט פון בעל־מחשבות.

יונגער ציוניסט**) איז אויך באַגייסטערט פאַר גימנאַסטיק, מאַרשירן און מושטירן. ער ווערט דער אָנפירער אויף אַט די געביטן פון אַ גרופּע יונגע סטודענטן צו וועלכע איך געהער. מיר מאַרשירן אַוועק אויסן שטאָט, וואו ער לערנט אונדז מאַרשירן ווי סאָלדאַטן ווי אויך מאַכן פאַרשיידענע גימ־נאַסטישע איבונגען. ער גייט פאָראויס מיט אַ שטעקן אין האַנט און זינגט מיט זיין שיינער הויכער שטים דאָס העברייאיש מושטיר־ליד: „חושו, אחים, חושו!"

דעם 28־טן אויגוסט 1899 איז אין היגן פאָלקס־הויז געפייערט געוואָרן דער 35־טער יאָרצייט פון פערדינאַנד לאַסאַל. די גרעסטע צאָל באַזוכער זיינען געווען פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט, הויפּטזעכלעך בערנער סטודענטן, מייסטנס, ניט־יידישע. פון דער רוסישער קאָלאָניע האָב איך דאָרט קיינעם ניט באַמערקט. דאָס פּראָגראַם (רעציטאַציעס און שפּיל) איז דורכגעפירט געוואָרן אין דייטש און פראַנצויזיש. די רעדנער האָבן גע־רעדט וועגן לאַסאַלס לעבן, ווירקן און שאַפן, און זיין טראַגישן סוף: דאָס פאַלן אין אַ דועל מיט אַ באַראָן, צוליב אַ טאָכטער פון אַ דייטשן יונקער... מען האָט געזונגען לידער פון הערוועג, פּאָעטיע און אַנדערע. דעקלאַמירט פרייליגראַטס אַ פּאָעמע און רעציטירט פון לאַסאַלס שריפטן. אַ שיינער סטודענט מיט אַ קיילעכדיקן קלוגן פּנים האָט אַמוזירט דעם יוגנטלעכן עולם מיט זיין הומאָרפולן רעציטירן געטעס אַ ליד און אָפּגעמאַכט ווי אַזוי דאָס קלינגט אין די פאַרשיידענע אַקצענטן פון ענגלענדער, פראַנצויזן, רוסן, איטאַליענער, כינעזער א. אז. וו.

מיינע ווילנער חברים און באַקאַנטע פון דער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע", וועלכע האָבן לעצטן ווינטער געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד, צוליבן אַרעסט פון דעם רעזשטשיק אברהם גאָרדאָן, און זיינען אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז, קאָ־רעספּאָנדירן מיט מיר (כ'קריג אַמאָל אויך אַ בריוו פון ווילנע, דאָס רוב פון הירש שמויסקאָוויטש, דער געהילף פון מיין יוגנט־חבר קלמן קראַפּיוו־ניק אין גאַסעלניקס בוכהאַנדלונג). פון דער פּאַריזער גרופּע שרייבט מיר לייבטשיק דער מאָלער, אַז צוויי פון זיי, יאַשקע און ירמיהו־לייב, ביידע אויסגעצייכנטע שניידער־אַרבעטער, האָבן באַלד געקראָגן אַרבעט. שפּע־טער הויבט אויך אָן אַרבעטן פּיוול דער שניידער. נאָר ער, לייבטשיק, און

**) אין 1908, אויף מיין וועג פון ארץ ישראל צוריק קיין אַמעריקע באַזוך איך פּאַריז, וואו מיין פאָטער וואוינט דעמאָלט. איך טרעף דאָרט פינעסן שוין אַלס סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט. מיר בלייבן גוטע פריינט, נאָר ער פאָלעמיזירט קעגן מיין רעפעראַט וועגן ארץ ישראל, ווי אַ קעגנער פון ציוניזם.

דער גראַווירער זלמן, קאָנען ניט קריגן קיין אַרבעט אין פּאַריז ווייל אין די דאָזיקע פאַכן זיינען ניטאָ קיין יידישע מייסטערס. זיי בעטן מיך דערי־בער אויסגעפינען צי זיי קאָנען קריגן אַ פּלאַץ וואו צו אַרבעטן אין בערן. איך ווענד זיך באַלד וועגן דעם צום שטאָט־ראַט מיטגליד, דר. וואַסיליעוו, באַשיצער פון אויסלענדישע אַרבעטער, און צו קאַרל מאָאר, דעם רעדאַק־טאָר פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „טאַגעוואַרט". ביידע אַנטמוטיקן מיך וועגן דער מעגלעכקייט צו קריגן איצט אַרבעט אין בערן פאַר די דערמאָנטע ווילנער יונגע טיכטיקע באַלמעלאָכעס.

דער דרייפוס־פּראָצעס אין רען, פראַנקרייך, ענדיקט זיך מיט אַ נייער פאַראורטיילונג פון דעם אומשולדיקן קאַפּיטאַן דרייפוס. דאָס רופט אַרויס אַנטריסטונג אין בערן און מ'הויבט אָן, ווי אומעטום, זאַמלען פּעטיציעס פאַר דרייפוסעס באַפרייאונג. די פראַנצויזישע רעגירונג מאַכט אַ פשרה און באַגנאַדיקט אים. דער עולם איז נאַטירלעך אַנטוישט פון אָט דער פשרה. מ'איז אָבער דאָך צופרידן, וואָס דער פיל־געליטענער קאַפּיטאַן איז שוין דאָך פריי פון תפיסה. אינצווישן ווערט פאַרעפנטלעכט אין „בער־לינער טאַגעבלאַט" אַ לידל מיטן נאָמען „די פייגע (פחדנישע) טאָט אין רען", וואָס דריקט אויס די געפילן פון ברייטע מאַסן קעגן דעם רענער פּראָ־צעס. דאָס לידל הויבט זיך אָן אַזוי:

„אַנטריסטעט און צאָרנדיק איז גאַנצע וועלט,
דעם רואיקסטן מוז עס די רו רויבן;
ווען פראַנקרייך אַזאַ אורטייל פעלט (פירט דורך),
ווי זאָל מען אין דער מענטשהייטס פאַרשריט גלויבן?"

דאָס לידל רייסט אַרונטער די מאַסקעס פון די די היפּאָקריטישע הויכע גייסטלעכע אין פראַנקרייך, וועלכע פאַרסמען די מאַסן מיט אַנטיסעמיטיזם. עס פאַרשטייט זיך אַז דער קאַטוילישער קירך איז עס ניט געפעלן. זי דרוקט איבער דאָס לידל אין אַ שווייצער קאַטוילישער צייטונג אונטערן נאָמען „יידישע פרעכהייט", און נוצט עס אויס פאַר אַ נייער העצע קעגן יידן.

איך ווייס שוין, אַז קומענדיקן סעמעסטער וועל איך שוין מוזן לערנען אין פרייבורג, אָדער פריבורג. די מעשה איז אַזוי: אין אָט דעם קאַטוילישן פראַנצויזיש־ריידנדיקן קאַנטאָן איז פאַראַן אַן אוניווערזיטעט, הינטער וועלכן עס שטייט די קאַטוילישע קירך. כדי צוצוציען סטודענטן אין אָט דער קליינער שטאָט, אויפן וועג צווישן די גרויסע אוניווערזיטעטן פון בערן און זשענעווע, האָט דער פריבורגער אוניווערזיטעט דאָרט איינגע־אָרדנט אַ גוטן מאָדערנעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט מיט רייכע לאַבאָראַטאָריעס, אינסטיטוטן. זי האָט אויך אַראָפּגעבראַכט באַדייטנדיקע

פראָפעסאָרן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און פראַנקרייך. דערצו דאַרף מען דאָרט ניט צאָלן פאַר די לעקציעס און מ׳קריגט אויך אומזיסט אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן פאַר כעמישע עקספערימענטן. דער זאַלאָג פאַר די באַנוצטע כלים פון איידעלע מעטאַלן איז רעדוצירט צו אַ מינימום. ווי אין אַ קליינער שטאָט קאָסטן דאָרט אויך ביליק לעבנס־מיטלען און דירה־געלט, כ׳וועל דאַרום דאָרט קאָנען אויסקומען מיט מיינע באַשרענקטע מיטלען בעסער ווי אין בערן. דער איינציקער חסרון, וואָס ס׳איז דאָרטן ווייניק אָדער גאָר ניטאָ קיין יידישע סטודענטן און קיין געזעלשאַפטלעכער לעבן, קאָן ווערן אַ מעלה — כ׳וועל מיך קאָנצענטרירן אינגאַנצן אויף מיין שטודיום.

דאָך איז מיר אויפן האַרצן ניט פריילעך ביים טראַכטן וועגן פאַרלאָזן בערן. איך קריג דאָ איצט יעדן טאָג נייע באַקאַנטע און פריינט. ס׳קומען אַהער אויך אָפט ריידן די גדולים פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד און עסטרייך, און מיין סאָציאַלער וויסן ווערט כסדר ברייטער און טיפער. פאַרבייגן איצט דעם בערנער אוניווערזיטעט אויף דעם פרייבורגער איז אָבער פאָרט דער בעסטער וועג צו פאַרווירקלעכן מיין לאַנגיאָריק שטרעבן צו עקזאַקטער וויסנשאַפט. אַלנפאַלס לערן איך איצט מער און פאַרנעם אויך דעם גרעסטן טייל פון מיין צייט פאַר די צוגרייטונגען צו די לימודים אין נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט.

אין די הייסע טעג קיל איך זיך אָפּ אין בערנער טייך אאַר, וואָס איז נאָענט פון מיין קוואַרטיר. כ׳פיל זיך אויך דערפרישט דורך קוקן אויף דער הערלעכער פּאַנאָראַמע פון די שניי־באַדעקטע אַלפּן. צום ליבסטן טו איך עס אין שטאָט־גאָרטן אויף דער האַלב־רונדער פּלאַטפאָרם, פון וועלכער מ׳זעט גוט דעם גאַנצן אַלפּן־קראַנץ. אויפן אָנלען פון דער פּלאַטפאָרם זעט מען אויך, אונטער אַ גלאָז, אַ געטרייע בילד פון אַלע אַלפּן מיט זייערע נעמען, און אַלע איינצלהייטן וועגן זיי. נאָענט דערביי שטייט אַ טעלעסקאָפּ, דורך וועלכן מ׳קאָן זען יעדן אַלפּ באַזונדער אין זיין פולער גרויס.

אַמאָל שפּאַציר איך אויך, אַליין אָדער מיט באַקאַנטע, אויפן וועג צו די אַלפּן פון בערנער אויבערלאַנד. דער וועג פירט פאַרביי שיינע לאָנקעס, אויף וועלכע עס פּיטערן זיך גרויסע, פיינע, רויטע קי מיט פולע אייטערס מילך. זיי טראָגן גלעקלעך אויף זייערע העלדזער און זייערע ריטמישע טריט קלינגען דערביי האַרמאָניש, און זייער עכאָ הערט זיך ווייט צווישן די בערג. מיר גייען אַרונטער אויך אין די „שלוכטן״ (טיפע פעלדזן־שפּאַלטן), וואו שמאָלע טרעפּלעך, אויסגעהאַקט אין פעלדז, פירן צו אַן אָפּגרונט. דער ענגער שווינדלדיקער וועג וואַרפט אַן אימה, כאָטש ער איז העל באַלויכטן פון עלעקטריע. אין אָוונט זיינען אויך באַלויכטן מיט פיל־פאַרביקע

קאָלירן די פּילע וואַסערפאַלן אויפן וועג. זיי זעען אויס צויבערהאַפט, ווי בילדער פון טויזנט און איין נאַכט. מיר זיינען זיי אָבער ליבער אין מיטן העלן טאָג, ווען כ׳זע זיי אין זייער נאַטירלעכן אויסזען. אַמאָל פאָרן מיר מיט שיפלעך איבער די שיינע אָזיערעס אויף די בערג. באַזונדערס איז מיר ליב די קליינע „בלוי אָזיערע״, וועמעס וואַסער ס׳איז ריין ווי קרישטאָל. מ׳זעט קלאָר אַלץ, וואָס געפינט זיך אויפן טיפן דנאָ. ווען מיר וואַרפן אַרונטער אַ מטבעה, באַמערקן מיר קלאָר אויף וועלכער זייט זי איז געפאַלן...

קאַפּיטל זעקס און אַכציק

אויף יום־טוב אַהיים

אויף יום־טוב אַהיים ווילט זיך מיר שטאַרק פאָרן, כאָטש כ׳ווייס, אַז מיין ווירקלעכע היים איז פאַרשוואונדן מיט דער מאַמעס טויט אַרום אַנדער־האַלבן יאָר צוריק. מיר ווילט זיך ברענגען אַביסל פרייד דער באָבען און זיידן, מיין מאַמעס עלטערן, וועלכע זיינען אָן איר העלפנדיקער האַנט גע־בליבן אויף דער עלטער עלנט און הילפלאָז. מיין בודזשעט דערלויבט עס מיר אָבער ניט. באַשליסן מיר, שרה שפרה און איך, אַז זי זאָל צו זיי צו־פאָרן פון קאָוונע, און דערמיט זיי מאַכן דעם סוכות פּאָר אַ ווירקלעכן „זמן שמחתנו״ — אַ יום־טוב פון פרייד. פאַראיינס וועט שרה שפרה אויך זיין אין ווילנע און וועט זיך זען מיט מיין טאַטן, מיט מיין עלטערער שוועס־טער, וועלכע וואוינט מיט איר מאַן און קינד אויף אַ באַראַנס גוט ביי דער סאַמע שטאָט, און מיט אַנדערע ווילנער נאָענטע קרובים. שרה שפרה ווערט אומעטום אויפגענומען מיט ליבשאַפט. זי מאַכט אויף אַלעמען אַ טיפן איינ־דרוק מיט איר גוטסקייט, איידלקייט און שיינקייט.

שמחת־תורה, מיין 23־טן געבורטסטאָג, פאַרברענג איך אין דער פרעמד, און שרה שפרה — מיט מיין משפחה. איך ווייס ווי שטאַרק צופרידן זיי אַלע זיינען, אי זיי און אי זי, און דאָס פאַרשאַפט אויך מיר אַ יום־טובדיקע שטימונג.

גראָד איצט, ווען כ׳דאַרף שוין באַלד אָפּפאָרן קיין פריבורג, ווער איך אַלץ היימישער אין בערן. די פאָלקס־שולן זיינען שוין אָפן און איך קלייב נחת, ווי גרינג און שפּילעוודיק מ׳לערנט אין זיי. די שווייצער געשיכטע און געאָגראַפיע ווערן געלערנט ניט פון ביכלעך, נאָר פון דער נאַטור. די לערער פירן אַרום די קינדער איבערן לאַנד, וואו זיי באַטראַכטן אַלץ מיט זייערע אייגענע אויגן. זיי געדענקען גוט ווי אַלץ זעט דאָרט אויס און וואָס דאָרט האָט אַמאָל פּאַסירט.

איידער איך פאַרלאָז בערן באַקוק איך ווידער אַלע אירע אייגנטימ־לעכקייטן. צוזאַמען מיט הונדערטער קינדער באַזוך איך דעם פּלאַץ, אַ גרויסן אָפענעם סקליעפּ, וואו עס שפּאַצירן אַרום קליינע בערעלעך — דער שילד פון שטאָט און קאַנטאָן בערן. איך קוק אויף זיי פון די שטאָ־כעטן אויבן, אַרום וועלכע עס שטייען תמיד אַ סך לוסטיקע, לאַכנדיקע קינדער, וועלכע פילן אַן מיין האַרץ מיט פרייד.

צוזאַמען מיט אַ סך פון מיינע פריערדיקע און נייע באַקאַנטע אַרבעט איך איצט פלייסיק צו אָרגאַניזירן דעם „יידישן קלוב", וועלכן מיר ווילן מאַכן פאַר אַ „יידישער קאָלאָניע", אינעם פולן זין פון אָט דעם וואָרט. דאָרט זאָל אויך ווערן די בערנער היים פון דער יידישער קולטור.

פרייטיק, דעם 13־טן אָקטאָבער, 1899, באַזעץ איך זיך אין דער קאַ־טוילישער שטאָט פריבורג, וואָס איז אַ מיטלאַלטערלעך קליינשטעטל אין פאַרגלייך מיט דער מאָדערנער קולטורעלער שווייצער הויפּט־שטאָט בערן. עס קומט מיר ניט אָן שווער צו קריגן דאָרט אַ צימער. שווערער איז מיר צו געפינען אין פריבורג אַ פּאַסיקן פּלאַץ, וואו צו עסן. זינט דעם שלוס פון זומער־סעמעסטער אין מיטן יולי, ווען די קאָאָפּעראַטיווע סטודענטן־קיך אין דער „רוסישער קאָלאָניע" האָט זיך פאַרמאַכט, האָב איך אין בערן גע־געסן מיטאָגס ביי אַן עלזאַסער יידן, וועלכער האָט אימפּאָרטירט כשר־פלייש פון דייטשלאַנד, ווייל אין דער שווייץ איז די יידישע שחיטה פאַר־באָטן, כלומרשט צוליב „צער בעל חיים". דאָ אין פריבורג אָבער איז פאַראַן בלויז אַרום אַ טוץ יידן, אַלע רייכע. איך מוז דעריבער זוכן אַ ניט־יידישן „פּאַנסיאָן", וואָס זאָל רעכענען אַזוי ביליק, ווי דער עלזאַסער ייד (אַ פראַנק, אַ מיטאָג). די פלייש־קע מאכלים אין די פריבורגער קאַפע־הייזער זיינען ניט פאַר מיין מאָגן, לעב איך דערוויל אויף מילכיקס.

דינסטיק, דעם 17־טן אָקטאָבער, הויבט זיך שוין דאָ אָן דער ווינטער־סעמעסטער פון 1899—1900, וואָס דויערט אַרום 22 וואָכן, ביזן 30־טן מערץ. דעם זעלביקן טאָג אימאַטריקוליר איך זיך ביים דעקאַן פון דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט. דאָ איז עס אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון פילאָסאָ־פישן — דער לעצטער הייסט דאָ: „פאַקולטע דע לעטער" — ליטעראַרישער פאַקולטעט. אונדזער נאַטור־וויסנשאַפטלעכער פאַקולטעט געפינט זיך אין אַן אַנדער טייל שטאָט, געננויער: אויסן־שטאָט. מיר פאָרן אַהין מיט אַ טראַמוואַי, און זיינען דאָרט אַרומגערינגלט פון פעלדער און וועלדער. קענטיק, אַז די קאַטוילישע קירך וויל, אַז די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע אינ־סטיטוציעס, איינגעאָרדנט נאָכן לעצטן וואָרט פון דער וויסנשאַפט, און מיט דער נייסטער טעכניק, זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן און ניט אַרויסרופן

חלילה, קיין פרייע געדאַנקען אין דער פרומער קאַטוילישער פריבורג.

דער פילאָסאָפישער, אָדער ליטעראַרישער פאַקולטעט געפינט זיך, צוזאַמען מיטן טעאָלאָגישן און יורידישן, אין דער אַלטער שוואַרצער אוניווערזיטעט־געביידע, אויף אַ באַרג אין מיטלפונקט פון פריבורג. ס'זעט אויס, אַז דער דאָזיקער אוניווערזיטעט איז אַמאָל געווען אַ יעזואיטישער ליציי, אָדער ליצייאום. עס פילט זיך נאָך דאָרט יענע אַטמאָספערע. דאָרט געפינען זיך אויך אַלטע קאַטוילישע סעמינאַרן, ביבליאָטעקן און אַרכיוון, וועלכע האָבן אויך רעליגיעז־יידישע אָפּטיילונגען: תנ״כן, גמרות, מדרשים א. אַז. וו. אין יענער געביידע זיינען אויך די קאַנצעלאַריעס פון רעקטאָר און די דעקאַנס פון אַלע פאַקולטעטן, אויך דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן אין כלל.

ביי מיין אימאַטריקולירן זיך האָט מיך דער דעקאַן געפרעגט אין וועלכע פאַכן כ'וויל זיך ספּעציאַליזירן. כ'האָב אים דערקלערט, אַז כ'בין פאַראינ־טערעסירט אין אַלע נאַטור־וויסנשאַפטן, נאָר פאַר מיינע הויפּט־לימודים וויל איך נעמען כעמיע, פיזיק, מינעראַלאָגיע און געאָלאָגיע. דאָך האָב איך זיך אויך פאַרשריבן אויף צוויי ספּעציעלע לעקציעס: וועגן באָטאַניק און זאָאָלאָגיע. צוזאַמען וועל איך דאַרפן לערנען ביי זעקס פּראָפעסאָרן.

אַזוי ווי אין בערן, האָב איך אויך דאָ געקראָגן אַ „לעגיטימאַציאָנס קאַרטע״, אַ מין פּאַספּאָרט, אַז כ'געהער צום פריבורגער אוניווערזיטעט, און אַ „טאַבעלאַ שאָלאַריום״, וואו כ'דאַרף פאַרשרייבן, וועלכע לעקציעס כ'וועל הערן און די פּראָפעסאָרן דאַרפן צושרייבן, צי כ'קום אין זייערע קלאַסן, אוןביים סוף סעמעסטער געבן אַ מיינונג וועגן מיין לערנען. ביי זיינען פאַר מיר צוויי ביכלעך, וועלכע זיינען אין בערן ניט געווען. דאָס זיינען:

1. געזעצן וועגן סטודענטן־פאַראיינען. לויט אָט די געזעצן זיינען קיין סטודענטן־פרויען אין קיין פאַרזאַמלונג ניט דערלויבט אָן רעקטאָרס וויסן און אָן דער צושטימונג פון אוניווערזיטעט־סענאַט. עס ווערן אויך אויס־גערעכנט אַ רייע שטראָפן פאַרן איבערטרעטן אָט די געזעצן. די שאַרפסטע שטראָף איז אויסשליסן פון אוניווערזיטעט אויף ניט מער אַריינצונעמען, און עס באַקאַנט מאַכן ניט נאָר דאָ, נאָר אויך אין דעם זינדיקן סטודענטס היימאַט.

2. וועגן דעם סטודענטן־פאַראיין „אַקאַדעמיע״, אין וועלכן אַלע סטו־דענטן און אַלע אַנדערע סטודענטן־פאַראיינען זיינען מיטגלידער און דאַרפן צאָלן פאַר אָט דעם כבוד אַ פראַנק אַ סעמעסטער. די וועלכע געהערן ניט צו קיין באַזונדער פאַראיין הייסן „ווילדע״. און ביי אַ מאַניפעסטאַציע, ווען אַלע סטודענטישע פאַראיינען מאַרשירן, גייען די „ווילדע״ פון הינטן. כדי זיך ניט צו רעכענען פאַר קיין „ווילדן״ וואָלט איך שוין מעגלעך מרוצה

געווען אַריינצוטרעטן אין וועלכן ניט איז פֿאַראיין. כ׳קאָן אָבער ניט ליידן די קאָלירן פֿון זייערע סטודענטישע היטלען, וועלכע, מאַכן אויסזען זייערע טרעגער, ווי טשינאָווניקעס אָדער האָטעל־אָנגעשטעלטע, און זיין אַ מיטגליד פֿון אַ פֿאַראיין און ניט טראָגן דעם פֿאַראיינס קאָלירן איז ניט מעגלעך. קיין פֿאַראיין דולדעט ניט אַזאַ מיטגליד.

קיין סטודענטישע קראַנקן־קאַסע ווי אין בערן איז דאָ ניטאָ, נאָר יעדער סטודענט צאָלט איין אַ געוויסע סומע און קריגט אַ צעטל אויף פֿיר וויזיטן ביי איינעם פֿון באַשטימטע דאָקטוירים, ווי אויך פֿאַר אַ געוויסער צייט ליגן אין שפּיטאָל.

די אינדיווידועלע אימאַטריקולאַציעס ביי די דעקאַנען, אין אָקטאָבער, זיינען נאָר דערוויילּיקע. די אָפֿיציעלע איז אַ קאָלעקטיווע. אַלע נייע סטו־דענטן מעלדן זיך דעמאָלט אין קאָנצעלאַריע פֿונעם רעקטאָר. יעדער גיט אים אַ האַנט — אַ תּקיעת־כּף — אָפּצוהיטן די געזעצן פֿון אוניווערזיטעט און אים געהאָרכן. נאָכדעם שרייבט זיך איין יעדער איינער מיט זיין אייגענער האַנטשריפֿט אין דעם מאַטריקל־בוך. נאָטירלעך קומט אויך פֿאַר ביי דער געלעגנהייט אַ גאָטעס־דינסט, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ סטודענטנשאַפֿט, וועמעס גרויסע מערהייט באַשטייט פֿון סעמינאַריסטן, וועלכע לערנען פֿאַר גלחים.

אָנשטאָט די דרייפֿוס־נייעס, וועלכע כ׳פֿלעג אויסשניידן פֿון די שווייצער ציטונגען פֿאַר שׂרה שפּרהן, שיק איך איר איצט נייעס וועגן דער מלחמה צווישן ענגלאַנד און די בורן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויף מאָרגן נאָך מיין אָנקומען אין פֿריבורג. מיין ווילנער גליד־שוועסטערקינד לאה גאָדעס, וועמעס טאַטע איז געפֿאַלן אין דער טערקיש־רוסישער מלחמה מיט 22 יאָר פֿריער, איז אומרואיק, וואָס איר מאַן, דער שלאָסער מאיר גאָדעס, אַרבעט אין יאָהאַנעסבורג. איך שרייב איר, אַז די העלדישע בורן קאָנען אַליין באַ־שטיין זייער שטעטל, און וועלן ניט שיקן קיין אויסלענדער פֿירן פֿאַר זיי מלחמה.

זינט ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די קורסן אין נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכן פֿאַ־קולטעט, פֿאָר איך יעדן פֿרימאָרגן מיט דעם טראַמוואַי צו דער נייער אוני־ווערזיטעט־געביידע אויסן־שטאָט, וואו ס׳געפֿינען זיך די לעקציע־זאַלן און די פּראַכטפֿולע, העכסט־מאָדערנע לאַבאָראַטאָריעס און אינסטיטוטן פֿון דעם נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכן פֿאַקולטעט. איך הער דאָרט לעקציעס און איך אַרבעט אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע יעדן טאָג. איך האָב אין דער לאַבאָראַטאָריע, אַ באַשטימטן פּלאַץ, אַ מין בופֿעט אויף וועלכן עס שטייט אַן אַלמער מיט פֿאַרשיידענע כעמישע מאַטעריאַלן. אויב ס׳פֿעלט מיר עפּעס אויס קאָן איך עס קריגן פֿון די אַלגעמיינע זאַפּאַסן. אויף מיין גרויסן טיש און אונטער אים אין באַזונדערע אַלמערס שטייען פֿאַרשיידענע כּלים, גלע־

זערנע, פאַרצעלייענע, מעטאַלענע, פאַר אַלערליי עקספּערימענטן. כ׳האָב דאָרט אויך פיילן, אַ שער, אַ שטשיפּצע, גאַז־ברענערס א. ד. גל. פאַראַן אויך אַלגעמיינע פּלעצער, וואו כ׳קאָן נעמען שטויסלען און טוקאַטשעס צו צעשטויסן מינעראַלן; עס זיינען אויך פאַראַן וואָגן און מאָסן און אַלע אַנדערע נויטיקע געצייג און מאַשינעריע. כ׳האָב אויך שטענדיק אויף מיין טיש אַ גלעזערנעם קרוג דיסטילירטע וואַסער, וואָס מיר באַנוצן אויך צום טרינקען. גלעזערנע רערן, און אַלערליי פאָרמען מאַך איך אַליין מיט דער הילף פון מיינע גאַז־ברענערס, וועלכע קאָנען דורך זייער שטאַרקער היץ מאַכן די רערן ווייך ווי וואַקס. איך באַנוץ זיך אויך דערביי מיט הילצערנע אָפּצווייגלעך, וועלכע דערלויבן מיר צו אָפּערירן מיט הייסע געגנשטאַנדן.

אין קאָרידאָר האָב איך אַן אַלמער פאַר מיינע קליידער, קיטל און האַנ־טעכער. אין לאַבאָראַטאָריע טראָג איך אַ ווייסן לייוונטענעם קיטל. איך באַנוץ אויך תמיד דריי האַנטעכער, פון וועלכע צוויי ליגן אין מיין בופעט: איינעם אַלס געפּעס־טיכל פאַר מיינע כלים און איינעם פאַר אַ טוך אָפּצו־ווישן ריין מיין בופעט, וועלכן כ׳האַלט זייער ציכטיק. דער דריטער הענגט אין מיין קליידער־אַלמער. איך באַנוץ אים אָפּצוטריקענען מיין פּנים און הענט נאָכן אַרומוואַשן זיך ריין, ווען כ׳בין פאַרטיק מיט מיין לאַבאָראַטאָ־ריע־אַרבעט.

פּראָפעסאָר ביסטשיטשקי, אונטער וועמעס השגחה עס געפינען זיך די כעמישע לאַבאָראַטאָריעס, שטעלט אַרויס מיין פּלאַץ פאַר אַ מוסטער, ווי אַזוי סטודענטן דאַרפן עס האַלטן. איין טאָג האָט ער צוגעפירט אַ שיינעם יונגן סטודענט, וועלכן ער האָט געגעבן אַ פּלאַץ לעבן מיר און צו אים אַזוי געזאָגט: פירשט וואָראָנעצקי, קוקט זיך צו ווי סטודענט מאַרמאָר האַלט זיין פּלאַץ. נעמט אים פאַר אייער מוסטער און האַלט אויך אייער פּלאַץ אַזוי ריין און ציכטיק. אַ וויַיל בין איך געוואָרן פאַרשעמט און אַרונטער־געלאָזן מיינע אויגן. באַלד אָבער האָב איך דערפילט אַ שטאַרקע פרייד, אַז כ׳האָב זוכה געווען צו אַ „קידוש השם״ פון מיין יידיש פאָלק. פוילישע פּריצים און שליאַכטיטשעס האָבן הונדערטער יאָרן באַליידיקט יידן און זיי אַרויסגעשטעלט פאַר אומריינע און אומציכטיקע. איצט ברענגט מען אַ פוילישן פירשט, אַ פּרינץ פון הויכן פוילישן אַדל, ער זאָל לערנען פון מיר, אַן איניקל פון דורות באַליידיקטע יידן אין ליטע און פוילן, ווי אַזוי זיך צו האַלטן ריין און ציכטיק...

פירשט אָדער פּרינץ וואָראָנעצקי איז צו מיר שטאַרק צוגעבונדן. ווען איך פאָר קיין בערן, באַגלייט ער מיך צום וואָקזאַל, געזעגנט זיך מיט מיר ווי מיט אַ ברודער, קושט מיך און האַלדזט מיך, אין דער געגנוואַרט פון פוילישע סטודענטן וועלכע ווייסן, אַז איך בין אַ זון פון אַ האָרעפּאַשנעם ליטווישן דאָרפס־ייִד.

פוילישע סטודענטן אין פריבורג זוכן אָפּצופרישן אין מיין זכרון די פוילישע שפּראַך וואָס איך האָב געהערט אין מיין קינדהייט אין מיין פוילישן דאָרף. זיי ברענגען מיר פוילישע ביכער פון אָרזשעשקאָוואַ, יונאַשאַ און קאָנאָפּניצקאַ מיט דערציילונגען פון יידישן לעבן. זיי זוכן אויך מיך אַריינ־צוציען אין זייערע אָרגאַניזאַציעס. דאָס וויל איך ניט, ווייל זיי זיינען צע־טיילט אין פאַרשיידענע זיך באַקעמפנדיקע גרופּירונגען און איך וויל צווישן זיי ניט זיין קיין צד. איך פאַרשרייב זיך אָבער אויף דער סעריע לעקציעס אין פּויליש וועגן פּוילישער ליטעראַטור, פון אַ פּוילישן פּראָפעסאָר, גע־האַלטן אין ליטעראַריש־פילאָסאָפישן פאַקולטעט. מיט איין פּוילישן סטו־דענט, גאָנדזשאַקעוויטש, ווער איך זייער אינטים. ער קומט אָפט צו מיר אויפן קוואַרטיר, אַליין אָדער מיט מיין חבר משה אווערבאַך פון סעבעזש און וויטעבסק. מיר שמועסן וועגן סאָציאַליסטישע פּראָגעס. ווען איך בין אַליין, בעט ער מיך אויך אים דערקלערן מיין מיינונג וועגן קריסטנטום. ער איז אַ קעגנער פון די „פּ. פּ. ס". זיין פּאַרטיי איז אַ ריין סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע, זי הייסט: „פּראָלעטאַריאַט". ער האַלט עס אין געהיים אפילו פון אַזוינע פּוילישע סטודענטן, וועלכע גיבן זיך אָן פאַר סאָציאַליסטן. מיר אַרבעטן אויס אַ טעזיס, אויף וועלכן מיר אייניקן זיך אַלע דריי — אווערבאַך, גאָנדזשאַקעוויטש און איך, — סיי וועגן אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם און סיי וועגן דעם ענטפער אויף די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען פון יידן, פּאָ־ליאַקן, ליטווינער און אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענע מדינות.

קאַפּיטל זיבן און אַכציק

אַ דעמאָנסטראַציע קעגן מיין פּראָפעסאָר פון כעמיע

אַ דעמאָנסטראַציע קעגן מיין פּראָפעסאָר פון כעמיע האָט אַרויסגערופן אַ מהומה צווישן די פּירער פון דעם פריבורגער אוניווערזיטעט. זיי באַ־שטראָפן אָבער קיינעם ניט דערפאַר, נאָר וועגדן־אָן מיטלען, אַז אָט די גע־שעעניש זאָל ניט ווערן באַקאַנט אין שטאָט.

אונדזערע פיר יידישע סטודענטן אין פריבורג, וועלכע שטודירן כעמיע, האָבן זיך ניט באַטייליקט אין אָט דער דעמאָנסטראַציע. מיר האָבן אויך ניט אַרויסגעוויזן קיין סימפּאַטיע פאַר אונדזער פּראָפעסאָר, א. באַומהאַוער, כאָטש מיר האָבן מיטגעפילט זיין צער.

פּראָפעסאָר באַומהאַוער, מיין לערער פון אומאָרגאַנישער כעמיע (די כעמיע פון מינעראַלן, מעטאַלן און בכלל — פון ניט־לעבעדיקע זאַכן), איז דער פרומסטער קאַטויליק צווישן די פּראָפעסאָרן פון דעם נאַטור־וויסנ־

שאַפטלעכן פאַקולטעט אין דעם אוניווערזיטעט פון פריבורג. ער איז אַהער געקומען פון אַ הויך־שולע אין קאַטוילישן בייערן, וואו ער האָט זיך אויסגע־צייכנט ווי אַ לערער און פּראָפעסער פון לערנביכער פון כעמיע און מינע־ראַלאָגיע. די קאַטוילישע קירך, די באַלעבאָסטע פון פריבורגער אוניווער־זיטעט, איז דאַרום געווען מער צופרידן פון אָט דעם באַשיידענעם בייערישן הויך־שול לערער, ווי פון די באַרימטע נאַטור־וויסנשאַפטלער, וועלכע זי האָט געלאָזט אַראָפּברענגען פון די אוניווערזיטעטן פון בערלין, ווין, פּאַ־ריז און אַנדערע קולטור־צענטערס.

ווי אויף צו להכעיס, אָבער, האָט גראָד אָט דער פרומער קאַטויליק אויפגערעגט קעגן זיך די פאַנאַטישע סעמינאַריסטן. די קירך האָט זיי דערמוטיקט צו נעמען אַ קורס אין כעמיע און טאַקע ביי דעם פרומען פּראָ־פעסאָר באַומהאַוער. ער מאַכט אָבער אויף זיי דעם איינדרוק פון אַן אפיקורס, און זיי פאַרלאָזן דעמאָנסטראַטיוו זיין לעקציע אין מיטן פון זיין רײדן.

דער מיטל־יאָריקער מילדער פּראָפעסאָר באַומהאַוער מיט דער שוואַרץ־גרויער באָרד איז געבליבן זיצן אָן לשון, ווען די עטלעכע צענדליק סעמי־נאַריסטן, אָנגעטאָן אין שוואַרצע זשופּיצעס, האָבן מיט פעסטע טריט אַרויסגעמאַרשירט פון זיין קלאַס. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער פאַרשטייט ניט, וואָס זיי האָבן צו אים. פאַר מיר, אָבער, אַ געוועזענער פרומער ישיבה־יינגל, איז געווען קלאָר די סיבה פון זייער אויפרעגונג און פאַרביטערונג גראָד קעגן אַזאַ לערער, וועלכן מ'האָט זיי פאַרגעשטעלט פאַר אַ אמת־פרומען.

זייער אַנטוישונג אין אים האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ טאָג פריער, ווען פּראָפעסאָר באַומהאַוער האָט אין זיין אַריינפיר צו זיין קורס פון כעמיע דערקלערט, אַז די וועלט באַשטייט פון איבער זיבעציק עלעמענטן, אין דער פאָרם פון מעטאַלן, מינעראַלן און גאַזן. עטלעכע סעמינאַריסטן זיינען אויפגעשפּרונגען פון זייערע פּלעצער און אויסגערופן בייז, אַז לויט די ווערק פון אַלבערטוס מאַגנוס, טאָמאַס דע אקווינא און אַנדערע קאַטוילישע אויטאָריטעטן, באַשטייט די וועלט פון בלויז פיר יסודות: פייער, לופט, וואַסער און ערד. דער מילדער באַומהאַוער האָט זיי צוגעזאָגט זיך מאָרגן צו פאַרברייטערן און פאַרענטפערן זייער פראַגע.

אויף מאָרגן האָט פּראָפעסאָר באַומהאַוער אָפּגעגעבן אַ סך צייט צו דערקלערן, אַז די חכמים פון די אַלטע דורות האָבן ניט געהאַט די מיטלען פון אונדזערע היינטיקע נאַטור־וויסנשאַפטלער אויסצופאָרשן די נאַטור. דערפאַר האָט אפילו אַריסטאָטל ניט געוואוסט, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון, אַז פייער איז ניט קיין עלעמענט, נאָר אַ דערשיינונג ווען באַזונ־דערע עלעמענטן פאַראייניקן זיך, און אַז די ערד, וואַסער און לופט באַשטייען פון איבער זיבעציק פאַרשיידענע עלעמענטן.

דעם פּראָפעסאָרס לאָגישע דערקלערונגען האָבן די קאַטוילישע סעמינאַריסטן ניט באַרואיקט. פאַרקערט, זיי זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער אויפגערעגט. דער רעזולטאַט איז געווען זייער פריער דערמאָנטע דעמאָנסטראַטיווע אַרויסמאַרשירונג פון דעם כעמישן לעקציע־זאַל. די געקרייציקטע פיגור פון זייער „פּרינץ פון פרידן", וואָס הענגט דאָ אין אַלע קלאַסן, האָט ניט אָפּגעשוואַכט זייער קריגערישן טעמפּעראַמענט.

אין די הויכע פענצטער פון דער קאַטוילישער קירך איז מען געווען שטאַרק אומצופרידן פון דער סעמינאַריסטישער דעמאָנסטראַציע. איינער פון זיי האָט מיר דערציילט, אַז מ'האָט זיי גערופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דעם יעזואיטישן ליציי. דאָרט זיינען זיי באַשולדיקט געוואָרן אין שעדיקן דעם פּרעסטיזש פון דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט, אין וועלכן די קאַטוילישע קירך איז שטאַרק פאַראינטערעסירט, ווייל זי וויל באַוויזן, אַז קאַטאָליציזם איז ניט קיין שום שטערונג צו נאַטור־וויסנשאַפט. די סעמינאַריסטן האָבן געמוזט אויף מאָרגן צוריקקומען און אים איבערבעטן. נאָכדעם אָבער האָט מען זיי ביסלעכווייז באַפרייט פון צו לערנען כעמיע קעגן זייער ווילן.

מיין באַדייטנדיקסטער לערער אין פריבורג איז פּראָפעסאָר ביסטדזשיצקי. ער איז דער הויפט פון דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע און האַלט אויך לעקציעס וועגן אַנאַליטישער כעמיע. אין זיינע לעקציעס אילוסטרירט ער פאַר אונדז די כעמישע טעאָריע דורך פּראַקטישע מיטלען און מאַכט דערביי אַלערליי עקספּערימענטן.

אַ טיפן איינדרוק מאַכט אויף מיר זיין עקספּערימענט צו אַנאַליזירן וואַסער: ניט אַזוי דאָס פאַנאַנדערטיילן עס אין „אָקסיגען" (זויער־שטאָף) און „הידראָגען" (וואַסער־שטאָף), ווי די הכנות דערצו. ער האָט אונדז געפרעגט: וואָס פאַר אַ שטאָף געפינט זיך אין דעם גלאָז אויף זיין עקספּערימענטן־טיש? מיר האָבן אַלע געענטפערט אין איין קול: „וואַסער!" פרעגט ער אונדז ווייטער: פון וואַנעט ווייסן מיר? און ער רעכנט אויס אַ צאָל אַנדערע פליסיקייטן, וועלכע זעען אויס ווי וואַסער. ערשט נאָכדעם ווי ער גיט אונדז איבער זייערע כאַראַקטעריסטיקס און פירט־דורך אַ גאַנצע רייע פּראָבעס צו באַשטעטיקן, אַז די פליסיקייט אינעם גלאָז באַשטייטווירקלעך פון ריינעם דיסטילירטן וואַסער, הויבט ער אָן מאַכן זיין אַנאַליטישן עקספּערימענט.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין געהילף, אַ יונגער דאָקטאָר־כעמיע, געפינט זיך תמיד אין אונדזער לאַבאָראַטאָריע, כאַפּט זיך אויך אָפּט אַריין פּראָפעסאָר ביסטדזשיצקי אַליין. ער קוקט זיך צו, ווי אַזוי יעדערער פון אונדז אַרבעט, פרעגט פראַגעס און גיט עצות. צו מיר איז ער באַזונדער

פריינטלעך. ער דערלויבט מיר צו אַרבעטן אין דער לאַבאָראַטאָריע נאָכדעם ווי אַלע אַנדערע גייען אַוועק. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז בײַ אים האָט שוין אַמאָל אַ ייִדישער סטודענט פון רוסלאַנד זיך פײַן אויסגעצייכנט אין שטודירן כעמיע און איז איצט אַ פּריוואַט־דאָצענט. איך האָב באַלד זיך משער געווען, אַז ער מיינט דר. חיים ווייצמאַן, און ער האָט עס צוגע־געבן. איך געפֿין אויך אויס שפּעטער אין ביבליאָטעק דר. ווייצמאַנס דיסער־טאַציע און זע איין, אַז עס דאַרף נעמען אַ היפּש ביסל יאָרן אויסצושטודירן כעמיע אַזוי גוט ווי ער, אפילו ווען מ׳זאָל זײַן פֿלייסיק און האָבן די נויטיקע פֿיִיִקייטן דערצו...

איך האַלט אויך אַ סך פון מײַן לערער פון פיזיק, פּראָפעסאָר פאָן קאָוואַלסקי. פינף שעה אַ וואָך הער איך זײַנע לעקציעס איבער עקספּערי־מענטאַלער פיזיק און פיר שעה אַרבעט איך אין זײַן פיזיקאַלישן אינסטי־טוט, וואו דער גוטמוטיקער פּריוואַט־דאָצענט דר. גאָקעל, אַ הויכער מאַן מיט אַ טונקל־ברוינער באָרד, לערנט אונדז ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט קאָמפּליצירטע פיזיקאַלישע מאַשינען, אַליין באַשטימען די גענויִקייט פון וואָגן און מאָסן, און פון אַנדער פיזיקאַלישער פּראַקטיק פאַר אָנפאַנגער. איך הער אויך פינף מאָל אַ וואָך די לעקציעס פון פּראָפעסאָר באָומהאָוער איבער אומאָרגאַנישער כעמיע, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אויך זײַנע לימודים פון מינעראַלאָגיע און קריסטאַלאָגראַפיע — ווי אַזוי צו דערקענען מינעראַלן און מעטאַלן לויט זייערע קריסטאַלן, ביים עקספּערימענטירן מיט זיי אין דער כעמיע. איך באַמי זיך אויך צו באַזוכן פיר שעה אַ וואָך פּראָפעסאָר זשיראַכס קלאַס פון געאָלאָגיע, וועגן באַשאַף און באַשטאַנד פון דער ערד, וואָס דאָס האָט אַ נאָענטע שייכות צו מײַנע לימודים וועגן דער אומאָרגאַנישער כעמיע, וועלכער איך גיב איצט אָפּ מײַן מערסטע צײַט. צוליב דעם לאָז איך אויך אויס פאַרלויפיק די לעקציעס פון פּראָפעסאָר וועסטערמאַיער איבער „אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע פון פלאַנצן" און פּראָ־פעסאָר קאַטארינערס „זאָאָלאָגישער קורס."

ניט געקוקט אויף מײַן שפּאָרזאַמקייט, פאַר איך אָפט צו קיין בערן זיך צו טרעפן מיט מײַנע פילע דאָרטיקע באַקאַנטע, מיט וועלכע איך אַרבעט צוזאַמען צו עפענען דעם אַקאַדעמיש־ייִדישן קלוב.

מיט באַזונדערער פריידפאַרברענג איך דאָרט פרייטיק־צו־נאַכטס, דעם 17־טן נאָוועמבער, ווען מיר דערעפענען אָפיציעל דעם ייִדישן קלוב אין אַן אייגענער היים. פאַרלויפיק געפינט זיך נאָך די מערהייט פון דער בערנער ייִדישער סטודענטנשאַפט אין דער רוסישער קאָלאָניע, און די צאָל סטודענטינס אין ייִדישן קלוב איז נאָך גאָר קליין. דאָך איז שוין ניטאָ בײַ מיר קיין ספק, אַז ביסלעכווייז וועט ער ווערן דער זאַמל־פּלאַץ פון דער

יידיש־פילנדיקער סטודענטנשאַפט. שוין דאָס אַליין, וואָס מ׳האָט דעם אוונט געלייענט יידישע ליטעראַטור (ש. ראָזענפעלד האָט פאָרגעלייענט פון י. ל. פרצעס שריפטן), האָלט איך פאַר אַ וויכטיקן אויפטו און אַ גוטן סימן אויף ווייטער. פון דער אַנדער זייט אָבער זאָג איך זיך ניט אָפּ אָנצו־נעמען די איינלאַדונגען פון גוטע פריינט אין בערן צו קומען אַהין פייערן מיט זיי איינעם אָדער ביידע ניי־יאָר יום־טובים (די רוסיש־יידישע סטו־דענטנשאַפט פייערט צוויי מאָל דעם ניט־יידישן ניי־יאָר, איינמאָל לויטן געוויינטלעכן (רוימיש־קאַטוילישן) קאַלענדאַר און נאָכאַמאָל, אַלס רוסן לויטן גריכיש־קאַטוילישן, אָדער פּראַוואָסלאַוונעם קאַלענדאַר.

מיינע עלטערן און מיינע באָבעס און זיידעס האָבן געוואוסט נאָר פונעם יידישן ניי־יאָר — ראש־השנה. די אַנדערע האָבן זיי באַטראַכט פאַר קריסט־לעכע חגאות (כאַגאָעס). דאָס איז געווען דער צוגאַנג פון אַלע אַנדערע יידן אין מיין סביבה, אפילו די, וועלכע האָבן געהערט צו דער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ווילנע. ראש־השנה איז געווען אַ יום־טוב אויך פאַר די רעוואָלוציאָנערע און ניט־פרומע אַרבעטער, אָבער דער ניט־יידישער ניי־יאָר — אַ געוויינלעכער אַרבעטסטאָג, ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. כ׳פיל זיך דעריבער ניט אין קיין יום־טובדיקער שטימונג, בפרט נאָך זייענדיק אין קאַטוילישן פריבורג, וואו דער דאָזיקער יום־טוב טראָגט אַ דורכאויס קריסטלעך־רעליגיעזן כאַראַקטער.

ווייניק יום־טובדיקייט רופן אויך ביי מיר אַרויס די איצטיקע דעקלאַ־ראַציעס און מאַניפעסטן פון דעם קאַטוילישן פאַפּסט און פראָטעסטאַנטישן קייזער צום יובל־יאָר 1900.

קיינער פון זיי גיט ניט די מינדסטע אָנצוהערעניש און קיינער דער־וואָרט ניט פון זיי קיין יובל, וואָס זאָל פּראָקלאַמירן פרייהייט אויף אונדזער ערד. מ׳רעדט אפילו ניט פון אַזאַ יובל, ווי דער אַלט־יידישער — איינמאָל אין פופציק יאָר, — וואָס האָט געזאָלט איינפירן פון דאָס ניי אַ גערעכטע צעטיילונג פון באָדן און באַפרייען די שקלאַפן פון זייערע הארן. דער פאַפּסט רופט לכבוד דעם יובל אַ נייעם קרייץ־צוג קעגן אומגלויביקע און דער דייטשישער קייזער פאַרלאַנגט נייע קריגשיפן און קאַנאָנען — אַלץ אַזוינע זאַכן, וואָס ביידע, דער פאַפּסט און דער קייזער, האָבן געפאָדערט אין דעם וואָכעדיקן 19־טן יאָרהונדערט.

דעם איינציקן יום־טוב, וואָס איך האָב געהאַט אינזינען צו פייערן אין דעם ערשטן חודש פון דעם אַזוי־גערופענעם יובל־יאָר, איז געווען דער דריי־יאָריקער יובילײ פון דעם בונד, וואָס שרה שפרה און איך האָבן גע־שלאָסן דעם 22־טן יאַנואַר, 1897, אין דער אַלעקסאָטער פאָרשטאָט פון קאָוונע. דער דאָזיקער יום־טוב איז אָבער היי־יאָר אונדז פאַרשטערט געוואָרן דורך דעם פריציטיקן טויט פון שרה שפרהס 16־יאָריקן ברודער

יחיאל, אַן ערלעכער האַרעפּאַשניק. כ׳האָב דעריבער מאַנטיק אָוונט, דעם 22טן יאַנואַר, 1900, פאַרבראַכט איינער אַליין אין מחשבות און מעדי־טאַציעס.

קאַפּיטל אַכט און אַכציק

שטעטל וויל וויסן, וואָס אַזוינס איך לערן אין פריבורג

שטעטל וויל וויסן, וואָס אַזוינס איך לערן אין פריבורג? זיי פרעגן דעם זיידן און ער וויים ניט וואָס צו ענטפערן. ווען כ׳האָב אין בערן שטו־דירט פילאָסאָפיע האָט קיינער אים קיין פראַגעס ניט געשטעלט. זינט אָבער איך האָב געשריבן, אַז איך שטודיר אין פריבורג כעמיע בעטן אים אַלע ער זאָל דערקלערן, וואָס דאָס מיינט? זיי פאַרשטייען גענוי, וואָס דאָס מיינט אויסשטודירן אויף דאָקטאָר־מעדיצין, אויף דענטיסט, אַדוואָקאַט אָדער אויף אינזשיניער, נאָר פון שטודירן כעמיע האָבן זיי וויניק אָדער גאָרניט געהערט. איך רעכן אויס דעם זיידן אַ צעטל זאַכן, וואָס ווערן פּראָ־דוצירט דורך כעמיע. כ׳גיב אים אויך עטלעכע ביישפּילן פון דעם פּאָפּו־לערן בוך „די כעמיע פון טעגלעכן לעבן״, צו קאָנען ענטפערן זיינע פראַגע־שטעלער. אים פּערזענלעך אָבער גיב איך דערביי אַזאַ מין שטיקל „דרוש״:

די חז״ל, אונדזערע פּאַרצייטיקע יידישע חכמים פון דער גמרא און די מדרשים, זאָגן, אַז דער אויבערשטער, פאַרנעמט זיך מיט „מזווג זיווגים״ זיין, דורכפירן שידוכים... נאָר ביים דאַוונען ״שחרית״ (דאָס מאָרגן־געבעט) לויבן יידן דעם אויבערשטן, אַז ער באַנייט שטענדיק, יעדן טאָג, די וועלט־באַשאַפונג *). דאָס איז אָבער ניט קיין סתירה. וואָרעם לויט דער וויסנשאַפט, וואָס הייסט כעמיע, באַשטייט די וועלט פון איבער זי־בעציק יסודות (עלעמענטן), וועלכן האַלטן זי אויף דורך זייערע „זיווגים״, אָדער „שידוכים״, וואָס פאַרבינדט זיי צוזאַמען. למשל, אַ דאַנק דעם וואָס דער יסוד, וועלכער הייסט זויערשטאָף האַלט זיך פעסט מיט זיין זיווג וואַ־סערשטאָף האָבן מיר וואַסער: ברונימער, קרעניצעס (קוואַלן), סאַזשלקעס, אָזיערעס, טייכן און ימען. אויף אַט אַזאַ אופן האַלט זיך אויף די גאַנצע וועלט: די ערד, די לופט, די פלאַנצן און די לעבעדיקע באַשעפענישן. אויב אָט די זיווגים זאָלן זיך ניט האַלטן צוזאַמען, וואָלט די וועלט זיך אומ־קערן צוריק צו „תהו ובהו״ (טויהו־וואָוואויהו)...

די וואָס שטודירן כעמיע זעען עס יעדן טאָג דורך זייער אַרבעט אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע, וואו זיי פאַרנעמען זיך מיט „מזווג זיין״ פאַר־

---

*) „המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית.״

שיידענע יסודות און פּראָוון אויס יעדן יסוד צו וועלכן אַנדערן איז ער „גענייגט" און מיט וועמען ער קאָן זיך האַלטן צוזאַמען. איך פֿיל זיך דע־ריבער אין לאַבאָראַטאָריע ווי אַ כּהן אין בית־המקדש, און כ'באַטראַכט פאַר „בגדי כהונה" די קיטלען, וועלכע מיר טראָגן דאָרט ביים מאַכן אָט די עקספּערימענטן.

מיין חבר משה אוערבאַך פון סעבעזש, וויטעבסק, און איך, האַלטן אַפּ אַ באַראַטונג, וואָס מיר זאָלן טאָן כדי צו ראַטעווען פון אונטערגאַנג אונדזערן אַן עלטערן קאָלעגע, אַ סטודענט־כעמיע אין ציריכער אוניווערזיטעט. דער דאָזיקער מיטליאָריקער סטודענט, ישראל בערלין, פון סעבעזש, איז איינער פון די אויסערגעוויינלעך־פּיִאיקע יידישע עילוים. ער איז צוגלייך אַ שפּראַכן־קענער און אַ נאַטור־וויסנשאַפטלער. ער געדענקט אויף אויס־ווייניק די קאָמפּליצירטסטע פאָרמולעס פון אַטאָמישע צוזאַמענזעצונגען אין דער כעמיע. ווען זיין פּראָפעסאָר פון אָרגאַנישער כעמיע אין דער ציריכער אוניווערזיטעט פאַרגעסט אַמאָל מיטצונעמען זיינע נאָטיצן און געדענקט ניט אויסווייניק וועלכע ס'איז כעמישע פאָרמולע, פרעגט ער עס ביי אים און ער, ישראל בערלין, שרייבט עס גלייך אויף אויפן טאָוול, און מאַכט דערביי קיינמאָל ניט דעם מינדסטן טעות. ישראל בערלין האָט אין אַנהויב פון די ניינציקער יאָרן פאַרעפנטלעכט אַ ביכל שירים אין העברייאיש און עטלעכע יאָר שפּעטער אַ בראָשור, אין דייטש, וועגן שאַפן אַ יידישע מדינה אין ארץ ישראל. ביידע ביכלעך אונטערן נאָמען „ישראל איש בערלין."

די מלחמה צווישן ענגלאַנד און די בורן האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ מרה־שחורה. ער האַלט זיך פאַר דעם הויפּט־שולדיקן אין אָט דער בלוט־פאַרגיסונג. ער דערקלערט עס אַזוי:

זינט יאָרן ברענגט ער אַרויס מינדלעך און שריפטלעך אַלערליי אידייען וועגן מענטשן און פעלקער. דעם קרעדיט פאַר אָט די אידייען קריגן אַלע־מאָל אַנדערע. אַלס דעם באַדייטנדיקסטן ביישפּיל דערפאַר דערמאָנט ער זיין דייטשיש ביכל וועגן אַ יידישער מדינה *). דאָס ביכל האָט ניט גע־מאַכט קיין שום אויפזען. ווען דר. הערצל פאַרעפנטלעכט אָבער דעם פּלאַן פון אַ יידישער מדינה, שטורעמט עס אויף די וועלט. ס'זיינען שוין פאַרגע־

*) אָט דאָס ביכל איז אין מיין ביבליאָטעק געווען געבונדן צוזאַמען מיטן „כינור נעים" — אַ זאַמלונג פון העברייאישע שירים אַרויסגעגעבן פונעם וואַרשעווער פאַרלאַג „תושיה". כ'האָב עס אַנטליען פרץ הירשביינען פאַר זיינער אַ לעקציע אין 1913—1914, אין שיקאַגאָ, וועגן דער העברייאי־שער פּאָעזיע, און ער האָט עס פאַרלאָרן. צי עס געפינט זיך וואו אַ צוויי־טער עקזעמפּלאַר פון בערלינס ביכל איז מיר ניט באַקאַנט.

קומען דריי קאָנגרעסן צו פאַרווירקלעכן אָט די אידייע. קיינער דערמאָנט אָבער כלל ניט זיין ביכל וועגן אָט דער אידייע. אַזוי ווי דאָס איז אָבער נאָר אַ פראַגע פון כבוד און אָנערקענונג איז ער מוחל זיין כבוד און פאַרגינט דר. הערצלען די בכורה... דערוואָרבן. גאָר אַנדערש אָבער פילט ער וועגן זיין געדאַנק, וואָס די ענגלישע אימפעריע האָט פון אים איבערגענומען. די מעשה, זאָגט ער, איז אַזוי געווען. אַלס קענער פון שפּראַכן פלעגט ער יעדן זומער, אין דער צייט פון קאַניקולן, אָנגעמען אַ שטעלע אַרומצופירן און באַגלייטן הויך־אָנגעזעענע ענגלישע טוריסטן. ער פלעגט דערביי שמועסן מיט זיי וועגן פאַרשיידענע פּאָליטישע ענינים. אין איינעם אַזאַ שמועס האָט ער דערקלערט פאַר זיי דעם געדאַנק, ווי אַזוי אַפריקע קאָן ווערן הויך אַנטוויקלט טעכניש און קולטורעל דורך אַ נעץ אייזנבאַנען, וועלכע זאָלן זיך ציען פון מצרים אין צפון ביז קעיפּטאָון אין דרום. צווישן זיינע צוהערער איז אויך געווען דער ענגלישער מיניסטער דזשאָזעף טשעמבערלעין, וועלכער זוכט איצט דורכצופירן דעם דאָזיקן פּלאַן דורך צעשטערן די בורן־רעפּובליק, וועלכע געפינט זיך אויף דער דאָזיקער ליניע. יעדעס מאָל, ווען ישראל בערלין לייענט די נייעס וועגן דער מלחמה, ברעכט זיין האַרץ. ער פילט, אַז ער האָט עס געבראַכט דערצו...

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אַווערבאַך זאָל שרייבן אַ בריוו אַהיים, קיין סעבעזש, און אויסווירקן, אַז די משפחה בערלין זאָל באַוועגן איר ישראל צו קומען אַהין צו גאַסט. נאָכדעם זאָל מען אים פון דאָרט אָוועקשיקן קיין אַמעריקע, אָנצוהויבן אַ נייעם לעבן אין אַנדער טייל וועלט *).

צוויי יידישע סטודענטן, אַווערבאַך און מאַרמאָר, און איין פּוילישער, קאַנדזשאַקעוויטש, האָבן, ווי שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל דערמאָנט, אויסגעאַרבעט דעם ווינטער (1899—1900) אַ טעזיס וועגן דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פראַגע. קאַנדזשאַקעוויטש, אַ מיטגליד פון דער פּוילישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט", איז קעגן דער „פּ. פּ. ס.", וועלכע ער האַלט פאַר מער נאַציאָנאַליסטישע ווי סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. ער איז אָבער מיט אונדז, יידישע סאָציאַליסטן, איינשטימיק, אַז דער סאָציאַליזם מוז אויך געבן אַן ענטפער אויף דער נאַציאָנאַלער פראַגע פון יענע פעלקער, וועלכע האָבן ניט קיין אייגענע מדינות און זייערע אַרבעטער ווערן טאָפּלט אונ־טערדריקט.

---

*) אין אַמעריקע האָט ישראל איש בערלין פאַרעפנטלעכט אַ בעלע־טריסטיש ביכל מיטן נאָמען „משה דער טרעגער" (ניו־יאָרק, 1901). שפּע־טער גיט ער דאָרט אַרויס אַ צייטשריפט: „די ווינסנשאַפט" — אַ זשורנאַל פאַר דאָס פאָלק, דערשיינט מאָנאַטלעך. י. בערלין אַרויסגעבער" (ניו־יאָרק, 1904).

אונדזער טעזיס, געשריבן אין דייטש, פון וועלכן כ'האָב אויך געמאַכט אַ קאַפּיע אין העברייאיש, באַשטייט פון 10 פּונקטן, און לייענט זיך אַזוי:

1. מיר זיינען בטוח, אַז די מענטשהייט פּראָגרעסירט כסדר און קיין שום קונצן קאָנען ניט אָפּשטעלן איר פּראָגרעס.

אָנמערקונג: פּראָגרעס רופן מיר אַן דאָס שטרעבן צום גליק פון דער מענטשהייט.

2. פאַרן טרעגער און ווירקלעכן קעמפער פאַר אָט דער אידייע אָנער־קענען מיר איצט איינציק און אַליין דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז עקאָנאָמיש פאַראינטערעסירט אין איר פאַרווירקלעכונג.

אָנמערקונג: אַלס פּראָלעטאַריער באַטראַכטן מיר יענע מענטשן, וועלכע ווערן עקספּלואַטירט און האָבן ניט די מעגלעכקייט אַנדערע צו עקספּלואַטירן.

3. די יוסטיץ (דאָס געזעץ), די רעליגיאָן, מאָראַל (עטיק), זיטלעכקייט א. ד. גל. קלינגענדיקע פראַזן פון דער איצטיקער געזעלשאַפטלעכער אומ־אָרדענונג, באַטראַכטן מיר פאַר ניט־אָנשטענדיקע קליינלעכע מיטלען, מיט וועלכע די רעאַקציאָנערן האַלטן מלחמה קעגן די פּראָלעטאַריער.

אָנמערקונג: אַלס רעאַקציאָנערן באַטראַכטן מיר די אַלע, וועלכע העלפן דער איצטיקער אומאָרדענונג אין דער געזעלשאַפט, אַפילו ווען זיי ריידן זייער שיין וועגן פּראָגרעס.

4. די עקספּערימענטאַלע וויסנשאַפטן אַן און פאַר זיך אָנערקענען מיר פאַר רעוואָלוציאָנער.

5. פון אַלע איצטיקע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס סימפּאַטיזירן מיר נאָר מיט די אָרגאַניזאַציעס פון ציל־באַוואוסטע פּראָלעטאַריער, וואָס, ערשטנס, קעמפן זיי פּאָליטיש און עקאָנאָמיש ניט ווי אַ סעקטע, נאָר ווי אַ צוקונפטיקע רעגירונגס־מאַכט, און בעת זיי פליסן זיך איבערצונעמען ביס־לעכווייז די מלוכה אין זייערע הענט, בלייבן זיי דאָך טריי זייער רעוואָלוצי־אָנערן קאַמף קעגן דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכער אומאָרדענונג; און, צווייטנס, אַזעלכע, וואָס קעמפנדיק פאַר דער צוקונפט, באַשיצן זיי צוגלייך אַלע טריט פאָראויס, וועלכע זיינען ביז היינט געמאַכט געוואָרן אויפן וועג צו באַפרייען די מענטשהייט.

6. צום גליק פון דער מענטשהייט און אויך צוליב עקאָנאָמישע נויט־ווענדיקייטן האַלטן מיר פאַר וויכטיק די אייניקייט פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער, כדי צו פירן צוזאַמען דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף.

7. פונקט ווי מיר אָנערקענען מענטשלעכע פרייהייט פאַר יעדן מענטשן, אַזוי אָנערקענען מיר נאַציאָנאַלע פרייהייט פאַר יעדער נאַציע.

אָנמערקונג א. אַלס מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע פרייהייט באַטראַכטן מיר דאָס פאַרבעסערן און אַנטוויקלען די סוביעקטיווע אייגנשאַפטן אויפן

אייגענעם חשבון, אַזוי לאַנג ווי זיי שאַדן ניט אַנדערע מענטשן אָדער אַנדע־רע נאַציאָנען.

אַנמערקונג ב. מיר נעמען אויך אַריין די אמונות אינעם כלל פון סוב־יעקטיווע אייגנשאַפטן.

8. ס׳איז פאַר אונדז קלאָר, אַז דאָס יידישע פאָלק דורך זיין אויסערגע־וויינלעכער אָפּשטאַמונג און אויסנאַמיקער שטעלונג וואָס עס פאַרנעמט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, איז אַ זעלבסשטענדיקע נאַציע און האָט דאָס רעכט, פונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנען, אַליין צו באַשטימען איר צוקונפט.

9. אַלס נאָענטן ציל פאַרן יידישן פאָלק באַטראַכטן מיר: א) אַנטוויק־לונג פון פיזישער און גייסטיקער מאָדערנער קולטור. ב) אַנטוויקלען צווישן די יידישע מאַסן אין אַלע לענדער דאָס באַוואוסטזיין, אַז זיי אַלע האָבן גע־מיינשאַפטלעכע ספּעציעלע אינטערעסן.

10. מיר זיינען אויך פריינטלעך צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַזוי לאַנג ווי זי העלפט דורכפירן אונדזערע פאָדערונגען פון פונקט 8, אַנמערקונגען א. און ב. און אויך וויפל זי שטייט ניט אין וועג פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט און זיין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן זיינע עקספּלואַטאַטאָרס.

קאַפּיטל ניין און אַכציק

איך בלייב איין יידישער סטודענט אין פריבורג

איך בלייב איין יידישער סטודענט אין פריבורג. די אַנדערע דריי פאַר־לאָזן דעם פריבורגער אוניווערזיטעט נאָך פאַרן סוף פונעם ווינטער־סע־מעסטער דעם 30־טן מערץ, 1900. דער ערשטער אַוועקצופאָרן פון דאַנען איז געווען מיין חבר משה אווערבאַך, מיט וועמען איך פלעג אין אָוונט, ביי מיר אויפן קוואַרטיר, שטודירן צוזאַמען די לערנביכער פון כעמיע און פיזיק. כ׳האָב דורך אים געשיקט שלח־מנות (שאָלעכמאָנעס) מיין באָבען און זיידן, ער זאָל זיי עס צושטעלן אין דעם טאָג פון פורים, דעם 15־טן מערץ, ווען ער וועט אויך זיין אַהיים זיין אין ווילנע. שרה שפרה און איך האָבן געפּלאַנט, אַז איר שלח־מנות פון קאָוונע און מיינער פון פריבורג, זאָלן צו זיי אָנקומען אין סאַמע פורים־טאָג.

מיט די אַנדערע צוויי יידישע סטודענטן, זכות און שאַכער, בין איך געווען פון וויטן, כאָטש זייערע פּלעצער אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע זיינען געווען נאָענט פון מיינעם. מענדל זכות פון קרייצבורג האָט זיך אויסערלעך געהאַלטן ריין. מיר איז אָבער געווען שווער צו פאַרטראָגן

זיינע איבערגעטריבענע שבחים אויף די גבירישע פילאַנטראָפּן. שאַכערס אָפּגעלאָזנקייט האָט מיך ניט ווייניקער שאָקירט, נאָר זיין נויט צווינגט מיך אָפּטמאָל אַנצונעמען זיך זיין קריוודע. למשל, ער פאַרלאָזט זיין קוואַרטיר, ווייל ער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן זיין הויזווירט. שפּעטער, ווען ער קריגט אַריין אַביסל געלט, האָט ער מורא צו גיין אַהין באַצאָלן דעם חוב און אָפּנעמען זיינע זאַכן. ער גלויבט, אַז דער וואַלד־גזלן, ווי ער רופט אָן זיין הויזווירט, און זיין טעכטערל די מערדערקע וועלן אים דערשלאָגן... באַגלייט איך אים אַהין און דערזע דאָרט אַן אָרעמען שווייצער האָרעפּאָשניק, אויסגעמוטשעט פון שווערער אַרבעט, הויט און ביינער, כאָטש נאָך יונג. איך געפין אויס, אַז דער אָרעמער הונגער־ליידנדיקער שאַכער האָט קעגן אים אַרויסגעוויזן אַ היפּש ביסל חוצפּה, האָט יענער געגלויבט, אַז זיין קוואַרטיראַנט איז אַן עכטער בורזשוק און האָט אויסגעלאָזט צו אים זיין פאַרביטערט האַרץ. דאָך געלינגט מיר צו מאַכן שלום צווישן די ביידע קריגערישע פּראָלעטאַריער. דאָס מוטיקע טעכטערל באַוויליקט אויפצושרייבן אַ קבלה, אַז דער סטודענט שאַכער האָט באַצאָלט איר טאַטן דעם חוב. שאַכער און איך נעמען תיכף זיינע זאַכן און טראָגן זיי אַוועק אויף דער נייער קוואַרטיר. פון גרויס שמחה איז שאַכער מסכים מיט מיר, אַז מ'קאָן אַמאָל מיט גוטן מער פועלן ווי מיט בייזן.

צוליב זיין אָפּגעלאָזנקייט פלעגט שאַכער צייטנווייז ליידן הונגער. למשל, זיינע עלטערן פלעגן אים שיקן געלט „פּאָסט־רעסטאַנט", וואָס מען דאַרף אַליין קומען אָפּנעמען, פלעגט ער עס פאַרגעסן. צום גליק האָבן זיי אים געשריבן אַ פּאָסט־קאַרטל אויף מיין אַדרעס, אַז זיי ווייסן ניט וואָס איבערצוטראַכטן למאי ער ענטפערט זיי ניט, צי ער האָט דערהאַלטן דאָס געלט, וואָס זיי האָבן אים געשיקט. איך פועל ביי אים ער זאָל גיין נאָכפרעגן אויף פּאָסטעט, און ער טוט מיר די טובה, גייט צו אַהין און געפינט טאַקע אויס, אַז שוין עטלעכע וואָכן ווי דאָרט ליגט פאַר אים גרייט אַ געוויסע סומע געלט.

זייענדיק איצט אַיין יידישער סטודענט אין פריבורג בענק איך שטאַרק נאָך יידן און יידישקייט. כאַפּ איך זיך אַמאָל אַריין אינעם קליינעם יידישן טעמפּל פון די רייכע עלזאַסער אָקסן־הענדלער, וואו דער בעל־תפילה, בעל־דרשן און שמש איז זייער לאַנדסמאַן, ה' באַנדי. איך פיל זיך דאָרט אָבער פרעמד, כאָטש אַלע זיינען דאָרט זייער פריינטלעך צו מיר. נעענטער איז מיר דער יידישער אָפּטייל אין דער אַלטער ביבליאָטעק פון אַמאָליקן יעזואַיטישן ליצייִ, ניט געקוקט אויף דער שטיקנדיקער אַטמאָספערע דאָרט. איך בלעטער דאָרט גמרות און מדרשים פון אַלט־יידישע דרוקן. איך לערן זיי שווייגנדיק, נאָר מיין האַרץ זינגט זיי מיטן ניגון פון ווילנער אַלטן קלויז און פון דעם ווילנער גאונס קלויז...

אַמאָל פֿאַרבלאָנדזשעט איך אין דער קליינער פּראָטעסטאַנטישער קירך. מיר דוכט, אַז די מענטשן דאָרט טוען תּפֿילה מיטן גאַנצן האַרצן. זייער זינגען או זאָגן תּהילים קלינגט מיר אויפֿריכטיק, און זייער פֿרומקייט — עכט. זייער פּאַסטאָר קלאָגט אין זיין דרשה, אַז די קאַטוילישע באַלעבאַטים פֿון פֿריבורג, טוען זיי אָן אַלערליי נגישות און זיי פֿילן זיך דאָ ווי פֿרעמדע. ער דערקלערט, אַז זייער געלייטערטע פּראָטעסטאַנטיש־רעפֿאָרמירטע אמונה איז אויסגעריניקט פֿון יעדן שפּור פֿון געצנדינסט און זי ווערט טאַקע דערפֿאַר פֿאַרפֿאָלגט פֿון די „געצנדינער.”

אָפּטער קום איך אַריין אינעם קאַטוילישן קאַטעדראַל. די צערעמאָניעס, שפּיל און געזאַנג, תּפֿילות און דרשות, וואָס געוויסע מאָנאַכן זאָגן כּמעט מיט דעם זעלביקן ניגון ווי מגידים, דערמאָנען מיר אין דער אַלט־יידישער סינאַגאָגע, פֿון וואַנען די קאַטוילישע קירך האָט זיי איבערגענומען און דורכגעמישט מיט געצנדינערישע עלעמענטן. איך שטעל זיך דאָרט געווינלעך ביי דער טיר, וואו כ׳קאָן בלייבן שטיין אויף מיינע פֿיס, אָדער אַרויסגיין אין קאָרידאָר, ווען דער עולם פֿאַלט כּורעים ביים מוסף, ווי איך רוף אָן זייער „מעסע” (הייליקסטע תּפֿילה) אין אַ זונטיק אָדער אין אַ „חגא”. מיך אַרט ניט צו נעמען פֿון דער האַנט פֿון זייער שמש דעם טעלער מיט דעם „הייליקן ברויט”, און אָוועקלייגן דאָרט אַ מטבעה. נאָר אויף קיין פֿאַל קאָן איך ניט, און וויל ניט, קניען פֿאַר אַ געץ, בפֿרט נאָך פֿאַרן „יויזל”, וועמעס געשטאַלט און נאָמען דערמאָנען מיר די בלוטדורשטיקע קרייץ־פֿאָרער, די סאַדיסטישע אינקוויזיטאָרן, און די אַלע אַנדערע קריסטלעכע פּאָגראָמשטשיקעס, פֿייניקער און שענדער פֿון מיינע יידישע שוועסטער און ברידער.

מיר איז אָבער ליב צו הערן דאָס שפּילן פֿון דעם אויסערגעוויינלעכן מיטלאַלטערלעכן אָרגל אינעם פֿריבורגער קאַטעדראַל. כ׳בין באַקאַנט מיט זיין אָרגאַניסט. ער זאָגט מיר אין מיטן וואָך, וואָס פֿאַר אַ מוזיק ער וועט זונטיק שפּילן. ער לאַדט מיך אויך איין צו זיינע רעפּעטיציעס און צו די קאָנצערטן, וועלכע ער גיט־אָפּ פֿאַר געהויבענע געסט און טוריסטן, וואָס קומען פֿון ווייטע לענדער הערן שפּילן דעם אומפֿאַרגלייכלעכן פֿריבורגער אָרגל.

אין דעם אָפּטייל פֿאַר פּרעסע אינעם בערנער אוניווערזיטעט האָבן זיך געפֿונען אַלע ליבעראַלע און פֿרייזיניקע ציַיטונגען פֿון אייראָפּע: „בערלינער טאַגעבלאַט”, „ווינער נייע פֿרייע פּרעסע”, „מינכענער נייעסטע נאַכריכטן”, „פּאָסישע ציַיטונג” א. ד. גל., ווי אויך אַלע באַדייטנדיקע זשורנאַלן פֿאַר ליטעראַטור און קונסט. אָבער אַנשטאָט יענע, געפֿינען זיך אינעם פּרעסע־אָפּטייל פֿון פֿריבורגער אוניווערזיטעט אַלע קאַטוילישע ציי־

טונגען און יעזואיטישע זשורנאַלן. קריג איך פּריוואַט דעם בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „פאָרווערטס“ און די ווינער „אַרבעטער צייטונג“, ווי אויך די סאָציאַליסטישע זשורנאַלן „נייע צייט“ פון שטוטגאַרט און „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטע“ פון ווין. כ׳לאָז אויך ניט דורך קיין רעד־נער אין היגן אַרבעטער־לאָקאַל, וואו ס׳קומען אויך אַמאָל אַראָפּ סאָציאַ־ליסטישע גדולים באַזונדערס פון קאַטוילישן עסטרייך. געווען אויך דאָרט דער אַלטער עסטרייכישער סאָציאַליסט ערנערסטראָפער, וועלכער האָט אויסערגעוויינלעך שאַרף צעגלידערט די רעאַקציאָנערע סאָציאַלע און נאַ־ציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער עסטרייכישער מלוכה און פון איר הערשנדיקן קלאַס בכלל.

דער פּלאַן אויסצולאָזן דעם זומער־סעמעסטער איז ניט מיינער און ניט שרה שפרהס. דאָס ווערט פּראַקטיצירט פון אַ היפּשן טייל פון דער רוסיש־יידישער סטודענטנשאַפט אין אויסלאַנד. דאָס איז אַן אויסגעפּרובירט מיטל אינעם קורצן זומער־סעמעסטער איינצושפּאָרן אויסגאַבן און צוגלייך פאַר־בעסערן די מעגלעכקייטן אויפצוטאָן מער אינעם לאַנגן ווינטער־סעמעסטער.

אַזוי ווי מיין מאַטעריעלע לאַגע איז אין ווינטער פון 1899—1900 גע־וואָרן שווערער, האָב איך מיט שרה שפרהן זיך צונויפגעשריבן וועגן אויס־לאָזן דעם זומער־סעמעסטער. צוערשט בין איך געווען קעגן, ווייל די 16 יאָר, וואָס כ׳האָב געלערנט אין חדרים, ישיבות און בתי־מדרשים, און גע־אַרבעט אין טאָקערשע וואַרשטאַטן מאַכן מיך אַ סך הינטערשטעליק לגבי יענע סטודענטן, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען די פאָלקס־שול, גימנאַזיע און אוניווערזיטעט אָן שום אָפּנייגונגען און שטערונגען. איך בין אַריין אין מיין ערשטן סעמעסטער צו כעמיע אינעם עלטער פון 23 יאָר און זיי — צו 17 יאָר. אין מיין עלטער זיינען זיי שוין דאָס רוב געענדיקטע כעמיקער און פאַרנעמען שטעלעס פון פּריוואַט־דאָצענטן, אָדער פון פאַרוואַלטער אין כעמישע פאַבריקן. אויב איך לאָז אויס דעם זומער־סעמעסטער, וועל איך אין האַרבסט 1900, אינעם עלטער פון 24 יאָר, האָבן נאָר דאָס וויסן און דעם דערפאָלג פון בלויז איין האַלב יאָר שטודירן כעמיע, וואָס דער דורכ־שניטלעכער סטודענט האָט שוין דאָס דערגרייכט אינעם עלטער פון 17 אָדער 18 יאָר. כ׳טאָר זיך דעריבער ניט אָפּשטעלן אַ רגע אין מיין לערנען. כ׳מוז כסדר יאָגן זיך ווייטער...

איינזעענדיק אָבער, אַז איך שטיי שוין באַלד ביים שייד־וועג וואו כ׳וועל דאַרפן אַנטשיידן, צי דערהאַלטן דאָס לעבן אָדער דעם שטודיום, און וועל מעגלעך סיי ווי מוזן אַ ווײַלע אונטערברעכען מיין לערנען, האָב איך מסכים געווען צו פאָרן אויף זומער קיין קאָוונע.

דאָ, אין פריבורג, איז איצט, אין מערץ 1900, שוין פרילינג. כ׳גיי

אַרום אַן אַ פֿאַלטאָ און וועל מסתמא שוין באַלד אויך מוזן אויסטאָן מייך לייב־קאַפּטל. די זון שיינט און וואַרעמט, און די נאָענטע יורא־בערג מיט זייערע שניי־פֿעלדער בלישטשען ווי קרישטאָלן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועל איך זיך שוין דאַרפֿן גרייטן אין וועג אַריין קיין רוסלאַנד. איך פּלאַן צו פֿאָרן איבער עסטרייך, זיין אין טיראָל, גאַליציע און פּוילן, באַזוכן מיינע קרובים אין וואַרשע און פֿון דאָרט קומען אויף פּסח קיין ווילנע און מיישע־גאָלע, וואו כ׳דערוואַרט צו זיין צו די סדרים ביי מיין מאַמעס עלטערן, צוזאַמען מיט שרה שפּרהן, וועלכע זאָגט צו מיך דאָרט אָפּצוואַרטן און נאָכדעם, ווי מיר וועלן באַזוכן מיין טאַטן און שוועסטער און נאָענטע קרובים אין ווילנע, וועלן מיר ביידע פֿאָרן קיין קאָוונע וואו כ׳וועל פֿאַרברענגען דעם זומער און שטודירן פֿאַר־זיך מיינע לערנביכער אויף די אַלעקסאָטער בערג. מיר דערוואַרטן, אַז כ׳זאָל דאָרט זיך גוט אויסרוען און אין אָקטאָבער קאָנען פֿאָרן צוריק קיין פֿריבורג, דערפֿרישט און צוגעגרייט צו מיינע ווייטערע לימודים.

קאַפּיטל ניינציק

„היט זיך אויס פֿון געפֿאַר!"

„היט זיך אויס פֿון געפֿאַר!", וואָרנט מיך שרה שפּרה. זי טוט עס אונטער דער ווירקונג פֿון דער אַלעקסאָטער משפּחה רייבמאַן, וועלכע גלויבט, אַז איר איידעם בן־ציון סערדאַצקי *), אַן איינבינדער, געהערט צו דער געהיימער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און די משפּחה שרעקט זיך פֿאַר אַן אומגליק... איך באַרויִק שרה שפּרהן דורך שילדערן די „הייליקע" סביבה אינעם קאַטוילישן פֿריבורג, וואו אין אַלע לערן־אַנ־שטאַלטן הענגט אויף די ווענט די פֿיגור פֿון דעם „געקרייציקטן יידן יעזוס קריסטוס". איך דערצייל איר אַ היגע פּאַסירונג: מיינער אַ נאָענטער פֿריינט, דער סטודענט־טעכנאָלאָג אַלעקסאַנדער ראַבינאָוויטש, וועלכער שטודירט אין דער נאָענטער שטאָט ביעל, האָט אַנומלט, קומענדיק אַהער צוגאַסט, געפֿרעגט אַ פֿריבורגער איינוואוינער, וואו געפֿינט זיך דאָ אַ פֿאָלקס־קיך, האָט יענער געמיינט אַז ער הערט „פֿאָלקס קירך" און אים צוגעפֿירט צו אַ קלויסטער... אין אַזאַ אַטמאָספֿערע איז ניט מעגלעך צו באַגיין אַן אַקט, וואָס זאָל ווערן געפֿערלעך פֿאַרן צאַרס אַן אונטערטאַן.

---

*) דער מאַן פֿון דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער שריפֿטשטעל־לערין, יענטע סערדאַצקי.

כ׳זאָג אָבער ניט צו, צו פאָלגן איר עצה: „פיר נימאַנדען", „בעהיטע גאָט, קיין זינדער בלייבן". ווייל, אַלס ייד בין איך אומעטום אַ „זינדער". אַלס „מתנגד" (קעגנער פון חסידות) בין איך אַ זינדיקער פאַר די חסידים, און ווי אַ פריידענקער — ביי אַלע פרומע לייט בכלל. כ׳בין געווען און בלייב דאַרום אַ „זינדיקער"... ס׳איז מיר אויך ניט מעגלעך „איבעראַל ריין זיין", ווי זי ווינטשט. וואָרעם כ׳וועל זיך קיינמאָל ניט רייניקן דורך טויף־וואַסער און אויך קיינמאָל ניט קאָנען גלויבן אין אַ חסידישן רבין, אָדער אויפהערן צו דענקען פריי... אַן אוממעגלעכקייט איז אויך פאַר מיר די פּראַקטיש־קייט: „קיינעמס קריוודע ניט אָנצונעמען זיך". ערשטנס, האָבן מיינע לערער, אונדזערע יידישע נביאים פון אמת און גערעכטיקייט, געלערנט און פּראַקטיצירט דעם היפּוך דערפון. צווייטנס, ווייל „כל ישראל ערבים זה בזה" (אַלע יידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן צווייטן), און דאָס לייגט אויף אונדז אַרויף דעם חוב אָנצונעמען זיך איינער דעם אַנדערנס קריוודע. כ׳דריק זיך אויך אויס קעגן איר וואונטש ניט צו ציען אויף זיך קיין שום פאַרדאַכט. איך דערקלער איר, אַז אַזוינס איז מעגלעך נאָר פאַר אָקסן און פערד...

איינעם פון די פיל ישיבה־בחורים, וועלכע בעטן ביי מיר עצות און אָנווייזונגען ווי אַזוי צו ווערן סטודענטן, ענטפער איך אַ לאַנגן אויספירלעכן בריוו. דאָס איז צום „אָרעם־בחור", יעקב־משה סאַמילאָוו, וועלכער לערנט אין מיישעגאָלער בית־מדרש און קומט אָפט אַריין צו מיין באָבען און זיידן. איך דערקלער אים, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען איך בין אַליין געווען אַן אַרבעטער, וואָלט איך אַזאַ לערנער ווי ער, וואָס וויס גאָרניט אַ חוץ דער גמרא, געראָטן צו ווערן אַן אַרבעטער, לעבן פון אייגענער פּראַצע און לער־נען דאָס פאָלק. איצט אָבער, אַז כ׳בין אַליין אַ סטודענט, קאָן איך ניט ראָטן אַ לערנער צו ווערן אַ באַלמעלאָכע, כאָטש איך בין פעסט איבערצייגט, אַז מלאכה איז בוצלעכער פון מלמדות, קרעמעריי, מעקלעריי און אפילו רבנות. פון דער אַנדערער זייט קאָן איך אָבער אים ניט איבערלאָזן ביי זיינע פאַלשע פאָרשטעלונגען, אַז ס׳איז גענוג איך זאָל אים מיטטיילן, וואו עס געפינט זיך די שווייץ, און ווי אַזוי מען פאָרט אַהין, וועט ער שוין קאָנען דאָרט אַלץ דערגרייכן. דער אמת איז, אַז אין דער שווייץ, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, געפינען זיך ניט קיין טייכן און ימען פון בילדונג און ווויסנשאַפט, וואו יעדער איינער קאָן אָנשעפּן פולע עמער אָן שום אָנ־שטרענגונג און צוגרייטונג פון זיין זייט. וויל מען שטודירן, מוז מען שווער אַרבעטן אויף דעם און נאָך האָבן דערביי אַ סך געדולד. מען דאַרף זיך היפּש צוגרייטן דערצו מיט דער הילף פון לערער פאַר די באַשטימטע געגנשטאַנדן, וואָס מען פּלאַנט צו שטודירן. מען דאַרף אויך דערלערנען

פּאַראויס אַ געוויסע מאָס אַלגעמיינע לימודים, ווי מאַטעמאַטיק, געשיכטע, געאָגראַפיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און אַזוי ווייטער און ווייטער. צו דער־לערנען אַזוינע לימודים איז נויטיק ער זאָל אַריינפאָרן אין אַ שטאָט, וואו עס געפינען זיך די ריכטיקע לערער פאַר דעם. ווען ער וועט האָלטן דערביי, וועל איך דעמאָלט אים געבן אַלערליי נויטיקע אינפאָרמאַציעס און אויך צושטעלן רשימות פון געהעריקע לערנביכער.

ניט געקוקט אויף שרה שפּרהס פרומקייט און מיין פריידענקערישקייט, קומט מיר אַמאָל אויס, אין מיינע בריוו, צו פאַרטיידיקן דעם „אויבערשטן" קעגן די טענות, וואָס זי האָט צו אים, ווען זי וואַרפט אויף אים די שולד פאַרן פריצייטיקן טויט פון איר יונגן ברודער יחיאל. איך שרייב איר דאַן, אַז איך סימפּאַטיזיר ניט מיט אירע טענות צום רבונו של עולם. זאָל זי אים ניט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדער געשעעניש, וועט זי ניט האָבן צו אים קיין אומזיסטע טענות.

איך דערמאָן איר דאָס יידיש ווערטל: „ער לעבט ווי גאָט אין פראַנק־רייך", וואָס דאָס מיינט, אַז דאָרט לאָזט מען דעם אויבערשטן אינגאַנצן צורו. מען מאַכט אים ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר קיין זאַך און מ'האָט צו אים קיין שום טענות ניט.

דאָס גלייכן מוז איך, ווען מען זי באַשולדיקט אין צופיל אידעאַליזם, אַמאָל פאַרטיידיקן די אידייע פון מאַטעריאַליזם, דערקלערן איר, וואָס אַזוינס דאָס באַדייט און וואָרום. דאָס האָט גאָרניט צו טאָן דערמיט, וואָס דער אָדער יענער מענטש איז פּערזענלעך אידעאַליסטיש אָדער מאַטע־ריאַליסטיש...

איך פאָר אויף זומער קיין קאָוונע. איך שיק אויך אַוועק אַהין, דורך פּאָטשט, מיינע לערנביכער, וועלכע איך פּלאַן דאָרט צו שטודירן, אויף די אַלעקסאָטער בערג.

אַזוי ווי איך פּלאַן צוערשט זיין אין ווילנע און מיישעגאָלע, זיך צו זען מיט מיין טאַטן, מיין מאַמעס עלטערן, מיין עלטערע שוועסטער, און נאָ־ענטע קרובים, באַשליס איך צו פאָרן קיין ליטע דורך עסטרייך און פּוילן. נאָכדעם אָבער ווי איך צאָל־אָפּ אַלע שולדן אין פריבורג זע איך איין, אַז כ'האָב ניט גענוג אויף הוצאות קיין ווילנע. כ'קויף דאַרום אַ באַן־בילעט נאָר ביז ווין און טעלעגראַפיר דעם טאַטן און שרה שפּרהן מיר אַריינצושיקן אַהין די איבעריקע רייזע־קאָסטן טעלעגראַפיש. דער קאָוונער קאָנטאָר וויל זיך אָבער ניט פאַרנעמען מיט וויינער פון 100 רובל, שיקן זיי (דער טאַטע און שרה שפּרה) דורך פּאָטשט די מיר נויטיקע סומע, וואָס כ'דער־האַלט שפּעטער. איך געפין גאָרניט אין ווין ווען איך קום אָן אַהין פון

טיראָל. באַזעץ איך זיך דערווייל אין אַ האָטעל פון אַ ווינער יידן, ה׳ פוקס, ניט ווייט פון וואָקזאַל. איך זוך צו פאַרגעסן מיין אַנטוישונג און בענקשאַפט דורך באַקוקן די שיינע עסטרייכישע הויפּט־שטאָט, וואו כ׳טרעף זיך אויך מיט איר קייזער פראַנץ יאָזעף פּנים אל פּנים...

דעם קייזער פראַנץ יאָזעף זע איך צופעליק, דעם לעצטן טאָג פּסחביים טויער פונעם קייזערלעכן פּאַלאַץ. איך קום אַהין אויף מיין וועג אויס־צוגעפינען דעם יידישן קוואַרטאַל פון לעאָפּאָלד־שטאָט. גייענדיק דורך דער פּאַראַדנער רינג־שטראַסע קום איך צו צום באַרג, אויף וועלכן עס געפינט זיך דער קייזערלעכער הויף. ביים טויער פונעם הויף זע איך דאָרט זיצן אויף אַ באַנק עטלעכע אַלטע לייט, וועלכע זאָגן מיר, אַז זיי זיינען אַרמיי־וועטעראַנען. באַלד דערהערט זיך דאָס שאַלן פון טרומייטן פון אינוואַליד־זייט טויער. די אַלטע לייט שפּרינגען־אויף און שרייען: „דער קאַיזער קאָמט!״ און מאַכן מיר אַ צייכן זיך אויפצושטעלן. תיכף פאַרט־צו אַ קאַרעטע, אין וועלכער עס זיצט אויבנאָן אַ הויכער אַלטער מאַן מיט צוויי גרויע באַקן־בערד. די אַלטע לייט פאַרנייגן זיך פאַר אים און רופן אַלע אויס אין איין קול: „גוט מאָריען! הער קאַיזער!״ ער פאַר־נייגט זיך פריינטלעך צו אונדז אַלעמען און ענטפערט: „גוט מאָריען, מיינע הערן!״ די קאַרעטע פאַרט אַריין אין הויף, און דער טויער מאַכט זיך צו.

די אַלטע לייט דערקלערן מיר, אַז דער קייזער פראַנץ יאָזעף האָט זיך דאָ ערשט צוריקגעקערט פון זיין פרימאָרגן־שפּאַציר אינעם גוט שיינבורן, וואו עס געפינט זיך זיין זומער־פּאַלאַץ. דער אַלטער קייזער האָט אויסגע־זען אין מיינע אויגן בלאַס, פאַראומערט און פאַרזאָרגט און כ׳האָב אויף אים געהאַט רחמנות...

ווען איך געזעגן זיך מיט די אַלטע לייט, פרעגן זיי מיך וואוהין כ׳וויל גיין פון דאַנען, און ווען איך זאָג זיי: אין לעאָפּאָלד־שטאָט, דערקלערן זיי מיר, אַז זיי פאַרשטייען, אַז כ׳וויל ניט פאָרן אום יום־טוב און איך גיי דעריבער צופוס... זיי ווייזן מיר אויך אָן דעם קירצסטן וועג צום יידישן טעמפּל...

דר. שמילד, דער פּרעדיקער פון לעאָפּאָלד־שטאָטער טעמפּל, אַן אַל־טער מאַן מיט אַ דריי־קאַנטיקער גרויער באָרד, זעט מיר אויס ווי איינער פון די לומדים אין ווילנער אַלטן קלויז, כאָטש כ׳האָב פון אים ניט געהערט קיין לומדות, נאָר אַ דרשה אין דייטש, וועלכע איז באַלד פאַרשוואונדן פון מיין זכרון. איך פאַרגעס אויך דאָס „פּרעדיקן״ פון דעם געלערנטן ראַבי־נער, דר. מאָריץ גידעמאַן, דער פּראָפעסאָר פון דער געשיכטע פון יידישער דערציאונג און קולטור אין מערב־אייראָפּע זינט דעם מיטלאַלטער. עס בלייבט מיר נאָר אין זכרון זיין רבנישע אָסאָבע מיט דער פיינער ווייסער באָרד.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד באַזוך איך דעם אינהאַלטרייכן קייזערלעכן מוזיי. איך באַטראַכט אויך אַלע אַנדערע ווינער מוזייען. אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק מאַכט אויף מיר דער מוזיי פון נייער קונסט, אין אַ לאַנגער נידעריקער געביידע ניט ווייט פון פּאַלאַץ. די מאלער פון די דאָר־טיקע קונסט־ווערק זיינען נאָך ניט קיין וועלט־באַרימטקייטן. אַ סך פון זייערע נעמען זיינען מיר וויניק אָדער גאָרניט באַקאַנט. דאָך וועל איך שוין מסתמא קיינמאָל ניט קאָנען אינגאַנצן פאַרגעסן אַזוינע געמעלן ווי סאגאנינס ווינטערדיקע לאַנדשאַפטן.

דריי טעג נאָך פּסח, דעם 20־טן אַפּריל, 1900, פאָר איך דורך די עסטרייך־רוסישע גרענעץ און אין אָוונט בין איך שוין אין וואַרשע. מיין קוזין איסאַק וויניסקי פון ווילנע וואַרט מיך אָפּ אויפן וואָקזאַל און נעמט מיך צו אים אויפן קוואַרטיר. אויף מאָרגן באַזוכן מיר מיין זיידנס און זיין מאַמעס שוועסטער, אונדזער בלאָנדע מומע פרעדעריקאַ, וועלכע זעט אויס און רעדט ווי אַ פּוילישע פּריצטע. נאָכדעם פירט ער מיך וויזן שיינע געגנטן, פּאַלאַצן און שטאָט־גערטנער פון וואַרשע און פּראַגע, ווי אויך די נאַציאָנאַלע מאָנומענטן פון מיצקעוויטש און אַנדערע פּוילישע גדולים. צולעצט ברענגט ער מיך צום וואָקזאַל פון וואַנען איך פאָר קיין ווילנע.

צוליב דעם, וואָס אין וואַרשע האָב איך געזען נאָר דעם לוקסוס און די רייכקייט, בלייבן פעסטער אין מיין זכרון די בילדער פון אָרעמקייט און נויט, וועלכע איך האָב באַמערקט מיט אַ טאָג פריער אין גאַליציע, באַזונ־דערס צווישן די דאָרטיקע יידן. הענדלער, טרעגער און אַנדערע האָרע־פּאַשנע יידישן פאָלקס־מענטשן, זאָגן מיר דאָרט, אַז זיי זיינען מקנא די יידן אין רוסלאַנד, וועלכע זיי באַטראַכטן פאַר וואויל־האַבנדיק... די אָרעמקייט צווישן אָט די גאַליציאַנער יידן זעט מיר אויס צו זיין גרעסער אפילו פון די סאַמע אָרעמסטע יידן אין ליטע. ניט אומזיסט זיינען די גאַליציאַנער האָרעפּאַשניקעס גרייט צו טאָן די שווערסטע אַרבעט פאַר אַ פּאָר קרייצער (עסטרייכישע פּרוטות).

מיין שוועסטער הענע־טאַנע און שוואָגער יאָשע מילכיקער וואוינען אין אַ באַראַנס גוט (מאַיאָנטעק) מיטן נאָמען „זאַמלעטשיק", הינטער דעם זווערינעצער וואַלד לעבן ווילנע. מיין שוואָגער האַלט דעם פּאַכט פון דעם באַראַנס מילכיקס און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. שבת בין איך מיטגעגאַנגען מיט מיין שוואָגער צום דאָרפישן מנין פון האָרעפּאַשנע ישובניקעס, וואוילע און ערלעכע מענטשן. זונטיק אָבער איז מיר ביי דער שוועסטער געוועזן אומעטיק. דעם שוואָגער זעט מען וויניק אָן

אין שטוב. ער איז פון פרי ביז שפעט פאַרנומען מיטן באַראַנס ווירטשאַפט. אויך די שוועסטער איז כסדר פאַרהאַרעוועט און האָט נאָך צו באַזאָרגן אַן עופהלע שרה־בלומע, — אַ נאָמען נאָך אונדזער יונג־פאַרשטאָרבענער מאַמען. ווען דער שוואָגער פאָרט אין שטאָט מיט מילכיקס, פיש, א. ד. גל. נעמט ער מיך אַהין מיט, און איך באַזוך דערווייל בוכהאַנדלונגען, טרעף זיך מיט קרובים און באַקאַנטע, ביז וואַנען ער מוז פאָרן צו זיין אַרבעט צוריק אינעם הויף.

מיין טאַטע האָט זיך אַרויסגעקליבן פון ווילנע קיין מיישעגאָלע. מיין שטיפמוטער האָט דורכגעפירט ער זאָל אויפגעבן זייער „גאַר־קיך" אין ווילנע און זאָל פּרוּוון מזל מיט מסחר. דערווייל גייט אים גוט, און וואָלט מיין מאַמע געלעבט, וואָלט זי איצט געזאָרגט דערפאַר כ׳זאָל קאָנען רויִק פאַרזעצן מיין שטודיום אין דער שווייץ. די שטיפמוטער, אָבער, טראַכט, נאַטירלעך, דער עיקר, וועגן אירע אייגענע קינדער.

קאַפּיטל איין און נייַנציק

מיין צער פון באָבען און זיידן

מיין צער פון באָבען און זיידן פאַראומערט מיר מיין באַזוך אין מיי־שעגאָלע. זי איז בלינד און ער איז קראַנק. די געלערנטע פרוי, וועלכע איז כסדר געווען פאַרנומען מיט היילן קראַנקע און לערנען אומוויסנדיקע, געלייענט ביכער, געטאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, — די דאָזיקע פרוי זעט ניט מער, ניט די וועלט און ניט די מענטשן, וואָס איר גוט האַרץ האָט כסדר זיך געזאָרגט וועגן זיי. ער, דער חשובער פּאַטריאַרך, וועמעס הויז איז אַמאָל געווען דער זאַמל־פּלאַץ פון איבערגעגעבענע, טיכטיקע כלל־טוער און פון דער פרייִלעכער זינגענדיקער און טאַנצענדיקער יוגנט, — דער דאָזיקער מענטש קאָן איצט בלויז מיטהעלפן זיין בלינדער פרוי ביים באַ־דינען חולאים, וועלכע קומען נאָך אַלץ זוכן ביי איר היילונג...

פון שטעטל בין איך שוין לאַנג צוריק אַרויסגעוואַקסן און קאָן זיך מער ניט אַריינפּאַסן אַהין. ניטאָ דאָ קיין יוגנט, וואָס לייענט אַ בוך אָדער אַ בראַשור: דעם דאָזיקן עלעמענט האָט ווילנע שוין לאַנג איינגעזויגן. דער איינציקער מער־וויניקער אויפגעקלערטער בחור דאָ איז ה׳ מגיד, איז ער לײדער געקומען פון דייטשלאַנד אַ פּאַנאַטישער אַנהענגער פון דעם דייטש קנאַפּ, וועלכער גלויבט צו האָבן דערפונדן איין רפואה פאַר אַלע

קראַנקהייטן: די „וואַסער־קור" — רעדט דער ה׳ מגיד כסדר נאָר פון וואַסער.

מיין געוועזענער מייסטער, יאַשטשיק דער טאָקער, און זיין ברודער, יודל *), אַ היגער קרעמער, וועלכער האָט „קבלה" אויף שחיטה, וואָלטן אונטער אַנדערע אומשטענדן געווען טעטיקע ציוניסטן. דער מיישעגאָלער סטאַראָסטע, משה קאַגאַן, אַ שיינער מאַן מיט אַ האַלב־רונדער בלאָנדער באָרד, וועלכער קאָן לערנען אַ בלאַט גמרא, און האָט אויך אַ צאָל אַלגעמיינע ידיעות, אַרגומענטירט מיט מיר וועגן יידישע און וועלטלעכע ענינים. ער לאַכט אויס מיינע אַרגומענטן פאַר אַ יידישער מדינה. ער האַלט, אַז יידן זיינען אַלעמאָל געווען אַ פאָלק פון „בונטאָווטשיקעס": זיי האָבן זיך געבונטעוועט אפילו קעגן משה רבינו, דוד המלך און שלמה המלך. זיין אויספיר איז, אַז יידן וועלן שוין קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד אָנצוהאַלטן אַן אייגענע מלוכה.

אַרום דריי וואָכן אין חודש מאַי קום איך פון ווילנע קיין קאָוונע, און איך באַזעץ זיך אין דער פאָרשטאָט אַלעקסאָט. מיין צימער (ביי אַ מעל־קרעמער, אַן אַבאָנענט פון „הצפירה") איז נאָענט פון בית־מדרש, און דאָס דאָרטיקע דאַווענען און לערנען הער איך ביי זיך אין צימער. כ׳בין אָבער זעלטן אינדערהיים. איך פאַרברענג די מערסטע צייט איבער מיינע לערן־ביכער אויף די אַלעקסאָטער בערג,ביים טייך ניעמען. צווערשט אין דער אַלטאַנקע, וואו, לויט ווי מ׳דערציילט, נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט באַ־טראַכט די שיינע שטאָט מיט אירע צוויי טייכן: ניעמען און ווּעליע, און וואו דער העברייאישער ראָמאַנען־שרייבער אברהם מאַפּו האָט אויסגע־פאַנטאַזירט בילדער פון אַלטן ירושלים פאַר זיין ראָמאַן „אהבת ציון" פון די צייטן פונעם נביא ישעיה. שפּעטער זיץ איך מייניסטנס אינעם גרויסן פּריצישן סאָד, אויפן וועג צום אייזנבאַן־בריק איבערן ניעמען.

אָנקומענדיק אין קאָוונע, דערוויס איך זיך, אַז אונדזער בערנער סטו־דענטין־מעדיצין, סאָפיע טראַכטנבערג, אַ טעטיקע סאָציאַליסטקע, איז אַרעסטירט געוואָרן אויף דער פּרייסיש־רוסישער גרענעץ, אויפן וועג צו איר קאָוונער היים. מ׳גלויבט, אַז אַ שפּיאָן אין בערן האָט זי געמסרט.

מיינע אַלע וויסנשאַפטלעכע ביכער זיינען מיר אָנגעקומען פון פריבורג, דורך פּאָטשט, אָן שום שוועריקייטן. נאָך דעם „אַלקאָראַן", איבערזעצט

---

*) דער פאָטער פון דעם באַרימטן פּעדאַגאָג און עסייאיסט אברהם איציק גאָלאָמב, איצט אין מעקסיקאָ. ר׳ יודל ווערט שפּעטער אַ שוחט אין ארץ־ישראל.

פון אַראַביש אין העברייאיש, האָט די זשאַנדאַרמעריע אַריבערגעשיקט צום ריגער צענזאָר, וועלכער האָט צוגעשריבן אַ דערלויבעניש און געלייגט זיין חתימה.

אויסער מיינע לערנביכער פאַרנעם איך זיך אויך מיט העברייאישע און דייטשישע צייטשריפטן און בעלעטריסטיק, וואָס כ׳נעם אין דער ציוניסטישער ביבליאָטעק. דעם שטאַרקסטן איינדרוק מאַכט דאָ אויף מיר ווילהעלם יענזענס ראָמאַן „די יודן אין קעטן". ער מאָלט דאָרט בילדער פון מיטלאַלטערלעכן פּאָגראָם אויף יידן וואו די שוידערלעכסטע מערדער זיינען דייטשישע פּרויען. אין זייער אייפערזוכט אויף דער איידלקייט און שיינקייט פון יידישע פּרויען, רייסן די דייטשקעס אַרויס אויגן און צינגער, שניידן אָפּ ברוסטן און נעזער און צעשטיקלען די יידישע שיינהייטן לע־בעדיקערהייט.

די ציוניסטישע יוגנט אַרום דער ביבליאָטעק ווערט מיט מיר באַקאַנט און מיר דיסקוטירן געזעלשאַפטלעכע פראַגן און ליטעראַטור. ווען זיי דערוויסן זיך, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געקויפט קיין ציוניסטישן „שקל", לאָזן זיי מיך ניט צורו, כ׳זאָל עס טאָן, לכבוד דעם קומענדיקן פערטן ציוניסטן־קאָנגרעס אין לאָנדאָן. אַזוי ווי איך בין שוין כמעט אַ ציוניסט, זינט דעם דריטן קאָנגרעס אין באַזעל, קומט זיי ניט אָן שווער צו פועלן ביי מיר כ׳זאָל ווערן אַ „שקל־צאָלער", און דעם 7־טן יולי 1900 קויף איך מיין ערשטן שקל...

אין דער שווייץ בין איך נאָך ניט אַרויסגעטראָטן מיט אַ „וואָרט" אויף אָן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג. מיין פרואוו זיך אַריינמישן מיט אַ יאָר צוריק, אין דער דיסקוסיע אין בערן, וועגן טאַנצן תשעה־באב 1899, האָט דער שוין פריער דערמאָנטער אַסימיליאַטאָר סאָלאָמאָן גראָסמאַן אָפּגעהאַקט מיט זיין דערקלערונג, אַז איך בין נאָך צו יונג זיך צו באַטייליקן אין אַ דעבאַטע צווישן עלטערע סטודענטן... כ׳האָב דעריבער זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן די מעגלעכקייט צו האַלטן אַ רעדע אין קאָוונע.

אין אָוונט, אָבער, „שבת נחמו", דעם 11־טן אויגוסט, 1900, ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים איינשלאָפן, פאָרט־צו אַ דראָזשקע צו מיין קוואַר־טיר אין אַלעקסאָט, און ס׳קומען אַריין צו מיר אין צימער צוויי קאָוונער יונגע ציוניסטן. איינער פון זיי, ה׳ גאָלדבערג, דערקלערט מיר, אַז כ׳מוז תיכף זיך אָנטאָן און מיט זיי פאָרן קיין קאָוונע און דאָרטן האַלטן אַ רעדע אויף דעם ציוניסטישן "שבת נחמו" (שבת־צו־נאַכטיקן) באַל.

עס פאַרשטייט זיך, אַז כ׳וויל דערפון ניט הערן. דערציילן זיי מיר אַזאַ מעשה: די „פעסט־רעדע" האָט געזאָלט לייענען אַ ציוניסטישער אינטע־

ליגענט, דאָקטאָר עליאַשעוו*). ער האָט אָבער פאַרלאָרן זיין מאַנוסקריפּט, און ריידן אויף אויסוויינִיק קאָן ער ניט. דערוויסנדיק אָבער זיך פון זיי, אַז אין קאָוונע געפינט זיך איצט אַ „שווייצער סטודענט", וועלכער קומט נעמען ביכער אין דער ציוניסטישער ליי־ביבליאָטעק, עצהט זיי דר. עליאַשעוו זיך תיכף צו ווענדן צו מיר. ער זאָגט זיי, אַז יעדער שווייצער סטודענט איז אַ רעדנער...

איך ווער געצוואונגען, כמעט מיט געוואַלד, זיך אַנצוטאָן און פאָרן מיט די צוויי „צעירי ציוניקעס" צום קאָוונער ציוניסטישן באַל. ווען איך קום אַריין אין דעם ליכטיקן זאַל, וואו דער גרויסער לוסטיקער עולם איז קענטיק געקומען זיך אַמוזירן און טאַנצן, האַלט איך, אַז כ'האָב זיי גאָרניט וואָס צו זאָגן ביי אַזאַ געלעגנהייט. ווען זיי רופן מיך אַרויס ריידן דערקלער איך זיי אָפּנהערציק: כ'וויס, זאָג איך, אַז דער זומער גייט ביי אונדז אַוועק אין אומעטיקייט: פריער די „ספירה־טעג", נאָכדעם די „דריי וואָכן" און באַלד האָבן מיר שוין אלול־צייט. עס איז דעריבער ווערט צו מאַכן אייך פריילעך. וואו נעמט מען אָבער איצט פרייד פאַר יידן? שוואַרצע וואָלקנס באַדעקן אונדזער יידישן הימל... אין אָט דער פינצטערניש הער איך ניט קיין פריילעכע שטימען. כ'הער נאָר די טריט פון די יידישע פוס־גייער פון רומעניע, דעם ליאַרעם פון פאָגראָמשטשיקעס אין אָדעס, דעם געוויין פון הונגעריקע יידישע קינדער אין בעסאַראַביע, דעם יאָמער פון יידישע מאַמעס אין גאַליציע, ביי וועמען קריסטלעכע פאַנאַטיקער האָבן אַוועקגענומען זייערע איינציקע קינדער, און דעם „מאָדערנעם" אויסרוף: קויפט ניט ביי קיין יידן!"...

אָט אַזוי מאָל איך פאַר זיי די טרויעריקע געגנוואַרט, לויט די נייעס וואָס איך האָב געלייענט אין דער העברייאישער טאָג־צייטונג „הצפירה" און אין דר. הערצלס ציוניסטיש־דייטשישן וואָכנבלאַט „די וועלט". איך באַמערקט דערצו, אַז איך האָב אַנגעסט צו פאַרדעקן אָט די טרויעריקע פאַקטן, כ'זאָל ניט זיין ווי יענע פאַלשע נביאים, קעגן וועלכע דער נביא ירמיה האָט אונדז געוואָרנט: „זיי זאָגן פרידן! פרידן! און ס'איז ניטאָ קיין פרידן!" כ'מוז דעריבער, אַזוי ווי ער, זיך ווינטשן צו האָבן קוואַלן טרערן כדי צו קאָנען באַוויינען די אומגליקן פון אונדזער פאָלק...

צום סוף — מעגלעך אונטערן איינפלוס פון י. ל. פּרצעס „מנגינות הזמן" (צייט־געזאַנגען), וואָס כ'האָב געלייענט יינגלוויז, נעם איך זיך אָן מיט מוט זיי צו דערציילן, אַז נאָענט פון פאַרצווייפלען דערהער איך פריילעכע יידישע שטימען אויף אַ שיף, וואָס פירט קיין לאַנדאָן, ניט קיין היימ־

---

*) דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער ליטעראַטור־קריטיקער בעל־מחשבות.

לאָזנ וואַנדערער, נאָר דעלעגאַטן צו אַ יידישן קאָנגרעס, וואָס וויל אויפ־בויען אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל, וואו יידישע אַקערבויער זאָלן זייען און שניידן תבואה און פירן מיט געזאַנג זייערע גאַרבן אין שייער...

די ניט־דערוואַרטעטע באַגייסטערונג פונעם עולם און, דער עיקר, די פריינטלעכע ווערטער פון דאָקטאָר עליאַשעוו דערמוטיקן מיך, און לאָזן מיך ניט באַטראַכטן פאַר קיין דורכפאַל מיין ערשטן אַרויסטריט ווי אַ רעדנער. דער בלאָסער, מעלאַנכאָלישער, אינטעליגענטער דאָקטאָר־מע־דיציין דאַנקט מיר האַרציק, וואָס איך האָב פאַרנומען זיין פּלאַץ אַלס „פעסט־רעדנער" אויפן שבת־נחמו באַל. ער לויבט די פאָרם און דעם אינהאַלט פון מיין „עקסטעמפּאָרע" (ניט צוגעגרייטע) רעדע. איך מוז אים אויך צו־זאָגן, אַז כ'וועל אָננעמען די אַלע איינלאַדונגען צו האַלטן לעקציעס, וועלכע זיינען מיר, דאַרט אין זאַל, תיכף געמאַכט געוואָרן.

קאַפּיטל צוויי און נײַנציק

מיינע קאָוונער סעריעס לעקציעס

זינט דעם אָוונט פון „שבת נחמו", ווען דאָקטאָר עליאַשעוו דערקלערט מיך פאַר אַ רעדנער, טרעט איך אָפּט אַרויס מיט רעפעראַטן פאַר יידישע אָרגאַניזאַציעס אין קאָוונע. כ'האַלט לעקציעס וועגן דער טעאָריע פון סאָ־ציאַליזם־ציוניזם פאַר אַ פאַראיין „פועלי ציון", וואָס באַשטייט פון פשוטע באַלמעלאָכעס און אַרבעטער־ציוניסטן. כ'רייד אַרום קריטיש די סטאַטוטן פון אחד העמס געהיימער אָרגאַניזאַציע „בני משה" און זיין אידייע פון אַ „גייסטיקן צענטער" אין ארץ ישראל, פאַר דעם פאַראיין „צעירי ציון", פון אינטעליגענטע יונגע ציוניסטן. כ'גיב אויך פאַר דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פון דעם פערטן ציוניסטן־קאָנגרעס אין לאָנדאָן (לויט די אָפיציעלע באַריכטן אין דר. הערצלס דייטשישן וואָכנבלאַט „די וועלט", און די קאָרעספּאָנדענציעס פון ראובן בריינין, שמואל ראָזענפעלד און אַנדערע, און די טעגלעכע העבריי־אישע צייטונגען, ווי אויך לויט אַרטיקלען און באַריכטן אין יידיש). כ'האָב צוערשט זיך אָפּגעזאָגט פון צו ריידן איבער אָט דער טעמע. כ'האָב גע־טענהט, אַז אין קאָוונע געפינט זיך דאָך אַזאַ ציוניסטישער אויטאָריטעט וועגן אָט דעם ענין, ווי דער אָנגעזעענער העברייאישער שריפטשטעלער שמואל ראָזענפעלד, וועלכער איז נאָך דערצו אַליין אָנוועזנדיק געווען אויפן פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן.

אַרטיקע ציוניסטישע פירער דערקלערן מיר אָבער, אַז די קאָוונער

ציוניסטן האָבן אַלטע סיכסוכים מיט ה׳ שמואל ראָזענפעלדן און זיי וועלן דעריבער ניט קומען הערן זיינע אַ לעקציע וועגן ציוניזם, אפילו, ווען ער זאָל מרוצה ווערן צו ריידן פאַר זיי.

אויפן פאַרלאַנג פון אַ צאָל יידישע אַרבעטער און יונגע אינטעליגענטן ענטפער איך, אין אַ דריי־שטונדיקן רעפעראַט, אויף די טענות פון „בן־אהוד" (דר. חיים זשיטלאָווסקי אין בערן) קעגן די אידייען פון סאָציאַליזם־ציוניזם און אַן אייגענער יידישער מדינה. איך גיב איבער גענוי די שאַרפסטע פונקטן פון זיין אַרטיקל אינעם „יידישן אַרבעטער" 1899, און דערקלער אויספירלעך אין וואָס איך בין מיט אים ניט מסכים. קעגן זיין באַהויפּטונג, אַז יעדער ציוניסט מוז שטיין מיט דער בורזשואַזיע און קען בשום אופן ניט זיין קיין סאָציאַליסט, ברענג איך פאַקטן וועגן אַזוינע אַנגעזעענע ציוניסטן, ווי דר. פאַרבשטיין אין ציריך און דר. לאַנדוי אין עסטרייך, וועלכע זיינען גלייכצייטיק סאָציאַליסטישע טוער, אַלס מיטגלידער פון זייערע אָרטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. איך דערמאָן אויך, וואָס קאָליע טעפּער האָט דערציילט אין באַזעל, וועגן זיין טעטיקייט אין אָדעס אַלס בונדיסט און ציוניסט צוגלייך.

וועגן בן־אהודס טענות קעגן דער אוממעגלעכקייט פון אַ סאָציאַליסטישן „יודענשטאַט" אין ארץ ישראל אונטער טערקיי, האָב איך צוגעגעבן, אַז ער איז פולשטענדיק גערעכט. דאָס מיינט אָבער ניט, האָב איך דערצו באַ־מערקט, אַז אַ סאָציאַליסט־ציוניסט, ווי, למשל, דר. נחמן סירקין, אין בערן, האָט בכלל קיין רעכט ניט צו פאָרמולירן די אידייע פון אַ סאָציאַליסטישער יידישער מלוכה.

בנוגע בן־אהודס טעזיס, אַז אַ יידנלאַנד וואָס זאָל באַשטיין אפילו פון צוויי מיליאָן איינוואוינער וועט ניט האָבן קיין שום פּרעסטיזש, ענטפער איך מיט אַ ביישפּיל פון דער קליינער שווייצער רעפּובליק, וואָס האָט אומ־געפער אַזאַ צאָל איינוואוינער, און דאָך רעכענען זיך מיט איר די מעכטיקע מלוכות פון דער וועלט, אָן אַ שיעור מער ווי מיט די זעקס־זיבן מאָל אַזוי־פיל מענטשן פונעם יידישן פאָלק, וואָס האָט ניט קיין אייגענע מדינה.

צו אָט דעם רעפעראַט מיינעם זיינען געקומען אויך אַ צאָל בונדיסטן. איין בונדיסט, ברוך נאָסעל (עקער), קומט נאָכדעם צו מיר אויפן קוואַרטיר זיך דורכשמועסן מיט מיר וועגן מיינע אידייען פון סאָציאַליזם־ציוניזם. אַ קאָוונער ציוניסטישער פירער, סאַלאָמאָן ווילק, דערקלערט אין יענער צייט: „מאַרמאָר האָט דורכגעבראָכן די וואַנט צווישן ציוניסטן און בונ־דיסטן, איצט וועט מען קענען דיסקוטירן" (געמיינט זייערע פאַרשיידענע ליזונגען פון דער „יידן־פראַגע").

„שמחת־תורה", דעם 16־טן אָקטאָבער 1900, צו מיין 24־טן געבורטס־טאָג, ווערט ביי סאַלאָמאָן ווילק אין הויז אַראַנזשירט אַ געזעגענונג פאַר מיר

מיט שרה שפרהן, וועלכע באַשליסט צו פאָרן מיט מיר צוזאַמען קיין אויס־לאַנד. עס ווערן געהאַלטן „באַנקעט־רעדעס״; עס ווערט אויך רעצי־טירט, דעקלאַמירט און געזונגען. ווילק, לאַפּידעס און אַנדערע ציוניסטישע טוער פאַרלאַנגען פון מיר כ׳זאָל צושיקן פון פריבורג געשריבענע רעדעס וועגן געזעלשאַפטלעכע פראַגעס.

פאַר מיין אָפּפאָרן שענק איך דער קאָוונער ציוניסטישער ביבליאָטעק מיין גרויסע זאַמלונג פון ביכער און זשורנאַלן אין יידיש *). איך שענק אויך אַוועק פאַר דער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק אין ירושלים, געגרינדעט פונעם ביאַליסטאָקער דאָקטאָר יוסף כאַזאַנאָוויטש, מיין ווערטפולע קאָ־לעקציע פון אַלטע ספרים, „יקרי המציאות״ (זעלטנהייטן), געדרוקט אין טערקיי, איטאַליע, אַמסטערדאַם, פּראַג א. אַז. וו. כ׳גיב זיי איבער צום קאָוונער דאָקטאָר שוואַרץ, זיי אַריבערצושיקן קיין ירושלים.

אַ פּאָר טעג נאָך סוכות מאַך איך ווידער דורך אַלע שוועריקייטן צו קריגן אַ גובערנאַטאָרסקן פּאַס, צו פאָרן קיין אויסלאַנד, דאָס מאָל — שוין פאַר אַ פּאָר־פאָלק. כ׳פאָר דורך בערלין און מאַגדענבורג צוזאַמען מיט שרה שפרהן. ווייטער אין מערב צעטיילן מיר זיך. זי פאָרט קיין עמעריק און פון דאָרט צום ים, קיין ענגלאַנד, און איך פאַרנעם זיך קיין דרום, צו דער שווייץ. די נאַטור ווערט אויף מיין וועג כסדר מילדער און שענער; מיר גייט אָבער קיין זאַך ניט איין. מיין האַרץ דריקט שטאַרק פאַר בענק־שאַפט... ערשט אין דער אוניווערזיטעט־שטאָט געטינגען שטאַרק איך זיך אַביסל און פאַרטיף זיך אין מחשבות. אָט אַזוי, האַלב פאַרחלומט, האַלב פאַרטראַכט, פאָר איך דורך קאַסעל. איך פאַרבלייב דאָרט עטלעכע שעה און דערמאָן זיך אין דעם אַמאָליקן עקסטרעמען דייטש־יידישן רעפאָרמער איזראַעל יאַקאָבזאָן, וועלכער האָט דאָרט דורכגעפירט זיינע רעפאָרמען מיט מלוכה־מאַכט אין די צייטן פון נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט אין דייטש־לאַנד. איך פאָר אויך דורך פראַנקפורט־אַן־מאַין, וועמעס אַמאָליקע יידישע געטאָ דערמאָנט מיך אָן לודוויג בערנע און היינריך היינע. אָנקומענדיק אָבער ביינאַכט אין מאַנהיים, דערפיל איך, אַז דאָס שלעפּן זיך אַ פּאָר מעת־לעת מיט די לאַנגזאַמע באַנען איבער דייטשלאַנד האָט מיך דערשעפּט. איך צאָל דאָרט צו עטלעכע מאַרק און פאָר מיטן שנעל־צוג דירעקט קיין פריבורג, וואוהין איך קום אָן אין 12 שעה צייט, דאָנערשטיק, דעם 25־טן אָקטאָבער, 1900.

---

*) בעל־מחשבות דערציילט מיר שפּעטער, אין דער שווייץ, אַז אין אַ סך קאָוונער יידישע היימען האָט ער געזען לייענען ביכער אין יידיש, וואָס האָבן אויף זיך מיין דעמאָלטיקע חתימה: „קלמן צבי בן מרדכי מאַרמער.״

כדי אָפּצופרישן מיין באַקאַנטשאַפט מיט פריבורג גיי איך אַריין צו אַלעם ערשטן צו דער באַריידעוודיקער אַלטער שווייצער פרוי, וועלכע וואוינט אין שכנות פון מיין פריערדיקער קוואַרטיר. מיר טרינקען טיי און שמועסן איבער פריבורגער אַנגעלעגנהייטן. איך ווער מונטערער און גיי אַרויס זוכן אַ נייע קוואַרטיר. איך קריג אַ שיינעם, פיין־מעבלירטן צימער אויף דעם ערשטן עטאַזש (42 רי דע לוזאַן), ביי צוויי שוועסטער, בכבודיקע אַלטע שווייצער פריילינס, וואו כ'וועל קאָנען אַרבעטן רואיק. זיי זאָגן מיר אויך צו אויסגעפינען פאַר מיר אַ פיינעם פּאַנסיאָן וואו צו עסן מיטאָג פאַר אַ געמעסיקטן פרייז. איך פאָר נאָכדעם צו צום נאַטור־וויסנשאַפט־לעכן פאַקולטעט, וואו איך טרעף זיך מיט מיין הויפּט־פּראָפעסאָר פון כעמיע, דר. ביסטדזשיצקי. ער נעמט מיך אויף זייער האַרציק. ער זאָגט, אַז כ'האָב אין פריבורג גאָרניט געקאָנט פאַרזאַמען, ווייל אַלץ איז פאַר מיר געוואָרן רעזערווירט, ווי ער האָט מיר געשריבן קיין קאָוונע, דורך זיין געהילף דר. וועדעל.

אויף מאָרגן קלייב איך זיך אויס מיין פּלאַץ אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע. כ'שטעל דאָ אויך איין אַלץ אין אָרדענונג, כדי צו קאָנען מאַנטיק אינדערפרי שוין דאַרט אַרבעטן. גלייכצייטיק גרייט איך אויך צו אַלע נויטיקייטן פאַר מיין קוואַרטיר: אַ שפּיריטוס־מאַשינקע צום קאָכן קאַקאַאָ, א. ד. גל. איך קויף אויך איין אַ ביסל שפּייז, העפטן, קאָנווערטן, פּאָסט־קאַרטלעך און פּאָסט־מאַרקעס. נאָכדעם דערליידיק איך מיין קאָרעספּאָנדענץ צו שרה שפּרהן און דער משפחה. אַ טאָג שפּעטער פּרוּאוו איך שוין אויך שרייבן „אַרטיקלען" (געשריבענע רעדעס) פאַר קאָוונע. איך שרייב אויף צוויי אַרטיקלען: „רעאַקציע און פּאָגראָמען" און „אַרבעט און אַרבעטער־פּאַרטייען". זיי זיינען מיר אָבער ניט געפעלן פאַר קאָוונע. בעסער געפעלט מיר מיין רעדע וועגן „נאַציאָנאַליזם און קלאַסן־קאַמף", וועלכע איך שרייב אויף דאָנערשטיק, דעם 1־טן נאָוועמבער, ווען ס'איז אַ קאַטוילישע חגא, און דער אוניווערזיטעט איז פאַרמאַכט. כ'שיק אַוועק אָט די רעדע צו סאָלאָמאָן ווילק אין קאָוונע, איך בין אָבער ניט זיכער, צי די צאַרישע פּאָטשט וועט דאָס אים איבערגעבן.

זינט מיין צוריקקער פון קאָוונע קיין פריבורג לעב איך בעסער, אַ דאַנק דער מיטהילף פון מיין פעטער אין לאָנדאָן. ער האָט שוין ניט מער קיין כוח צו אַרבעטן ביי זיין פאַך — סטאָלערייַ — האָבן פריינט אים געהאָלפן צו עפענען אַ בשמים־קראָם, און גיבן אים אויך צו לייזן. עס גייט אים גוט און ער שיקט מיר פון צייט צו צייט אַ פּאָר צענדליק פראַנק. איך בין דאַרום איצט אימשטאַנד צו עסן יעדן טאָג אַ נאַרהאַפטן מיטאָג און אויך אַ בעסערן פרישטיק און וועטשערע, ווי לעצטן ווינטער. איך לערן פלייסיק און איך פיל, אַז איך מאַך פּראָגרעס. דאָך בין איך ווייט פון צו זיין

זאָרגלאָז און פריילעך, ווי אַ סטודענט דאַרף זיין, לויט מיין פּעטערס פאָרשטעלונג. און אַזוי ווי עד זעט אַמאָל מיינעם אַ בריוו צו שרה שפּרהן, פאַר וועלכער איך דריק אויס מיין צער איבער דער טרויעריקער לאַגע פונעם יידישן פאָלק און פון אַלע אַנדערע פאַרפאָלגטע, מוסרט ער מיך, דער איצט פּראַקטיש־געוואָרענער געשעפטסמאַן: „דו ביסט צופיל גוט, צופיל אומשולדיק, צופיל איבערגעגעבן דער אָרנטלעכקייט". ער עצהט מיר: „ערשטנס, דענק ניט אַזוי פיל. צווייטנס, זיי ניט אַזוי אומעטיק. זיי מונטער און פריילעך און זאָרג ניט פאַר דער גאַנצער וועלט — — — לעב און זיי געזונט פון דיין טייערער שרה שפּרהס וועגן."

איך טראַכט אָבער, אַז מיין אומעטיקייט איז ניט קיין רעזולטאַט פון צופיל אידעאַליזם און וועלט־שמערץ, ווי מיין פעטער גלויבט, נאָר פון דער אומזיכערקייט פון דער ניט וואויל־האָבנדיקער רוסלענדישער יידישער סטודענטנשאַפט, אין די אוניווערזיטעטן פון דער שווייץ, און, ווי כ'הער, אויך פון די אַנדערע מערב־אייראָפּייאישע לענדער. איך זע, ווי אַ סך טיכטיקע און ענערגישע יידישע סטודענטן, היימישע „עילוים", וועלכע האָבן מיט זייערע אייגענע כוחות, דורך זעלבסט־שטודיום און שווערער אַרבעט, זיך דערשלאָגן צו די „טעמפּלען פון וויסנשאַפט", ברעכן צוזאַמען נאָענט פון זייער ציל. אין דער זעלבער צייט זע איך אויך דאָ אין פריבורג, אַז די סטודענטישע „גאָלדענע יוגנט", זינדלעך פון באַנקירן, פאַבריקאַנטן און פּריצים, אָדער אפילו פון וואויל־האָבנדיקן מיטלקלאַס, דערגרייכן אַלץ צו וואָס זיי שטרעבן, אָן שום אָנשטרענגונג, און אָפטמאָל אויך אפילו אָן שום פעיאיקייט. אין מיין געדאַנק פאַרגלייך איך די פריער־דערמאָנטע יידישע סטודענטן צו די מוטיקע בערג־קלעטערער אויף די שווייצער אַלפּן, וועלכע פאַלן אַרונטער שוין זייענדיק נאָענט פון שפּיץ באַרג, בעת רייכע טוריסטן פאָרן דאָרט שנעל אַרויף מיט דער עלעקטרישער באַן און פאַרברענגען דאָרט אין הוליאַנקעס.

***

אַ היפּשע צאָל פון מיינע באַקאַנטע בערנער סטודענטן פון לעצטן ווינטער האָבן זיך מער ניט צוריקגעקערט פון זייער זומערדיקער וואַקאַציע, און האָבן אויפגעגעבן זייערע שטודיומס. אויך מיין פריבורגער חבר משה אווערבאַך פון סעבעזש קומט ניט מער שטודירן. מיר האָט אָבער אָפּגעגליקט צו קריגן דעם ווינטער פאַר אַ חבר נאָך אַ טיכטיקערן סטודענט פון כעמיע, דעם בונדיסט שלמה פיינבערג פון וויטעבסק *). מיר שטו־

---

*) לויט אַ מינדלעכער מיטטיילונג פונעם בונדיסטישן פירער פראַנץ קורסקי, אין 1947, פאַרנעמט שלמה פיינבערג אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע אַלס כעמיקער אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

דירן צוזאַמען אונדזערע לערנביכער פון כעמיע און פיזיק, אין די אָוונטן, ביי מיר אויפן קוואַרטיר.

פירשט ראַדזיוויל איז דער איינציקער צווישן די אַדעליקע סטודענטן פון פריבורגער אוניווערזיטעט, וועמען איך קען ניט ליידן. מיט דעם יונגן פירשט, אָדער פּרינץ, וואַראַנעצקי, בין איך גאָר נאָענטע פריינט. איך לעב אויך גוט מיט אַ צאָל יונגע באַראָנען און גראַפן צווישן דער היגער סטו־דענטנשאַפט. (די גרויסע צאָל אַדעליקע סטודענטן אין פריבורג נעמט זיך דערפון, וואָס דער וואַטיקאַן באַוועגט זייערע קאַטוילישע עלטערן זיך ניט צו באַנוגענען מיט זייער שטיצע פאַרן קאַטוילישן אוניווערזיטעט, נאָר זיי זאָלן אים אויך מאַכן אַ נאָמען דורך שיקן זייערע אייגענע זין שטודירן דאָ נאַטור־וויסנשאַפט.

דער פירשט ראַדזיוויל איז מיר אומסימפּאַטיש, נאַטירלעך, ניט צוליב דעם וואָס זיינע זיידעס זיינען געווען צווישן די קאַנדידאַטן אויפן קעניג־לעכן טראָן פון דעם אַמאָליקן פוילן. איך האַלט אים אויך ניט פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די שוידערלעכע פאַרברעכנס קעגן די פּוילישע פּויערים און יידישע אַרענדאַטאָרס, פאַקטוירים און הענדלער, וועלכע לעאָן לעוואַנדע שילדערט אין זיין ראָמאַן פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין פוילן. אָט די האַלב אָדער גאַנץ משוגענע ראַדזיווילס פלעגן זיך לערנען שיסן אין ציל פּראַקטיצירנדיק אויף זייערע פּוילישע „פּאַנשטשיזניקעס" (לייב־אייגענע). ס'איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס זייערע הויף־יידן פלעגן פון זיי קריגן, לויט לעוואַנדעס באַשרייבונג, אַזוינע קאַפּריזנע באַפעלן, ווי מאַכן אַ שליטנ־וועג אין תמוז...

דעם פריבורגער סטודענט, פירשט ראַדזיוויל, קאָן איך ניט ליידן דער עיקר פאַר זיין אָנגעבלאָזנקייט און פאַרריסנקייט. ער איז העכער פון אַלע אַנדערע אַדעליקע סטודענטן אין פריבורג. טראָגט לאַנגע שוואַרצע וואָנ־צעס, און לאַנגע רייט־שטיוול. אין זיין האַנט האַלט ער כסדר אַ קורצן גע־פלאָכטענעם לעדערנעם בייטשל און קוקט אויף אַלעמען בייז.

איין טאָג קומט אונדז אויס זיך צו באַטייליקן אין אַ פיזיקאַלישן עקס־פּערימענט. אונדזער פיזיק־פּראָפעסאָר, פּאַן קאָוואַלסקי, שטעלט אויס דעם גאַנצן קלאַס אין אַ ראָד, הייסט אונדז אַלעמען זיך נעמען פאַר די הענט און ער דעמאָנסטרירט דורך אונדז דעם עפעקט פון אַן עלעקטרישן שטראָם, וואָס גייט דורך אַ ראָד פון צענדליקער מענטשלעכע קערפּערס. צו אונדזער ביידנס שלימזל קומט אונדז אויס, אים דעם לאַנגן גראָבן פרינץ ראַדזיוויל און מיר דעם קורצן דינעם יידישן פּראָלעטאַריער צו שטיין האַנט אין האַנט.

מיר זיינען ביידע ניט געווען צופיל באַגייסטערט פון אונדזער ראָלע אין דעם דאָזיקן וויסנשאַפטלעכן עקספּערימענט.

קאַפּיטל דריי און ניינציק

מיין דורכשניטלעכער אַרבעטס-טאָג אין פריבורג

מיין דורכשניטלעכער אַרבעטס־טאָג אין פריבורג איז איצט, ווינטער 1900—1901, געוויינלעך אַזוי: יעדן פרימאָרגן, חוץ שבת און זונטיק, קום איך צופאָרן אינעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט, אויסערן שטאָט. איך אַרבעט דאָרט פון 8 ביז 12 אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע און הער אויך אַ לעקציע פון פּראָפעסאָר ביסטדזשיצקי איבער אַנאַליטישער כעמיע. 12 אַזייגער פאָר איך עסן מיטאָג אין אַ פּאַנסיאָן און לייען דורך אַ פּאָר צייטונגען. פון 1:30 ביז 5:30, אָדער 6 אַזייגער, בין איך ווידער אין לאַבאָראַטאָריע. נאָכדעם הער איך לעקציעס פון פיזיק ביי פּראָפעסאָר פאָן קאָוואַלסקי, אָדער פון געאָלאָגיע ביי פּראָפעסאָר זשיראַר. צוויי שעה אין וואָך גיב איך אָפּ אויף קריסטאַלאָגראַפיע און מינעראַלאָגיע ביי פּראָפעסאָר באומהאָוער. זיבן אַזייגער אין אָוונט פאָר איך צוריק צו מיין קוואַרטיר. נאָך אַ צובייס, אַליין אָדער זאַלבענאַנד, וואָס באַשטייט געוויינלעך פון ברויט מיט שווייצער קעז און האָלענדיש קאַקאַאָ, בין איך גרייט פאָרן ביינאַכטיקן „זעלבסט־שטודיום", צוזאַמען מיט מיין חבר שלמה פיינבערג, וועלכער קומט צו מיר אַריין יעדן וואָכנדיקן אָוונט. מיר שטודירן צוזאַמען אונדזערע לערנביכער און לעקציעס ביז 10 אָדער 11 אַזייגער ביינאַכט.

שבת און זונטיק פאַרנעם איך זיך מער מיט לייענען ליטעראַטור און געשיכטע, ווי מיט לערנען נאַטור־וויסנשאַפט. מיין חבר שלמה פיינבערג פאַרברענגט שבת און זונטיק אין בערן, וואו עס שטודירט זיין שוועסטער, פרומע פיינבערג — אַ קלוגע, וויציקע, חנעוודיקע בונדיסטקע.

בלייבנדיק שבת און זונטיק אַליין אין פריבורג, חבר איך זיך הויפּטזעכלעך מיט ביכער. כ'האָב לעצטנס דורכגעלייענט אַ היפּשן טייל פון פרידריך ניטשעס פּאָעטיש־פילאָסאָפישע שריפטן, ווי אויך אַ צאָל ווערק פון וויניקער באַרימטע פּראָפעסאָרס, צווישן זיי אויך אַ היסטאָרישן ראָמאַן פון אַרבעטער לעבן פאַרפאַסט פון דזשאָן הענרי מאַקאי *).

---

*) דאָרט ווערט אויך געשילדערט דער אָפּקלאַנג אין ענגלאַנד וועגן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן פאַרמשפּטן צום טויט (אין 1886—1887) פינף סטרייק־פירער אין שיקאַגאָ. אַרבעטער אין ענגלאַנד גלויבן ניט, אַז די פאַראורטיילטע אַנאַרכיסטן האָבן געוואָרפן אַ באָמבע אויף פּאָליציסטן. זיי האַלטן, אַז דאָס האָט געטאָן אַן אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר פון די שיקאַגער פאַבריקאַנטן. די אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע אין לאָנדאָן ווערט אָבער אונטערדריקט מיט געוואַלד פון דער ענגלישער רעגירונג.

יעדן שבת כאַפּ איך זיך אויך אַריין אין ליטעראַרישן (פילאָסאָפישן) פאַ־קולטעט, וואו כ׳הער די לעקציעס פון פּראָפעסאָר זוויערזענע איבער דאָס לעבן און שאַפן פונעם פילאָסאָפישן דיכטער און פרייען דענקער לעסינג, דעם פאַרפאַסער פון „נאַטהאַן דער ווייזע״ און אַנדערע ווערק, וועלכע ער האָט געשאַפן ווי אַ פאַרערער פון שפינאָזע און אַ נאָענטער פריינט פון משה מענדעלסאָן. איך קום אויך אַריין אין דער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק, וואו איך לייען אַלטע יידישע ספרים און נייע דייטשישע ביכער וועגן דער ביב־לישער עפּאָכע פונעם יידישן פאָלק.

איך פאַרשטיי, אַז פאַר מיין שטודיום פון נאַטור־וויסנשאַפט וועט זיין ניצלעכער, כ׳זאָל אויך שבת און זונטיק זיך פאַרנעמען מיט יענע געגנ־שטאַנדן. מיין תשוקה צו לייענען יידישע געשיכטע איז אָבער שטאַרקער פון אַלע פּראַקטישע איינווענדונגען. איך פּרואוו זי פאַרבייטן אויף אינטע־רעסאַנטע געשיכטע־ביכער פון נאַטור־וויסנשאַפטן, באַזונדערס פון דער כעמיע, וואָס האָט פאַנטאַסטישע און צויבערהאַפטע עפּאָכעס, ווי למשל די פּרואוון אין אַלטערטום צו צעשמעלצן און באַארבעטן פאַרשיידענע מעטאַלן, דאָס מאַכן גלאָז, זייף, פאַרבן, געטראַנקען א. אַז. וו״טער; די אַלכעמיע אין מיטלאַלטער, וואָס האָט געפּרואווט פאַרוואַנדלען פּראָסטע מעטאַלן אין איידעלע, און די אַטעם־פאַרכאַפּנדיקע עקספּערימענטן און דערפינדונגען פון דער נייער צייט; די שפּאַנענדיקסטע געשיכטעס פון נאַטור־וויסנשאַפט קאָנען אָבער ניט פאַרשטעלן אויף לאַנג די ווירקונג פון דער טויזנט־יאָרי־קער פאַרגאַנגענהייט פונעם יידישן פאָלק אויף מיין פאַנטאַזיע. כ׳ווער דאָרום אַלעמאָל פאַרכישופט אויפסניי פון דער ביבלישער עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע און ווער אַלץ מער פאַראינטערעסירט אין איר.

איך באַקען זיך מיטן אָריענטאַליסט פּראָפעסאָר גרימע*) דורך אַ צופאַל. די מעשה איז געווען אַזוי: מיין אינטערעס אין דער אַלטער יידישער

---

*) פּראָפעסאָר הובערט גרימע ווערט שפּעטער אַ געוויסע צייט וועלט־באַרימט דורך זיין אויספאָרשן די אוראַלטע אויפשריפטן אויפן באַרג סיני. די אַמעריקאַנער פּרעסע מאַכט דערפון אַ סענסאַציע, אַז ער האָט אַנטדעקט משה רבינוס „לוחות״. אין מיינעם אַן אַרטיקל אין דער „פרייהייט״ פון יענער צייט, וואָס כ׳קאָן איצט ניט אויסגעפינען, האָב איך דעמאָלט אָנגעוויזן, אַז פּראָפעסאָר גרימע האָט אַנטדעקט אַן אויפשריפט וועגן אַן עגיפּטישן פּריסטער מנשה, דעם אויפזעער איבער די דאָרטיקע זילבער־מינען, וועלכער דאַנקט דער קעניגין פאַר ראַטעווען אים פון ווערן דער־טרונקען. דאָס האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן אַלערליי השערות וועגן דעם שייכות פון אָט דעם מנשה צו משה רבינו.

געשיכטע דערפירט מיך אויך צו די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, פּאַרצייטיקע קונסטווערק און אויפשריפטן פון ארץ ישראל און די אַרומיקע לענדער.

אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק מאַכן אויף מיר די באַשרייבונגען פון די געפונענע בריוו אין טעל־על־אמארנא, מצרים *), אויסגעקריצט אויף ליימענע טאָוולען, וועלכע איך האָב געזען (אין אַפּריל 1899) אויסגעשטעלט אין קייזערלעכן־קעניגלעכן מוזיי אין בערלין *). איצט, ביים סוף יאָר 1900 זיינען אָט די בריוו געוואָרן קאָפּירט אויף פּאַפּיר, אין זייער אָריגי־נעלער קלין־פּאָרמיקער אָדער פלעקל־שריפט פון אשור און בבל, און אויך אין העברייאישע און לאַטיינישע בוכשטאַבן. מ׳האָט זיי אויך טייטלוויז, אָדער גאַנץ, איבערגעזעצט, פון אַלט באַבילאָניש און אשוריש, אין אַ צאָל היינטיקע שפּראַכן.

איינער פון די איבערזעצער פון אָט די בריוו איז דער דייטשישער אָריענטאַליסט דר. הוגאָ ווינקלער פון דעם בערלינער אוניווערזיטעט, וועל־כער פאַרנעמט זיך מיט אָריענטאַלישע און ביבלישע פאָרשונגען און שרייבט אויך אָפט וועגן דער אַלט־יידישער געשיכטע. כ׳געפין אָבער ביי אים צייטנווייז אַזוינע באַמערקונגען, וועלכע איך באַטראַכט פאַר ניט פריינטלעך צו יידן. מיר ווילט זיך דערפאַר אַליין אויך קענען פאַרשטיין אַביסל די שפּראַך און די שריפט פון די פריער־דערמאָנטע בריוו.

איך באַשטעל דעריבער אין דער פריבורגער הויפּט־בוכהאַנדלונג אַ ביכל צו לערנען אַסיראָלאָגיע אָן דער הילף פון אַ לערער. ווען פּראָפעסאָר גרימע דערוויסט זיך עס אין בוכהאַנדלונג, פרעגט ער מיך צוליב וואָס

*) וועגדונגען פון קעניגלעך און באַאַמטע אין „כנען" (קענאַאַן), וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אונטער דער אויבער־הערשאַפט פון מצרים. זיי באַשרייבן געשעענישן וועלכע זיינען מער־ווייניקער ענלעך צו דאָס, וואָס עס ווערט דערציילט אין תנ״ך (אינעם ספר „יהושע") פון דער צייט ווען יידן דעראָבערן דאָס לאַנד כנען און פאַרוואַנדלען עס אין ארץ ישראל. די אַריינדרינגער פונעם מדבר ווערן אין די בריוו אויך אָנגערופן „חיבירו", אָדער „הבירי", וואָס קאָן אויך מיינען „עברי" (איברו—ייד). די בריוו־שריי־בער פון כנען מישן אויך אַריין אין זייערע בריוו ווערטער פון זייער אייגענעם מאַמע־לשון, וואָס זיינען ענלעך צו העברייאיש. זיי רופן אויך אָן מענטשן און שטעט מיט ביבלישע נעמען.

*) נאָך הונדערטער בריוו פון „טעל־על־אמארנא" זע איך זומער 1901 אינעם „בריטישן מוזיי", אין לאָנדאָן, און אין האַרבסט 1908 אין עגיפּ־טישן מוזיי, אין קאַירא.

איך טו עס? דערקלער איך עס אים. לאַדעט ער מיך איין אַריינצוקומען, ווען כ'וועל האָבן צייט, צו אים אין קלאַס־צימער, וואו ער לערנט אַסיראָ־לאָגיע, אַלט־העברייאיש, די מעטריק פון תהילים, דעם ספר „ישעיה" א. ד. גל. ווען איך קום אַמאָל אַריין אין אַ שבת, נעמט ער מיך אויף זייער פריינטלעך. ער דערקלערט דערביי זיינע סטודענטן, דאָס רוב סעמינאַ־ריסטן, אַז אין מיר האָבן זיי אַ „לעבעדיקן העברייער" און וועלן מיט מיין הילף קאָנען פאַרשטיין העברייאישע ווערטער און באַגריפן אַזוי ווי פון אַ לעבעדיקער שפּראַך.

איך שרייב אַן אַרטיקל פאַרן „אידישן אַרבייטער" פון „בונד" *). איך טו עס אויפן פאַרלאַנג פון אַ מיטגליד פונעם בונדיסטישן אויסלענדישן קאָמיטעט און אַ רעדאַקטאָר פון זיין אָפיציעלן אָרגאַן. צוערשט האָט זיך וועגן דעם געווענדט צו מיר מיין חבר שלמה פיינבערג, נאָר כ'האָב דערפון ניט געוואָלט הערן. מיין טענה איז געווען, אַז אַלס מיטגליד פון דער „אַר־בעטער אָפּאָזיציע" פון דער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" קאָן איך ניט אַרבעטן אין אָרגאַן פונעם „בונד", וועלכער איז אַרויסגעוואַקסן פון יענער גרופּע. ס'איז אמת, אַז זינט דעם אַרעסט און דער פאַרשיקונג אין סיביר פון דעם „רעזטשיק" (אַבראַם גאָרדאָן), דעם טעאָרעטיקער פון דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע", עקזיסטירט זי ניט מער ווי אַן אָרגאַניזאַציע. דאָך בין איך נאָך ביי זיך ניט זיכער צי איך וועל קאָנען אַרבעטן צוזאַמען מיט אירע פריערדיקע קעגנער.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז שלמה פיינבערג ווידער געקומען צו מיר מיט דער זעלבער פאָדערונג. דאָס מאָל האָט ער געבראַכט מיט זיך אַן עלטערן בונדיסטישן אינטעליגענט, וועלכן ער האָט מיר פאָרגעשטעלט אַלס חבר וולאַדימיר *).

חבר וולאַדימיר האָט לאָגיש אַנאַליזירט די סיבות פון די סיכסוכים צווישן דער אַמאָליקער ווילנער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" און איר „אַרבעטער אָפּאָזיציע". ער האָט מיך איבערצייגט, אַז יענע סיבות זיינען איצט ניט מער קיין גרונט פאַרוואָס מיר זאָלן ניט קאָנען אַרבעטן צוזאַמען פאַר סאָציאַליזם. דאָס וואָס איך בין פאַר אַ יידישער מדינה דאַרף

*) „דער אַנטיסעמיטיזמוס אין ווינען" („דער אידישער אַרבייטער, אָרגאַן פון דעם אַלגעמיינעם אידישן אַרבייטער־בונד אין רוסלאַנד און פוילן", נומער 11, זשענעווע, מאַי, 1901, זייטן 20—28).

*) וולאַדימיר קאָסאָווסקי, מיטגליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" און פון דער רעדאַקציע „אידישער אַרבייטער."

מיר ניט שטערן צו שרייבן וועגן אַן אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער טעמע, איבער וועלכער עס זיינען ביי אונדז ניטאָ קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. אַלנפאַלס וועט מען אין קומענדיקן נומער „אידישער אַרבייטער" עפענען אַ דיסקוסיע וועגן דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע און עס וועט געשאַפן ווערן קלאַרקייט אויף אַט דעם געביט.

נאָך אַ קורצן שמועס האָבן מיר זיך געאייניקט, אַז איך וועל שרייבן איבער דעם אַנטיסעמיטיזם אין ווין. כ'האָב אים אויך צוגעזאָגט זיך באַלד נעמען צו דער אַרבעט, און אַזוי גיך ווי כ'וועל עס האָבן פאַרטיק וועל איך עס איבערגעבן מיין חבר שלמה פיינבערג, און ער וועט עס שוין צושטעלן צו אים, חבר וולאַדימירן.

איך קלייב זיך אויס די דאָזיקע טעמע, ווייל כ'האָב וועגן דעם אַ סך געלייענט אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונגען און זשורנאַלן און גע־הערט לעקציעס פון פערנערסטראָפּערן און אַנדערע וואָרט־זאָגער פון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך שרייב ניט אונטער מיין נאָמען אויף אַן אַרטיקל פאַר אַ ניט אַ לעגאַלער אויסגאַבע, בפרט נאָך אַז דאָס איז ניט אַ פערזענלעכע מיינונג אין אַ דיסקוסיע, נאָר איך שטיץ זיך דאָרט דער עיקר אויף מאַטעריאַלן געלייענט און געהערט פון עסטרייכישע רייכסראַט־דע־פּוטאַטן און אַנדערע פאַרשטייער און וואָרט־זאָגער אירע.

קאַפּיטל פיר און ניינציק

„דער אַנטיסעמיטיזמוס אין ווין"

אין מיין ערשטן אַרטיקל וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם אין ווין, דער־קלער איך באַלד אין אָנהויב דעם דאָזיקן אַנטיסעמיטיזם פאַר אַ פּאָליטישער דערשיינונג, וואָס האָט כמעט גאָרניט צו טאָן מיט דער שנאה צו יידן, וועלכע איז שוין פון לאַנג אַן בכלל איינגעוואָרצלט. דאָס זיינען נאָר קראַמפּן, „צוקונגען" פון קליינבירגערלעכן קלאַס פאַר זיין „אונטערגיין", און אַזאַ אַנטיסעמיטיזם קאָן נאָר זיין אין אַ ווין.

איך באַגרינד עס מיט אַ געשיכטלעכער באַשרייבונג, ווי אַזוי די עסטרייכישע קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע האָט אין איר אָנהויב געמוזט קעמפן מיטן הערשנדיקן אַבסאָלוטיזם, וואָס האָט שטענדיק געציטערט, עס זאָל ניט ווערן חלילה צופיל אַרבעטער אינעם לאַנד. ווען דער אַבסאָ־לוטיזם פאַלט אין עסטרייך, אין 1848, טרעט דאָרט אַרויס, אינעם קאַטוי־לישן לאַנד דער קלעריקאַליזם אין קאַמף קעגן דער אינדוסטריע. ער טוט

עס צוליב מורא, אַז דורך דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג „וועט די באַ־פעלקערונג באַקומען גאַר אַ נייעם גייסט און וועט פאַרלאָזן די אַלטע מנהגים. די עסטרייכישע אינדוסטריע האָט דאַרום זיך ניט געקאָנט פריי אַנטוויקלען און איז געבליבן שטיין אויפן מיטן וועג. דער קאַפּיטאַליזם אין עסטרייך האָט בלויז מוראדיק פאַראָרעמט די קליין־בורזשואַזיע דורך דער גרויסער קאָנקורענץ, נאָר ס'האָט זיך אים נאָך ניט איינגעגעבן גאַר אינגאַנצן צו דערשטיקן די קליין־אינדוסטריע."

די כיטרע קלעריקאַלן און פעאָדאַלן קומט דערפאַר אָן לייכט צו גע־ווינען דעם צוטרוי פון דער פאַראָרעמטער קליין־בורזשואַזיע דערמיט, וואָס זיי זיינען שונאים פון איר קאַפּיטאַליסטישן שונא. עס קומט זיי אויך אָן ניט שווער אַריבערצובררענגען צו איר דעם אַנטיסעמיטיזם. אַנווייזנדיק דעם ווינער קליינבירגער אויפן קאַפּיטאַליסט, וועלכער באַשעפּטיקט זיך מיטן טראַנספּאָרט פון סחורה נאָך אויסלאַנד און אויף די פאַבריקאַנטן פון פאַרטיקע קליידער און שוכוואַרג, אַז יענע זיינען יידן, פלעגט ביי אים ממילא (מעמיילע) סוף־כל־סוף אויסקומען, אַז אַ ייד און אַ קאַפּיטאַליסט איז איינס און דאָס זעלבע, און ער איז געוואָרן אויף אַזאַ אופן אַן אַנטיסע־מיט. דער קליין־בורזשואַ האָט זייער ווייניק געוואוסט פון דעם קלאַסן־היפוך, וועלכער איז דאָ אינעם יידישן פאָלק גופא., און פון דער שרעקלעכער אָרעמקייט פון די יידישע אַרבעטער אין גאַליציע. (ביי אָט דער געלעגנ־הייט וויל איך אויך אָן אין מיין אַרטיקל אויף די היסטאָרישע סיבות, פאַר־וואָס יידישע אונטערנעמער זיינען שטאַרק פאַרטראָטן אויף אָט די גע־ביטן אין עסטרייך).

די פעאָדאַלן, די דייטשע אַריסטאָקראַטן־קאָנסערוואַטאָרס, פאַראייניקט מיט קליינבירגערלעכע קריסטלעכע סאָציאַליסטן־אַנטיסעמיטן, באַוויזן דעריבער צו דערוויילן אין ווין אין 1896, פאַר בירגערמייסטער, זייער קאַנ־דידאַט, דר. קאַרל קלוגער. דער לעצטער — „אַן אויסגעצייכנטער אָראַטאָר", — „לייכטזיניק און ניט פעסט אין זיינע פּאָליטישע פּרינציפּן", — „זייער אַ שיינער" — „ליבלעך און פריינטלעך", „עגאָאיסט" און אַ „ליבהאָבער פון פוסטן נאַרישן כבוד" — איז אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן געווען אַ ליבעראַל, דערנאָך איז ער אַרויסגעטראָטן ווי אַ דעמאָקראַט און אַ דייטשער נאַציאָנאַליסט, און אַזוי ווי פאַר אים איז אַזאַ כבוד געווען גאָר־ניט מיט גאָרניט, האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן פון די קלעריקאַלן און האָט גענומען אָן אָנטייל אין זייער קאַמף, ווי אַן אַטאַמאַן פון דער קליין־בורזשואַזיע אין ווין.

די גלחים און פּריצים האָבן צוגעזאָגט די ווינער קליינבירגער צו מאַכן ווין אומאָפּהענגיק פון די קאַפּיטאַליסטן. אויסגעלאָזן האָט זיך, אָבער, פונקט קאַפּויר. מיין אַרטיקל רעכנט אויס אַ גאַנצע רייע פאַקטן וואָס

באַוויזן, אַז ווין איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי אָפּהענגיק פון די ווינער פינאַנסיסטן, ווי איצט, אין סוף יאָר 1900, און אַ חוץ דעם פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל."

„און דער קליין־בורזשואַ! אַז מען האָט אָנגעהויבן שמועסן ווי צו פאַרכאַפּן די מאַכט, האָט מען אים צוגעזאָגט אַרבעט און פּרנסה. נאָר די גרויסע אַרבעט, וועלכע די ליבעראַלע רעגירונג האָט איבערגעלאָזן דער שטאָט, האָט מען איבערגעגעבן אין די הענט פון די גרויסע אונטערנעמער, און דער עיקר די אויסלענדער — — די קליינע שניידער, וועלכן האָבן פּשוט די פינגער געלעקט, ווען (פּירשט) ליכטענשטיין, דער תּלמיד פון די קאַלטערסבורגער יעזואיטן, האָבן געדונערט אין פּאַרלאַמענט קעגן די גרויסע יידישע פאַבריקאַנטן ראַטבערגער, מאַנדל, צענטער א. ד. גל., פאַלן איצט אונטער דעם יאָך פון דער קאָנקורענץ פון דעם בעלגישן קלעריקאַל עטיען עסדערס, וועלכער אַרבעט מיט דעם קאַפּיטאַל פון די קאַלטערס־בורגער יעזואיטן אַליין, ווייל דער קלעריקאַליזם וויל נעבעך אַליין אויך מאַכן אַ גוטן געשעפט מיט זיין קאַפּיטאַל."

צולעצט רעכנט אויס מיין אַרטיקל אַ היפּשע צאָל געשעענישן, וועלכע ווייזן אָן אויף די סימנים פונעם צוזאַמענברוך פון דעם קלעריקאַלן־אַנטי־סעמיטישן רעזשים, און באַמערקט דערצו:

„אַזאַ שיינער כישוף־ווערטל ווי „יוד" האָט זייער גוט געקאָנט פאַר־אייניקן די פאַרשיידענע אינטערעסן, אָבער ווי די זאַך גייט איבער אין פּראַקטיק — — — דאָ ווערט עס גאָר ביטערלעך."

דער אויספיר פון מיין אַרטיקל איז, אַז די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג פון עסטרייך האָט געמוזט ביי איר אַנטוויקלונג איבערלעבן אַ געוויסע צייט דעם אַנטיסעמיטיזם. „ווען עס וועט מער גאָרניט שטערן דעם קאַפּיטאַליזם זיך עקאָנאָמיש צו אַנטוויקלען, ווען דער קלעריקאַליזם און פעאָדאַליזם וועלן גאָר אינגאַנצן פאַלן, דעמאָלט וועט זיך עפענען אַ ברייטער, פרייער וועג פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס — — — און דאַן וועט ער פריי און שטאָלץ גיין צו אונדזער ענד־ציל — צום סאָציאַליזם."

*
**

איך צייכן אַ פּלאַן פון אַ אוניווערזיטעט אויפן כּרמל, כאָטש כ'בין ניט קיין אַרכיטעקט און ניט קיין צייכענער. כ'האָב עס געטאָן אין אַ „דעלירים", אין אַ געראַנגל מיטן טויט, ווען דער הויפּט־דאָקטאָר פון פריבורג האָט שוין געהאַט מיר אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

מיין קראַנקהייט איז געקומען פון אַ שווערער פאַרקילונג און פון אייג־אָטעמען „אָזאָן". די פאַרקילונג האָב איך געקראָגן אין בערן, וואו איך האָב

פאַרבראַכט דעם ניי־יאָר 1901. מיין עלטערער פריינט יעקב־מאיר זאַלקינד האָט מיך פאַרוואָרפן מיט בריוולעך כ׳זאָל קומען צו אים צוגאַסט קיין בערן אויף די עטלעכע טעג פון דער ניי־יאָר־וואָך, ווען אַלע לערן־אַנשטאַלטן זיינען פאַרמאַכט. ער גיט מיר אויך אַריין אין נדן, אַז אַ חוץ מיינע אַלטע באַקאַנטע וועל איך איצט געפינען אַ היפּש ביסל נייע, וואוילע יאַטן, מיט וועלכע כ׳וועל הנאה האָבן צו פאַרברענגען. און אַזוי איז עס ווירקלעך געווען. איך ווער באַלד נאָענטע פריינט מיט דעם קלוגן הומאָרפולן עילוי, יעקב לעווקאָוויטש פון פּיעטריקאָוו, פּוילן. זיין יידישע שפּראַך איז רייך און מעלאָדיש. אויך זיין פּויליש קלינגט שענער ווי דער, וואָס כ׳הער אין פריבורג ריידן קינדער פון הויכן פּוילישן אַדל. כ׳באַקאָן זיך אויך מיט סאָלאָמאָן רובינשטיין פון ליבאַווע *), דוד וואָלפזאָן פון מעמעל, — אַ קרוב פון דר. הערצלס נאָענטן פריינט מיט דעם זעלביקן נאָמען, דעם העברייאישן דיכטער באָרוכאָוויטש, יוסף חיים הורוויץ פון ריגע, פייטל ליפּשיץ פון סלוצק *) און צענדליקער אַנדערע. דורך מיין חבר שלמה פיינבערג ווער איך אויך באַקאַנט מיט אַ צאָל בונדיסטישע סטודענטן און סטודענטקעס. איך באַזוך אויך דעם שווייצער סטאָליער־אַרבעטער פּאָול היגין, ביי וועמען כ׳האָב אַמאָל געוואוינט אין בערן (זיינע טעכטערלעך פלעגן דעמאָלט כסדר באַפּוצן מיין צימער מיט פרישע פעלד־בלומען. איצט שיקן זיי מיר פון צייט צו צייט אילוסטרירטע פּאָסט־קאַרטלעך). איך קריג אויך אין בערן צו לייענען אַ היפּשע צאָל נומערן פון „יוד״ און אַנדערע נייע ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין יידיש.

דינסטיק אָוונט גייען מיר אַ גאַנצע „כאַליאַסטרע״, אָנגעפירט פון זאַלקינדן, זען און הערן די אָפּערע „איל טראַוויאַטאַ״. מיר קריגן סטודענטן־קאַרטעס, שטיי־פּלעצער אין „פּאַרקעט״, אין פראָנט פון דער בינע. אין דרויסן איז געווען קאַלט, האָב איך געוואָלט מיטנעמען מיין מאַנטל, נאָר זאַלקינד, וועלכער וועגט מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל ווי איך, און פילט ניט קיין קעלט, האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיר, וואָס איך וויל זיך אָנפּעלצן. אַרויסגייענדיק ביינאַכט פון טעאַטער איז נאָך געווען קעלטער. דער ענטוזיאַסטישער זאַלקינד איז אָבער באַשטאַנען מיר זאָלן אין דרויסן אָפּוואַרטן די הויפּט־העלדין, אַ איטאַליענישע זינגערין, און מאַכן פאַר איר אַן אָוואַציע

---

*) אַלס דר. סאָלאָמאָן רובינשטיין ווערט ער שפּעטער אַקטיוו אין דער אַמעריקאַנער יהודימשער אַגענטור צו רעגולירן די יידישע עמיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן דורך גאַלוועסטאָן.

*) דר. פייטל ליפּשיץ שיקט מיר שפּעטער פון זשענעווע סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען פאַרן „יידישער קעמפער״ (1906—1907).

מיטן אויסרוף „וויוואַ לאַ איטאַליאַ!" דער סוף איז געווען, אַז כ'האָב זיך שטאַרק צוגעקילט.

קומענדיק צוריק אין פריבורג האָב איך זיך אַריינגעלאָזן צוריק אין לערנען און בכלל ניט געטראַכט פון מיין פאַרקילונג. אין צימער ביי מיר איז ביינאַכט ניט געווען צו וואַרעם, ווען כ'בין געזעסן ביז שפּעט, צוזאַמען מיט שלמה פיינבערגן, איבער אונדזערע לערנביכער; פלעגן מיר אויפקאָכן וואַסער און טרינקען הייסן טיי זיך צו דערוואַרעמען. אַזוי אַרום האָט זיך מיין פאַרקילונג נאָך פאַרשלימערט. איך בין געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן ווי פריער אין לערנען און אַרבעטן און זיך ניט געהאַלטן פאַר קיין חולה.

איין טאָג אָבער, ווען כ'האָב עטלעכע שעה געאַרבעט אויף אַן עקס־פערימענט מיט „ציאַן־קאַליום". כ'האָב געפּרואווט אָפּטיילן פון ציאַן דעם קאַליום און אים פאַרבייטן דורך „הידראָגען" (וואַסער־שטאָף). ווי אַלעמאָל, ביי אַזאַ אַרבעט, האָב איך אַלץ געטאָן מיט מיינע הענט הינטער אַ שויב, און זיך גוט געהיט, ניט איינצואָטעמען קיין ציאַן. מיר דוכט אָבער איצט, אַז איך בין געווען ווייניקער פאָרזיכטיק ביי מיין באַנוצן זיך מיט אַזאַן און האָב מסתמא, אַביסל איינגעאָטעמט זיין גיפטיקן ריח. אַלנפאַלס הוסט איך זיך שטאַרק פאַנאַנדער ביי מיין אַרבעט און איך קריג אַ „העמאָראַזש" — פון מיין האַלדז גיסט זיך אַרויס אַ שטראָם בלוט, און כ'ברעך צוזאַמען ביי מיין לאַבאָראַטאָריע־טיש...

ווי מ'האָט מיר שפּעטער דערציילט האָבן סטודענטן מיך צוגעפירט, אַ האַלב־טויטן, אין אַ „קאַבריאָלעט" (דראָזשקע), צו מיין קוואַרטיר. זיי רופן אויך אַהין אַרויס דעם פריבורגער שטאָט־דאָקטאָר, אַ הויך־אָנגע־זעענער מיליטערישער אַרצט. ער דערקלערט תיכף, אַז כ'האַלט ביים שטאַרבן און מאָרגן אינדערפרי וועל איך שוין געווים זיין קאַפּוט. ער הייסט דאַרום די פאַרצווייפלטע אַלטע שוועסטער, מ'זאָל מיך גלייך אַוועק־פירן אין שטאָטישן שפּיטאָל.

די באַרמהערציקע שוועסטער, די נאָנעס, דערציילן מיר שפּע־טער, אַז מ'האָט מיך אַריינגעטראָגן אין שפּיטאָל אין אַ באַוואוסטלאָזן צו־שטאַנד. דאָרט האָט מען מיר אָפּגעגעבן אַ גרעסערן צימער פאַר מיר אַליין, און אַריינגעלייגט אין אַ גרויס בעט. מען האָט מיך געפרעגט, וואָס כ'וויל, נאָר כ'האָב שוין ניט געהערט און, אַפּנים, אויך ניט פאַרשטאַנען וואָס מ'רעדט צו מיר. איך בין געווען אין אַ „דעלירים", און שטיל גערעדט פון היץ, אַרויסגעפּרעפּלט, אַז „איך מוז באַלד פאַרטיק מאַכן מיין פּלאַן", און געבעטן מ'זאָל מיר געבן פּאַפּיר און אַ בליישטיפט עס צו צייכענען. דער שפּיטאָל־דאָקטאָר האָט געהייסן דערפילן מיין פאַרלאַנג. מ'לייגט אַוועק אויף אַ קישעלע ביי מיין זייט פּאַפּיר און בליישטיפט און כ'נעם תיכף צייכענען.

קאַפּיטל פינף און ניינציק

אין פריבורגער שפּיטאָל

געטראָגן אויף כוואַליעס פון אַ צעהיצטער פאַנטאַזיע, ווייס איך ניט מער ווער כ׳בין און וואו כ׳בין. אַלץ וואָס איך ווייס, איז נאָר, אַז איך דאַרף אויסאַרבעטן אַ גענויעם פּלאַן פון יידישן אוניווערזיטעט אויפן באַרג כרמל, לעבן חיפה, ביים ברעג פון ים הגדול. כ׳בין צום אַלעם ערשטן פאַראינ־טערעסירט אין דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט. איך צייכן פאַר זיין יעדן געביט גרויסע לערן־צימערן, לאַבאָראַטאָריעס, אינסטיטוטן, אוי־דיטאָריומס, ביבליאָטעקן, לייען־זאַלן, אַרכיוון און מוזייען; שפּיטאָלן פאַר מענטשן און אַנדערע באַשעפענישן, אַפּטייקן, באָטאַנישע גערטנער, אַן אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריע א. אַז. וו., ווי אויך בעדער, שווים־פּלעצער, קיכן, עס־זאַלן, און וואוינונגען פאַר סטודענטן און פּראָפעסאָרן — פאַר יחידים און פּאָרלעך, פאַמיליעס און גרופּעס. און דאָס אַלץ איז אַרומגע־רינגלט מיט פעלדער, סעדער און וועלדער, וואו עס געפינען זיך נאַטירלעכע און קינסטלעכע טייכלעך און אָזיערקעס, שפּיל־ און שפּאַציר־פּלעצער, ווי אויך ערטער פאַר התבודדות — צו טראַכטן און מעדיטירן.

ווען איך באַקום ווידער מיין באַוואוסטזיין, זאָגט מען מיר, אַז גראָד דאָס דעליריום האָט מיך געראַטעוועט פון טויט. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס כ׳האָב אַ פינף־זעקס טעג ניט געגעסן, און כמעט אויך ניט געטרונקען, האָט זיך מיין קערפּער אָנגעהויבן היילן און האָט מיך דערהאַלטן ביים לעבן. מ׳הויבט מיר דעמאָלט אָן געבן זאַפטן און ביסלעכווייז אויך לייכטע שפּייזן. נאָר איך בין דערשעפּט און קאָן ניט באַוועגן קיין גליד.

אַן אַלטער מאַנאַך קומט מיך פרעגן צי כ׳וויל וואָס לייענען; ער ברענגט מיר אַ צאָל ביכער, פון וועלכע איך קלייב אויס דאָס אַלטע ווערק פון דאָקטאָר הופלאַנד ווי צו לעבן לאַנג...

אַזוי גיך ווי איך קאָן זיך אַביסל באַוועגן, הויב איך אָן פאָדערן מ׳זאָל מיך אָפּשיקן צוריק אויף מיין קוואַרטיר. כ׳וויל מער ניט זיין אין דער פרעמדער סביבה פון נאָנעס און מאָנאַכן. דער דאָקטאָר וויל צוערשט דערפון ניט הערן. שפּעטער אָבער איז ער מסכים מיט מיר, אַז כ׳וועל פילן בעסער ליגנדיק אויף מיין אַלטן געלעגער, אויף מיין קוואַרטיר. ווען מען פירט מיך אַהין אַוועק און די צוויי אַלטיטשקע שוועסטער דערזעען מיך אַ לעבעדיקן צלמען זיי זיך איבער פון דערשטוינונג. זיי באַהאַנדלען מיך פריינטלעך, גרייטן פאַר מיר צו דאָס עסן, וואָס דער דאָקטאָר האָט מיר רעקאָמענדירט. זיי קויפן אויך איין פאַר מיר די נויטיקע מעדיצינען. זיי ווייסן גוט, אַז כ׳האָב אין לאַנדאָן נאָענטע קרובים, וואָס וועלן פאַר אַלץ באַצאָלן.

אַראָפּגיין פון בעט איז מיר נאָך שווער. נאָר איין טאָג, ווען איך הער שפּילן מיליטערישע מוזיק, לאָז איך זיך אַרונטער פון מיין געלעגער אויפן טעפּיך, און וויל צוקריכן צום פענצטער, וואָס קוקט אַרויס צום גאַס. זיי ווילן מיר עס צוערשט ניט דערלאָזן. איך בין אָבער פאַרעקשנט. דעקן זיי מיך איין וואַרעם און פירן מיך ביידע צו פאַר די הענט צום פענצטער. כ׳זע אַ מיליטערישע לוויה און איך באַמערק דעם קליינעם „דיוואַן" מיט מעדאַלן, וואָס ווער׳ט געטראָגן נאָך דער טרונע, שריי איך אויס: „מיין דאָקטאָר איז געשטאָרבן!" די צוויי שוועסטער ווערן בלאַס און פירן מיך צו צוריק צו מיין געלעגער. נאָכדעם ווי איך באַרואיק זיך אַביסל, און איך ליג גוט איינגעדעקט, דערציילן זיי מיר דעם אמת:

דער אַלטער שטאָט־דאָקטאָר, אַ הויכער, ברייטער, פעטער מאַן, האָט זיך די וואָך פון יאַנואַר 1901 אויסגעגליטשט, אַריבערגייענדיק די גאַס, און שוין ניט געקאָנט מער זיך אויפהויבן. דאָס פאַלן פון זיין גרויסן שווערן קערפּער האָט אים באַלד געטויט.

איך האַלט מיין קראַנקהייט בסוד פון מיין טאַטן, באָבען און זיידן, אפילו פון שרה שפּרהן. איך לאָז עס נאָר וויסן מיין פאַרשטאָרבענער מאַמעס איינציקן ברודער, יאַנקל־משה (מאָריס סאַפּירשטיין), אין לאָנדאָן.

מיין פעטער, דער קראַנקער פאַבריק־אַרבעטער, וואָס איז געוואָרן אַ בשמים־קרעמער, שיקט מיר אַרויס טעלעגראַפיש אַ טוץ שילינגען, מיט אַ צוזאָג צו שיקן מאָרגן נאָך. ער בעט מיר: „נאָר זע און פאָלג דעם דאָקטאָר, וואַרעם פון דיין געזונט הענגען אָפּ אייניקע פּערזאָן". ער טיילט מיר אויך מיט, אַז ער האָט מיין שרייבן ניט געוויזן שרה שפּרהן. זי ווערט אָבער סיי־ווי אומרואיק און מוסרט מיך פאַר מיין שטילשווייגן. איך מוז דאַרום עפּעס וואָס שרייבן צו איר. היטנדיק זיך, אָבער, זי זאָל ניט דערקענען מייןווירקלעכן צושטאַנד, פאַרנעם איך מיין בריוו מיט אינפאָרמאַציעס פון קאָוונע און ווילנע און מיט סתם ליבע־ווערטער. איך זאָג איר אויך צו, צו באַשרייבן ווי כ׳האָב פאַרבראַכט אין בערן, נאָר איך טו עס ניט. זי איז שטאַרק אומצופרידן, וואָס איך שרייב גאַרניט וועגן זיך אַליין און באַקלאָגט זיך, מיט רעכט, קעגן די „פּוסטע פראַזן" און „אומערנסטע ליבע־ווערטער". באַנוץ איך די טענות אירע פאַר אַ תירוץ פאַר מיין ווייניק שרייבן, אַז איך וויל זיך אויסהיטן פון אָט דעם מין שרייבעכץ. כ׳ווייז אויך אָן אויף איר כלומרשטן ווידערשפּרוך, וואָס באַלד נאָך דעם פאַרוואורף, וואָס זי מאַכט מיר פאַר יענעם בריוו, דריקט זי אויס איר אומרואיקייט איבער מיין לאַנגן שטילשווייגן מיט אָט די ווערטער: „יעצט שפּיר איך, וואָס פאַר אַ מאַטע־ריאַל צום לעבן דיינע ליבע בריוו גיבן מיר, דען איך פיל, אַז אָן דיין שרייבן בין איך עפּעס ווי אַ טויטער. איך געפין ניט קיין רו — — — עס פעלט מיר אין האַרצן עפּעס וואָס."

סוף חודש פעברואַר הויב איך אָן זיך פילן בעסער. דער פעטער זאָגט דעמאָלט אויס שרה שפּרהן, וואָס איך האָב דערכגעלעבט. זי האָט אַ סך געוויסנביסן פאַר אירע פּאַרוואורפן וועגן מיין שטילשווייגן. עס פאַרדריסט איר אויך שטאַרק, וואָס מ׳האָט פון איר פאַרבאָרגן אַ זאַך, פון וואָס איר לעבן איז אָפּהענגיק; וואָס מיין פעטער האָט אַריבערגעטראָגן אַזוי פיל לייד און שמערץ און איר פאַרשווינט.

דער פעטער שרייבט מיר כ׳זאָל זיין געדולדיק, אַז כ׳וועל ווערן געזונט. און אַזוי ווי שרה שפּרה דענקט, אַז איך בין שוין פאָלקאָם געזונט, זאָל איך אָפּט שרייבן צו איר. דערביי באַמערקט ער:

„ווייטער, מיין טייערער, קאָנסטו זיין אַ ציוניסט, אָדער אַ ניהיליסט, זאָגאַר, חס ושלום, אַן אַנאַרכיסט, קאָן איך דיר אַנטרויען, אַז דו ביסט דאָס מיט אַן אָרנטלעכן ריינעם טרייען געפיל און איבערגעבונג. אָבער, ליידער, אַזוי פיל וואָס איך קען, דענק איך, אַז פון פריבורג ביז לאָנדאָן איז נאָך איינער ניטאָ ווי דו ביסט, און איין שוואַלב קאָן קיין זומער ניט מאַכן. נאָר דאָס האָף איך, אַז ווען דו וועסט מער פּראַקטיצירן די וועלט, אַז דו וועסט די מענטשן קענען אַזוי פיל ווי בילדונג, דאַן — — — וועסטו זאָגן: מיין אַלטער נאַרישער אָנקל האָט די וואַרהייט געזאָגט״... צולעצט דריקט ער אויס זיין באַדויערן, וואָס ווען כ׳וועל קאָנען קומען קיין לאָנדאָן (אויף די זומערדיקע קאַניקולעס) וועט ער ניט האָבן קיינעם מיט וועמען מיך צו באַקענען. „וואָרעם די העכערע קלאַסן מענטשן זיינען לומפּן, באַנדיטן״...

זינט אָנהויב מערץ הער איך ווידער לעקציעס און קום אויך אַמאָל אַריין אַרבעטן אַ ווייל אין דער לאַבאָראַטאָריע. איך שטודיר אויך מערווייניקער מיינע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע לערנביכער און לייען אויך היסטאָרישע און ליטעראַרישע ווערק. דעם 22־טן מערץ האָט זיך פאַרענדיקט דער ווינטער־סעמעסטער (1900—1901). אַלע מיינע באַקאַנטע יידישע, פּוילישע און שווייצאַרישע סטודענטן האָבן שוין פאַרלאָזן פריבורג. איך פאַרנעם זיך אָבער מיט לערנען (פאַר־זיך) און לייענען ניט ווייניקער ווי פריער. איך גיי אויך זונטיק אין קאַטעדראַל הערן שפּילן אָרגל און זינגען, אויך דרשות פון דאָמיניקאַנער און פראַנצויזישע מאָנאַכן.

מיין שוואַכער געזונט מאַכט מיך שטאַרק עמפּינדלעך קעגן די ניט־סאַניטאַרישע באַדינגונגען אַרום קאַטעדראַל. כ׳קאָן ניט צוזען, ווי דער עולם וואַשט די הענט מיטן ניט־ריינעם וואַסער, אינעם גרויסן שטיינערנעם בעקן, ביים אַריינגאַנג. אַ סך פרומע פּערזאָנען, באַזונדערס פרויען, באַנעצן אויך זייערע פּנימער מיט דעם זעלביקן וואַסער. אין פאַרגלייך דערמיט איז דער „כיור״ (האַנטפאַס), אין די בתי־מדרשים און קלויזן אין ליטע, אַ מוסטער פון ריינלעכקייט. און דאָך פלעגן עס אונדזערע הייניט־וועלטיקע יידן, יונג און אַלט, שטאַרק קריטיקירן.

דערביי דערמאָן איך זיך אויך די אומגערעכטע טענות פון אַ טייל יידן, אַז דאָס רוב יידישע שוסטער און שניידער זיינען פּאַרטאַטשעס און יידישע קרעמער באַשווינדלער. אין דער אמתן אָבער זיינען פאַראַן גוטע און שלעכטע באַלמעלאָכעס ביי יעדן פאָלק. און בנוגע קרעמער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די שווייצער זיינען בשום אופן ניט ראַיעלער ווי די יידישע. פאַרקערט, אין ווילנע און קאָוונע האָב איך צווישן די יידישע קרעמער געזען אַזוינע אויסערגעוויינלעך־אָרענטלעכע, וועלכע כ׳האָב נאָך ביז איצט ניט באַגעגנט אין בערן און פריבורג.

קאַפּיטל זעקס און ניינציק

איך באַשרייב מיין פריבורגער קוואַרטיר

איך באַשרייב מיין פריבורגער קוואַרטיר פאַר שרה שפּרהן. איך טו עס, ווייל איך האָב ניט קיין וויכטיקערס צו שרייבן. און אַז כ׳שרייב ניט אָפּט, מיינט זי, אַז איך בין ווידער שווער קראַנק. דערצו האָט זי מיר טאַקע אויך געבעטן שרייבן ווי איך לעב דאָ. שילדער איך מיין צימער אויף דער הויפּט־גאָס פון פריבורג אויף אַן ערשטן עטאַזש: ביי מיין טיר איז פאַראַן אַן אויפשריפט „כל דכפין ייתי ויכול״ (ווער עס איז הונגעריק זאָל קומען און עסן) — דאָס איז מיין „מזוזה״... מיין צימער איז ניט גרויס, אָבער דערפאַר אינגאַנצן אָנגעפּילט. גלייך אַנטקעגן מיר — דער אויוון; רעכטס אַ סאָפע און אַ טיש. ביים טיש צוויי שטולן, דערביי אַ קאָמאָד און אַ טיש מיט ביכער. די לינקע זייט איז מיין ספּאַלניע און די רעכטע — מיין עס־און שטודיר־צימער און מיין „סאַלאָן״... אין מיין ספּאַלניע איז ניטאָ קיין פענצטער, אָבער דערפאַר איז אין זאַל צוויי פענצטער, און זיי פאַרנעמען כמעט די גאַנצע וואַנט. צווישן ביידע פענצטער אַ קליינער בוים און — אַן אַלע־גאָריש בילד פון דער צוקונפט: די מאָרגן־זון... בילדער באַדעקן אַלע דריי ווענט און זעלטן באַמערקסטו די פאַרב פון די טאַפּעטן. איבער דער סאָפע הענגט אַ גרויסער שפּיגל און אַרום אים בילדער און בילדער. איבער דעם קאָמאָד הענגט אַ שיינער זייגער — — — אין אַ גלעזערנעם שראַנק און אַרום אים ווידער בילדער — — — דער גרעסטער טייל בילדער הענגען איבער מיין בעט. אין מיטן הענגט אַן אַלעגאָריש בילד: „די פרייהייט״ און אונטער אים: „די רעפּובליק״. רעכטס: „ווי דער משיח ווערט געבאָרן״ און אונטער אים „ווי אַ פאַר פאָלק זוכט אין „וויינאַכטן״ (אינעם געבורטס־טאָג פון אָט דעם „משיח״), אַ פּלאַץ ערגעצוואו צו עסן, וואו זיך צו שיצן פון קעלט״... לינקס — ווי מען קרייציקט קריסטוסן און ער מיינט, אַז ער

וועט מיט זיין טויט גליקלעך מאַכן די וועלט, און אונטער אים אַ בילד פון אַ סטרייק אין בעלגיע... דער פאַבריקאַנט שטייט קאַלט ווי אייז און האַרט ווי שטאָל... עס פעלן אויך ניט קיין בילדער פון פּאָעטן, מאַרטירער. — — — די סאָפע און שטולן זיינען אויף ספּרוזשינעס, גאַרדינען און „שטאָרעס" — — — אויף דעם טיש ביים סאָפע ליגן מיינע לערנביכער מיט דער אָרדענונג ווי כ'לערן, און מיט דער איינגעוואוינטער פּינקטלעכ־קייט... נאָר די פענצטער פון מיין צימער קומען אַריין אין אַ הויף, וואו עס זיינען נאָר דאָ קיכן מיט קעכינס און עס איז די לופט, ווי די אויסזיכט, ניט פאַר מיר געשאַפן.

צוליב דעם שיינער וועטער היינט, ערב פּסח, האָב איך, באַלד ווי איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט מיין דערמאָנטן בריוו צו שרה שפּרהן, אַ געוויסע צייט שפּאַצירט אין דער פרישער פרילינג־לופט, און זיך געפילט גוט.

דעם אָוונט, דאָס הייסט צום סדר, האָב איך פאַרבראַכט ביי דער אָנגע־זעענער שווייצער משפּחה, נאָרדמאַן, וועמעס הויפּט איז דער קאַסירער פון דער פריבורגער יידישער געמיינדע. אַלץ איז געווען אַנדערש ווי די סדר־נאַכט אין מיין אַלטער היים אין ליטע. אַזוי ווי די פראַנצויזישע יידן, זיינען אויך די שווייצאַרישע, באַזונדערס פון די פראַנצויזיש־ריידנדיקע קאַנטאָנען, ניט קיין רעפאָרמער, ווי די דייטשישע יאַהודים. זיי זיינען נאָר מאָדערניזירט און פאַרוועלטלעכט. די יוגנט האָט געהאַלטן הגדות מיט פראַנצויזישער איבערזעצונג און מיט נאָטן פאַר די לידער צו זינגען און שפּילן. דער יינגערער זון, אַ מיטגליד פון דער שווייצער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי, האָט אויסגעשפּילט די דאָזיקע לידער אויפן פידל און די מיזינקע האָט אים באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס די פראַנצויזיש־ריידנדיקע פריבורגער יידן „פּאַטוא", אַ באַזונדערן דיאַלעקט, האָב איך דאָך פאַרשטאַנען און הנאה געהאַט פונעם רעפעראַט פון דעם פראַנצויזישן שיין־גייסט, בריניטיער, וואָס ער האָט דאָ לעצטנס געהאַלטן. ער האָט גערעדט וועגן זיין לערער דעם ליטעראַטור־קריטיקער, היפּאָליט טען, דערקלערט ברייט זיין שיטה אין ליטעראַטור־קריטיק, און האָט פאַרעפנטלעכט אַלע אויסערלעכע סתירות, וועלכע מ'געפינט אויפן ערשטן בליק אין טענס ווערק וועגן די ליטעראַטורן פון פראַנקרייך און ענגלאַנד.

לעצטנס זיינען אַהער אָנגעקומען אַ גרופּע יידישע שילער פון טערקיי. זיי האָט דאָ אַראָפּגעבראַכט די „אַליאַנס איזראַעליטאַ" (חברה „כל ישראל חברים") פון פּאַריז. זיי וועלן לערנען אין היגן טעכניקום אויפן חשבון

פון דער אליאנס, וועלכע באַצאָלט אויך זייערע אַלע אַנדערע הוצאות. איינער פון זיי, שמואל מושין, איז אַן אשכנזי און קאָן ריידן און שרייבן יידיש. די איבעריקע פיר — אברהם אַבולאַפיא, יעקב חביב, מרדכי מיאָרא און מינדאָ זיינען ספרדים און זייער מאַמע־לשון איז לאַדינאָ (שפּאַניאָליש). אַלע פינף ריידן דאָ פראַנצויזיש, נאָר מיט מיר ריידן זיי העברייאיש. צוליב זיי גע־וואוין איך זיך עס צו צו ריידן לויט דער ספרדישער אויסשפּראַך, וועלכע אויך פּראָפעסאָר גרימע באַנוצט אין זיינע קלאַסן פאַר די לימודים פון העברייאישער גראַמאַטיק און תנ״ך פאַר קאַטוילישע סעמינאַריסטן.

אַט די זעקס יונגע יידישע טעכניקער טוליען זיך צו מיר און איך האָב זיי ליב באַקומען. כדי צו קענען זיך צוזאַמענשרייבן באַנוצן מיר רש״י־כתב, וועלכע מיר קענען אַלע זעקס לייענען, נאָר זיי שרייבן עס שנעלער, ווי אונדזערע אשכנזישע יידן, ווייל זיי לערנען עס פון קינדוויז אָן. צוגלייך לערן איך זיך אויך שרייבן אין זייער ספרדישן כתב און זיי — אין אונדזער אשכנזישן. חול המועד פסח האָב איך זיי מיטגענומען אויף אַ טאָג אין בערן און מיר האָבן דאָרט אַלע פיין פאַרבראַכט.

אַזוי ווי אין אַ פּאָר וואָכן אַרום הויבט זיך אָן דער זומער־סעמעסטער 1901, באַווייזן זיך שוין נייע סטודענטן, צווישן זיי אויך עטלעכע יידישע: צוויי פון רומעניע — האַלפּערן פון בוקאַרעסט און אַדאָלף יאַקאָב פון יאַסי, און צוויי פון רוסלאַנד — אברהם קאַפּלאַן און שלמה שלאָסמאַן.

אַדאָלף יאַקאָב איז אַ שריפטשטעלער אין רומעניש. ער איז דער פאַר־פאַסער פון אַ ביכל „בלוט און טרערן״. ער איז אַ האַרציקער טיף־פילנדיקער מענטש. ער פילט שטאַרק מיט די ליידן פון די יידן אין רומעניע. זיין ביכל, וועלכן ער דערקלערט מיר שורה נאָך שורה, האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. איין קאַפּיטל האָב איך איבערזעצט אין יידיש*).

עס קומען אויך אָן נייע פּראָפעסאָרן. איינער פון זיי איז דער קרוין־פּרינץ פון זאַקסן, וועלכער וויל זיין ליבער אַ מאָנאַך, איידער אַ קעניג. ער גייט אַרום כסדר מיט אַ תהילימל אין האַנט. זיין תהילים איז אין לאַ־טיינישער איבערזעצונג און אין אַט דער שפּראַך וועט ער אויך האַלטן זיינע לעקציעס אינעם היגן טעאָלאָגישן פאַקולטעט.

די וואָך פאַר דער דערעפענונג פונעם נייעם סעמעסטער האָב איך אָנ־געשריבן אַ גאַר לאַנגן בריוו צו שרה שפּרהן. כ׳האָב זיך געמוזט אָנ־שטרענגען עס צו טאָן. איך שרעק זיך תמיד פאַר אירע ניט ריכטיקע באַ־גריפן וועגן די יידישע מאַסן אין לאַנדאָן. איך וויל זי ניט איבערלאָזן ביי

---

*) פאַרעפנטלעכט אַרום צוועלף־דרייצן יאָר שפּעטער אין שיקאַגער „יידישן קוריער״, וועמעס ליטעראַרישער רעדאַקטאָר איך בין דעמאָלט געווען.

אַזוינע טעותן. איך ציטיר דאָרום פאַר איר פון דעם באַריכט פונעם ענגלישן פּאַרלאַמענט וועגן די יידן אין ווייטשעפּל, וואו עס וואוינען די יידיש־ריי־דנדיקע מאַסן. עס ווערט דאָרט געשריבן, אַז אַט די יידן זיינען פריי פון אוממאָראַלישקייט און אַנדערע זינד. זיי זיינען שפּאָרזאַם און פלייסיק און נעמען כמעט קיין מאָל ניט, אָדער זעלטן, פונעם שטאַטישן פאָנד פאַר די אָרעמע. איך פאַרענטפער אויך די פרומע יידן אונטער דר. אַדלערס דיס־ציפּלין, וועלכע שלאָגן זיך, ווי זי שרייבט מיר, צוליב גבאות. איך דער־קלער, אַז ענלעכס קומט אויך פאַר ביי אַנדערע פעלקער, ווייל „זיין אַ דע־פּוטאַט אין פּאַרלאַמענט״ קומט ניט אָן „איידעלער און גרינגער ווי צו זיין אַ גבאי אין אַ יידישער קירך אונטער דר. אַדלערס שוץ.״

דערביי טאַדל איך דעם „גראַנד ראַבין״, דר. אַדלער, פאַר זיינע ווער־טער צו מיין חבר משה אווערבאַך פון סעבעזש: „זי מוזן זיך באַטראַכטן אַלס רוסע. עס גיבט קיין יודישע נאַציאָן, נאָר איין רעליגיאָן״... כ׳בין דעריבער מיט דר. אַדלערן ניט פון איין פאָלק. ער איז אַ האַלבער דייטש און אַ האַלבער ענגלענדער, און איך בין ניט קיין אַריער, נאָר אַ סעמיט פון דעם אַזיאַטישן פאָלק ישראל. איך באַמערק אויך, אַז די יידישע פריי־הייט אין מערב־אייראָפּע איז ניט קיין ריכטיקע. אין אייניקע לענדער האָט מען אונדז נאָר צו רו געלאָזט אָבער ניט די פרייהייט געגעבן. און אויך מיט אָט דער גענאַרטער פרייהייט איז אונדזער פאָלק ניט זיכער. די מערב־אייראָפּיאישע פעלקער זאָגן: מיר האָבן אייך, יידן, געשענקט די פרייהייט, און אַז מיר ווילן קאָנען מיר צוריק אָפּנעמען די מתנה, וועלכע מיר האָבן אייך אומגערן געגעבן... אמתע פרייהייט האָט גאָר אַנדערש געדאַרפט זיין. די פעלקער דאַרפן זיך שלאָגן אין האַרצן „חטאנו!״ — מיר האָבן געזינדיקט קעגן אייך און מיר ווענלן איצט פאַרריכטן אונדזערע על־טערנס זינד...

איך ווייז אויך אָן שרה שפּרהן, אַז איר שילדערונג פון אַ לאָנדאָנער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרזאַמלונג איז צו איינזייטיק. זי זעט נאָר די קריגערייען און געשלעגן. איך דערמאָן איר, אַז אַ דייטשער דיכטער, הענרי מאַקיי, האָט, אויף וויפל איך קען זיך איצט דערמאָנען, געזען אין אַ יידישער רעוואָלוציאָנערער פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן אַן אַנדער בילד: יונגע אידע־אַליסטן פאַנטאַזירן וועגן דער העכסטער שטופע פון פרייהייט און גערעכ־טיקייט, בעת זיי אַליין זיינען באַרויבט פון זייער פרייהייט, און די אומגע־רעכטיקייט האָט זיי פאַרטריבן פון זייער היימאַט. וואָס ווייטער זיי זיינען פון דער ערד, אַלץ נעענטער זיינען זיי צום הימל. עס קאָן ביי זיי דאָרום ווערן די גרעסטע מחלוקה, די העכסטע אויפרעגונג וועגן אַ געדאַנק, וואָס אַנדערע ווענלן עס אַרומריידן קיל.

צום סוף באַמערק איך, אַז ווען מיין פאָלק איז שלעכט, בין איך פאַר־

פליכטעט עס צוריק גוט צו מאַכן, און אַלע צוזאַמען קאָנען מיר פיל אויפ־טאָן. מיין פאָלקס־שאַנד איז אויך מיין שאַנד, און מיין פאָלקס פאַלן איז אויך מיין פאַלן. און אַזוי לאַנג ווי כ׳וועל קאָנען וועל איך אַרבעטן אָפּצו־וואַשן זיינע פלעקן, און אים אויפצוהויבן אויף דעם פּאַסנדיקן אָרט!

קאַפּיטל זיבן און ניינציק

איך פליים זיך אָנצוויאָגן מיינע לימודים

איך פליים זיך אָנצוויאָגן מיינע לימודים, וועלכע כ׳האָב אויסגעלאָזן איבער מיין קראַנקהייט. דאָס קומט מיר אָן ניט גרינג, וואָרעם דער זומער סעמעסטער איז צו קורץ אויף אַריינצוכאַפּן אין אים די פאַרפעלטע לעק־ציעס און פּראַקטישע אַרבעט פון כמעט דריי חדשים. דערצו מוז איך נאָך אָפּשפּאָרן אַביסל צייט פון מיין געזונט וועגן. דר. טרייער, אַ פּריוואַט־דאָצענט אין לוזאַנער מעדיצינישן פאַקולטעט, ביי וועמען איך הייל זיך זינט כ׳בין צוריקגעקומען פון שפּיטאָל, וואָרנט מיך שטרענג איך זאָל ניט לערנען צופיל, באַזונדערס ביינאַכט. ער פאָדערט אויך, איך זאָל אָפּגעבן מער צייט זיך צו אַמוזירן, צעשטרייען און דערהאָלן זיך.

אינדערוואָכן פאַלג איך אים ווייניק אָדער גאָרניט. נאָר זונטיק, אַז אין דרויסן איז שיין, פאַרברענג איך דעם טאָג מיט מיינע טערקיש־יידישע פריינט פון היגן טעכניקום. איך יאָג זיך אַרום מיט זיי איבער לאַנקעס און וועלדלעך, בערג און טאָלן, ווי איך וואָלט געווען אַ פופצן־זעכצן יאָריק יינגל. איך העלף אויך אויסטראַכטן פאַרשיידענע שטיפעריי ען און שפּילן, אָפּט געשיכטלעך־יידישע. דאָס אַלץ שטאַרקט און קרעפטיקט מיך דעם טאָג אַ סך מער ווי אַלע מעדיצינען, מיט וועלכע דר. טרייער היילט מיינע קראַנקע לונגען.

איך פאַרברענג אויך לעצטנס מיינע וואָכעדיקע פרימאָרגנס אין פריי־שער לופט. איך שטיי אויף באַגינען, עס אַ לייכטן פרישטיק און פאָר נאָכדעם צום נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט אויסן שטאָט. די לערן־צימערן און די לאַבאָראַטאָריעס זיינען נאָך פאַרמאַכט, נאָר דער נאָענטער וואַלד איז גאַנץ אָפן. גיי איך אַהין אַריין און שפּאַציר אַרום אַ שעה אָדער מער. אַכט אַזייגער בין איך שוין אין דער פאַקולטעט־געביידע. אויב איך טרעף דעם פריינטלעכן אויפזעער אויף דער לאַבאָראַטאָריע לאָזט ער מיך תיכף אַריין, כאָטש ער דאַרף עס עפענען ערשט 8:30, און דאָס רוב סטו־דענטן קומען אַהין אָן אַרום 9 אַזייגער. אויב דער אויפזעער איז נאָך ניטאָ גיי איך דערווייל אַריין אין דעם קלאַס פון זאָאָלאָגיע, וואו פּראָפעסאָר קאַטהאַרינער האַלט זיין לעקציע וועגן דער אַנאַטאָמיע פון די זויג־חיות.

ער דערלויבט מיר גערן זיך איינצוהערן אַזוי לאַנג ווי איך וויל.

אויף מיין פּרימאָרגן־שפּאַציר אין וואַלד רייס איך אָן פרישע בלומען. עטלעכע שפּילעווע איך צו צו מיין קלאַפּע. די איבעריקע צעטייל איך צווישן די סטודענטן פון אַלע קלאַסן, וועלכע לערנען אינדערפרי. אַ טייל וואַרטן שוין אויף מיר אינדרויסן, אָדער אין קאָרידאָר, ביים אַריינגאַנג אין די קלאַס־צימערן, צו קריגן פון מיר פרישע בלומען. אַ היפּשע צאָל סטו־דענטן קומען אין קלאַס יעדן טאָג אין אַן אַנדער קאָסטיום. איך האָב אָבער נאָר איין קאָסטיום, באַנוגן איך זיך דערפאַר מיט אַנטאָן יעדן טאָג אַן אַנדער קראַוואַט... די סטודענטן מיינען דעריבער, אַז איך בין יעדן טאָג אָנגעטאָן אַנדערש, און אַלץ אויף מיר איז אַזוי פריש ווי מיינע בלומען.

איך טו איצט אויך פּראַקטישע אַרבעט אין פיזיקאַלישן אינסטיטוט, אונטער דער אויפזיכט פון פּריוואַט־דאָצענט דר. גאָקל, אַ הויכער מאַן מיט אַ פריינטלעכן פּנים, גוטמוטיקע אויגן און מיט אַ געדיכטער ניט־געפּוצטער ברוינער באָרד. פּראָפעסאָר פאַן קאָוואַלסקי האָט פון מיר פאַרלאַנגט פי־זיקאַלישע פּראַקטיק נאָך לעצטן ווינטער, נאָר מיין חבר שלמה פיינבערג, וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען אין פריבורג, און מיר פלעגן ביינאַכט לערנען צוזאַמען אויף מיין קוואַרטיר, האָט געטענהט, אַז פריער דאַרפן מיר לערנען מער טעאָריע. און אַזוי ווי מיר האָט דעמאָלט געפעלט די 30 פראַנק פאַרן זאַלאָג אין פיזיקאַלישן אינסטיטוט, האָב איך עס אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. איצט אָבער ווען כ׳יאָג זיך צו דערלערנען, וואָס איך האָב פאַר־פעלט אין דער צייט פון מיין קראַנקהייט, וויל איך אויך דעריאָגן מיין לימוד פון פיזיק. אי טעאָרעטיש און אי פּראַקטיש.

יעדן טאָג פיר איך דורך מיין געוויינלעכע פּראָגראַם אָן אונטערשייד פון וועטער. אַנדערש אָבער איז אין אַ זונטיק. אויב יענעם טאָג רעגנט און איך קאָן ניט פאַרברענגען אין דרויסן מיט מיינע לעוואַנטינער, די טערקיש־יידישע טעכניקער, פאַרנעם איך זיך מיט לייענען געשיכטע־ביכער וועגן יידישן אַלטערטום. איך בלעטער אויך אַרכעאָלאָגישע אַלבאָמען מיט צייכענונגען און פאָטאָגראַפיעס פון אויסגראָבונגען אין ארץ־ישראל און אין די אַרומיקע לענדער, ווי אויך די אַלט־סעמיטישע אויפשריפטן פון אַנדערע געגנטן, וואו עס האָבן זיך געפונען אין אַלטערטום קאָלאָניעס פון סעמיטיש־ריידנדיקע פעלקער.

שמואל מושין פון ירושלים *), דער עלטסטער פון די טערקיש־יידישע

---

*) שפּעטער אַ טיכטיקער אינזשיניער דאָרט. אַ דאַנק זיין פּרעסטיזש ביי די אָנגעזעענע אַראַבער, פאַרברענגען מיר, עטלעכע יונגע יידן (יצחק בן־צבי, רחל ינאית און איך), אַלס געסט פון „ראש־בעלעדיע״ (בירגער־מייסטער) פון שכם.

שילער אין פריבורגער טעכניקום, באַוויזט מיר, וואָס איך ווייס אַליין, אַז פּאָר אַ סטודענט פון כעמיע און פיזיק זיינען אָן שום פּראַקטישע נוצן מיין לייענען יידישע און סעמיטישע געשיכטע־ביכער, און די שריפט און שפּראַך פון אשור און בבל. כ׳האָב אָבער הנאה דערפון, (ווי, למשל, יענעם זונטיק, וואָס כ׳האָב געהאַט פּאַר זיך אַ געטרייע קאָפּיע פון אַ בריוו, געשיקט מיט אַ דריי און אַ האַלב טויזנט יאָר צוריק, פון „כנען״ (ארץ ישראל) קיין מצרים, אין אַט דער קלינפאָרמיקער שריפט, וואָס האָט אַרום 6000 צייכנס און בוך־שטאַבן, און איך האָב אים דעשיפרירט און ס׳זיינען אַרויסגעקומען אַזוינע ווערטער ווי „האבירו״ אָדער „אַבירו״ (יידן) און „אירושאלעם״ (ירושלים) און אַנדערע מיר באַקאַנטע נעמען און באַגריפן). איך האַלט עס פאַר אַזאַ צעשטרייאונג, ווי זען אַ דראַמע אָדער אַ קאָמעדיע אין טעאַטער, ווי הערן גוטע מוזיק און זען פיינע קונסט־ווערק אין אַ מוזיי. אַלנפאַלס איז דאָס ניט קיין ערגערע תורה ווי רויכערן און טרינקען, און וויניקער אויפרעגונג ווי שפּילן אין קאָרטן... שוין ניט ריידנדיק וועגן צייט־פאַרטרייבענישן, וואָס זיינען אומעטיש און אומעסטעטיש.

איך העלף גרינדן אַ יידישן סטודענטן־פאַראיין אין פריבורג, כאָטש מיר זיינען דאָ קליין אין צאָל. צוזאַמען מיט די פינף טעכניקער און מיין באַקענטן פריינט, דעם סטודענט־אינזשיניער, אַלעקסאַנדער ראַבינאָוויטש, וועלכער שטודירט אין דערבייאיקן ביעל, אָדער ביען (ווי די פראַנצויזיש־ריידנדיקע רופן עס אָן), האָבן מיר איבער אַ טוץ מיטגלידער.

די איניציאַטיווע דערצו קריג איך אין בערן אויף דער דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מאַי. כאָטש איך בין ניט מער אַריין אין עקסטאַז, ווי אין 1899, פון דער מעגלעכקייט צו פייערן דעם ערשטן מאַי, ווי אַ יום־טוב פון אַרבעט און דערפון, וואָס ער איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישן פּאָליציימייסטער, בין איך דעם הייַנטיקן ערשטן מאַי 1901 געווען אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. כ׳בין אויך געווען פול מיט האָפענונג, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום וועלן אויך די אַרבעטער פונעם צאַרס מדינה, מאַר־שירן דעם ערשטן מאַי אויף די שטאָטישע גאַסן, אָנשטאָט זיך צו פאַרזאַמלען אין געהיים אין די וועלדער, ווי אין דער צייט ווען איך בין געווען אַ לערן־ייִנגל און אַ טאָקער־אַרבעטער אין ווילנע. די רעדעס אין דער גרויסער האַלע, ביים באַרג גורטן, האָבן מיך דאָס מאָל מער מיטגעריסן ווי אין 1899. כ׳האָב זיך אָפּנים צוגעהערט אויפמערקזאַמער ווי דעמאָלט. די שענסטע רעדע איז, נאַטירלעך, געווען פלעכאַנאָווס. ער האָט אויך ציטירט די קלאַ־סיקער פון די רוסישע, פראַנצויזישע און דייטשישע ליטעראַטורן אין זיי־ערע אָריגינאַלן. מיר איז אויך געווען געפעלן די קרעפטיקע רעדע פון דעם זעכציק־יאָריקן שווייצער אַרבעטער־פירער הערמאַן גריילעך, דער גרינ־

דער פון דער שווייצער סעקציע פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אונטער קאַרל מאַרקס. ער האָט געגרעדט אינעם נאָמען פון דער „גריטלי" (די שווייצער פראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע). פלעכאַנאָוו איז נאָכדעם געזעסן ביי אַ באַזונדער טיש, וואו ער האָט געגעסן זיין מאָלצייט צוזאַמען מיט פּראָפעסאָר רייבעסבערג און דר. זשיטלאָווסקי. יענע זיינען אָבער ניט אַרויסגעטראָטן עפנטלעך.

מאַרשירנדיק דעם ערשטן מאַי צוזאַמען מיט דער זינגענדיקער יידישער סטודענטנשאַפט אין בערן, און פאַרברענגענדיק נאָכדעם מיט מיינע פריי־ערדיקע און נייע באַקאַנטע גוטע פריינט, באַשליס איך צו פּרואוון טאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אויך אין אונדזער קליינעם יידישן קרייז אין פריבורג. אונדזער קרייזל יידישע סטודענטן און טעכניקער איז עס געפעלן. מיר גיבן אַ נאָמען אונדזער פאַראיין „התקוה", די האָפענונג, און האָפן, ס'זאָל דערפון עפּעס וואָס אַרויסקומען, כאָטש מיר ווייסן גוט, אַז די פריי־בורגער יידן האָבן ניט קיין נאַציאָנאַל־יידישע אינטערעסן, אַחוץ זייער קליינעם טעמפּל און דאָס ביסל צדקה פאַר אָרעמע יידן אין אויסלאַנד. מיט מער אינטערעסירט מען זיך ניט. אפילו מאַרק גאַרמאַן, דער אינטעלי־גענטסטער ייד אין פריבורג, וועלכער איז מער־וויניקער באַקאַנט מיט די געשעענישן פונעם יידישן לעבן. נאָך וויניקער נאַציאָנאַל־יידיש איז לעאָן באָנדי, דער עלזאַסער יונגערמאַן, וועלכער קען זאָגן עברי מיטן מערב־אייראָפּייאישן סקאַרבאָוון ניגון און פאַרנעמט דאָ דערפאַר דעם פּלאַץ פון אַ „במקום", פון אַ ציטווייליקן ראַבינער.

דאָך פּרואוון מיר איבערצייגן די פריבורגער יידן, אַז עס זיינען יאָ פאַראַן נאַציאָנאַל־יידישע אינטערעסן, אַחוץ טעמפּל־צערעמאָניעס און צדקה. מיר טוען עס דורך אַ רעדע אין זייער קליינעם טעמפּל. איך האַלט די רעדע אין העברייאיש, דער עיקר צוליב די ספרדישע מיטגלידער. האַלפערן פון בוקאַרעסט איבערזעצט עס אין פראַנצויזיש. די געמיינדע איז דערפון צופרידן און דריקט אויס איר צופרידנקייט — דורך מכבד־זיין מיך מיט אַן עליה... לעאָן באָנדי זינגט אויס, אָנשטאָט מיר, די ברכה איבער דער תורה, ווי ער טוט עס פאַר די מיטגלידער פון זיין געמיינדע, וועלכע קענען עס אַליין ניט טאָן. ער זינגט אויך נאָכדעם לכבוד מיר אַ „מי שברך", אין דעם באַקאַנטן נוסח, אין וועלכן עס קומט אויך אַריין אַ „בעבור שנדר" (אַ געשאַנק פאַר דער קהילה), וועלכן ער זוכט אָפּצומורמלען, ווייל ער דער־וואַרט ניט אַזוינס פון אַ רוסלענדישן סטודענט. נאָר טאַקע דערפאַר שענק איך עטלעכע פראַנק פאַר דער פריבורגער יידישער געמיינדע...

*
**

איך קריג אומעטיקע נייעס פון יידישע שטעטלעך אין ליטע. דאָס שרייבט מיר מיין עלטסטער פריינט פון דער ווילנער גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, הלל דער לאַזורניק.

מיר האָבן זיך באַקאַנט זומער 1894, אויף דער קוואַרטיר פון די צוויי שניידער־אַרבעטער יאָשקע און ירמיהו־לייב. דער ערשטער — מיינער אַן עלטערער חבר פון קינדהייט, ווען איך בין נאָך ניט אַלט געווען קיין פינף יאָר. הלל מיט גרויסע העל־בלאָנדע וואָנצעס און מיט בלויע פינגער פון דער לאַזורעק, איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ צען יאָר און זיך טאַקע באַנומען ווי אַן עלטערער ברודער. אַלע דריי האָבן דעמאָלט געהערט צום קרייז פון „רעזטשיק", דער אָנפירער פון דער ווילנער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע". הלל וואוינט אויך אַ געוויסע צייט מיטן רעזטשיק אויף איין קוואַרטיר. אַ פּאָר יאָר שפּעטער צעקריגן זיי זיך און הלל ווערט אויך אַ קעגנער פון רעזטשיקס אָרגאַניזאַציע. אין האַרבסט 1896, ווען איך פאַרלאָז ווילנע איז אויך הלל שוין דאָרט ניטאָ. ערשט יאָרן שפּעטער, אין צייט פון מיין קראַנקהייט, ווינטער 1891, קריג איך פון אים אַ קאַרטל אונטער זיין נאָמען, הלל כץ, אין קאָוונע, פון וואַנען ער זוכט אַריבערצוגיין די גרענעץ נאָך אויסלאַנד. אַ פּאָר חדשים שפּעטער שרייבט ער מיר פון ווילקאָמיר, אַז מ'האָט אים „פאַרנומען ביים גרענעץ" און ער איז געגאַנגען מיטן עטאַפּ פינפטהאַלבן וואָכן צו זיין שטעטל, פּאָזעלווע. ער האָט דאָרט ניט וואו זיך אַהינצוטאָן. דער איינציקער אָרט וואו מ'קומט זיך דאָרט צוזאַמען איז אין בית־המדרש, קוקט מען אָבער דאָרט אויף אים ווי אויף אַ „ווייסער וואָראָנע", און מ'האָט מורא זיך צו חברן מיט אים.

זיין לאַגע ווערט ערגער איבער דעם, וואָס מ'באַשולדיקט אים, דורך אַ בלבול, אין פירן קאָנטראַבאַנד. וויל מען אים ניט אַרויסגעבן קיין נייעם פּאַס פאַרן משפּט. דערווייל קאָן ער אין ערגעץ ניט פאָרן, סיידן — נאָך אַמעריקע אָדער ענגלאַנד. עס פעלט אים אָבער געלט צו אַזאַ רייזע. דערצו מיינט עס אָפּגעריסן זיין פון אַלעס און כמעט, ווי מען קען זאָגן, אויף אַלעמאָל אין די מערקאַטילנע וועלטן, וואָס פאַרשלינגען דעם מענטשן אין גאַנצן. און כאָטש ער נויטיקט זיך אין דעם, ציט אים דאָך ווייניק אַהין, און ער וועט זיך דאָרט ניט קאָנען צופּאַסן. ער ווייס דעריבער ניט אויף וויפל ער וועט דאָרטן אוספייען, אפילו ווען ער זאָל שוין וועלן. און כאָטש דער גענאָסע קלמן שרייבט אים, אַז די האָפענונג טאָר מען ניט פאַרלירן, איז צייטנווייז פאַרלאָזט זי פאָרט. באַזונדערס, ווען ער האָט געפירט אַ „סקיטאַלטשעסקין" לעבן צוליב וואָס מ'איז כאָטש געווען צופרידן פון איין זייט פון לעבן, וואָס האָט צייטנווייז „פאַרנומען אין גאַנצן". נאָר איצט האָט זיך דאָס לעבן „ראַזוויוואַיעט" און „קיינעם איז דערפון קיין פּאָלזע ניט און מען ברויכט צו ליגן אין די קליינע שטעטלעך, וואו דאָס לעבן גייט

שפעטער אויף אייניקע מאַנאַטן און וואָס מען דערוויסט זיך שוין יאָ, איז מערסטנטייל אין אַ פּאַרקערטער פאָרמע און אַליין קאָנסטו גאָרניט מיטהעלפן".

מיין אַלטער חבר שרייבט מיר אויך, אַז ער האָט אַרויסגעשיקט קיין פריבורג זיין פאָטאָגראַפישע קאַרטע, דורך דער פרוי פון אונדזער פריינט מאַקס (דער לערער, וועלכער האָט מיך זומער 1894 אַריינגעפירט פאַר אַ מיטגליד אין דער ווילנער „גרופּע יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן"). איך האָב הללן תּיכף געענטפערט מיט דער האַפענונג, אַז פריער־שפּעטער וועל איך זיך דורך אים דערוויסן אויך וועגן מיינע אַמאָליקע באַקאַנטע פון דער באַוועגונג אין ווילנע *).

קאַפּיטל אַכט און נייַנציק

איך פאָר צו דער קרוינונג פון ענגלישן קעניג

איך פאָר צו דער קרוינונג פון ענגלישן קעניג קיין לאָנדאָן, אָנשטאָט אויף די קאַניקולס קיין איטאַליע.

ביידע פאַרשלאַגן זיינען מיר געקומען פון ענגלאַנד. מיין פעטער האָט מיר געשריבן, אַז ווי באַלד איך גיי נאָך צום דאָקטאָר, און באַנוץ מעדיצינען, פאַרשטייט ער, אַז איך בין נאָך ניט געזונט. ער האַלט דערפאַר, אַז די לאָנדאָנער לופט וועט מיך ניט „פאַליובען", און שלאָגט פאָר, איך זאָל מיינע קאַניקולס, די פרייע צייט צווישן זומער און ווינטער־סעמעסטער, פאַרברענגען אין איטאַליע. נאָכדעם קומען צוגאַסט אויף אַ וואָך צו דער משפּחה אין לאָנדאָן, און פון דאָרט פאָרן צוריק קיין פריבורג. מיר דוכט אָבער, אַז זומער־צייט וועל איך זיך פילן גוט אויך אין לאָנדאָנער קלימאַט. כ'וויל דאָרום ליבער זיין דאָרט, אינעם קרייז פון מיינע נאָענטע קרובים. בפרט, אַז שרה שפרה וואַרט מיט אומגעדולד אויף אונדזער ווידערזעען זיך.

אינצווישן שטאַרבט אַוועק די 82־יאָריקע ענגלישע מלכּה, בעט מיך שרה שפרה צופאָרן קיין לאָנדאָן זען דעם געפּלאַנטן פּראַכטפולן לויה־פּאַראַד. וויל איך לכתחילה ניט מבטל זיין פון לערנען, נאָר שפּעטער לאָז איך זיך איבעררעדן צו קומען אַהין נאָך פאַרן סוף סעמעסטער, דעם 26־טן יולי, צו דער קרוינונג פון קווין וויקטאָריעס בכור אַלס צוקונפטיקער קעניג פון ענגלאַנד.

---

*) מיר טרעפן זיך ערשט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין ענגלאַנד, ווען הלל קומט צו מיר אַהיים קיין לאָנדאָן. אין אַ סך יאָרן אַרום זעען מיר זיך אויך, פון צייט צו צייט, אין קליוולאַנד, וואו ער הייסט שוין הלל בלום.

ענגלאַנד איז איצט ניט באַליבט אין דער שווייץ. דער היגער עולם איז פּראָ־בוריש. די צייטונגען, באַזונדערס די דייטשישע, ריידן מיט פאַר־ליבטקייט וועגן „אָנקל פּאָול קריגער", דעם פּרעזידענט פון דער געוועזענער בורן־רעפּובליק, און מיט שנאה צום „פּאַלשן אלביאָן" (ענגלאַנד). נאָר פאַר מיר, אַלס אינטערנאַציאָנאַליסט און סאָציאַליסט, איז ענגלאַנד ניט פאַל־שער און ניט ערלעכער ווי אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות. איך בין קעגן דער אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג פון פעלקער, פונקט אַזוי ווי פון איינצלנע מענטשן, און איך סימפּאַטיזיר דעריבער מיט די בורן, כאָטש זיי זיינען ניט אַזוי אונטערדריקט, ווי די יידן אין צאַרס מדינה, און ליידן אויך ניט אַזוי פיל פון הונגער און נויט, ווי די יידן אין גאַליציע.

די ניט־פריינטלעכע באַשרייבונגען אין די שווייצער דייטשישע צייטונגען וועגן דעם ענגלישן קרוין־פּרינץ רופן אַרויס ביי מיר אַ שוואַכקייט פאַר אָט דעם 60־יאָריקן „פּרינץ אָוו וועילס", וואָס נאָך דער קרוינונג וועט ער „עדוואַרד דער זיבעטער". מיר געפעלט גראָד זיין חברן זיך מיט דער קינסטלערישער באָהעמיע אין פאַריז, און נאָך מער, זיין מישן זיך מיטן פּשוטן עולם אין לאָנדאָן, ווי, למשל, זיין עסן, מיט יענע צוזאַמען אין גאַס געבראָטענע קאַרטאָפל, און אָפּטאָן אַנדערע אַזוינע „שטוקעס", וועלכע האָבן, לויט אָט די צייטונגען, פאַרשאַפט חרפּות און בזיונות דעם ענגלישן קעניגלעכן הויף.

איך ווענד זיך דעריבער צו דער אַדמיניסטראַציע פון דעם פריבורגער נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט זיי זאָלן מיר דערלויבן האַלטן עקזאַמען פריער פאַר דער באַשטימטער צייט. איך קריג באַלד אַזאַ דערלויבעניש, דעם 28־טן יוני, 1901, אונטערגעשריבן פון מיין דעקאַן, פּראָפעסאָר לערך, און נעם זיך גרייטן אַלץ דורכצופירן.

נאָך מיינע עקזאַמענס פאָר איך אָפּ קיין פאַריז, דורך וואַנען איך פאָר קיין לאָנדאָן. איך פאַרברענג דאָרט עטלעכע טעג מיט מיין קינדהייטס־חבר, יאַשקע דער שניידער. ער איז איצט אויך מיינער אַ קרוב, ווייל מיין טאַטע האָט נאָך מיין מאַמעס טויט חתונה געהאַט מיט יאַשקעס מאַמען. דער פון מיר עלטערער יאַשקע איז אין ווילנע געווען טעטיק אין דער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" און אין איר „אַרבעטער־אָפּאָזיציע". ער איז אויך געווען אַקטיוו אין „קאַסע" (פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין) פון די שניידער־אַרבעטער און אין זייער ערשטן באַדייטנדיקן סטרייק, אין 1893. אין פאַריז איז ער אַרומגערינגלט פון אַנאַרכיסטן. יענע דערציילן מיר, אַז די איינ־געוואַנדערטע יידישע אַרבעטער אין פאַריז זיינען צום גרעסטן טייל גע־שטימט אַנאַרכיסטיש. מיר אָבער געפעלט בעסער סאָציאַליזם ווי אַנאַר־כיזם, ניט געקוקט אויף די אַנאַרכיסטישע חוזק־מאַכער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די דאָזיקע וויציקע מיטל־יאָריקע מענער האָבן אַרגומענטירט,

אַז אַן עכטער רעוואָלוציאָנער דאַרף זיין אַ שטאַרקער אינדיווידואַליסט. ער דאַרף צום אַלעם ערשטן זיך פאַרנעמען מיטן פאַרבעסערן זיין אייגענע עקאָנאָמישע לאַגע און ניט זאָרגן פאַר אַנדערע, ווי דאָס טוען די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַלטרואיסטן", ביי וועמען דער עיקר איז צו „פאַרבעסערן די וועלט."

דער אידעאַל צו פאַרבעסערן די וועלט איז אָבער ביי מיר איינגעוואָרצלט נאָך פון מיינע קינדער־יאָרן, ווען איך האָב געהאַפט „לתקן עולם במלכות־שדי", אויף אַ הימלשער מלוכה אויף דער ערד. אמת, איך בין פערזענלעך שטאַרק אינדיווידואַליסטיש, און זוך תמיד צו זיין טיף איבערצייגט אין דאָס וואָס כ'טראַכט און טו. דאָך קאָן איך בשום אופן ניט איינזען „רעוואָלוציאָנערישקייט" פון אַזאַ אינדיווידואַליזם, וואָס איז פאַרנומען נאָר מיט אייגענע אינטערעסן. אין מיינע אויגן קוקט עס אויס ווי אַ פשוטער בורזשואַזער עגאָאיזם, כאָטש אָט די פיפיקע אַפּלאַכער פון סאָציאַליזם פאַרזיכערן מיר, אַז זיי זיינען קעגן דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער גזעל־שאַפטלעכער אָרדענונג.

יאַשקע איז אין די דריי יאָר, וואָס ער וואוינט אין פאַריז, געוואָרן דער אָנגעזעענער דאַמען־שניידער „מ'סיע לעוויץ". דאָס רוב פון זיינע קונדן, זיינען פראַנצויזקעס. אויך זיין כלה, פון וועלכער ער דערציילט מיר, איז אַן „עכטע פראַנצויזקע". ער איז שטאַרק שטאָלץ אויף איר יחוס. זי שטאַמט פון פיר־פינף דורות רעוואָלוציאָנערן. אירע עלטער־זיידעס האָבן זיך באַטייליקט אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין צעשטערן די באַסטיליע, און אירע עלטער־באָבעס — אין דעם מאַרש קיין ווערסאַל, צו ברענגען דעם קעניג און די קעניגין קיין פאַריז. אירע זיידעס האָבן זיך געשלאָגן אין די רעוואָלוציעס פון 1830 און 1848, און איר טאַטע האָט געקעמפט אויף די באַריקאַדעס פון דער פאַריזער קאָמונע, מיט דרייסיק יאָר פריער. זי און איר עלטערער ברודער זיינען אויך רעוואָלוציאָנער־געשטימט. זיי געהערן צו דער פראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע פון די פראַנצויזישע אַרבעטער.

רבקה, אָדער רעבעקאַ לעוויץ, יאַשקעס יונגע שוועסטער, פירט מיך אַרום ווייזן די שענסטע פלעצער פון פאַריז. מיר פאָרן אויך אַרויף אויפן אייפל־טורעם, פון וואַנען איך זע די גאַנצע גרויסע שטאָט און אויך ווייטע געגנטן אַרום. איך באַזוך אויך אַ צאָל מוזייען, באַזונדערס דעם „לואַווער", וואו איך ווער ניט מיד צו באַטראַכטן זיינע פילע אַנטיקן און קונסט־ווערק — וועלט־באַרימטע סקולפּטורן און געמעלן.

*
**

לאָנדאָן איז רייך פאַרפּוצט לכבוד דער קאָראָנאַציע. אויף אַלע גאַסן שטייען פּיינע טויערן און פּלאַטפאָרמעס, פון וואַנען צו באַאָבאַכטן דעם אויסערגעוויינלעכן פּאַראַד. אין צענטער פון שטאָט זיינען אויסגעבויט קונסטפולע אַרקעס און פּאַוויליאָנען פון די פאַרשיידענע מלוכות און קאָלאָניעס, וועלכע געהערן צו דער גרויסער בריטישער אימפּעריע. די שטאָט איז פול מיט געהויבענע געסט, צווישן זיי קעניגן און פירשטן, פּרעזידענטן און מיניסטאָרן פון אַלע טיילן וועלט. די דערוואַרטע קאָראָנאַציע ווערט אָבער ניט דורכגעפירט. דער זעכציק־יאָריקער קרוין־פּרינץ ווערט פּלוצלונג קראַנק און זיין קרוינונג ווערט אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

די סענסאַציאָנעלע צייטונגען באַנוצן דעם קעניגס קראַנקהייט זיך צו גריבלען אין זיין לעבעיונגערישער פאַרגאַנגענהייט. זיי פאַרעפנטלעכן אויך „שטימען פון פאָלק”, וועלכע גיבן אָנצוהערעניש, אַז דער קעניג ליידט פון אַ מיאוסער קראַנקהייט, וואָס קומט פון הולטאַיסטווע. מיך וואונדערט אָט די באַציאונג צום פּערזענלעכן לעבן פון קעניג. איך ווייס, אַז אין דייטשלאַנד ווערן מענטשן פאַראורטיילט צו לאַנגע טערמינען צוכט־הויז פאַר דעם מינדסטן אויסדרוק קעגן קייזער ווילהעלם דעם צווייטן. אַמאָל דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס אָט דער קעניגלעכער לעבעיונג איז צו היינטוועלטיק פאַר די קאָנסערוואַטיווע לאָרדן און קירכן־פירשטן, וועלכע הערשן איצט איבער ענגלאַנד. בכלל אָבער טראַכט איך ניט פון אים. איך האָב איצט גענוג צו טראַכטן וועגן מיין אייגענער לאַגע.

די משפּחה אין לאָנדאָן האָט מיך אויפגענומען מיט ליבשאַפט. שרה שפּרה האָט אויפגעגעבן איר קוואַרטיר ביי מיין מומע בת־שבע, מיין מאַמעס יינגערע שוועסטער. זי האָט זיך אַריינגעקליבן אין נומער 6 לעסלי סטריט, לעבן דעם יידישן ווייטשעפּל, אין אַן אייגענער דירה פון צוויי צימערן: איינעם פאַר איר נייטעריי — זי אַרבעט איצט פאַר זיך — און איינעם פאַר אונדזער וואוינונג. דער פעטער האָט אַריינגעשיקט מעבל און זי, שרה שפּרה אַליין, האָט אונדזער צימער באַפּוצט מיט די נויטיקע גאַרדינען און וועש. דער פעטער האָט אפילו אויך באַזאָרגט אַ גרויס בילד אויפן וואַנט. ער ווייס ניט, אַז אָט די בילדער, פאַבריצירט פאַר מאַסן־געברויך, זיינען געמאַכט אַן געשמאַק און זייערע פאַרבן איבלען מיר אָנשטאָט צו דערקוויקן. שרה שפּרה האַלט אונדזער צימער ריין און ציכטיק, און ניט געקוקט אויף זיין אָרעם אויסזען, אין פאַרגלייך מיט די מעבלירטע צימערן אין דער שווייץ, איז עס אַ נישקשהדיקע היים. עס איז נאָר אַ פאַרדרוס, וואָס שרה שפּרה, וועלכע ווערט פון אַלעמען געריימט פאַר אירע „גילדערנע

הענט״ צום נייען, קאָן מיט זיי ניט אָפּקאָכן קיין שום מאכל ווי געהעריק *). איך מוז דאָרום עסן מיינע מאָלצייטן ביים פעטער אין הויז, וואו די מומע האָדע איז כסדר „ביזי״ (פאַרנומען) מיט די „קאַסטאָמערס״ (קונדן) און האָט קיין צייט ניט, אין דער וואָכן, אָפּצוקאָכן אַ היימישן עסן. גרייט זי צו פאַר מיר אויף גיך, אַ טיפּיש־ענגלישן מאכל פון פעטערס „גראָסערי.״

שבת, ווען די „גראָסערי״ איז פאַרמאַכט, עסן מיר אַלע צוזאַמען, און מ׳וואָלט געקאָנט זיך פילן יום־טובדיק. נאָר דעם פעטער איז ניט גוט אויפן האַרצן: שבת דערפילט ער ערשט ריכטיק, אַז זיינע קינדער זיינען ניט דערצויגן ווי געהעריק. ווי אַ סך אַנדערע יידישע פאַבריק־אַרבעטער אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן אין לאָנדאָן, איז אויך מיין פעטער, מאָריס סאָפּירשטיין, דעמאָלט געווען אַ ראַדיקאַל. ער האָט געהערט צום „בערנער סטריטער קלוב״, דער מיטלפּונקט פון די סאָציאַליסטן־אַנאַרכיסטן, וואָס ווערט שפּעטער גאַנץ אַנאַרכיסטיש; ער האָט זיך באַטייליקט אין אַנטי־רעליגיעזע דעמאָנסטראַציעס, אונטער דער פירערשאַפט פון פיליפּ קראַנץ, דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד״. וועגן דער יידישער דער־ציאונג פון זיינע קינדער האָט דער פעטער כלל ניט געטראַכט. זיין פרומע פרוי, מיין מומע האָדע, גיט זיי לערנען פריער צו היימישע מלמדים און שפּעטער אין „דזשואיש פרי־סקול״, אַ מין תלמוד־תורה, אין ענגליש, וואָס לאָנדאָנער יידישע גבירים און אַריסטאָקראַטן האָבן געגרינדעט פאַר קינדער פון אימיגראַנטישע יידן. דאָרט זיינען די קינדער דערצויגן גע־וואָרן פאַר ענגלישע שאָוויניסטן, נאָר בלייבן אומבאַקאַנט מיט דער גע־שיכטע, קולטור און שפּראַך פון יידישן פאָלק.

דעם יינגסטן אייב (אַורעמעלע), אַ נאָמען נאָך מיין זיידן, אַ גראָדנער חסיד, לערן איך שרייבן און לייענען יידיש, נאָר ער ווייזט אַרויס אַ קנאַפּן חשק דערצו. די מיזינקע, אסתר, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע שיינהייט, האָט זיך אויסגעלערנט ריידן יידיש איינהערנדיק זיך צו די גרינע וויבער אין דער גראָסערי. איר וועל איך מעגלעך קענען אויסלערנען אָנשרייבן אַ בריוול אין יידיש. זייער עלטערער ברודער עליק איז אַ „סקאַוט־באָי״, לערנט זיך שיסן מיט אַ ביקס, האַסט די „עליענס״ (אויסלענדער) און זייערע שפּראַכן, אַחוץ די וועלכע מ׳לערנט אין „האַי־סקול״; ער איז אַ פלייסיקער שילער און האָט געוואונען אַ „סקאָלערשיפּ״ (סטיפּענדיע) און מ׳דאַרף דאָרט ניט צאָלן פאַר זיין לערנען.

צרות אָן אַ שיעור האָט דער פעטער פון זיין עלטסטן זון, דעם אַכצן־

---

*) שפּעטער, ווען זי הערט־אויף נייען און איז דער עיקר אַ „הויז־פרוי״ ווערט זי אויך געריכטעט מיט האָבן „גילדערנע הענט״ צום קאָכן, און ווערט אפילו באַטראַכט פאַר אַ טיכטיקער דיעטעטיקערין.

יאָריקן „ספאָרט״ הערי. געהאָדעוועט זיך אין די ערגסטע צייטן, וואָס די איינגעוואָנדערטע יידישע אַרבעטער און זייערע געזינדן האָבן איבערגע־לעבט אין לאָנדאָן, איז הערי בלוט־אָרעם און ליידט פון אַסטמאַ און אַ צאָל אַנדערע קראַנקהייטן. דאָקטוירים האָבן אים פאַר אים באַשטימט אַ דיעטע. נאָר דער קלוגער, פּיאיקער בחור וויל דערפון ניט הערן. ער זאָגט מיר, אַז אין די עטלעכע יאָר, וואָס ער האָט נאָך צו זיין אויף דער ערד וויל ער פון אַלץ געניסן. חברט ער זיך מיט געזונטע שטאַרקע יונגען און טוט זיי אין אַלץ נאָך: פאַרשלינגט, ווי זיי, אַ טוץ רויע אויסטערס אויף אַמאָל, פאַרטרינקט עס מיט שטאַרקן ביר און רויכערט נאָכדעם שוואַרצע דיקע ציגאַרן, כאָטש עס שטיקט אים דער הוסט. די גוטע מאַמע באַזאָרגט אים מיט געהעריגע טאָשן־געלט פאַר אַלץ וואָס ער וויל, כאָטש זי קלאָגט, אַז זיין אויפפירונג פירט אים צו אַ שנעלן טויט...

מיר צוליב, און אויך כדי זיך צו צעשטרייען פון זיין אויפרעגונג קעגן זיין בכור, מיט וועלכן ער אַרגומענטירט שוין ניט מער, פאָרט דער פעטער מיט מיר יעדן שבת אויסן שטאָט, אין פאַרקן און אין וועלדער. מיר פאָרן אויך מיט שיפן אויף דעם טייך טעמזע. מיר פאַרברענגען אַ היפּשע צייט אין גריניטש פּאַרק, וואו עס געפינט זיך די וועלט־באַרימטע אַסטראָנאָ־מישע אָבסערוואַטאָריע, וועלכע באַשטימט די גענויע צייט פאַר גאַנץ ענג־לאַנד (די „גריניטש־צייט״ איז אויך באַקאַנט אין אַנדערע לענדער). דער פאַרק איז זעלטן שיין און די לופט איז אַ מחיה. ס׳איז מיר אויך אָנגענעם צו קוקן אויף די סטאַדעס געצאַמטע יונגע הירשן א. ד. גל. שיינע באַשע־פענישן, וועלכע פיטערן זיך דאָרט. אַן אַנדער שבת פאָרן מיר מיטן שיף קיין וואולידזש, וואו עס געפינט זיך דער גרויסער ענגלישער אַרסענאַל, נאָר דער עיקר, איז פאַר מיר די אָנגענעמע רייזע אויפן טייך, הין און צוריק. אַזאַ רייזע איז אויך פאַר מיר דער שפּאַציר מיט אַ שיף אויף דער טעמזע פון „לאָנדאָן ברידזש״, דער נאָענטסטער בריק פון דער יידישער געגנט אין „איסט ענד״ ביז צום אַלטן קעניגלעכן פּאַלאַץ „העמפּטאָן קאָורט״. לעצטנס אָבער האָב איך אָנגעהויבן אַרומפאָרן אויך אַליין, און דאָס רוב טאַקע אויך מיט אַ געוויסן פּלאַן.

קאַפּיטל נייַן און נייַנציק

איך שטודיר לאָנדאָן מיט אַ סיסטעם

פאַר מיין אָפּפאָרן פון פריבורג האָט מיין דאָרטיקער דאָקטאָר, פּרי־וואַט־דאָצענט טרייער, מיר אָנגעזאָגט, אַז כ׳זאָל אין די „פעריען״ (וואַקאַ־

ציע־צייט) זיך ניט אָפּגעבן מיט שטודירן מיינע לערנביכער, נאָר זיך ריכ־טיק אָפּרוען: צעשטרייען און דערפרישן.

כ'האָב זיך געפלייסט עס צו טאָן. פלעג איך יעדן טאָג אינדערוואָכן צופאָרן מיט אַ באַס (אָמניבוס), אָדער אַוועקגיין צו־פוס אין צפון־מזרח פון לאָנדאָן, צום וויקטאָריע פּאַרק, וואָס איז דער נאָענטסטער שטאָט־גאָרטן צו דער יידישער געגנט פון ווייטשעפּל. שפּעטער פאָר איך ליבער צו דער געגנט פון קעניגלעכן באַקינגהעם פּאַלאַץ, — אין די שיינע שטילע גערט־נער „גרין פּאַרק" און „סט. דזשיימס פּאַרק". די לופט איז דאָרט מילד און אָנגענעם. דערצו קריג איך דאָרט פאַר איין פּעני אַ גלאָז פריש מילך, וואָס אַ פרוי מעלקט אויס פאַר מיר דירעקט פון קו. פון אָט די צוויי פּאַרקן פלעג איך צושפּאַצירן צום וואונדער־שיינעם פראָמענאַדע־פּלאַץ, „וויקטאָריע עמבענקמענט", ביים ברעג טייך טעמזע, וואו כ'האָב אויך אָפט געהערט אַ גוטן אָרקעסטער שפּילן קלאַסישע מוזיק. אָדער איך פלעג פון דאָרט, דורך דער שיינער רייכער גאַס „פּיקאַדילי", זיך אַוועקלאָזן שפּאַצירן צום פּאָפּולערן „האַיד פּאַרק". אַן אַנדערש מאָל פלעג איך פאָרן צו די „העמ־סטעד היטס" בערג, אין צפון לאָנדאָן, וואו די גרינע דופּטיקע לאָנקעס אויף באַרג און טאָל דערמאָנען מיך אין דער שווייץ.

לעצטנס אָבער שטודיר איך לאָנדאָן מיט אַ סיסטעם. מיין וועגווייזער איז בעדעקערס אינפאָרמאַטיוו האַנטבוך פאַר רייזענדע. איך באַטראַכט געענוי יעדן אוצר, וואָס לאָנדאָן פאַרמאָגט. האָבנדיק אין זינען מיינע קראַנקע לונגען און מיין דאָקטאָרס וואָרנונגען, הויב איך אָן מיין שטודיום מיטן אומ־געהויער גרויסן באָטאַנישן גאָרטן „קיו גאַרדנס", וואו עס געפינען זיך פלאַנצן, בלומען און בוימער פון אַלע טיילן וועלט, — צווישן זיי אויך אַ צעדער פון באַרג לבנון, אין צפון פון ארץ־ישראל. דער גאָרטן איז אָנ־געפילט מיט די בשמים־ריחות פון די געזינטסטע קלימאַטן. נאָכדעם האָב איך געענוי באַטראַכט אַלע מינים באַשעפענישן פון יבשה, וואַסער און לופט, וואָס זיינען דאָ פאַרזאַמלט אין דעם רייכן זאָאָלאָגישן גאָרטן, ניט ווייט פון בריטישן מוזיי.

טעג און וואָכן פאַרברענג איך אין לאָנדאָן און באַטראַכט די אומדער־שעפּלעכע קולטור־אוצרות פון די גלאַנץ־עפּאָכעס פון גריכנלאַנד, רוים, עגיפּטן, פּערסיע, די אַראַבישע אימפּעריעס פון די קאַליפן, אינדיע, כינע א. אַז. וו. — אָט די אַלע אוצרות, וואָס ענגלאַנד האָט צונויפגעזאַמלט מיט גוטן און מיט בייזן: אויסגעקויפט, אָדער אַוועקגערויבט מיט געוואַלד, אין פאַרשיידענע לענדער און אויך ימען, ווי למשל, די קאָסטבאַרע זאַמ־לונגען, וועלכע נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט געפירט אויף שיפן פון אַרי־ענט קיין פראַנקרייך, און די ענגלישע פלאָטע האָט עס צוגענומען, ווי עס

ווערט דאָ דערציילט אויף ספּעציעלע טאָוולען אין די היגע מוזייען.

די ביכער וואָס איך האָב געלייענט אין פֿריבורג וועגן די אַלטערטימער פֿונעם נאָענטן אָריענט (מערב־אַזיע און צפֿון־אַפֿריקע), קומען מיר איצט גוט צוניץ אין היגן בריטישן מוזיי, וואו עס געפֿינען זיך עטלעכע הונדערט ליימענע טאָוולען פֿון דעם אויסגעגראָבענעם עגיפּטישן אַרכיוו אין „טעל־על־אמארנא". דאָס זיינען די טאָוולען, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט, אין דער קלין־פֿאָרמיקער שריפֿט פֿון אשור און בבל, בריוו וואָס מלכים, שרים פֿון כנען, און דאָס שפּעטערדיקע ארץ־ישראל, האָבן געשיקט צו זייער אויבער־האַר, דעם מלך פֿון מצרים, ער זאָל זיי העלפֿן קעגן די „האַבירי" (יידן), וועלכע דרינגען אַריין אין לאַנד כנען פֿון אַלע זייטן.

איצט (זומער 1901) קוק איך אויף די דאָזיקע טאָוולען גאָר אַנדערש, ווי אין בערלינער מוזיי, אין אַפּריל 1899. כ'האָב שוין געלייענט אַ צאָל ביכער און אַרטיקלען וועגן זיי, איך פֿאַרשטיי אַביסל זייער כתב און איך בין באַקאַנט מיט זייער אינהאַלט. דעם פֿאַקט, וואָס צווישן די דאָזיקע בריוו ווערט ניט דערמאָנט קיינער פֿון „שכם" נעם איך אָן פֿאַר אַ סימן, אַז שוין דעמאָלט — אינעם 15־טן יאָרהונדערט פֿאַר דער קריסטלעכער צייט־רע־כענונג — האָבן אין יענער געגנט, ביים באַרג „גריזים", געוואוינט יידן, העלדישע קינדער פֿון „יוסף" און „אפֿרים", אָדער אַנדערע משפּחות פֿון „ישראל", וועלכע זיינען, מעגלעך, דאָרט שוין געוועזן אין די אוראַלטע צייטן פֿון די אבות (אָוועס) אברהם, יצחק און יעקב.

אין דעם בריטישן מוזיי זע איך אויך מאָנומענטן פֿון די אין חומש־דערמאָנטע פּאַרצייטיקע מלוכות פֿון כדרלעומר מלך עילם, מיט סקולפּ־טאָרישע שילדערונגען פֿון די מלחמות צווישן די עלאַמיטן מיט די אשוריער; פֿון אמרפֿל מלך שנער, אָדער „האַמוראבי", ווי ער הייסט אויף זיין קאָלאָ־סאַלער סטאַטוע, וואו עס איז אויסגעקריצט זיין תורה אין דער שפּראַך פֿון אשור און בבל; פֿון „אמורים" (אַמוירים אָדער עמאָריטן) „חתים" (כיטים אָדער כיטיער), וועלכע האָבן, לויטן נביא יחזקאל, זיך אויסגעמישט מיט אונדזער אַלט־יידישן פֿאָלק . . . איך זע דאָרט אויך די אומגעהויערע „כרובים", אויסגעהאַקט פֿון שטיין, מיט זייערע פֿאַנטאַסטישע געשטאַלטן פֿון מענטש, חיה און פֿויגל, וועלכע דער נביא יחזקאל האָט אויסגעמאָלט מיט קינסט־לערישע ווערטער, אין זיין בילד פֿון דעם הימלישן טראָן, אָדער קאַרעטע („מעשה מרכבה"), אויף וועלכן עס זיצט דער האַר פֿון דער וועלט.

אויף די אויסגעגראָבענע מאָנומענטן פֿון אשור זע איך אויך באַקאַנטע נעמען פֿון דער יידישער געשיכטע: „עמרי", „אחאב", „יהוא" — קעניגן פֿון „ישראל" — און זייער הויפּט־שטאָט „שומרון", אין די צייטן פֿון „אליהו הנביא", ווי אויך אַ סצענע פֿון דער מלחמה ביי לכיש צווישן אשור און יהודה אין די צייטן פֿון דעם נביא ישעיה. אין אשורישן זאַל באַוואונדער

איך אויך די קינסטלערישע רעליעפן, וועלכע זיינען מיט טויזנטער יאָרן צוריק געהאַנגען אויף די ווענט פון די קעניגלעכע פּאַלאַצן אין אשור.

טעג און וואָכן פאַרברענג איך אויך אין די מוזייען פון „סאוט קענסינג־טאָן", אין דרום־מערב פון לאָנדאָן, באַזונדערס אין דעם נאַטור־היסטאָרישן וואו עס שטייט „אויף דער וואַך" דער מאָנומענט פון טשאַרלז דאַרווין, וועלכער האָט אונדז אויפגעקלערט איבער דער אַנטשטייאונג פון די מינים אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשן. אין „דאַרווינס מוזיי" זיינען אויך פאַראַן אוצרות פון וויסן און דערפאַרונג פאַרן כעמיקער, פיזיקער, מינע־ראַלאָג א. אַז. וו. מיר זעען דאָרט אויך, פון איין זייט, די אַנטשטייאונג און אונטערגאַנג פון אַ גאַנצער ריי ציוויליזאַציעס, און פון דער אַנדער זייט, דעם כסדרדיקן המשך פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, כאָטש אין זיג־זאַגן און אין פאַרשיידנאַרטיקע געשטאַלטן.

איך דערפריש אויך מיין גייסט אין די קונסט־אָפּטיילונגען פון בריטישן מוזיי און באַזונדערס אין די ספּעציעלע קונסט־מוזייען: „נעשאָנעל גאַלערי", „פּאָרטרעטס גאַלערי", „טייט גאַלערי" (פון ענגלישער קונסט), ווי אויך די באַזונדערע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע, אינדיווידועלע און קאָלעק־טיווע אויסשטעלונגען. איך באַוואונדער דאָרט די עסטעטישע סקולפּטאָרן פון ראָדען און די סאָציאַל־עטישע פון מעניע; די פאַרבן־סימפאָניעס פון וויסטלער, ווי אויך זיינע „עטשינגס" (גראַווירונגען), וועלכע דערמאָנען מיר אין די ווערק פון דער רעמבראַנד־אויסשטעלונג. איך בין באַצויבערט פון דער פּאָעטישער, ניט־דאַאיקער שיינקייט אין די געמעלן פון די „פּרע־ראַפּאַעליטען" און איך בין אויך פאַרליבט אין די זון־אויפגאַנגס און אַנ־דערע נאַטור־מאַלערייען פון טוירנער א. ד. גל. אַזוי שוועב איך אַ צייט אַרום טאָג־טעגלעך צווישן די שיינקייטן פון „שיינקייטס־לאַנד" און קום צוריק אַהיים עקזאַלטירט, באַגייסטערט און אַנטציקט. עס פאַרדריסט מיך אָבער, וואָס שרה שפּרה איז אינדערוואָכן פאַרנומען און מיר קאָנען ניט זען צוזאַמען אָט די וועלט פון שיינקייט.

איינמאָל, ווען מיר זיינען יאָ געגאַנגען צוזאַמען, האָב איך געהאַט אַן אַנדער מין פאַרדרוס. גייענדיק פון זאַל צו זאַל אין דער „נעשאָנעל גאַלע־רי", וואו עס געפינט זיך, אין באַזונדערע זאַלן, די קונסט פון אַלע קולטור־פעלקער, אַחוץ יידן, האָט זי בשום אופן ניט געוואָלט אָנקוקן יענע וועלט־באַרימטע בילדער פון אַ קריסטלעך־רעליגיעזן אינהאַלט. „דאָס שמעקט מיט קלויסטער", האָט זי באַמערקט און געלאָפן ווייטער. זי האָט זיך אָפּ־געשטעלט ביי רעמבראַנדס פּאָרטרעטן און ביי די לאַנדשאַפטן פון האָלענ־דישע און ענגלישע מאָלער. סוף כל סוף בין איך אָבער געווען צופרידן, ווייל רעמבראַנדס ווערק זיינען מיר אויך מער געפעלן ווי די קריסטלעך־רעליגיעזע. דער פאַקט וואָס די קאָפּיעס, וועלכע איך האָב מיטגעבראַכט

פון פּאַריז: דאַ ווינטשיס „דזשיאָקאָנדאַ (מאָנאַ ליזאַ), אַ פּאָרטרעט פון וועלאַסקעס, וואַיסטלערס „מוטער" א. ד. גל. זיינען שרה שפּרהן יאָ געפעלן, ווייזט מיר, אַז עס זיינען פאַראַן געגוג עכטע און פיינע קונסטווערק פון וועלכע מיר קאָנען ביידע גלייך הנאה האָבן.

איך אַנטדעק דעם לייען־צימער פון „בריטיש מוזעאום", צוליבן אַריינגאַנג דאָרט אויף בילעטן. איך פרעג דעם שווייצאַר ביי דער טיר: וואָס דאָרט איז? דערקלערט ער מיר אין דייטש, אַז דאָס איז דאָס לעזע־צימער פון דער גרעסטער ביבליאָטעק אין דער וועלט, וועלכע פאַרמאָגט מיליאָנען ביכער און איר קאַטאַלאָג אַליין פאַרנעמט איבער הונדערט בענד אין גרויסן פאָליאָ־פאָרמאַט. איך ווער נייגעריק און וויל עס זען. ווייזט מיר אָן דער שווייצאַר אויפן צימער פון דער פאַרוואַלטונג, וואו מ'דאַרף קריגן אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין.

ווען איך קום אַריין אינווייניק באַמערק איך אַ גרויסן קיילעכדיקן זאַל מיט שרייב־טישן אַרום די ווענט. אויף די טישן שטייען עלעקטרישע לאָמפּן מיט גרינע אַבאַזשורן. די מענטשן וועלכע זיצן דאָרט, יעדערער ביי זיין טיש, זעען מיר אויס צו האָבן די ליכטיקע פּנימער פון געלערנטע מענטשן. פון צייט צו צייט הויבט זיך עמיץ אויף זיך איינצוקוקן אין אַ פאָליאַנט, די גרויס ווי אַ גמרא פון ווילנער ש"ס. די דאָזיקע פאָליאַנטן, פון וועלכע עס באַשטייט דער קאַטאַלאָג, שטייען אויסגעשטעלט אויף די פּאָליצעס אַרום דער גרויסער קיילעכדיקער בימה, וואו אינווייניק געפינען זיך די ביבליאָטעק־באַדינער. אויף דער בימה און אויך אויף די שרייב־טישן ליגן באַשטעל־צעטלעך. אַנדערע לייענער באַשטעלן אַזוי פיל אויף אַמאָל, אַז מ'פירט זיי צו אַ גאַנצן וואָגן ביכער. עס וועקט זיך באַלד אויף אין מיר מיין דאָרשט צו לייענען און לערנען. איך דערפרעג זיך צום ביבליאָטעקאַר, וועלכער שטעלט מיר אַ צאָל פראַגעס: וואו און וואָס איך לערן? איך ענטפער אים אויף אַלץ געטריי, און ווייז אים אויך מיינע אַקאַדעמישע פּאַפּירן פון דער שווייץ. ער פאַרשרייבט אַלץ, ווי אויך דעם אַדרעס און טע־לעפאָן פון מיין פעטער, אַן ענגלישער בירגער און אַ הויז־באַזיצער. דער ביבליאָטעקאַר גיט מיר תיכף אַרויס אַ צייטווייליקע איינטריט־קאַרטע און זאָגט צו מיטצוטיילן מיר, צי מ'וועט מיר דערלויבן דאָרט צו אַרבעטן דעם גאַנצן זומער. אין אַ וואָך אַרום קריג איך אַ פּערמאַנענטע קאַרטע און איך ווער אַ שטענדיקער לייענער אין דעם בריטיש־מוזעאום. די מעגלעכקייט דאָרט צו קריגן די זעלטנסטע און קאָסטבאַרסטע אויסגאַבעס, און דערצו נאָך דאָס צושטעלן מיר מיט אַמאָל וויפל בענד איך פאַרלאַנג נאָר, גיט מיר די געלעגנהייט אויסצושעפּן יעדן געגנשטאַנד אין וועלכן איך בין פאַראינ־טערעסירט.

די ערשטע צייט מייד איך אויס צו לייענען און לערנען די נאַטור־וויסנשאַפטן, וועלכע איך שטודיר אין פריבורגער אוניווערזיטעט. ביסלעכ־ווייז אָבער ווער איך אַריינגעצויגן אויך אין אַט די געביטן, און איך גיב זיך אָפּ מיט זיי אויף אַ ברייטן אופן. כ׳לייען די זעלטענע אויסגאַבעס פון די אָריגינעלע דערקלערונגען מיט וועלכע די העכסטע אויטאָריטעטן פון נאַטור־וויסנשאַפטן האָבן פאָרמולירט זייערע דערפינדונגען און אַנטדע־קונגען, באַזונדערס אין די לעצטע צוויי יאָרהונדערטן. איך ווער נתפּעל פון דער קלאָרקייט און איינפאַכקייט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אויסגעדריקט, און שוין דער פאַקט אַליין לערנט מיך אַ סך.

קאַפּיטל הונדערט

אין דרום-זייט פון דער טעמזע

נאָך אַ לענגערן שטודיום פון לאָנדאָן זע איך איין, אַז כ׳האָב אויסגע־פאָרשט נאָר דעם רייכן און קולטורעלן טייל פון דער ענגלישער הויפּט־שטאָט. כ׳מוז דעריבער זיך מער באַקענען מיט דער דרום־זייט פון דער טעמזע, וואו עס געפינען אַ סך מאַשין־פאַבריקן, ביר־ברויזן, טעפּערייען, הוטעס און אַנדערע פאַבריקן.

שמועסן מיט איינגעוואַנדערטע פשוטע יידישע מענטשן איבערצייגן מיך, אַז דער „טאַוער", וואו עס געפינען זיך די ענגלישע קעניגלעכע קרוי־נען „באַדעקט מיט דימענטן און בריליאַנטן", אינטערעסירט זיי אָן אַ שיעור מער, ווי דאָס „בריטיש מוזעאום" מיט זיינע אומדערשעפּלעכע אוצרות פון וויסנשאַפט און קונסט. איך הויב אָן צו באַטראַכטן גענויער די דרום־זייט פון לאָנדאָן, וואו דאָס ענגליש, וואָס דער עולם רעדט דאָרט, איז אַביסל אַנדערש ווי אין צפון, און וואו עס געפינען זיך הונדערטער טויזנטער האָ־רעפּאַשנע מענטשן, וועמעס הענט שאַפן ענגלאַנדס מאַטעריעלע רייכטימער, אויף וועלכע עס האַלטן זיך די פאַרשיידענע קולטור־אַנשטאַלטן, וועלכע כ׳האָב דאָ ביז איצט אויסגעפאָרשט. גלייכצייטיק נעם איך אויך זיך מער צוקוקן צו יענע זאַכן אין וועלכע דער פשוטער יידישער עולם איז פאַר־אינטערעסירט. איך וויל באַגרייפן און מיטפילן זיינע השגות, כדי צו קאָנען אַרבעטן מיט אים צוזאַמען, ווען איך וועל זיין אימשטאַנד עס צו טאָן.

צוזאַמען מיט אַ יידישן עולם פון אימיגראַנטישע פרויען און מענער מיט זייערע קינדער, באַזוך איך דעם „טאַוער". אַ חוץ די קעניגלעכע קרוינען, צו וועלכע דער עולם האָט זיך שטאַרק צוגעקוקט, באַטראַכט איך אויך די פּאַרצייטיקע טורעמס און טורמעס, וואו קעניגן, פירשטן, קריגס־העלדן

און שטאָטסלייט זיינען געוואָרן געקעפּט אָדער לאַנגזאַם פּאַרמוטשעט צום טויט. דער איינציקער דערמאָנטער דאָרט, וואָס אינטערעסירט מיך, איז ניט קיין ראָמאַנטישער העלד פון שעקספּירס אַ פּיעסע, נאָר טאָמאַס מאָר — דער פאַרפאַסער פון „אוטאָפּיע.״

אַזוי ווי אַנדערע יידישע אימיגראַנטן, קלעטער איך אַרויף די פערט־האַלבן הונדערט שטאַפּלען פון די שרויף־אַרטיקע טרעפּ אין דעם הויכן מאָנומענט צו דער פּלאַטפאָרמע, פון וואַנען מען זעט אַ היפּשן טייל שטאָט. כ׳פאָר אויך מיט אַ אימיגראַנטיש־יידישן עולם צום „קריסטאַל־פּעלעס״ (קרישטאָלענעם פּאַלאַץ), אויסגעבויט פון גלאָז און אייזן, וואָס איז איבער־געבליבן פון דער וועלט־אויסשטעלונג מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, און וואו עס געפינען זיך מאָדעלן פון פאַרשיידענע קעניגלעכע פּאַלאַצן, אויף וועלכע דער עולם האָט ליב צו קוקן. פאַראיינס באַזוך איך אויך די פּאַרלאַמענט־געביידע, דעם דעפּוטאַטן־קאַמער און דאָס לאָרדן־הויז; דעם „וועסטמינסטער עבי״, די גרויסע אַלטע קירך, וועמעס ווענט, סופיט און דיל זיינען טיילוויַיז קברים פון ענגלאַנדס „גדולים״ אויף אַלערליי געביטן, איך אַזוינע ווי דאַרווין, וועמעס וויסנשאַפט פּאַסט זיך, דוכט מיר, ניט אַריין אין אָט דער קריסטלעכער סביבה. פאַר אַ סך פאַסיקער האַלט איך דעם אַלטן הילצערנעם שטול, אויף וועלכן ענגלישע קעניגן זיינען גע־קרוינט געוואָרן. איך באַקוק אויך דעם אימפּאַזאַנטן סט. פּאָולס קאַטעד־ראַל, וועמעס געביידע געפעלט מיר מער ווי זיין „פּאַטראָן״, דער פּשרה־מאַכערישער אַפּאָסטאָל שאול פּאָול, וועלכער האָט פאַרשאַפט זיין ביסל קריסטלעך־סאָציאַלע עטיק פאַר דער ,גוטער מיינונג׳ וועגן קריסטנטום פון די ברוטאַלע דעגענערירטע רוימישע שקלאַפן־האַלטער... איך פאָר אויך צו צום עפּינג „פאָרעסט״, וואו די האָרעפּאַשנע לאָנדאָנער מאַסן האָבן זייערע פּיקניקס. אין די הייסע טעג פאַרברענג איך אין לייענען ביכער אין דער קילער באַרג־לופט פון העמסטעד־היט. פון דאָרט שפּאַציר איך אַמאָל אַוועק צום וואָטערלאָ פּאַרק, וואו עס געפינט זיך אויך אַ סאָד מיט פּרוכט־ביימער. בלאָנדזשענדיק פון דאָרט ווייטער אַביסל צו „האַי געיט״, קום איך אָן צום בית־עלמן, וואו עס געפינט זיך דער קבר פון קאַרל מאַרקס, וועמעס נאָמען און אידייען לויכטן פאַר מיר, ווי די פון אונדזערע יידישע נביאים אין שמרון און ירושלים פון אַ דריי טויזנט יאָר צוריק...

אויף די העמסטעד־היט בערג דערזע איך איינמאָל אַ מיטלגעוויקסיקן יידישן יונגנמאַן מיט אַ פּנים פון אַ יעזוס, נאָר מיט שוואַרצע האָר און אַ שוואַרץ בערדל. ער שטייט אויף אַ באַרגיקער לאַנקע און רעדט וועגן קריסטנטום פאַר אַ ניט־יידישן עולם אין אַן ענגליש מיט אַ ליטוויש־יידישן אַקצענט. זיין באַגייסטערונג און התלהבות רייסט־מיט זיינע צוהערער

און זיי וויזן אים אַרויס רעספּעקט. איך באַקען זיך נאָכדעם מיט אים. ער דערציילט מיר, אַז מ׳האָט אים אַריבערגעוואונען פאַרן קריסטנטום, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונג ישיבה־בחורל. שפּעטער האָט ער דערפון אַ סך יסורים. ער קאָן ניט אַריבערטראָגן דעם געדאַנק, אַז ער איז אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון זיין יידישן פאָלק. דער פּאָליטישער ציוניזם ווירקט אָבער אויף אים, ער זאָל זיך ווידער נעמען פילן פאַר אַ יידיש קינד, אין אַ נאַציאָ־נאַלן זין *). ער איז טעטיק קעגן אַנטיסעמיטיזם און שטיצט יידישע אינ־טערעסן. אַזוי ווי ער פאַרזיכערט מיך, אַז ער טרעט קיינמאָל ניט אויף ווי אַ מיסיאָנער פאַר יידן, באַטראַכט איך אים ווי אַ „יידן־קריסט" פון פאַר־צייטן, וועלכער איז אַ „מבשר לגוים" (אַן אַנזאָגער פאַר ניט־יידן), ווען ער ברענגט די בשורה פון מאָנאָטעאיזם. ער ווייס, אַפּנים, אַז יידן נויטיקן זיך ניט אין זיין בשורה. זיי דאַרפן אויך כלל ניט קיין נייעם טעסטאַמענט, ווען זיי באַזיצן דעם תנ״ך, וואָס איז פון אַן אַ שיעור העכערן באַטייט...

ווען איך זאָג דעם פּעטער, אַז איך פאָר זען די „דאָקס", ראָט ער מיר עס ניט צו טאָן. ער מיינט, אַז דאָרט אַרבעט אַ האַלב־ווילדער עלעמענט, וואָס קאָן מיר טאָן שלעכטס. אין דער אמתן רירט מיך דאָרט קיינער פון זיי ניט אָן. איך פיל זיך נאָר ניט גוט אַרומצוגיין דאָרט ליידיק, אָנגעטאָן ציוויליזירט, און קוקן ווי האַלב־נאַקעטע, טונקל־הויטיקע מענטשן פון פאַר־שיידענע ראַסן באַדן זיך אין שווייס ביים אָנלאָדן און אויסלאָדן שיפן. צוגיין צו זיין און דערקלערן, אַז איך בין זייערער אַ פריינט, האָב איך ניט געקאָנט. איך בין דעריבער מער ניט געקומען אַהין, כאָטש מיין איצטיקע ליידיק־גייעריי שטאַמט ניט פון וואוילטאָג...

ניט מער אומאָנגענעמלעכקייט האָב איך אין מיין אַרומדרייען זיך צווישן די פאַבריקן אין דרום־לאָנדאָן. איינמאָל נאָר האָב איך דאָרט געהאָט אַ ביסל שוועריקייטן. דאָס איז געווען אין בעטערסי, וואו כ׳האָב זיך פּלוצ־לונג געפונען צווישן אַ געדיכטער מאַסע פון פאַבריק־מיידלעך, וועלכע זיינען געגאַנגען פון דער אַרבעט. מיט מיין ביסל ענגליש געלינגט מיר אָבער צו דערקלערן עטלעכע פון זיי, אַז איך בין אַהער געקומען פון ווייטן „איסט ענד", און זוך איצט דעם וועג צום „בעטערסי"־בריק, פון וואַנען צוריקצופאָרן אַהיים. זיי לאַכן זיך גוט אָן אויף מיין חשבון און פירן מיך צו צום ריכטיקן אָמניבוס, וואו זיי געזעגענען זיך מיט מיר גאָר פריינטלעך.

---

*) ער ווערט שפּעטער אַ מקורב פון מיינע פריינט אין לאָנדאָן: דר. מאיר זאַלקינד, יוסף חיים ברענער, אָשר ביילין און אַנדערע שרייבער אין העברייאיש און יידיש. ער פאַרעפנטלעכט אויך אַ ווערק אונטער זיין נאָמען „לבר טוב" (לעווער־טאָוו). ווי אויך אונטער פסעוודאָנימען.

מיין ביסל ענגליש האָב איך אָנגעהויבן לערנען נאָך פּאָר מיין אַוועקפאָרן פון פריבורג. צוערשט האָב איך זיך געלערנט פון אַ דייטשישן ביכל פאַר טוריסטן, וועלכע באַזוכן ענגלאַנד. ווען איך דערוויס זיך וועגן אַלעקסאַנדער האַרקאַוויס לערן־ביכלעך פון ענגליש, שיק איך אים אַ טאָפּלטע פּאָסט־קאַרטל. עס נעמט ניט זייער לאַנג און איך קריג פון אים אַן ענטפער, אין אַ רייכן פּערלדיקן כתב. איך באַשטעל נאָכדעם דעם נויטיקן בוך אין ר. מאַזינס בוכהאַנדלונג, אין ווייטשעפּל ראָוד, און דערלערן דאָרט ווי אַזוי זיך צוזאַמענריידן מיט די, וועלכע פאַרשטייען ניט קיין יידיש, ווי אויך „דורכצוקריכן" אַ ענגלישע צייטונג. אין יידיש לייען איך געוויינלעך דעם פיינעם ליטעראַרישן וואָכנבלאַט „דער יוד", וואָס פאַרלאַג „אחיאסף" גיט אַרויס אין קראָקוי. דעם היגן טעגלעכן יידישן „עקספּרעס", וואָס איז נאָר אַ קאַריקאַטור פון אַ צייטונג, קאָן איך ניט אָנקוקן. איך לייען ליבער דעם „דעילי קראָניקל" אָדער דעם „דעילי טעלעגראַף" אין ענגליש און אַ דייטשישע צייטונג, ווי, למשל, די „נייע פרייע פּרעסע", וואו עס אַרבעטן אויך מיט דר. הערצל און דר. מאַקס נאָרדוי, „בערלינער טאַגעבלאַט", „פראַנקפורטער צייטונג", „קעלנישע צייטונג" א. ד. גל. די יידישע צייטונגען קריג איך אין אַ שטאָטישער ביבליאָטעק, נאָענט פון ווייטשעפּעל.

אין סעטל סטריט, אַ שטיל יידיש געסל צווישן ווייטשעפּעל און קאָמערשל ראָוד, געפינט זיך די וואוינונג פון „בונד מיטגלידער פאַראיין „וועקער", לאָנדאָן". יעדעס מאָל ווען איך קום אין סעטל סטריט, וואו שרה שפּרה מיט נאָך אַן אַרבעטער־מיידל, גרייטן זיך צו עפענען בשותפות אַ „דרעסמעיקינג" (נייטעריי), גיי איך אַריין אין פאַראיין „וועקער". זיין סעקרעטאַר איז אַלעקסאַנדער *), אַ גרינדער און פירער פון „בונד" און זיין אויסלענדישן קאָמיטעט, וועלכן די שווייצער רעגירונג האָט אויסגעוויזן פון זשענעווע, ווען אַלעקסאַנדער ווערט באַשולדיקט אין באַטייליקן זיך אין אַן אַנטי־צאַרישער מאַניפעסטאַציע, ביי וועלכער מ'האָט אַרונטערגעריסן דעם צאַרישן צוויי־קעפּיקן אָדלער. אַזוי ווי אַלעקסאַנדער איז אַ שוויגער, איז די הויפּט־רעדנערין דאָרט די ענערגישע, באַריידעוודיקע פרײלין רייניס, אַ הויכע דאַרע ברונעטין, וועלכע איז, ווי מ'זאָגט מיר, די טאָכטער פון דעם לידער רב ר' יצחק־יעקב רייניס, דעם פירער פון די רעליגיעזע ציוניסטן. זי רעדט אַ סך אויף יעדער פאַרזאַמלונג, וועגן דעם ציל פון פאַראיין „וועקער" — צו אונטערשטיצן דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פוילן, און צו פאַר־

---

*) אַרקאַדי קרעמער.

אייניקן דעם בונדס מיטגלידער, וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט אין לאָנדאָן און ווילן שטיין אין נאָענטער באַציאונג מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער אַלטער היים. פריילין ריינעס דערקלערט, אַז יעדער מאַן אָדער פרוי, וואָס איז איינשטימיק מיטן פּראָגראַם פון „בונד", קאָן ווערן אַ מיטגליד פון פאַראיין „וועקער", און דורך אים זיך אויך באַקענען מיט דער היגער אַרבעטער־באַוועגונג, און מיט דער טעטיקייט פון די היגע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

אַלעקסאַנדער, אָדער אַרקאַדי, איז דאָ אין לאָנדאָן גאָר אַן אַנדער מענטש, ווי ער איז געווען אין ווילנע, אַלס דער קאָפּ פון דער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", מיט וועלכער דער „רעזטשיק" (אברהם גאָרדאָן), דער אָנפירער פון אונדזער יידישער „אַרבעטער אָפּאָזיציע", האָט יאָרלאַנג געפירט קריג און פלעגט פאַר אונדז (מערסטנס לערן־יינגלעך) אים פאָרשטעלן ווי אַ קאַפּריזנעם זעלבסטהערשער. דאָ מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ גוטמוטיקן מענטשן. דער מיטלגעוויקסיקער, מיטליאָריקער מאַן מיט רויטלעכע וואָנצעס האָט פריינטלעך געענטפערט אויף אַלע מיינע פראַגעס וועגן אַ צאָל אַרבעטעריננס און אַרבעטער אין ווילנע, אָן אונטערשייד צי זיי האָבן געהערט צו דער „אַגיטאַציע" אָדער דער „פּראָפּאַגאַנדע", צי זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם „בונד", געבליבן אין דער אָפּאָזיציע אָדער אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן פון דער באַוועגונג.

בכלל האָט אינעם בונדישן פאַראיין „וועקער" דעמאָלט געהערשט אַ טאָלעראַנטע באַציאונג צו אַלע מינים סאָציאַליסטן, אפילו צו ציוניסטישע. איך בין דערפאַר ניט געווען איבערראַשט צו טרעפן דאָרטן דר. נחמן סירקין, וועלכן כ'קען פון בערן, און צו הערן פון אים, אַז ער האָט געהאַלטן אַ לעקציע אין פאַראיין „וועקער". דר. סירקין האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר ווי מיט אַ נאָענטן גוטן פריינט: זיך האַרציק צעקושט און אויסגעפרעגט אַלץ וועגן מיין פּערזענלעכן לעבן. אונדזער פריינטשאַפט ווערט אינטימער *), ניט געקוקט אויף דעם אונטערשייד צווישן אונדז אין טעמפּעראַמענט און אין אופן פון אויפנעמען געשעענישן.

---

*) אונדזער פריינטשאַפט האָלט־אָן ביז זיין סאַמע סוף. אין זיינע לעצטע מינוטן דריקט ער אויס זיין וואונטש זיך פערזענלעך צו געזעגענען מיט מיר. ווען מען דערקלערט אים, אַז מ'קאָן מיך ניט ברענגען צו אים אַזוי שנעל, פאַרלאַנגט ער פון ברוך צוקערמאַן, אַ מיטגליד פון צ. ק. „פּועלי ציון", מיר איבערצוגעבן מינדלעך זיין האַרציקן געזעגענונגס־גרוס, וואָס יענער פירט דורך.

אויף אַן „עקסקורשאַן" מיט יידישע ראַדיקאַלן

יידישע ראַדיקאַלן פון „איסט ענד" פאָרן מיט אַ שיף אויף אַן „עקס־קורשאַן" (אויספלוג) צו אַ פרייען פּלאַץ אויסן שטאָט. אַזוי ווי דאָס מיינט זיין אַ גאַנצן טאָג אויף פרישער לופט, פאָר איך אויך מיט. איך באַקען זיך דאָרט מיט אַ צאָל מענטשן, וועלכע ווערן מיר נאָענטע פריינט. דער עלטסטער פון זיי איז בערנאַרד אַבערסאָן, אַ מיטליאָריקער, מיטלגעוויקסי־קער מאַן מיט לאַנגע העל־בלאָנדע וואָנצעס. ער איז אַ ברודער פון דעם זשענעווער סטודענט צבי אַבערסאָן, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט אין באַזעל, אין צייט פון דריטן ציוניסטישן קאָנגרעס, זומער, 1899.

ב. אַבערסאָן דערציילט מיר, אַז ער שטאַמט פון וויטעבסקער געגנט, נאָר איז יאָרן געווען טעטיק אַלס סאָציאַליסטישער נאַראָדניק (פאָלקיסט) אין דרום־רוסלאַנד, וואו ער האָט אונטערן נאָמען „טאַראַס", אַלס אַ פּאַקנ־טרעגער, פאַרשפּרייט סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. אין אַמעריקע טרעט ער אַריין אין אַ רוסישן סאָציאַליסטישן פאַראיין. שפּעטער דערנעענטערט ער זיך צו דער יידישער ראַדיקאַלער באַוועגונג. דאָ אין לאָנדאָן אַרבעט ער אין אַ „פּאָקעט־בוק"־שאָפּ (פאַבריקל פון לעדערנע בייטלעך, טייסטערס, רייזע־טאַשן א. ד. גל.). ער העלפט אויך טאָן אַרבעט אין און אַרום דעם טרעיד־יוניאָניסטישן וואָכנבלאַט „די פּאָסט."

די אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן פון „די פּאָסט", מיטליאָריקע אַרבע־טער, באַקענען זיך באַלד מיט מיר. זיי פאַרלאַנגען דורכאויס, אַז איך זאָל עפּעס וואָס אויפשרייבן פאַר זייער וואָכנבלאַט. איבערזעץ איך פאַר זיי דעם דעמאָלט אויפזען־מאַכנדיקן אַרטיקל, פון דעם ענגלישן שרייבער מר. סטרייט, קעגן די לאָנדאָנער אַסימילאַטאָרישע יידישע גבירים, וועלכע ער (מר. סטרייט) רופט אָן „די העלאָטן" (פאַראַכטעטע קנעכט) פון פּאַרק־לעין (די גאַס, וואו עס וואוינען די מיליאָנערן אין לאָנדאָן). דר. הערצל האָט דעם דאָזיקן אַרטיקל איבערגעדרוקט אין זיין דייטשישן אָרגאַן „די וועלט" און פון דאָרטן האָב איך עס איבערגעזעצט.

מיין צווייטער נייער באַקאַנטער איז דער דרוקער ישראל נאַראָדיצקי, וועלכער האָט מיט צען יאָר צוריק (אין 1891) אַרויסגעגעבן אין זשיטאָמיר אַ „חובב־ציוניסטן" זאַמלבוך: „דאָס הייליקע לאַנד", צוזאַמען מיט בערטע פלעקסער (אַ שוועסטער פון דעם רוסיש־יידישן ליטעראַטור־קריטיקער וואָלינסקי). איצט איז נאַראָדיצקי פאַר זיך אַליין אַ העברייער, נאָר איז צוגלייך אַ פּאָפּולערער דרוקער פון ראַדיקאַלע יידישע אויסגאַבעס.

ישראל נאַראָדיצקי און זיין שוואַרץ־חנעוודיקע יונגע פרוי זיינען,

דוכט מיר, אַנגעהויכט פון אַנאַרכיזם, נאָר ניט פון דעם פּאַריזער אינדיווי־דואַליסטישן מין. פּאַרקערט, זיי מאַכן אויף מיר דעם איינדרוק פון עכטע אַלטרואיסטן. נאַראַדיצקי זאָגט מיר, אַז די איינגעוואַנדערטע יידישע ראַ־דיקאַלן אין ענגלאַנד זיינען מער געניויגט צו אַנאַרכיזם, ווי צום סאָציאַליזם. איך טראַכט: אפשר איז עס דערפאַר, ווייל פאַר אַן אויסלענדישן יידן, באַזונדערס פאַר אַן אַרבעטנדיקן, איז אויסערגעווייינלעך שווער צו ווערן אַ ענגלישער בירגער, און זיך צו קאָנען באַטייליקן אינעם היגן פּאָליטישן לעבן. די נאַראַדיצקיס פּאַרלויבן פאַר מיר אַ לאָנדאָנער דייטשישן אַנאַר־כיסט, רודאָלף ראָקער, וועלכער איז טעטיק צווישן יידן, אַז ער איז אַ קענער פון ליטעראַטור און אַ פיינער רעדנער. מיר באַקענען זיך שפּעטער און ווערן גוטע פריינט.

מיין פריינט, דר. נחמן סירקין, גיט מיר צו וויסן, אַז ער וועט האַלטן אַ לעקציע פאַרן ציוניסטישן פאַראיין „בני ציון" וועגן דער יידנפראַגע לויטן מאַרקסיזם, און בעט מיך קומען אים הערן. אין זיין לעקציע אַטאַ־קירט דר. סירקין זייער שאַרף די יידישע גבירים. ער ציטירט קאַרל מאַרקס, אַז זייער בית־המקדש איז די בירזשע, זייער תורה — דאָס טשעקבוך און זייער גאָט — דאָס געלט... אָפּשאַצונג פון קאַרל מאַרקס אַ שריפט וועגן דער יידנפראַגע: זי איז, זאָגט ער, געשריבן מיטן גערעכטן צאָרן פון ישעיה הנביא, קעגן די אויסזויגער און באַרויבער פון די האָרעפּאַשנע מאַסן.

אין מיין וואָרט אין דער דיסקוסיע וועגן אָט דער לעקציע, דערקלער איך זיך, בכלל, איינשטימיק מיט דר. סירקינס כאַראַקטעריסטיק פון דעם גבירישן קלאַס, לויט די ציטאַטן פון קאַרל מאַרקס. כ׳בין אָבער ניט מסכים מיט סירקינען, אַז אַלע יידישע גבירים זיינען פאַררעטער פונעם יידישן פאָלק. איך וויין אָן, אַז אין די רייען פון דער יידישער גרויסבורזשואַזיע, פונקט אַזוי ווי אין מיטלקלאַס, זיינען ניט אַלע יחידים פון איין גוס. מיר האָבן פאַר דעם אַ ביישפּיל אין דער טעטיקייט פון די באַראָנען הירש און ראָטשילד, וועלכע האָבן אויסגעגעבן היפשע סומען געלט צו באַזעצן יידישע מאַסן אַלס ערד־אַרבעטער אין אַרגענטינע און אין ארץ־ישראל. אַזוינע יידישע גבירים קאָנען, ביז דער סאָציאַל־רעוואָלוציע, אָפּטאָן אַ סך גוטע אַרבעט פאַרן יידישן פאָלק, מיט דער הילף פון יענע האָרעפּאַשנע יידן, וועלכע ווילן און קענען אַקערן, זייען און פלאַנצן; אַראָפּנעמען תבואות, גרינסן און פרוכטן פון די פעלדער, גערטנער און סעדער. מיין אויספיר איז געווען, אַז אַנשטאָט אויסצושליסן די יידישע גבירים פון כלל ישראל, ווי דר. סירקין וויל, זאָלן מיר ליבער פאָדערן זיי זאָלן באַצאָלן זייער חוב צו אונדזער יידישן פאָלק, דורך שאַפן די נויטיקע מיטלען אויף צו קויפן ערד, לאַנדווירטשאַפטלעכע געצייג, זריעה, בהמות, עופות א. אַז. וו. מיר

דאַרפֿן אויך דערקלערן יעדן ציוניסט, אַז אויב ער מיינט ערנסט מיט זיין ציוניזם, דאַרף ער דורכאויס העלפֿן שאַפֿן מעגלעכקייטן פֿאַר יידישע האָרע־פּאַשניקעס צו לעבן פֿון אַרבעט אַנשטאָט פֿון ווינט. עס מוז ווערן אַלגעמיין־אַנערקענט, אַז אויפֿריכטיקע ציוניסטן זיינען נאָר יענע, וועלכע העלפֿן אומעטום פֿאַרבעסערן דעם מצב פֿון אַרבעטנדיקן יידן, ווייל דורכדעם ווערט געלייגט דער פֿונדאַמענט פֿון דעם באַניטן יידישן פֿאָלק, אויף וועלכן די נביאים האָבן פֿאָראויסגעזאָגט, און וואָס דאַרף באַשטיין פֿון אַזוינע יידישע מענטשן, וועלכע ווילן און קענען לעבן פֿון אייגענער אַרבעט און זיינען גרייט פֿאַר אָט דער נייער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג, וואו אַלע מענטשן האַלטן זיך פֿאַר שוועסטער און ברידער און לעבן אין „שלום, צדק ומישור״ (פֿרידן, גערעכטיקייט און גלייכהייט)...

⁂

וואָס כ'האָב דערוואַרט איז געקומען. געפּיל און לאָגיק האָבן מיר ביידע געוואָרנט, אַז דער פּעטער, אַ הייסער ענגלישער פּאַטריאָט, וועט ניט קאָנען לאַנג דולדן מיין סימפּאַטיע מיט די בורן, מיט וועמען ענגלאַנד פֿירט מלחמה. איך האָב אָבער ניט געקאָנט פֿאַרשווייגן, פֿאַרבאַהאַלטן אָדער פֿאַרמאַסקירן מיינע איבערצייגונגען און סימפּאַטיעס. דערצו בין איך נאָך לעצטנס געוואָרן אַן עקסטרעמער אמת־זוכער. מיין אויסערסטע אמת־זוכעריי איז באַאיינפֿלוסט געוואָרן פֿון איבסנס פּיעסע „די ווילדע קאַטשקע.״

הענריק איבסען, וועמעס ווערק כ'האָב אָנגעהויבן לייענען אין ווילנע נאָך אין 1898, איז פֿאַר מיר ביסלעכווייז געוואָרן אין דער וועלט־ליטע־ראַטור, דאָס וואָס י. ל. פּרץ — אין דער יידישער: ניט בלויז אַ באַליבטער שרייבער, נאָר אויך אַ הויכגעשעצטער לערער.

דער העלד פֿון איבסענס „ווילדע קאַטשקע״ פּאַלט דורך מיט זיין זוכן איינצושטעלן דעם פֿולן אמת אין אַלע באַציאונגען צווישן מענטשן. ער טוט נאָר אָן אַ סך צרות, אי זיך, אי אַנדערע. דאָך שרעקט עס מיך ניט אָפּ צו גיין אויף זיין וועג. דער סוף איז, אַז איך פֿאַרליר מיין פּעטערס פֿריינטשאַפֿט און פֿאַרשאַף אויך אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן שרה שפּרהן, וועלכע ליידט נאָך איצט זייער פֿיל דורך די שלעכטע נייעס פֿון איר עלטערנס היים.

כאַשע־רייזע קידולסקי, אַ מערקווירדיקע גוטע פֿרוי, אַ האַרציקע טרייע פֿריינדין פֿון שרה שפּרהס עלנטער משפּחה, שיקט איר כסדר „איובס פּאָטשטען״: דער אַלטער איז קראַנק, די אויסגעמוטשעטע מאַמע, די יינגערע דריי שוועסטער און די צוויי ברידערלעך, צווישן זיי איינס גאָר אַ עופּהלע, געפֿינען זיך אין גרויס נויט. די עלטסטע פֿון די דריי יינגערע שוועסטער — נחמה (נעלי) — קומט צו פֿאָרן קיין לאָנדאָן. זי איז אַ זעל־

טענע שיינהייט, נאָר זייער פראָסט. די ראַפינירטע שרה שפרה האָט דערפון זייער פיל פאַרדרוס. זי פרואווט נעלין אויסאיידלען, דערציען און אָנט־וויקלען. נאָר יענע רעוואָלטירט קענען דאָס לערנען און מוסרן פון דער עלטערער שוועסטער. די שיינע שלאַנקע נעלי זעט, אַז אין דער צייט, ווען פרעמדע מענטשן קוקן אויף איר מיט באַוואונדערונג, געפינט אין איר די עלטערע שוועסטער אַלערליי חסרונות. ווערט זי בייז, באַליידיקט שרה שפרהן און וואַרפט איר אויף פאַר אומטרייהייט צו זייערע עלטערן. און ווען עס קומט־אָן אַ האַרץ־רייסנדיקער בריוו וועגן זיי פון כאַשע־רייזע קידולסקי ווערט די צאַרט־פילנדיקע שרה שפרה אָנגעפילט מיט געוויסנ־ביסן, יסורים און פיין...

מיין שוועסטער דאָבעלע (דעבע) איז פיין אויסגעוואַקסן פיזיש און גייסטיק. זי פאַרמאָגט ניט שרה שפרהס וויסן און פילן. זי האָט אָבער אונדזער טאַטנס חן און קלוגשאַפט, און דערמאָנט מיר אין זיין ייִנגסטער שוועסטער, מיין מומע פעסל, צו וועלכער עס האָבן זיך געשדכנט כמעט אַלע שטעטלשע בחורים, אין דער קורצער צייט פון איר זיין אין מיישעגאָלע. אויך צו מיין יונגער שוועסטער דעבע שדכנען זיך שוין חתנים, און איינער, אַ טיכטיקער שניידער־אַרבעטער, הערניס, וועט מעגלעך ווערן מיין שוואָ־גער. ער איז אונדזערער אַ שטיקל קרוב. זיין עלטערע שוועסטער, ביילע, איז אַ טאָכטער פון מיין מאַמעס שוועסטער־קינד, דער ראַמאַנען־שרייבער משה זייפערט. ביילעס און הערניסעס פרומע מאַמע האָט אים אָפּגעגט צוליב זיין אפּיקורסות, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. זיין אייגענער טאַטע, דער ווילקאָמירער פעלדשער ר׳ קלמן זייפערט, אַ ייִד אַ למדן, נאָך וועלכן איך בין אַ נאָמען, האָט אַליין געהאָלפן דער פרומער שנור אָפּגטן זיין אפּיקורסישן זון.

קאַפּיטל הונדערט און צוויי

צוריק אין דער שווייץ

נאָך סוכות פאָר איך אָפּ פון לאָנדאָן צוריק נאָך דער שווייץ. איך פאָר ווידער איבער פאַריז און פאַרברענג דאָרט אַ פּאָר טעג מיט מיין קינד־הייט־חבר יאָשקע (דזשאָזעף) דעם שניידער און זיין יונגער שוועסטער רעבעקאָ. ווען איך שרייב נאָכדעם ניט אַזוי גיך קיין ענטפער אויף אירן אַ בריוו, שרייבט ווענן דעם איר ברודער צו שרה שפרהן, אַז דאָס וואונ־דערט אים זייער, ווייל „מאַרמאָר ענטפערט אימער, ווען מען שרייבט אים״...

אַזוי גיך אָבער ווי איך קלייב זיך אַרײן דעם 20־טן אָקטאָבער אין אַ נייער קוואַרטיר, אין פֿריבורג, שרייב איך ווידער אַלעמען, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס צוויי טעג שפּעטער, עפֿנט זיך דער נייער סעמעסטער פֿון ווינטער 1901—1902 און איך ווער שטאַרק באַשעפֿטיקט.

מיין נייער חבר, מיט וועמען איך לערן צוזאַמען אין די אָוונטן אויף מיין קוואַרטיר, איז מאַרקוס (מרדכי) וועקסלער פֿון רומעניע, אַ שיינער בחור מיט בלאָנדע וואָנצעס. זיין אַלטער טאַטע וואוינט אין דער קאָלאָניע „ראשון־לציון" אין ארץ־ישראל. אַנשטאָט געלט שיקט ער זיין זון פֿון צייט צו צייט אַן אויסגעגראָבענע אַלטע יידישע מטבעה פֿון די צייטן פֿון די מאַקאַבייער אָדער פֿון בר־כוכבאַן. פֿאַרקויפֿט עס מ. וועקסלער צו אַ שווייצער אָדער אויסלענדישן מוזיי. מיר וואוינען ביידע אויף דער זעלבי־קער גאַס און מיר זיינען נאָענטע פֿריינט. מיר קאָרעספּאָנדירן אויך ביידע מיט מיין בערנער גוטן פֿריינט, יעקב־מאיר זאַלקינד.

מ. וועקסלער האָט ניט אין זינען צו פּראַקטיצירן כעמיע, אַזוי ווי מיין פֿריערדיקער נאָענטער חבר שלמה פֿיינבערג. וועקסלער פּלאַנט אָפּצו־געבן עקזאַמען אויף פֿאַרמאַציסט און עפֿענען אַן אַפּטייק אין לאָנדאָן. די מיטלען דערצו וועט וואַרשיינלעך שאַפֿן זיין וואוילהאָבנדיקע כלה דאָרט. זיין כלה, אַ טיכטיקע קאָרסעטן־מאַכערין, האָט צוזאַמען מיט נאָך צוויי שוועסטער אַן איינטרעגלעכן געשעפֿט פֿון מאָדערניסטישע קאָרסעטן אין לאָנדאָן און אין פּאַריז. די דריי שוועסטער, האַלטן אויף אַ פֿיינעם אַפּאַרט־מענט אין וועסט־ענד. זייער מאַמע, אַ ביאַליסטאָקער באַלעבאָסטע, פֿירט דאָרט אָן מיט דער באַלעבאַטישקייט. מרדכי וועקסלער זאָגט מיר, אַז ער האָט בדעה צו „ריידן אַ שידוך" אונדזער פֿריינט יעקב־מאיר זאַלקינד מיט איינער פֿון זיין כלהס צוויי שוועסטער, אויך אַ טיכטיקע קאָרסעטן־מאַ־כערינס.

אַלע מיינע פּראָפֿעסאָרן דריקן־אויס פֿאַר מיר זייער צופֿרידנקייט, וואָס איך בין צוריקגעקומען קיין פֿריבורג. מיין כעמישער פּראָפֿעסאָר ביסטדזשיצקי האָט אָבער פֿאַרדרוס וואָס איך האָב זיך ניט אַזוי פֿיל דער־האַלט, ווי ער האָט דערוואַרט פֿון מיין לאַנגער וואַקאַציע.

פּראָפֿעסאָר הובערט גרימע, דירעקטאָר פֿון דעם אָריענטאַלישן סע־מינאַר, איז איצט נאָך פֿריינטלעכער ווי פֿריער. עס דרוקט זיך דאָ איצט זיין בוך וועגן דער מעטריק פֿון תהילים, שענקט ער מיר יעדן בויגן אַזוי גיך ווי עס גייט אַרויס פֿון דרוק. ער באַקענט מיך מיט די באַדייטנ־דיקסטע שווייצער אָריענטאַליסטן. ער פֿאַרשאַפֿט מיר אויך אוראָקן, צו לערנען העברייאיש מיט מאַנאַכן. די ערשטע צייט איז מיר געוועזן אומ־היימלעך אַריינצוגיין אין מאָנאַסטיר, וואו איך לערן מיט יעדן פֿון זיי אין

זיין באַזונדער קאַמער. ביסלעכווייז אָבער געוואוין איך זיך צו זיי צו. זיי זיינען די זעלביקע מענטשן ווי אַלע, כאָטש זיי געפינען זיך אין אַנדערע באַדינגונגען.

איינער פון די היגע אָריענטאַליסטן, פּראָפעסאָר ווייס, האָט געמאַכט אַ וויסנשאַפטלעכע רייזע אין דעם נאָענטן אָריענט און האָט רעקאָרדירט אַ סך דאָרטיקע ניגונים, בעט ער מיך, איך זאָל פאַר אים פאַרלייענען די יידישע ניגונים פון קאַפּיטלעך תהילים, מגילות און הפטרות. כ׳זאָג זיך אָפּ עס צו טאָן, ווייל כ׳בין ניט קיין מנגן. איך וויל אָפּוואַרטן ביז מיין פריינט יעקב־מאיר זאַלקינד וועט אַהער קומען. ער זינגט פיין און די פון אים רעקאָרדירטע יידישע ניגונים וועלן מאַכן אַ גוטן איינדרוק.

זונטיק, דעם 7־טן נאָוועמבער, פאַרברענג איך אין בערן, צוזאַמען מיט מרדכי וועקסלער און צבי אַבערסאָן. מיר זיינען אַלע דריי איינגעלאַדן אַלס געסט צו דער אָפיצילער דערעפענונג פון דעם בערנער יידישן קלוב. דאָרט איז אויך די יידישע קיך און די יידישע ביבליאָטעק. דאָס עסן וועט זיין כשר, כדי אויך פרומע סטודענטן זאָלן דאָרט קאָנען האָבן זייערע מאָל־צייטן. די ביבליאָטעק וועט האָבן אַ היפּשע צאָל ביכער און צייטשריפטן אויך אין יידיש און העברייאיש. מיר האַלטן אַלע דריי באַגריסונג־רעדעס. וועקסלער און איך אין יידיש, און צבי אַבערסאָן אין פראַנצויזיש. די פּערטע גאַסט־באַגריסערין איז געווען אַ ניט־יידישע.

צוויי אַזייגער ביינאַכט, ווען שמואל ראָזענפעלד האָט פאַרגעלייענט י. ל. פּרצעס אַ דערציילונג, וועלכע איז מיר גוט באַקאַנט, האָב איך דערווייל אויפגעשריבן אַ „באַריכט״ פאַר שרה שפּרהן וועגן דעם יום־טוב פון בערנער יידישן קלוב, און אויך אַ גרוס צו ב. אַבערסאָן אין לאָנדאָן פון מיר און פון זיין ברודער צבי.

מיינע יונגע טערקיש־ יידישע פריינט, די טעכניקער, האָט די „אַליאַנס איזראַעליטע״, אויף וועמעס חשבון זיי לערנען, זיי אַריבערגעפירט פון פריבורג קיין אַרמענטיער, אין פראַנקרייך. איך קריג פון זיי אומעטיקע בריוו. דאָס לערנען דאָרט איז גרינגלעכער און פּיליזייטיקער ווי אין דער שווייץ. די דאָרטיקע פראַנצויזישע סטודענטן זיינען אָבער אַנטיסעמיטן. באַזונדערס ליידט דאָרט דער עלטסטער פון די פינף יידישע שילער, דער פריער־דערמאָנטער שמואל מושין פון ירושלים. ער בענקט נאָך דער יידישער אַטמאָספערע, וואָס ער האָט געהאַט לעבן מיר. דאָרט דאַרף ער אפילו ניט אויסזאָגן (ווי ער שרייבט מיר), אַז ער איז אַ ייד... ער בעט מיך אים שיקן יידישע צייטונגען, נאָר פאַרוויקלט, אַז מען זאָל ניט באַמערקן, אַז דאָס איז אַ יידישע...

קאַפּיטל הונדערט און דריי

אויפֿן פינפטן באַזעלער קאָנגרעס

איך ווער דערוויילט פאַר אַ דעלעגאַט צום פינפטן ציוניסטן־קאָנגרעס אין באַזעל. עס דערווײלן מיך מענטשן, וועלכע איך האָב קיינמאָל ניט געזען, מענטשן פון אַ פּוילישער שטאָט לאָמזשע, וואו איך בין קיינמאָל ניט געווען.

אויף אַט אַזאַ אופן זיינען דערוויילט געוואָרן דאָס רוב דעלעגאַטן פון דער שווייץ און אומגעגנט צום היינטיקן קאָנגרעס. ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציעס אָדער גרופּעס „שקל־צאָלער", וועלכע זיינען ניט אימשטאַנד צו דעקן די הוצאות פון אַן אָרטיקן דעלעגאַט, קלייבן אויס זייער פאַרטרעטער פון אַ צעטל פאַסנדיקע פּערזאָנען, וועלכע וואוינען איצט נאָענט פון באַזעל. אַזאַ צעטל קריגן זיי פון דער צענטראַלער ציוניסטישער פירערשאַפט אין ווין, אָדער פון אַ ציוניסטישן פאָרשטייער אין זייער געגנט.

דעם ציוניסטישן פאָרשטייער אין רוסלאַנד, וועלכער האָט באַשטעטיקט מיין מאַנדאַט פון לאָמזשע, קען איך גראָד פּערזענלעך. דאָס איז הרב שמואל יעקב ראַבינאָוויטש פון סאַפּאָצקין. ער איז געווען דער רב אין דער קאָוונער פאָרשטאָט אַלעקסאָט, ווען איך בין דאָרט געווען אַ טאָקער־אַר־בעטער, און פלעג אַמאָל כאַפּן מיט אים אַ שמועס אין דברי־תורה. איך האָב געהאַט צוטרוי צו אָט דעם הויכן בלאַסן מאַן מיט דער לאַנגער שוואַר־צער באָרד און קלוגן פּנים.

(ווען איך פאַרטרוי אים דעמאָלט מיין פּלאַן צו לערנען נאַטור־וויסנ־שאַפט, דערמוטיקט ער מיך דערצו. דערביי לאַכט ער אויס פאַר מיר יענע לומדים, וועלכע שטודירן אין אויסלאַנד פאַר „דר. ראַבינער". ער ווייזט מיר אָן, אַז אָט די לייט זיינען איצט אומניצלעך פאַר די יידן אין רוסלאַנד, ווּעמעס „קאַזיאָנע" רבנים דאַרפן זיין, דער עיקר, געלערנט אין רוסיש און קענען אַרויסטרעטן פאַר דער רוסישער נאַטשאַלסטווע).

די אַנדערע אונטערגעשריבענע אויף מיין מאַנדאַט, דאַטירט יום י' טבת תרס"ב (16־טן דעצעמבער, 1901), זיינען געווען מיטגלידער פון ציוניסטישן קאָמיטעט אין לאָמזשע *).

גלייכצייטיק מיט מיין דערוויילונג צום ציוניסטן־קאָנגרעס, ווער איך אויסגעקליבן פון דעם ציוניסטישן סטודענטן־פאַראיין אין פראַנקפורט־

---

*) אלי' רחבי' קאלנאק, נחמן פּיאַטניצקי, יהושע בערינהאָלץ, יצחק ראָזענצוג און אַ נאָמען געשריבן מיט געקרייזלטע אותיות, וואָס זעט אויס ווי „ישראל דאָמאָוויטשקי."

אַן־מײַן, דײַטשלאַנד, צו דער קאָנפערענץ פון דער שטודירנדיקער יידי־שער יוגנט, וואָס קומט פאָר אין באַזעל די וואָך פאַרן פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס. די יוגנט־קאָנפערענץ הויבט זיך אָן מיטוואָך, דעם 18־טן דע־צעמבער, און ענדיקט זיך מאָנטיק דעם 23־טן, און דער פינפטער ציוניס־טישער קאָנגרעס דערעפנט זיך דאָנערשטיק, דעם 26טן און שליסט זיך זונ־טיק, דעם 29־טן דעצעמבער.

אַזוי ווי לאָמזשע איז אַ סך ווייטער פון דאַנען, ווי פראַנקפורט־אַן־מאַין, און האָט נאָך דערצו אַ צענזור, קריג איך דעם מאַנדאַט פון קאָנגרעס אַ היפש ביסל שפּעטער ווי דעם מאַנדאַט צו דער יוגנט־קאָנפערענץ.

די „דעלעגירטן־קאַרטע" צום קאָנגרעס איז אימפּאָזאַנטער ווי די „איינלאַס־קאַרטע" צו דער קאָנפערענץ. די ערשטע איז אילוסטרירט מיט אַ צייכענונג פון אפרים משה ליליען, וועלכע שילדערט אַן אַלטן יידן זי־צנדיק צווישן דערנער, און אַ מלאך מיט ווייסע פליגל ווייזט אים אַ בילד, באַלויכטן פון דער אויפגייענדיקער זון אין מזרח, ווי אַ יידישער פּויער אַקערט ערד מיט אַ פּאָר אָקסן. אונטן איז אָנגעגעבן די אַלטע תפילה: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" (אונדזערע אויגן זאָלן זען דיין צוריקקער קיין ציון מיט רחמנות). דאָס קליין קאָנפערענץ־קאַרטל האָט אַ חוץ דעם נאָמען, געדרוקט אין דייטש, אויך שטעמפּלען אין העברייאיש („ועד של כנסת הציונים הצעירים") און אין רוסיש („ביוראָ סיעזדאָ סיאָניסטי־טשעסקאָי מאָלאָדיאָזשי").

***

צוליב מיין באַטייליקונג אין דער יוגנט־קאָנפערענץ און אינעם 5־טן קאָנגרעס, אין באַזעל, האָבן מיר ביידע, שרה שפרה און איך, אַ ווייל פאַר־געסן אונדזער איצטיקע שווערע לאַגע. מיינע הוצאות אין פריבורג זיינען איצט, דורכשניטלעך, איבער זיבעציק פראַנק אַ חודש, אַחוץ די 15 פראַנק שטענדיקע חובות־צאָלונגען (פינף דעם דאָקטאָר פאַר לעצטן ווינטער; פינף דעם פריערדיקן „פּאַנסיאָן" (פריוואַטן רעסטאָראַן) און פינף דעם בי־כער־אַגענט פאַר דער ענציקלאָפּעדיע און אַנדערע ווערק). אין דער זעל־ביקער צייט זיינען מיינע איינקונפטן געוואָרן אַ סך קלענער. מיין פּאַטרי־אָטיש־ענגלישער פעטער איז ניט גערן צו שטיצן אַ סימפּאַטיזירער פון די בורן, אירלענדער, אינדיער און אַנדערע פעלקער, וועלכע בונטעווען זיך קעגן דער ענגלישער הערשאַפט. בפרט נאָך, אַז אַלע זיינע פריינט פון דער „ביזנעס־וועלט" האַלטן פאַר פּראַקטישער צו עפּענען פאַר מיר אַ ציגאַר־סטאָר, וואָס זיי זיינען גרייט מיר צו העלפן אַרויפאַרבעטן... פון שטודירן האַלטן זיי קיינער ניט. די העברייאישע „אוראָקן", וועלכע איך גיב אין

פריבורג צו קאַטוילישע תלמידים (מאָנאַכן, גלחים, סעמינאַריסטן) ברענ־גען ניט אַריין געצוג. שרה שפרה שטרענגט זיך אָן צו דעקן מיינע דעפּי־ציטן. נאָר איר יעדער שילינג גייט מיר אַרויס באָקאָם... כ׳וויס דאָך ווי שווער זי אַרבעט אויף דעם, אין דער צייט, ווען איר האַרץ איז צעוויי־טיקט פון די צרות אין אירע עלטערנס היים. איך טראַכט כסדר, ווי אַזוי כ׳זאָל פאַרקלענערן מיינע אויסגאַבן, נאָר מיין שטאַרקע תאווה צו ביכער פאַרגרעסערט זיי נאָך.

מיין תאווה צו ביכער איז פאַר מיר אַ שווערע פּראָבלעם. עס עגבערט מיך דער געדאַנק, אַז די דאָזיקע תאווה איז „ניט סאָוועסטנע" (געוויסנהאַפט) און ניט געזונט. איך שפּאָר־אָפּ אויף ביכער פון מיין עסן און קליידונג און שטעל דערמיט אין געפאַר מיין עקזיסטענץ. דאָס לייענען אַזוי פיל שטערט מיר אויך צו קאָנצענטרירן זיך אויף מיין דירעקטן שטודיום. מיר ווילט זיך אַלץ וויסן און נאָך גרינטלעך דערצו, כאָטש ס׳איז פאַר מיר קלאָר, אַז דעם אָקעאַן פון היינטיקן מענטשלעכן וויסן איז קיין שום יחיד ניט מער אימ־שטאַנד דורכצושווימען. מיינע לערן־ביכער בלויז פון כעמיע אַליין ווייזן מיר, אַז דער באַדייטנדיקסטער כעמיקער איז איצט ניט בכח צו זיין באַ־האַוונט אויף אַלע געביטן פון דער כעמיע: די אומאָרגאַנישע און די אָר־גאַנישע; פיזיקאַלישע און פיזיאָלאָגישע; מינעראַלאָגישע, טעכנישע, לאַנדווירטשאַפטלעכע, א. אַז. וו. בפרט נאָך, אַז כ׳בין אויך שטאַרק פאַר־אינטערעסירט אין דער אַלטער און נייער ליטעראַטור (פּאָעזיע און פּראָזע) און אין פאַרשיידענע קונסטן, ווי אויך אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט, באַזונדערס איר סאָציאַלער עטיק. איך באַשליס דאָרום אַ סך מאָל זיך צו האַלטן פעסט אין די גרענעצן פון מיין ספּעציעלן שטודיום אין אוי־ניווערזיטעט, און וועגן די אַנדערע זאַכן באַנוגענען זיך מיט בלויז ענצי־קלאָפּעדישן וויסן. עס איז אָבער אומגעהויער שווער צו מאַכן אַ גרענעץ פאַרן דאָרשט נאָך וויסן: „ביז דאַנען און ניט ווייטער". און אָפט ווערט מען ווילנדיק — ניט־ווילנדיק, פאַרטראָגן אין נייע געביטן.

די אַלע זאָרגן און פאַרדרוסן פאַרגעס איך אָבער אַזוי גיך ווי איך ווער דערוויילט פאַר אַ פאָלקס־פאַרטרעטער. כ׳קאָן איצט ניט מער טראַכטן וועגן זיך. איך שרייב שרה שפרהן, אַז „דער גרויסער שמערץ — די צרות פון דעם יידישן כלל — מאַכט מיך פאַרגעסן אין מיינע פּערזענלעכע ליידן און כ׳וויל ניט מלחמה האַלטן קעגן אָט דעם פאַרגעסן"... אויך שרה שפרה רעדט איצט גאָרניט וועגן אירע צרות און אומגליקן. זי שרייבט מיר נאָר וועגן מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. איר הויפּט־זאָרג איז איצט, אַז כ׳זאָל אין באַזעל גיין אָנגעטאָן ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָרשטייער פון פאָלק. זי באַשטעלט ביי אַ גוטן לאָנדאָנער שניידער אויפצונייען פאַר מיר געהע־ריקע מלבושים פון אַ גוטן שטאָף. זי שיקט מיר אַרויס דירעקט קיין באַזעל

אַ „פּרינץ אַלבערט״ און אַנדערע זאַכן, כ׳זאָל עס נאָך קריגן אין צייט צו דער דערעפענונג פון קאָנגרעס.

אויף דער יוגנט־קאָנפערענץ באַקען איך זיך מיט מענטשן, פון וועלכע איך האַלט אַ סך. כ׳בין אַנטציקט פון זייער פריינטשאַפט צו מיר. אין איינעם פון די קאָנגרעס־זאַלן איז פאַראַן אַן אויסשטעלונג פון יידישער קונסט. פירט מיך דאָרט אַרום פערזענלעך דער באַרימטער יידישער קינסטלער, אפרים משה ליליען, מיט וועמעס אילוסטראַציעס איך בין צו־ערשט באַקאַנט געוואָרן דורך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע (זיין אילוסטראַציע „דער ערשטער מאַי״ געפינט זיך אויפן וואַנט פון מיין צי־מער אין פריבורג). איצט גייט אַרום אָט דער קינסטלער מיט מיר געג־אַרעמט און דערקלערט מיר די בילדער פון די באַרימטע עלטערע מייס־טערס: יאָזעף איזראַעלס, מאַקס ליבערמאַן א. ד. גל. ווי אויך אַזוינע נאָך ווייניק באַקאַנטע ווי לעסער אורי און אפילו אַזאַ נאָך גאָר יונגינקע אָנפאַנגערין ווי ראָזע מונדליק, וועלכע מאָלט געשטאַלטן פון פּוילישע יידן. איך שפּאַציר דאָ אויך אַרום מיט דעם נייעם יידישן ליטעראַטור־קריטי־קער דר. איסידאָר עליאַשעוו, בעל־מחשבות, מיט וועלכן כ׳האָב זיך באַ־קאַנט, זומער 1900, אין קאָוונע. ער דערציילט מיר וועגן די נייע שאַפונגען אין יידיש, וועגן וועלכע ער וועט לייענען אַ רעפעראַט אויף דער יוגנט־קאָנפערענץ. איך טרעף זיך אויך מיט מיינע עלטערע באַקאַנטע און פריינט פון בערן: דער העברייאישער שרייבער שמואל ראָזענפעלד, דער בילו׳עץ חיים כיסין, קאָרעספּאָנדענט פון פּעטערבורגער „וואָסכאָד״ און פריער־דיקער פּרעזידענט פון דער רוסישער קאָלאָניע אין בערן; אַהרן מיכל באָראָכאָוו, דער עלטסטער זון פון אַמאָליקן מיישעגאָלער רב, דער מחבר פון ספר „חבל יעקב״; יחזקאל וואָרטסמאַן, א. אַז וו. ווי אויך מיין זשע־נעווער פריינט, צבי אבערסאָן, מיט וועלכן כ׳האָב זיך באַקענט דאָ אין באַזעל מיט איבער צוויי יאָר צוריק. מיר שמועסן וועגן זיין עלטערן ברו־דער, דעם „שאַפּ״־אַרבעטער, ב. אבערסאָן, וועמען כ׳האָב געטראָפן דעם זומער אין לאָנדאָן און דאָרט געוואָרן מיט אים גוטע פריינט. צבי אבערסאָן רעדט מיט מיר אויך וועגן זיין רעפעראַט מכח דעם „בונד״, וואָס ער דאַרף האַלטן אויף דער יוגנט־קאָנפערענץ.

פריינט און באַקאַנטע שטעלן מיך אויף פּאָר פּאָר מיין באַליבטן העב־רייאישן קינסטלערישן שרייבער, ראובן בריינין: ער איז אַ שיינער מאַן מיט אַ קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר, אַ פיינער שוואַרצער באָרד און ברייטן פיין־אויסגעבונדענעם שוואַרצן שלייף אויף אַ שניי־ווייסן קראַגן; פאַר בערטאָלד פייוול, דעם איבערזעצער אין דייטש פון מאָדערנע פּאָעזיע און פּראָזע אין יידיש; פאַר מאַרטין בובער, דער דייטש־יידישער פילאָסאָף,

וועלכער איז אַן אייניקל פון מיין פּאַרערטן מדרש־פּאַרשער, ר׳ שלמה בובער; פּאַר די פירער פון דער קאָנפערענץ, דר. חיים ווייצמאַן און לעאָ מאָצקין; פּאַר דר. כהן־בערנשטיין, אַ האַרציקער, גוטמוטיקער מענטש, אַ ברודער פון דעם רעוואָלוציאָנער, לעוו, וועמען די צאַרישע רעגירונג האָט אויפגעהאָנגען; פּאַר דעם דיכטער ל. יפה; דעם „קאַזיאָנעם" רב פון באַלטע, מענדל שענקין, מיט וועמען איך ווער גוטע פריינט; די אין מאָנ־פעליע (פראַנקרייך) געשטודירטע בוכמילס, מאַן און ווייב, ביידע שיין און; שלאַנק, טיכטיקע ציוניסטישע טוער און פליסיקע רעדנער (איך טראַכט אַז זיי וועלן אַמאָל ביידע שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָליע אין דעם צו־קונפטיקן ישוב פון ארץ־ישראל); די ארץ־ישראל דעלעגאַטן כאַנקין — אַ קרעפטיקער מאַן מיט אַ קאָפּ לאַנגע האָר, ווי ביי אַ פּרוי, נאָר מיט אַ בלאָנדער באָרד — און ישראל בעלקין, מיט וועלכן איך ווער באַלד נאָענט באַפריינדעט.

מען באַקאַנט מיך אויך מיט יצחק בערגער, דעם פירער פון די אַזוי־גערופענע „מינסקער פועלי ציון". ער זעט מיר אויס צו זיין ניט קיין אַר־בעטער און ניט קיין סאָציאַליסט. איך טראַכט, אַז זיינע אָנהענגער געהערן מסתמא צו דעם זעלביקן מין ציוניסטן, גוטע פאָלקס־מענטשן, ווי די, וועלכע זיינען קרעמער, אָדער קליין־הענדלער, נאָר האָבן ווייניק שייכות צו די סאָציאַלע אידייען פון דער באַוואוסטזיניקער אַרבעטערשאַפט.

קאַפּיטל הונדערט און פיר

דריי קעגנער פון דער קאָנפערענץ

די דריי שאַרפע קעגנער פון דער קאָנפערענץ זיינען מיינע פריינט: דר. נחמן סירקין; קאַנדידאַט דר. פילאָסאָפיע יעקב־מאיר זאַלקינד, און מיין באַקאַנטער אָדעסער בונדיסט קאָליאַ טעפער. די ערשטע צוויי גייען ניט אַריבער די שוועל פונעם זאַל, וואו די יוגנט־קאָנפערענץ קומט פאָר. זיי אַגיטירן קעגן איר אין די קולואַרן פון דער באַזעלער „קאַסינאָ": דר. סירקין טוט עס אָפנהאַרציק מיט קולות און געוואַלדן. יעקב־מאיר זאַלקינד — פּאָליטיש, סודות־פול, קאָנספּיראַטיוו. דער דריטער, קאָליאַ טעפער, קומט אָפן אַריין אין „שונאס לאַגער" קריגעריש, חוצפּהדיק, סקאַנדאַ־ליסטיש.

דר. סירקין זעט אין דער יוגנט־קאָנפערענץ אַ בורזשואַזן שווינדל, אָפּצוציען די יידישע אַרבעטער פון דעם געדאַנק וועגן אַ סאָציאַליסטישער יידישער מדינה און פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם בכלל.

יעקב־מאיר זאַלקינד האָלט, אַז דר. חיים ווייצמאַן און די אַנדערע אָר־גאַניזירער און פירער פון דער ציוניסטישער יוגנט־קאָנפערענץ אינטריגירן צו צעשטערן דר. הערצלס פּרעסטיזש אַלס ציוניסטישער פירער און זייער ציוניסטישע יוגנט־קאָנפערענץ איז באמת אַ פאַרמאַסקירטע אָפּאָזיציע קעגן אים. י. מ. זאַלקינד פאַרזיכערט מיך, אַז דעם דאָזיקן חשד האָט אויך דר. הערצל זעלבסט.

קאַליאַ טעפּער, מיט וועלכן כ׳האָב זיך באַקאַנט דאָ אין באַזעל אין צייט פון דריטן ציוניסטן־קאָנגרעס, זומער 1899, האַלט זיך נאָך אַלץ ביי זיין דעמאָלטיקער מיינונג, אַז דער „בונד״ איז אַ סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אין דער קריטישער שטעלונג צום „בונד״ פון אַ טייל אינ־טעליגענטער ציוניסטישער יוגנט, זעט ער דעם אָנהויב פון אַ פאַרשאַרפטן קאַמף קעגן סאָציאַליזם מצד דער יידישער בורזשואַזיע.

פּערזענלעך בין איך מער געניגט צו דער מיינונג פון מיין פריינט יעקב־מאיר זאַלקינד, אַז די ציוניסטישע יוגנט־קאָנפערענץ איז אַן אָפּאָזיציע צו דער אַלגעמיינער ציוניסטישער פירערשאַפט. כ׳זע אָבער ניט אין דעם קיין אינטריגע קעגן דר. הערצלס פּערזאָן, נאָר אַן ערלעכן פּרואוו פון דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענטער יידישער יוגנט אויפצורודערן דעם פאַר־גליווערטן באַלעבאַטישן, אָדער בורזשואַזן ציוניזם. איך זע אין דער דאָ־זיקער אָפּאָזיציע אַן ענלעכן ציל, ווי דעם צו וועלכן ס׳האָט געשטרעבט מיין הויכגעאַכטעטער קינסטלער און לערער י. ל. פּרץ מיט זיינע „יום־טוב־בלעטלעך״ אין יידיש, און מיט זיין זשורנאַל „החץ״ (דער פייל), אין העברייאיש, אין מיטן פון די ניינציקער יאָרן; און ווי דאָס, וואָס זיין יונגער מיטהעלפער, דוד פּינסקי, האָט דעמאָלט געוואָלט דערגרייכן מיט זיין שאַרפן אַרויסטריט קעגן דעם „הינטער־פּיסלעך־טאַנץ״ פון דער יידישער קאָנסערוואַטיווער, באַלעבאַטישער וועלט. מיר געפעלט זייער דער קאַמף פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן דאָס לעבן פון די ברייטע האָרעפּאַשנע יידישע מאַסן, שוין איצט, און אומעטום וואו זיי געפינען זיך. איך בין אויך פאַר דעם געדאַנק, צו באַנייען און פאַר־יינגערן דאָס יידישע פאָלק דורך אַריינברענגען אין יידישן לעבן וואָס מער קולטור און שיינקייט, און צו פאַרשפּרייטן יידישע ליטעראַטור און קונסט צווישן די ברייטסטע יידישע שיכטן. אין אַזאַ סביבה, דוכט מיר, וועט די באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטערשאַפט אויך געפינען גענוג סימפּאַטיע און אפילו הילף פאַר איר ענד־ציל: איבערצובויען די וועלט אויף נייע און גערעכטע סאָציאַלע יסודות.

אינעם געראַנגל צווישן נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען אויף דער ציוניסטישער יוגנט־קאָנפערענץ אין באַזעל, בין איך מער באַאָבאַכטער, ווי באַטייליקטער: איך בין באַגייסטערט פאַר ביידע אידייען, איך האָב

באַשטימטע מיינונגען וועגן זיי. כ'האַלט זיך אָבער ניט פאַר גענוג קאָמפּע־טענט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך מיט מיינע מיינונגען, איך בין אויך צופיל מפונק זיך אַריינצומישן אין אַזוינע דיסקוסיעס, וועלכע זעען מיר אויס ווי קריגערייי און זידלערייי. כ'הער זיך אָבער צו אויפמערקזאַם צו יעדן וואָרט, וואָס ווערט דאָרט גערעדט. איך באַמערק אויך גענוי יעדע תנועה פון די רעדנער און דיסקוטאַנטן.

אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכט דאָרט אויף מיר דער לאַנגער רעפעראַט פון מיין זשענעווער פריינט צבי אבערסאָן, כאָטש מיט געוויסע פּונקטן זיינע בין איך טיילווייז אָדער אינגאַנצן ניט איינשטימיק. כ'זאָג עס אים אויך שפּעטער, פּריוואַט.

צבי אַבערסאָן האַלט זיין וויסנשאַפטלעכן רעפעראַט אין אַ ראַפינירטער, עלעגאַנטער, שיינער פאָרם. ער קריטיקירט דאָרט שאַרף, נאָר העכסט אַנשטענדיק, די שטעלונג פון דעם „בונד" צו דער יידנפראַגע, דעם נאַציאָנאַליזם און ציוניזם. זיין קריטיק איז באַזירט ניט בלויז אויף לאָגישע אַר־גומענטן, נאָר אויך אויף אַרויסזאָגונגען און דערקלערונגען פון די העכסטע סאָציאַליסטישע אויטאָריטעטן פונעם ערשטן און צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, און פון די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע וועלט־ און לאַנד־קאָנגרעסן, ווי אויך די אַלגעמיין אנערקענטע ווערק פון דער סאָציאַלער וויסנשאַפט, צו באַווייזן, אַז די שטעלונג פונעם „בונד", צו די פריער־דערמאָנטע פראַגן, און ניט סאָציאַליסטיש און ניט וויסנשאַפטלעך; אַז זיי זיינען פול מיט ווידער־שפּרוכן און „עמי־הארצות" (אַמראַצעס).

ניט געקוקט אויף זיין ריידן רואיק און זאַכלעך, און ניט באַליידיקן פּער־זענלעך די בונדיסטישע פירערשאַפט, איז צבי אַבערסאָנס רעפעראַט געווען אַ רוף צו דער יידישער בירגלעכער אינטעליגענציע צו באַקעמפן ענערגיש די שטעלונג פונעם „בונד". ער האָט זיי אויפגעפאָדערט זיך כלל ניט צו רעכענען דערמיט, וואָס דער „בונד" פאַרטרעט די אונטערערדישע אָרגאַ־ניזאַציע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, וועמעס קאַמף פאַר אירע עקאָ־נאָמישע אינטערעסן — אונטערשטרייכט צבי אבערסאָן — פאַרדינט די אונטערשטיצונג פון אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן, אָן אונטערשייד צו וועלכער פּאַרטיי זיי געהערן.

די ציוניסטישע יוגנט־קאָנפערענץ הערט אויס צבי אבערסאָנס לאַנגן רעפעראַט מיט גרויס באַגייסטערונג. ס'ווערן געמאַכט פאַרשלאָגן עס אַרויס־צוגעבן אין בוך־פאָרם אין 10,000 אָדער אפילו 100,000 עקזעמפּליאַרן.

קאָליאַ טעפער האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט אויסהערן רואיק צבי אבערסאָנס רעפעראַט. ער האָט אים אַלע ווײַלע אונטערגעבראָכן מיט אַזוינע אויסרופן ווי „ליגנער!" — „פאַרלוימדער!" — „פּראָוואָקאַטאָר!"... דער עולם איז געווען שטאַרק אויפגערעגט קעגן דעם אונטערברעכער. נאָר דער

פּאָרזיצער דר. חיים ווייצמאַן, מיט זיין „פּקחות" און טאַקט, באַוויזט צו האַלטן די פּאַרזאַמלונג אין צאַם. ער לאָזט זיך ניט פּראָוואָצירן פון קאַליאַ טעפּער, אים אַרויסצופירן אָדער אַרויסצוואַרפן פון זאַל. ניט אומזיסט האָט אָט דער היזכער, דאַרער יונגערמאַן מיטן שפּיציק בערדל, האַלב־נאַקעטן קאָפּ און קלוג־שמייכלענדיקע אויגן, געהאַט אַ נאָמען פון אַ פּייאיקן פּאָרזיצער נאָך אין פרילינג 1899, ווען כ'קום אָן שטודירן אין בערן. זיינע מקורבים זאָגן מיר דעמאָלט, אַז אויך ניט־ציוניסטן לאַדן אים אַמאָל איין צו זיין דער פּאָרזיצער אויף זייערער אַ פּאַרזאַמלונג.

***

דר. חיים ווייצמאַן ווייזט זיך אויך אַרויס אַלס קלוגער פּאָרזיצער פון אָט דער יוגנט־קאָנפערענץ, דורך דעם אופן ווי אַזוי ער גלייכט דאָרט אויס אַ סכסוך צווישן דריי העברייאישע שרייבער: ראובן ברייניז, נחום סלושץ און יוסף קלויזנער.

אָנגעהויבן האָט זיך דער דאָזיקער סכסוך אַזוי: דער ליטעראַטור־קריטיקער דר. איסידאָר עליאַשעוו האַלט אַ גלענצנדיקן רעפעראַט וועגן דער מאָדערנער ליטעראַטור אין יידיש. דערביי באַמערקט ער, אַז אָט די נייע יידישע ליטעראַטור, אין דער שפּראַך פון די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן, איז ריין פון דער מליצה און בטלנות, וואָס פלעגט הערשן אין דער העב־רייאישער ליטעראַטור און פּרעסע. דער אָנגעזעענסטער העברייאישער שרייבער, ראובן ברייניז, ברעכט אונטער דעם רעדנער מיט אַ הויכן אויס־געשריי „פוי!", וואָס ער חזרט איבער עטלעכע מאָל.

דר. איסידאָר עליאַשעוו, טיף באַליידיקט און שטאַרק בלאַס, פאַר־לאָזט באַלד די טריבונע און זאָגט זיך לחלוטין אָפּ פאָרצוזעצן ווייטער זיין רעפעראַט.

ראובן ברייניז, נחום סלושץ און יוסף קלויזנער מעלדן זיך תיכף צום וואָרט, צו ענטפערן אויף דר. עליאַשעווס באַמערקונג. דער פּאָרזיצער, דר. חיים ווייצמאַן, שלאָגט זיי פאָר צו דערוויילן איין רעדנער פאַר זיי אַלעמען דריי. ווען זיי שטימען אָבער יעדער איינער פאַר זיך און קענען זיך ניט אייניקן אויף איין רעדנער, שטעלט דר. ווייצמאַן יעדן איינעם פון זיי די פראַגע: ווועמען ער גיט דעם פאָרצוג פון די אַנדערע צוויי. סלושץ און קלויזנער גיבן עס צו ראובן ברייניז און דר. ווייצמאַן דערקלערט אים אַלס „דערוויילט איינשטימיק."

אַזוי ווי איך זיץ אין דער צייט פון אָט דעם סכסוך צווישן נחום סלושץ און יוסף קלויזנער, דערוויס איך זיך, אַז דער ערשטער איז אַן אָדעסער רבס אַ זון, איז שוין באַלד פופצן יאָר אַ העברייאישער שרייבער, האָט אויך

וואָס איבערזעצט פון עמיל זאָלא און שטודירט איצט אין פּאַריזער אוני־ווערזיטעט. צוליב זיינע פופצן יאָר שרייבן, און דערפאַר, וואָס עס ציטערן זיינע הענט, באַטראַכט איך אים פאַר עלטער פון דעם רירעוודיקן הײדעל־בערגער סטודענט יוסף קלויזנער. דער לעצטער פאַראינטערעסירט מיך אויך צוליב זיין שטודירן אַסיראָלאָגיע, וואָס ער לערנט אַ סך גרינטלעכער פון מיר — אַ סטודענט פון כעמיע, ביי וועמען דאָס איז נאָר אַ זייטיקער, העברייאישער לימוד, צוליב ריין נאַציאָנאַל־יידישע מאָטיוון.

ביידע יינגערע העברייאישע שרייבער זיינען אומצופרידן פון ראובן בריינינס ענטפער אויף עליאַשעווס באַמערקונג. זיי האַלטן זיין ענטפער פאַר אַ צופיל פּערזענלעכן. לויט זייער מיינונג, האָט בריינין דער עיקר אָנגעוויזן, אַז אין זיין שרייבן העברייאיש איז ניטאָ קיין מליצה און קיין בטלנות און האָט ציטירט זיין אייגענעם זשורנאַל, „ממזרח וממערב.״

קאַפּיטל הונדערט און פינף

פאַרוואָס איך טרעט ניט אַריין אין דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע״

די ציוניסטישע יוגנט־קאָנפערענץ פאַרענדיקט זיך מיט דער גרינ־דונג פון אַ דעמאָקראַטישער פראַקציע אין ציוניזם, וועלכע ווערט באַ־טראַכט אַלס אָפּאָזיציע קעגן דר. הערצלס ציוניסטישער פירערשאַפט.

מיין פריינט יעקב־מאיר זאַלקינד, אַן אויסגעשפּראָכענער הערצליאַ־נער, האָט ניט גערעדט פון וועג, ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז דר. הערצל באַטראַכט די יוגנט־קאָנפערענץ פאַר אַן אָפּאָזיציע קעגן זיין ציוניסטישער פירערשאַפט. ניט אומזיסט האָט דר. מאַקס נאָרדוי, דר. הערצלס נאָענט־סטער מיטאַרבעטער, געהאַלטן אַ רעדע אויפן פינפטן ציוניסטן־קאָנגרעס, אין וועלכער ער האָט געזוכט צו דיסקרעדיטירן די אינטעליגענטע יידישע יוגנט פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע שטודירט אין מערב־אייראָפּיאישע אוני־ווערזיטעטן. די דאָזיקע רעדע האָט אַרויסגערופן אַלגעמיינע אומצופרידנקייט מיט דער ציוניסטישער פירערשאַפט ביי דער שטודירנדיקער יידישער יוגנט, וועלכע האָט עס אויסגעדריקט דורך שטורעמדיקע אָוואַציעס פאַר דעם פירער פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע״, לעאָן מאָצקין, וועמען די „גאַליאַרקע״ פון פינפטן ציוניסטן־קאָנגרעס האָט אויך באַוואָרפן מיט בלומען.

ניט געקוקט אויף מיין ניט איינשטימיקייט מיט דר. סירקינס און קאַליאַ

טעפערס קעגנערישער שטעלונג צו דער ציוניסטישער יוגנט־קאנפערענץ, בין איך דאך פון זיי באווירקט געוואָרן ניט אָנצושליסן זיך אין דער גע־גרינדעטער „דעמאָקראַטישער פראַקציע."

דר. נחמן סירקין האָט געוויינטלעך פּאָלעמיזירט מיט „דונערן און בליצן", מיט קולות און היץ, אין די קולואַרן פון דער קאַסינאָ, וואו ער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט קעגנערישע דעלעגאַטן און געסט. איינמאָל האָט ער דאָרט זיך געשפּאַרט מיט דעם ניט ווייניקער פון אים היציקן נחום משה סירקין, אַ סטודענט־טעכנאָלאָג אין אַ מונדיר מיט בלישטשענ־דיקע מעשענע קנעפּ און אין אַ היטל מיט אַ שיינענדיקער מעשענער קאָקאַרדע, און מיט אַ ציוניסטקע מיט דעם זעלביקן פאַמיליע־נאָמען; האָבן אַט די דריי סירקינס דערביי געמאַכט אַזוינע געוואַלדן, אַז מען איז זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע זאַלן זען, וואָס קומט דאָרט פאָר. דער זעלביקער דר. סירקין איז אָבער געווען מילד און האַרציק, ווען ער האָט געוואָלט „ראַטעווען" אַ יוגנטלעכן יידישן סאָציאַליסט פון בורזשואַזן איינפלוס. ער האָט זיך דעמאָלט באַנומען פאַטריאַכאַליש, אין וואָס זיין בלאָנדע באָרד האָט אים מיטגעהאָלפן. ער האָט מיך געמוסרט אין אַ פאָטערלעכן טאָן: „וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ פּראָלעטאַריער, אַ סאָציאַליסט מיט די בור־זשואַזע דעמאָקראַטן?"

נאָר כאָטש איך ווער ניט קיין רעגולערער מיטגליד פון דער דעמאָ־קראַטישער פראַקציע, שטיי איך דאָך צוזאַמען מיט אירע מיטגלידער אין אַלע פראַגן בנוגע קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן.

דר. הערצל האָט אין דעם נאָמען „דעמאָקראַטישע פראַקציע" שוין געזען אַ באַשולדיקונג, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, אונטער זיין פירערשאַפט, איז ניט דעמאָקראַטיש. ער האָט אָבער ניט געמאַכט קיין פּרוואו אַריינצוברענגען פריש בלוט אין דעם ציוניסטישן „ענגן אַקציאָנס קאָמיטעט", די העכסטע פירערשאַפט, וואָס איז געוואָרן אָפּגעריסן פון די ברייטע פאָלקסמאַסן. ער האָט בלויז געזוכט זיך מער צו דערנענטערן צו די אָרטאָדאָקסישע רבנים און דערמיט אַרויסגערופן דעם חשד ביי דער פריי־געזאָנענער שטודירנדיקער יוגנט, אַז דער ציוניזם ווערט קלערי־קאַליזירט.

דער פינפטער ציוניסטן־קאָנגרעס מאַכט אויף מיר ווייניקער איינדרוק ווי דער דריטער, אין אויגוסט 1899, אויף וועלכן איך בין געווען בלויז אַ גאַסט. אַזוי ווי כ'בין איצט אַ דעלעגאַט און פיל זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע באַשלוסן, האָב איך גאָר ווייניק נחת פון דר. הערצלס פאַרזיכערונג, אַז זיין אוידיענץ ביי זיין מאַיעסטעט דעם טערקישן סולטאַן האָט אים (דר. הערצלען) באַוויזן, וואָס פאַר אַ גוטן פריינט דאָס יידישע פאָלק האָט אין

אַט דעם הערשער. מער זיכער זעען מיר אויס די באַריכטן אין דער ניט־ציוניסטישער פּרעסע, אַז מ׳קאָן ניט דערוואַרטן פון סולטאַנס רעגירונג קיין שום „טשאַרטער״ פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

דאָס מאָל באַגייסטערט מיך אויך ניט דר. נאָרדויס רעדע. דעמאָלט, אין 1899, אַטאַקירט ער די אַנטיסעמיטן און לאַכט אויס די רייכע יידישע אַסימילאַטאָרן אין דייטשלאַנד. דאָס מאָל וויצלט ער זיך איבער דער מזרח־אייראָפּייאישער אָרעמער שטודירנדיקער יידישער יוגנט, וועמעס חסרונות ער טרייבט היפּש איבער.

דר. מאַקס נאָרדויס רעדע איז געווען דער אַריינפיר צו דער סעריע „פּראַגעס וועגן קערפּערלעכער, גייסטיקער און עקאָנאָמישער אויפהויבונג פון די יידן״. די באַזונדערע רעפעראַטן וועגן קערפּערלעכער הייבונג פון דר. יערמיאַס, גייסטיקער הייבונג פון נחום סאָקאָלאָוו: יידישע געשיכטע און וויסנשאַפט, דר. מרדכי ערנפּרייז: העברייאיש, מאַרטין בובער: יידישע קונסט, דר. קראָנבערגער: פאָלקס־בילדונג און פאָלקס־דערציאונג, און עקאָנאָמישע פאַרבעסערונג, פון דר. מאָזעס — ברענגען ניט צו פּראַקטישע רעזולטאַטן. דער קאָנגרעס, אונטער דער ווירקונג פון דער הויפּט־פירערשאַפט, ווייזט צוריק יעדן ראַדיקאַלן פּלאַן, באַזונדערס וועגן קולטור. עס העלפט ניט די קולטוריסטן זייער דעמאָנסטראַטיווער פּראָטעסט קעגן פּרעזידיום. דר. הערצל בעט זיי פּערזענלעך איבער, נאָר זייערע פּלענער ווערן דאָך ניט אָנגענומען, אפילו ניט דער פּלאַן פון אַ יידישער „האָכשולע״, אַ אוניווערזיטעט, וואו די יידישע סטודענטנשאַפט זאָל קאָנען שטודירן אָן שום דיסקרימינאַציעס. מיר פּערזענלעך, כאָטש כ׳בין אַליין אויך אַ סטודענט, אינטערעסירן מער די אַלגעמיינע פּלענער צו פאַרשפּרייטן יידישע קולטור צווישן די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן. ביי אַ סך יידישע אינטעליגענטן, אפילו די וועלכע געהערן צו דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, איז אָבער דער „האָכשולע״־פּלאַן געווען באַזונדערס חשוב, און זיי האָבן ניט געקאָנט מוחל זיין דער ציוניסטישער פירערשאַפט פאַר איר ניט שטיצן אים.

צו דער דיסקוסיע וועגן דער קולטור־פראַגע, וואָס איז געווען דער הויכפּונקט פונעם פינפטן ציוניסטן־קאָנגרעס, פאַרשרייב איך זיך אויך צום וואָרט, כאָטש כ׳בין ניט גרייט אַרויסצוטרעטן אויף דער קאָנגרעס־טריבונע. איך טו עס נאָר, כדי צו זיין פאַרשריבן אין רעדנער־צעטל און זיך צו קאָנען באַטייליקן אין דער וואַל פון אַ פאַסנדיקן גענעראַל־רעדנער פאַרן צד פון די קולטוריסטן. אויסגעלאָזן אָבער האָט זיך, אַז דער גענעראַל־רעדנער פון מיין צד — נחום סאָקאָלאָוו, דער רעדאַקטאָר פון דער וואַרשעווער טאָג־צייטונג „הצפירה״, — האָט געלייענט זיינעם אַן אויפגעשריבענעם רעפעראַט וועגן קולטור בכלל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שייכות צו אונדזערע פאָדערונגען און פּלענער.

פון די אַנטי־קולטוריסטישע רעדנער קריצט זיך איין אין מיין זכרון אַ עקסטרעם־קאָנסערוואַטיווער אָדעסער ציוניסט, וועמעס אַ מוסקל אויפן באַק האָט זיך כסדר געצאַפּלט. פּאַר אַלע פּלענער פון יידישער קולטור האָט דער דאָזיקער מאַן, דאָקטאָר איוואַנאָוויצקי, געהאַט דעם שלאָגוואָרט: „סימפּאַטיע — פּולע הויפּנס; געלט — ניט קיין גראַשן.״

כ׳בין נייגעריק צו וויסן, וואָס עס קומט פאָר אויף יעדער דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונג. כ׳קום דאַרום אַריין צו די קאָנפערענצן פון די באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן און פון די פאַרשיידענע ריכטונגען. כ׳באַזוך אויך זי־צונגען פון דער „מזרחי״ און פון דער „פראַקציע קעגן פראַקציעס.״

די „פראַקציע קעגן פראַקציעס״ איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויפן פינפטן ציוניסטן־קאָנגרעס דורך דעם אינזשינער מנחם מענדל אוסישקין פון יעקאַ־טערינאָסלאַוו. ער איז איינער פון די הויפּט־וואָרטזאָגער אויף דער קאָנ־פערענץ פון דער רוסישער לאַנדסמאַנשאַפט, וואו ער רעדט אין אַן עכט־מאָסקווער רוסיש. זיין טונקעלער פּנים, מיט דער רונדער שוואַרצער באָרד האָט מיך דערמאָנט אין דעם עכט־רוסישן הויפּט־ריכטער, וואָס כ׳האָב אַמאָל געזען אין „אָקרוזשנאַי סוד״, דעם העכסטן געריכט אין ווילנע. אוסישקין האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַזאַ שטרענגן מענטשן ווי יענער.

אינזשינער אוסישקין האָט אַליין געלאַדן דעלעגאַטן מינדלעך און שריפטלעך, צו באַזוכן זיין פאַרזאַמלונג פון דער „פראַקציע קעגן פראַק־ציעס״. זי איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די זייטיקע קאָנגרעס־צימערן אין דער באַזלער קאַסינאָ. אָט דאָס צימער איז לאַנג און שמאָל און דער עולם זיצט דאָרט פוןביידע זייטן לאַנגן טיש, וועמעס אויבנאָן איז פאַרנומען פון דעם צוזאַמענרופער, וועלכער האָט זיך אַליין נאָמינירט און דערווײלט פאַרן פאַרזיצער און הויפּט־רעדנער.

אין דריי שפּראַכן, מאָסקווער־רוסיש, קאָנגרעס־דייטש און „אָדעסער״־יידיש, דערקלערט אוסישקין, אַז דער ציוניסטן־קאָנגרעס געפינט זיך אין געפאַר איבער דעם, וואָס צווי ריכטונגען — די „דעמאָקראַטישע פראַקציע״ און „מזרחי״ — זוכן דורך דעם כוח פון זייערע אָרגאַניזאַציעס אַרויפצוצווינגען אויף אים זייערע פּראָגראַמען. די ערשטע אָרגאַניזאַציע, זאָגט ער, איז איצט די געפערלעכערע, צוליב דעם, וואָס דר. הערצל, ווי אוסישקין גלויבט, האָט פאַר איר אַ שוואַכקייט... ער האַלט דאַרום פאַר אויסערסט וויכטיק, אַז אַלע דעלעגאַטן, וועלכע זיינען קעגן דער הערשאַפט פון אַן איינצלנער ריכטונג איבערן קאָנגרעס זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ „פראַקציע קעגן פראַקציעס״, כדי ניט צו דערלאָזן צו אַזאַ צושטאַנד.

אוסישקינס רייד האָבן ניט דעם באַלעבנדיקן הומאָר פון דר. ווייצמאַנען,

ווי אויך ניט דעם פּאַטאָס פון דר. מאַצקינען, די הויפּט־וואָרטזאָגער פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע. זיינע ווערטער צייכענען זיך אויס דער עיקר דורך זייער קלאָרקייט, פּשוטקייט און גענויאיקייט.

ניט געקוקט אויף דער קאָנסערוואַטיווקייט און שטרענגקייט פון אַ „נאַטשאַלניק", וואָס אוסישקין שטעלט מיט זיך פאָר אין מיינע אויגן, און מיין ניט האָבן קיין שום סימפּאַטיע פאַר זיין „פּראַקציע קעגן פּראַקציעס", מאַכט ער פערזענלעך דאָך אויף מיר אַ גוטן איינדרוק צוליב זיין אָפנ־האַרציקייט. כ'האָב רעספּעקט פאַר אַ קעגנער, וואָס פאַרדרייט ניט יענעמס ווערטער, נאָר דערקלערט בלויז, אַז דאָס איז ניט זיין וועג. ער איז קענטיק נאָך אַלץ דער זעלביקער „חובב ציון" (ליבהאָבער פון ציון), וואָס ער איז געווען מיט אַ יאָר 20 צוריק אַלס סטודענט אין מאָסקווע. כ'גלויב דאָרום ניט ווי די, וועלכע זאָגן מיר, אַז מיט זיין „פּראַקציע קעגן פּראַקציעס" זוכט אוסישקין נאָר צו באַפרידיקן זיינע פערזענלעכע אַמביציעס פאַר מאַכט און הערשאַפט.

איך צווייפל אויך ניט אין דער ערנסטקייט פון יענע אַנדערע דעלע־גאַטן, וועלכע דערקלערן מיר, אַז זיי זיינען קעגן די קולטור־פּלענער פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, ניט צוליב פרומקייט אָדער קאָנסערוואַ־טיזם, נאָר ווייל זיי האַלטן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך איצט באַשרענקען בלויז אויף דיפּלאָמאַטישע און קאָלאָניזאַטאָרישע פּלענער און זיך ניט פאַרנעמען מיט אַזוינע קולטור־אַרבעטן, אויף וועלכע די פאַרשיי־דענע ריכטונגען קאָנען זיך ניט אייניקן.

איך גיי אויך אַריין זען די קאָנפערענץ פון „מזרחי". כ'געפין דאָרט אַ סך מער דעלעגאַטן ווי אויף דער „פּראַקציע קעגן פּראַקציעס". כ'זע צווישן זיי דריי עלעמענטן: 1) רבנים, באַזונדערס פון ליטע, וועלכע זיינען באַדייטנדיקע לומדים און פירן זיך אויך לויט די געבאָטן און דעם גייסט פון דער תורה, און באַמיען זיך אויך אויפצוהאַלטן אָט דעם מין יידישקייט אין זייערע געמיינדעס. 2) פּשוטע פרומע יידן, וועלכע זיינען געוואָרן דורך דער השפּעה פון זייערע רבנים, פריער, „חובבי ציון", און איצט ציוניסטן. 3) קאָנסערוואַטיווע וואוילהאָבנדיקע באַלעבאַטים און רעאַקציאָנערע אַד־וואָקאַטן און דאָקטוירים, ענלעכע צו דעם פריער־דערמאָנטן דר. איוואַנאָ־וויצקי, וועלכע זוכן צו האַלטן אין צאַם דעם „פּעבל", אָדער „המון" דורך רעליגיע. אָט די ביטערע שונאים פון באַוואוסטזיניקע אַרבעטער און סאָ־ציאַליסטן זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם „מזרחי". כ'זע דאָך אין באַזעל אַזוינע „לייט" צווישן אַלע מינים ציוניסטן און זיי זיינען דאָ אומעטום אַ נישטיקע מינדערהייט. די באַלעבאַטישע פרויען אויף דער „מזרחי"־

פאַרזאַמלונג מאַכן אויף מיר דעם איינדרוק פון פילאַנטראָפּישע גבאיטעס, אָבער ניט פון געזעלשאַפטלעכע טוערינס.

דעם בעסטן איינדרוק אויף דער זיצונג פון „מזרחי" מאַכן אויף מיר אַזוינע לומדישע רבנים ווי ריינעס, ראַזאָווסקי, ש. י. ראַבינאָוויטש א. אַ. שריפטלעך איז הרב ריינעס מיר געווען באַקאַנט שוין מיט יאָרן צוריק צוליב זיין ספר „חותם תכנית" (מוסטערן ווי צו לערנען וויסנשאַפטלעך גמרא — איר אַרגומענטאַציע און לאָגיק). ער ווערט מיר אָבער נאָך נעענטער דורך זיין דערקלערן מיר אָפנהאַרציק זיין מזרחיסטישע שטעלונג צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פונעם פינפטן ציוניסטן־קאָנגרעס. הרב ראַזאָווסקין קען איך דורך זיין שרייבן אין דער העברייאישער פּרעסע און ש. י. ראַבינאָוויטשן געדענק איך נאָך, ווי שוין פריער דערמאָנט, פון מיינע שמועסן מיט אים אין דער צייט, ווען כ׳האָב געאַרבעט ביי איטשע דעם טאָקער אין אַלעקסאָט, אַרום קאָוונע, וואו הרב ראַבינאָוויטש איז דעמאָלט געווען רב.

קאַפּיטל הונדערט און זעקס

דאָס פאָטאָגראַפירן זיך מיטן דר. הערצל

אויפן פינפטן ציוניסטן־קאָנגרעס האָבן אַלערליי גרופּעס דעלעגאַטן זיך געהאַלטן כסדר אין פאָטאָגראַפירן צוזאַמען מיט דר. הערצל. אויף דריי פאָטאָגראַפישע גרופּעס זיץ איך אין דער ערשטער שורה. אויף איינער פון זיי זיץ איך לעבן אַן אַלטן חובב ציון מיטן נאָמען דר. יוסף סאַפּער. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער וויל עס ניט ליידן און כ׳האָב געהאַלטן, אַז ער איז גערעכט, וואָרעם ווי קום איך טאַקע צו זיצן אויף אַזאַ בכבודיקן פּלאַץ? נאָר אַוועקגיין האָב איך שוין ניט געקאָנט.

ספּעציעל איינגעלאַדן בין איך געווען צו דער פאָטאָגראַפיע פון די בערנער סטודענטן־דעלעגאַטן. זיי האָבן מיך, אַ פריבורגער, אַריינגענומען צווישן זיך צוליב מיין זיין אָפט אין דעם בערנער יידישן קלוב (די „יידישע קאָלאָניע"), וועלכן כ׳האָב געהאָלפן גרינדן און בין געווען איינער פון זיינע עפנטלעכע באַגריסער צו זיין חנוכת הבית.

אין דער ערשטער שורה, פון דר. הערצלסביידע זייטן, האָבן מיר אַוועקגעזעצט די צוויי עלטסטע סטודענטן פון דער יידישער קאָלאָניע אין בערן: דעם העברייאיש־יידישן שרייבער שמואל ראָזענפעלד און דעם קאַנדידאַט־מעדיצין חיים כיסין, איינער פון די כאַרקאָווער „בילוצעס", וועלכע זיינען נאָך די פּאָגראָמען פון 1881 אין אוקראַינע אַוועקגעפאָרן ווערן

קאַלאָניסטן אין ארץ־ישראל. איך קום צופעליק אַרויס גוט אויף אַלע פאָ־טאָגראַפיעס מיטן דר. הערצל. כ׳גיב דאַרום דעם פאָטאָגראַפשטשיק מיין אַדרעס ער זאָל מיר זיי צושיקן קיין פריבורג *).

שבת־צו־נאַכט, ערב דעם לעצטן טאָג פון פינפטן קאָנגרעס, זונטיק דעם 29־טן דעצעמבער, 1901, זיינען ניט פאָרגעקומען קיין עפנטלעכע פאַר־זאַמלונגען. די פירערשאַפט פון קאָנגרעס איז געווען פאַרנומען מיט קאָ־מיטעט־זיצונגען און מיט באַראַטונגען וועגן די מאָרגנדיקע וואַלן צום אַק־ציאָנס־קאָמיטעט, און מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנגעלעגנהייטן. פאַרברענגען מיר, אַ צאָל דעלעגאַטן, גאַנץ געמיטלעך, אין אַ היפשן צימער, ביי אַ גלעזל וויין. מען זינגט לידער אין יידיש און העברייאיש, מען דער־ציילט זיך אַנעקדאָטן פון די ערשטע קאָנגרעסן און פון נאָך פריערדיקע קאָנפערענצן און באַראַטונגען. אַנדערע ווּיצלען זיך סתם.

כדי זיך צו פאַרהיטן פון נודנע וויצן ווערט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז ווער עס דערציילט אַ וויץ פון וועלכן קיינער לאַכט ניט, מוז ער פאַר־גיטיקן די צוהערער דורך „שטעלן וויין”. און כדי צו דערמוטיקן גוטע וויצן ווערט אויך באַשלאָסן, אַז די וואָס לאַכן פון זיי, דאַרפן באַלוינען מיט וויין פאַר זייער הנאה. אַ טייל פון דער חברה האָט זיך עקסטרע אָפּגעהאַלטן פון לאַכן אפילו פון אַ גוטן וויץ, כדי דער וויצלער זאָל אַליין דאַרפן שטעלן וויין...

ניט זייענדיק אַליין קיין וויצלער, דערצייל איך דעם עולם מיין טאַטנס אַן אַנעקדאָט וועגן אַ רייכן ישובניק, אַ פּראָסטאַק, וועלכער זוכט פאַר זיין בת־יחידה אַ חתן, אַ וואויל־לערנער, מיטן נאָמען פסח. אַ ראש־ישיבה רע־קאָמענדירט אים אַזאַ בחור. דער ישובניק איז אים מכבד מיט אַ גאַנצן לאַבן ברויט און ווען יענער צעשניידט עס ניט, שיקט ער אָפּ דעם „חתן” צוריק אין דער ישיבה און בעט אַן אַנדערן. ווען דאָס פּאַסירט אַ פּאָר מאָל, שיקט אַריין דער קלוגער ראש־ישיבה דעם ישובניק אויף פּראָבע אַ פשוטן

---

*) צוליב דעם קריזיס, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיין לעבן אָנהויב יאָר 1902, בין איך ניט געווען אימשטאַנד אויסצולייזן פון דער פּאָסט דאָס פּעקל קאָסטבאַרע פאָטאָגראַפיעס, וואָס דער פאָטאָגראַפשטשיק האָט מיר צוגעשיקט קיין פריבורג. ווען כ׳בין געווען אין ארץ־ישראל אין 1907—1908, האָב איך דאָרט געזען דאָס בילד פון אונדזערע בערנער סטודענטן־דעלעגאַטן, צוזאַמען מיטן דר. הערצל, הענגען אויפן וואַנט פון מיין פריינט דר. כיסינס מעדיצינישן קאַבינעט. צי דאָס געפינט זיך איצט ערגעצוואו אין אַן אַרכיוו פון ישראל, איז מיר ניט באַקאַנט.

קצב־יונג. יענער וואַרט ניט אויף דרך־ארץ: ער נעמט אַרויס אַ מעסער פון זיין כאַליעווע, צעשניידט דעם געשמאַקן דאַרפישן ברויט און הויבט אָן פאַרשלינגען. דער ישובניק איז מיט אים צופרידן און נעמט אים פאַר אַן איידעם. ער באַדאַנקט אויך דער ישיבה מיט אַ וואָגן לאַנדווירשאַפט־לעכע פּראָדוקטן. ווען דער ראש־ישיבה פרעגט אים, פאַר וועלכע מעלות ער האָט אויסגעקליבן דעם דאָזיקן בחור, ענטפערט דער ישובניק גאַר פשוט:

— ווייל אַזוי שטייט געשריבן אין סידור: „האַבאַכער, והאַמעסער, והאַפּייסעך קאַדעשים קאָלעס״ *) — אַ בחור מיט אַ מעסער, וואָס הייסט פּסח, זאָל מקדש זיין די כלה.

די הוליאַקעס **) איז געווען געפעלן מיין טאַטנס וויץ און מיר קריגן דערפאַר אַריין אַ היפשע צאָל פלעשער וויין און די הוליאַנקע פרישט זיך אָפּ פונדאָסניי.

אַלע יידישע סטודענטן זיינען, נאַטירלעך, געווען גרייט צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם. נאָר בעת דאָס רוב יידישע סטודענטן האָבן זיך באַנוצט דערצו בלויז מיט גייסטיקע וואָפן פון אויפקלערונג, האָט זיך אין בערן אָרגאַניזירט אַ יידישער סטודענטן־פאַראיין מיטן נאָמען „קדימה״ (קאַדימאַ — פאָראויס), וואָס האָט געלערנט זיינע מיטגלידער צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטן מיט וואָפן אין די הענט.

צווישן די אָנפירער פון דער בערנער „קדימה״ איז אויך געווען מיין נאָענטער פריינט יעקב־מאיר זאַלקינד, וועלכער איז אויך אָן דער „קדימה״ געווען גרייט צו ענטפערן מיט אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ.

דער פולער נאָמען פון פאַראיין איז געווען „די יידישע נאַציאָנאַלע סטודענטן־פאַרבינדונג — „קדימה״, און איז: „מיט וואָרט און ווער (געווער) פאַר יהודהס ער״ (ערע). די מיטגלידער פון דער „קדימה״ האָבן זיך געלערנט

---

*) „הבכור והמעשר והפסח קדשים קלים״ (האבכויר וועמאַיסער, והאַפּעסאַך קאָדשים קאַלים — דער בכאָר (דאָס ערשט־געבאָרענע) און דאָס מאַיסער (דעם צענטל פון דער סטאַדע), וועלכע מ׳גיט דעם כהן, און דער „קרבן פּסח״, זיינען הייליקייטן פון אַ גרינגערן גראַד, צווישן די קרבנות (קאָרבאָנעס) וואָס מ׳איז מקריב (מאַקריוו) אין בית־המקדש).

**) דער שוין גרויער אורי אידעלזאָן, דער העברייאישער און רוסישער שרייבער, און רעדאַקטאָר פון ציוניסטישן וואָכנבלאַט „ראַזסוועט״ אין פעטערסבורג (כ׳איבערזעץ שפּעטער זיין העברייאישן פעליעטאָן „אַ קאַפּ, וואָס שווימט אויפן וואַסער״); דר. ביכאָווסקי פון וואַרשע; מענדל שינקין, דער „קאַזיאָנער״ רב, פון באַלטא און אַ צאָל אַנדערע.

פעכטן מיט שווערדן, כדי צו קאָנען אַרויסרופן אַן אַנטיסעמיט אויף אַ דועל, ווען ער באַליידיקט דעם יידישן כבוד.

זאַלקינד פאַרוואַרפט מיך מיט פּאָסט־קאַרטלעך, כ׳זאָל זיך אַנשליסן אין דער „קדימה״ און אויך באַוועגן אונדזער חבר מרדכי וועקסלער, אין פריבורג, עס צו טאָן. זאַלקינד פאָרט אויך צוליב דעם צו קיין פריבורג, וואו ער שמועסט מיט אונדז מינדלעך וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און ברענגט אונדז מאַסן פאַקטן, אַז מיט אַנטיסעמיטן קאָן מען ניט ריידן וועגן יושר און עטיק. די איינציקע שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען איז דער לשון פון שווערד, דאַרפן מיר אויך זיך אויסלערנען אָט דעם לשון.

אַלס „קדימאנער״ האָבן מיר געדאַרפט טראָגן ספּעציעלע היטלען מיט בלוי־ווייסע ראַמען. זאַלקינד האָט אָבער געמוזט צוגעבן, אַז אין פריבורג קאָנען מיר צוויי (וועקסלער און איך) טראָגן געוויינלעכע היטלען, און בלויז ווען מיר קומען קיין בערן, אין דער פעכט־שול, זאָלן מיר אַרומגיין אין די „קדימה״־היטלען.

ווען פּראָפעסאָר גרימע האָט זיך דערוואוסט, אַז כ׳לערן זיך פעכטן, האָט ער מיך געמוסרט:

— אפילו דייטשישע סטודענטן זעען שוין אין די נאַרישקייט פון אויסגלייכן סיכסוכים מיטן שווערד, קומט איר, יידישע תלמידים פון דעם נביא ישעיה, און הויבט אויף דעם שווערד וואָס יענע וואַרפן שוין אַוועק...

איך ענטפער אים מיטן יידישן שפּריכוואָרט: „אַלץ זאָל מען קענען און קיין זאַך ניט באַדאַרפן״, און ווער אַ פלייסיקער שילער ביים פעכט־לע־רער פון דער „קדימה״ אין בערן.

מיר פעכטן דאָרט מיט טעמפּע שווערדן, וועלכע קאָנען ניט שעדיקן. דערצו האָט יעדער שווערד אַ ברייטע מעטאַלענע ראַם, וואָס לאָזט ניט צו דעם קעגנערס שווערד צום האַנט. מיר טראָגן אויך לאַנגע לעדערנע הענטשקעס, אַזוי, אַז מיר זיינען ביים לערנען באַשיצט פון יעדן מעגלעכן צופאַל צו ווערן פאַרוואונדעט. די פעולה פון אונדזער לערנען זעען מיר אין דעם, וואָס די הענט חלשן אונדז ניט מער, אַזוי גיך ווי פריער, און אין דער פלינקייט מיט וועלכער מיר מאַנעווורירן מיט אונדזערע שווערדן אויס־צומיידן דעם צווייטנס אַ שטויס.

אַרום „יידישן קלוב״ אָדער „יידישער קאָלאָניע״ אין בערן גרופּירט זיך צוערשט די גאַנצע נאַציאָנאַל־יידישע סטודענטנשאַפט.

צווישן די סטודענטן דאָרט געפינען זיך באַדייטנדיקע שרייבער אין העברייאיש און יידיש, ווי אויך אין אַנדערע שפּראַכן. פאַראַן צווישן זיי פּאָעטן און פּראָזאַאיקער; דערציילער, עסייאיסטן און פובליציסטן; היס־טאָריקער, פילאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן א. אַ. וו. אַ טייל צייכנט זיך אויס ווי טיכטיקע קולטור־טוער און כלל־טוער.

זיי זיינען צעטיילט אין צוויי הויפּט־ריכטונגען: אַ פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכע און נאַציאָנאַליסטיש־קולטוריסטישע. צו דער ערשטער ריכטונג געהערט די „יידיש־נאַציאָנאַלע סטודענטן־פאַרבינדונג — קדימה". צו דער צווייטער — די ציוניסטישע „דעמאָקראַטישע פראַקציע."

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די מערהייט פון דער יידישער קאָלאָניע געהערט צו דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, און איך בין אַ מיטגליד אין דער „קדימה", איז מיר דאָך די יידישע קאָלאָניע, אָדער יידישער קלוב, ליב און טייער. כ'האָב מיטגעהאָלפן גרינדן דעם יידישן קלוב און האָב אים מינדלעך באַגריסט צו זיין דערעפענונג, אין אָקטאָבער 1901. איך לייג אויך דעם פונדאַמענט פאַר זיין ביבליאָטעק דורך אַוועקשענקען אים אַלע מיינע העברייאישע ביכער פון די פאַרלאַגן „אחיאסף" און „תושיה", צוזאַמען מיט די יאָר־ביכער „לוח אחיאסף" און אַלערליי אַנדערע זאַמלונגען און זשורנאַלן. איך שענק זיי אויך כמעט אַלע העברייאישע קלאַסיקער פון דער „גאָלדענער עפּאָכע" אין שפּאַניע און גיב זיי אַוועק די „היימישע ספרים" פון מיין טאַטן און זיידן, צווישן זיי אויך דעם „ספר הישר" אין וועלכן מיין זיידע שאול־יהודה מאַרמאָר האָט אַריינגעשריבן די נעמען פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס.

אַחוץ די ספרים אין העברייאיש גיב איך אַוועק דעם יידישן קלוב אויך דעם רעשט פון מיינע ביכער אין יידיש, פון די וועלכע כ'האָב אַוועק־געגעבן דער ציוניסטישער ביבליאָטעק אין קאָוונע. אין אָט דעם רעשט געפינען זיך אויך דוד פרישמאַנס פּאַמפלעטן און פּאַראַדיעס קעגן י. ל. פּרצעס „יום־טוב בלעטלעך" און אַזוינע ביכער און ביכלעך פונעם 19־טן יאָרהונדערט, וועלכע זיינען איינגאַנצן פאַרשוואונדן פון ביכער־מאַרק. איך גיב אויך אַוועק מאַסן ביכער און בראָשורן אין אַנדערע שפּראַכן, הויפּט־זאַכלעך אין דייטש, צוזאַמען מיט דער נייער אויסגאַבע פון אַ גרויסער דייטשישער ענציקלאָפּעדיע אין אַ פּאָר צענדליק בענד. דער יידישער קלוב שיקט מיר אַריין אַ דאַנק־בריוו און דערוויילט מיך אויך פאַר זיינעם אַ „לעבנסלענגלעכן" ערן־מיטגליד.

קאַפּיטל הונדערט און זיבן

איך מיש זיך ניט אין די סכסוכים

איך מיש זיך ניט אין די סכסוכים צווישן די צוויי הויפּט־צדדים אין דער יידישער קאָלאָניע, ווייל כ'בין ניט גאַנץ איינשטימיק מיט ביידנס

פראָגראַמען. איך האַלט שטאַרק פון קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם, ווי קעגן ראַסנהאַס בכלל. איך צווייפל אָבער, צי מען קאָן אויפטאָן עפּעס ממשותדיק אויף אָט דעם געביט דורך דועלן מיט איינצלנע אַנטיסעמיטן, כאָטש מאַקס נאָרדוי, וועלכער איז דער ערן־פּרעזידענט פון דער „קדימה", שטעלט עס אַרויס פאַר אַ אידעאַל, אין זיין דראַמע „דר. קאָן". כ'בין פאַר קעמפן מיט וואָפן קעגן באַנדעס פּאָגראָמשטשיקעס און פאַר דועלירן מיט אינדיווידועלע אַנטיסעמיטן. איך גלויב אָבער ניט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט דורכדעם אָפּגעשאַפט ווערן. דאָס וועט ניט קאָנען דערגרייכן אפילו די פּראָדוקטיוויזירונג פון די יידישן מאַסן. דער איבערגאַנג פון האַנדל צו ערד־אַרבעט, ווען מ'זאָל עס קענען דורכפירן, וועט געוויס ברענגען גוטע פיזישע און גייסטיקע רעזולטאַטן פאַר אונדזער יידיש פאָלק. אַנטיסעמיטיזם און ראַסנהאַס אָבער קאָנען אָפּגעשאַפט ווערן נאָר דורך אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, אָן קלאַסן און אָן ראַסנהערשאַפט, ווען „קיין פאָלק וועט ניט מער פירן קיין מלחמות איינס קעגן צווייטן."

דאָסגלייכן בין איך מסופק, צי דער פּלאַן פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע", צו עפענען אין מערב־אייראָפּע אַ יידישן אוניווערזיטעט פון מזרח־אייראָפּייאישע יידישע סטודענטן וועט זיין אַ באַדייטנדיקע הילף פאַר די פון זיי, וועלכע האָבן ניט קיין וואוילהאָבנדיקע עלטערן. נאָך ווייניקער זע איך אין דעם אַ מיטל צו פאַרענטפערן די קולטורעלע נויטן פונעם יידישן פאָלק.

כדי אויפצוהויבן ממשותדיק דעם יידישן קולטור־צושטאַנד דאַרף מען פאַרשפּרייטן קולטור־ווערטן צווישן די ברייטע יידישע מאַסן אין זייער אייגענער שפּראַך, און דאָס קען דורכגעפירט ווערן נאָר אין סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו אַלע פעלקער, שפּראַכן און קולטורן האָבן גלייכע רעכטן, ווי אונדזער פריער דערמאָנטער פריבורגער סטודענטישער דריילינג אווערבאַך, מאַרמאָר, קאָנדזשאַקעוויטש (פּוילישער מיטגליד פון דער גע־היימער פאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט") האָט עס אויסגעדריקט אין זיין פּראָגראַם, אינעם ווינטער 1899—1900.

מיין סימפּאַטיע מיט די גוטע כוונות פון ביידע צדדים, ניט געקוקט אויף מיין ניט איינשטימען מיט דעם אָדער יענעם פּונקט פון זייערע פּראָגראַמען, מאַכן מיך פאַר אומפּאַרטייאיש און טאָלעראַנט צו זיי ביידן. צו אַן עכטן קעגנער בין איך שוין גאָרניט טאָלעראַנט. איך מאַך ניט קיין שלום און קיינע פשרות מיט אַסימילאַטאָרן. מיך עקלט פון זיי, אפילו ווען זיי וויקלען איין זייער טומאה אין קדושה און רופן אָן די אַסימילאַציע מיט די נעמען „רע־ליגיע" אָדער „מענטשהייט". כ'בין אַ ייד און ווער ס'וויל מיר איינריידן, אַז כ'בין עפּעס אַנדערש, מעג ער זיין אַ לאָנדאָנער „טשיף ראַבאַי" (אוי־

בער־ראַבינער), אָדער אַ פּאַריזער הומאַניסט, באַטראַכט איך אים פאַר אַ שונא וואָס וויל פון מיר אָוועקרויבן מיין שפּראַך און קולטור. איבער דעם האָב איך זיך דערווייטערט פון דער כלומרשט רוסישער קאָלאָניע אין בערן, וואו עס געפינען זיך אַ צאָל גוטע פריינט און ליבע סאָציאַליסטישע חברים מיינע. כ׳האָב דאָרט ניט געקאָנט פאַרטראָגן אירע אַסימילאַטאָרן, סיי די בייזע אָנגעכמורעטע סאָלאָמאָן גראָסמאַנס און סיי די שמייכלענדיקע שיינע עלעגאַנטע יוליא ספּיראָס.

איך ווייס גאַנץ גענוי, אַז מיין נאַציאָנאַלע יידישקייט איז אַ פּאַפּירענע. כ׳בין געבוירן געוואָרן אין ליטע און דערצויגן געוואָרן אין אירן אַ דאָרף, נאָר די ליטווישע געשיכטע און שפּראַך זיינען מיר אַבסאָלוט פרעמד. מיין מאַמע־לשון איז געווען יידיש, מיין בוך־שפּראַך — העברייאיש. מיינע נאַציאָנאַלע העלדן: אברהם אָבינו, משה רבינו, אליהו הנביא א. ד. גל. תנ״ך־געשטאַלטן, געשיכטלעכע אָדער לעגענדאַרע. אַ פּאַטערלאַנד האָב איך געהאַט נאָר אויפן פּאַפּיר: דעם ביבלישן ישראל־יהודה מיט זיינע הויפּשטעט שמרון און ירושלים, זיין טייך ירדן, בערג מוריה, כרמל און לבנון. אָט די פּאַפּירענע נאַציאָנאַלע יידישקייט פון מיין קינדהייט העלפט מיר אָבער מיט, כ׳זאָל ניט ווערן אָפּגעפרעמדט פון מיין לעבעדיקן יידישן פאָלק און זיין יידישער שפּראַך, כאָטש כ׳געפין זיך שוין עטלעכע יאָר, די מערסטע צייט, אין אַ ניט־יידישער סביבה.

די אָנפירער פון דער „קדימה" זוכן אויסצומאַנעווורירן די „פּראַקציע" פון איר פירנדיקער ראָלע אין דער יידישער קאָלאָניע. צוליב אָט דעם צוועק נעמען זיי צוהילף דעם זייער פייאיקן רעדנער און דעבאַטאַנט דר. דניאל פּאסמאניק, וועלכער פּראַקטיצירט מעדיצין אין זשענעווע. זיי באַ־ווירקן אים צוערשט ער זאָל ווערן אַ מיטגליד אין דער „קדימה" און זיך לאָזן דערוויילן אין דער עקזעקוטיווע. נאָכדעם פירן זיי דורך זיין דער־ווײלונג אַלס פּרעזידענט פון דער „קדימה", אַנשטאָט דעם סטודענט אברהם ליכטנשטיין. צולעצט פּועלן זיי ביי אים זיך אָנצושליסן אין דעם יידישן קלוב און איצט פירן זיי אַ קאַמפּאַניע צו דערוויילן אים פאַר פּרעזידענט פון יידישן קלוב, וואָס דאָס מיינט, צו ווערן דער פירער פון דער יידישער קאָלאָניע אין בערן.

דר. פּאסמאניק, אַ הויכער מאַן מיט אַ טונקעלן פּנים און אַ פּעך־שוואַרצער באָרד, איז געקומען קיין זשענעווע פון בולגאַריע. די קולטור־ריסטן זאָגן, אַז ער איז אַ משומד, אָדער אַ ניט־ייד, און דערציילן, אַז ער האָט אין בולגאַריע געגאָלטן פאַר אַ פּראַוואָסלאַוונעם. זיין פרוי איז אַ פּריוואַט־דאָצענט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין זשענעווע און איז טעטיק צווישן רוסישע סאָציאַליסטן. אויך דר. פּאסמאניק באַטראַכט זיך פאַר אַ

סאָציאַליסט *), כאָטש ער איז טעטיק אויך אין ציוניזם, ווי קאַליאַ טעפּער און אַנדערע. די פירערשאַפט פון דער פראַקציע באַטראַכט דר. פאַסמאַניק פאַר אַ בורזשואַז־ליבעראַלן, וואָס איז פיינטלעך צום סאָציאַליזם.

מיינע פריינט י. מ. זאַלקינד, אַ פירער פון דער „קדימה", און יעקב ראַבינאָוויטש, אַ קעגנער פון דער „פראַקציע", וועלכע זיינעןביידע מקורבים פון דר. פאַסמאַניק, לויבן אים שטאַרק פאַר מיר און באַקענען אונדז. מיר געפעלן אָבער מער צוויי אַנדערע זשענעווער: דער פּריוואַט־דאָצענט פון כעמיע, דר. חיים ווייצמאַן און דער יידישער ליטעראַטור־קריטיקער איסי־דאָר עליאַשעוו.

ווי שוין פריער דערמאָנט, מיש איך זיך ניט אין די סיכסוכים צווישן די צוויי צדדים. איך באַטייליק זיך אויך ניט אין דער פּרעזידענט־קאַמ־פּאַניע. איך האַלט אָן ווי פריער מיין פריינטשאַפט סיי מיט דר. פאַסמאַ־ניקס אַנהענגער, סיי מיט זיינע קעגנער, דעם אָרטאָדאָקסישן העברייאיסט יוסף חיים הורוויטש, דעם פריידענקערישן יידישיסט יחזקאל וואָרטסמאַן א. א. ווען די „קדימה" פאַרלירט דעם קאַמף און איר קאַנדידאַט דר. פאַסמאַניק פאַלט דורך ביי די וואַלן, גייען אַרויס פון זאַל אַלע מיטגלידער פון דער „קדימה". לויט אירע תקנות, האָב איך אויך געדאַרפט אַרויסגיין און איך האָב זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן פון מיין פּלאַץ, נאָר מיינע פריינט פון דער „פראַקציע" האָבן מיך ניט געלאָזט אַוועקגיין. זיי האָבן דער־קלערט עפנטלעך, אַז אַלס אַ „לעבנסלענגלעכער" ערן־מיטגליד קאָן איך ניט און דאַרף ניט רעזיגנירן.

קאַפּיטל הונדערט און אַכט

שרה שפרהס יונגע מאַמע שטאַרבט

איידער איך פאַרלאָז באַזעל דערהאַלט איך די שלעכטע בשורה, אַז שרה שפרהס יונגע מאַמע איז געשטאָרבן. זי איז געווען די צווייטע פרוי ביי איר אַלטן מאַן, און די צוויי און צוואַנציק־יאָריקע שרה שפרה איז געווען איר עלטסט קינד. דאָס יינגסטע, אַ יינגעלע, איז נאָך ניט אַלט קיין פיר יאָר.

---

*) נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע זעט איין דר. פאַסמאַניק, אַז דאָס איז ניט דער וועג פון סאָציאַליזם, ווערט ער אַן אַנטי־סאָציאַליסט און מאַכט דערפון דעם לאַגישן אויספיר, אַז זיין פּלאַץ איז צווישן דער „ווייסער גוואַרדיע" (קאַפּיטאַליסטן, צאַריסטן און אימפּעריאַליסטן) און ער בלייבט שוין מיט זיי ביז צום ענדע פון זיין לעבן.

מיין ערשטער געדאַנק איז געווען צוצוזאָגן שרה שפּרהס אַלטן קראַנקן טאַטן, אַז כ׳וועל דערציִען די יתומים. נאָר קומענדיק צוריק קיין פריבורג האָב איך איינגעזען די אוממעגלעכקייט עס דורכצופירן. איך באַשליס דאָרום בלויז ניט צו לאָזן מער שרה שפּרהן באַצאָלן מיין קלענסטן דעפּי־ציט. זי מוז אַלץ, וואָס זי קאָן אָפּשפּאָרן, אויסגעבן פאַר די פינף יתומים, וועלכע זיינען אָנגעוויזן אויף איר הילף. כ׳ווייס נאָך אויך כלל ניט צי איך וועל קאָנען פאָרזעצן מיין שטודיום, און אויב ניט, וואָס אַנדערש כ׳וועל טאָן?

ווען שרה שפּרה טיילט מיר מיט וועגן איר מאַמעס טויט, דערקלער איך איר, אַז כ׳וועל פון איר קיין פעני ניט נעמען. כ׳גיב איר דערביי עצות, ווי אַזוי צו געבן אַ גוטע דערציִאונג די צוויי קליינע ייִנגלעך. איך פאָדער זי אויך אויף אָפּצוהיטן, מער ווי פריער, איר געזונט, ווייל זי האָט איצט פליכטן צו איר מוטערס קינדער. וואָס איך פערזענלעך וועל טאָן שרייב איך איר ניט, ווייל דאָס ווייס איך אַליין אויך ניט. ווי אַ כעמיקער איז מיר גרינגער ווי אַלץ איבערצולאָזן הינטער זיך דעם גאַנצן איצטיקן פּלאָנטער און אַוועקגיין שטיל, רואיק, אָן אַ קלאַפּ מיטן טיר... איך דערמאָן זיך דערביי אַ געשעעניש אין בערן מיט אַ סטודענט אַ קאַנדידאַט אויף דר. כעמיע, וועלכער איז דורכגעפאַלן ביים לעצטן מינדלעכן עקזאַמען.

דער דאָזיקער סטודענט, אַ זון פון אַ וואוילהאַבנדיקער פּאָלאָניזירטער ייִדישער פאַמיליע אין וואַרשע, איז געווען זיכער ביי זיך, אַז ער וועט דורכ־גיין אָט דעם עקזאַמען מיט די העכסטע אויסצייכענונגען און ער האָט דאָרום איינגעלאַדן כמעט די גאַנצע „פּוילישע קאָלאָניע" צו זיין דערוואַרטן „טריאומף". אים איז כלל ניט איינגעפאַלן, אַז ניט געקוקט אויף זיין באַ־האַוונטקייט אין די העכסטע פּראָבלעמען פון דער כעמיע קאָן ער מאַכן אַ טעות, ווען מען זאָל אים נעמען פאַרהערן די סאַמע עלעמענטאַרסטע כללים. און גראָד דאָס האָט טאַקע פּאַסירט: פּראָפעסאָר פרידמאַן האָט אים גע־שטעלט נאָר אַזוינע פראַגעס, וועלכע מען פרעגט אָן אָנפאַנגער אין די סאַמע ערשטע חדשים פון שטודירן כעמיע. דער פייאיקער סטודענט ווערט דער־פון שטאַרק צעטומלט און פאַלט דורך... ניט קאָנענדיק פאַרטראָגן די שאַנדע, איז ער אַריין צו זיך אין באַדצימער און איז שוין מער ניט אַרויס... ווען זיינע פריינט האָבן זיך געכאַפּט, אַז ער זאַמט זיך צו לאַנג, און אויפ־געריסן די פאַרשלאָסענע טיר, איז ער שוין געווען טויט פון אַ שנעל־ווירקנדיקן גיפט.

מיר פאַלט אָבער כלל ניט איין צו פאַרענדיקן מיין לעבן. אויב איך טראַכט פון אַ וועלכן עס איז „ענד" איז עס נאָר פון מיין שטודיום. איך האָב נאָך ניט אַפילו קיין פּלאַן, וואָס כ׳וועל טאָן, ווען כ׳הער אויף שטודירן. עס קלינגט מיר בלויז אין קאָפּ די עצה פון דער גמרא: „פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות" (שינד אָפּ אַ נבלה אין גאַס, אַבי ניט אָנקומען צו לייטן).

***

מיר געפעלט ניט דער קאַמף קעגן „יקא״ (קאָמיטעט איבער באַראָן הירשס ירושה), וועלכע עס פירן מיינע עלטערע פריינט זאַלקינד און סירקין און זייערע מיינונגס־חברים.

יעקב־מאיר זאַלקינד איז אַ קאַנדידאַט פאַר דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע, און נחמן סירקין איז דאָקטאָר־פילאָסאָף. נאָר ביידע פאַרנעמען זיך ניט מיט פילאָסאָפישע ענינים. י. מ. זאַלקינד אַרבעט אויף אַ דיסערטאַציע וועגן אַ צאָל קאַפּיטלעך תנ״ך, איבערגעזעצט אין אַן אַנדער סעמיטישער שפּראַך. נחמן סירקין האָט געקראָגן זיין טיטל „דאָקטאָר״ פאַר אַן אַרבעט איבער אַ ווערק פון אַ דייטשן דיכטער. ביידע זיינען דער עיקר פּאָליטיקער. דער ערשטער — אַ ציוניסט־אָרטאָדאָקס, דער צווייטער — אַ ציוניסט־סאָציאַליסט. יעדערער פון זיי איז אויך אינגאַנצן מבטל דעם צווייטן. זאַלקינד באַטראַכט סירקינען פאַר אַ „חסר־דעה״, און סירקין זעט אין זאַלקינדן ניט מער ווי אַ „לעבע־יונג.״

איך געפין ניט קיין עיקרדיקן אונטערשייד אין זייער אַגיטאַציע צו קעמפן מיט „טעראָריסטישע״ מיטלען קעגן „יקא״, הגם זיי ריידן וועגן דעם אויף באַזונדערע אופנים. דר. סירקין אַ „חלוש״ (פיזיש שוואַכער) וויל אָנפירן דעם דאָזיקן „טעראָר״ מיטן „קול יעקב״, דורך קללות, חרמות און זלזולים. י. מ. זאַלקינד, אַ גיבור, וויל עס דורכפירן מיט „ידי עשו״. דורך קלעפּ, דורך שלאָגן איינצלנע פירער פון „יקא״.

זאַלקינדן דערקלער איך, אַז אַלס סאָציאַליסט בין איך דורכאויס קעגן אינדיווידועלן טעראָר. איך דערצייל אים, אַז אין דער צייט פון דעם גרויסן פּאַפּיראָסן־מאַכער־סטרייק אין ווילנע (1894—1895), ווען דער פאַבריקאַנט עדעלשטיין האָט אָנגעשטעלט סטרייק־ברעכער, און די אַרבעטער האָבן אים דערפאַר געוואָלט „אָנברעכן די ביינער״, איז געקומען צו לויפן אַ פירער פון דער „גרופּע ווילנער יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן״, צו וועלכער איך האָב דעמאָלט געהערט, און זיי דערקלערט, אַז סאָציאַליסטן זיינען קעגן טעראָריסטישע מעטאָדן. אויך אין דער ניט־לעגאַלער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, וואָס מען פלעגט דעמאָלט קריגן פון לאָנדאָן, איז דער אינדיווידועלער טעראָר באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן „אַנאַרכיסטישע טאַקטיק״, מיט וועלכער מיר סאָציאַליסטן זיינען ניט מסכים *).

---

*) דר. זאַלקינדס אַנאַרכיזם קומט צום אויסדרוק אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער, דעמאָלט אַן אָרטאָדאָקסישער רב, דער־קלערט זיך פאַר אַן אַנאַרכיסט, און ווערט רעדאַקטאָר פון דעם לאָנדאָנער אַנאַרכיסטישן „אַרבייטער פריינד״, אויפן אָרט פון רודאָלף ראָקער, וועמען די ענגלישע רעגירונג האָט אויסגעוויזן פון ענגלאַנד, אַלס אַ „דייטשישן שונא.״

איך באַמי זיך אויך צו באַווייזן דעם דר. סירקין, אַז זיין קאַמף קעגן „יקא", ווי קעגן דער יידישער פּלוטאָקראַטיע בכלל, איז ניט קיין סאָציאַליסטישער, נאָר אַ בונטאַרישער. סאָציאַליסטיש איז דער קלאַסנקאַמף, וועלכן די יידישע אַרבעטערשאַפט פירט עקאָנאָמיש קעגן אירע עקספּלואַטאַטאָרישע מייסטערס און פאַבריקאַנטן, ווי אויך, פּאָליטיש, קעגן דער צאַרישער מלוכה, וועלכע פאַרבאַט און אונטערדריקט דעם דאָזיקן קאַמף. די יידישע מיליאָנערן מאַכן אָבער זייער עשירות, אויפן שטייגער פון באַראָן הירש, דורך ניט-יידישער אַרבעט (דער באַראָן הירש האָט דערוואָרבן זיינע מיליאָנען דורך דער אַרבעט פון ניט-יידישע האַרעפּאַשניקעס אין טערקיי, וועלכע האָבן דאָרט געבויט פאַר אים אייזנבאַנען).

איך זע בכלל ניט קיין יושר אין דער פאָדערונג פון מיינע ציוניסטישע פריינט, אַז דעם באַראָן הירשס ירושה זאָל איבערגעגבן ווערן פאַרן ישוב פון ארץ-ישראל, ווען ער, דער באַראָן הירש, האָט זי אויסדריקלעך באַשטימט פאַרן ישוב אין אַרגענטינע.

אַ פיל גערעכטערע פאָדערונג קאָן זיין, אַז די אומסימפּאַטישע און אומפּייאיקע אַדמיניסטראַציע פון „יקא" אין אַרגענטינע זאָל פאַרביטן ווערן אויף אַזאַ, וואָס ווערט דערוויילט און פאַרוואַלטעט פון דעם אַרגענטינער יידישן ישוב. כ'בין אויך פאַר אַן ענלעכער פאָדערונג צום באַראָן ראָטשילד, ער זאָל איבערגעבן די אַדמיניסטראַציע פון די יידישע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל צום דאָרטיקן פּראָדוקטיוון יידישן ישוב.

כ'בין אָבער „מיט לייב און לעבן" פאַר אַן אָנשטענדיקן קאַמף קעגן דער מיליאָנערסקער ענגליש-יידישער „פילאַנטראָפּיע", אַוועקצונעמען פון איר די דעה איבער דער דערציאונג פון די אָרעמע יידישע קינדער, וועלכע זי פּרעמדט אָפּ פון זייערע יידישע עלטערן און דערציט זיי גאָר פאַר „דזשינגאָס", שאָוויניסטישע פּאַטריאָטן און סאָלדאַטן פון דער בריטישער אימפּעריע.

שרה שפרה שרייבט מיר, אַז לויט ווי זי פאַרשטייט, פּלאַניר איך איצט אויפצוגעבן מיין שטודיום. זי באַשווערט מיך דאַרום, „ביי אַלץ, וואָס עס איז אונדז הייליק", ניט אויפצוהערן שטודירן, נאָר זיך אָנשטרענגען מיט אַלע כחות, אַז אונדזערעליידן און קרבנות פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר זאָלן ניט זיין אומזיסט. כ'לערן דאַרום פאַרלויפיק נאָך מער ווי פריער. איך גיב אָפּ אַ סך צייט אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע אויף מיינע עקספּערימענטן פון דער „קוואַנטיטאַטיווער" כעמיע, און אויף מאַכן בקיצור לאַנגע חשבונות דורך „לאָגאַריטמען". מיינע כעמישע עקספּערימענטן ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער קאָמפּליצירט. די צאָל „פאָרמולעס" פון כעמישע

צוזאַמענזעצונגען, פון גאַזן, קוילן־שטאָפן א. אַז. וו. האַלטן כסדר אין שטייגן. כ׳געדענק זיי שוין ניט מער אויף אויסווייניק. כ׳אַרבעט אויך פלייסיק אין פיזיקאַלישן אינסטיטוט און אין מינעראַלאָגיש־קריסטאַלאָגראַפישן קאַבי־נעט. דערצו הער איך נאָך אויך לעקציעס, אין פילאָסאָפיש־ליטעראַרישן פאַקולטעט, פון פּראָפעסאָר גרימע וועגן אַסיראַלאָגיע, פאַר־ביבלישן העב־רייאיש, די „אָראַקלס״ פון ישעיה און די „מעטריק״ פון תהילים; פון פּראָ־פעסאָר וואַגנער איבער דער געשיכטע פון אייראָפּייאישער מוזיק און פון פּראָפעסאָר דאַבדזשיצקי איבער פּוילישער ליטעראַטור (דערקלערט אין פּויליש).

נאָר די צייט שטייט ניט אויף איין אָרט. ס׳ווערט אַלץ נעענטער ווען כ׳קאָן שוין ניט מער לייען און באָרגן. באַלד וועל איך אויך מוזן אויפגעבן מיין קוואַרטיר. איך נוץ דאַרום אויס די געלעגנהייט פון דעם פּאַראַדנעם דערעפענונגס־יום־טוב פון יידיש־נאַציאָנאַלער סטודענטן פאַרבינדונג „קדימה״, אויף „אַרויסצושלייכן״ זיך פון דער שווייץ קיין איטאַליע. דאָרט האָף איך זיך דורכצולעבן דעם ווינטער, כאָטש ס׳איז מיר ניט גאַנץ קלאָר ווי אַזוי.

אויף דעם „קדימה״־באַל פאַרברענג איך, פאַר מיין אַוועקגיין, מיטן אָקאָרשט איצט געענדיקטן דר. מעדיצין חיים כיסין, דעם פּרעזידענט פון דעם יידישן קלוב, אָדער יידישער סטודענטישער קאָלאָניע אין בערן. ער האָט ניט די מינדסטע אַנונג וואָס אין מיר קומט איצט פאָר (דער כאַרקאָ־ווער „בילועץ״ פון די אָנהויב אַכציקער יאָרן, וואָס האָט כמעט פון דעמאָלט אָן געלעבט אַלס קאָלאָניסט אין ארץ־ישראל, דריקט אויס פאַר מיר זיין באַוואונדערונג פאַר די „דעקאַלטעס״ פון די אַריסטאָקראַטישע דאַמען אין גרויסן טאַנץ־זאַל. ער זאָגט, אַז ער זעט אַזוינס דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן און האָט עס זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט).

פונעם טאַנץ־זאַל פון דער „קדימה״ גיי איך אַוועק, ווי „כ׳גיי און שטיי״ צום בערנער באַנהאָף און נעם אַ בילעט צום איטאַליענישן גרענעץ, דורך אַ טונעל אונטער די אַלפּן. איידער דער צוג פאַרלאָזט בערן (מאָנטיק באַ־גינען דעם 10־טן פעברואַר) שרייב איך אָן אַ פּאָסט־קאַרטל צו שרה שפּרהן אין לאָנדאָן, אַז איך פאַרלאָז איצט די שווייץ. איך שרייב איר ניט וואוהין איך פאָר, נאָר פאַרזיכער איר, אַז ביי מיין ערשטער מעגלעכקייט וועל איך איר מיטטיילן וואו איך געפין זיך און וואָס איך טו.

מיינע ערשטע טעג אין איטאַליע לויפן דורך ווי אין אַ חלום. זיי זיינען אויסער צייט און אָרט. איך טראַכט ניט פון וואַנעט כ׳קום און וואוהין כ׳גיי. אויפן גרענעץ צווישן שווייצאַריע און איטאַליע פרעגט מיך אַ באַאַמטער ווער איך בין. איך ווייז אים מיין נאָמען און אַדרעס אויפן קאָנווערט פונעם

לעצטן בריוו צו מיר אין פריבורג. מער קיין פראַגעס שטעלט מיר דאָרט קיינער ניט.

מיין באַן־בילעט איז פון בערן ביז מאַילאַנד (מילאַנאָ), גיי איך דאָרט אַרונטער און כ׳גיי ווייטער אינעם לאַנד צופוס. מיט מיין „באַגאַזש" האָב איך ניט קיין שום שוועריקייטן. עס באַשטייט אינגאַנצן פון עטלעכע שטיקלעך וועש (העמדער, זאָקן, האַנטעכער, נאָז־טיכלעך, א. ד. גל.), אַ קליידער־בערשטל, אַ קעמעלע, אַ צאָן־בערשטל, אַ שטיקל זייף, אַ ביכל מיט פראַגעס און ענטפערס אין איטאַליעניש מיט אַ דייטשישער איבערזעצונג.

אַמאָל פאַרבעט מיך אַ פאַרבייפאָרנדיקער פויער אָדער פורמאַן זיך צו זעצן לעבן אים אויף זיין פור און איך רו אָפּ אַ ווייל מיינע פיס. אין אַ סך דערפער און אין איינצלנע שטיבער אויפן וועג, נעמט מען ניט ביי מיר קיין געצאָלט פאַרן איבערנעכטיקן. אַנדערע באַשטייען נאָך דורכאויס, אַז איך זאָל זיך זעצן מיט זיי צום טיש און מיטעסן זייער מאָלצייט. אָט אַזוי באַנעמען זיך צו מיר אָרעמע פויערים, פאַסטוכער, פעלד־אַרבעטער, וועכטער א. ד. גל. מיט דער הילף פון מיין שמועס־ביכל ריידן מיר זיך מער־ווייניקער צוזאַמען און ווערן אפילו באַפריינדעט.

גיי איך פאַרביי אַ קראָם, קויף איך אַ פעקל שפּייז, געוויינלעך ברויט מיט קעז. כ׳עס דאָס אין דרויסן, אָדער אין אַ שענקל, וואו איך באַשטעל דערצו אַ טעפּעלע ווייַן, וואָס זעט אויס ווי בוריקעס־ראָסל און איז אויך אַזוי געדיכט. כ׳ווער דערפון ניט שיכור, נאָר ווער אויך ניט באַהערשט פון עצבות (אצוועס) אָדער מרה שחורה.

בעט איך ערגעץ וואו אַ טרונק וואַסער, גיט מען מיר ווייַן. גוטהאַרציקע פרויען וואָרענען מיך דערביי ניט צו טרינקען קיין וואַסער אין זייער געגנט, ווייל דאָס וואַסער איז דאָ אומגעזונט.

קום איך צו אַ טייכל, אָדער צו אַ סאַזשלקע, אַן אָזערקע, באָד איך זיך תיכף אָפּ, איך צעוואַש אויך מיינע וועש און מיר טריקענען זיך צוזאַמען אין דער זון. באַוויַיז איך ניט צו קומען פאַרנאַכט צו אַ דערפל, אָדער צו אַן איינצל־שטיבל, זוך איך אויס אין דער טונקלקייט אַ פאַרלאָזטן פאַסטוך־געצעלט, אָדער אַ וועכטער־ביידל און שלאָף דאָרט איבער די נאַכט.

גלייכגילטיק צו די וועגן, איבער וועלכע איך גיי אָדער ווער געפירט אין אַ פור, פּלאָנטער איך זיך צווישן שטעטלעך און דערפער אין דער געגנט פון די אַלפּן. אין פרימאָרגן געפין איך זיך דאָרט אין אַ באַרג־שטעטל, וואו ס׳האָט אַ גאַנצע נאַכט געשנייט און אינדערפרי האָט דער שניי דערגרייכט ביז די דעכער. דריי־פיר טעג זייַנען מיר דאָרט פאַרשפּאַרט ווי אין אַ פעסטונג, אָפּגעשניטן פון דער אַרומיקער וועלט. מיר אַרבעטן אַלע, מענער און פרויען, אויסצורידלען וועגן און טרעפּ פון איין דאַך צום

צווייטן. די גאַנצע צייט לעבן מיר אין אַ מין „קאָמונע". מיר טיילן זיך אַלע מיט די פאַראַנענע שפּייזן און געטראַנקען. ווען אונדזער זאַפּאַס ענ־דיקט זיך, טרעטן אַרויס אַ צאָל העלדישע און העלדן, וועלכע שטעלן אײַן מיט מסירת נפש פאַרבינדונגען מיט אַנדערע שטעטלעך און דערפער צו קריגן לעבנסמיטלען פאַר אונדזער געפאַנגענעם לאַגער צווישן שניי און אײַז.

ווען אונדזער פעסטונג ווערט געעפנט, און דער וועג צום זוניקן טאָל ווערט פריי, פאָלג איך נאָך דער זון אויף איר גאַנג קיין דרום און פאַר־בלאָנדזשע ניט מער קיין צפון, צוריק צו שניי און קעלט.

קאַפּיטל הונדערט און ניין

אויף אַן אייזנבאַן-בריק איבער אַ ברייטן טײַך

גייענדיק ווייטער אויף מיין וועג קיין דרום, קום איך צו אַ ברייטן טײַך. אין אַ ווינקל פון מיין קאָפּ באַמבלט זיך דער נאָמען פון טײַך *) און זיין געשיכטע. נאָר דאָס אינטערעסירט מיך איצט ניט. כ'וויל נאָר אַריבער אויף זיין אַנדער זייט און גיין ווייטער מיין וועג. איך געפין אויס דעם וועג צו זיין ברעג און גיי אין יענער ריכטונג. ווען כ'קום אַהין אַן אין אָוונט, דערזע איך, אַז דאָס איז אַן אייזנבאַן־בריק. אַ רגע גיט אַ בליץ אַ געדאַנק אין מיין מוח, אַז ווען עס זאָל אָנקומען אויפן בריק אַ באַן, און בפרט אַ שנעל־צוג, וועל איך זיין אין גרויס געפאַר. איך טראַכט אָבער ניט מער וועגן דעם און הויב אָן גיין אויף אים. ווען איך בין אויפן מיטן בריק דערהער איך דעם שנעלן גאַנג פון אַן עקספּרעס־צוג. דער בריק טרייסלט זיך און וואַרפט זיך. אינסטינקטיוו האַלט איך זיך אָן מיט מיינע אַלע כחות אויף אַ ווינקל פון דעם שטאָלענעם דראָטן־געפלעכט. איך פאַרשטופּ דאָרט אויך מיין קליין פּעקל זאַכן. יעדע רגע, דוכט זיך מיר, אַז אָט־אָט פאַל איך אַרונטער, און וואונדער זיך ווי אַזוי כ'האַלט זיך נאָך אָן. ביסלעכווייז הערט זיך אויף די בריק צו צאַפּלען, ציטערן און וויברירן, און אַלע דראָטן שטילן זיך איין. איך לאָז מיך לאַנגזאַם אַרונטער פון די דראָטן און בלייב ליגן האַלב פאַרחלשט צווישן די רעלסן אויפן דעק פון בריק. נאָר באַלד שטיי איך ווידער אויף מיינע פיס און הויב אָן גיין ווייטער צום דרום־זייט בריק.

*) פּאָ, וועלכן דער סעמיטישער העלד האַניבאַל (חנן־בעל) איז אַריבער אויף זיין מאַרש קעגן רוים.

ביים סוף דערזע איך פון ווייטן דאָס ליכטיקע שטיבל פון באַן־וועכטער, און גיי אַהין.

מיין פּלוצלונגער דערשיינען בײנאַכט אינעם שטיבל פונעם באַן־וועכטער, וואַרפט אָן אַן אימה אויפן הויכן מאַן מיט דער שוואַרצער באָרד. ער קאָן ניט באַגרייפן ווי אַזוי כ׳בין אַהין געקומען. ער פרעגט מיך, צי כ׳בין אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם עקספּרעס־צוג און חידושט זיך, ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן? ווען איך דערצייל אים, אַז כ׳בין געגאַנגען צופוס און בין געווען אויפן בריק, ווען דער שנעל־צוג איז דורכגעלאָפן, קוקט ער אויף מיר מאָדנע. אויך דאָס איז אים שווער צו גלויבן. נאָר ווען עס קומען צו אים אַריין אַ פּאָר באַקאַנטע זיינע, דערציילט ער עס פאַר זיי ווי אַ „כראַברעקייט" פון מיין זייט, און לויבט מיין קוראַזש. ער מאַכט באַלד פאַר מיר אַ סעודה פון פרישן גאָרטן־גרינס, קעז און וויין, און קוקט מיט הנאה ווי איך עס און טרינק. צולעצט דערקלערט ער זיינע געסט, אַז ער ווייס איצט ניט וואָס צו טאָן מיט מיר: מיך לאָזן איבערנעכטיקן אינעם אייזנבאַן־שטיבל איז קעגן געזעץ, און קיין אַנדער פּלאַץ איז דאָ אַרום ניטאָ. די צוויי מענער דערקלערן אים, אַז כ׳קאָן נעכטיקן ביי זיי. נאָר ער קוקט אויף זיי מיט חשד און באַמערקט, אַז ס׳איז מעגלעך עמיצער זאָל האָבן מיך געזען אַראָפּגייענדיק פון בריק און אַריינקומענדיק צו אים אין שטיבל, און מ׳וועט מיך זוכן. זיי פילן זיך באַליידיקט און פאַרזיכערן אים, אַז ס׳וועט מיר ביי זיין קיין שלעכטס ניט געשען.

נאָך אַ היפּשן גאַנג מיט מיר, אינעם געדיכטן וואַלד, קומען מיר אָן צו אַ פאַרלאָרענעם פּירשטלעכן פּאַלאַץ. מיר גייען אַריין אין אַ גרויסן ברייטן און לאַנגן זאַל, וואו אויבנאָן אין אַ ריזיקן קאַמין טליען קוילן, וועלכע זיי בלאָזן אויף פון דאָס ניי. ווען דאָס פייער פלאַקערט זיך פאַנאַנדער וואַרפן זיי דאָרט אַריין גאַנצע קלעצער האָלץ און דער גרויסער זאַל ווערט ליכטיק און וואַרעם. אויף איין וואַנט זע איך הענגען „קאַלטע" געווער: העק, מעסערס, קינזשאַלן א. ד. גל. איך דערמאָן זיך אַלטע קינדער־מעשיות וועגן „גזלנים אין וואַלד" און ווער אַביסל בייגעריק.

אינעם פאַרלאָזענעם פּירשטלעכן פּאַלאַץ איז ליכטיק און וואַרעם, אין דער שטאָק־פינצטערער קאַלטער נאַכט אין וואַלד. איך זיץ דאָרט אויף אַ גראָבן קלאָץ, אינמיטן צווישן מיינע ביידע איטאַליענער „באַלעבאַטים", דער גרייז־גראָער מיט לאַנגע ווייסע וואָנצעס און דער יונגער הויכער קרעפּ־טיקער יאַט מיט אַ קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר. זיי שטעלן מיר פראַגעס און איך זוך אויס אין מיין שמועס־ביכל די מיר נויטיקע איטאַליענישע ווערטער פאַר מיין ענטפער.

זיי פרעגן: פון וועלכן לאַנד איך בין אַהער געקומען? ווי הייסן אין מיין שפּראַך די קליידער, וואָס איך טראָג? וואָס קאָסט דאָרט דער שטאָף

פון וועלכע מיינע זאַכן זיינען געמאַכט? איך זאָג זיי, אַז איך קום פון דער שווייץ. איך גיב זיי די יידישע נעמען פון מיינע מלבושים און אַזוינע ווער־טער ווי פּליודערן, מייטקעס, קאַמעזעלקעס א. ד. גל. קלינגען מאָדנע אין די אויערן פון איטאַליענער און זיי לאַכן האַרציק ווי קליינע קינדער. וויפל עס קאָסט דער שטאָף פון מיינע מלבושים ווייס איך אַליין אויך ניט גענוי, נאָר איך גיב זיי אָן אַ ביליקן מקח. זיינען די אָרעמע איטאַליענער מקנא די מענטשן אין דער שווייץ, וועלכע קאָנען זיך פאַרגינען צו טראָגן אַזעלכע מלבושים פאַר אַ צוגעניגלעכן פּרייז.

אין אַ פאַרלעגנהייט ברענגט מיך דער אַלטער מאַן מיט זיין פראַגע: וואָס קלאַפּט אַזוינס אויף מיין ברוסט? איך שטאַמל אַרויס: „מיין האַרץ" און ער באַמערקט דערצו: עס איז קיין חידוש ניט פאַר איינעם, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַן אייזנבאַן־בריק, ווען דער עקספּרעס־צוג איז פאַרביי אים פאַרבייגעלאָפן. איך ווייס ניט, צי ער מיינט עס ערנסט, צי איראָניש. איך בין אָבער ניט גרייט אים אַוועקצושענקען מיין זילבערנעם זייגער, וואָס איז ביי מיר זייער טייער, ווייל דאָס איז שרה שפרהס אַ מתנה און אויף זיין דעקל איז אויסגעקריצט פון דרויסן מיין מאָנאָגראַם און פון אינווייניק דאָס וואָרט „ירושלים", דעם נאָמען וועלכן מיינע עלטער־עלטער־זיידעס ביי די „וואַסערן פון בבל" האָבן געשוואָרן קיינמאָל ניט צו פאַרגעסן.

ווען דאָס פייער פאַרקלענערט זיך און אין ריזיקן זאַל הויבט אָן ווערן טונקעלער, מאַכט דער אַלטער פאַר מיר אַ געלעגער אויף זעק. איך דעק זיך צו מיט מיין מאַנטל און הויב אָן דרעמלען. שפּעטער ווען עס ווערט קילער דעקט מיך צו דער אַלטער מיט נאָך עפּעס. איך דערפיל זיך צווישן פריינט און שלאָף רואיק איין.

אינדערפרי שיקט דער אַלטער דעם יונגן מיך אַרויסבאַגלייטן פון וואַלד צום שליאַך. ער הייסט אים אויך צוגלייך אויסהאַקן אין וואַלד נאָך האָלץ פאַרן קאַמין. ווען דער העלדישער יונגער בחור באַגלייט מיך מיט זיין גרויסער שאַרפער האַק אין גאַרטל פיל איך זיך זיכער, אפילו ווען ער גייט הינטער מיר. כ'האָב צו אים פולן צוטרוי.

וואָס מער איך דערלערן צוזאַמענריידן זיך אין איטאַליעניש, אַלץ מער פריינטשאַפט ווייזן מיר אַרויס די איטאַליענער. זיי לאַדן מיך איין אין זיי־ערע שטיבער און שטאַלן. די ווינטערדיקע נעכט זיינען קיל אין איטאַליע. דער וואַרעמסטער פּלאַץ אין אַ פּויערשן הויז איז די שטאַל, וואו עס שטייען די בהמות. פאַרברענגט דאָרט די פּויערשע פאַמיליע אין אָוונט און פאַר־בעט אַהין אויך אירע געסט. דאָס רוב מאַכט מען מיר אויך דאָרט אַ באַק־וועמען וואַרעמען געלעגער.

איך ווער אויך אָפט איינגעלאַדן צו זייערע „פיעסטאַס", אַלערליי מינים

פאַמיליע־פעסטלעכקייטן. איינמאָל ווען אַזאַ יום־טובדיקער עולם האָט זיך אין מיר פאַראינטערעסירט, האָבן אַ פּאָר איטאַליענישע „למדנים״ באַרעכנט, אַז אין איטאַליעניש דאַרף איך הייסן: „קלעמענטא מארמאָרא״. דאָס האָט געבראַכט דעם לוסטיקן עולם צום געדאַנק, אַז מיין נאָמען איז ענלעך צו דער הויפּט מחותנתטעס, דעם פּויערס בת־יחידה „קלעמענטינע״, וועמעס אימענינעס די משפּחה פּייערט. דער עולם נעמט עס אָן פאַר אַ גוטן סימן. מען זעצט מיך אַוועק ביי קלעמענטינעס רעכטער האַנט און מען הייסט אונדזביידן טרינקען וויין לכבוד אָט דער קרובהשאַפט אונדזערער. אַדאַנק מיין איטאַליענישן שמועס־ביכל ריידן מיר זיך ביידע פאַנאַנדער. דאָס באַגייסטערט די משפּחה און די געסט ווערן נאָך לעבעדיקער און פריילעכער. די גוטע פריינטלעכע מענטשן געזעגענען זיך אַלע נאָכדעם מיט מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ מיטגליד אין זייער משפּחה. די ליבלעכע פּויערשע טאָכטער דריקט שוועסטערלעך מיין האַנט און אין אירע אויגן שטייען טרערן.

פּריצישע הויפן און רייכע פּאַלאַצן מייד איך אויס. איך זע, אַז נאָך יעדן וואונדער־שיינעם רייכן פּאַלאַץ פאָלגן נאָך מאַסן אָרעמע שטיבלעך. ווערט פאַר מיר אַלץ מער בולט (בוילעט) דער שייכות צווישן אָט די אָרעמע האָרעפּאַשניקעס און יענע פּריצים, וועלכע ווערן רייך פון פרעמדער פּראַצע. איך שטעל זיך דערום ניט אָפּ לעבן אַ רייכן הויף, אפילו ווען איך בין דורשטיק, הונגעריק און מיד. נאָר איינמאָל פאַרבלאָנדזשע איך אין אַ קליין פּריצישן הויפל צוליב אַ גוס־רעגן.

אין דרויסן רעגנט שטאַרק. טוליע איך זיך צו דער וועראַנדע פון אַ גרויסער שטוב. וואָלט דאָס געווען אַ פּויעריש שטיבל, וואָלט איך אָנגעקלאַפּט אין טיר, דאָ וואַרט איך בלויז, אַז עס זאָל אויפהערן רעגענען. דער רעגן הערט אָבער ניט אויף און איך בין שוין גאַנץ שטאַרק דורכגענעצט. די באַדינער באַמערקן דאָס ענדלעך און מעלדן עס דער „סינאָריטאַ״ (באַלעבאָסטע). הייסט זי מיך אַריינלאָזן אינוויייניק. זיי פירן מיך אַריין אין אַ וואַרעמען צימער, נעמען פון מיר אַרונטער מיינע נאַסע קליידער און וועש, טריקענען מיך גרינטלעך אָפּ, טוען מיך אָן אין טרוקענע וועש און אין אַ שלאָף־ראָק און פּאַנטאָפל. זיי מאַכן מיר אַ פּלאַץ ביים פייער פון קאַמין און ווען איך ווער גאַנץ דערוואַרעמט, ברענגען זיי מיר אַריין וויין און קעז, ווי אויך געקאָכטע מאכלים. ביינאַכט מאַכן זיי פאַר מיר אַ ווייכן וואַרעמען געלעגער אין אַ באַזונדערן שלאָף־צימער. אינדערפרי געפין איך לעבן זיך אַלע מיינע זאַכן אויסגעטריקנט און אויסגעפּרעסט. זיי גרייטן אויך צו פאַר מיר אַ נאַרהאַפטן פרישטיק.

דער רעגן הערט אויף אינדערפרי, נאָר צווישן הויז און גאַס שטייט

אַ געדיכטע בלאָטע. טראָגן מיך די דינער אַריבער און ברענגען מיך צו אַ טרוקענעם פּלאַץ, פון וואַנען איך קאָן גיין ווייטער מיין וועג צופוס. ווען איך געזעגן זיך מיט דער דינערשאַפט, זע איך שטיין ביים פענצטער פון צווייטן שטאָק די עלעגאַנטע שלאַנקע סינאָריטאַ: זי שטרעקט אויס איר האַנט צו אַ געזעגענונגס־גרוס און אירע פריינטלעכע אויגן ווינקען מיר אַ ברכה אויפן וועג.

עטלעכע וואָכן גיי איך אַזוי אָן אַ ציל אַלץ ווייטער קיין דרום. איך שטעל זיך אין ערגעץ לאַנג ניט אָפּ. איך גיי דורך היסטאָרישע שטעט מיט וועלט־באַרימטע שיין־קלינגענדיקע נעמען. איך טראַכט אָבער ניט פון זייער פאַרגאַנגענעם פראַכט און אינטערעסיר זיך אויך בכלל ניט מיט זייערע איצטיקע שיינע בנינים: וואָקזאַלן, קירכן, געשעפטס־הייזער, האָטעלן, מאָנומענטן און אַזוי ווייטער. איך שטעל זיך נאָר אַמאָל אָפּ ביי אַ קליין קרעמל, אַ קאַפע־הויז, אָדער שענקל. פרייער דערפיל איך זיך ווען איך בין ווידער אין וועג. איך ליב באַזונדערס יענע וועגן, וואו איך קאָן אויך גיין אין מיטן טאָג. די יעניקע וועגן, וועלכע האָבן פון ביידע זייטן הויכע ביימער, וועמעס געדיכטע שאָטנדיקע צווייגן באַשיצן מיך פון צו הייסע זון־שטראַלן, פאַרשפרייטן נאָך דערצו אויף מיין וועג בשמים ריחות און באַגלייטן מיך מיט פייגל־געזאַנג. מיין הויפּט אויפמערקזאַמקייט גיב איך אָפּ די טייכן און טייכלעך, אין וועלכע איך קאָן זיך באָדן; די שטיבלעך, געצעלטן און ביידלעך, אין וועלכע איך קאָן איבערנעכטיקן; די קרעמלעך, וואו איך קאָן קויפן שפּייז און די שענקלעך, וואו איך קאָן דאָרט עפּעס עסן און אויך טרינקען דערצו אַ גלעזל אָדער אַ קובעק ווייַן.

איך ווער ווידער איך, ווען איך טרעף זיך איין טאָג אין וועג מיט אַ מחנה יונגע פוסגייער: סטודענטן, לערער, קינסטלער — אַרכיטעקטן, סקולפּטאָרס, מאלער, מוזיקער, פון עסטרייך־אונגאַרן, דייטשלאַנד און שווייצאַריע. אַ טייל פון זיי פאַרברענגט, פאַר קינסטלערישע אָדער פאַרשערישע צוועקן, ווינטער אין איטאַליע שוין ניט דאָס ערשטע מאָל. עס געפינען זיך צווישן זיי אַזוינע, וואָס ריידן פליסיק איטאַליעניש, זיי וויסן וואו־איין און וואו־אויס אין יעדער שטאָט, זיינען באַקאַנט מיט אַלע פאָלקסטימלעכע קאַפייען און גאַסט־הייזער, וואו מען קאָן אָפּעסן אַ מאָלצייט אָדער איבערנעכטיקן אַ נאַכט פאַר אַן אויסערגעוויינלעך ביליקן פּרייז. אַ סך פון זיי גייען קיין רוים, פון וואַנען איך בין שוין ניט ווייט. דאָרט, זאָגט מען מיר, זיינען פאַראַן ספּעציעל ביליקע נאַכטלעגערס און שפּייז־הייזער צוליב די אָרעמע „פּילגרימס״, וועלכע קומען אַהין תפילה טאָן אין די הייליקע קאַטוילישע פּלעצער און זוכן צו קריגן אַ ברכה פון פּאַפּסט.

דורך מײַנע שמועסן מיט די יונגע צופֿוס־וואַנדערנדיקע קינסטלער און וויסנשאַפֿטלער באַפֿרײַ איך זיך אײַנגאַנצן פֿון מײַן גלײַכגילט אין די לעצטע עטלעכע וואָכן. איך ווער ווידער פֿאַראינטערעסירט אין דער פֿאַר־גאַנגענהייט און געגנוואַרט פֿון אַלץ מיט וואָס איך טרעף זיך. איך דערמאָן זיך ווידער די געשיכטע פֿון אַלטן רוים און איר שײַכות צו ירושלים און די פֿיל אַנדערע שטעט און מדינות, וועלכע זי האָט דעראָבערט, חרוב געמאַכט אָדער פֿאַרשקלאַפֿט.

קאַפּיטל הונדערט און צען

צווישן די חורבות פֿון רוים

אין אַ רעגנדיקן פֿאַרנאַכט געפֿין איך זיך אויפֿן „קאַפּיטאָל", דעם הייליקסטן פּלאַץ אין אַלטן רוים, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען דער טעמפּל פֿון דעם רוימישן הויפּט־גאָט „יופּיטער". איך זוך דאָרט אַרום אין דער טונקלקייט אַזאַ רואינע פֿון אַן אַלטן היסטאָרישן בנין, וואו איך זאָל קאָנען איבערשלאָפֿן די נאַכט, אַזוי גוט ווי אין די פּאַסטוך־געצעלטן אין די ווערכ־טער־בײַדלעך אויפֿן פֿעלד. ווען איך געפֿין ניט אַזוינס זוך איך אויס אַ גע־דיכטן קוסט, וויקל זיך אײַן אין מײַן ווינטערדיקן מאַנטל און לייג זיך דאָרט אַוועק. איך בין זיכער, אַז דער לײַכטער רעגן וועט ניט צוקומען צו מײַן לײַב, און איך שלאָף דאָרט אײַן.

אינדערפֿרי וואַנדער איך אַרום איבער דער גאַנצער געגנט און באַ־טראַכט די איבערבלײַבעכץ פֿון דעם מעכטיקן רוים, פֿון דער רעפּובליק, פֿונעם סענאַט און פֿון די צעזאַרן, וועלכע האָבן אין אַלטערטום באַהערשט כמעט די גאַנצע דעמאָלטיקע ציוויליזירטע וועלט. איך שטעל זיך אָפּ באַ־זונדערס לעבן דעם טריאומף־בויגן, אָדער נצחון־טויער, וואָס דער רוימישער סענאַט האָט נאָכן חורבן פֿון ירושלים (מיט איבער אַכצן הונדערט יאָר צוריק) דאָרט אויפֿגעשטעלט לכבוד זײַן העלד טיטוס וועספּעסיאַנוס, וועל־כער האָט באַזיגט יהודה. איך באַטראַכט אויף אים די רעליעפֿן פֿון דער זיבן־רעריקער מנורה און אַנדערע כלים פֿון בית־המקדש, וועלכע רוימישע סאָלדאַטן טראָגן ווי דעם מלחמה־רויב פֿון אַ באַזיגטן יידישן לאַנד. איך פֿיל, אַז דער זיג פֿון די רוימער איז געווען נאָר צײַטווײַליק. עס נעמט ניט לאַנג יופּיטער זאָל אַרונטערגעוואָרפֿן ווערן פֿון זײַן הייליקן באַרג און זײַן אָרט זאָל פֿאַרנעמען די פֿיגור פֿון אַ געקרײַציקטן יידישן סטאָליער־בחור אין ירושלים.

פון טיטוסעס געוועזענעם טריאומף־טויער, וואָס אילוסטרירט איצט פאַר מיר דעם נצחון פון דעם געפאַנגענעם יידישן העלד שמעון בר־גיורא, גיי איך נאָכדעם אַוועק צום צעבראָכענעם קאָליסייאום, דער באַרימטער צירק פון די צעזאָרן אין רוים, וואו די געפאַנגענע יידישע העלדן אין ירושלים האָבן זיך געמוזט ראַנגלען מיט לייבן און לעמפּערטן צו אַמוזירן דעם אָרע־מען אומויסנדיקן רוימישן המון, כדי ער זאָל אין זיין פּאַטריאָטישער שיכרות ניט פילן, ווי אַזוי די רוימישע אַריסטאָקראַטן זויגן אויס זיין בלוט און מאַרך.

אין קאָליסייאום באַטראַכט איך גרינטלעך די לאָזשע פון דעם אימפּע־ראַטאָר, די ברייטע טרעפּ אַהין וואָס פירן פון באַלקאָן, וואו עס פלעגן זיצן די גרויסע און מעכטיקע רוימישע רעגירונגס־לייט און קריגס־פירער. איך באַטראַכט אויך די גאַלעריעס פאַרן פשוטן פאָלק. איך גיי אויך אַרונטער אונטן אין די קאָרידאָרן און קעלערן און איך זע די שטייגן, וואו מען האָט געהאַלטן די ווילדע מדבר־חיות און זיי דאָרט אויסגעהונגערט, כדי זיי זאָלן זיך וואַרפן אויף די יידישע און אַנדערע קריגס־געפאַנגענע מיט באַ־זונדער גרויסער רציחה. איך וויל שוין אַרויסגיין פון דעם דאָזיקן דאַכלאָזן בניין, נאָר עס הויבט אָן ווידער רעגענען. גיי איך אַרונטער אונטער דעם ברייטן טרעפּ פון דעם אימפּעראַטאָרס לאָזשע, וואו איך בין באַשיצט פון נאַסקייט.

דאָס מאָנאָטאָנע רעגן שלעפערט מיך איין און עס חלומט זיך מיר, אַז איך געפין זיך צווישן דער מחנה פון שמעון בר־גיורא אויפן מויער פון ירושלים אין צייט פון יידישן קריג קעגן רוים. מיר שלאָגן זיך מיטן שונא ביז אונדזערע שווערדן ווערן צעבראָכן און מען נעמט אונדז געפאַנגען. איך געפין זיך ווידער לעבן מיין קאָמאַנדיר שמעון בר־גוריא, אָבער ניט מער ווי אַ קריגער, נאָר ווי אַ געפאַנגענער. מיר זיינען אַלע פאַרשפּאַרט אין אַ טורמע־קאַמער פון קאָליסייאום און דאַרפן באַלד אַרויסגיין אויף זיין אַרענע זיך ראַנגלען מיט ווילדע חיות.

שטימען וועקן מיך אויף פון מיין שלאָף. ס׳איז ביי מיר ניטאָ קיין ספק, אַז דאָס ריידן רוימער. איך בין אָבער ניט זיכער, צי איך געפין זיך אין חלום צי אויפן וואָר. איך גיב אַ קנאַק מיט מיינע פינגער און איבערצייג זיך אַז איך בין וואָך. איך פאַרשטיי אָבער ניט פאַרוואָס איך הער נאָך אַלץ דאָס ריידן פון רוימער? איך הויב זיך פון מיין געזעס אונטערן טרעפּ פון אימפּעראַטאָרס לאָזשע און האָרך זיך איין פון וואַנען עס קומען די שטימען. איך זע אַז ביי דער אויפגעבראָכענער זייט פון קאָליסייאום שטייען „קאַרבינערי" (איטאַליענישע זשאַנדאַרמען) און ריידן הויך צווישן זיך. איך בין ניט זיכער צי איך מעג דאָרט זיין, שטעל איך זיך אין אַ ווינקל, וואו זיי קאָנען מיך ניט באַמערקן. זיי גייען זיך באַלד פאַנאַנדער. עס בלייבט

נאָר איינער פון זיי, וועלכער שטייט דאָ אַפּנים אויף דער וואַך. ער מאַר־שירט הין און צוריק אין דרויסן ביים אַריינגאַנג פון קאָליסייאום. ווען ער קומט צו נאָענט צום פּלאַץ וואו איך שטיי און הויבט אָן מאַרשירן צו דער אַנדער זייט, פאַרלאָז איך אָט די וועלט־באַרימטע היסטאָרישע חורבה און גיי אַוועק באַטראַכטן אַנדערע רוימישע זעאונגס־ווירדיקייטן.

איך באַטראַכט די אוצרות פון „וואַטיקאַן", די מאַסע פּאַפּסטלעכע הויפן, גאַנץ אויפמערקזאַם. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איך האָב ניט די רואי־קייט און די מעגלעכקייט עס אַזוי גרינטלעך צו שטודירן ווי דעם „ברי־טישן מוזייאום" אין לאָנדאָן, אין זומער 1901, זע איך דאָך אַ סך מער וויפל איך האָב זיך עס געקענט פאָרשטעלן ביי מיין אַריינקומען אין רוים. איך באַמי זיך שטאַרק צו זיין אין וואַטיקאַן אומעטום, וואו איך קאָן נאָר אַריינ־דרינגען. איך פאַרברענג אַ היפּשע צייט אין זיינע קירכן, קאַפּעלעס, (קאַפּליצעס), גאַלערייען און מוזייען. איך שפּאַציר אָפּט אַרום אויף דער לאַנגער גאַלעריע, וועמעס ווענט עס זיינען געמאָלן פון ראַפאַעלן. די „סיסטין קאַפּעלע" מיט אירע הונדערטער קינסטלערישע ביבלישע סצענעס, פון דער „וועלט־באַשאַפונג ביז דעם יום־הדין" פון די „לעצטע טעג", געמאָלן אויף די ווענט און אויפן סופיט, פונעם סקולפּטאָר און אַר־כיטעקט מאַיקל אַנדזשעלאָ. איך פיל, אַז אַזויפיל שיינקייט איז שווער צו פאַרדייען אויף איין מאָל — דאָס האַרץ קאָן „צעגיין פאַר מתיקות". איך באַטראַכט דאָס דעריבער ביסלעכוויז, כדי צו קאָנען עס אויפנעמען ווי געהעריק.

דורך די פענצטער פון „ראַפאַעלס גאַלעריע" זע איך די באַוועגונגען פון דער שווייצער גוואַרדיע אין וואַטיקאַן. איך זע דאָרט אויך ווי מען טראָגט דעם פּאַפּסט אויף אַ גאָלדענעם שטול צום בענטשן פּילגרימס אָדער פאַר אַן אַנדער טעטיקייט זיינער, אין סט. פּעטערס קירך אָדער אין דעם אומגעהויער גרויסן פּלאַץ אַרום איר. איך באַטראַכט אויך אין וואַטיקאַן די ריזיקע סטאַטוע פון משה רבינו און די שיינע פיגור פון דוד המלך, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער פּאַסטוך, ביידע אויסגעהאַקט פון מאַרמאָר דורך מאַיקל אַנדזשעלאָ. איך באַטראַכט אויך אויפמערקזאַם אין קונסט־מוזייאום פון וואַטיקאַן די רייכע קאָלעקציע, וואָס נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט געהאַט אַוועקגערויבט און נאָך זיין מפּלה האָט מען דאָס צוריקגעבראַכט. אויך אַנדערע קאָסטבאַרע קונסט־אוצרות באַטראַכט איך.

נאָכדעם ווי איך באַטראַכט די וויכטיקסטע מערקווירדיקייטן אין וואַ־טיקאַן און אין אַנדערע באַדייטנדיקע פּלעצער אין רוים, פּרוּוו איך אויך אַריינגיין אין „קווירינאַל", דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. איך גיי אַהין אַזוי דרייסט, ווי מען וואָלט דאָרט אויף מיר געוואַרט. שטעלט מיך קיינער ניט

אָפּ ביז איך קום נאָענט צום אַריינגאַנג. דאָרט פרעגט מען מיך אויף מיינע „קרעדענשלס״ און ווען מען זעט איין, אַז איך בין בלויז אַ נייגעריקער טוריסט, דערקלערט מען מיר גאַנץ איידל, אַז דער קעניגלעכער פּאַלאַץ איז באַוואוינט און איז ניט אָפן פאַר ניט קיין איינגעלאַדענע באַזוכער.

אין מיין נייגעריקייט צו זען די רעשטן פון דעם אַלטן מעכטיקן קלאַ־סישן רוים, לאָז איך זיך גיין אין באַגינען צופוס קיין פּאַלעסטרינע, עטלעכע צענדליק מייל פון רוים, וואו עס געפינען זיך די רואינען פון די פּראַכט־פולע צעזאַרישע בעדער, וועלכע ווערן גערימט פאַר זייערע טעכנישע און לוקסוריעזע איינריכטונגען, חוץ זייער רייכקייט אין קונסט־ווערק.

אויפן וועג אַהין זע איך פאַרבייפאָרן אַ קאַרעט, אין וועלכן עס זיצט אַ ציווילער יונגערמאַנטשיק און לעבן אים אַ הויכער מיליטער־מאַן מיט שליפעס, לענטעס און מעדאַלן. דעם יונגנמאַנס פּנים זעט מיר אויס באַ־קאַנט, נאָר איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, וואו איך האָב אים געזען.

פון וויטן באַמערק איך, אַז זיי זיינען אַרויסגעפאָרן אויף אַ גרינער לאָנקע און האָבן זיך אַוועקגעזעצט דאָרטן אויף אַ בערגל. מיר געפעלט דער פּלאַץ אָפּצורוען דאָרט מיינע מידע פיס און עפּעס וואָס צוצובייסן פון מיין פּעקל שפּייז, וואָס איך האָב מיט זיך מיטגענומען אין וועג, און איך הויב זיך אָן דערנעענטערן צו דער לאָנקע. באַלד ווער איך אַרומגערינגלט פון „קאַר־בינערי״. זיי פרעגן מיך וואוהין איך גיי און צי איך האָב מיט זיך אַ רעוואָלווער? איך פיל זיך באַליידיקט, וואָס זיי זוכן ביי מיר וואָפן, און איך פּרואוו מיט מיין ביסל איטאַליעניש זיי געבן אַ „שטאָך־וואָרט״, אַז איך בין ניט קיין איטאַליענישער היץ־קאָפּ, וואָס עפּעס אַ האָר כאַפּט ער זיך שלאָגן. די „קאַרבינערי״ פילן זיך אָבער ניט באַליידיקט, פאַרקערט, עס זעט אויס אַז זיי זיינען צופרידן, וואָס לענגער מיך דאָ צו פאַרהאַלטן פון גיין ווייטער מיין וועג.

דערווייל הויבן זיך אויף די צוויי מענער פונעם גראָז, זעצן זיך אַריין אין זייער קאַרעט, שניידן זיך דורך אַ וועג ווייטער איבער דער לאָנקע און פאַרנעמען זיך פון דאָרט אויפן וועג צוריק אין שטאָט. באַלד ווי זיי פאָרן אַוועק פאַרשווינדן אויך די „קאַרבינערי״ און איך קאָן גיין אומגעשטערט צו דער לאָנקע און צום בערגל דאָרט, וואָס געפעלט מיר אַזוי גוט.

איך זיץ אויפן שיינעם לופטיקן גרינעם בערגל און טראַכט: פאַרוואָס זיינען די צוויי מענער אַוועק פון דאָרטן אַזוי גיך? פּלוצלונג דערמאָן איך זיך פון וואַנען מיר איז באַקאַנט דאָס פּנים פון דעם קליינעם יונגנמאַנ־טשיק. איך האָב אים טאַקע פּערזענלעך קיינמאָל ניט באַגעגנט, נאָר זיינע ביל־דער האָב איך געזען אומצאָליקע מאָל. דאָס איז דאָך דער יונגער איטאַליע־נישער קעניגל וויקטאָר־עמאַנועל. זיין טאַטן האָבן אַנאַרכיסטן דערהרגעט

און עס איז גאַנץ באַטירלעך, אַז ער און זיינע שומרים ווערן נערוועז, ווען זיי זעען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן דערנעענטערן זיך צו אים.

די קעניגין, דאַכט זיך אַ גריכישע פּרינצעסין, האָב איך יאָ געזען פאַרזעגלעך און נאָענט פון מיר און פון דעם עולם אויף אַ גאַס אין רוים. איך האָב ניט געוואוסט ווער זי איז, נאָר אַן אַלטער פּריסטער האָט מיר אָנגעוויזן אויף איר מיט אַ געוויסער איראָניע: אָט צו־וואָס איטאַליע איז דערגאַנגען. אונדזער קעניגין פּאַרט אין גאַס ניט אין אַ קאַרעט און איז ניט אָנגעטאָן אין קעניגלעכע מלבושים, נאָר זי „רייט" אויף אַ וועלאָסיפּעד אין קורצע בחורשע הייזקעס מיט האַלב־נאַקעטע קניען...

קאַפּיטל הונדערט און עלף

איבער איטאַליענישע שטעטלעך און שטעט

אויף מיין וועג אין דרום פון רוים זע איך מער אָרעמקייט ווי אין צפון. איך גיי דורך מאַסן דערפער, וועמעס איינוואוינער זעען ניט אַן קיין ברויט, נאָר דערנערן זיך מיט מאכלים פון קוקורוזע. איך זע אויך, ווי אַזוי איטאַליענישע הויז־פרויען גרייטן עס צו. זיי הענגען אויף אַ קעסל וואַסער אויף אַ קייט איבער אַ פייער און ווען דאָס וואַסער הויבט אָן קאָכן, שיטן זיי אין אים אַריין קוקורוזע־מעל, און מישן עס מיט אַ הילצערן קאָכלעפל אָדער מיט אַ שטיק קיילעכדיק האָלץ. ווען דאָס ווערט פאַרטיק, ליידיקן זיי אויס אָט די „קאַשע" אָדער דאָס „טייגעכץ" אויף אַ שטיקל ריינעם לייוונט. זיי וואַלגערן עס אַביסל פאַנאַנדער מיט די הענט אָדער מיט אַ וואַלגערהאָלץ, באַשמירן עס מיט פעטס אָדער זיסקייט און טוען אַמאָל אויך אַריין אין דעם עטלעכע ראָזשינקעס. צולעצט צעשניידען זיי עס מיט אַ פאָדעם אין גלייכע טיילן און לאָזן עס אָפּקילן און האַרט ווערן, ווי רייפּטלעך ברויט אָדער סוכאַרעס.

איין טאָג טרעף איך זיך מיט אַ מחנה ציגעלניקעס און בוי־אַרבעטער. זיי שטייען צו מיר צו, כ׳זאָל עסן מיט זיי אויפן דערבייאיקן פעלד זייער אָרעמען מאָלצייט. דערביי פרעגן זיי מיך פון וואַנען און וואוהין איך גיי. כ׳דערצייל זיי, אַז איך בין אַהער געקומען פון דער שווייץ, נאָר איך שטאַם פון ליטע, אַ געגנט אויפן גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. דערהערט דעם נאָמען „רוסלאַנד" גייען זיי אַריין אין התפעלות. דערקלערן, אַז זיי וויסן פון טאָלסטאָי און טרינקען אַ טאָסט לכבוד אים. איך שטיי ניט אָפּ פון זיי: איך דערקלער, אַז כ׳וויס פון גאַריבאַלדין, און כ׳הויב אויף מיין גלעזל ווין מיטן אויסרוף: „וויוואַ לאַ גאַריבאַלדי!"

קיין לוח אָדער קאַלענדאַר האָב איך ניט מיט זיך, אויך ניט קיין נאַ־טיך־ביכל, צו פאַרצייכענען אַ וויכטיקע פּאַסירונג אויף מיין וועג. געוויסע געשעענישן, און ניט אַלעמאָל וויכטיקע, קריצן זיך אָבער איין אין מיין זכרון צוליב באַזונדערע סיבות. אָט אַזוי דוכט מיר, אַז כ׳וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיינע איבערלעבונגען אינעם הויז פון אַן אַלטן פרומען איטאַ־ליענער. ער באַקאָנט זיך מיט מיר ניט ווייט פון זיין שטוב און פאַרבעט מיך צו זיך אויף וועטשערע און נאַכטלעגער. זיינע צוויי זין, פאַרגרעבטע קרעפּטיקע בחורים, קוקן אויף מיר בייז. כ׳האָב אָבער קיין האַרץ ניט אָפּצוזאָגן דעם אַלטן זיין בקשה. ערשט ביי דער וועטשערע האָב איך חרטה פאַר מיין פאַרבלייבן דאָרט, צוליב אַזאַ פאַל: זיי זאָגן אַלע אַ פּאָפּולערע קריסטלעכע תפילה ביים טיש, און דער אַלטער וואונדערט זיך למאי איך זאָג ניט מיט. איך טראַכט, ווי אַזוי עס אים צו דערקלערן אין מיין ביסל איטאַליענישע ווערטער. נאָר דער שרעק פאַר די בייז־קוקנדיקע יונגען פאַרגליווערט מיין צונג און כ׳קאָן ניט אויסריידן קיין וואָרט. זיי באַפאַלן מיך טאַקע שפּעטער פון הינטן מיט ווילדער רציחה, און שלאָגן מיך מיט פלעקער אויף מיין פּלייצע און אין די זייטן. מיר דוכט זיך, אַז זיי האַקן אָפּ מיינע לונגען און כ׳שטאַרב אונטער זייערע הענט. ווי אַזוי כ׳בלייב דאָך לעבן פאַרשטיי איך ניט.

די אומגעהויערע אויסשטעלונג פון קאַליקעס, וואָס כ׳האָב געזען אויפן גרויסן מאַרק־פּלאַץ, ניט ווייט פון דעם באַרג קאַסינאָ, איז מיר נאָך שווע־רער צו פאַרגעסן. אַביסל אַן ענלעכע אויסשטעלונג פון אָרעמקייט און פאַר־קריפּלונג, אין אַ פיל קלענערער מאָס, האָב איך אַמאָל געזען ערב יום־כיפור אויפן וועג צום בית־עלמין אין מיין אַלטער ווילנער היים. נאָר דאָרט, אין ירושלים דליטא, איז די אָרעמקייט געווען אַ צניעותדיקע, אַ שעמעוודיקע, און די קאַליקעס, סיי די ריכטיקע, און סיי די אָפּנאַרנדיקע, האָבן זיך מיט זייערע וואונדן ניט צופיל אויסגעשטעלט. דאָ אָבער, אין דרום פון רוים, האָב איך געזען די פיזישע און גייסטיקע דעגענעראַציע אויף אַ ריזיקן פאַרנעם און אין איר פולער מאַראַלישער געפאַלנקייט: פרויען ווי מענער האָבן אויסגעשטעלט נאַקעט זייערע אינטימסטע וואונדן, זיי רעקלאַמירט, ווי אויסצייכענונגען, און הויך אויפן קול געפאָדערט באַלוינונג און געזידלט און געשאָלטן דעם עולם פאַרוואָס ער דערפילט ניט אָט די פאָדערונגען.

אויפן הויכן באַרג קאַסינאָ, וואו דער וועג אַרויף איז היפש משופעדיק, שטייט אַן אַלטער מאָנאַסטיר. וואַנדרנדיקע גרופּעס קינסטלער, סטודענטן, לערער און אַנדערע צופוס־גייענדיקע טוריסטן שטעלן זיך דאָרט אָפּ. זיינע טירן זיינען אָפן פאַר אַלע פאַרבייגייער. נאָר די וואָס ווילן דאָרט איבער־

נעכטיקן אַ נאַכט אָדער צוויי דאַרפֿן זיך איינמעלדן אין דער ביוראָ און דאָרט איבערלאָזן זייערע אָפֿיציעלע פּאַפּירן ביזן אַוועקגיין. די קיך, דער עס־זאַל און די געלעגערס ווערן געהאַלטן ריין און ציכטיק.

צווישן דער גרויסער צאָל געסט, וואָס כ׳האָב דאָרט געטראָפֿן, האָבן זיך געפֿונען אַזוינע, וועלכע האָבן אָפֿנהאַרציק דערקלערט די מאָנאַכן, אַז נאָר דער מאָלצייט און דאָס נאַכט־לעגער האָט זיי אַהער געבראַכט. די מערהייט אָבער האָט אויפֿמערקזאַם באַטראַכט די אַלטע אַרכיטעקטור, די סקולפּטורן און געמעלן, פֿרעסקאָס און בילדער, וועלכע קינסטלער האָבן קאָפּירט און סטודענטן און לערער האָבן פֿאַרנאָטירט. געווען אויך אַ צאָל יונגע לייט, וועלכע האָבן היפּאָקריטיש זיך מתוודה געווען פֿאַר די מאָנאַכן אין די ווידוי־קאַמערלעך און נאָכדעם עס אויסגעלאַכט פֿאַר אונדז.

אַ סך דערבייאיקע דערפֿלעך ווי אויך שטעטלעך לעבן פֿון דער „קיצבה״, וואָס זיי קריגן פֿונעם מאָנאַסטיר. אַ סך פֿרויען קומען אַהין מיט טעפּלעך נאָך שפּייזן. דער מאָנאַסטיר דערלייגט אָבער ניט צו זיי: רייכע לייט גיבן אים גרויסע נדבות פֿאַר זיין האַלטן אין צאַם די אָרעמע און געקריוודעטע. ער קריגט אויך אַריין אַ היפּשע הכנסה פֿון דער אומוויסנדיקער אַבערגלויבערישער אָרעמער באַפֿעלקערונג, וועלכע טיילט זיך מיט אים מיט אירע שווער פֿאַרהאָרעוועטע פּרוטות.

דאָס אַראָפּגיין פֿון באַרג קאַסינאָ איז נאַטירלעך געווען לייכטער ווי דאָס אַרויפֿגיין. מיין האַרץ איז אָבער געווען שווערער פֿון די ניט־אָנגענעמע איינדרוקן, וועלכע כ׳האָב דאָרט געקראָגן.

„זע נעאַפּאָל און לעב!״ איז פּונקט קאַפּויער פֿון דאָס ווערטל פֿון דייטשישן שרייבער: „זע נעאַפּאָל און שטאַרב!״, ווייל קיין שענערס קאָנסטו שוין אין ערגעץ ניט זען. איך האָב עס געענדערט אין מיין געדאַנק צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, לוינט לעבן אין אַ וועלט, וואו עס איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל נאַטירלעכע שיינקייט; ס׳איז אויך נויטיק צו לעבן, כדי צו העלפֿן אָפּרייניקן אָט די שיינע וועלט פֿון דער מיאוסער נויט, וואָס נאַרישע און שלעכטע מענטשן טראָגן אַריין אין איר.

די ערשטע נאַכט אין נעאַפּאָל שלאָף איך ניט. איך זיץ די גאַנצע צייט אין פּראַכטפֿולן שטאָט־גאָרטן ביים ריזיקן פּאָרט. כ׳בין פֿאַרשיכורט פֿון די בשמים ריחות פֿון די זעלטענע פֿלאַנצן, בליאונגען און בלומען אַרום מיר. איך קוק אויפֿן בלויען הימל מיט דער שיינענדיקער לבנה און פֿינקלענדיקע שטערן, וועלכע איך זע אַזוי וואונדערלעך שיין אָפּגעשפּיגלט אין דעם נאָך בלויערן מיטללענדישן ים. אַנטקעגן פּאָרט זע איך דעם באַרג וועזואַוויוס, איינגעוויקלט אין וואולקאַנישן רויך און טליענדיקן פֿייער. און ווען די נאַכט־שיינקייטן פֿאַרבלאַסן און פֿון טיף־בלויען ים הויבט זיך אַרויס די

רויטע זון, באַגלייט פון איר וועכטער דעם „מאָרגן־שטערן״, הער איך די גאַנצע וועלט זינגען „פּרק שירה״ און פאַרנעם אויך דערביי דעם פיינעם ניגון פון מיין טאַטן אין דער וויטער ליטע, וואָס כ׳פלעג הערן אין מיין קינדהייט אויפן דאָרף, באַגינען, בעת ער האָט געקאָרמעט אונדזערע עופות און בהמות, און דערביי געזאָגט מיט אַ ניגון קאַפּיטלעך תהילים, אָדער אויסגעזונגען זיין מאָרגן־שיר, פאַרן דאַוונען פון פאַרנט: „אודה לאל לבב חוקר, ברן יחד כוכבי בוקר״ (איך לויב גאָט, דעם האַרץ־פאַרשער, ווען ס׳זינגען צוזאַמען די מאָרגן־שטערן).

ווען עס ווערט טאָג און איך דערזע דעם וואולגאַרן יאַרידביים פּאָרט, די ניט־ציכטיקע קיכן, די ניט־ריינע כלים און געפעס־טיכלעך, פאַרליר איך מיין אַפּעטיט, כאָטש די לאַנגע וואַך־נאַכט האָט מיך נישקשהדיק אויסגעהונגערט. איך פאַרלאָז דעם פּאָרט און גיי אַריין אין שטאָט.

אין שטאָט ווער איך אַרומגערינגלט פון אַ מחנה אָפּגעריסענע און צע־קריפּלטע מענטשן, — פרויען און מענער, קינדער און זקנים, — וועלכע בעטן און מאַנען הילף. ניט געקוקט אויף מיין אויסגעלערנטער שפּאָרזאַמקייט, אָדער קאַרגקייט, אין איטאַליע, פאַרגעס איך אַ וויילע, וואָס עס מיינט פאַר מיר צו בלייבן אָן מיטלען אין אַ פרעמדער מדינה, און צעטייל מיינע סאָל־דעס״ און „פּרוטות״. דאָס פאַרערגערט נאָך די לאַגע. די מחנה מאַנענ־דיקע קבצנים אַרום מיר ווערט כסדר גרעסער און דראָענדיקער. איינ־זעענדיק די געפאַר, רייס איך זיך אַרויס פון מיין אַרומרינגלונג און לויף שנעל אַרויף די טרעפּ, וואָס פאַרבינדן איינע מיט די אַנדערע די נעאַפּאָלער גאַסן, וועלכע דרייען זיך אַרום אַ באַרג ווי ספּיראַלעס, שרויפן און פראָפּנ־ציערס, אַלץ העכער צום שפּיץ. איך בין דאַר און פלינק און דערגרייך גיך אַלץ וויטערע און העכערע גאַסן ביז איך קום אַרויס אין אַן אַנדער טייל שטאָט וואו איך צי ניט מער אויף זיך קיין שום אויפמערקזאַמקייט.

ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און שטערונגען, זע איך דאָך אין נעאַפּאָל כמעט אַלץ, וואָס איז פאַראַן צו זען אין שטאָט און אין דער אומ־געבונג, פון היסטאָרישן און קינסטלערישן ווערט.

איבער אַ חודש דויערט מיר מיין וועג פון מילאַנאָ אין צפון ביז נעאַפּאָל אין דרום. אין די דאָזיקע פינף וואָכן דערלערן איך, מער־ווייניקער, זיך צוזאַמענריידן אין איטאַליעניש. אין דער געגנט פון נעאַפּאָל נעמט מען מיך אָן ערטערווייז אפילו פאַר אַן עכטן איטאַליענער פון וויטן צפון, וועל־כער רעדט דעם איטאַליעניש פון די מילאַנעזער, וואָס איז אַנדערש ווי דער נעאַפּאָליטאַנער.

מיינע נייע באַקאַנטע אין דרום פון נעאַפּאָל ריידן מיך אָפּ פון צו גיין נאָך וויטער אין דרום אויפן וועג קיין סיציליע. זיי זאָגן מיר, אַז יענע

פראָווינץ, פון וועלכער זייריידן, ווי פון אַ פרעמדן לאַנד, איז פול מיט גזלנים און רויבער. זיי שרעקן מיך, אַז דאָרט וועלן זיך געפינען בעלנים אויף מייַנע קליידער און זיי וועלן מיך איבערלאָזן מוטער־נאַקעט. ס'איז אפילו ניט אויסגעשלאָסן, אַז מ'זאָל דאָרט אויך אָוועקנעמען מייַן לעבן... צוערשט נעם איך ניט ערנסט אָט די אַלע פּחדים און גיי מיר ווייטער מייַן וועג, נאָר די שוועריקייטן זיך צונויפצורעדן מיט די טונקל־הויטיקע סיציליאַנער, וועלכע זעען אויס און ריידן אַנדערש אפילו ווי די איטאַליענער פון דרום, אַנטמוטיקן מיך. דערצו ווערט דאָס וועטער אַלץ הייסער און מייַן גאַנג אַלץ שווערער. כ'האָב אויך ניט פאַרגעסן דעם זון־שלאַג אָדער זון־שטאָך, וואָס כ'האָב געקראָגן אין נעאַפּאָל אין מערץ. איך ווייס די דאַטע, ווייל מייַן מורא צו שטאַרבן דאָרט, און שרה שפרה זאָל ניט וויסן וואו איך בין אַהינגעקומען, באַוועגט מיך אַרייַנצוגיין אין פּאָטשט און אָוועקשיקן אַ קאָרטל דעם 19־טן מערץ צו דער משפחה אין לאָנדאָן. דער געדאַנק, אַז איך קאָן קריגן אַ געפערלעכן זון־שטאָך אין סיציליע אין אַפּריל, באַוועגט מיך צו אונטערברעכן מייַן גאַנג אַהין און זיך פאַרקערעווען צוריק קיין צפון.

אַזוי ווי אין ווייטן דרום איז איטאַליע גאַנץ שמאָל, גיי איך מייַן וועג צוריק אין אַ זיג־זאַג צווישן אַדריאַטישן און מיטללענדישן ים. ווען איך דערוויס זיך, אַז כ'האָב עפּעס וויכטיקס אויסגעלאָזן, שטער איך זיך ניט און איך גיי אַהין צוריק פון מזרח קיין מערב אָדער פון מערב קיין מזרח.

קאַפּיטל הונדערט און צוועלף

דאָס הויז־געזינד פון סינדאַקאָ לואידזשי גראַציאַ

דאָס הויז־געזינד פון סינדאַקאָ*) לואידזשי גראַציאַ, אָדער גראַסיאַ, דער בירגערמייסטער פון קאַסערטאַ, אין דער געגנט פון קאַסינאָ, באַטראַכט איך צווישן די בעסטע מענטשן, וועלכע איך האָב געטראָפן אין איטאַליע.

אַרייַנגעפירט צו אָט די גוטע מענטשן האָט מיך זייערער אַ קרוב, אײַנזשינער גרעגאָריא פּאַנזאָ. מיר טרעפן זיך ביידע צופעליק אויפן שליאַך,

---

*) פון דעם טיטל „סינדאַקאָ", פאַר בירגערמייסטער, שטאַמט אַפנים אויך דאָס יידישע וואָרט „סנדק" אויף אַ „ברית" פאַר דעם יעניקן, וואָס האַלט אויף זיין שויס דעם קליינעם יידישן יינגל, בעת דער צערעמאָניע פון אַרייַנעמען עס אינעם „ברית" (בונד) פון אברהם אבינו, אַלס אַ זון פונעם יידישן פאָלק.

ביי אַ פּאַנטאַן, וואו איך זעץ זיך אָפּרוען. כ׳בין שוין זייער אויסגעמאַטערט: מיינע קליידער און שיך — שטאַרק אָפּגענוצט, און מיינע פיס — מיד און צעוואונדעט.

דורכן ביסל דייטש און ענגליש, וואָס ער האָט געשטודירט, און דעם ביסל איטאַליעניש, וואָס איך האָב דערלערנט דאָ אין לאַנד, ריידן מיר זיך נישקשהדיק צוזאַמען. ווען ער קריגט פון מיר אַרויס די אינפאָרמאַציע, אַז איך בין אַ סטודענט פון כעמיע און פיזיק, פאַרפירט ער מיט מיר אַ שמועס, וואָס ווערט ביסלעכווייז און אינדירעקט אַ מינדלעכער עקזאַמען, וועלכן כ׳האַלט אָפּנים גוט אויס. ער דערקלערט מיר, אַז ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך דאָ געטראָפן און בעט מיך אַריינצוגיין מיט אים אין אַ הויז, וואו כ׳וועל זיך קענען אויסרוען און דערפרישן.

ניט גערן גיי איך מיט אים אַריין אין דעם פיינעם זויבערן הויז פונעם סינדאַקאָ, כאָטש איך באַמערק, אַז ס׳איז ווייט פון צו זיין איינס פון יענע הויפן, וועלכע איך זוך אויסצומיידן. נאָר באַלד ווי כ׳קום אַריין אין זייער שטוב, שאַפן זיי דאָרט אַלע אַרום מיר אַזאַ אמת מענטשלעכע אַטמאָספערע, אַז כ׳פיל זיך אינגאַנצן צווישן אייגענע מענטשן.

היפשע עטלעכע טעג בין איך זייער גאַסט. זיי גיבן מיר וויגאַדע, מאַכן מיר בעדער, צעוואַשן מיינע וועש, מאַכן צורעכט מיינע העמדער און פאַר־צירעווען מיינע זאָקן. זייער שניידער פאַרריכט און פרעסט אויס מיינע קליידער און זייער שוסטער מאַכט גאַנץ מיינע שיך. זיי היילן אויך אויס מיינע צעוואונדעטע פיס. כ׳ווער געזינטער און פרישער און זיי קוועלן אַלע אָן דערפון, ווי כ׳וואָלט געווען זייערער אַ נאָענטער קרוב. ווען זיי געזעגע־נען זיך מיט מיר, גיבן זיי מיר מיט אַלערליי מתנות און נאַשערייען אין וועג. אויף מיין פאָרשלאָג, שרייבן זיי אויף פאַר מיר זייערע נעמען און אַדרעס אויף אַ פּאַפּיר: דער סינדאַקאָ, די פיר טעכטער: בעטינאַ, עלווירא, אמעליא און טערעזאַ, דער אינזשיניער גרעגאָריאָ פאַנזא און די צוויי הויז־פרויען פראַנטשעסקאַ ליבעראַטי און סאַבינא קאַטאַנעלאָ. מ׳פירט מיך צו מיט אַ פור צום באַן קיין רוים, פאַר וועלכן פלאַץ דער אינזשינער האָט פאַר מיר גע־קראָגן אַ בילעט, און מיר אָנגעזאָגט זיך צו שטעלן באַלד אין פאַרבינדונג מיט לאַנדאַן און ניט מער גיין צופוס.

אַזוי ווי כ׳האָב אין זיין פּאָסט־קאַרטל פון נעאַפּאַל קיין לאַנדאַן אָנגע־געבן מיין אַדרעס „פאָסט־רעסטאַנט" אין פירענצי (פלאָרענץ) ברענג איך ניט אויס קיין צייט ווידער צו באַטראַכטן רוים, נאָר פאָר אַוועק דירעקט קיין פלאָרענץ.

גאָר אָפט באַגעגן איך אין איטאַליע מענטשן מיט רעכט־יידישע פנימער, ווען איך פרואוו אָבער זיי באַגריסן אין יידיש, לשון־קודש אָדער תרגום־

לשון מיט אַ פּאָפּולערן וואָרט פון סידור, קוקן זיי מיך אָן פּאַרוואונדערט און איך פאַרשטיי, אַז דאָס זיינען ניט קיין יידן. נאָך אַ סך אַזוינע טעותן פאַרלאָז איך זיך ניט מער אויפן יידישן אויסזען און הויב אָן זוכן ווירקזאַמערע מיטלען, ווי אַזוי צו דערקענען יידן אין איטאַליע. פון מיינעם אַ שמועס מיט דעם פריער־דערמאָנטן אינזשינער גרעגאָריאַ פּאַנזאַ, מאַכט אויף מיר אַ באַזונדער איינדרוק זיין ענטפער אויף מיין באַמערקונג, אַז איך קען ניט אונטערשיידן אין איטאַליע צווישן אַ יידן און אַ ניט־יידן. ער באַמערקט דערצו, אַז אויך ער קען ניט אונטערשיידן צווישן יידן און ניט־יידן אין אַנדערע לענדער, אָבער די פון איטאַליע גופא קען ער קיינמאָל ניט פאַר־בייטן... דאָס ברענגט מיר אויפן געדאַנק צו זוכן יידן אין איטאַליע מיט דער הילף פון ניט־יידן. און דאָס געלינגט מיר ביז אַ געוויסער מאָס. איך באַקען זיך מיט יידן פון אַ ריי שטעט און שטעטלעך און קוק זיך צו צו זייערע רבנים, חזנים, שוחטים, גבאים און שמשים און באַזוך אויך זייערע שולן, תלמוד־תורהס, סינאַגאָגן און טעמפּלען ווי אויך די פאַרשיידענע חברות און אַנשטאַלטן. איך זע אויך אויפשריפטן אין שול־הויפן אויף לשון־קודש און געפין דאָרט יינגלעך און יונגעלייט, מיט וועלכע איך רייד זיך צונויף אויף אָט דער שפּראַך.

באַטראַכטנדיק פון נאָענטן די איטאַליענישע רבנים זע איך איין, אַז אַ סך פון זיי, און אַפילו „ראַבינאָ־מאַדזשאָרעס״ (אויבער־רבנים אָדער „רב־הכולל״) האָבן ניט געלערנט קיין גמרא און ניט אַלע וויסן זיי דעם באַ־טייט פון די נעמען „גמרא״ און „תלמוד״. זייער לומדות שטאַמט דאָס רוב פון דעם ענציקלאָפּעדישן ספר „פחד יצחק״, וועלכן זיי רופן אָן אויפן נאָמען פון זיין מחבר, „לאַמפּוראַנטי״, וועלכער איז ביי זיי אַזוי חשוב, ווי דער „רמב״ם״ אָדער דער „אלפ״ס״ אין מזרח־אייראָפּע. צוליב מיין באַקאַנטשאַפט מיטן תלמוד, באַטראַכטן זיי מיך פאַר אַ באַדייטנדיקן למדן און זיי רופן מיך אָן „דאָקטאָר תלמודי״ (דאָקטאָר פון תלמוד).

איך זע ביי די איטאַליענישע רבנים קאָסטבאַרע אַלטע ספרים, נאָר די סאַמע ווערטפולע האָט פון זיי אַרויסגעקראָגן (אָדער ווי זיי רופן עס אָן: „אויסגענאַרט״) דער אַמעריקאַנער יידישער ספרים־הענדלער, אפרים דיינארד, וואָס פלעגט זיך פאַרשטעלן פאַר זיי מיט זיין וויזיט־קאַרטל *), אויף וועלכן עס איז אָנגעגעבן, אַז ער איז אַ „ספּעציעלער שליח״ פון דער ביי זיי הויך־אָנגעזעענער יידישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, „אַליאַנס איזראַ־עליטא אוניווערסעל״, אָדער „כל ישראל חברים״. זיי האָבן אים דעריבער אַוועקגעגעבן גאַנצע ביבליאָטעקן פון אַלטע יקר המציאותן.

---

* אַזאַ וויזיט־קאַרטל זיינע געפינט זיך אין מיין אַרכיוו.

חברנדיק זיך מיט עכט איטאַליענישע יידן האָב איך גלייכצייטיק אויך דערפילט דעם ספּעציעלן איטאַליענישן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז דער עיקר אַ פּראָדוקט פון מיטלאַלטערלעכן קאַטוילישן פאַנאַטיזם און ווערט אויפגעהאַלטן פון דער מעכטיקער קאַטוילישער קירך. מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַט דעם אַנטיסעמיטיזם איז געווען אין אַלעקסאַנדריע, אין צפון איטאַליע, וואו עס זיינען אַמאָל געווען יידישע דרוקן און פאַרלאַגן און דאָס ביסל דאָרטיקע יידן באַשטייט איצט פון אָרעמע האָרעפּאַשניקעס. ווען איך בין געקומען אין אָוונט איבערנעכטיקן אין מיין צימער, וואָס מען האָט בייטאָג מיר פאַרדונגען מיט צופרידנקייט, לאָזט מען מיך ניט אַריין מיט דער דערקלערונג, אַז מען האָט מיך נאָכדעם געזען אַרומגיין מיט אי־טאַליענישע „עבּרעאַ״ (יידן)...

אין דער זעלביקער צייט זיינען די יידן פון אַ סך שטעט און שטעטלעך גאַנץ אַסימילירט, כאָטש עס געפינען זיך אויך צווישן זיי אויסערסטע נאַ־ציאָנאַליסטן. למשל, אין רעדזשיאָ קלאָגט זיך פאַר מיר אַ יונגערמאַן, אַז דער דאָרטיקער שוחט האָט חתונה געהאַט מיט אַ „גויה״. אויף מיין באַ־מערקונג: מסתמא האָט זי זיך מגייר געווען, שרייט ער אויס מיט כעס: זי איז דאָך פאָרט ניט קיין יידישע, און ער שטרייכט אונטער: אַ גויה בלייבט אַ גויה, אַפילו ווען זי נעמט אָן די יידישע אמונה״.

טראַגיש זיינען דאָרט יענע יידישע פאָלקס־מענטשן, דאָס רוב באַל־מעלאָכעס, וואָס זיינען געבליבן אויף דער עלטער פאַרלאָזן פון זייערע פול־שטענדיקע אַסימילירטע קינדער און קינדסקינדער. אין ייד אַזאַ ברענגט מיר צוטראָגן אָן אַלט תהילימל און דערציילט מיר, אַז דאָס איז אַ ירושה פון זיין זיידן. זיין טאַטע האָט עס שוין ניט געקענט לייענען, נאָר עס אָפּ־געהיט. צוליב דעם האָט ער, דאָס אייניקל, עס ביז איצט געהאַלטן. ער איז אָבער זיכער, אַז זיינע קינדער, וועלכע האָבן זיך אויסגעמישט מיט קריסטן, וועלן עס אַרויסוואַרפן. ער בעט מיך דאַרום, אַז איך זאָל עס פון אים איבערנעמען, כדי דאָס זאָל בלייבן אין יידישע הענט *).

אין פּאַרמאַ באַקען איך זיך מיט אַ רב און אַ רביצין,ביידע סימפּאַ־טישע יונגע מענטשן, וועלכע באַמיען זיך שטאַרק אויפצוהאַלטן דעם יידישן באַוואוסטזיין אין זייער קהילה. זיי ליידן אָבער מאַטעריעלע נויט און בעטן מיך, צו רעקאָמענדירן זיי צו יידישע פאַרשער פאַר וועלכע זיי זאָלן קענען קאָפּירן די יידישע קולטור־אוצרות (מאַנוסקריפּטן אין יידישע שפּראַכן, מיט

---

*) אַט דאָס קליין תהילימל דאַרף זיך נאָך געפינען אין מיין ביבליאָטעק אינעם ייוואָ.

באַדייטנדיקן יידישן אינהאַלט), וועלכע געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק פון פּאַרמאַ.

אַ היימישן רב פון מזרח־אייראָפּע — אַן אָרטאָדאָקסישער משכיל, דר. מרגליות — טרעף איך אין פלאָרענץ. ער האָט דאָרט דעם טיטל „ראַבינאַ מאַדזשיאָרע" (אויבער־ראַבינער) און פירט אָן מיט אַ קליינער ישיבה, וועלכע גילט דאָרט פאַר אַ ראַבינער־שול. מיר האָט דאָרט אַלץ אויסגעזען פרעמד: די סינאַגאָגע, וואָס האָט אויף זיך אַ צלם — דעם הערב פון דער איטאַליענישער מלוכה — די ישיבה־בחורים, וועלכע קאָנען נאָך דערוויַיל ניט מער לערנען, ווי אָנפאַנגענדיקע תלמוד־תורה קינדער אין מזרח־אייראָפּע, דער „ראַבינאַ מאַדזשיאָרע" וועלכער רעדט צו מיר אין דייטש, אָנשטאָט אין לשון־קודש, ווי דאָס טוען די אייַנגעבאָרענע איטאַליע־נישע רבנים, אָן אונטערשייד פון ספרדים און אַשכנזים. ער ווערט מיר טאַקע אַזוי נאָענט, ווי יענע, ווי, למשל, דער אייַנגעבאָרענער איטאַליעני־שער רב פון רעדזשיאָ, אליעזר לאידע טעדעסקאָ, מיט וועמען איך קאָרעס־פּאָנדיר נאָכדעם.

דער איינציקער יידיש־ריידנדיקער מענטש, וואָס איך באַגעגן אין איטאַליע, איז אַ יונגער יידישער זינגער פון מזרח־אייראָפּע, וועלכער שטו־דירט מוזיק אין דער מוזיקאַלישער קאָנסערוואַטאָריע פון מילאַנאָ. מיר באַקענען זיך, ווען איך קום אַהין אָן אין מיטן חודש אַפּריל, בעת איך האַלט שוין ביים פאַרלאָזן איטאַליע און זיך אומקערן צוריק נאָך דער שווייץ. דער דאָזיקער יידישער מוזיק־סטודענט, פירט מיך אַריין אין דער סינאַגאָגע, וואו ער איז אַ משורר אָדער אַ בעל־תפילה. ער שטעלט מיך פאָר דעם „מנין" תהילים־זאָגער. יענע זייַנען מיך מכבד מיטן זאָגן פאַר זיי אַ קאַ־פּיטל תהילים; איך טו עס גערן, און זיי דריקן מיר אויס זייער צופרידנ־קייט.

ניט געקוקט אויף דאָס אונטערגיין פון אַ סך אַלטע יידישע קולטור־צענטערס פון תורה און חכמה אין איטאַליע, געפין איך נאָך דאָרט אומעטום יחידים, און אַמאָל אויך גאַנצע גרופּעס יידן, וועלכע גייען קעגן שטראָם פון דער אַסימילאַציע. לויט ווי זיי דערקלערן מיר, באַטראַכטן זיי זיך פאַר אַן אָרגאַנישן טייל פון דעם זעלביקן יידישן פאָלק, וועמעס ברייטע פאָלקס־מאַסן געפינען זיך אין מזרח־אייראָפּע, און דורך וועמעס לעבעדיקער יידי־שער קולטור זיי האָפן אויפצולעבן און פאַראינגערן דעם רעשטל יידן אין איטאַליע.

*
**

לודוויג שטיין איז געווען מיין בעסטער פּראָפעסאָר אין בערן, שווייץ. איך בין דאָרום געווען שטאַרק צופרידן זיך צו טרעפן מיט אים דאָ אין איטאַליע. צוליב דעם וואָס איך בין היינט געווען אין פּאַטשט און אַוועקגעשיקט אַ קאַרטל צו דער משפּחה אין לאָנדאָן, ווייס איך, אַז היינט איז דער אָכטער אַפּריל. דער ווינטער־סעמעסטער איז שוין לאַנג געענדיקט און דער רייכער פּראָפעסאָר לודוויג שטיין פאַרברענגט אָפּנים די פרילינג־קאַניקולן אין מיטל־איטאַליע

איך נעכטיק אין פלאָרענץ אין אַן אַריינפאָר־הויז פאַר פּילגרימען, וואו איך צאָל פאַר מיין נאַכטלעגער סך־הכל צוויי „סאָלדעס", וויניקער פון אַ האַלבע ענגלישע פּעני. דער פּלאַץ איז ריין און איין בעטל פון דער צווייטער איז גענוג אָפּגערוקט. נאָר די נעכט זיינען איצט היס און יעדער פון אונדז איז איינגעוויקלט אין אַ ליילעך אָנשטאָט אין אַ נאַכט־העמד. די ערשטע נאַכט דאָרט אין אַריינפאָר־הויז האָט מיר פאַראורזאַכט אומאַנגענעמלעכקייט איבער דעם וואָס איך האָב געזאָגט, אַז איך קום אַהער פון דער שווייץ. דאָס איז נאַטירלעך געווען דער פולער אמת, נאָר אַ שווייצער בחורל, וואָס האָט אָנגעהויבן צו מיר צו ריידן אין בערנער „שווייצעריש" און איך האָב אים געענטפערט אין „האָכדייטש", האָט מיך דערקלערט פאַר אַן אָפּנאַרער. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים באַלד איבערצייגט, אַז איך בין אַ סטודענט אין דער שווייץ. און אַז אפילו אין בערנער אוניווערזיטעט רעדט מען ניט דעם בערנער „שווייצעריש" (דיאַלעקט) נאָר „האָכדייטש". ער האָט באַלד צוגעגעבן, אַז ער איז געווען קעגן מיר אומגערעכט. דאָך האָט ער אַ טענה צו מיר, פאַרוואָס האָב איך תיכף ניט אָנגעגעבן אין וועלכן לאַנד איך בין געבאָרן געוואָרן?

***

זינט איך האָב פאַרלאָזן נעאַפּאָל האָב איך אין קיין שטאָט ניט פאַרבראַכט אַזוי לאַנג ווי אין פלאָרענץ. איך האָב געענוי באַטראַכט ניט בלויז אירע קונסט־מוזייען, מאָנומענטן און היסטאָרישע פּלעצער ווי למשל: דעם פּלאַץ וואו די קאַטוילישע קירך האָט געלאָזט פאַרברענען אויפן שייטערהויפן דעם ערלעכן, אויפריכטיקן קריסטלעכן רעפאָרמאַטאָר סאַוואָנאַראָלאַ. באַזונדערס האָב איך זיך פאַראינטערעסירט אין די פּלעצער, וואו דער איטאַליענישער וועלט־דיכטער דאַנטע האָט געלעבט און פאַנטאַזירט אין פלאָרענץ. איך האָב אויך אַרומגעשפּאַצירט אין די ערטער, וואו ער האָט אַרומגעזוכט זיין געליבטע בעאַטריטשע, אַ ווירקלעכע אָדער אַן אויסגעחלומטע געליבטע. איך לעב איבער מיט אים זיינע ליידן און פריידן, וועלכע ער האָט באַשריבן אין זיין פּאָעטיש ווערק „וויטאַ נאָוואַ" (דאָס נייע לעבן).

עס איז דאָרום געווען פאַר מיר אַ גייסטיקע באַפרידיקונג, וואָס אויך מיין הויך־אָנגעזעענער פּראָפעסאָר, לודוויג שטיין, אַ הויך־געלערנטער פילאָ־זאָף, שפּאַצירט אַרום אויף דאַנטעס וועגן און חלומט מעגלעך אויך נאָך, ווי איך, דאַנטעס חלומות אין אַ מיטן פרילינגס־טאָג.

קאַפּיטל הונדערט און דרייצן

איך געזעגן זיך מיט איטאַליע

איך געזעגן זיך מיט איטאַליע דורך באַטראַכטן גענויער אירע שיינע פלעצער אין צפון. איך מאַך אַלערליי זיגזאַגן צו באַזוכן אַלע פלעצער אין צפון איטאַליע, וועלכע האָבן היסטאָרישע אָדער קינסטלערישע זעאונגס־ווערטיקייטן און אַמאָל ביידע צוזאַמען, ווי, למשל, פּיזא, וואָס דערמאָנט גאַליליייס רוף: „און די ערד באַוועגט זיך דאָך". פּיזא פאַרמאָגט אויך אַזאַ זעלטן קונסטווערק, ווי איר אויסגעבויגענעם טורעם. די דאָזיקע זיגזאַגן צווישן אַדריאַטישן און מיטללענדישן ים מאַטערן מיך שטאַרק אויס אויף מיין וועג צוריק נאָך דער שווייץ.

איין טאָג בלייב איך זיצן אַ פאַרחלשטער אין מיטן פון דער אויסער־געוויינלעכער פּראַכט ביי דער וואונדער־שיינער אָזערע קאָמאָ, נאָענט צו די אַלפּן פון דרום־מזרח שווייץ. איטאַליענישע פרויען רינגלען מיך אַרום, פירן מיך אַריין אין אַ שטוב און ברענגען אַ דאָקטאָר. ער פרעגט מיך, וואָס עס טוט מיר וויי? איך ענטפער אים נאָר איין וואָרט: „סטאַנקאָ" (מיד). ער אונטערזוכט מיך, דערקלערט, אַז איך בין דערשעפּט, איך דאַרף זיך גוט אויסרוען און עסן מער באַרהאַפּטע מאכלים ווי ביז איצט.

די דאָזיקע „רפואה" האָט דאָס איטאַליענישע שטעטל ביי דער קאָמאָ אָזערע מיר צוגעשטעלט מיט דער פולער האַנט מיט אמת־עכטער מענטשן־ליבע. אַדאַנק דער פריינטשאַפט פון די איינוואוינער אַרום דער אָזערע און צוליב מיין מעגלעכקייט זיך צוזאַמענצורעדן אין איטאַליעניש, קריג איך אַ סך געלעגנהייטן צו פאָרן היפּשע שטרעקעס מיט פורן און צו קריגן ביליקע באַן־בילעטן פון ניט־אויסגענוצטע רייזעס. אָט אַזוי דערנעענטער איך זיך כסדר צו דער גרויסער שיינער אינדוסטריעלער שטאָט מילאַנאָ ניט ווייט פון דער גרענעץ. דאָס מאָל לויף איך ניט דורך מילאַנאָ, ווי ביי מיין אָנקומען פון דער שווייץ אין מיטן פעברואַר. איצט, אין מיטן אַפּריל, פאַרברענג איך דאָרט אַ פּאָר טעג. איך באַזוך אַלע אירע זעאונגס־ווערטיקייטן, איך פאָר אָבער ניט פון דאָרטן מיטן באַן, דורכן אַלפּן־טונעל, מיט וועלכן איך בין אָנגעקומען פון דער שווייץ קיין איטאַליע, נאָר איך פאַרנעם זיך לינקס

צו באַזוכן די אַנדערע גרויסע אינדוסטריעלע שטאָט, טורין, ווי אויך די פּאָרט־שטעט גענוא, ליוואָרנאָ און אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון צפון־מערב איטאַליע, דורך וואַנען איך דרינג אַריין אין דער אַמאָליקער איטאַ־ליענישער מלוכה סאַוואָיאַ, וואָס געהערט איצט צו פראַנקרייך.

אין סאַוואָיאַ געפין איך ניט קיין סימן פון דער פויערישער פרייגט־לעכקייט און מענטשלעכקייט פון איטאַליע. די פויערים אין סאַוואָיאַ זיינען „פּעטי־בורזשוען", קליינבירגערלעכע, קלוגינקע דינער פון „מאַמאָן" (געלט). איצט פאַרנעם איך זיך דירעקט צו שווייצאַריע מיטן וועג צו זשענעווע.

אין זשענעווע טרעף איך מיין גאָענטן פריינט יעקב־מאיר זאַלקינד. מיר שפּאַצירן אַרום אַ היפּשע ווײַלע ביי דער זשענעווער אָזערע. אויף אונדזער שפּאַציר באַגעגענען מיר דעם רוסישן סאָציאַליסטישן פירער געאָרג פּלעכאַנאָוו, מיט וועלכן זאַלקינד קען זיך פּערזענלעך, און ער שטעלט מיך פאָר פאַר אים. פּלעכאַנאָוו איז אָנגעטאָן אין פּריצישע מלבושים, מיט ווייסע הענטשקעס און טראָגט אַן עלעגאַנט שטעקל אין האַנט. דאָס פאַרקלענערט אָבער ניט מיין גרויסן רעספּעקט פאַר אים אַלס דעם באַ־דייטנדיקן טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם, גלענצנדיקן שרייבער און רעד־נער. איך טרעף זיך אויך אין זשענעווע מיט דר. דניאל פּאַסמאַניק און אַנ־דערע דאָרטיקע איינוואוינער.

זאַלקינד איז איבערראַשט פון מיין פאַרברענגען איבער צוויי חדשים אין איטאַליע. ער רעדט מיט מיר אַרום מיין איצטיקע עקאָנאָמישע לאַגע און ראַט מיר צו באַזוכן דעם זשענעווער ראַבינער, וועלכער איז דער פאַר־טרויטער פון אַ סך „יאהודימשע" פילאַנטראָפּן אין מערב־אייראָפּע און האָט אונטער זיין קאָנטראָל באַדייטנדיקע געלט־סומען פאַר סטודענטישע סטיפּענדיעס, און אַזוי ווי איך לערן שוין דריי יאָר אין דער שווייץ, און דאַרף שוין אָנהויבן אַרבעטן אויף מיין לעצטן עקזאַמען פאַר דאָקטאָר־כעמיע, וועט דער דאָזיקער ראַבינער מיך געוויס באַזאָרגן מיט איינער פון די פילע סטיפּענדיעס, וועלכע ער האָט אין זיין רשות.

איך לאָז זיך איבעררײַדן פון מיין פריינט זאַלקינד אַריינצוגיין צו אָט דעם ראַבינער. איך זע אָבער באַלד איין, אַז די סטיפּענדיעס פאַר סטו־דענטן ווערן דורך אים געגעבן ניט לויט דעם וויסן, פייאיקייט אָדער נויט־באַדערפעניש פון דעם סטודענט. דאָס ווערט ניט אונטערזוכט, דאָס אינ־טערעסירט כלל ניט: אַלץ איז אָפּהענגיק פון אַ גבירס רעקאָמענדאַציע. אויסנאַמען ווערן אַמאָל געמאַכט פונעם ראַבינער פאַר פּראָפעסיאָנעלע שנאָרער, וועלכע שטעלן זיך פאַר אַלס סטודענטן און דורך פאַרשיידענע קונצן נאַרן זיי אויס ביי אים עטלעכע פראַנק.

אויף געבן עצות איז דער דאָזיקער ראַבינער גראָד ניט קאַרג. ער האָט

מיר געראטן אַריינצוגיין צו מיין באַקאַנטן חשובן פריבורגער יידן, הער באַרדמאַן, שילדערן פאַר אים מיין שלעכטע לאַגע, און בעטן ביי אים מאַטע־ריעלע הילף.

ווען דער אַלטער גרייז־גרויער ראַבינער זעט איין, אַז איך בין כלל ניט דאַנקבאַר פאַר זיין גוטער עצה און איך מאַך אַ זויערע מינע, האַלט ער פאַר מיר אַ „מאָראַל־פּרעדיגט" (מוסר דרשה): איך זאָל ניט זיין ביי זיך שטאָלץ, נאָר פּראַקטיצירן „אמתע ענויות...

צוליב זיין עלטער פאַרשווייג איך און זאָג אים ניט דאָס וואָס איך וואָלט מסתמא געזאָגט אַ יינגערן פון אים.

מיין וועג פון זשענעווע קיין בערן פירט דורך פריבורג, דאָך שטעל איך זיך דאָרטן ניט אָפּ. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז מאָרגן, דעם ערשטן טאָג פסח (21־טן אַפּריל), עפנט זיך אין פריבורג דער זומער־סעמעסטער 1902. איך בין אָבער כלל ניט זיכער, צי איך וועל ווידער קענען אויפנעמען מיין שטודיום. איך פאָר דאַרום ווייטער קיין בערן. דאָרט קריג איך לייען אַ צאָל פּראַנקן אויף טאַשן־געלט איך זאָל ניט זיין באַדרענגט, און אויך אויף צו „קלאַפּן אַ דעפּעשע" צו שרה שפּרהן קיין לאָנדאָן, אַז איך בין שוין דאָ צוריק פון איטאַליע. איך גיב אָן מיין אַדרעס ביי מיין מיטליאַריקן פריינט יוסף חיים הורוויץ, דעם סעקרעטאַר פון בערנער יידישן קלוב. אין דער יידישער קאָלאָניע איז מיין קרעדיט גוט און איך פאַרשרייב זיך צו זיין דאָרט די ערשטע טעג פסח.

ביי די סדרים איז לעבעדיק און פריילעך. מען זינגט לידער און מען שפּילט קלאַוויר. אַלע קענען מיך דאָרט און איך בין אַרומגערינגלט פון אַ סך גוטע פריינט. נאָר מיין אומרו וועגן שרה שפּרהן און די זאָרגן פאַרן מאָרגן מאַכן מיך אומעטיק און איך זיץ „ווי אַן אבל אויף אַ חתונה."

אַזוי ווי איך קריג ניט קיין ענטפער פון לאָנדאָן אויף מיין טעלעגראַמע, און איך בין ניט זיכער, אַז די לאָנדאָנער טעלעגראַף־סטאַנציע האָט איבער־געגעבן געגעוני דעם אַדרעס פון מיין בערנער פריינט, שרייב איך אַ פּאָר טעג שפּעטער אַ בריוו קיין לאָנדאָן. אין מיין בריוו רייד איך אויס שרה שפּרהן און דעם פעטער פאַר זייער ניט ענטפערן אויף מיינע פּאָסט־קאַרטלעך פון נעאַפּאָל און פלאָרענץ, דערמאָן איך אין קורצן מיין איצטיקע לאַגע און באַמערק, אַז שרה שפּרהס ענטפער וועט פרייער ווי אַלץ מיר ברענגען גייס־טיקע דערלייכטערונג, ווייל „מיין האַרץ איז פול מיט צווייפל און פאַרדרוס: צווייפל אין אונדזער קראַפט — פאַרדרוס אויף אַלץ וואָס עס האָט מיט מיר לעצטנס פּאַסירט."

אַכט טעג שפּעטער, אויף מאָרגן נאָך פסח, דערהאַלט איך ענדלעך אַ לענגערן בריוו פון לאָנדאָן. שרה שפּרה דערקלערט מיר, אַז דער בער־נער אַדרעס איז אין דער טעלעגראַמע ניט געווען קלאָר און זי האָט ניט

געוואוסט וואו צו ענטפערן. ערשט ווען מיין פריבורגער חבר, דער סטו־דענט וועקסלער, איז געקומען אויף פסח קיין לאָנדאָן און האָט זי באַזוכט, האָט ער איבערגעלייענט דעם בערנער אַדרעס. איר בריוו איבערצייגט מיך, אַז מיין אָפּזאָגן זיך פון שטודירן ווייטער, כדי שרה שפרה זאָל זיך קענען אָפּגעבן אינגאַנצן פאַר די יתומים פון איר יונג־פאַרשטאָרבענער מאַמען, האָט קיינעם קיין גוטס ניט געטאָן און אונדזביידן, שרה שפרהן און מיר, פאַרשאַפט אומזיסטעליידן. מיין אויפהערן שטודירן האָט אַוועקגענומען פון שרה שפרהן איר זין אין לעבן, זי איז געוואָרן אַפּאַטיש און איז ניט געווען מער אימשטאַנד צו אַרבעטן און פאַרדינען. זי האָט ניט געקענט שאַפן די מינדסטע הילף פאַר די יתומים, אַפילו ניט גענוג זיך אַליין אויס־צוהאַלטן. איר גאַנצע ענערגיע איז אַוועק אין באַווייגען איר מאַמעס פרי־ציטיקן טויט און אין פייניקן זיך פאַר איר כלומרשטער שולד אין דעם, ווי געוויסע צוריקגעשטאַנענע מיטגלידער פון איר משפחה האָבן עס איר כסדר פאַרגעוואָרפן. צוגלייך איז דער אונטערשייד צווישן איר פריערדיקן און איצטיקן פיזישן און מאַטעריעלן צושטאַנד געוואָרן אַ קוואַל פון אַלער־ליי רכילותן, באַריידענישן און בלוט־צאַפּערייען. עס האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז זי זאַמלט געלט אויף אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד. בייזוויליקע פערזאָנען האָבן איר פאַרגעוואָרפן, אַז זי האָט פאַרביטן איר מאַן אויף אַ אַנדערן און צוגלייך, אַז איר „גוטער מאַן" האָט זי, די „שלעכטע פרוי", פאַר־לאָזן. איר שווער אָרעם לעבן האָט אַרויסגערופן פאַרדאַכט אויך ביי מיינע גוטע פריינט. מען האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס קען זי גאָרניט אָפּ־שפּאָרן, ווען זי העלפט ניט מער איר מאַן אין זיין שטודירן און שטיצט אויך כלל ניט איר מאַמעס יתומים. מיטגלידער פון איר משפחה האָבן מיט איר איינגעטענהט, אַז איר „פאַרשוואונדענער" מאַן האָט זי שוין לאַנג פאַרגעסן און זי דאַרף געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך אָפּציעל שיידן און זי זאָל אָנהויבן פירן אַ ניי לעבן.

איינזעענדיק מיין טעות און איבערצייגנדיק זיך, אַז מיינע קרבנות זיינען געווען אומזיסטע, באַשליס איך פּרוּוון אָנצוהויבן פונדאַסניי מיין שטודיום. איך קום צוריק קיין פריבורג און הויב אָן זוכן מיטלען, ווי אַזוי צו קריגן ערגעצוואו אַ סטיפּענדיע. איך הויב אָן שרייבן בריוו צו אַלע, וועלכע האָבן אַזעלכע פאָנדן. מיינע בריוו האָבן אָבער ניט ווייך געמאַכט די הערצער פון די רייכע „פילאַנטראָפּן". זיי האָבן באַלד דערקענט, אַז דאָס שרייבט איינער, וואָס וועט זיך ניט בויגן און בוקן פאַרן גביר־מעצענאָט און מען האָט מיר אומעטום אָפּגעזאָגט. איך באַשליס אָבער סיי־ווי אָנצו־הויבן פונדאַסניי מיין שטודיום. נאָכן ערשטן מאַי פאָר איך אַריין צוריק אין פריבורג, נעם דאָרט אַ דירה, רעגיסטריר זיך פאַרן זומער־סעמעסטער אין אוניווערזיטעט און הויב אָן פירן אַ לעבן פון לייען און באַרגן כסדר, דער־

ביי לעב איך אויסערסט שפּאָרזאַם: זינט פּסח עס איך ניט קיין פליש, טרינק ניט קיין מילך, קיין קאַקאַאָ, קיין קאַפע און דערגלייכן. איך באַזוך אַלעמען, וועמען איך בין אַמאָל געבליבן עפּעס וואָס שולדיק אין פריבורג און זאָג צו יעדן עס אויסצוצאָלן ביסלעכווייז. אַלע זיינען צופרידן. מיין הויז־ווירט איז דער איינציקער, וואָס וויל איך זאָל אים דעם גאַנצן חוב אָפּצאָלן אויף איין מאָל. איך זאָג עס אים צו בתנאי ער זאָל וואַרטן ביז וואַנען איך וועל עס פאַר אים אָפּשפּאָרן.

דער אוניווערזיטעט אנערקענט, אַז איך בין שוין רייף צו נעמען אַר־בעטן פאַרן דאָקטאַר עקזאַמען פון כעמיע. ער אַדרעסירט מיך שוין אויך מיטן טיטל „הער קאַנדידאַט כעמיע”. ווען שרה שפרה דערוויסט זיך אַז איך בין ווידער אין פריבורג און איך האָב אָנגעהויבן צו שטודירן אויפ־דאָסניי פאַרשווינדט איר אַפּאַטיע, זי ווערט געזינטער פיזיש און גייסטיק און הויבט אָן אַרבעטן מיט נייע קרעפטן און ווערט ווידער פול מיט מוט און האָפענונג. נאָר צוגלייך שאַפט עס ביי איר אויך פאַלשע אילוזיעס. זי גלויבט אַז עמיץ העלפט מיר, און איך קען זיך אָפּגעבן רואיק מיט מיינע לימודים אָן שום מיטהילף פון לאָנדאָן.

קאַפּיטל הונדערט און פערצן

אין מיין לעצטן פריבורגער סעמעסטער

אין מיין לעצטן פריבורגער סעמעסטער האָב איך געלערנט מיט אויסערגעוויינלעכער התמדה, ניט געקוקט אויף מיין אויסערסט שלעכ־טער מאַטעריעלער לאַגע.

איך האָב זיך געפלייסט צו ווערן באַהאַוונט אין אַלע נויטיקע לימודים, וועלכע איך האָב אויסגעלאָזן צוליב מיינע וואַנדערונגען אין איטאַליע, און צוגלייך זיין פאַרגעשריטן אין אַלץ, וואָס מיר לערנען איצטער. דאָס האָט געמיינט אַרבעטן אָן אַ שיעור מער ווי אין די פריערדיקע סעמעסטערס און דערצו נאָך אונטער שווערע אומשטענדן.

פון לאָנדאָן קריג איך כמעט גאָרניט מער קיין שטיצע. שרה שפרה איז נאָך אַלץ ניט אימשטאַנד עפּעס וואָס אָפּצושפּאָרן. מיין פעטער, וועל־כער האָט מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק מיר געשיקט דורכשניטלעך פופציק פראַנק אַ חודש, דערקלערט פשוט, אַז ער קאָן מיר איצט גאָרניט העלפן. העכסטנס וועט ער מיר אַמאָל שיקן עטלעכע שילינג אויף טאַשן־געלט. דערפאַר איז ער אָבער ניט קאַרג מיט שאַרפע ווערטער קעגן מיין צאַרט פילנדיקער, ווייכהאַרציקער שרה שפרה. ער, דער איצט פּראַקטישער גע־

שעפטסמאַן, האָט פאַרלאָרן פאַר איר יעדע סימפּאַטיע צוליב איר אומאויפ־הערלעכן זעלבסטצעשטערנדיקן טרויערן נאָך איר מאַמעס טויט פאַר אַ משך פון פינף חדשים נאָכאַנאַנד. ער, דער „פאָלקאָמענער ענגלישער דזשענ־טעלמען", שטערט זיך דאָרום ניט אפילו איבערצוחזרן די רכילות און לשון־הרע פון אירע קעגנער, וואָס איך גלויב קיין וואָרט ניט.

ניט געקוקט אויף מיין נישטיקער הכנסה: דאָס ביסל טאַשן־געלט פון לאָנדאָן און די עטלעכע פראַנקן, וואָס איך קריג אַריין פון מיינע שילער — קאַטוילישע גלחים, מאָנאַכן און סעמינאַריסטן — מיט וועלכע איך לערן העברייאיש, דורך דער רעקאָמענדאַציע פון דעם אָריענטאַליסט פּראָפעסאָר הובערט גרימע, האַלט איך דאָך אָן מיין שטודיום אין דעם פריבורגער אוני־ווערזיטעט. איך לעב מיט „נישט" און צאָל נאָך ביסלעכווייז אַלטע חובות. דאָס אַלץ האָב איך טיילווייז צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס איך האָב אַ גוטע וואוינונג. זי קאָסט מיר ביליק און איז שיין איינגעשטעלט. די פענצ־טער קומען אַרויס אין אַ גאָרטן; די לופט איז געזונט און איינגענעם. עס איז אין איר שטיל און רואיק צו שטודירן. נאָר באַזונדערס ווירקט אויף מיר צום גוטן די פרייד פון מיין באַנייטער התמדה, מיט מיינע פאַרשריטן אין לערנען און מיט דער פריינטשאַפט צו מיר פון לערער און סטודענטן. פּראָפעסאָר ביסטדזשיצקי, מיין לערער פון כעמיע, דערמוטיקט מיך, אַז איך וועל ענדיקן אויף דאָקטאָר כעמיע אַזוי גוט ווי זיינער אַ פריערדיקער יידישער תלמיד (חיים ווייצמאַן), וועלכער איז איצט פּריוואַט־דאָצענט אין זשענעווע. ער איז אויך צופרידן, וואָס איך זע אויס געזינטער ווי אין פרי־ערדיקן סעמעסטער: מיין פּנים איז נאָך שטאַרק אָפּגעברענט פון מיינע וואַנדערונגען אין דער זוניקער איטאַליע.

באַזונדערס פריינטלעך איז צו מיר פּראָפעסאָר גרימע, מיין לערער פון סעמיטישע לימודים, און דער דירעקטאָר פון אָריענטאַלישן סעמינאַר, פון וועלכן איך בין אַ מיטגליד און פאַרברענג דאָרט מיינע זונטיקס אין לייענען פאַרשונגען פון יידישער און סעמיטישער געשיכטע. פּראָפעסאָר גרימע און איך, זיינען אינטים, ווי נאָענטע חברים און מיר פאַרברענגען אויך אָפט ביי אים אין זיין הויז. ער וויל איך זאָל ווערן אַ שווייצער בירגער. ער שילדערט פאַר מיר זיינע פּלענער, ווי אַזוי איך זאָל קריגן די בויטיקע דערלויבעניש דערפאַר פון דעם צאַרישן סענאַט אין סט. פּעטערסבורג און פון דער שווייצער פעדעראַלער רעגירונג אין בערן. ער איז איבערצייגט, אַז דער פריבורגער אוניווערזיטעט וועט מיך באַשטימען פאַר אירן פּרי־וואַט־אַנצענט פון כעמיע אַזוי גיך ווי איך וועל דורכמאַכן מיין כעמישן עקזאַמען. איך דריק אויס פאַר אים מיין שטאַרקן צווייפל צי אַט די פרי־בורגער קאַטוילישע אינסטיטוציע וועט אַזוינס טאָן פאַר אַ יידישן סטודענט. נאָר פּראָפעסאָר גרימע זאָגט, אַז ער איז אין דעם זיכער און ער דערקלערט

מיר, אַז ווען עס וועט זיין מעגלעך מיר איבערצוגעבן אַלע איינצלהייטן, וועל איך זיך איבערצייגן, אַז זי וועט צופרידן זיין דאָס צו טאָן.

אָט אַזוי לעב איך אַ געוויסע צייט כמעט נאָר מיט „רוחניות". נאָר אויב „מיט ברויט אַליין קאָן מען ניט לעבן", ווי די ביבל דערקלערט, איז אָן ברויט נאָך אַ סך שווערער, בפרט אַז איך דאַרף פון מיין איצטיקער הכנסה אָפּשפּאָרן ניט בלויז אויף דירה־געלט, נאָר אויך אויף צו באַצאָלן אַלטע חובות. מיין אויסגעהונגערטער גוף ווערט אָבער וואָס ווייטער אַלץ אָן ערגערע דירה אָדער לבוש, פאַר מיין גייסט און די „נשמה דאזלא אַרטילאַי", די היימלאָזע „נאַקעטע" נשמה, איז פאַר מיר ניט מער קיין הילף נאָר אַ שטערונג. איך לייד שטאַרקע קאָפּשמערצן און קאָן צייטנווייז אין גאַנצן ניט לערנען.

ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט שרה שפרה אָנגעהויבן קומען צו זיך זינט זי האָט געקראָגן מיין פּאָסט־קאַרטל, אַז איך בין ווידער אין פריבורג און לערן אויפסניי. זי הויבט אָן באַגרייפן, אַז זי דאַרף עפּעס מער טאָן פאַר איר מאַמעס יתומים, ווי באַוויינען דאָס, וואָס זייער דערציערין איז איצט כאַשע־רייזע קידולסקי, פון וועלכער זי האָט קענטיק ניט צו פיל. זי איז אָבער נאָך אַלץ ניט אימשטאַנד צו ווערן אַקטיוו און טאָן עפּעס וואָס ממשותדיק. זי באַנוגנט זיך דערווייל נאָר מיט בעטן מיך, אַז איך זאָל שרייבן צו איר טאַטן און אים פאָרשלאָגן פּלענער, וואָס צו טאָן פאַר זיינע קלענסטע צוויי יינגלעך. פאַר די עלטערע מיידלעך האָבן זי ביידע, שרה שפרה און איר פאָטער, ווייניקער זאָרג. זי איז זיכער, אַז ווען זי זאָל זיי האָבן לעבן זיך, וועט זי זיי לייכט אויסלערנען איר אַרבעט און זיי וועלן זיך קענען אַליין אויסהאַלטן. איר פאָטער וויל זיך אָבער ניט לאָזן קאָסטן זיי צו שיקן קיין ענגלאַנד. ער האָט בדעה זיי אַוועקצוגעבן אויף טערמינען צו קאָוונער נייטאָרינס און דערמיט ווערן פון זיי אינגאַנצן באַפרייט. וועגן באַזאָרגן די צוויי קליינע יינגלעך וויל ער, אַז זי זאָל קומען צו פאָרן קיין קאָוונע און זיי נעמען צו זיך. פאַר איינס וויל ער, זי זאָל פאַרקויפן זיינע אַלטע הילצערנע הייזער און אויך אויפמאָנען זיין אָפּגעשפּאָרט געלט, וואָס אויפגעקומענע נגידים, אומערלעכע ספּעקולאַנטן, האָבן אים איינגערעדט צו האַלטן ביי זיי פאַר הויכע פּראָצענטן און צעדרייען אים איצט אַפילו דעם קערן. דאָס אַלץ צוזאַמען קאָן באַטרעפן אַרום פופצן הונדערט רובל, גענוג צו באַזאָרגן די יתומים און עס זאָל אים נאָך בלייבן אויף איינצוצאָלן אין אַן אַנשטאַלט פאַר הילפלאָזע אַלטע לייט, וואו ער זאָל קאָנען אויסלעבן זיינע לעצטע יאָרן. זי וויל אָבער ניט פאָרן קיין קאָוונע. זי האָט מורא, אַז די צאַרישע רעגירונג וועט איר ניט לאָזן צוריקפאָרן קיין לאָנדאָן. זי גלויבט אויך כלל ניט, אַז זי וועט זיין אימשטאַנד אויפצומאָנען זיינע חובות פון די פאַרהאַרטעוועטע כיטרע געשעפטסלייט. זי פאַרלאַנגט דאַרום פון מיר איך

זאָל שרייבן איר טאַטן, ער זאָל שיקן די צוויי קליינע יינגלעך מיט עמיצן וואָס פאָרט קיין ענגלאַנד און זאָל מיטגעבן זעקס הונדערט רובל זיי איינ־צוואָרדענען דאָרטן.

צוגלייך האָלט זי נאָך אַלץ אין באַקלאָגן זיך פאַר מיר קעגן מיין מאַמעס קרובים, וועלכע האָבן ביי איר געמאַנט, פאַרוואָס זי ברענגט אויס אירע טעג אויף טרויערן און וויינען. זי איז אויך אומרואיק איבער אירן אַ חלום, אַז איר אַלטער טאַטע האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט און אים אַרט ניט מער פאַר די יתומים...

אין מיינע בריוו ענטפער איך איר, אַז איך האָב ניט קיין שום געמיינ־זאַמעס מיט די פאַמיליע קריגערייען אין לאָנדאָן. איך ליב זיי אַלעמען, כאָטש זיי האָבן מיר געלאָזט ליידן און ניט געטראַכט ווי אַזוי מיר צו העלפן, נאָר האָבן זיך אַרומגעקריגט, ווער פון זיי ס׳איז אין דעם שולדיק, און איך רוף אויס: „אָבער גענוג וועגן דעם! איך בין אייך אַלעמען מוחל. איך לעב און בין געזונט און פריש. וואָס ווילט איר נאָך? שליסט איצט פרידן!"

איך טייל איר אויך מיט, אַז איך האָב אַליין געשריבן צו איר פאָטער, נאָך איידער זי האָט געוואוסט פון איר מאַמעס טויט. איך האָב אפילו ניט פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל שיקן אַ געוויסע סומע. איך האָב נאָך דע־מאָלט ניט געוואוסט וועגן זיינע חובות ביי די נגידים, וואָס ער האָט ביי זיי גע־שפּאָרט אויף צו באַזאָרגן זיינע קליינע יינגלעך.

וועגן איר שלעכטן חלום, אַז איר טאַטע האָט ווידער חתונה געהאַט, שרייב איך איר, זי זאָל זיך ניט קימערן, ווייל חלומות זאָגן ליגן. דערביי שילדער איך פאַר איר מיינע שטימונגען נאָך איר מוטערס טויט, ווען זי, שרה שפרה, האָט זיך דערוואוסט דערפון און האָט מיר אָנגעהויבן שיקן „פּינצטערע בריוו" פון איר יאוש און פּיין, האָב איך געצווייפלט, צי זי וועט עס אויסהאַלטן, און דאָס לעבן איז מיר מער ניט איינגעגאַנגען. איך האָב געוואָלט פאָרן נאָך ליטע, זיך אָנצונעמען פאַר די קליינע יתומים; נאָך ענגלאַנד, כדי איר צו באַשיצן. נאָר „וועלן" און „קענען" איז שווער צו פאַר־אייניקן און דאָס האָט מיך געטריבן צו פאַרצווייפלונג. איך בין דעריבער, ווי דער נביא יונה, אַנטלאָפן פון מיין שיקזאַל... איך בין געלאָפן זיך ראַ־טעווען צום לעבן. יאָ, איך וויל מיר זאָלן אַלע לעבן, נאָר כדי צו לעבן מוז מען עפּעס וואָס טאָן. איך האָב געמיינט, אַז מיט מיין אָפּזאָגן זיך פון אָנ־צונעמען פון איר מאַטעריעלע הילף, וועט זי קאָנען זאָרגן פאַר די יתומים. זי האָט אָבער אויפגעהערט אַרבעטן, נאָר געוויינט און געשלאָפן און ניט אויפגעטאָן מער פון יענעם ישובניק, וועלכער איז געווען פול מיט רחמנות אויף דעם פרירנדיקן אָרעמאַן לעבן זיין הויז, נאָר גאָרניט געטאָן יענעם צו ראַטעווען.

אין ווייטערע בריוו בעט איך זי אויך, זי זאָל פאַר מיר ניט איבערחזרן

די באַליידיקונגען קעגן איר פון געוויסע משפחה־מיטגלידער. איך פאַרשטיי, שרייב איך, אַז אַט די גוט־מיינענדיקע קרובים האָבן זי צו־שטאַרק געוועקט פון שלאָף און זי איז נאָך אַלץ בייז אויף זיי דערפאַר.

ווען איר פאַרלאַנג, אַז איך זאָל קומען קיין לאָנדאָן, זאָג איך איר צו דאָס צו טאָן, ווען עס וועלן אויפהערן די קריגערייען צווישן זיי און זיי וועלן מער ניט באַריידן איינע די אַנדערע הינטער די אויגן, ווי לעצטן זומער. איך האָס אַזוינע צוויי־פּנימדיקייטן. איך האָב עס דעמאָלט שטאַרק באַ־קעמפט, כאָטש זייערע ביידע צדדים האָבן מיך דערפאַר געשטעמפּלט פאַר אַ „פרידן־שטערער."

אויסגעטשוכעט זיך אַ ביסל פון איר אַפּאַטיע, הויבט אָן שרה שפּרה מיך פרעגן, ווי אַזוי איך לעב און ווען איך טייל עס איר מיט, דערקלערט זי זיך גרייט מיר העלפן שאַפן די מאַטעריעלע מיטלען פאַר מיין דורכלעבן דעם היינטיקן זומער־סעמעסטער. נאָר זי קאָן עס נאָך ניט באַווייזן און זי בעט מיך האָבן געדולד. דערוויילַ אָבער הויבן מיר אָן אויסגיין די כוחות. אין שיינעם זומער־טאָג, ווען איך שטיי ביי מיין אַרבעט אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע אין פריבורג אוניווערזיטעט, ווער איך מיטאַמאָל זייער שוואַך. מיר דוכט אַז איך ברעך צוזאַמען. איך לויף געשווינד אַוועק אויף מיין קוואַרטיר, נאָר קיין ברויט האָבן איך דאַרט ניט מער, טרינק איך וואַ־סער און וואַש זיך אויך דערמיט מיינע וויטאָקדיקע שלייפן.

איך פאַרלאָז זיך דעריבער ניט אויף איר צעגעזאָגטער הילף, נאָר הייב אָן צו פּלאַנירן, ווי אַזוי אַליין זיך צו ראַטעווען. מיין ערשטער געדאַנק איז, זוכן אַ וועג צוריק קיין ליטע.

וועגן די קריגערייען אין דער משפחה שרייב איך איר אויך אין אַ שפּעטערדיקן בריוו. איך דערצייל איר דעם יידישן אַנעקדאָט וועגן די צוויי פּריצים, וואָס זאָגן: „דו שלאָגסט מיינע יידן, וועל איך שלאָגן דיינע". אַזוי וואַרפן מיר ביידע אַלע שולדן אויף דער משפחה: זי אויף מיינער און איך אויף אירער, און ווען זי זאָגט, אַז מיין משפחה וויל איך זאָל זיך מיט איר שיידן, קאָן איך פּונקט אַזוי זאָגן, אַז איר פאַמיליע ווינטשט מיר דעם טויט. איך וויל אָבער דורכאויס לעבן.

אַרבעט איך אויף אַ פּלאַן ווי אַזוי זיך אומצוקערן צוריק קיין ליטע און זיך דערנענערן דאָרטן פון געבן „שטונדן" און די איבעריקע צייט זיך פאַר־נעמען מיט זעלבסט־בילדונג צו ווערן אַ „יידישער געלערנטער", דאָס הייסט „אַ מענטש, וועלכער ווייסט אַ היפּש ביסל און לעבט דאָך אַ באַשיידענעם אָרעמען לעבן". דערביי וועל איך זיך אויך אָפּגעבן פאַר יענע געזעלשאַפט־לעכע באַוועגונגען, וועלכע איך וועל אָנערקענען פאַר די ריכטיקע. איך וועל שטרעבן נאָך דעם, וואָס איך האַלט פאַר אמת און גוט. איך וועל פאַר

דעם אַרבעטן אָן אונטערשייד, צי דאָס וועט מיך פֿערזענלעך פֿירן צום „גן־עדן" אָדער צום „גהינום", צי עס וועט מיר מאַכן אַ שיינעם נאָמען אָדער מיך אויסשליסן פֿון דער געזעלשאַפֿט און מאַכן פֿאַרהאַסט און פֿאַראַכט.

קאַפּיטל הונדערט און פֿופֿצן

מיין צווייטער אַריינפֿאָר אין לאָנדאָן

מיין צווייטער אַריינפֿאָר אין לאָנדאָן איז געווען גאַנץ פֿאַרשידן פֿון מיין ערשטן אַריינפֿאָר מיט אַ יאָר צוריק. מיינע קרובים, וועלכע האָבן דער־מאָלט (אָנהויב יולי 1901) מיך אויפֿגענומען מיט ליבשאַפֿט און זיינען געווען אויך העכסט פֿריינטלעך צו שרה שפּרהן, זיינען איצט בייז אויף איר, צוליב איר אַפּאַטיע און ווילנלאָזיקייט אין דעם האַלבן יאָר נאָכן טויט פֿון איר מאַמען. זיי ווילן אפֿילו איך זאָל זיך מיט איר שיידן.

אַזוי ווי זי היט אָפּ מיין באַדינג, אַז מיר זאָלן האָבן אַ באַזונדער צימער פֿאַר אונדז אַליין, בין איך אַ ווײַלע אַוועק וואוינען אויף אַ פּריוואַטער קוואַר־טיר. די קרובים טריאומפֿירן, אַז איך דערפֿיל זייער וואונטש. זיי אַנטוישן זיך אָבער, באַלד ווי מיר קריגן אַ קאַמער פֿאַר אונדז ביידן. זיי זעען איין, אַז איך וועל בשום אופֿן זיך פֿון איר ניט שיידן און זיי ווערן ביסלעכווייז ווידער פֿריינטלעך צו איר.

אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, הויב איך אָן זוכן מיטלען צו קענען געבן צושטייער צו אונדזער באַלעבאַטישקייט. איך פּלאַניר צו געבן שטונדן, — לערנען מיט היגע געבאָרענע שול־קינדער און מיט איינגעוואַנדערטע דער־וואַקסענע. דערוויל בין איך אָבער צופֿיל אָפּגעשוואַכט פֿון מיין שווערן לעבן לעצטנס אין פֿריבורג און נויטיק זיך אין דערהאָלונג און צעשטרייאונג. איך פֿאַרברענג דאָרום איצט, ווידער ווי פֿאַראַיאָרן זומער, אין רוען און אַרומשפּאַצירן אין די שיינע פֿאַרקן נאָענט פֿון קעניגלעכן פּאַלאַץ, וואו איך טרינק אויך ווידער, ווי לעצטן יאָר, פֿריש מילך פֿון קי.

פֿריש מילך טרינק איך איצט אויך אָפֿט אין וויטשעפּל. די הויכע שלאַנקע גיטקע עטלס, מיט וועלכער איך האָב געלערנט צוזאַמען תנ"ך ביי שמעון דעם „פּאָדראַטשיק", האָט חתונה געהאַט מיט מענדקע ישעיה־יאַנקל לעבנטשנערס, און זיי האָבן אין לאָנדאָן אַ „דעירי" (מילך־געשעפֿט), וואו זיי פֿאַרקויפֿן מילכיקס פֿון זייערע אייגענע קי. זיי פֿאַרהאַלטן זיך ביידע צו מיר זייער פֿריינטלעך, ווי איך וואָלט געווען זייער אַ לייבלעכער ברו־דער. גיטקע דערמאָנט מיר אַמאָל, אַז נאָך דעם פּריצייטיקן טויט פֿון איר

טאַטן, האָבן מיין באָבע און זיידע זיך באַנומען צו אירע צוויי יונגע ברידער ווי צו אייגענע זין.

ווידער ווי פאַראַיאָרן באַטראַכט איך די דעקאָראַציעס לכבוד דער קרוינונג פונעם נייעם ענגלישן קעניג, וועלכע איז לעצטן זומער, צוליב זיין קראַנקהייט, אָפּגעלייגט געוואָרן אויף דעם היינטיקן זומער.

מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט באַטראַכט איך די פּאַוויליאָנען און אַרקעס (פּראַכט־טויערן) פון די בריטישע קאָלאָניעס אויפגעשטעלט אין צענטער פון שטאָט צווישן שיינע פּאַרקן און פּאַלאַצן. פון די פּאַוויליאָנען געפעלט מיר באַזונדערס דער קאַנאַדער. ער אַנטהאַלט אַ רייכע אויסשטע־לונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון קאַנאַדע, וועלכע ווערט דאָ באַצייכנט, ווי די שפּייז־קאַמער פון דער בריטישער אימפּעריע. דער קאַנאַדער גרויסער טויער איז קינסטלעריש אויסגעפלאָכטן פון פלאַנצן און באַפּוצט מיט בלומען. זיין הויכער דאַך אין דער פאָרעם פון אַ ריזיקער קעניגלעכער קרוין איז געמאַכט פון העל־ברוינער שטרוי און בלישטשעט אין דער זון ווי גאָלד. אָנגעשטעלטע, אָנגעטאָן אין ספּעציעלע מונדירן, באַטן־אָן צו פאַרקויפן אַלערליי סואווענירן, צווישן דעם אויך פּיר־קאַנטיקע זיידענע טיכלעך, אויף וועלכע ס׳איז געדרוקט דאָס פּראָגראַם פון דער קרוינונג מיט בילדער פון דעם גרייז־גרויען בערדיקן „פּרינץ אָף וועילס״ — דער נייער קעניג עדוואַרד דער זיבעטער, און זיין פרוי — די קעניגין אַלעקסאַנדרע, אַ שוועסטער פון רוסישן צאַר ניקאָלאַיס מאַמע, מאַריע פיאָדאָראָוונאַ, ווי אויך באַזונדערע געמעלן פון די פאַרשיידענע קאָלאָניאַלע פּאַוויליאָנען און טויערן. איך קלייב אויס פאַר זיך צום אָנדענק צוויי סואווענירן: די קרוינונג פּראָגראַם און דאָס בילד פון קאַנאַדער טויער, וועמעס שטרויערנער דאַך דערמאָנט מיר אין מיין דאָרף אין דער אַלטער היים.

אין „איסט ענד״ (מזרח זייט פון לאָנדאָן) טרעף איך מיינע באַקאַנטע פון לעצטן זומער: דעם „פּאַקעט־מייקער״ (בייטל־מאַכער) דוב־בער אבערסאָן און דעם דרוקער ישראל גאַראַדיצקי מיט זיין פרוי. אַן אָנגענעמע איבער־ראַשונג איז מיר דאָס טרעפן זיך דאָ מיט מיינער אַ פּאַרטיי חברטע פון דער געהיימער ווילנער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן״ אין מיטן פון די ניינציקער יאָרן, מאַניע די וועש־נייטאָרין. איך פריי זיך מיט איר, ווי מיט אַ ליבלעכער שוועסטער און פרעג זיך ביי איר נאָך מיט נייגעריקייט וועגן אונדזערע דעמאָלטיקע ווילנער חברטעס און חברים ווי וועגן סאַמע נאָענטע קרובים. איך טרעף זיך אויך מיט מיין פריבורגער חבר, סטודענט וועקסלער, וועלכער פאַרברענגט דאָ ביי זיין כלה, דע־סילוויע, אין „וועסט ענד״, דעם רייכן מערב־טייל פון לאָנדאָן. זי וואוינט צוזאַמען מיט אירע צוויי שוועסטער און מוטער אין אַ פיין הויז מיט אַלע מאָדערנע איינריכ־טונגען, וועלכע מען זעט זעלטן אָדער גאָרניט אין ווייטשעפּל און אין מייל־

ענד, אין דעם אָרעמען מזרח־טייל פון לאָנדאָן. די דריי שוועסטער דע־סילוויע פאַרנעמען זיך מיט פאַבריצירן מאָדערנע קאָרסעטן פון דעם נייסטן פאַסאָן, און אימפּאָרטירן אויך אַזוינע פון פּאַריז.

אַ שטענדיקער גאַסט ביי די דע־סילוויעס אין הויז איז דער מיטלגע־וויקסיקער, מיטליאָריקער מאַן מיט אַ קיילעכדיקער שוואַרצער באָרד, אַנדזשעלאָ ראַפּאַפּאָרט, אַ שרייבער אין רוסיש און ענגליש. ער מאַכט פריי־לעך דאָס הויז מיט אַלערליי לוסטיקע שפּילן אין פאַנדן, גערעכטן א. אַז. וו. ער אינסצענירט וויציקע משפטים און שפּילט געוויינלעך די ראָלן פון ריכ־טער און פּראָקוראָר, וועלכע ער שטעלט פאַר זייער קאָמיש. ער פּלייסט זיך צו אַמוזירן די דריי הויכע שלאַנקע שוועסטער און זייער הויכע גרויע מאַמען, מיסעס זילבערמאַן, צו וועלכער זיי האָבן אַנבליק. ווען אַנדזשעלאָ ראַפּאַפּאָרט גייט מיט מיר אַמאָל אַליין אין גאַס ווי צלט ער זיך, ווי אַזוי די ביאַליסטאָקער זילבערמאַנס זיינען געוואָרן אין לאָנדאָן צוערשט סילווער־מאַנס, נאָכדעם סילווערס און צולעצט „דע סילוויעס” — פּאָרטוגעזיש־יידישע אַריסטאָקראַטן...

ווען מיין חבר מרדכי וועקסלער הויבט אָן ריידן מיט מיר וועגן מיין איצטיקער לאַגע, אָדער וועגן דעם מצב פון אונדזער פריינט יעקב־מאיר זאַלקינד, וועלכן ער (וועקסלער) שדכנט מיט זיין צוקונפטיקער עלטסטער שוועגערין, באַוויזט זיך באַלד די אַלטע מיסעס סילווערמאַן, וועלכע פּראָ־טעסטירט גוטמוטיק: „צו וואָס אַזוי ערנסט ? איר זייט דאָך יונגע מענטשן, זייט פריילעך, לאַכט, שפּילט זיך !”

***

העלפן פאַרשפּרייטן קולטור צווישן יידישע מאַסן איז געווען מיין הויפּט שטרעבן אַריינפאָרנדיק צום צווייטן מאָל אין לאָנדאָן. איך האָב וועגן דעם אַ סך נאָכגעטראַכט אויף מיין רייזע פון דער שווייץ קיין ענגלאַנד. הויפּט־זעכלעך האָב איך געגאַרט צו טאָן קולטור־אַרבעט אין די יידישע טרעיד־יוניאָנס. מיין פּרואוו זיך צו באַקאָנען מיט יידישע טרעיד־יוניאָנס און זיי באַווירקן פאַר קולטור־טעטיקייט אין יידיש געלינגט מיר אָבער ניט. אויך די אידעאָלאָגישע פּאַרטייאישע גרופּן, ווי די פאַרשיידענע מינים סאָציאַ־ליסטן און אַנאַרכיסטן, פאַרנעמען זיך מער מיט באַקעמפן איינע די אַנ־דערע ווי מיט טאָן צוזאַמען קולטור־אַרבעט. די אַנגליזירטע סאָציאַליסטן מישן זיך ווייניק אָדער גאָרניט מיט די אימיגראַנטישע, וועלכע זיינען פאַר זיי צופיל יידיש. כאָטש יענע, געוויינלעך היימישע בונדיסטן, באַקעמפן איצט שאַרפער ווי לעצטן יאָר די נאַציאָנאַל־געשטימטע עלעמענטן, די רו־סיפיצירטע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ, האָט צווישן זיך ניט ווייניקער

אַסימילאַטאָרן ווי די אַנגליזירטע סאָציאַליסטן. ביידע מינים זיינען פאַר מיר פרעמדע וועלטן. איך דערנעענטער זיך דעריבער צו אַ קליינעם „יידישן קולטור־פאַראיין" אין ווייטשעפּל. כאָטש מיר איז ניט געפעלן, וואָס ער רופט זיך אויף די נעמען פון פּאָליטיקער — הערצל און נאָרדוי — אַנשטאָט אויף נעמען פון שרייבער, ווי, למשל: מענדעלע מוכר ספרים, לינעצקי, שלום עליכם אָדער פּרץ. דער דאָזיקער פאַראיין באַזיצט אַ קאָאָפּעראַטיווע יידישע ביבליאָטעק און אַרבעט ענערגיש צו פאַרשפּרייטן מאָדערנע קול־טור צווישן די מאַסן.

ווען זיינע טויער דערוויסן זיך, אַז איך פאַרנעם זיך אויך מיט יידישער געשיכטע, בעטן זיי איך זאָל האַלטן אין זייער לעזע־צימער אַ רעפעראַט איבער אַ יידישער געשיכטלעכער טעמע.

אַ דאַנק מיין פריבורגער פריינט פּראָפעסאָר הובערט גרימע, וועלכער קאָרעספּאָנדירט מיט מיר און האָט מיר געליען פּראָפעסאָר הוגאָ ווינקלערס איבערזעצונג פון די אויסגעגראָבענע ליימענע טאָוולען אין „טעל־על־אמארנא" (עגיפּטן), געשריבן אין באַבילאָניש, בין איך אימשטאַנד צו געבן מיינע צוהערער אַן אויספירלעכע באַשרייבונג, ווי אַזוי די פּאַרצייטיקע יידן האָבן אין מיטן פון פופצנטן יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער צייט־רעכענונג, מיט איבער דריי און דרייסיק הונדערט יאָר צוריק, פאַרנומען דאָס לאַנד כנען און עס געמאַכט פאַר ארץ ישראל. איך אונטערשטרייך אויך אין מיין לעקציע, אַז די דאָזיקע ניי־אַנטדעקטע בריוו פון די הערשער פון כנען צום קעניג פון מצרים שטימען איין אין געוויסע פונקטן מיט די באַ־שרייבונגען אין ספר „יהושע" פון תנ"ך. איך באַמערק דערביי, אַז צוליב דעם וואָס די יידישע מלמדים פלעגן איבערגעבן לעגענדעס ווי דאָס וואָלט געווען געשיכטע, האָבן זייערע תלמידים שפּעטער באַטראַכט אויך געשיכט־לעכע פאַקטן פאַר לעגענדעס. אין דער אמתן אָבער אַנטהאַלט די ביבל גאָר אַ היפּשע צאָל געשיכטלעכע פאַקטן.

יחזקאל וואָרטסמאַן, מיין בערנער חבר, וועלכער איז איצט געקומען צו פאָרן אין לאָנדאָן, וואונדערט זיך, ווי אַזוי איך, אַ סטודענט פון כעמיע, האָב געפונען צייט און געהאַט געדולד צו שטודירן די אור־אַלטע יידישע געשיכטע. נאָר באַזונדערס, זאָגט ער, איז ער מיר איצט מקנא מיין געדולד זיך אָפּצוגעבן אַזויפיל מיט טעאָרעטישער כעמיע, וואָס אים פעלט דאָס כמעט אינגאַנצן. ער האָט בלויז אַביסל דערפאַרונג פון זיין אַרבעט אין אַ צוקער־פאַבריק. ער איז טאַקע דערפאַר פּעסימיסטיש, צי ער וועט זיין אימשטאַנד דורכצומאַכן אין האַרבסט דעם דאָקטאָר עקזאַמען פון כעמיע. אַלנפאַלס גיט ער זיך איצט אָפּ אַ סך מיט זשורנאַליזם. ער שרייבט אויך פּובליציסטישע אַרטיקלען אין דעם וואָכנבלאַט „דער יוד" (וואָס דערשיינט אין קראָקע אונטער דער רעדאַקציע פון דר. יוסף לוריע). יחזקאל וואָרטס־

מאַן דערציילט מיר אַז דר. הערצל, מיט וועמען ער קען זיך פּערזענלעך שוין פינף יאָר, זינט ער איז געווען אַ דעלעגאַט צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, 1897, איז צופרידן פון זיינע (וואָרטסמאַנס) אַרטיקלען אין „יוד". איצטער האָט ער פאַרפאַסט אַ בראָשור מיטן נאָמען: „וואָס ווילן די ציוניסטן?" ער האַלט, אַז דאָס איז די ערשטע בראָשור אין יידיש וועגן ציוניזם, און ער האָפט, אַז די ציוניסטן אין לאָנדאָן וועלן עס אָפּדרוקן און העלפן פאַרשפּרייטן. ער זעט אָבער באַלד איין, אַזוי ווי אונדזערע נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלן, אַרום דעם יידישן קולטור-פאַראיין, אַז די לאָנדאָנער ציוניסטן ווילן גאָר עפּעס וואָס אַנדערש ווי ער. און מיר נעמען זיך אַלע גרייטן צום קאַמף קעגן די בורזשואַזע און קלעריקאַלע עלעמענטן אינעם לאָנדאָנער ציוניזם.

קאַפּיטל הונדערט און זעכצן

די קלאַסן-קאַמפן צווישן לאָנדאָנער ציוניסטן

די קלאַסן-קאַמפן צווישן די לאָנדאָנער ציוניסטן זיינען געפירט געוואָרן פון אָרעם און רייך — פון אָרעמע און רייכע געגנטן אין לאָנדאָן.

אָנגעהויבן האָבן זיך די דאָזיקע קאַמפן מיט צוויי יאָר צוריק נאָכן פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז דעמאָלט (אין 1900) פאָרגעקומען אין לאָנדאָן. פריער האָבן צום ציוניזם, אַזוי ווי צו די „חובבי ציון" געהערט הויפּטזעכלעך פאַרמעגלעכע ענגליש-ריידנדיקע ציוניסטן פון „וועסט ענד", דעם רייכן מערב-טייל פון לאָנדאָן. זייער ציל איז געווען אַ פילאַנטראָפּישער: צו העלפן די אָרעמע און פאַרפאָלגטע רעליגיע-חברים אין רומעניע און רוסלאַנד.

אונטער דער ווירקונג פון די יידיש-ריידנדיקע דעלעגאַטן און געסט צום לאָנדאָנער קאָנגרעס ווערט דער ציוניזם פאַרשפּרייט אויך אין דער „איסט ענד", אין אָרעמען מזרח-טייל פון לאָנדאָן צווישן די איינגעוואַנדערטע יידן, וועמעס מאַמע-לשון איז יידיש. דאָס רופט באַלד אַרויס מחלוקות צווישן די „וועסט-ענדער" און „איסט-ענדער" יידן. די וואוילהאָבנדיקע פילאַנטראָפּישע ציוניסטן שטייט ניט אָן צו זיצן צוזאַמען מיט יידיש-ריידנדיקע קליינהענדלער, פּעדלער און באַלמעלאָכעס אין דער הויפּט-ביוראָ פון די שער-קלובן, צו פאַרשפּרייטן די „שערס" (אַקציעס) פון דעם ציוניסטישן „יידישן קאָלאָניאַל-באַנק". די איסט-ענדער ציוניסטן טיילן זיך אָפּ דעריבער פון די וועסט-ענדער און אָרגאַניזירן די „פּאַראייניקטע שער-קלובס". זיי אַרבעטן ענערגיש און האָבן דערפאָלג אין זייער טעטיקייט.

דאָס דערמוטיקט זיי צו פאַרלאַנגען רעפאָרמען (דעמאָקראַטיע) אין דער „אינגליש זייאָניסט פעדערײשאָן" (ענגלישע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע), וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן ערב דעם דריטן ציוניסטישן קאָנגרעס, אין 1899, דורך פּראָמינענטע וועסט־ענדער ציוניסטן.

אויף דער דאַזיקער חוצפּה ענטפערן די וועסט־ענדער דורך אַרויס־טרעטן פון דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע. זיי ווילן דערמיט באַווייזן, אַז אָן זיי, די נגידים, וועט די עקזעקוטיווע ניט קענען אָנפירן קיין שום אַרבעט. עס ווייזט זיך אָבער באַלד אַרויס, אַז די עמי־גראַנטישע יידן אין איסט־ענד האָבן געגוג אינטעליגענטע כחות אָנצופירן ווירטשאַפטלעכע טעטיקייטן און טאָן יידישע קולטור־אַרבעט צווישן די יידיש־ריידנדיקע מאַסן אויף אַ גרעסערן פאַרנעם, ווי דאָס האָבן ווען עס איז געטאָן די רייכע וועסט־ענדער פילאַנטראָפּן.

באַזונדערס צייכנט זיך אויס אין דער דאַזיקער אַרבעט אַ רומעניש ער ייד היינריך ראָזענבוים, וועלכער פאַרנעמט דעמאָלט אַ געוויסע צייט די שטעלע פון אַ „קאָלאָניאַל־באַנק"־דירעקטאָר. דער דאַזיקער מאַן מיט דער פיינער שוואַרצער באָרד, וועלכער איז געווען כמעט אַזוי שיין ווי דר. הערצל, האָט געהאַט גאָר ברייטע השגות, ווי אַזוי אויפצוהויבן די לאָנדאָנער יידיש־ריידנדיקע מאַסן צו אַ העכערער מדרגה. פיזיש, ווירטשאַפטלעך און קול־טורעל. ער טרעט אַרויס מיט אַ רייע פּלענער צו גרינדן „טאָינבי־האָלן" טורן־פאַראיינען, קאָאָפּעראַטיוון, ביבליאָטעקן, לעזע־צימערן א. ד. גל. אין דעם יידישן קולטור־פאַראיין דערציילט מען מיר, אַז ראָזענבוים העלפט אויך אונדזער חבר ל. קאהאַן *) דעם זייגער־מאַכער צו שאַפן די נויטיקע אויסגאַבן ביים זאַמלען יידישע פאָלקס־לידער, פאָלקס־מעשיות און שפּריך־ווערטער.

היינטיקן זומער אָבער, ווען דר. הערצלס האָפענונגען אויף דעם טער־קישן סולטאַן זיינען געוואָרן צונישט, און די קלאַנגען וועגן קריגן קאָנצע־סיעס פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין „על אריש" (אַ געגנט אין דרום פון ארץ ישראל) רופן ניט אַרויס קיין שום ענטוזיאַזם ביי די ברייטע יידישע מאַסן, הערשט דאָ אַ שטילשטאַנד אין דעם ציוניזם. דער ענערגישער היינ־ריך ראָזענבוים קערט זיך צוריק קיין רומעניע און די ענגלישע ציוניסטישע פעדעראַציע הויבט אָן ווידער גיין אין אירע אַלטע וועגן פון צדקה־ציוניזם. דער גרעסטער טייל פון אירע פאַראיינען באַשטייט איצט מייסטנס פון פּרע־זידענטן, וויצע־פּרעזידענטן, סעקרעטאַרן און עטלעכע פּאַסיווע מיטגלידער.

---

*) דער שפּעטער באַרימטער פאָלקלאָריסט, פאַרפאַסער, פאַרלעגער און מעצענאַט יהודה לייב כהן, אין ניו־יאָרק.

װעלכע צאָלן אײן זײער מיטגליד־שטײער, װען מען קומט צו זײ „קאָלעקטן."

אין דער קאָאָפּעראַטיװער יידישער ביבליאָטעק פֿונעם הערצל־נאַרדױ יידישן קולטור־פֿאַראײן טרעפֿן זיך צוזאַמען אַ צאָל נאַציאָנאַל־יידישע ראַדיקאַלן און קולטוריסטן, װעלכע װילן אױפֿהױבן די יידישע מאַסן אױף אַ העכערן קולטור־ניװאָ. מיר זײנען אַלע מיט דער מײנונג, אַז מיר װאָלטן געקאָנט טאָן גוטע אױפֿקלערונגס־אַרבעט צװישן די יידן, װעלכע קומען צו יידישע מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען, װען די בורזשואַזע ציוניסטן זאָלן ניט אָפּטעמפּן דעם עולם דורך זײער צדקה־ציוניזם און קלעריקאַליזם.

צו אָט דעם קלײנעם קרײז נאַציאָנאַל־יידישע ראַדיקאַלן און קולטוריסטן געהערן אַחוץ אונדזערע צװײ שװײצער סטודענטן װאָרטסמאַן און איך, אױך די שױן פֿריער דערמאָנטע אַרבעטער: דער בײטל־מאַכער ב. אַבערסאָן און דער זײגער־מאַכער ל. קאַהאַן, װי אױך דער אָנגעשטעלטער ישראל גיבאַנסקי (װעמעס ייִנגערער ברודער מאַקס גיבאַנסקי געהערט צוזאַמען מיט אפרים צימבאַליסט און אַנדערע צו די היגע נײַע יונגע יידישע פֿידל־װירטואָזן), דער פֿאַבריק־אַרבעטער מאַלין, װעמעס אַמביציע איז צו װערן אַן אַקער־בױער *), דער פּראָפֿעסער אורי מוניץ **) די ברידער יהושע און װיליאַם פּױזניאַק*) און אַנדערע. מיר דיסקוטירן אָפֿט צװישן זיך, װי אַזױ צו אָרגאַניזירן די נאַציאָנאַל־יידיש־פֿילנדיקע ראַדיקאַלע עלעמענטן אין לאָנדאָן און זײ אױפֿהױבן צום קאַמף קעגן די בורזשואַזע ציוניסטן, בײ װעמען דער ציוניזם איז אַן ענין פֿון צדקה און אפֿילו פּאָליטיקאַנסטװע, און זײ גײט כּלל ניט אָן די לעבנס־אינטערעסן פֿון דער יידישער מאַסע, אָדער**

---

*) אברהם מאַלין װערט שפּעטער אַ פֿאַרם־האַנט אין נאָרט־דאַקאָטאַ, פֿאַראײניקטע שטאַטן.

**) דער אינטעליגענטער הױך־אָנגעזעענער פּרעסער אורי מוניץ שטאַרבט, זומער 1907, פֿון טובערקולאָז אין ניו־יאָרק (זײן אײנציקע טאָכטער, פֿון איר מוטערס צד אַ קרובה פֿון יידישן שרײבער און דרוקער יעקב מאזל, שותּף פֿון דוד פּינסקי אין „מאזל פּינסקי פּרעס" איז יאָרן־לאַנג די פֿאַרשטײערין פֿון האַיאַס אין עליס אײלאַנד, צו העלפֿן יידישע עמיגראַנטן בײ זײער אָנקומען אין אַמעריקע).

***) װיליאַם פּױזניאַק, אַ בוכהאַלטער, װערט אין אַמעריקע אַ מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר פֿון יידישע צײטונגען פֿון דער מיטל־װעסט. ער אַרבעט אױך מיט אין ניו־יאָרקער אױסגאַבעס; איז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון „דאָס שװאַרצע בוך" (מאַטעריאַלן װעגן די פּאָגראָמען אױף יידן אין פּױלן און גאַליציע אין אָנהױב פֿון דער ערשטער װעלט־מלחמה), פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון דער „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני" אין ניו־יאָרק. ער שטאַרבט אין קליװלאַנד, אָנהױב 1919.

זיי געהערן אַליין אויך צו אירע בלוט־צאַפּער, פּאַרפּאַלגער און אונטערדריקער. איידער אָבער מיר הויבן אָן דעם קאַמף קעגן די באַלעבאַטישע ציוניסטישע פירער האָלט איך לעקציעס אין יידיש און אין העברייאיש, אומעטום וואו מען בעט מיך נאָר. איך פאַרלאַנג ניט קיין שום געצאָלט פאַר מיין ריידן, איך באַשטיי נאָר אויף דעם, אַז די טעמע און דעם אינהאַלט פון דער לעקציע באַשטים איך אַליין.

איינע פון מיינע ערשטע לעקציעס אין אַ לאָנדאָנער ציוניסטישן פאַראיין האָלט איך אין יולי ביי דער חברה „בוני־ציון". איך רייד איבער דער טעמע „דער אידעאַל פון ציוניזם", וועלכער קומט ביי מיר אַרויס גאָר אַן אַנדער אידייע ווי דער ציוניזם פון די פילאַנטראָפּן און קלעריקאַלן. איינער פון די מאַטאָס אויפן „הענד־ביל" אָדער „ליפלעט", וואָס מען האָט געטיילט אין גאַס צווישן עולם, האָט זיך געלייענט אַזוי: „עס איז שוין צייט, אַז יעדער איינער זאָל פאַרשטיין אַז דער אייגענער „איך" הייסט אַז איך בין דאָס פאָלק און דאָס פאָלק בין איך". אַ וואָך שפּעטער, זונטיק אָוונט דעם 3־טן אויגוסט, בין איך שוין איינער פון די הויפּט־רעדנער ביי דער מאַסנפאַרזאַמלונג פון „שיבת ציון", דעם באַדייטנדיקסטן ציוניסטישן פאַראיין אין לאָנדאָן, וואָס איז פאַרגקומען אין גרויסן „ניו־אַלעקסאַנדער האָל", לכבוד דער קאָנפערענץ פון דער ענגלישער ציוניסטישער פעדעראַציע, צו וועלכער עס זיינען געקומען אויך דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ. די אַנדערע דריי רעדנער זיינען געווען: א. פינקענשטיין *), דער סעקרעטאַר פון דער

---

*) א. (אפּאָלאָן) וואָל. (וואַלענטין) פינקענשטיין, דער היסטאָריש געוואָרענער אַמאָליקער שילער פון דער ווילנער ראַבינער־שול יעקב־אבא פינקענשטיין, וועלכער האָט דאָרט, אינעם אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן, אָרגאַניזירט אַ געהיימע רעוואָלוציאָנערע ביבליאָטעק, נאָך איידער אהרן זונדעלעוויטש און אהרן ליבערמאַן גרינדן דעם „ערשטן ווילנער יידישן סאָציאַליסטישן קרייזל" (1874—1875). אין די אַכציקער יאָרן איז פינקענשטיין געווען באַקאַנט אין לאָנדאָן אַלס דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער „ליטווינאָוו". די ענגלישע רעגירונג ווערט צוליב דעם צענדליקער יאָרן שפּעטער (נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע) אָנגעקלאָגט אין לאָרדן־הויז פונעם ענגלישן פאַרלאַמענט פאַר איר אָנשטעלן אים (אַ געוועזענעם „ליטווינאָוו", וועלכער איז מסתמא אַ „באָלשעוויק") אין דער בריטישער „מלחמה־צענזור" פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַלס איר אָפיציעלן איבערזעצער אין דער צווייטער וועלט־מלחמה (פינקענשטיין האָט געקאָנט טוצנדליקע צענדליק שפּראַכן). די רעגירונג ווערט דעמאָלט געצוואונגען אָפּצואָגן פון זיין שטעלע אָט דעם אַלטן ציוניסט וועלכער געהערט שוין דעמאָלט צו ישראל זאַנגווילס „איטאָ" (יידישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע) פון וועלכער ער איז אַ געוויסע צייט אויך געווען איר סעקרעטאַר.

ענגלישער ציוניסטישער פעדעראַציע, דר. שמואל פוקס, דער רעדאַקטאָר פון דעם העברייאישן וואָכנבלאַט „המגיד", און סטודענט וואָרטסמאַן.

אַ קורצע צייט נאָך יענעם מאַסמיטינג באַשליסן אונדזערע נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלן זיך צו נעמען ענערגיש צו דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ באַזונדער קערפּערשאַפט.

פיר טעג נאָך תשעה באב, שבת־צו־נאַכט י"ג אב, תרס"ב, (דעם 16טן אויגוסט 1902), האַלטן מיר אָפּ אונדזער ערשטע רעגולערע זיצונג אין סטודענט וואָרטסמאַנס קוואַרטיר. מיר אייניקן זיך, אַז פריער פאַר אַלץ דאַרפן מיר אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם און סטאַטוטן. אונדזער ערשטע טעטיקייט איז דאַרום דאָס אויסקלייבן אַ קאָמיטע פון דריי פּערזאָן (וואָרטסמאַן, מוניץ און קאָהאַן) פאַרצושלאָגן דעם נאָמען, פּראָגראַם און די סטאַטוטן פון אונדזער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער אָרגאַניזאַציע. צוליב דעם וואָס אין מיין פּראַטאָקאָלירן די פאַרהאַנדלונגען אויף דער ערשטער זיצונג גיב איך איבער אויספירלעך וואָס יעדער איינער האָט גערעדט, אפילו מיט יענעמס באַטאָנונג, ווער איך איינשטימיק אויסגעקליבן אַלס דער שטענדיקער סעקרעטאַר און פּראָטאָקאָל־פירער פון אונדזער ניי־געגרינדעטן פאַראיין. איך ווער דאַרום אויך באַאויפטראַגט צו זייען אָנוועזנד אויף דער זיצונג פון דעם דריי מיטגלידער קאָמיטעט „עקס אָפיציאָ (צוליבן אַמט).

קאַפּיטל הונדערט און זיבעצן

אונדזערע דיסקוסיעס וועגן דעמאָקראַטיע

שווער איז אָנגעקומען אונדזער גרופּע אידעאַליסטן אָנצונעמען אַ פּראַקטישן פּראָגראַם פאַר אונדזער ניי־געגרינדעטן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן פאַראיין.

ניט געקוקט אויף אונדזער קליינער צאָל, אַ קנאַפּער צענדליק יוגנטלעכע אימיגראַנטן, האָבן מיר פּלאַנירט אַ ברייטן פּראָגראַם פון געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט, וואָס פּאַסט פאַר אַ פעדעראַציע פון אַ גאַנץ לאַנד. אונדזער פאַראיין האָט געזאָלט ניט בלויז „אַוועקשטעלן דעם ציוניזם אין ענגלאַנד אויף דעמאָקראַטישע גרונטלאַגן", נאָר אויך „אויפוועקן און אָרגאַניזירן" דאָס יידישע פאָלק צום „קאַמף פאַר זיין פרייהייט" און „פאַראייניקן" די יידישע מאַסן „לויטן פּרינציפּ פון זעלבסטהילף."

אונדזער פּראָגראַם אַנטהאַלט דאַרום אויך אַזוינע טעטיקייטן, ווי גרינדן טרעיד־יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיוון, אַרטעלן, „אַרבעט־אָנווייז" ביוראָס, אונטערשטיצונגס־פאַראיינען, בילדונגס־פאַראיינען, שולן פאַר קינדער און

דערוואַקסענע, לעקציעס, מיטינגען, מאַסן־פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס. אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטשריפט אין יידיש, פאַרשפּרייטן נאַציאָנאַלע און דעמאָקראַטישע ליטעראַטור אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אַראַנזשירן ליטעראַטור־אָוונטן און קאָנצערטן, „עקסקורשאַנס" (אַרויספאָרן אויף שיפן) א. ד. גל.

מיינונגס־פאַרשיידנקייטן רופן אַרויס ביי אונדז ניט די גרויסע צאָל טעטיקייטן, נאָר איינצלנע ווערטער און באַגריפן. למשל, איך טרעט אַרויס אַ פּאָר מאָל קעגן באַנוצן דאָס וואָרט „דעמאָקראַטיש", ווייל עס זיינען פאַראַן רעגירונגען אין שווייצאַריע און אין אַמעריקע, וועלכע רופן זיך אָן מיט אָט דעם נאָמען און פאַרפאָלגן ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע*. די מערהייט איז אָבער ניט געווען איינשטימיק מיט מיר אין אָט דעם פּונקט.

פון די געפּלאַנטע טעטיקייטן רופט אַרויס אַ דיסקוסיע בלויז דער באַשלוס צו גרינדן טרעיד־יוניאָנס. דער בייטל־מאַכער־אַרבעטער אבערסאָן דערקלערט זיך קעגן דעם, „כל־זמן עס איז ניט נאָכגעוויזן ווי צו פירן אַן עקאָנאָמישן קאַמף אָן אַ פּאָליטישן וועלכעס איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דאָס לאַנד וואו זיי וואוינען."

נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע נעמט אָן דער פאַראיין מיינעם אַ פאָרשלאָג, זיך צו אייניקן דערווייל אויף אונדזער הויפּט־צוועק (פאַראייניקן די אַקטיווע ציוניסטן אין ענגלאַנד, און דאָס יידישע פאָלק, אין אַלע זיינע טיילן, אויפן גרונט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטהילף).

אונטער דעם דאָזיקן הויפּט־צוועק שרייבן זיך אונטער, לויטן אלף־בית: 1) אבערסאָן, דוב־בער — 4 וואָרגריין בילדינג, באַנדרעי סט., בעטנאַל גרין. 2) גיביאַנסקי — 3 אסאם סט. טשאַרטער ליין, איסט. 3) וואָרטסמאַן, יחזקאל — 3 קעסאָן סט., אָלד מאָנטאגע, נאָרט־איסט. 4) כהן לייב — 35 דענבורי סטריט. 5) מאַלין, אברהם — וואָטערלאָ קאָורט, סעמיועל סט., קאמערשעל ראָוד. 6) מוניץ, אורי, 30 סידני סקווער, מייל ענד. 7) מרמר, קלמן — 60 סעטל סט., קאמערשעל ראָוד. 8) פויזניאַק, יהושע — 44 לאָנגדייל סטריט, קענאָן סט.־ראָוד. 9) שאַפּיראָ, ש. — 19 פּאָרגיער סטריט, ספּיטעלפילדס (ער פאַלט באַלד אַרויס פון אונדזער פאַראיין און בלייבט מיר אומבאַקאַנט).

באַלד נאָכדעם ווי מיר שרייבן זיך אונטער אויף דעם הויפּט־צוועק פון אונדזער פאַראיין, מאַך איך אַ פאָרשלאָג: מיר זאָלן אים אַ נאָמען געבן „מערבי" (מאַאַראָוו). איך גיב אָן פאַר דעם פאָלגנדיקן מאָטיוו:

---

*) אַלץ וואָס איך דערצייל דאָ וועגן די פאַרהאַנדלונגען אינעם פאַראיין, זיינען גענומען פון זיין פּראָטאָקאָל־בוך 1902, וואָס געפינט זיך נאָך אין מיין אַרכיוו.

פאַראַן ציוניסטן, וועלכע רופן זיך אָן „מזרחי״ (מיזראַכי), ווייל זיי האַלטן ארץ־ישראל פאַר אַ מזרח־לאַנד. דער אמת אָבער איז, אַז אין צייט פון תלמוד ווערן די ארץ־ישראל יידן אַלס איינוואוינער פון וויטסטן פונקט אין מערב־אַזיע, אָנגערופן „בני מערבא״ (בניי־מאַאראַווא — מערב־זין) און די יידן פון בבל און פרס — „מזרחים״ (מזרח־לאַנדישע). מיר וועלן דאַרום מיט אונדזער נאָמען מערבי זיך קאָנען אָנרופן אויך אין ארץ־ישראל. דערצו דערמאָנט עס אונדז אויך אונדזער טרויער, דעם „כותל־מערבי״ (קויסל־מאַאַראַווי). .

מיין פאָרשלאַג וועגן נאָמען „מערבי״ ווערט אָנגענומען איינשטימיק. וואַרשיינלעך ניט צוליב מיינע מאָטיוון, נאָר ווייל דאָס איז דער קעגנזאַץ פון דעם נאָמען „מזרחי״, מיט וועלכן ס׳רופן זיך אָן אונדזערע קעגנער, די קלעריקאַלע ציוניסטן.

פאַר מיר פערזענלעך האָט דער נאָמען „מערבי״ נאָך אַ וויכטיקערן מאָטיוו, וועלכן כ׳האַלט נאָך דערווייל בסוד *). דאָס איז מיין ליבלינג־אידייע, אַז דער פאָליטישער ציוניזם מיט זיין באַזעלער פּראָגראַם זיינען בלויז מיטלען צו אַ העכערן ציל — דער רענעסאַנס פון מערב־אַזיע.

דער רענעסאַנס פון מערב־אַזיע האַלט איך פאַר אָן אַ שיעור וויכטיקער ווי דעם רענעסאַנס פון דער קלאַסישער גריכישער קולטור. דאָס איז הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס דער העכסטער אויסדרוק פון דער „מערב־אַזיאַטישער קולטור״ איז פאַר מיר פאַרקערפּערט אין די יידישע נביאים פון ישראל און יהודה, און דער רענעסאַנס פון מערב־אַזיע מיינט פאַר מיר: דער המשך פון זייער סאָציאַל־עטישער נבואה אין די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט...

איך פאַנטאַזיר וועגן אַ צייט, ווען דער נאָמען „אַזיאַט״ וועט ניט זיין מער קיין זידל־וואָרט (אַ פּראָדוקט פון ליגן און פאַרלוימדונג), נאָר אַן אַל־וועלטלעך אָנערקענטער ערנצייכן פאַר אַ מענטשן, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט די אידייען פון יענע מענטשן אין מערב־אַזיע, וועלכע האָבן שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק געפאָדערט גערעכטיקייט, און האָבן פאָרמולירט אַ פּראָגראַם פון אַ פרידלעכן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, געבויט אויף יושר; און אויף משפּחהדיקער גלייכהייט, אין אַ וועלט, וואָס איז פול מיט וויסן ווי די ימים מיט די וואַסער.

אויף אַ זיצונג פון דער „מערבי״, וואו איך לייען פאָר די העברייאישע באַגריסונג, וואָס כ׳האָב אַלס סעקרעטאַר אָנגעשריבן אין איר נאָמען, צו

---

*) כ׳זאָג עס אַרויס מינדלעך און שריפטלעך, אין יאָר 1903.

דער דעמאָלט באַרימטער „מינסקער אסיפה", באַמערקט דערצו דער פּרע־סער אורי מוניץ:

„וואָרטסמאַן און מרמר האָבן זיך געגעבן פיל מי דעם בריוו אויך אויסערלעך זייער שיין אויסצופּוצן, מיט די נאַציאָנאַל פאַנד סטעמפּס" (מאַרקעס).

אָט די טענדענץ אַלס „אויך אויסערלעך זייער שיין אויספּוצן" איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער פאַראיין „מערבי". אַריינגעטראָגן שיינ־קייט אויף דער יידישער גאַס איז ביי דער „מערבי" אַזוי וויכטיק, ווי די אויפקלערונג פון אירע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידייען. זי פאַרשפּרייט אויך ענערגיש רעפּראָדוקציעס פון אַלערליי יידישע קונסט־ווערק, באַזונדערס די אויף פּאָסט־קאַרטלעך רעפּראָדוצירטע יידישע געמעלן און סקולפּטורן, ווי אויך בילדער פון יידישע שרייבער, שוישפּילער און מוזיקער, פאַרעפנט־לעכט פונעם בערלינער יידישן קונסט־פאַרלאַג „פעניקס". מיר דערמוטיקן אויך יענע יידן, וועלכע לייענען דייטש, זיך צו אַבאָנירן אויף דעם בערלינער פּראַכטפולן אילוסטרירטן זשורנאַל „אָסט און וועסט" (מזרח און מערב), וועלכער גיט איבערזעצונגען פון דער ליטעראַטור אין יידיש און העברייש, ווי אויך איבערבליקן איבער זייערע שאַפער און שאַפונגען.

דער פאַקט, וואָס די בעסערע ליטעראַטור אין יידיש איז ניט פּאָפּולער צווישן דער היגער אינטעליגענץ און די מאָדערנע פּלאַסטישע יידישע קונסט איז ניט גענוג באַקאַנט אפילו צווישן דער היגער אינטעליגענץ, באַוועגט אונדז אָנצושטרענגען זיך עקסטרע צו פּאָפּולאַריזירן אין לאַנדאָן די מאָ־דערנע יידישע ליטעראַטור און קונסט. דאָס באַוועגט אויך מיך פּערזענלעך צו מאַכן אַ פאַרשלאַג אויף אַ זיצונג פון „מערבי" (8־טער סעפּטעמבער, 1902) צוזאַמענצושטעלן אַ ספּעציעלן „קאַטאַלאָג פאַר יידישע לעזער". איך דערקלער דערביי, אַז „כמעט אַלע יידישע לעזער פעלט אַ סיסטעמאַטיש לעזן."

יעדער לעזט, וואָס אים פאַלט אַריין אין האַנט. היינט לעזט ער שמ"רס אַ ראָמאַן, מאָרגן אַבראַמאָוויטשעס (מענדעלעס) „קליאַטשע" און איבער־מאָרגן אַן אַמעריקאַנישן בוך פון עטלעכע הונדערט העפטן. ער קאָן קיינמאָל ניט קריגן קיין ליטעראַרישן געשמאַק, אָדער עטוואָס בוצלעכעס לערנען. אויסצובעסערן אָט די לאַגע קאָן העלפן אַ גוט צוזאַמענגעשטעלטער ספּע־ציעלער קאַטאַלאָג, אין וועלכן די יידישע ליטעראַטור אויף עברי־טייטש זאָל זיין איינגעטיילט סיסטעמאַטיש, דהיינו: בעלעטריסטיק, היסטאָרישע דערציילונגען, דראַמען, וויסנשאַפט, קריטיק א. אַז. וו. זאָלן זיין איינגע־טיילט אין אָפּטיילונגען פאַר אָנפאַנגער און פאַר פאָרגעשריטענע לעזער. איך פּערזענלעך וועל דערצו מיטהעלפן."

י. וואַרטסמאַן באַמערקט דערצו: „איך מיין, אַז דער פאָרשלאָג איז אַזוי וויכטיק, אַז מיר דאַרפן זען צו ווילן אַ קאָמיסיאָן, וועלכע זאָל אויס־אַרבעטן אַ קאַטאַלאָג.״

דער פאַראיין ווילט באַלד צוויי מיטגלידער — ד. ב. אבערסאָן און י ל. כהן — מיר מיטצוהעלפן אויסצואַרבעטן אַזאַ קאַטאַלאָג.

מיט פלענער פון קולטור־אַרבעט פאַרנעמט זיך אויך די „מערבי״ אויף איר קומענדיקער זיצונג (דעם 10־טן סעפטעמבער), אונטערן פאָרזיץ פון ל. כהן. מיר דיסקוטירן וועגן אונטערשטיצן דער קאָאָפעראַטיווער ביב־ליאָטעק און זיך באַטייליקן אין איר קאָמיסיע איינצוקויפן נייע ביכער, צו־גרייטן פאַר חנוכה אַ פּראָגראַם פון אַ ליטעראַטור־אָוונט און קאָנצערט א. ד. גל. טעטיקייטן. אַ דיסקוסיע רופט נאָר אַרויס דער פאַרלאַנג פונעם פּרעסער א. מוניץ מ׳זאָל אים, און עטלעכע אַנדערע אַרבעטער, וועלכע גיבן אָוועק דרוקן וואַרטסמאַנס אַ בראַשור וועגן „יידישן נאַציאָנאַל פאָנד״, דער־לויבן זי אַרויסצוגעבן אינעם נאָמען פון „מערבי״. דוב־בער אבערסאָן שלאָגט פאָר זיי עס צו דערלויבן מיטן באַדינג, אַז די בראָשור זאָל פריער פאָרגעלעזן ווערן פאַר די מיטגלידער. י. וואַרטסמאַן דערקלערט, אַז עס איז שוין צו־שפּעט עס צו טאָן... ער האַלט אויך פאַר איבעריק פאָרצו־לעזן אַ בראָשור וועגן אַזאַ טעמע, ווי דער נאַציאָנאַלער פאָנד. איך באַ־מערק דערצו, אַז ס׳איז ניטאָ ביי מיר קיין ספק, אַז וואַרטסמאַן האָט די דאָ־זיקע טעמע גוט באַאַרבעט. נאָר אַזוי ווי די „מערבי״ וואָלט היינט ניט אַרויסגעגעבן אַזאַ בראָשור ווי זיין „וואָס ווילן די ציוניסטן?״ אין דער פאָרעם און אינהאַלט, ווי ער האָט זי אָפּגעדרוקט... בעט איך אים (וואַרטס־מאַנען) דערקלערן, צי ער האָט קיינעם ניט אָנגעגריפן אין זיין נייער בראָשור?

י. וואַרטסמאַן דערקלערט, אַז אָט די נייע בראָשור זיינע האָט אַ ריינעם אַגיטאַציע־כאַראַקטער און באַהאַנדלט זאַכלעך דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, און זעלבסטפאַרשטענדלעך אויף די יסודות פון „מערבי״, דאָס הייסט אין אַ דעמאָקראַטישער פאָרעם. עס ווערט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן וואַרטסמאַנס בראָשור אינעם נאָמען פון פאַרלאַג „מערבי״ און, לויטן פאָרשלאָג פון ישראל גיביאַנסקי און מאַלין, זיך אָנצונעמען צו פאַרקויפן 1000 עקזעמפּליאַרן, ווען די „מערבי״ וועט האָבן די מאָנאָפּאָליע אויף דעם פאַרקויף אין לאָנדאָן (דער דאָזיקער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען מיט 5 קעגן 3 שטימען). אורי מוניץ שענקט דערביי דעם פאַראיין „מערבי״ 2000 עקזעמפּליאַרן פון לו־בעצקיס בראָשור „וואָס איז ציוניזם?״ און וואַרטסמאַן שענקט 200 פלוג־בלעטער פון דער גרופּע „חירות״, וואו דר. סירקין און אַנדערע ציוניסטן־סאָציאַליסטן אָדער „האמוניסטן״ רופן צום קאַמף קעגן דער יק״א.

דער פּראָפֿעסאָר אורי מוניץ, דער עלטסטער מיטגליד פון „מערבי", וועל־כער איז פּאַרלויפיק דער באַקאַנטסטער פון אונדז צווישן די יידישע כלל־טוער אין לאָנדאָן, וואו ער איז שוין אַ היפּשע צייט אַ מיטגליד פון דער „ענגלישער ציוניסטישער פעדעראַציע", ווערט לעצטנס דערוויילט אַלס דער קאַסירער פון „מערבי". (מיר זיינעןביידע דערוויייל די איינציקע צוויי מיטגלידער, וואָס זיינען פּאַרמעל שוין אויסגעקליבן אין דער עקזעקוטיווע פון דער „מערבי" — איר קאַסירער און סעקרעטאַר).

קאַפּיטל הונדערט און אַכצן

דער אָרעמער יידישער עולם אַרום אונדז

דער אָרעמער יידישער עולם אַרום אונדז אין לאָנדאָן איז אַזאַ, וואָס האָט שוין פאַרלאָרן דעם בטחון פון די זיידעס, אַז דער אויבערשטער וועט העלפן. אָט די יידן זוכן צו אַנטלויפן פון זייער שיקזאַל צו לעבן אָן אַ שום ציל און „וועגן מאָרגן, זאָל גאָט זאָרגן". זיי זיינען אַנגעלאָפן אין לאָנדאָן מיט דער האָפענונג צו פאַרדינען „ברויט צום עסן און אַ בגד אָנצוטאָן". זיי קענען אָבער ניט קיין שום מלאכה, און לאָנדאָן נויטיקט זיך ניט איצט (זומער 1902) אין נייע הענט צו טאָן פאַר איר „שוואַרצע אַרבעט". פאַראַן שוין דאָ איבערגענוג האַרעפּאַשניקעס אויף אָנצולאָדן און אויסלאָדן שיפן, און דערגלייכן טואונגען, פאַר אַ שטיקל ברויט.

שלייכן זיך אַרום די דאָזיקע יידן, ווי שאָטנס, איבער די יידישע גאַסן און געסלעך פון מזרח־לאָנדאָן. דער „שעלטער" (הכנסת אורחים, אָדער הקדש) אויף לעמאַן סטריט, איז איבערגעפּאַקט און איז ניט אימשטאַנד צו באַזאָרגן אָט די ניט געבעטענע געסט מיט נאַכטלעגער און מיט אַ טעלער געקעכץ. ריינגלען זיי אַרום יעדן גאַס־רעדנער אָן אונטערשייד פון ריכ־טונג און פּאַרטיי. שטייען אין מאַסן לעבן „טשאַפּעל" אין ווייטשעפּל, וואו די מיסיאָנערן זוכן צו כאַפּן יידישע נשמות און קריגן אַריין היפּשע פּאַר־ציעס קללות און זלזולים (און ווען ניט די פּאָליציי, וואָלטן זיי אויך גע־קראָגן קלעפּ).

פון די פּאָליטישע רעדנער געפעלט דאָס רוב אָרעמע יידישע איינ־וואַנדערער דער אַנאַרכיסטישער אַגיטאַטאָר, וועלכער צערייסט ווי שפּינ־וועבס די סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע פראַזן. פאַר זיך אַליין געפינען זיי אָבער אויך ביי אים ניט קיין הילף. ס'טוט זיי וויי צו הערן אַ סאָציאַליסטישן רעדנער, וועלכער רופט זיי אָן „לומפּן־פּראָלעטאַריער" און זאָגט פּאַראויס זייער אונטערגאַנג. זיי באַגרייפן ניט פאַרוואָס מ'רופט זיי אָן „לומפּן". זיי

זיינען דאָך ערלעכע אַרבעטסווילִיקע מענטשן, וועלכע זיינען גרייט צו טאָן די שווערסטע אַרבעט פאַר זייער ביסן ברויט. זיי טוליען זיך דעריבער צום נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלן רעדנער, וועלכער איז איבערצייגט, אַז אַט די אויסגעוואָרצלטע, פאַטערלאַנדלאָזע יידישע אימיגראַנטן זיינען אימשטאַנד צו ווערן פרייע מענטשן אין אַן אייגענער יידישע מדינה.

אונדזער הייפל נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלן, וואָס איז אין דעם איבערצייגט, באַשטייט אַליין אויך פון אויסגעוואָרצלטע און פאַטערלאַנדלאָזע יידן. מיר ווילן אָבער, אַז די יידישע מאַסן אַרום אונדז, און אויך מיר, ווי אַ טייל פון זיי, זאָלן עס ניט מער זיין. מיר אַרבעטן דאַרום איבער די כוחות פאַר דער אידייע אויפצובויען אַ נאָרמאַלן יידישן פאָלקס-לעבן און אָנצוהאַלטן האַרט-נעקיק זיין אייגענע יידישע פאָלקס-קולטור.

די באַגייסטערונג פאַר אָט דער אַרבעט אונדזערער שעפּן מיר הויפּט-זעכלעך פון דעם פאַקט, וואָס אונדזער יידישע מאַסע איז דורך און דורך יידיש, כאָטש זי האָט איצט ניט קיין אייגענע יידישע מלוכה און קיין אייגן יידיש פאָטערלאַנד.

אַ דאַנק אונדזערע איבערצייגונגען וועגן דער מעגלעכקייט צו באַנייען אונדזער יידישן פאָלקס-לעבן און אַנטוויקלען ווייטער אונדזער יידישע פאָלקס-קולטור, זיינען מיר אויך אימשטאַנד אַרויסצואווייזן אַ סך געדולד ביים אויסאַרבעטן דאָס פּראָגראַם פון אונדזער פאַראיין „מערבי”. מיר פאַר-לירן אויך ניט די געדולד, אָנצוהויבן אָט די אַרבעט פון דאָס ניי, ווען אונדזער מיטגליד, דער זייגערמאַכער י. ל. כהן, טיילט אונדז מיט, אַז „נאָכדעם ווי די סטאַטוטן האָבן זיך אָפּגעדרוקט אין 500 עקזעמפּליאַרן” האָט ער צוזאַמען מיטן סטודענט י. וואָרטסמאַן „אויסגעפונען פילע שטעלן, וואָס מען מוז פאַרענדערן.”

י. ל. כהן שלאָגט פאָר: „מען זאָל ניט זשאַלעווען די עטלעכע שילינגס, וואָס עס וועט קאָסטן, און איבערדרוקן צום צווייטן מאָל מיט די פאַרבעסע-רונגען, וועלכע מיר ווילן היינט באַשליסן.”

י. וואָרטסמאַן גיט צו דעם צו: „דער נאָמען פון פאַראיין הייסט „מערבי”, דעמאָקראַטישער ציוניסטן-פאַראיין”. איך שלאָג פאָר, אַז עס זאָל ניט מער הייסן „דעמאָקראַטישער”, דען אַלע דעמאָקראַטן לאָכן אָפּ פון אונדזער פאַראיין, אַז ער רופט זיך דעמאָקראַטיש און האָט ניט קיין דעמאָקראַטישן סטאַטוט... און דעריבער זאָל ער הייסן: מערבי, יונג-ציוניסטן פאַר-איין. „יונג ציוניסטן” הייסט די נייע גענעראַציאָן, דער מאָדערנער דור און דאָס קענען מיר אונדזער פאַראיין אָנרופן מיט רעכט.”

איך טרעט אַרויס קעגן אַ רעוויזיע, וועלכע שטיצט זיך אויף „למה יאמרו” (וואָס אַנדערע וועלן זאָגן). איך דערקלער, אַז „מיר דאַרפן ניט

קוקן וואָס זאָגענאַנטע דעמאָקראַטן וועלן פון אונדז לאָכן. מיר דאַרפן נאָר זען, וואָס פאַר אונדזער פאַראיין איז פאַסנדער". כ'דערמאָן דערביי אויך ווידעראַמאָל דעם ביישפּיל פון „די אַמעריקאַנער און שווייצער דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן אַ ממשלה אין די הענט און פירן זי קעגן דעמאָקראַטיע"... כ'שלאָג פאָר צו שרייבן פשוט: „מערבי, ציוניסטן פאַראיין אין לאָנדאָן". דער פּרעסער א. מוניק שטיצט אונטער מיין פאָרשלאָג. אויך וואָרטסמאַן שטימט איין דערמיט (בלויז י. ל. כהן איז פאַר „יונג־ציוניסטן") און מיין פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען.

י. ל. כהן דערקלערט ווייטער, אַז ער און וואָרטסמאַן „זיינען אייניק צו שטרייכן אין אַרטיקל 1 די ווערטער „צו פאַרבייטן דעם ציוניזמוס צווישן אַלע קלאַסן פון יידישן פאָלק" און שרייבן „צו פאַרבייטן — — — אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן". דאָס וועט זיין אַ דעמאָקראַטישער סטאַטוט און עס וועט צופרידנשטעלן די, וואָס ווילן, אַז דער פאַראיין זאָל הייסן אַ דעמאָקראַטישער."

דער פאַראיין נעמט אָן י. ל. כהנס פאָרשלאָג, ניט געקוקט אויף מיינע אַרגומענטן קעגן אָט דער קאָרעגירונג.

אַ שאַרפע קעגנערשאַפט רופט אַרויס אַן אַנדער פאָרשלאָג פון י. ל. כהן אָנצונעמען אַ באַזונדער פונקט: צו „גרינדן אָדער שטיצן ציוניסטישע אַרבעטער־פאַראיינען". דער בייטל־מאַכער אבערסאָן דערקלערט, אַז ער „אַלס אַרבעטער, מוז פּראָטעסטירן קעגן געבן פאָרצוג דעם אַרבעטער־קלאַס קעגן די איבעריקע יידישן קלאַסן."

ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער שאַפּ־אַרבעטער, אבערסאָן, מיינט דאָ אַזוינע קלאַסן, ווי קליינהענדלער, פּעדלער, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, פּראָפעסיאָנאַלן און דערגלייכן. וואָרעם אַזוינע בורזשוען ווי פאַבריקאַנטן, מייסטערס, לענדלאָרדס און זייער גלייכן, באַטראַכט ער, ווי מיר אַלע, פאַר שונאים פון די האָרעפאַשנע מאַסן.

— מיר זיינען — זאָגט אבערסאָן — אַלע די זעלביקע יידן און נאָר די היינטיקע אומשטענדן אין „גלות" האָבן (אונדז) אויף דערוויל צעטיילט. אין אַן אייגענעם לאַנד ווייסן מיר נאָך ניט ווער צו וועלכן קלאַס ס'וואָלט געהערן... דערוויל איז אונדזער קלאַסן־איינטיילונג אַ געקינסטלטע, אַ פּאָליאַטיווע, און מיר, אַלס ציוניסטן, טאָרן עס ניט מאַכן פאַר אַ פּרינציפּ — — — און ריידן נאָר פון דער סמעטענע פונעם יידישן פאָלק, פון די יידישע אַרבעטער."

צום סוף אייניקן מיר זיך אַלע, אַז אַנשטאָט אָנצונעמען אַ נייעם פונקט וועגן ציוניסטישע אַרבעטער פאַראיינען זאָלן מיר געבן מער אָנזען אונדזערן אַ פריערדיקן פונקט וועגן גרינדן אָדער שטיצן „אַלעראַרט נאַציאָנאַל יידישע

פּאַראייִנען און אינסטיטוציעס". מיר זאָלן נאָך דערצו אויך צוגעבן מיינעם אַ פּונקט צו אונטערשטיצן אַלע נאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען געבויט אויפן פּרינציפּ פון זעלבסטהילף."

וועגן דעם דאָזיקן פּונקט מיינעם האָב איך אויף אונדזער אַ זיצונג דערקלערט, אַז כ'מיין דערמיט: „מיר זאָלן שטיצן די יעניקע אונטערנע־מונגען אין וועלכע דאָס יידישע פאָלק פאָדערט זיינע רעכט דאָ אין „גלות", ווי, צום ביישפּיל, אונטערנעמונגען צו באַשיצן יידישע בירגער־רעכט, צו דעמאָנסטרירן קעגן אַנטיסעמיטישע געזעצן."

אָן שום דעבאַטן נעמען מיר אָן י. ל. כהנס פאָרשלאָגן צו שרייבן „דאַרף" זיין אַקטיוו, אָנשטאָט „מוז"; „דאַרף מען באַשטראָפט ווערן" אָנשטאָט „ווערן פאַראורטיילט" (איך אונטערשטיץ דעם דאָזיקן פאָרשלאָג פון י. ל. כהן מיט דער באַמערקונג, אַז כ'בין פון אָנהויב אָן געווען קעגן דעם אויסדרוק „פאַראורטיילט."

אָט אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ לאַנגע אָוונט־זיצונג צו דיסקוטירן וואָרט ביי וואָרט אונדזערע שוין אָפּגעדרוקטע סטאַטוטן. נאָר דערפאַר וועלן מיר שוין איצט זיך קאָנען פאַרנעמען אויסשליסלעך מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און קולטור־אַרבעט.

אַזוי גייך ווי מיר הויבן אָן ווערן טעטיק קולטורעל, ווייזן זיך אַרויס אידעאָלאָגישע סכסוכים צווישן אונדז.

מיין פריבורגער חבר, כעמיע סטודענט מרדכי וועקסלער פון רומעניע און ארץ־ישראל, ברענגט אַרונטער אין לאָנדאָן אונדזערביידנס נאָענטן פריינט, יעקב־מאיר זאַלקינד. ווי שוין פריער דערמאָנט, וויל וועקסלער דורכפירן אַ שידוך צווישן זיין שוועגערין, איינע פון די דריי שוועסטער דע־סילוויע, מיט אונדזער י מ. זאַלקינד, וועלכער איז אויך אַ טיכטיקער געזעלשאַפטלעכער טוער. ווען זאַלקינד דערוויסט זיך וועגן דעם לאָנ־דאָנער פאַראיין „מערבי", פאַלט אים באַלד איין דער געדאַנק אויסצונוצן דעם דאָזיקן פאַראיין אין קאַמף קעגן יק"א. זאַלקינד ווייס אָבער, אַז מיר זיינען געענוי באַקאַנט זיינע טעראָריסטישע טענדענצן אין דעם דאָזיקן קאַמף, און כ'וועל זיין קעגן אַריינציען דעם פאַראיין „מערבי" אין אַ קאַמף, וואָס קאָן פירן צו אַ טעראָריסטישער אַוואַנטורע... ער ווענדט זיך דאַרום ניט צו מיר, זיין אַלטן פריינט, דעם סעקרעטאַר פונעם פאַראיין, נאָר צום פריינט מוניץ, דעם קאַסירער פון „מערבי", ער זאָל אָרגאַניזירן מיט אים אַ „לעקטשור" אין מזרח־לאָנדאָן.

אין „מערבי" זיינען פאַראַן לעזער און סימפאַטיקער פון „חרות", וואו דר. סירקין און אַנדערע אַגיטירן פאַר אַ מאַסן־קאַמף קעגן יק"א, דורך

דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטן, זי זאָל אָפּגעבן פאַרן ציוניזם די מיליאָנען פון באַראָן הירש, וועלכע געפינען זיך אין איר רשות. די „מערבי"־מיט־גלידער וויסן אָבער גאָרניט וועגן זאַלקינדס געהיימע טעראָריסטישע פּלענער אין אָט דעם קאַמף. נאָר י. וואָרטסמאַן, אַלס מיטגליד פון דער דע־מאָקראַטישער פראַקציע אויפן פינפטן ציוניסטן־קאָנגרעס אין באַזעל, ווי אויך אַלס מיטגליד פון דעם אַקאַדעמישן יידישן קלוב" אין בערן, וואו אָט די „פראַקציע" האָט געפירט אַ ביטערן קאַמף מיט דער יידיש־נאַציאָ־נאַלער סטודענטן־פאַרבינדונג „קדימה", פון וועלכער דר. מאַקס נאָרדוי איז ערן־פּרעזידענט און י. מ. זאַלקינד איז אַן אַקטיווער טוער, — י. וואָרטס־מאַן טרעט באַלד אַרויס קעגן דורכפירן אַ „לעקטשור" מיט י. מ. זאַלקינדן. ער דערקלערט, אַז יענער האָט פאַרקערטע מיינונגען פון אונדזער מערבי, און ער (וואָרטסמאַן) וועט זיין געצוואונגען אַרויסצוטרעטן קעגן אים. וואָרטסמאַן האָט נאָך צוגעגעבן דערצו:

— „ה. זאַלקינד שטרעבט צו רבנות*), און פאַר אים איז גוט צו זאָגן אַ „דרשה" אין אַ „בית־המדרש", אָבער ניט צו האַלטן אַ לעקטשור אינעם אויפטראַג פון אַ פאַראיין, וועלכער וויל פאַרשפּרייטן דעם ציוניזמוס אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן."

אַזוי ווי י. וואָרטסמאַן האָט זיך געהאַט אָנגענומען צו האַלטן ביי די אַנאַרכיסטן אַ לעקציע איבער „ציוניזם און די יידישע אַרבעטער", ווערט באַשלאָסן, אַז ער זאָל עס האַלטן אונטער דעם אויפזיכט פון „מערבי". די פראַגע „פראַקציע" — „קדימה" הערט דערמיט אויף, און מיר פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן י. וואָרטסמאַנס לעקציע.

ווייניקער פּערזענלעך ווערט דעבאַטירט אין „מערבי" די שפּראַך־פראַגע: יידיש—העברעיאיש. יהושע פּויזניאַק שלאָגט פאָר, אַז די אָפּי־ציעלע שפּראַך פון „מערבי" זאָל זיין העברעיאיש און דער פּראָטאָקאָל זאָל געשריבן ווערן אין העברעיאיש. ישראל גיביאַנסקי אונטערשטיצט אָט דעם פאָרשלאָג „אַלס אַ טריט צו פאַרברייטערן די קענטעניש פון דער העברעי־אישער שפּראַך, וואָס איז אַ פּונקט פון אונדזערע סטאַטוטן."

י. וואָרטסמאַן דערקלערט. „כ'בין קעגן דעם אַנטראַג (פון) פּויזניאַק. מיר דאַרפן זיין פּראַקטיש און ווען מיר ווילן פאַרשפּרייטן די קענטניס פון דער העברעיאישער שפּראַך, דאַרפן מיר זוכן אַנדערע וועגן אָבער ניט

---

*) דר זאַלקינד איז אַ געוויסע צייט רב אין קאַרדיף (ענגלאַנד). נאָר ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט ער דער רעדאַקטאָר פון דעם אַנאַרכיסטישן „אַרבעטער־פריינט", אויף דעם אָרט פונעם דעמאָלט דעפּאָרטירטן אַנאַרכיסט רודאָלף ראָקער.

מאַכן אונדז אַליין שטערונגען, אַז יעדער וואָס קען (ניט) קיין העברייאיש זאָל ניט קאָנען זיין אין דער „מערבי״. אויך א. מאַלין דערקלערט זיך „קעגן דעם אנטראג פון פויזניאַק, ווייל ניט אַלע קענען העברייאיש און מיר וועלען ניט קענען קאָנטראָלירן די ביכער. גיביאַנסקי שלאָגט נאָכדעם פאָר, אַז דער פּראָטאָקאָל זאָל דאָך זיין געשריבן אין העברייאיש, און „דער סעקרעטאַר קען איבערזעצן פאַר די אומוויסנדע אין „זשאַרגאָן.״

אַזוי ווי איך, אַלס סעקרעטאַר, זאָג זיך אָפּ דאָס צו טאָן, איז „דער אנטראג פויזניאַק—גיבאַנסקי — — — מיט 4 קעגן 4 שטימען אָפּגעלייגט געוואָרן״, און וועט וואַרשיינלעך שוין ניט מער אויפגענומען ווערן.

קאַפּיטל הונדערט און ניינצן

איך באַשליס פאַרבלייבן ווינטער אין לאָנדאָן

איך באַשליס פאַרבלייבן ווינטער אין לאָנדאָן ערשטנס, ווייל איך געפין אויס, אַז מיין כעמיש־וויסן איז איבערגעגנוג אויף צו ווערן אַ לערער אין אַ לאָנדאָנער לערנאַנשטאַלט פאַר כעמיע. כ׳דאַרף נאָר קאָנען דערקלערן די כעמישע לימודים אין ענגליש, וואָס דאָס איז ניט צו־שווער, צוליב דעם, וואָס די ווערטער און באַגריפן פון כעמיע זיינען מער־ווייניקער אינטערנאַציאָנאַלע. עס איז דעריבער ניט מער נויטיק פאַר מיר זיך אָנצושטרענגען צו אַרבעטן איצט אויף מיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע, צו וואָס איך דאַרף שוין ניט מער שטודירן קיין נאַטור־וויסנשאַפט טעאָרעטיש, נאָר מאַכן אַ ספּעציעלע כעמישע אונטערזוכונג, וועלכע איך קען אויך דורכפירן אין לאָנדאָן. ס׳איז מיר דעריבער ניט נויטיק אָנצוקומען צו די פריבורגער יעזואיטן נאָך אַ שטעלע, פאַר וועלכער זיי פאַרלאַנגען אַזאַ הויכן פרייז, וועלכן כ׳וועל קיינמאָל ניט צאָלן פאַר די עכסטע גליקן אין דער וועלט. צווייטנס, האַלט איך זיך מאָראַליש פאַרפליכטעט צו שטיין אַ יאָר, ווי אַ „פרייוויליקער סאָלדאַט״ אין דינסט פון מיין יידישן פאָלק, וואָס איז פאַר מיר אויך צוגלייך אַ פאָטערלאַנד, כאָטש עס האָט ניט קיין רעגירונגס־מאַכט מיך צו שטעלן צו אַ „פריזיוו״ און מיך אָפּגעבן אין דער אַרמיי, ווי דאָס קאָנען טאָן יענע פעלקער, וועלכע האָבן אייגענע מדינות מיט אייגענע רעגירונגען.

איך ווער ניט אַנטמוטיקט צו פאַרבלייבן אין לאָנדאָן דורכדעם, וואָס איך פאַרליר די מיטהילף פון צוויי גרינדער פון „מערבי״ און פון אירע אַקטיווע טוער: דער סטודענט יחזקאל וואָרטסמאַן, וועלכער פאָרט־אָפּ צוריק קיין שווייצאַריע, און י. ל. כהן. דער לעצטער האָט סוף סעפּטעמבער

זיך צעקריגט און צעשלאָגן מיט י. וואָרטסמאַנען און ער קומט ניט מער אין פאַראיין, כאָטש מיר לאָזן אים וויסן, אַז די „מערבי״ האָט אים ניט אויסגעשלאָסן און פלאַנט עס אויך ניט צו טאָן. ער שעמט זיך אָבער, אַפּנים, פאַר אונדזערע מיטגלידער צוליב דעם דאָזיקן אינצידענט, און טרעט דערוויַיל אַריין אין אַ גרופּע „חרות״ מיטן נאָמען „פאָרווערטס.״

***

כדי צו דערלערנען גיכער די ענגלישע שפּראַך רעגיסטריר איך זיך אין דער „איווינינג קאָנטיניועישאָן סקול״ אין אָלד קעסל סטריט, פאַרן ווינטער־סעזאָן 1902—1903, וואו מיין לערער איז מאָריס באַקס. מיין אַרבעט אין „מערבי״ ווערט אָבער כסדר קאָמפּליצירטער און שווערער, באַזונדערס זינט איך בין באַשטימט געוואָרן צוצוגרייטן און רעדאַקטירן אונדזער איי־גענע צייטשריפט אין יידיש, וועלכע דאַרף דערשיינער אין נאָוועמבער, 1902. עס בלייבט מיר דאַרום וויניק צייט פאַר דער אָוונטשול. בפרט, אַז איך מוז נאָך גלייכצייטיק צוליב חיונה געבן אוראָקן אין דייטש און העב־רייאיש צו האַי־סקול קינדער — און אין יידיש — צו דערוואַקסענע, וועלכע ווילן קענען שרייבן בריוו אַהיים, אין מזרח־אייראָפּע.

זינט דער סטודענט וואָרטסמאַן איז אָוועקגעפאָרן צוריק קיין שווייצאַ־ריע, ווערט דער „מערבי״ אָנגעפירט אָפיציעל פון אַ קאָמיטע פון דריי (אבערסאָן, מוניץ און איך). צוזאַמען מיט אבערסאָנען און סאָפּערשטיינען געהער איך אויך צו דער קאָמיטע דורכצופירן אין נאָוועמבער אַ ליטעראַטור אָוונט און קאָנצערט אין „מערבי״. איך פיר אויך אָן די פאַרהאַנדלונגען מיט דער קאָאָפּעראַטיווער ביבליאָטעק פונעם הערצל־נאָרדוי קולטור־פאַראיין צו געבן דער „מערבי״ אַ פּאַרטרעטערשאַפט אין דער קאָמיסיע איינצוקויפן נייע ביכער פאַר דער ביבליאָטעק. נאָך אַ סך דיגגעגישן זיינען יענע מסכים אויף דעם, און מיר דערווילן אונדזערן אַ מיטגליד, אַבערסאָ־נען, אין דער בשותפותדיקער ליטעראַטור־קאָמיסיע. גלייכצייטיק נעמט ער זיך שוין אויך אָן צו האַלטן אַ לעקציע אין אַ האָל פון „מערבי״, וועגן דעם „איסט־לאָנדאָנער ברענטש און זייער שטעלונג צו דער יידן־פראַגע״. דער־מיט הויבן זיך אָן די סעריעס אידעאָלאָגישע קאַמפן אין לאָנדאָן צווישן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן, חרות, סאָציאַליסטן־ציוניסטן אויף איין זייט, מיט די אַנאַרכיסטן, בונדיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן אויף דער צווייטער זייט. פרי־ער האָבן אָט די צוויי גרופּירונגען איינע מיט די אַנדערע כלל ניט פּאָלע־מיזירט.

„נחס קאַסטן״ רופן מיר אָן איצט דעם פּראַגע־קעסטל, אין וועלכן מאַ־סאָווע מענטשן וואַרפן אַריין געשריבענע פראַגעס צו אונדזער פאַראיין „מערבי.״

דעם פאַרשלאַג איינצופירן דעם דאָזיקן „נחס קאַסטן" האָב איך מאָטיווירט דערמיט, וואָס אַ טייל פרויען און מענער, וועלכע קומען צו די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון „מערבי" שעמען זיך צו פרעגן וואָס זיי ווילן ויסן, ווייל זיי האָבן מורא: טאָמער וועט מען פון זיי לאַכן?

מיין פאַרשלאַג ווערט אונטערשטיצט פון י. וואַרטסמאַנען, וועלכער זאָגט־צו צו באַשטעלן באַלד אַזאַ קעסטל, און דער פאַראיין נעמט אָן איינשטימיק דעם דאָזיקן פאַרשלאַג.

דורך אָט דעם „נחס קאַסטן" מאַכן מיר ריידנדיק די פשוטע יידישע מאַסע, פרויען און מענער, וועלכע פילן תמיד אָן דעם „נחס קאַסטן" מיט נייע פראַגעס. דאָס פאַרשלאָסן פראַגע־קעסטל הענגט אַ גאַנצן וואָך אין דער קאָאָפעראַטיווער ביבליאָטעק און ביי יעדער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג פון „מערבי" איז דאָס לייענען די פראַגעס פון „נחס קאַסטן" אַ וויכטיקער פונקט פון דער טאָג־אָרדענונג. אויף די לייכטערע פראַגעס ענטפערן מיר תיכף. די שווערערע ווערן אַ ווייל דיסקוטירט און נאָכדעם איבערגעגעבן צו אונדזערע לעקטאָרן, זיי זאָלן וועגן דעם האַלטן לעקציעס *).

איידער די „מערבי" האָט אָנגעהויבן איר קולטור־טעטיקייט אין לאָנדאָן, גרופירן זיך די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע קולטוריסטן אַרום דעם הערצל־נאָרדוי קולטור־פאַראיין, וועלכער האַלט אויף די קאָאָפעראַטיווע ביבליאָטעק. דער היגער „יידישער עקספרעס", אַ פריוואַט „ביזנעס־בלאַט צו פאַרעפנטלעכן פאַר געצאָלט „אַדווערטאַיזמענטס", וועלכע ער שטעלט אַריין צווישן איבערגעדרוקטן פאַרגרייזטן לעזע־שטאָף פון אייראָפּע, אויף ביליקע, פאַרפלעקטע ציַיטונגס־פּאַפּיר, באַפאַלט אָפט דעם דאָזיקן קולטור־פאַראיין פון קולטורעלע האָרעפּאַשניקעס און אינטעליגנטע פראָלעטאַריער, צווישן זיי אויך טיכטיקע העברייאישע לערער און באַדייטנדיקע היימישע לומדים, וואָס זיינען דאָ געצוואונגען געוואָרן צו ווערן פעדלער. דער וואולגאַרער הפקרדיקער „יידישער עקספרעס" רופט אָן מיט אַזעלכע נעמען ווי „עמי הארצים" און „גראָבע יונגען" די דאָזיקע איבערגעגעבענע יידישע קולטור־טרעגער, וועלכע האַלטן אויף מיט זייערע שווער־פאַרהאָרעוועטע פעניס די דאָזיקע יידישע ביבליאָטעק, און פאַרשפרייטן צווישן די אימיגראַנטישע יידן אין לאָנדאָן מאָדערנע ליטעראַטור אין יידיש און העברייאיש, ווי אויך ווערטפולע ווערק פון לומדות און השכלה.

אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע, וועמעס קולטור־טעטיקייט באַשטייט אין דורכפירן לעקציעס, איז דער איינפלוסרייכער פאַראיין „בני ציון" פון

---

* אַ פעקל פראַגעס פון דער „מערביס" „נחס קאַסטן" געפינט זיך נאָך ביז איצט אין מיין אַרכיוו.

וואוילהאָבנדיקע באַלעבאַטישע ציוניסטן. די לעקציעס קומען פֿאָר אין דער אימיגראַנטישער געגנט פֿון מזרח־לאָנדאָן, אין אַ שטענדיקן פֿאַרזאַמ־לונגס־פּלאַץ, וואָס טראָגט דעם קלינגענדיקן נאָמען „קינגס האָל״.

דער „לעקטשור־סעזאָן״ פֿון האַרבסט 1902 האָט זיך אָנגעהויבן ביי די „בני ציון״ שבת־צו־נאַכט דעם 30־טן אויגוסט (די לעקציעס קומען אַלע פֿאָר אין די שבת־צו־נאַכטן). די לעקטאָרן דאָרט זיינען צום גרעסטן טייל באַקאַנטע ענגלענדער, אַדוואָקאַטן, מיטגלידער פֿון לאָנדאָנער שטאָט־ראָט, קאַנדידאַטן פֿאַרן ענגלישן פּאַרלאַמענט, ליבעראַלן, לעיבאָריסטן און אַלערליי מינים סאָציאַליסטן. זיי ריידן געוויינלעך איבער וויכטיקע טאָג־פֿראַגן: דערציאונגס־געזעצן, „הויזינג״ אין וויטשעפּל, אימיגראַציע, א. ד. גל. די איבעריקע רעדנער זיינען דאָס רוב ענגליש־ריידנדיקע בורזשואַזע ציוניסטן. כ׳בין זיך משער, אַז אַרום פֿיר פֿינפֿטל פֿון די רעדנער דאָרטן ריידן אין ענגליש און ווערן ווייניק אָדער גאָרניט פֿאַרשטאַנען פֿון דער אימיגראַנטישער יידישער מאַסע.

אַלס רעדנער אין יידיש זיינען אַנאָנסירט פֿאַרן האַרבסט־סעזאָן 1902 בלויז צוויי לעקטאָרן: דער פֿריער דערמאָנטער א. פֿינקענשטיין און איך. מיר זיינען ביידע באַשטימט צו ריידן וועגן יידישע געשיכטלעכע טעמעס. ער, וועגן דער באַזעצונג פֿון יידן אין ליטע, און זייער לאַגע אונטער דער קעניגלעכער דינאַסטיע פֿון די „יאַגעלן״ (איבער דער דאָזיקער טעמע שרייבט אויך א. (אַפּאַלאָן) וואָל. (וואַלענטין) פֿינקענשטיין אַרטיקלען אין יידיש און ענגליש. איך וועל דאָרט ריידן וועגן די צוויי אויסערגעוויינלעכע נאַציאָנאַל־יידישע הומאַניסטישע דענקער פֿון מיטן 19־טן יאָרהונדערט: דעם סאָציאַליסט מאָזעס (משה) העס און דעם רב ר׳ צבי הירש קאַלישער. וועגן דעם ערשטן האָב איך געזאָלט ריידן דעם 27־טן סעפּטעמבער, נאָר צוליב אַ דרוק־פֿעלער אין די אַנאָנסן, וואו לעבן מיין טעמע איז אַריין אַ נאָמען פֿון אַן אַנדער רעדנער, און דערצו נאָך אַזאַ וואָס האָט כלל ניט געוואוסט פֿון משה העס, איז דאַרום מיין לעקציע וועגן משה העסן איבערגעלאָזן געוואָרן פֿאַרן ווינטער־סעזאָן (דעם 21־טן מערץ 1903). מיין ערשטע פֿאָרשעריש געשיכטלעכע לעקציע אין קינגס האָל וועט דעריבער זיין וועגן ר׳ צבי הירש קאַלישער.

איך גיי ניט צום יום־כּיפּור־באַל פֿון די אַנאַרכיסטן, כאָטש מיין על־טערער פֿריינט, דער באַקאַנטער היגער דרוקער ישראל נאַראָדיצקי, וועל־כער איז אויך אַ שרייבער אין העברייאיש, רעדט מיך שטאַרק צו כ׳זאָל גיין מיט אים אַהין.

ישראל נאַראָדיצקי, דער אַמאָליקער „חובב ציון״, וועלכער האָט צו־זאַמען מיט בערטע פֿלעקסנער אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך „דאָס הייליקע לאַנד״ (זשיטאָמיר, 1891), שטייט איצט נאָענט צו די אַנאַרכיסטן פֿון ראָקערס

צד (די לאָנדאָנער אַנאַרכיסטן זיינען איצט צעטיילט אין עטלעכע זיך באַ־קעמפנדיקע גרופּעס). נאַראָדיצקי בעט זיך, איך זאָל גיין מיט אים צום אַנאַרכיסטישן יום־כּיפּור־באָל, וואו ער וועט מיך באַקאָגען מיט זייער הויפּט־רעדנער דאָרט, רודאָלף ראָקער. איך זאָג זיך אָפּ דאָס צו טאָן, ווייל דאָס איז קעגן מיינע „פרײדענקערישע" איבערצייגונגען. איך דערקלער נאַראָדיצקין, אַז כ'האַלט דעם דאָזיקן אַנאַרכיסטישן יום־כּיפּור־באָל פאַר זייערער אַ אינדירעקטער אנערקענונג, אַז עס איז דאָ אַזאַ מין זאַך ווי אַ יידישער גאָט, כאָטש זיי אַנאָנסירן מיט גרויסע ווערטער, אַז ער עקזיסטירט ניט. איך באַמערק אויך דערצו, אַז ייִנגלוויִיז, ווען איך האָב געגלויבט אין זיין עקזיסטענץ, פלעג איך צייטנווייז צעקריגן זיך מיט אים און אים טאָן „צו להכעיס"; היינט אָבער בין איך איבערצייגט, אַז אַזוינס איז כלל ניט פאַראַן, כאָטש אונדזערע אָבות האָבן געגלויבט אים צו האָבן געזען אין זייער „אָפּשפּיגלונג און געשטאַלט", און אונדזערע נביאים האָבן גערעדט אין זיין נאָמען וועגן גערעכטיקייט, ווען זיי האָבן באמת געהערט גאָר די שטים פון דער יידישער האַרעפּאַשנער מאַסע, וועלכע האָט פּראָטעסטירט קעגן אירע אויסזויגער, אונטערדריקער און באַרויבער.

קאַפּיטל הונדערט און צוואַנציק

אַ „שווייצער סטודענט" וועגן ר' צבי הירש קאַלישער

מיין לעקציע איבער „רבי צבי־הירש קאַלישער" האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ דאַנקבאַרער טעמע. די היינט־וועלטיקע אימיגראַנטישע יידן אין מזרח־לאָנדאָן זיינען, זעט אויס, געווען נייגעריק צו הערן, וואָס אַזוינס אַ מאָדערנער „שווייצער סטודענט" פון נאַטור־וויסנשאַפט, ווי מ'פלעגט מיך דעמאָלט אַנאָנסירן, קען זאָגן וועגן אַן אַלטמאָדישן רב. זיינען זיי געקומען אין מאַסן שבת־צו־נאַכט, דעם 8־טן נאָוועמבער 1902, אין גרויסן „קינגס האָל", אויף קאָמערשעל־ראָוד.

די דאָזיקע לעקציע האָב איך אויפגעבויט אינגאַנצן פון דעם רבס אייגענע ספרים. זיינע רבניש־לומדישע פּילפּולים און רעליגיאָנס־פילאָ־סאָפישע חקירות האָב איך איבערגעגעבן אין אַ לייכטער פּשוטער שפּראַך און זיי געמאַכט אַלגעמיין פאַרשטענדלעך. כ'האָב זיי אויך קלאַסיפיצירט און איינגעטיילט אין פינף טיילן, און גערעדט וועגן יעדן טייל אַרום פופצן מינוט.

אינעם ערשטן טייל שילדער איך צבי־הירש קאַלישער ווי אַ יונגן גאון פרומען רב אין פּרייסן, וועלכער גלויבט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז ווען

יידן וועלן ווידער אויפבויען דעם מזבח אין ירושלים און אויף אים ווידער מקריב זיין קרבנות, וועט קומען די גאולה. ער פּילפּולט זיך דאַרום אַ רייע יאָרן נאָכאַנאַנד מיט זיין רבין, דעם הויך־אָנגעזעענעם גאון רבי עקיבא איגער, און מיט אַ רייע אַנדערע גאונישע לומדים, כדי צו איבערצייגן זיי, אַז מען מעג אויפבויען דעם מזבח אין ירושלים נאָך איידער משיח קומט אָן... און אַז די הײַנטיקע צווייפלהאַפטע כהנים מעגן צוגעלאָזן ווערן צו ברענגען אויף אים קרבנות. ער שטעלט אויך פעסט מיט גרויס חריפות און בקיאות אין תלמוד און אין דער שפּעטערדיקער לומדישער ליטעראַטור — דעם אָרט וואו דער מזבח דאַרף זיין געבויט, און ווי אַזוי ער דאַרף אויסזען; ווי אויך אין וועלכע מלבושים (פאַסאָנען און פאַרבן) די כהנים דאַרפן גיין אָנגעטאָן. דאָס אַלץ באַוועגט ענדלעך דעם גאון רבי עקיבא איגער צו פאַרלאַנגען פון זיין איידעם, דעם „חתם סופר״ (ר׳ משה סופר) פון פּרעס־בורג, אונגאַרן, ער זאָל זען קריגן די נויטיקע דערלויבעניש דערפאַר פון נעם טערקישן פּאַשאַ אין ירושלים. אויף דעם ענטפערט דער פּרעסבורגער רב אַ בריוו, דאַטירט י״א איר תקצ״ז (16־טן מאַי 1837), אַז דער טערקי־שער פּאַשאַ „איז אַ גרויסער קפדן (קאַפּדן) אויף דעם דאָזיקן אָרט, אַז עס זאָל אַהין ניט צוקומען קיינער, וואָס געהערט ניט צו ישמעאלס אומה, ווייל דאָרט שטייט דאָס מאַהאַמעדאַנישע געבעט־הויז״...

מיינע צוהערער האָבן גוטמוטיק געשמייכלט, ווען כ׳האָב פאַר זיי גע־שילדערט דעם דאָזיקן עפּיזאָד. זיי האָבן אָבער ניט אויסגעלאַכט יענע אויפריכטיקע, ערלעכע, נאַאיווע גרופּע. כ׳בין זיי געווען דאַנקבאַר פאַר זייער האַלטונג און זיך געפילט אין אַ גוטער שטימונג, ווען כ׳בין איבערגע־גאַנגען צום צווייטן טייל.

אין דעם צווייטן טייל פון מיין לעקציע איז רבי צבי־הירש קאַלישער שוין אַ זקן נאָענט צו זיבעציק יאָר. ער איז הויך אָנגעזען ווי אַ למדן און אַ רעליגיאָנס־פילאָסאָף. איך גיב איבער בקיצור דעם אינהאַלט פון זיינע ספרים אין לומדות און חקירה, ווי אויך פון זיינע אַרטיקלען אין צייטונגען און זשורנאַלן, איבער צייט־פראַגן, וועלכע ווייזן, אַז ער איז אויך גוט באַ־קאַנט מיט די פּראָבלעמען און געשעענישן פון זיין צייט. זיין פאַראינטערע־סירטקייט אין דער גאולה איז ניט געוואָרן קלענער, נאָר זיינע מיטלען זיינען ניט מער אַ מזבח און כהנים, נאָר דאָס ווידעראויפבויען פון דעם גאַנצן חרובן יידישן לאַנד און עס באַזעצן מיט יידישע אַקער־בויער און פלאַנצער. ער פירט ווידער שאַרפע פּילפּולים מיט די גאונים פון זיין צייט, דאָס מאָל, כדי צו איבערצייגן זיי, אַז די גאולה, די דערלייזונג פון די יידן און פון דער גאַנצער וועלט, דאַרף קומען ניט פון אויבן, דורך הימלשע ניסים, נאָר פון אונטן, דורך די מענטשן אַליין. און ניט מיטאַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, דורך געדולדיקער אַרבעט.

איך שטעל זיך דערביי אָפּ באַזונדערס אויף זיין ספּרל „דרישת ציון" (ליק, פּרייסן, 1862), וואָס איז דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס, איז איבערגעזעצט געוואָרן אין דייטש און איז געלויבט געוואָרן פון מאָזעס העס, — אַ חבר פון מאַרקס און לאַסאַל.

אין דעם דריטן טייל אַנאַליזיר איך רבי צבי־הירש קאַלישערס רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע, אַז דאָס לעבן אויף דער ערד איז אַ זעלבסטצוועק, און ניט קיין קאָרידאָר צו אַ יענער וועלט. ער פאַראורטיילט דאַרום שטאַרק די אומגערעכטיקייט אויף אונדזער ערד, און רופט די מענטשן איינצופירן אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, אין וועלכער זיי זאָלן קאָנען לעבן אין יושר און פרידן.

אין דעם פערטן טייל באַקען איך מיינע צוהערער מיט קאַלישערס אידייע, אַז יידן דאַרפן ווידער אויפבויען זייער חרוב לאַנד, ניט בלויז מחמת דעם, וואָס זיי ליידן פון רשעות און פאַרפאָלגונגען, און אויך ניט נאָר צוליב דער אָרעמקייט פון גרויסע מאַסן יידן, נאָר אַ סך מער נאָך צוליב דעם, וואָס דאָס איז אונדזער אייגן פאָטערלאַנד, און מיר דאַרפן טאָן אַלץ וואָס מיר קאָנען, כדי ווידער עס אויפבויען און באַנייען, ווי דאָס טוען אַלע אַנדערע פעלקער, וועמעס פאָטערלענדער זיינען פאַרשקלאַפט.

צום סוף, אין דעם פינפטן טייל, גיב איך אויסצוגן פון זיינע פּראַקטישע פּלענער צו קאָלאָניזירן ארץ־ישראל דורך האַרעפּאַשנע יידן פון מזרח און מיטל־אייראָפּע; צו גרינדן לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן אין ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער, וואו מ'זאָל יידן לערנען אַקערבוי און גערטנעריי. ער איז אויך דערפאַר, אַז מ'זאָל דאָרטן לערנען אויך אַנדערע וויסנשאַפטן און קונסטן.

איך פאַרענדיק מיין דאַנקבאַרע טעמע מיט אַ קורצער ביאָגראַפיע און כאַראַקטעריסטיק פון רבי צבי־הירש קאַלישערס פיינער פערזענלעכקייט. מיינע צוהערער, וועלכע זיינען די גאַנצע צייט פון מיין „לעקטשורן" געזעסן רואיק און מיך אויסגעהערט אויפמערקזאַם, פון אָנהויב ביזן סוף, איבערראַשן מיך נאָך דערצו מיט אַפּלאָדיסמענטן און אָוואַציעס.

מיין פעטער מאָריס סאָפּערשטיין, דער אַמאָליקער אַנאַרכיסטישער און אַטעאיסטישער שאַפּ־אַרבעטער, וועלכער איז איצט אַ סטאַטעטשנער בשמים־קרעמער, איז אויך געקומען צו הערן מיין לעקציע. מיין פּרעסטיזש שטייגט ביי אים הויך. ער דריקט מיר אויס זיין אנערקענונג, און גיט מיר גערעכט, וואָס כ'האָב ניט געוואָלט אָננעמען די עצה פון זיינע פריינט לעצטן זומער צו ווערן אַ „ביזנעסמאַן", אָנשטאָט שטודירן ווייטער. דאָך קריטיקירט ער נאָך אַלץ מיין אומפּראַקטישקייט. ער זאָגט, אַז די לאַנדאָנער „לעקטשורערס"

פון זיין צייט, מיט ב. פייגענבוימען בראש, און אויך אב. קאַהאַן, וועלכער פלעגט אַראָפּקומען אַהער פון ניו־יאָרק און דאָ ריידן אויפן גאַס, אין יידיש און ענגליש, אַז זיי פלעגן אין זייערע „לעקטשורס" ניט דערמאָנען, ווי איך, וואָס דער אָדער יענער האָט געשריבן, נאָר האָבן אַלץ אַרויסגעזאָגט, ווי דאָס וואָלטן געווען זייערע אייגענע געדאַנקען... ער בלייבט, זאָגט ער, דערום ביי זיין מיינונג, אַז איך בין צו נאַאיוו און כ׳וועל דעריבער קיינמאָל ניט ווערן אַזוי פּאָפּולער ווי יענע, כאָטש ער האַלט מיך פאַר מער קענער פון זיי...

***

מיר זיינען זייער איבערקלייבעריש ביים אַריינגעמען נייע מיטגלידער אין אונדזער פאַראיין „מערבי". מיר נעמען אַריין נאָר אַקטיווע טוער און דערלויבן זיי ניט אַנצוגעהערן צוגלייך צו אַ צווייטן פאַראיין, אפילו אַזאַ, וועלכער גיט זיך אָפּ בלויז מיט אונטערהאַלטן און אַמוזירן. מיר באַשליסן צוליב דעם דורכצופירן אין „מערבי" אויך אונטערהאַלטונגען און אַמוזי־רונגען, נאָר אַזוינע, וואָס זאָלן אויך אַנטהאַלטן ליטעראַטור און קונסט. דאָך האָבן מיר לעצטנס אַריינגענומען אַ האַלבן טוץ נייע מיטגלידער, און נאָך אַמאָל אַזוי פיל ווערן נאָך באַטראַכט. די נייע מיטגלידער זיינען: יעקב אַראָנאָוו, אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן מיט אַ שיינער אָסאָבע*; מרדכי גינסבורג און זיין חבר שוואַרץ —ביידע אַקטיווע טוער פון אָנגע־זעענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס; אברהם מאַרקס, וועלכער רעדט מיט וויסן וועגן מאַרקסיסטישע ענינים; זיגמונד סאַפּערשטיין (אַ זון פון מיין מאַמעס יינגערער שוועסטער, בת־שבע, און איר מאַן משה סילין. ווען זיין טאַטע־מאַמע גטן זיך, און ער בלייבט אַ „לעבעדיקער יתום", ווערט ער אַלס לערן־יינגל שטאַרק געפּייניקט פון זיין מייסטער. ווען יענער שטעמפּלט אים נאָך דערצו פאַר אַ ליגנער, דערקלערט אונדזער באָבע דבורה, אַז ער איז ניט קיין ליגנער, נאָר אַ פאַנטאַזיאָר, וואָס וועט אונטער גינסטיקע אומשטענדן אַרויסווייזן קינסטלערישע פייאיקייטן. איצט, נאָכ־דעם ווי ער האָט אַ צאָל יאָרן פאַרבראַכט ביי דער מוטער אין דייטשלאַנד, איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ ליבהאָבער טרופּע אין גלאַסגאָו און לאָנדאָן. ער זינגט, דעקלאַמירט און שפּילט טעאַטער, אָרגאַניזירט קינסטלערישע פּראָגראַמען און איז אַ טיכטיקער פאָרזיצער אויף קאָנצערטן און מאַסן־

---

*) ער זעט דעמאָלט אויס ענלעך צום סאָוועטיש־יידישן קינסטלער און געלערנטן יחזקאל דאָברושין.

פאַרזאַמלונגען *). דער זעקסטער נייער מיטגליד אונדזערער איז דער שוין פריער דערמאָנטער וויליאַם פויזניאַק, — אַ פּיאיקער בוכהאַלטער און קאָרעספּאָנדענט, וועלכן איך באַטראַכט פאַר מיין נאָכפאָלגער אַלס סעק־רעטאַר פון „מערבי".

דער ערשטער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער אַרויסטריט פון „מערבי", זונטיק דעם 16־טן נאָוועמבער, 1902, מאַכט אַ פוראָר צווישן דעם יונגן אימיגראַנטישן עולם. אַחוץ דעם מוזיקאַלישן פּראָגראַם (אַראַנזשירט פון ז. סאַפּירשטיין) פון פידל, פּיאַנאָ און געזאַנג, ווערט אַלץ דורכגעפירט פון אונדזערע „מערבי"־מיטגלידער: ד. ב. אַבערסאָן טרעט אַרויס מיט פאַר־לעזונגען פון יהלל („ארץ ישראל ערד") און מענדעלע („ישראליק באַקלערט די וועלט"); יעקב אַראָנאָוו — מיט שלום עליכמס „אין אַ ספרים קלייטל". זיגמונד סאַפּירשטיין דעקלאַמירט דוד עדעלשטאַטס „דער קינדער־מער־דער" און מאָריס ראָזענפעלדס „היסטאָרישע פּעקלעך". איך באַטייליק זיך מיט גאַנצע דריי נומערן: 1) אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער קונסט פון דעם יידישע מאָלער אפרים משה ליליען, וועלכער האָט לעצטנס אילוסטרירט מאָריס ראָזענפעלדס „לידער פון געטאָ", אין בערטאָלד פייוולס דייטשישער איבערזעצונג. 2) פאָרלעזונג פון י. ל. פּרצעס „מוסר". 3) אַ סאַטיריש בילד: „דער כהן פשחור" (דער וואָס האָט לויטן תנ"ך געשלאָגן ירמיהון) אַראַנ־זשירט אַ באַנקעט פאַר ירמיהו הנביא". פאַרענדיקט האָט זיך אָפּיציעל דאָס פּראָגראַם מיט אַ דיסקוסיע איבער דער פראַגע: „דאַרף אַ ציוניסט אויך זיין אַ סאָציאַליסט?" און פאַרקערט: „דאַרף אַ סאָציאַליסט אויך זיין אַ ציוניסט?" די דיסקוסיע איז אָנגעפירט געוואָרן אונטער דער לייטונג פון דעם געלערנטן א. פינקעלשטיין.

מיר באַשליסן אַרויסגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן פון „מערבי". ווי אַזוי מיר וועלן עס קאָנען דורכפירן, דיסקוטירן מיר ווייניק. פאַר אונדזערע מיטגלידער איז עס פשוט. זיי האַלטן מיך פאַר אַ גוטן סעקרעטאַר, מיינען זיי, אַז איך וועל געוויס אויך קאָנען זיין אַ שרייבער און אַ רעדאַקטאָר... קיין אַנדער קאַנדידאַט האָבן מיר סיי־ווי ניט. י. וואָרטסמאַן, דער איינציקער צייטונגס־שרייבער צווישן אונדז, איז דאָך שוין צוריק אין דער שווייץ. מוז איך נעמען אויף זיך די אַרבעט און אַז כ'וועל וועלן — מיינען זיי — וועל איך קענען...

אַזוי ווי דער אָרגאַן פון „מערבי" דאַרף אַרויס בלויז איינמאָל אַ חודש,

---

*) ער איז אויך דער פאָרזיצער פון דעם „מעמאָריעל מיטינג" אין גרויטן ווייטשעפּלער „וואונדערלאַנד", נאָכן טויט פון דעם שוישפּילער זיג־מונד פיינמאַן אין יולי, 1909, אַראַנזשירט פון די יידישע טעאַטער־לייט אין לאָנדאָן.

און איז באַרעכנט אויף אַכט זייטן, קליינעם פאָרמאַט , וועל איך זיכער — מיינען אַלע — קאָנען עס אַליין אינגאַנצן אויספילן. עס וועט דאָך דאָרט ניט קאָנען אַריינגיין מער שטאָף וויפל כ'פלעג אויפשרייבן יעדן חודש אין מיינע פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענציעס. בפרט אַז דער פּרעסער מוניץ האָט אַ פּראָיקט פון אַ נייעם סטאַטוט פאַר דער ענגלישער ציוניסטישער פעדעראַציע און אבערסאַן פּלאַנט אויפצושרייבן אַ שאַרפן בריוול קעגן דער זעלביקער פעדעראַציע *).

דאָס גלייכן זאָרגן מיר אויך ניט וועגן פאָנדן. אונדעזר דרוקער נאַ־ראָדיצקי וועט אָפּדרוקן אַ נומער אויף באָרג. מיר וועלן עס אַליין פאַרקויפן און ניט האָבן קיינע אויסגאַבעס דערפאַר. וועלן מיר באַצאָלן דעם דרוקער פאַרן ערשטן נומער און ער וועט נעמען דרוקן דעם צווייטן נומער...

פאַר מיר פערזענלעך איז אָבער די דאָזיקע עקסטרע אַרבעט גאָר ניט לייכט. זינט י. וואָרטסמאַן איז אַוועקגעפאָרן צוריק אין דער שווייץ בין איך פאַרנומען פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט דער אַרבעט פון „מערבי״; די אַנדערע מיטגלידער זיינען דאָך אַלע באַשעפטיקט ביי זייערע אייגענע אַרבעטן. איך מוז דעריבער אַליין זיין איר טעאָרעטיקער און פּראַק־טיקער: צוזאַמענרופן אירע פאַרזאַמלונגען, אָרגאַניזירן אירע אונטערנע־מונגען, צוגרייטן טעמעס פאַר די רעדנער, אויך פאַר די וואָס ריידן אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דערביי פירן אַ היפשע קאָרעספּאָנדענץ מיט סימ־פּאַטיזירער און קעגנער פון „מערבי״ אין אַנדערע שטעט, מיט ציוניסטישע קערפּערשאַפטן אין ענגלאַנד און אין אויסלאַנד. איצט וועט נאָך צוקומען צו שרייבן פאַרן „מערבי״־אָרגאַן און אויך רעדאַקטירן וואָס אַנדערע וועלן מיר געבן און כ'דאַרף עס דאָך אויך איבערשרייבן אין אַ קלאָרער און פּשוטער שפּראַך.

נאָר אָפּזאָגן זיך פון אַט דער אַרבעט איז פאַר מיר ניט מעגלעך, פּשוט דערפאַר ווייל מיר האָבן איצט ניט קיין אַנדערן וואָס זאָל עס קאָנען טאָן. אַרבעט איך שוין אויף דעם ערשטן נומער, וואָס דאַרף אַרויסגיין טאַקע דעם הייַנטיקן חודש, אין נאָוועמבער 1902.

קאַפּיטל הונדערט איין און צוואַנציק

„די וואַנט פון מערבי״

סוף נאָוועמבער 1902 דערשיינט ענדלעך דער „אָרגאַן״ פון אונדזער

*) ער שטעלט עס מיר ערשט צו פאַרן דריטן נומער (יאַנואַר 1903).

פאַראיין „מערבי". מיר גיבן אים אַ נאָמען „דער כותל מערבי", געמיינט — איר פעסטונג...

אונדזער „מערבי"־אָרגאַן איז אַן אַכט־זייטיק קעמפעריש קליין צייטונגל, וואָס איז אויסגעפילט כמעט אינגאַנצן פון מיר, אַלס רעדאַקטאָר. מיין איינציקער מיטאַרבעטער אין ערשטן נומער איז דער פּראָפעסער אורי מוניץ, דער געשעפט־פאַרוואַלטער פון אַט דעם צייטונגל. מיר גיבן דאָרט אַריין זיין ברייטן דעטאַליזירטן פּראָיעקט פון אַ סטאַטוט פאַר דער ענגלישער ציוניסטישער פעדעראַציע, וועמעס „קאָנווענשאַן" (צוזאַמענפאָר) דאַרף פאָרקומען היינטיקן ווינטער (1902—1903).

אַ היפּשער טייל פון דעם ערשטן זייטל פון „כותל מערבי", זיין אויבערשטע העלפט, איז פאַרנומען מיט דעם נאָמען פון דעם אָרגאַן אין גרויסער שריפט, אין יידיש און אין ענגליש; אויך דער נאָמען פון זיין אַרויסגעבער. אונטער דעם קומען אַריין, לויט דער טראַדיציע פון דער יידישער אַרבעטער־פרעסע אין לאָנדאָן אין די 80־ער און 90־ער יאָרן — מאָטאָס אין העברייאיש. איןביידע זייטן פון די מאָטאָס וועגן ארץ ישראל און זעלבסטהילף שטייען אַנאָנסן אין קעסטעלעך: רעכטס — אַז אַלע מאַנוסקריפּטן זאָלן געשיקט ווערן צו ק. מרמר, 164 קענאָן סטריט ראָוד, קאָמערשעל ראָוד, לאָנדאָן, איסט; לינקס, — אַז אַלע געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייט זאָלן געשיקט ווערן צו או. מינץ, 30 סידני סקווער, מייל ענד, לאָנדאָן, איסט. אונדזערע ביידנס נעמען און אַדרעסן ווערן געגעבן אין ענגליש.

אונטער דעם זיינען אָנגעגעבן אין פּעטיט: רעכטס — די דאַטע (דער יידישער חודש) — און לינקס — דער פּרייז (אַ האַלבע פּעני) — און אין מיטן: דער נומער.

די אונטערשטע, קירצערע, האַלבע זייט איז אויסגעפילט מיט אונדזער דערקלערונג: אָדער לייט־אַרטיקל, מיטן נאָמען: „וואָס ווילן מיר?" צווישן אַנדערעס זאָגן מיר דאָרט אַזוי:

„מיר ווילן, אַז אונדזער עולם זאָל אויפהערן זיך צו פאַרלאָזן אויף זיינע בעלי טובות און שתדלנים. — — — אַלץ וואָס ער טוט זאָל זיין אויף דעם גרונט פון ז ע ל ב ס ט ה י ל פ ע און טיף אין דאָס האַרץ — — — זאָלן זיך איינוואָרצלען די אומשטערבלעכע הללס ווערטער: „אם אין אני לי, מי לי?" (ווען איך אַליין העלף זיך ניט, ווער זשע זאָל מיר שוין העלפן?). מיר ווילן נאָך פילעס, דען אַלס „גאַנצע אידן" פעלט אונדז נאָך זייער פיל."

די הויפּט־פראַגע מיט וועלכער אונדזער „מערבי"־אָרגאַן פאַרנעמט זיך אין זיין ערשטן נומער איז אָרגאַניזאַציע. אין אַ לענגערן אַרטיקל, וואָס פאַרנעמט אַרום פינף זייטן, שילדער איך דעם כאַאָס אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָנדאָן און „די חושכניש און פאַרפאַרנקייט",

וואָס הערשט אין איר „מאָדערנער געטאָ". איך קריטיקיר אין מיין אַרטיקל ניט בלויז די פירער, נאָר אויך די מאַסן. איך שרייב דאָרט אַזוי:

מיר זיינען אָפּגעוואוינט פון דער זאָרג פאַר אונדזערע כלל־אינטערעסן און מיר זיינען נאָך אימער צוגעוואוינט צו אונדזערע מיטל־אַלטערלעכע פּאַראַדקעס מיט די בעלי טובות און שתדלנים. ס'זיינען געווען צייטן ווען מיר אַליין פלעגן אונדז ווייניק קאָנען העלפן. אונדזער געמיינזאַמער שיק־זאַל איז געלעגן אין פרעמדע הענט און מאַנכמאָל אין דער האַנט פון אַ יחיד. אָט אין יענער שלעכטער צייט האָבן זיך ביי אונדז אויסגעבילדעט בעלי טובות און שתדלנים וועלכע פלעגן זאָרגן פאַר אונדזערע געמיינזאַמע אינ־טערעסן. יענע גרויזאַמע צייטן זיינען אָבער שוין לאַנג פאַרביי און היינט ליגט אונדזער נאַציאָנאַלער שיקזאַל אין אונדזערע אייגענע הענט, און ווען יעדער איינציקער פון אונדז וועט ניט זאָרגן פאַר אונדזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, וועט קיין אַנדער פאַר אונדז ניט זאָרגן. מיר זיינען צוגע־וואוינט צו זאָרגן יעדערער נאָר פאַר זיך אַליין — — — מיר זיינען פיל אָפּגעוואוינט פון אחדות און סאָלידאַריטעט — — — אַז אַרבעטנדיק פאַרן מאָמענט באַמערקן מיר ניט בשעת מעשה אונדזערן אַ ברודער, מיר זעען אַפילו ניט ווי מיר שאַדן אונדזער אייגענע צוקונפט. למשל: אַ יידישער באַלמעלאָכע אַרבעט „אָווערטאַים" (איבערשטונדן). ער נעמט אַרויס אַר־בעט פון „וואָרקשאָפּ" צו זיך אַהיים. ער אַרבעט טאָג און נאַכט און פאַר־דינט געשמאַק — — — און פאַרגעסט בעשת מעשה, אַז זיין אייגענער ברו־דער גייט דורכדעם ליידיק און ער אַליין וועט מאָרגן מער פאַרלירן וויפיל ער פאַרדינט היינט... אָט אין דעריין ליגט אונדזער גרויסער חסרון: מיר זעען נאָר „זיך" און דעם „כהרף־עין", אין וועלכן מיר לעבן, מיר זאָרגן נאָר פאַר זיך אַליין און פאַר דעם אויגנבליק — — — (קורץ:) עס פעלט אונדז די אָרגאַניזאַציאָן: די אַלטע מיטלאַלטערלעכע אָר־גאַניזאַציאָן איז צעפאַלן און וואו זי איז זעלבסט ניט צעפאַלן האָבן מיר זי מיט געוואַלט צעריסן, אָבער אויף איר אָרט האָבן מיר קיין נייע ניט געשאַפן. — — — דערפאַר גליקן ניט אונדזערע קאָאָפּעראַטיוון, יוניאָנס און אַלע אונדזערע כלל־זאַכן ביי וועלכע מען דאַרף אויך טראַכטן פון דעם ברודער און פון דער צוקונפט"...

דערביי וויז איך אָן, ווי אַזוי דער ציוניזם אין ענגלאַנד האָט אין אַזאַ סביבה און אין אַזויגע באַדינגונגען „געמוזט ווערן אַ בלאָף־ציוניזמוס"...

דער בלאָף־ציוניזמוס האָט צוגעזאָגט גילדערנע בערג און בזיל־הזול: פאַר איין שקל אַ יאָר און איין שער (אַקציע) אין אַ יובל — אויסלייזן פון גלות, באַפרייען פון דלות און אַוועקפירן אין אַ „יידן־לאַנד"... דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן גרויסע רעקלאַמעס, הסכמות פון וואוילגעבוירענע מענטשן מיט הויכקלינגענדיקע נעמען און באַרימטע מגידים מיט גלעצנדע

דרשות כדי דעם עולם צו דערהיצן, צו ענטוזיאַזם, זיי זאָלן עפענען זייערע טאַשן און געבן...

אַלס קעגנזאַץ צום בלאַף־ציוניזם, וואָס רעדט נאָר וועגן צוקונפטיקע אויפגאַבן, שטעל איך אַרויס דעם נאַציאָנאַלן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט נאַציאָנאַל־יידישע קעגנוואַרטס־אויפגאַבן, און האָט דאָ פאַר זיך אַ „זייער גרויסעס אַרבעטספעלד, וואו עס קענען און מוזן מיטאַרבעטן אַלע טיילן פון יידישן פאָלק, וואו קיין איין־איינציק יידיש־קינד טאָר ניט זיין פּאַסיוו. אַ ל ע, וועלכע רעכענען זיך צום יידישן פאָלק מוזן זיין אַקטיוו, דען פאַר יעדן איינעם איז פאַראַן געגוג אַרבעט לויט זיינע פעיאיקייטן און לויט זיינע קרעפטן":

„די יידישע מאַסע איז דאָ ווירטשאַפטלעך דעגראַדירט — — — די פאַרוואַלטונג פון אונדזערע קהילות, וואו עס עקזיסטירן אַזעלכע אָרגאַניזאַציאָנען, ליגן אין אַסימילאַטאָרישע הענט, דאָס הייסט, אין די הענט פון אַזוינע, וועלכע דענקען און פילן ווי די פרעמדע — אויב ניט נאָך פרעמדער... די דערציאונג פון אונדזערע קינדער איז אַזוי פאַרנאַכלעסיקט, אַז מיט דעם אָפּלעבן פונעם אַלטן דור, וועט פאַרשווינדן דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום פון ענגלאַנד — — — אונדזערע צדקה־חברות אַרבעטן דאָ ניט צו העלפן דעם אָרעמען, דעם שוואַכן..."

מיין אויספיר איז, אַז מיר נויטיקן זיך אין אַזאַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אין זיך אַריין דאָס גאַנצע יידישע לעבן, און איר הויפּט־צוועק איז: אויפצוהאַלטן דאָס יידישע פאָלק ווי אַ יידישע נאַציע... און אַז דער ציוניזם אין ענגלאַנד גייט אויף אַ פאַלשן וועג און דאָס איינציקע מיטל אים צו ראַטעווען איז, ער זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג. „אָרגאַניזירט אויף אמת פון אינווייניק און אמת פון דרויסן". כ'דערקלער עס דאָרט אַזוי:

1. „מיר טאָרן אונדזער פובליקום ניט נאַרן, מיר דאַרפן אים ניט פאַרשטעלן „הרים וגבעות", גילדערנע בערג אין ארץ ישראל, און ניט האַלטן פאַרוויקלט אין אַ וואָלקן פון סודות און רמזים... פשוט גערעדט: מיר טאָרן ניט בלאָפן... אונדזער אָרגאַניזאַציע מוז זיין געבויט אויף דעם יסוד פון א מ ת. זי דאַרף זיך דערווייטערן פון שקרים און בלאָפס און מוז זיין צוזאַמענגעזעצט פון גאַנצע יידן, פון יידישע יידן..."

2. „מיר זאָלן אויך ניט בלאָפן פון דרויסן. ניט אויפרייסן דער וועלט די אויגן מיט פאַלשע דעמאָנסטראַציעס, מיט פאַראיינען און אינסטיטוציעס פון „לא היה ולא נברא", וואָס זיינען ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. מיר זאָלן זיך ניט רימען מיט דאָס, וואָס מיר האָבן ניט, ווייל דאַן וועט מען אונדז ניט גלויבן אפילו דאָס וואָס מיר האָבן... מיר מוזן אויך „זיי" דערקלערן ריכטיק וואָס מיר ווילן, מיר טאָרן קיינעם ניט נאַרן: ניט די „רעכטע"

און ניט די „לינקע", ניט די „שוואַרצע" און ניט די „רויטע", נאָר מיר זאָלן זיי דערקלערן אָפנהאַרציק, אַז מיר פילן זיך איבעראַל ווי פרעמדע, אפילו דאָן ווען מען גיט אונדז בירגערלעכע רעכט, ווייל מיר ווילן האָבן אַ ן אייגענע היים, וואו מיר זאָלן זעלבסט קאָנען זיין בעלי־צדקות און געבן גלייכע רעכט פאַר די פרעמדע..."

ס'פאַרשטייט זיך, אַז די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן זיינען געווען שטאַרק בייז. די „מערבי" האָט זיך אָבער כלל ניט גערעכנט מיט די אָנ־פאַלן פון יענעם צד. דערפאַר אָבער האָבן מיר געהאַט די באַפרידיקונג, אַז דאָס אַלטע העברייאישע וואָכנבלאַט „המגיד" האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון זיין רעדאַקטאָר, דר. שמואל פוקס, אין וועלכן ער האָט געלויבט דעם „כותל מערבי" פאַר דעם יוגנטלעכן לעבנס־שטראָם, וואָס ער טראָגט אַריין אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

קאַפּיטל הונדערט צוויי און צוואַנציק

אַ באַראַטונג וועגן אַ יידישן שרייבער־פאַראיין אין לאָנדאָן

דער עמיגראַציע־שטראָם האָט כסדר אַריינגעבראַכט נייע יוגנטלעכע עלעמענטן אין לאָנדאָן. איך באַמי זיך תמיד צו באַקאָנען זיך מיט דער ניי־איינגעוואַנדערטער יידישער יוגנט: אפשר קאָנען מיר עפּעס וואָס מער אויפטאָן צוזאַמען. צום גליק זיינען דעם ווינטער 1902—1903 אָנגעקומען אַזוינע עלעמענטן וועלכע זיינען גרייט צו אַרבעטן כדי אויפצוהויבן דעם מצב פון דער יידישער קולטור אין לאָנדאָן. זיי זיינען ניט קיין ציוניסטן און אַפילו ניט קיין נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן. זיי געהערן גאָר צו די „פּ. פּ. ס." (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) אָדער צו אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען. זיי זיינען אָבער יידישע „פּע־פּע־עסניקעס" אָדער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן. זיי ריידן און שרייבן אין יידיש און טיילעכע פון זיי האָבן אפילו אויך ליטעראַרישע אַמביציעס. מיר האַלטן אַלע פאַר מעגלעך צו אַרבעטן צוזאַמען, צו באַקענען די יידישע מאַסן אין לאָנדאָן מיט דער בעסערער יידישער ליטעראַטור. מיר דערריידן זיך אויך צום געדאַנק פון גרינדן אַ יידישן שרייבער־פאַראיין אין אונדזערע באַראַטונגען באַטייליקן זיך (לויטן אַלף בית):

1. גאָטליב, לעאָן, אַ מיטאַרבעטער אין דעם לאָנדאָנער יידישן אַר־

גאָן פון „פּ. פּ. ס״. ער איבערזעצט אויך זאַכן פון פּויליש אין יידיש *).

2. טאַטאַרסקי, חיים **).

3. כהן, י ל. — דער מיטגרינדער פון „מערבי.״

4. לעווין, חיים הענדל הלוי.

5. מיכאלסקי (ר. מיכעלסאָן), וויכטיקער טוער פון „פּ. פּ. ס.״ און רע־דאַקטאָר פון איר „אידישן אַרבעטער״. ער איז געווען אַ פּאָליטיש־אַרעסטירטער אין פּוילן, פון וואַנען ער אַנטלויפט קיין ענגלאַנד.

6. מילטאָן (שרייבט בעלעטריסטיק. נאָר דערווייל נאָך גאָרניט גע־דרוקט).

7. קלמן מרמר.

8. שעלעוויצקי ***).

די איבעריקע פּערזאָנען האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דער דיסקוסיע און ניט אָנגעגעבן זייערע נעמען.

די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז ס׳איז ווערט צו שאַפן יידישע לי־טעראַטור אין לאָנדאָן, ווייל זי וועט זיין וויכטיק אויך פאַר אַמעריקע און רוסלאַנד. מיר זיינען אויך געווען גרייט אַריינצונעמען אַלס סימפּאַטיזירער אַ גרופּע ליטעראַטור־ליבהאָבער, וואָס זיי אַליין קאָנען ניט שאַפן, נאָר זיי זיינען גרייט מיטצוהעלפן די, וועלכע קענען.

לעאָן גאָטליב איז פּעסימיסטיש צוליב דעם, וואָס די עטלעכע יידישע צייטונגען אין לאָנדאָן זיינען גרייט אַריינצונעמען נייע מיטאַרבעטער און ווילן אַפילו ניט לייענען זייערע מאַנוסקריפּטן... ער שלאָגט פאָר מיר זאָלן אַרויסגעבן אַן אייגענעם זאַמלבוך און טאָקע שוין באַשטימען אַ סעקרעטאַר און אַ פּאַרוואַלטער. ער, גאָטליב, איז אויך פאַר דער גרינדונג פון אונדזערער אַן אייגענער ביבליאָטעק.

מיכאלסקי האַלט, אַז מיר קאָנען דערווייל אויסקומען מיט דער ביבלי־אָטעק פון דער „פּ פּ. ס״. (זי האָט אויך אַ פאָנד פון דריי פונט אויף ווייטערע

---

*) ער ווערט שפּעטער אַ פּרוכטבאַרער שרייבער פון ראָמאַנען אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס.״

**) שפּעטער אַ שול־טוער און לערער אין די אַרבעטער־רינג־שולן אין אַמעריקע, הויפּטזעכלעך אין שיקאַגאָ. ער באַטייליקט זיך אויך אין שול און פאַרטיי־אויסגאַבעס.

***) דער שפּעטער באַקאַנטער יידישער קאָרעספּאָנדענט און זשורנאַ־ליסט ב. ש ע ל ו ו י ן.

אויסגאַבעס). ער מיינט, אַז עס אונדז בכלל ניט נויטיק קיין באַזונדערע ביבליאָטעק. מיר קאָנען אויף דעם געביט אַרבעטן צוזאַמען מיט די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס.

טאַטאַרסקי איז מיט דער מיינונג, אַז אין לאָנדאָן קאָנען מיר און דאַרפן דערווייל באַקעמפן די שונד־ליטעראַטור.

מילטאָן שלאָגט פאָר אַרויסצולאָזן „הענד־בילס" (ליפלעטס), אַז מיר האָבן שוין געגרינדעט אַ יידישן ליטעראַטור־פאַראיין.

כהן גיט איבער אונדזערע פלענער פון „מערבי", ווי אַזוי צו באַקעמפן די שונד־ליטעראַטור און פאַרשפרייטן גוטע, צו האַלטן פאָרטראַגן, קריטיקירן ביכער, שאַפן אַ פרייע יידישע ביבליאָטעק, אַרויסגעבן אַ קאַטאַלאָג פאַר לעזער, אָרגאַניזירן אַ פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און זוכן מיטלען ווי אַזוי צו קריגן געלט אויף דעם.

אונדזערער אַ סימפּאַטיזירער דערציילט, אַז איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער גלאַסגויער „אידישער צייטונג" האָט צוגעזאָגט אָנצונעמען מאַנוסקריפּטן פון אַלע היגע שרייבער, בתנאי אַז זייער שרייבן וועט ניט זיין קעגן „ביזנעס" פון דער צייטונג..

ווי אַזוי צו קריגן די נויטיקע מיטלען פאַרן פאָרגעשלאָגענעם פאַרלאַג רעקאָמענדירט אַ צווייטער סימפּאַטיזירער: מיר זאָלן אַרויסגעבן פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע בראָשורן, וועלכע מ'קאָן פאַרקויפן ביליק און דאָך מאַכן דערביי אויך פּראָפיט...

די אַלע אומפּאַרטייאישע אָדער איבערפּאַרטייאישע באַראַטונגען האָבן ניט געבראַכט קיין שום פּראַקטישע רעזולטאַטן. מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעגעבן ווייטער דער עיקר מיט אונדזערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס און אָרגאַנען: די „פּ. פּ. ס." מיט איר „אַרבעטער", די ס. ד. מיט אירע פלוגשריפטן, און אונדזער „מערבי" איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט פאַרשפרייטן דעם „כותל מערבי" פון וועלכן עס זיינען שוין אַרויס צוויי נומערן. כ'אַרבעט שוין איצט, סוף 1902, אויפן דריטן נומער.

ניט געקוקט אויף מיין פריינטלעכער באַציאונג צו איינצלנע „פּע־פּעעסניקעס", וועלכע אינטערעסירן זיך מיט יידישער ליטעראַטור, אַטאַקיר איך שאַרף די פּ. פּ. ס אין צווייטן נומער פון דער „כותל מערבי."

אין אַ פעליעטאָן „למה רגשו (וואָס געוואָלדעווען זיי?) — „אַ קאַפּיטל תהילים ביים כותל־מערבי", באַנוץ איך זיך מיט אונדזער צייטונגגלס נאָמען, וואָס דערמאָנט אין דעם „כותל מערבי" פון ירושלים, וואו פרומע יידן זאָגן תהילים, און איך טייטש אויס אַ צאָל פּסוקים קעגן די אָנפאַלן פון דער פּ. פּ. ס. אויף די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן און אַרבעטער־ציוניסטן. איך וויס גאַנץ גוט, אַז אַזאַ מין פּאָלעמיק איז קינדיש און פּרימיטיוו. עס האָט אָבער פאַר

מיר די מעלה, וואָס דאָס איז ריין פון דער פּערזענלעכער זידלעריי מיט וועלכער עס זיינער פול אַנדערע לאַנדאָנער יידישע צייטשריפטן, און איך קאָן אַזוינס ניט פאַרטראָגן.

מיינע אַריינטייטשונגען אין „למה רגשו" זיינען אומגעפער אַזוי: „ולאומים" — „און צו וואָס ריידן די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן אַזוינע נאַרישקייטן?" „ורוזנים" — „און די פּוילישע פּריצים פון פּ. פּ. ס. בונטעווען זיך אויך קעגן דאָס יידנטום און קעגן דעם ציוניזמוס". „הוסרו" — „מוסרט איך אַליין אויס, איר פּוילישע פּריצים, וואָס פירן אַ מלחמה מיט די דייטשע סאָציאַליסטן פאַרן פּוילישן שאָוויניזם און מיט יידישע אַרבעטער קעגן דעם יידישן נאַציאָנאַליזמוס..."

צו דער פּ. פּ. ס. האָב איך בכלל ווייניק צוטרוי. און כאָטש איך בין אין אַ סך פּרטים קעגן די בונדיסטן מיט וועלכע איך האָב נאָך סכסוכים פון דער צייט, וואָס איך בין געווען אַ לערן־ייִנגל אין ווילנע מיט יאָרן צוריק, סימפּאַטיזיר איך דאָך מיט די בונדיסטישע פּאָלעמיקעס קעגן דער פּ פּ. ס. די איינציקע פּוילישע פּאַרטיי, וועלכע איז נאָענט צו מיין האַרצן, איז די שטאַרק־פאַרפּאָלגטע רעוואָלוציאָנערע גרופּע „פּראָלעטאַריאַט", צו וועלכער עס האָט געהערט דער פּוילישער סטודענט קאָנדזשאַקעוויטש, מיט וועמען איך האָב זיך געחברט אין ווינטער 1899—1900 אין פריבורג.

אין צווייטן נומער „כותל מערבי" האָב איך עטלעכע זאַכן. אַ קריטיק קעגן באַלעבאַטישן ציוניזם, אונטערגעשריבן מיט מיין אייגענעם נאָמען, אַ פּראָיעקט פון אַן אוסטאַוו פאַר אַ ציוניסטישער לאַנד־אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד, און אַ קורצן אַרטיקל וועגן חנוכה, אונטערגעשריבן מיט מיין פּסעוודאָנים „יחי אמת" (זאָל לעבן דער אמת). דאָס חנוכה־אַרטיקל הויבט זיך אָן מיט אַ באַמערקונג וועגן דעם צושטאַנד אין לאָנדאָןביים סוף יאָר 1902, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„ווידער איז דער גרויזאַמער ווינטער געקומען מיט זיינע מרה־שחורהדיקע טעג און קאַלטע נעכט און ווידער גייען אַרום טויזנטער מענטשן אָן אַרבעט, אָן ברויט, פאַרפראָרן און הונגעריק... די מלחמה פאַרן לעבן ווערט מיט יעדן טאָג שווערער און די צאָל פון די פאַרוואונדעטע און געפאַלענע וואַקסט פון טאָג צו טאָג."

נאָכדעם דערמאָן איך דעם גלייכצייטיקן גלאָקנקלאַנג פון די קירכן מיט זייער אַל־יערלעכן פּוסטן צוזאָג: „פרידן אויף דער ערד", און דעם לאָנדאָנער יידישן חנוכה יום־טוב פון 1902, וואָס איז אַ קליינער פּייערל פון אַ פּרוטה־ליכטל, אַ מלחמה ביי אַ טאַליע קאָרטן און אַ סעודהלע פון לאַטקעס". די ליפּן „זאָגן נאָך דעם אַלטן על הניסים", נאָר די מוחות „באַגרייפן ניט די יעניקע ניסים, צו וועלכע מען מוז אויך פירן מלחמות און באַווייזן גבורות..."

דערביי פּאָפּולאַריזיר איך די ווערטער פון תנ"ך קעגן די ניט־געהעריק־געפייערטע יום־טובים. איך דריק עס אויס אַזוי:

„מיר האָבן פיינט אייערע יום־טובים, זיי זיינען אויף אונדז אַ משא, וועלכע מיר קאָנען ניט דערטראָגן. ניט קיין פרוטה־ליכטלעך זאָנדערן (נאָר) הערצער, פילנדיקע הערצער ווילן מיר אָנצינדן, ניט פאַרוויקלט אין רמזים, זאָנדערן פריי און אָפן ווילן מיר ריידן פון אַלט־יידישע גבורות און פריי און אָפן ווילן מיר רופן צו די ניי־יידישע מלחמות... עס זיינען נאָר דאָ צוויי וועגן: ענטוועדער — אָדער? ענטוועדער מיר זיינען גאַנצע יידן, יידישע יידן, אָדער מיר זיינען גאָר קיין יידן ניט... קיין דריטער וועג איז ניטאָ: האַלבע יידן זיינען האַלבע מענטשן און האַלבע מענטשן זיינען גאָר קיין מענטשן ניט."

מיין אויספיר איז, אַז די גאַנצע יידן און גאַנצן מענטשן דערמאָנען זיך חנוכה וועגן דעם פאַרצייטיקן קאַמף קעגן דער פאַרשקלאַפונג און אונטערדריקונג פון זייער פאָלק. און דערמאָנענדיק זיך אין יענער גרויסאַרטיקער צייט ווילן זיי ווידער אויפנעמען דעם מאַקאַבייער פרייהייט־קאַמף, וואָס וועט דאָס מאָל זיין ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלער — צו באַפרייען דאָס פאָלק און לאַנד פון אַ פרעמדער הערשאַפט, נאָר אויך אַ סאָציאַלער — אָפּצושאַפן די הערשאַפט בכלל.

קאַפּיטל הונדערט דריי און צוואַנציק

אַ געהיימע קאָנפערענץ מיטן דר. הערצל

זומער 1902 איז געווען אַ קריזיס־יאָר אין ציוניזם. מיינע יידישע טערקישע חברים, די „אַליאַנס"־שילער אין פראַנצויזישע פּאַליטעכניקומס, האָבן מיר כסדר צוגעשטעלט נייעס פון ארץ־ישראל און טערקיי, אַז דעם דר. הערצל גליקט ניט מיט זיינע דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען מיט די טערקישע מאַכט־האָבער. דר. הערצל איז דעם דאָזיקן זומער געווען פאַרביטערט און האָט אויסגעלאָזן זיין כעס צו דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" פאַר אירע קריטיקן קעגן זיין פירערשאַפט. עס זיינען אויך פאָרגעקומען רייבונגען צווישן דער „מזרחי" און אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען. סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן ניט געקאָנט מוחל זיין דעם דר. נאָרדוי פאַר זיינע אָנפאַלן אויף דער מזרח־אייראָפּיאישער יידישער סטודענטנשאַפט אין מערב־אייראָפּע, האָבן אויסגענוצט זיין שאַרפע קריטיק קעגן אחד־העמס עסייען און האָבן געהאָלפן דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע"

פּראָטעסטירן קעגן דר. נאָרדוי און אָננעמען רעזאָלוציעס קעגן אים. מיין נאָענטער פריינט פון „מערבי״, דער פון מיר מיט אַרום אַ טוץ יאָרן עלטע־רער, דוב־בער אבערסאָן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי דער ריכ־טונג פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע״, האָט שטאַרק אַגיטירט, אַז די „מערבי״ זאָל אָננעמען אַ רעזאָלוציע קעגן דעם דר. נאָרדוי און אים שטעמפּ־לען פאַר אַ קעגנער פון די מזרח־אייראָפּיאישע יידן און זייער יידיש־העברייאישער קולטור. איך האָב געמוזט אָנווענדן אַ סך מי, אַז די „מערבי״ זאָל ניט אָננעמען אַזאַ רעזאָלוציע. מיין הויפּט־אַרגומענט איז געווען, אַז דר. נאָרדוי איז דער עיקר אַ געטער־ברעכער און ער באַטראַכט אחד־העמען ווי אַ פאַרגעטערטן חסידישן רביז, נאָר דאָס האָט גאָרנישט ניט צו טאָן מיט אחד־העמען אַלס העברייאישער שרייבער, און מיט דער יידישער ליטעראַטור פון מזרח־אייראָפּע.

נאָך שטאַרקער זיינען געווען די רייבונגען אין דעם ציוניזם אין ענג־לאַנד. די אַלטע סכסוכים צווישן די ציוניסטישע „ענגלישמען״ פון רייכן „וועסט־ענד״ און די יידיש־ריידנדיקע ציוניסטן פון אָרעמען „איסט־ענד״ זיינען כסדר געוואָרן אַלץ שאַרפער. האָבן זיך די ערשטע דעריבער גע־ווענדט נאָך הילף צו דר. הערצל.

דער ציוניסטישער פירער, זאָגט מען, איז געקומען קיין לאָנדאָן הויפּט־זעכלעך צוליב די געהיימע פאַרהאַנדלונגען, וואָס זיינע היגע פאַרטרעטער פירן מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן אַ טשאַרטער אויף דער טעריטאָ־ריע פון „על אַריש״ אין דרום פון ארץ־ישראל. ער נעמט דאַרום אָן די איינלאַדונג פון דער ענגלישער ציוניסטישער פעדעראַציע זיך צו באַטיי־ליקן אין דער פון איר אָרגאַניזירטער „פּריוואַטע קאָנפערענץ״ מיט אים דעם 15־טן יאַנואַר, 1903. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז באַשטאַנען פון די דערוויילטע פאַרשטייער פון ציוניסטישע פאַראיינען אין ענגלאַנד. דער פאָרזיצער, סער פראַנסיס מאָנטעפיאָרע, איינער פון דר. הערצלס הויפּט־פאַרטרויטע אין ענגלאַנד, דערקלערט אונדז, איידער דר. הערצל קומט אַריין, אַז די באַראַטונג מיט אים (דר. הערצל) איז אַ געהיימע און קיין זאַך טאָר וועגן איר ניט פאַרעפנטלעכט ווערן. מיר שטעלן זיך דעריבער פאָר, אַז דר. הערצל וועט אונדז היינט מאַכן אָנדייטונגען וועגן זיינע נייע דיפּלאָמאַ־טישע פאַרהאַנדלונגען און דעריבער דאַרפן מיר אַלע האַלטן בסוד אַלץ וואָס ער וועט אונדז דאָ היינט פאַרטרויען. אין דער אמתן איז אונדז שוין געווען מער־ווייניקער באַקאַנט דער הויפּט־סוד, אַז פון ארץ־ישראל פאָרט־אָפּ דעם חודש אַ קאָמיסיע צום האַלב־אינדזל סיני אויסצופאָרשן די טעריטאָ־ריע פון על אַריש.

אַרום 8:45 אין אָוונט באַווייזט זיך דר. הערצל אין דעם צימער פון דעם אָנגעזעענעם לאָנדאָנער האָטעל, וואו מיר האָבן אויף אים געוואַרט. ער

קומט אַריין באַגלייט פון זיין נאָענטן פריינט דוד וואָלפסאָן פון קעלן. דר. הערצל, אָנגעטאָן אין טרויער־צייכנס נאָך זיין פאָטערס טויט, פאַרשטאַרקט מיט זיין אַריינטריט די פייערלעכע שטימונג אין זאַל. ער באַגריסט זיך מיט דער גרופּע רבנים אין זאַל און פאַרנעמט דעם פּאַר אים רעזערווירטן פּלאַץ. דער פאָרזיצער, סער מאָנטעפיאָרע, שטעלט אים אונדז פאָר, און דר. הערצל הויבט באַלד אָן זיין רעדע.

אין דער הקדמה צו זיין רעדע דערמאָנט דר. הערצל זיינע אַ פריער־דיקע רעדע אין לאָנדאָן, דעם 3־טן אָקטאָבער, 1898. ער איז, זאָגט ער, דעמאָלט געווען זיכער, אַז דער דייטשישער קיסר, ווילהעלם דער צווייטער, וועט אים באַלד אויפנעמען אין ארץ־ישראל און וועט דאָרט אויסהערן פון אים אָפיציעל די פאָדערונגען פון ציוניזם. ער (דר. הערצל איז דעמאָלט געווען פולשטענדיק איבערצייגט וועגן דער נאָענטקייט פון ציוניסטישן ציל. אויסגעלאָזן האָט זיך אָבער אַנדערש, און ער איז געוואָרן שטאַרק קריטי־קירט. דאָס איז פאַר אים געווען אַ לעקציע, וואָס ער האָט באַקומען פון אייגענע און פרעמדע, ניט אַרויסצורופן מער קיינע דערוואַרטונגען, ניט צו מאַכן קיינע פאַרשפּרעכונגען און גאָרניט זאָגן ביז ער וועט זיין פאַרטיק... ער קאָן דאַרום בלויז מיטטיילן, אַז „אונדזער באַוועגונג הענגט ניט אָפּ נאָר פון טייל־נעמען אָדער טייל־לאָזיקייט פון די יידן אַליין". דאָך האָט ער אָנ־געדייט דיפּלאָמאַטיש אויף זיינע פאַרהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רע־גירונג וועגן על אַריש און אונדז געבעטן ניט צו פאַרלירן דעם מוט „ווייל אַנטמוטיקונג פירט צו דער אָפּשוואַכונג פון דער אַרבעט". ער באַמערקט דערצו אַזוי:

„איך אַליין נויטיק זיך אויך אָפט אין אַ ביסל אויל אָנצוהאַלטן דעם פייער פון מיין האָפנונגס־לאָמפּ. איך ווייס דעריבער ווי וויכטיק עס איז צו דערמוטיקן אונדזערע רייען און אָפּצופרישן אונדזערע האָפענונגען."

בנוגע די סכסוכים צווישן די ציוניסטן אין ענגלאַנד דערקלערט דר. הערצל, אַז ער וויל צוערשט אויסהערן וואָס די פאַרזאַמלטע האָבן צו זאָגן, נאָכדעם וועט ער ווידער נעמען דאָס וואָרט און ריידן אויספירלעך איבער אַלע באַרירטע פראַגן.

דער פאָרזיצער, סער פראַנסיס מאָנטעפיאָרע, האָט ווי אַ עכטער אָדעל־מאַן, געגעבן אַלעמען דאָס וואָרט אָן שום דיסקרימינאַציעס נאָך לויטן סדר, ווי מען האָט זיך פאַרשריבן. דער פּאָליטיקער לעאָפּאָלד גרינבערג (דר. הערצלס פאַרטרעטער אין אָנפירן, זינט אָקטאָבער, 1902, די אונטערהאַנד־לונגען מיט דעם ענגלישן מיניסטעריום און מיט לאָרד קראָמער, ענגלאַנדס פאַרטרעטער אין מצרים) נעמט אָבער באַלד איבער דעם פאָרזיץ. ער, מר. גרינבערג, לייגט אַוועק אָן אַ זייט דעם רעדנער־צעטל און איז מכבד מיט „ווערטער" נאָר זיין צד. דאָך האָט דר. הערצל געהערט אויך די „שטים

פון פאָלק". און דערויבער געענטפערט די „וועסט־ענדער" ציוניסטן: „איר מוזט אייך אַליין העלפן. איך קאָן ניט און וויל ניט אייך העלפן". ער זאָגט אויך אַרויס אַ סך אמתן וואָס האָט זיי, די רייכע וועסט־ענדער ציוניסטן, שוין גאָרניט געשמעקט. דר. הערצל זאָגט זיי: „מיך אינטערע־סירט מער די זעלבסט דערציאונג" (פון די מאַסן) „ווי דאָס געלט, ווייל ווען איר וועט פאַרנעמען די ריכטיקע דערציאונג, דאַן וועט שוין ממילא קומען דאָס געלט". ווען די רייבונגען אין דער באַוועגונג באַמערקט דר. הערצל, אַז עס איז אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די ציוניסטן אין ענגלאַנד זיינען ניט פאַרנומען מיט דער ציוניסטישער אַרבעט. ווען עס איז ניטאָ קיין קאָרן אין מיל, זאָגט דר. הערצל, רייבן זיך די מילשטיינער איינער אָן דעם אַנדערן. ער דריקט אויס די האָפענונג, אַז ער וועט אין קורצן זיין אימשטאַנד אַריינ־צושיטן פריש קאָרן אין דעם מיל און די מילשטיינער וועלן ניט דאַרפן זיך רייבן איינע אָן די אַנדערע...

אין דעם דריטן נומער „כותל מערבי". אַרויסגעגעבן באַלד נאָך דער קאָנפערענץ מיט דר. הערצל, דערמאָן איך, אין נאָמען פון דער רעדאַקציע, אַז מיר קאָנען ניט געבן קיין געצויעם באַריכט וועגן דער דאָזיקער פריי־וואָטער קאָנפערענץ מיט דר. הערצל צוליב דעם אָנזאָג פון סער פראַנסיס מאָנטעפיאָרע, אַז אַלץ מוז בלייבן אין געהיים, נאָר אין פאַל, ווען די ציוניס־טישע „בלאָפער וועלן עס אויסנוצן פאַר זייער בלאָף־ציוניזמוס, וועלן מיר פאַרעפנטלעכן דעם געצויעם באַריכט לטובת דעם אמתן נאַציאָנאַלן ציוניזמוס..."

אין אַ פעליעטאָן אונטערן נאָמען „דר. הערצל ביים קראַנקן בעט פון דער ענגליש־זייאָניסט פעדערעישאָן" אין דריטן נומער „כותל מערבי" שיל־דער איך, ווי אַזוי די וועסט־ענדער בעלי־רחמים לאַדן איין דעם דר. הערצל ער זאָל באַטראַכטן די גוססדיקע „פעדערעישאָן", איר פאַרשרייבן אַ רע־צעפּט, אפשר איז נאָך מעגלעך אַז זי זאָל לעבן. זיי רוקן אים צו טינט און פעדער, ער זאָל כאָטש פון יוצא וועגן עפּעס וואָס פאַרשרייבן. אָבער דער ערלעכער דאָקטאָר, צופיל פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, באַמערקט ניט זייערע „וואָרעם־האַרציקע מעשים". צולעצט הויבט ער זיך אויף און זאָגט צו דער קראַנקער, אַז זי איז ניט אַזוי געפערלעך, ווי מען קאָן מיינען. פון אירע זיפצן פאַרשטייט ער, אַז זי איז אומצופרידן, וואָס אירע וואונטשן זיינען ניט דערפילט, אָבער „נאָר די שטאַרבנדיקע זיינען צופרידן, די וואָס האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן. דיין קראַנקהייט איז פוילקייט. דו פוילסט זיך אויפצוהויבן פון דיין געלעגער, זיך אַנידערשטעלן און פּרוּוון גיין. איך קאָן דיר קיין רעצעפּט ניט פאַרשרייבן, וואָרעם דו ביסט ניט ווי אַלע קראַנ־קע, דו האָסט זיך אַליין קראַנק געמאַכט און דו מוזט זיך אַליין העלפן."

קאַפּיטל הונדערט פיר און צוואַנציק

די יידישע אינטעליגענטישע פּראָלעטאַריער אין לאָנדאָן

די יידישע אינטעליגענטישע פּראָלעטאַריער אין לאָנדאָן זיינען צע־טיילט אין פאַרשיידענע זיך באַקעמפנדיקע גרופּן און פּאַרטייען. די לאָנ־דאָנער יידישע מאַסן באַטראַכטן אָבער אַט די אַלע איסטן פאַר גלייכע נישטן. איך דערקלער דאָס אין דעם דריטן און לעצטן נומער פון אונדזער „כותל מערבי" (לאָנדאָן דעם 23־טן יאַנואַר, 1903). איך שרייב דאָרט אַזוי:

„די גרויסע יידישע מאַסע אין לאָנדאָן אינטערעסירט זיך ניט אין קיין אידייע. ביי איר זיינען אַלע „איסטן" די זעלבע אידעאַליסטן און דעריבער גלייכע „נישטן". די מאַסע איז אַריינגעטאָן אין דער מלחמה פאַרן גוף און איז אויסגעטאָן פון אַלץ, וואָס עס באַרירט איר נשמה."

„די מייסטע פרייוויליקע אַרבעטער פאַרן כלל זיינען — אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי — די, וואָס לויט זייער דערציאונג געהערן זיי צו דער יידישער אינטעליגענץ און נאָר די אומשטענדן האָבן זיי געמאַכט פאַר פּראָלעטאַריער, און אַט דאָס ביסל אינטעליגענטישע פּראָלעטאַריער לויפן פון איין עקסטרעם צום צווייטן: ענטוועדער זיי גיבן זיך איבער צו זייערע אידייען מיט לייב און לעבן, רואינירן זייער געזונט, פאַרניכטן זייער עקזיסטענץ — פאַר־געסן, אַז זיי זעלבסט זיינען אויך אַ טייל פון פאָלק, וועלכן זיי ליבן און פאַר וועלכן זיי אָפּפערן זייער לעבן און אַז זיי זינדיקן קעגן זייער פאָלק, ווען זיי פאַרדאַרבן זיך און זייערע פאַמיליעס. אָדער זיי טוען גאָרניט און באַנוגענען זיך דערמיט, וואָס זיי גיבן אַ פּרוטה, ווען מען קומט ביי זיי מאָנען."

מיין אויספיר איז, אַז די איבערגעגעבענע קעמפער דאַרפן געדענקען, אַז זיי זיינען ניט מחויב אַליין אַלץ אויסצופירן. די שוין מיד־געוואָרענע, וועלכע קערן זיך אום צוריק צו זיך און צו זייער פאַמיליע, דאַרפן ניט פאַר־געסן, אַז די אַרבעט הערט ניט אויף אין זייער היים. זיי דאַרפן דאָרט זיך אָפּגעבן מיט דערציען זייערע קינדער אין זייער גייסט און מיט באַגייסטערן זייערע פרויען פאַרן אידעאַל פון פאָלק־באַפרייאונג. איך פאַרענדיק מיט אַ רוף צו די אינטעליגענטע פּראָלעטאַריער זיך צו „פאַראייניקן און שאַפן אַ נייע אָרגאַניזאַציע, וואו אַלע זאָלן גלייך אַרבעטן יעדער נאָך זיינע קרעפטן און זיין צייט. קיינער זאָל ניט אַרבעטן צופיל, קיינער זאָל ניט פאַרגעסן אין זיין איך."

אין אַט דעם דריטן און לעצטן נומער „כותל מערבי" האָבן אויך מיט־געאַרבעט אַ צאָל אַנדערע „מערב־יאָנער". כמעט אַלע שרייבן דאָרט וועגן דער „אָרגאַניזאַציאָן" פון דער „ענגלישער ציוניסטישער פעדערעישאָן" און באַזונדערס וועגן פּראָיעקט פון סטאַטוטן, וועלכע דאַרפן ווערן אָנגע־

נומען אויף איר נאָענטן צוזאַמענפּאַר. דער וויכטיקסטער פּון אַט דעם מין בייטראַג איז אַבערסאַנס קליין אַרטיקל „די באַלעבאַטישע קאָנסטיטוציאָן־מאַכער", אין וועלכן ער פּאַראורטיילט זייער „אָרגאַניזאַציאָנס־פּראָיעקט". ער זאָגט זיי אין ביבלישן נוסח: „איך בין אייך מוחל אייער פילאַנטראָפּיש רחמנות־ציוניזם — אייער נאַציאָנאַל־ענגליש־יידיש קולטור־ברידערשאַפט. ביי אונדז „גלות יידן" איז דער ציוניזם עטוואָס העכערעס, דערהאַבענעס, אַ פּראַגע פון יידיש־נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקער שאַפונג — פון יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן און איר קומט מיט קירכן־ווירויך אין אונדזער הייליקן טעמפּל."

אין דער דאָזיקער פּראַגע באַטייליק איך זיך אויך מיט מיינעם אַן אייגענעם פּראָיעקט פון „אָרגאַניזאַציאָנס סטאַטוטן, פּאָרגעשלאָגן פון יהי אמת". דער פּרעסער אורי מוניץ, דער פּאַרוואַלטער פון "כותל מערבי" וואָרנט מיך, אַז דערמיט וואָס אונדזער צד טרעט אַרויס מיט צוויי פּראָיעקטן, זיינער און מיינער, צעשפּאַלטן מיר די שטימען פון דעמאָקראַטישן צד און העלפן דערמיט די באַלעבאַטישע ציוניסטן דורכצושטופּן זייער פּראָיעקט. איך קאָן זיך אָבער ניט אָפּזאָגן פון אַריינגעבן אַט דעם „אָרגאַניזאַציע סטאַטוט". וועמעס אַלע פּונקטן זיינען באַגרינדעט אויף „דעמאָקראַטישע פּרינציפּן."

ביים דריטן נומער „כותל מערבי" האָבן מיר שוין דערפילט, אַז צו אַ צייטונג מוז מען האָבן מער פינאַנציעלע מיטלען, ווי די מיט וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן דרוקן אונדזער ערשטן נומער. מיר אָרגאַניזירן דאַרום אַ „גאַראַנטיר־פאָנד" צו וועלכן מיר טראָגן תיכף צו יעדערער אַ געוויסע סומע. די מערסטע פון אונדז גיבן צו קראָנען (צוויי און אַ האַלב שילינג). צוויי אַרבעטער: דער פּרעסער מוניץ און דער פּאַפּיראָסן־מאַכער סאַפּיר־שטיין, גיבן צו צען שילינג. אַ טייל פון אונדז פאַרשרייבן זיך אויך צו צאָלן אַ וועכנטלעכן שטייער, פון דריי פּעניס ביז אַ שילינג. אַט אַזוי האָבן מיר צוזאַמענגעקליבן איבער 5 פונט, נאָר נאָכדעם ווי מיר האָבן באַצאָלט אַלע חובות פון די שוין־דערשינענע דריי נומערן, איז פאַר אַ פערטן נומער גאָרנישט ניט געבליבן.

כאָטש איך בין שטאַרק פאַרנומען, כאַפּ איך זיך פון צייט צו צייט אַריין אין בריטיש מוזייאום, פאַר וועלכן איך האָב אין אויגוסט געקראָגן אַן איינטריטס־קאַרטל. פאַרנומען בין איך צום אַלעם ערשטן מיט דער „מערבי" און איר אָרגאַן. איך פיר אויך אַ היפּשע קאָרעספּאָנדענץ מיט משפחה, חברים און באַקאַנטע. עס שרייבן מיר בריוו סטודענטן פון דער שווייץ און פּאָליטעכניקום־שילער און אַרבעטער פון פראַנקרייך. איך קריג אויך בריוו־לעך פון די קינדער פון דעם סטאָליער פּאול היגען ביי וועמען איך האָב גע־

וואוינט אין בערן, זומער 1899. איך בלייב קיינעם ניט שולדיק קיין ענט־פער. אַלס רעזולטאַט פון מיין נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער טעטיקייט איז מיין הויפּט־קאָרעספּאָנדענץ איצט מיט דער זשענעווער ביוראָ פון דער „דעמאָ־קראַטישער פּראַקציע" פּאַר אַ יידישער „האָך־שול" (אוניוועסיטעט). מיין בערנער חבר שאול אייזיק סטופּניצקי איז סעקרעטאַר פון דער זשענעווער ביוראָ און שיקט מיר צו אַלע אירע צושריפטן, געשריבן אויף אַ שרייב־מאַשינקע אין דייטש. איך קאָרעספּאָנדיר אויך מיט דער „חרות" אין בער־לין, וואו מיין עלטערער חבר דר. סירקין איז טעטיק. די פּאָר נומערן „כותל מערבי" האָבן דערגרייכט אויך אַנדערע שטעט אין ענגלאַנד, באַזונ־דערס לידז, וואו מיר האָבן שוין אַ ברודער־פּאַראיין „חלוצי ציון", וועמעס ענערגישער סעקרעטאַר יואל ראַזאָווסקי שרייבט מיר אָפטע בריוו. עס שרייבן מיר אויך אומבאַקאַנטע וועגן פראַקציע, חרות, יידישער האָך־שול, נאַציאָנאַל־ראַדיקאַליזם, ציוניזם, סאָציאַליזם, אחד העמיזם, מזרחיזם, אַנאַרכיזם, א. אַז. וו.

פון דער יידישער פּרעסע לייען איך איצט דעם פּעטערבורגער „פריינד", וועלכן איך קריג אויף מיין אַדרעס פאַר דער רעדאַקציע פון „כותל מערבי": אַנדערע צייטונגען אַ חוץ איינס אין ענגליש, וואָס איך קויף יעדן טאָג אין גאַס, לייען איך אין ביבליאָטעקן. אַ חוץ די לידזער אָרגאַניזאַציע „חלוצי ציון", וועלכע דערקלערט זיך גאַנץ איינשטימיק מיט אונדזער „מערבי" געפינען זיך אויך יחידים, וועלכע זוכן צו שטיין מיט אונדז אין פאַרבינדונג. איינער אַזאַ אידעאַליסט, הלל האַלפּערין, אַ שיינער מאַן מיט אַ פיינער שוואַרצער באָרד, קומט צופאָרן עקסטרע פון לידז אין לאָנדאָן זיך דורכצו־ריידן מיט מיר וועגן דער אַרבעט פון „מערבי". ער דערקלערט נאָכדעם פאַר דעם לידזער העברייאישן לערער, מאיר זאקהיים, וועלכער שרייבט פעליעטאָנען אונטערן נאָמען „מצ"ה זאקהיים", אַז די נבואה האָט נאָך ניט אויפגעהערט ביי אים: געמיינט אָפּנים די אידייען פון די נביאים מיט וועל־כע די מערביאַנער זיינען דורכגעדרונגען.

*
**

די לאָנדאָנער פאַגעס, וועלכע מאַכן ווינטער אָפט פינצטער די שטאָט אין מיטן טאָג, באַזונדערס אין אָרעמען מזרח־טייל, וועמעס לופט איז גע־דיכט מיט רויך און שטויב, גריזען כסדר מיינע לונגען. איך באַזוך אַ „דיס־פּענסערי" אין שאָרדיטש, וואו איך בעט ביים דאָקטאָר מיר אונטערזוכן און פאַרשרייבן אַ רעצעפּט. דער דאָקטאָר, אַ הויכער קרעפּטיקער דייטש, מיט אַ געדיכטער בלאָנדער באָרד, טרייסט מיך אַז דאָס קראַנקע שטיקל לונג, וואָס מאַכט מיך שפּייען מיט בלוט, וועט זיך באַלד ענדיקן... דאָך

פאַרשרייבט ער מיר אַ רעצעפּט. איך פאַרשטיי, אַז עס וואָלט געווען אַ סך געזינטער פאַר מיר צו זיין איצט, ווינטער־צייט, אין איטאַליע אָדער אין דער שווייץ, און יעדנפאַלס אויך אויפהערן טאָן מיין גוזעלשאַפטלעכע אַר־בעט, ניט האַלטן קיין לעקציעס און איינלייטונגען, ניט פאַרענטפערן אויס־פירלעך די פילע פראַגעס פון „נחס קאַסטן" און ניט דעבאַטירן מיט קעגנער און פריינט. איך גיב זיך אָבער ניט אונטער און טו מיין אַרבעט ווי פריער.

***

מיין לעקציע „משה העס" האָב איך געדאַרפט האַלטן לעצטן זומער (30־טן אויגוסט, 1902). זי איז אָבער אָפּגעלייגט געוואָרן אויף היינטיקן ווינטער, 19־טן מערץ, 1903, איבער אַ טעות אין אַנאָנס פון פאַראיין „בני ציון" וועגן זיין זומערדיקער סעריע לעקציעס אין „קינגס־האָל". אַנשטאָט מיין נאָמען איז אויף יענער דאַטע געווען אָנגעגעבן דער נאָמען פון מאַקס שייער, אַ פּאָפּולערער לאָנדאָנער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס איז לעצטנס געוואָרן אַ ציוניסט *) און ער האָט געזאָלט ריידן וועגן פּראַקטישער ציוניסטישער אַרבעט. ווי שוין פריער דערמאָנט, איז די לעקציע וועגן רבי צבי הירש קאַלישער געווען אַ דאַנקבאַרע טעמע און געמאַכט אַ היפּשן רושם. דער „האָנאָראַרי" סעקרעטאַר פון פאַראיין „בני ציון" יעקב לערמאַן, האָט מיר צוגעשיקט אָפיציעל אַ דאַנק־בריוו אין העברייאיש פול מיט קאָמ־פּלימענטן. דער עולם האָט דאַרום דערוואַרט, אַז די צווייטע לעקציע וועט זיין ניט ווייניקער וויכטיק ווי די ערשטע, און דער גרויסער זאַל אינעם „קינגס האָל" איז ווידער געווען איבערגעפּאַקט.

אָנגעהויבן מיין לעקציע וועגן משה העס האָב איך מיט אַ שילדערונג פון אַ סאָציאַליסטישער פאַרזאַמלונג אין אַ זאַל אויפן באַסטיל־פּלאַץ אין פּאַריז אין מאַי 1879, באַשריבן מיט אַ יאָר צוריק פון מאָריס ווינטשעווסקין, וועלכער איז דאָרטן אין פּאַריז דערביי געווען. דייטשע פּאָליטישע עמי־גראַנטן האָבן דיסקוטירט די פּאָליטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּי־רער אונטערן אַנטי־סאָציאַליסטישן געזעץ אין דייטשלאַנד. מען האָט שאַרף קריטיקירט די פירער און אויך ניט געשוינט בעבעלן און ליבקנעכטן. יעדער רעדנער איז דערפאַר אונטערגעבראַכן געוואָרן פון צווייטן צד, און די אויפרעגונג איז כסדר געשטיגן. אַזוי גיך אָבער ווי עס האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרמע סיביליע העס, די אלמנה פון משה העס, בלייבן אַלע שטיל און האָרכן אירע ווערטער מיט גרויס רעספּעקט. און ווען זי ציטירט

---

*) ער דערנעענטערט זיך ניט צו אונדזערע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן. ער ווערט שפּעטער אַ וואוילהאָבנדיקער ביזנעסמאַן.

עפּעס פון איר פאַרשטאַרבענעם מאַן, ווערט זיין יעדעס וואָרט אויפגענומען מיט באַגייסטערונג פון ביידע צדדים. אַזוי באַליבט און אָנגעזען איז געווען משה העס ביי די דייטשע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־מאַסן פון די 70־ער יאָרן.

איך שילדער נאָכדעם די קינדהייט און יוגנט פון משה העס. די איינפלוסן פון זיין זיידן און יונג־פאַרשטאַרבענער מאַמען. די ווירקונגען אויף אים פון דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אין איראָפּע און פון דער פילאָסאָפיע פון שפּינאָזע און העגעל. זיין ערשטלינג ווערק „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט פון אַ תלמיד פון שפּינאָזע" (שטוטגאַרט 1837, 346 זייטן), פאַרפאַסט אינעם עלטער פון 25 יאָר. די ווירקונגען אויף אים פון דעם בלוט־בילבול אין דמשק אין 1840, זיין אינווייניקסטער קאַמף צווישן דער „שטים פון בלוט", וואָס ציט אים צו טאָן עפּעס וואָס פאַר זיין יידישן פאָלק און דער „רוף פון געוויסן", וואָס רופט אים צום קאַמף פאַר דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, זיין מיטאַרבעט, ווי אַ גלייכער, מיט מאַרקסן און ענגעלסן. איך ציטיר, וואָס קאַרל מאַרקס שרייבט איבער דעם פילאָסאָפישן סאָציאַליזם פון משה העס און וואָס משה העס שרייבט איבער דעם עקאָנאָמישן סאָציאַליזם פון קאַרל מאַרקס. איך אַנאַליזיר העס וואַקלונגען צווישן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און סאָציאַלן אידעאַליזם ווי אויך טעאָריעס פון ראַסן־איינפלוסן און די איינהייט פון מענטשלעכן געשלעכט. איך ווייז אויך אָן ווירקונגען אויף העסן פון גרעצעס יידישער געשיכטע (פון וועלכער העס איבערזעצט אויך אַ טייל אין פראַנצויזיש), דער העברייאישער ליטעראַטור און דער וויסנשאַפט פון יידנטום. איך גיב אויך איבער אַרגומענטן קעגן אַסימילאַטאָרן און רעליגיעזע רעפאָרמער. איך סקיציר זיין סאָציאַליסטישן משיחיזם און זיין אידייע פון די מיסיעס פון יידן און אַנדערע פעלקער; זיין ליבע צו די מזרח־איראָפּייאישע יידן און זיין פּאָפּולאַריזירן רבי צבי הירש קאַלישערס אידייע פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. מער פון אַלע זיינע ווערק באַשרייב איך זיין בוך „רוים און ירושלים" (קעלן 1862). איך דערמאָן אויך ביסמאַרקס באַמערקונג, אַז ער „ווייסט ניט וואָס פריער צו באַוואונדערן אין אָט דעם בוך, צי די דערשיינונג אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט מאַזעס העס פּרעדיקט נאַציאָנאַליזם אָדער זיינע טיפע געדאַנקען" *). איך ווייז דערביי אויך אָן, אַז ווידער, ווי אין 1840, ווירקט אויף משה העסן שטאַרקער דער „רוף פון

---

*) ציטירט פון דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַל־דעמאָקראַט דאַווידזאָן־בימשטיין, אין זיין פריער־דערמאָנטן רעפעראַט אין בערן (זומער 1899) קעגן ציוניזם.

געוויסן" ווי די „שטים פון בלוט". ער פאַרנעמט זיך דאָרום ווידער הויפּט־זעכלעך מיטן קלאַסנקאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, און אַרבעט צוזאַמען מיט לאַסאַלן צו גרינדן אַרבעטער־פאַראייניגן און געווערקשאַפטן.

צולעצט שילדער איך די סאָציאַלע און ליטעראַרישע טעטיקייטן פון משה העסן אין די 60־ער און 70־ער יאָרן אין פראַנקרייך און זיינע דאָרט געשריבענע אַרטיקלען וועגן יידנטום, אינעם ליכט פון זיינע סאָציאַל־עטישע אידעאַלן. איך ציטיר באַזונדערס זיין אַרטיקל וועגן דעם נביא ישעיהס בונד פון די „ענוים" (אַנאַווים), אין וועלכע העס שילדערט דעם קלאַסנקאַמף אין דער יידישער געשיכטע. איך גיב איבער אין קורצן די אידייען פון משה העס וועגן דער איינהייט פון אַלע נאַטור־כוחות און פון נאַטור און מענטש, אַז אַלץ פליסט פון ליבע און באַוועגט זיך צו איין ציל — סאָציאַלער מענטשלעכקייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

איך פאַרענדיק מיין לעקציע מיט אַ קורצן איבערבליק וועגן משה העס' ליטעראַרישער ירושה, וואָס אַ טייל פון איר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1877, אַ יאָר נאָך זיין טויט, אונטערן נאָמען „דינאַמישע שטאָף־לערע". איך ווייז אָן, אַז משה העס האָט פאַרמאָגט דאָס וויסן און די אייגנשאַפטן דורכצופירן זיין קאָלאָסאַלן פּלאַן פון שאַפן אַן אומפאַסנדיק ווערק צו באַווייזן וויסנשאַפטלעך זיין אידייע פון דער איינהייט פון דער גאַנצער שאַפונג, פון אירע ערשטע קאָסמישע שטאַפן ביז צו איר העכסטער אַנטוויקלונג, די מענטשלעכע געזעלשאַפט און אירע סאָציאַלע, עטישע און עסטעטישע אידעאַלן. און וואָלט משה העס געהאַט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן רואיק אויף זיין ווערק, ווי דאָס האָט געהאַט, למשל, אַ הערבערט ספּענסער, אַזוי וואָלט העס' ווערק אָן ספק געווען פון אַ גרעסערן פאַרנעם ווי יענעמס, ווייל ער, משה העס, וואָלט זיך ניט געשעמט אַנצואווייזן די באַדייטונג פון אַ געזעלשאַפט באַגרינדעט אויף סאָציאַלער גערעכטיקייט, פאַר וועלכן אויספיר ספּענסער האָט מורא געהאַט.

קאַפּיטל הונדערט פינף און צוואַנציק

צוליבן אַנאַרכיסט פּעטער קראָפּאָטקין

צוליבן אַנאַרכיסט פּעטער קראָפּאָטקין ווערט דער אַמאָליקער סאָציאַליסט „ליטווינאָוו" אַ „חובב ציון."

אַ חבר פון אהרן זונדעלעוויטש און אַנדערע באַוואוסטע יידישע און רוסישע רעוואָלוציאָנערע נאַראָדניקעס (פאָלקיסטן), איז דער ווילנער סאָציאַליסט פינקענשטיין — באַקאַנט אין לאָנדאָן פון די 80־ער יאָרן אַלס רוסי־

שער רעוואָלוציאָנער „ליטווינאָוו", געווען געניי‏גט קאָסמאָפּאָליטיש, און זיך ווייניק אָדער גאָרניט אינטערעסירט מיט נאַציאָנאַל־יידישע פּראָבלעמען. די צאַרישע פּאָגראָמען אין אוקראַינע אָנהויב 80־ער יאָרן האָט ער ניט באַטראַכט פאַר אַ ספּעציעל יידישן פּראָבלעם, נאָר פאַר אַ טייל פון דער ברוטאַלער צאַרישער אַליינהערשאַפט, און זיך נאָך מער ווי פריער אָפּגעגעבן דער עיקר מיט רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן צאַריזם.

ווען דער פּרינץ פּעטער קראָפּאָטקין נעמט אָבער אונטער אַן אַגיטאַציע־טור איבער ענגלאַנד, אויפצוקלערן דער ענגלישער געזעלשאַפט די אורזאַכן פון די פּאָגראָמען אין 1881, און אין זיינער אַ רעדע אין מאַנטשעסטער באַשולדיקט ער די יידן אין עקספּלואַטירן די פּויערים, ווערט דער קאָסמאָפּאָליטישער „ליטווינאָוו" אַ יידישער נאַציאָנאַליסט.

דער אַמאָליקער ליטווינאָוו, וועלכער רופט זיך היינט א. (אַפּאָלאָן) וואָל. (וואַלענטין) פינקענשטיין, דערציילט מיר דאָס אַלץ נאָך מיין לעקציע „משה העס", וואו ער איז געווען פאָרזיצער און נאָכדעם פאַרבראַכט מיט מיר געמיטלעך, ווי אַזוי ער איז אין די 80־ער יאָרן געוואָרן פון אַ רוסיש־קאָסמאָפּאָליטישן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט, אַ יידיש־נאַציאָנאַליסטישער „חובב־ציון . . . "

קראָפּאָטקינס לעקציע אין מאַנטשעסטער רופט אַרויס ביי אים, זאָגט מיר פינקענשטיין, אַזאַ געדאַנק:

— אויב דער אַנאַרכיסט קראָפּאָטקין מעג ריינוואַשן יענע זין פון זיין פאָלק, וועלכע האָבן פאַרגאָסן יידיש בלוט, מעג ער, פינקענשטיין, דאָך געוויס צוריקווייזן די פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן די יידישע מענטשן אין עקספּלואַטירן די ניט־יידישע פּויערים. ער פאַרטיפט זיך דעמאָלט מער אין דער יידישער געשיכטע און ווערט אויך טעטיק אין דער פּאַלעסטינער, אָדער „חיבת־ציון"־באַוועגונג. ער העלפט שפּעטער גרינדן דעם לאָנדאָנער „חובבי־ציון" פאַראיין „קדימה" און איבערזעצט דר. פּינסקערס שריפט „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע" פון דייטש אין ענגליש (לאָנדאָן 1890). שפּעטער שליסט ער זיך אָן אין דער ניי־געגרינדעטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד פון וועמעס לאַנד־קאָמיטעט, די „פעדערעישאָן", ער איז סעקרעטאַר און רעדאַקטירט אויך איר אָרגאַן „די ציוניסטישע קאָרעספּאָנדענץ."

פינקענשטיין אונטערשיידט זיך היפּש פון מיר און מיינע חברים מיט זיין באַציאונג צו ליטע. פאַר מיר איז ליטע בלויז אַ געאָגראַפישער באַגריף. „אַ ליטוואַק" איז פאַר מיר יענער יידישער מענטש, וועלכן אַ געוויסער מין יידן פון אַנדערע לענדער רופן אָן „צלם קאָפּ". א. פינקענשטיין, וועלכער קען די שפּראַך־געשיכטע און קולטור פון דער ליטוויש־ריידנדיקער באַפעלקערונג, האָט מעגלעך דערפאַר זיך אָנגערופן ליטווינאָוו.

אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער נוצט ניט אויס זיין גרויסע שפּראַך־

קענטשאַפט (ער קען אַ פּאָר צענדליק שפּראַכן), און ענציקלאָפּעדישן וויסן, צו שאַפן באַדייטנדיקע נאַציאָנאַל־יידישע ווערק (ביז איצט האָט ער בלויז געשריבן קורצע אַרטיקלען און געהאַלטן לעקציעס וועגן דער יידישער געשיכטע אין ליטע און פּוילן אונטער די „יאגעלאָס"), האָט ער ניט געגעבן קיין געהעריקן ענטפער. נאָר עטלעכע תושבים, סיי סאָציאַליסטן און סיי ציוניסטן, דערציילן מיר, אַז ער איז אין 1886 געוועזן אומשולדיקערהייט אָנ־געקלאָגט אין פעלשן באַנדס און מען האָט אים פאַרמשפּט אויף אַ יאָר תפיסה. דער לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינט" שרייבט דעמאָלט, אַז „ליטווינאָוו" איז אַן אומשולדיקער קרבן פון געוויסע פּאָליטישע אומשטענדן אין דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער צאַרישער מדינה. די זעלביקע צייטונג זאַמלט אויך אַ פאָנד פאַר זיין פאַרטיידיקונג. דאָס אָפּזיצן ניין חדשים אין טורמע צעשטערט זיינע אַמביציעס און שוואַכט אָפּ זיין מוט.

ווי שוין פריער דערמאָנט, איז א. וואָל. פינקענשטיין געווען דער פאָר־זיצער ביי מיין לעקציע „משה העס". ער נעמט אויך דאָס וואָרט אין דער דיסקוסיע און דערציילט דערביי וועגן זיין שייכות צו דער ליטעראַרישער ירושה פון משה העס.

אין יענער צייט (1876), דערציילט פינקענשטיין, האָט ער געוואוינט אין פּאַריז אַלס אַ פּאָליטישער עמיגראַנט. פון אַנדערע קוועלן דערוויס איך זיך, אַז ער איז אַהין אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד, וואו ער האָט שטודירט מע־דיצין און גלייכצייטיק געהאָלפן זיין ווילנער חבר, אהרן זונדעלעוויטש, אין יענעמס אַרבעט אַריינצופירן פאַרבאָטענע ליטעראַטור אין צאַרישן רוס־לאַנד. ווען ער האָלט אין ווערן אַרעסטירט דערפאַר, אַנטלויפט ער קיין פּאַריז. אויפן פאַרלאַנג פון משה העסעס אלמנה, סיביליע העס, נעמט זיך אונטער פינקענשטיין צו רעדאַקטירן די איבערגעלאָזענע שריפטן פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. ער שטעלט צוזאַמען בלויז איין טייל, דאָס פריער־דערמאָנטע בוך „דינאַמישע שטאָף־לערע", פון וועלכן זי שיקט אין 1877, אַן עקזעמפּלאַר צו קאַרל מאַרקס, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ נאָענטער חבר און פריינט פון משה העס. קאַרל מאַרקס באַדאַנקט סיביליען אין אַ זייער פריינטלעכן בריוו צו איר.

⁂

די מחלוקות אין לאָנדאָנער ציוניזם הערן ניט אויף אויך אין אַ פּאָר חדשים אַרום נאָך דער קאָנפערענץ מיט דאָקטאָר הערצל אין מיטן חודש יאַנואַר. ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט דער „כותל מערבי" געפירט אַ קאַמף קעגן דעם געפּלאַנטן נייעם אָרגאַניזאַציע־פּראָיעקט פון דער ציוניס־טישער פעדערעישאַן.

דער דאָזיקער פּראָיעקט האָט געשטאַמט פון די רייכע וועסט־ענדער ציוניסטישע פירער, וועלכע האָבן עס געשטעלט אַלס באַדינג פאַר זייער ווידער איבערנעמען די פּירערשאַפט פון דער פעדערעישאָן. די איצט עק־זיסטירנדיקע ציוניסטישע פעדערעישאָן איז אָנמעכטיק צוליב די סקאַנ־דאַלן און אומצופרידנקייטן פון אינווייניק. די ציוניסטישע פאַראיינען באַ־שטייען, לויט דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער פעדערעישאָן, דאָס רוב „בלויז פון קאָמיטעס", אָדער ניט מער ווי „אויפן פּאַפּיר", ווי די היגע וויצלער זאָגן: מחמת עס זיינען דאָ צען יידן, וואָס ווילן זיין פּרעזידענטן און אין איין חברה קאָן נאָר זיין איין פּרעזידענט. די דאָזיקע פאַראיינען האָבן געפירט אַ בייז לעבן מיט דער ציוניסטישער פעדערעישאָן, וועלכע איז געשטאַנען מיט דער היטל אין האַנט פאַר אַ פּאָר פּריצים און זיך געבעטן: „אדוני פּריץ, נעם איבער די פעדערעישאָן און דעק דעם דעפיציט". די פּאָר „פּריצים" (ל. גרינבערג און דזשאָזעף קאָוען) האָבן אָבער ניט געוואָלט איבערנעמען די פירערשאַפט סיידן מיטן תנאי, אַז די קאָנסטיטוציע פון דער פעדערעישאָן זאָל געענדערט ווערן.

די פאַרלאַנגטע ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע האָבן אַרויסגע־רופן גרויס פאַרביטערונג ביי די יידיש־ריידנדיקע ציוניסטן. די גלאַסגויער „אידישע ציימונג". אונטער דער רעדאַקציע פון דעם ראָמאַנען־שרייבער, אַפּענהיים, האָט די דאָזיקע ענדערונגען דערקלערט אַלס „פאַרמישונג פון אַ טראָפּן ציוניזם אין אַ ים אַסימילאַציאָן". אפילו דער קאָנסערוואַטיווער „לאָנדאָנער עקספּרעס" האָט זיי דערקלערט אַלס געצילט „אַרויסצושטופּן" די איסט־ענדער (יידיש־שפּרעכנדיקע) יידן פון דער פעדערעישאָן. עס האָבן זיך געפונען פאַראיינען, וועלכע האָבן פּרובירט אינגאַנצן מבטל מאַכן די פעדערעישאָן און זיך געווענדעט נאָך שקלים דירעקט צום אַקציאָנס־קאָמיטעט אין ווין. דר. הערצל האָט זיי אָבער שטרענג צוריקגעוויזן און די רייבונגען צווישן די פאַראיינען אין דער פעדערעישאָן האָבן זיך מיט יעדן טאָג פאַרגרעסערט.

דר. הערצל האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו העלפן אין דער רעאָרגאַניזירונג־אַרבעט פון די ציוניסטן אין ענגלאַנד. ער האָט דערקלערט אויף דער פרוי־ער־דערמאָנטער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן: „איך בין אַ פריינט פון די פעּ־דערעישאָנס, ווייל איך זע אין די פעדערעישאָנס דעם בעסטן מיטל ווי צו־זאַמענהאַלטן די אָרגאַניזאַציאָן — די יעניקע פאַראיינען וועלכע גלויבן, אַז זיי קענען צו אונדז דערלאַנגען איבער דער פעדערעישאָן, האָבן אַ טעות. מיר וועלן קיין זאַך ניט טאָן הינטער דעם רוקן פון דער פעדערעישאָן — געפעלן אייך ניט די לייט, דערוויילט אַנדערע מיטגלידער אָט אַזוי ווי די קאָנגרעסן טוען מיט די אַקציאָנס־קאָמיטעטן — מיר האָבן אויך געשאַפן די אָרגאַניזאַציאָן, מיר האָבן פאַר אייך אויסגעשמידט די וואָפן, אָבער די

קוילן־זאַפּאַסן מוזט איר זיך אַליין אויסאַרבעטן. אויב איר קאָנט הײַנט ניט פּאַרטיק ווערן מיט די שקלים, מיט דער דאָזיקער קלײנער אויפגאַבע, וואָס וועט שוין מיט אײַך זײַן, ווען עס וועט קומען צו די גרויסע אויפגאַבן".

ער האָט זיך מיט רעכט אָפּגעזאָגט אַנטשיידן צו רעאָרגאַניזירן די פעדעראַציע פון אויבן, אָבער מיט דעם דאָזיקן דעמאָקראַטישן פּרינציפּ איז דאָט אונטער לאָנדאָנער אומשטענדן, געווען אַן אַרײַנמישונג אויף דער זײַט פון די רײַכע וועסט־ענדער יהודים קעגן די אָרעמע עמיגראַנטישע יידישע מאַסן. די לעצטע האָבן שוין אַליין ניט געקענט אויפהאַלטן די פעדערעישאָן אין געמוזט אָננעמען די באַדינגונגען פון די גבירים, אַז ווער עס האָט די מאה זאָל האָבן די פולע דעה.

עס זײַנען אויך געוואָרן ביטערער די רײַבונגען צווישן דער „פראַקציע" און „מזרחי", יידישע קולטוריסטן און „פאַרביזנעוועטע" באַלעבאַטישע ציוניסטן. די ברייטע מאַסן אין לאָנדאָן האָבן ווייניק אָדער גאָרניט געוואוסט פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע. די ענגליש־רײַדנדיקע דעלעגאַטן צום 5־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, האָבן בלויז געדענקט, אַז אַ „באַנטש רעדיקעלס" האָבן דעם דר. הערצל געמאַכט אַ „לאָט אָוו טראָבל" מיט עפּעס אַ „קאָלטשור". די נעמען פון די „טראָבל־מעיקערס" האָבן זיי ניט געוואוסט. מער באַקאַנט מיט די געשעענישן אויפן 5־טן ציוניסטישן קאָנגרעס זײַנען געווען די פּאָר שרײַבער אינעם לאָנדאָנער יידישן „עקספּרעס". זיי האָבן געוואוסט, אַז דר. הערצל איז געווען קעגן דער דעמאָקראַטישער פראַקציע און אונטער זײַן אײַנפלוס האָט דר. מאַקס נאָרדוי געהאַלטן אַ סאַטירישע רעדע קעגן איר, פול מיט שטעך־ווערטלעך קעגן דער מזרח־אייראָפּייִשער שטודירנדיקער יוגנט אין מערב־אייראָפּע. די „עקספּרעס"־שרײַבער האָבן דעריבער פון צײַט צו צײַט אויך אַ דראַפּע געטאָן די פראַקציע, און האָבן אָנגערופן אירע אָנהענגער אין לאָנדאָן, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן אַ יידישע ביבליאָטעק מיט אַ לייען־צימער, מיט אַזוינע צונעמענישן, ווי „שנאָרער־קולטוריסטן", „גראָבע יונגען קולטוריסטן" א. ד. גל. די מאַסאָווע ציוניסטן האָבן אָבער נאָך ניט געוואוסט פון די פראַקציאָנעלע קאַמפן אין דעם ציוניזם. זיי וואָלטן אויך ניט געקאָנט באַגרײַפן, פאַרוואָס מען זאָל באַקעמפן די וואָס ווילן דעמאָקראַטיע אין דער אָרגאַניזאַציע, און זײַנען נאָך דערצו גרייט צו טאָן קולטור־אַרבעט.

אַן אַנדער צרה איז געווען די פּראָווינץ. די דאָרטיקע ציוניסטן האָבן געבענקט נאָך די „אַלטע צײַטן", ווען די רײַכע וועסט־ענדער פעדערעישאָן פלעגט אַלץ טאָן אויף איר אייגענעם חשבון און פון זיי גאָרניט פאַרלאַנגט. זיי האָבן זיך דעריבער באַקלאָגט, אַז די איצטיקע פעדערעישאָן האָט ניט קיין גרויסע באַקאַנטע נעמען, אַז זי האָט צו ווייניק „ענגלישמען". ניט פיל בעסער איז געווען די שטעלונג פון די לאָנדאָנער פאַראייגען, וועלכע האָבן

באַטראַכט די פעדערעישאַן פאַר זייער שטאָט־קאָמיטעט און האָבן געמאָנט פון איר אָרטיקע אַרבעט, ניט געבנדיק איר קיין שום שטיצע. די פעדע־רעישאַן פון איר זייט, וועלכע האָט געזען אַז די ציוניסטישע פאַראיינען באַשטייען צום גרעסטן טייל פון גאָרנישט־טויגנדיקע פרעזידענטן, וויצע־פרעזידענטן און סעקרעטאַרן, און פון גלייכגילטיקע מיטגלידער, וואָס גיבן אַמאָל אַ פעני, ווען מען קומט ביי זיי „קאָלעקטן”, האָט זי פאַרלאָרן יעדן רעספעקט פאַר זיי און זיך בכלל ניט גערעכנט מיט זייערע מיינונגען.

אויף דער פריער־דערמאָנטער קאָנפערענץ מיט דר. הערצל האָט זיך באַזונדער שטאַרק געלאָזט הערן דער קול פון די רבנים. זיי האָט אויך דר. הערצל געגעבן געענטפערט ווי די רעדנער פון דער פראָווינץ (יצחק כרמל, פ. מ. ראַסקין, און די קולטוריסטן כהן * און פירשט א. אַז. וו.. דער פאַר־טרעטער פון די רבנים, הרב יודעלעוויטש, האָט דערקלערט: „מיר זיינען איצט געוואָרן איין קאָמפּאַניע, ‚אגודת הרבנים‘, און אונדזער ציל איז אַריינצוברענגען דעם ציוניזם אין אַזעלכע ערטער, וואו ער איז נאָך ניטאָ — מיר ווילן זיך סטאַרען, אַז דער ציוניזם זאָל גיין צוזאַמען מיט רעליגיע”. שאַרפער האָט גערעדט אַ לאַנדאַנער מגיד, ראַבינאָוויטש, קעגן אַקציאָנס־קאָמיטעט, וועלכן ער האָט געוואָרנט, „אַז דאָס פאָלק קענען מיר געווינען נאָר דורך רעליגיאָן”. די רבנים ענטפערט דר. הערצל אַזוי: „די הערן רבנים יודעלעוויטש, ראַבינאָוויטש און דייכעס ווילן וויסן אונדזער שטעלונג צו רעליגיאָן — איך מוז געוויס באַקאַנט זיין די פראַגע פון די רבנים אויפן ערשטן קאָנגרעס — מיין ענטפער איז געווען, אַז מיר זיינען דאָס גאַנצע פאָלק אין אַלע זיינע אינדיווידואַליטעטן, אַז מיר גיבן זיך ניט אָפּ מיט די פאַרשיידענע מיינונגען — מיר דאַרפן ניט באַליידיקן איינער דעם אַנדערנס געפילן — קיין געוויסנס־דרוק זאָל ניט געדולדעט ווערן ניט פון איין זייט, ניט פון דער אַנדערער זייט.”

קאַפּיטל הונדערט זעקס און צוואַנציק

„פּראָלעטאַרישער שטאָלץ”

„פּראָלעטאַרישער שטאָלץ” דערלויבט מיר ניט אַנצונעמען דעם אַנבאָט פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט מיך צו נאָמינירן און דערוויילן פאַר אַ מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער „ענגליש זאַיאָניסט פעדערעישאַן.” ווערן דערוויילט אין דער ציוניסטישער פירערשאַפט פון ענגלאַנד איז

*) שפּעטער אַ ראַבאַי אין פּעאָריע, אילינאָי.

געוויס אַ גרויסער כבוד פאַר אַ יונגן נאָך ניט אויסגעגרינטן אימיגראַנט אין דער מזרח־לאָנדאָנער געטאָ. מיר אָבער זעט אויס ניט אָנשטענדיק, אַז אַ פּראָלעטאַריער זאָל אָנגעהערן צו אַ פירערשאַפט, וועלכע באַשטייט אי־בער נייַן־צענטל פון אַריסטאָקראַטן און בורזשוען.

אַלס יחידים געפעלן מיר אַ טייל פון זיי, ווי, למשל: דער אַריסטאָקראַט סער פראַנסיס מאָנטעפיאָרע, וועלכער איז באַאיינפלוסט פון זיין „חכם" (כאַכאַם — ספרדישער אויבער ראַבינער פון מלכות ענגלאַנד), דר. מאָזעס גאַסטער. איך האַלט אויך דעם נגיד דזשאָזעף קאָווען און אַזוינע ווי ער פאַר ערלעך־מיינענדיקע ציוניסטן, כאָטש זיי זיינען אָפּגעפרעמדט פון נאַ־ציאָנאַל־יידישן לעבן און פון דער נאַציאָנאַל־יידישער קולטור. דער אייַ־ציקער פון זיי, וואָס געפעלט מיר כלל ניט איז דר. הערצלס פאַרטרויטער מר. לעאָפּאָלד גרינבערג, וועלכער האָט זיך אויפגעפירט אויסערסט־ביו־ראָקראַטיש אויף דער געהיימער „פריוואַט־קאָנפערענץ" מיט דר. הערצל דעם 15־טן יאַנואַר, 1903. איצט פאַרדעכטיק איך אים נאָך דערצו, אַז ער איז אַ „יאַהודימשער" פילאַנטראָפּ פון יענעם מין, וואָס פלעגט מיט עטלעכע צענדליק יאָרן צוריק אַרויסשיקן פון ענגלאַנד אין אַנדערע לענדער אַלע „פּאָלאַקעס" (ווי די יאַהודים האָבן דעמאָלט אָנגערופן די יידיש־ריידנדיקע אימיגראַנטן), כדי אָראָפּצונעמען פון זיך יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זייער שלעכטער לאַגע.

מיין דאָזיקער פאַרדאַכט קעגן מר. גרינבערג איז אין מיר אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם דעלעגאַט פון סקאָטלאַנד, מר. לואיס (אלימלך) ליוואי, צו דער פריער־דערמאָנטער פריוואַט־קאָנפערענץ. אַרויסגייענדיק צוזאַמען פון דעם קאָנפערענץ־זאַל, זאָגט ער צו מיר מיט גרויס אויפרעגונג:

— קומענדיקן יאָר וועלן מיר שוין מער ניט זאָגן „לשנה הבאה בירו־שלים", נאָר „לשנה הבאה באפריקא!"...

אויף מיין פראַגע, ווי קומט ער, מר. ליוואי, צו אַזאַ אַבסורד? ענטפערט ער מיר, אַז ער האָט אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן ל. גרינבערג און זיינע פריינט, פון וועלכן ער פאַרשטייט, אַז אָט די רעפּרעזענטאַנטן פונעם דר. הערצל פירן פאַרהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג צו באַזעצן יידן אין די אַפריקאַנישע וויסטענישן.

איך האָב עס ניט געגלויבט און זיך באַמיט צו באַרואיקן דעם עדינ־בורגער דעלעגאַט, אַז מר. ל. גרינבערג האָט מסתמא גערעדט וועגן יענעם שטיק לאַנד מיטן נאָמען „על אַריש", וואָס געפינט זיך אויף דער אַנדער זייט גרענעץ אין דרום פון ארץ־ישראל. די דאָזיקע טעריטאָריע שטייט אונטער דער הערשאַפט פון עגיפּטן, וואָס געהערט צו אַזיע און מען קאָן עס רעכענען פאַר אַ טייל פון אַ פאַרגרעסערטער ארץ־ישראל. דערביי וויַז איך אויך אָן דעם מר. ליוואי פון עדינבורג אויף דער וויכטיקייט צו קאָלאָניזירן על אַריש

און דערמיט אויסצובררייטערן די גרענעצן פון ארץ־ישראל אין דרום.

פערזענלעך האָב איך אויף דער לאַנד־קאַרטע פון מערב אזיע אין מיין געאָגראַפישן אַטלאַס שוין לאַנג צוריק אַריינגענומען אין „גרויס ארץ־ישראל" אַלע יענע געגנטן, וועלכע זיינען אין חומש און אין תנ"ך צוגעזאָגט געוואָרן צו יידן... דאָס דאָזיקע ארץ־ישראל אויפן פּאַפּיר ציט זיך אויף מיין לאַנד־קאַרטע פון דעם ים־הגדול (מיטללענדישן ים) אין מערב ביז צום טייך פרת (פראַס — עפראַט) אין ארם־נהרים (מעסאָפּאָטאַמיע), אין מזרח, און פון דעם „טאָל פון מצרים" אין דרום, ביז וויט אויף יענער זייט פון די בערג לבנון און חרמון, אין צפון...

דער עדינבורגער דעלעגאַט האָט זיך אָבער ניט געלאָזט איבעררײדן. ער האָט געטענהט, אַז ער פאַרשטייט גוט ענגליש און קאָן זיך אויסדריקן אין דער דאָזיקער שפּראַך ניט ווייניקער ווי די היגע געבאָרענע „זייאָניסטן". ער בלייבט דערום פעסט ביי זיין מיינונג, אַז ל. גרינבערג האָט גערעדט פון דעם וועלט־טייל „אַפריקע" און פון דאָס קליין לענדל אין דרום־זייט פון ארץ־ישראל מיטן נאָמען על אריש. מיר פערזענלעך גלויבט זיך אָבער ניט, אַז דר. הערצל זאָל פּלאַנען צו פאַרבייטן ארץ־ישראל אויף עפּעס אַן ענלישע טעריטאָריע אין אַפריקע. ער האָט דאָך ניט לאַנג צוריק פאַרעפנט־לעכט זיין אוטאָפּיסטישן ראָמאַן „אַלט־ניי לאַנד", וואו ער שילדערט, ווי אַזוי דאָס אַלטע ארץ־ישראל ווערט איבערגעבויט אין אַ מאָדערנער יידישער מלוכה. מיר לייגט זיך אויפן שכל, אַז די יאַהודישע זייאָניסטן, ווילן יאָ מאַכן אַזאַ בייט, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט זייערע צדקה־אידייען און אַסי־מילאַטאָרישער פילאַנטראָפּיע־פּאָליטיק זינט צענדליקער יאָרן. איך פאַר־דעכטיק אויך, אַז דער פּלאַן מיך צו דערווײלן אין דער ציוניסטישער פירער־שאַפט באַצוועקט מיך צו דערווייטערן פון מיין פּראָלעטאַרישן קרייז און זיין טעטיקייט אינעם ציוניסטישן לאַגער. כ'וויל אָבער ליבער בלייבן אין דער אָפּאָזיציע צו דער בורזשואַזער פירערשאַפט און שטיין אויף דער וואַך קעגן אירע אַסימילאַטאָרישע פּאָליטיקאַנטן, און זיין תמיד גרייט זיי צו באַקעמפן

***

מיין בערנער חבר, יחזקאל וואָרטסמאַן, האָט זיך אַריינגעקליבן קיין באַזעל, וואו ער זוכט אָפּצוגעבן זיין כעמישן עקזאַמען. אין בערן האָט ער ווייניק אויסזיכטן אויף דעם. פּראָפעסאָר פרידמאַן פון בערנער אוניווער־זיטעט ווייסט, אַז זיין סטודענט וואָרטסמאַן האָט אויסגעבראַכט די מערסטע צייט פון זיין שטודיום אין בערן אויף מינדלעכער און שריפטלעכער ציוניס־טישער טעטיקייט. ער איז דערום הינטערשטעליק אין זיינע כעמישע לימו־דים, כאָטש ער האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין אַ דייטשער צוקער־

פאַבריק. מיין חבר וואַרטסמאַן האָט אויך לעצטן זומער (1902) ניט אָגגע־קוקט זיינע לערנביכער, נאָר איז געווען כסדר פאַרנומען אין אונדזער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער גרופּע מיטן גרינדן דעם פאַראיין „מערבי", ווי אויך מיטן פאַרפאַסן און פאַרשפּרייטן די בראָשורן, „וואָס ווילן די ציוניסטן?" און „וואָס איז דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד", און מיט נאָך אַזעלכע טעטיקייטן. וואַרטסמאַן, האָפט אָבער, אַז ביי די באַזעלער פּראָפעסאָרן זאָל ער האָבן מער מזל ווי ביי די בערנער. ער גלויבט אויך, אַז זיין פּריוואַטער כעמיע־לערער, דער בונדיסט ירוחם בלומבערג, וועט מיט אים קאָנען איינחזרן ניט בלויז די נויטיקע ענטפערס פאַרן באַזעלער עקזאַמען, נאָר ער וועט אים אויך העלפן אָנשרייבן זיין דיסערטאַציע. דערווייל איז וואַרטסמאַן נאָך אַלץ מער פאַראינטערעסירט אין זשורנאַליזם און ציוניזם ווי אין דער כעמיע, אָדער אין איר הילף־וויסנשאַפט, די פיזיק, וועלכע ער האָט ביז איצט אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט.

אין זיינע באַזעלער בריוו צו מיר און דער „מערבי", וועלכע ער האָט געהאָלפן גרינדן און באַפּעסטיקן, רעדט ער דער עיקר וועגן זשורנאַליסטישע פּלענער. ער אַגיטירט אונדז, אַז מיר זאָלן אַוועקוואַרפן אונדזער איצטיקן אַרבעטס־פעלד פון „מערבי", וואָס ער האַלט פאַר געענדיקט מיט אונדזער אַרויסגעבן די דריי נומערן „כותל מערבי", און מיר „זאָלן איבערגיין צו אַן אַנדער אַרבעטס־פעלד": גרינדן „אַ יידישן וואָכנבלאַט און אַ חודש־זשורנאַל דערצו."

י. וואַרטסמאַן איז איבערצייגט, אַז מיר קאָנען עס לייכט דורכפירן, ווייל דאָס וועט אייגנטלעך זיין דער איינציקער פּונקט פון דעם נייעם פּראָגראַם, וואָס ער שלאָגט פאָר פאַר אונדזער „מערבי". ער דערקלערט עס אַזוי: „דאָס נייע אַרבעטס־פעלד איז אַ סך לייכטער צו באַאַרבעטן ווי דאָס ערשטע, ווייל דאָס וועט זיין „אַ ריינע געלט פראַגע". ער ווייס, זאָגט ער, אַז מיר באַטראַכטן דאָס פאַר דער שווערסטער פראַגע. ער אָבער איז איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ סך גרינגער, ווי אונדזער פריערדיקע פּראָגראַם. ער דערקלערט עס אַזוי:

„צו אָרגאַניזירן אין לאָנדאָן ציוניסטישע פאַראיינען אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן מוז מען האָבן ציוניסטן, און די „מערבי", ווי זי איז איצט, קאָן עס ניט דורכפירן, אָבער צו גרינדן אַ בלאַט דאַרף מען נאָך האָבן געלט". און „געלט צו באַקומען דאַרף מען ניט פיל וויסן און ניט האָבן קיין פיל טאַלאַנט. מען דאַרף נאָר האָבן אַ שטאַרקן חשק צו אַרבעטן און טיפע איבערגעגעבנקייט". ער האַלט אויך, אַז געלט קאָן מען לייכט באַקומען טאָקע נאָר „פון די קליינע לייט."

און כדי איבערצייגן אונדז, אַז דאָס געשעפט קאָן זיך באַצאָלן, ווייזט אונדז וואַרטסמאַן אָן אויף דעם פאַרקויף פון די אַמעריקאַנישע וואָכנבלע־

טער און חודש־זשורנאַלן אין ענגלאַנד, פּאַריז, אַנטווערפּן א. אַז. וו. ער שלאָגט אונדז דאָרום פאָר, צו גרינדן אַן אַקציע־געזעלשאַפט. יעדע אַקציע זאָל קאָסטן אַ פונט אָדער צען שילינג, דאָס איבעריקע אויסצוצאָלן צו איינעם אָדער צוויי שילינג אַ וואָך. אין פופצן וואָכן איז די אַקציע שוין אויסגע־צאָלט.. י. וואָרטסמאַן איז זיכער, אַז מען קאָן פאַרקויפן אין ענגלאַנד טויזנט אַקציעס צו איין פונט אָדער פינף הונדערט צו צוויי פונט. דאָס איז לויט זיין מיינונג כלל ניט שווער און מיט אַזוי פיל געלט קאָן מען גרינדן אַ צייטונג און אַ זשורנאַל.

די אַקציע־געזעלשאַפט, מיינט וואָרטסמאַן, „קאָנען גרינדן עטלעכע יונגעלייט". די „מערבי" לאָזט נאָר אַרויס אַ קורצן אויפרוף, און מאַכט צוליב דעם פאַרזאַמלונגען. און כדי צו האָבן עפּעס געלט אויף אויסגאָבן, מאַכט די „מערבי" אַ פּאָר ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע אָוונטן. באַצאָלט אויף אַ מענטשן אַ 10־20 שילינג אַ וואָך, ער זאָל איינקאַסירן דאָס געלט, וואָס דאַרף דעפּאָנירט ווערן אין אַ באַנק.

אונדזער נייע צייטונג, דערקלערט וואָרטסמאַן, „מוז זיין אַן אומאָפּהענ־גיק־ציוניסטישע. אַ פעדערעישאָן צייטונג קאָן „נייע" (קיינמאָל ניט) גוט זיין (אַפילו) ווען עס זאָל אויך זיין „אַן אידעאַלע פעדערעישאָן". אונדזער לאָנדאָנער צייטונג דאַרף זיין, זאָגט ער, באַשטימט פאַר מערב־איראָפּע, דאָס הייסט, זי זאָל זיין פריי פון דער צאַרישער צענזור. מען דאַרף געפינען מיטאַרבעטער אין רומעניע, גאַליציע, אַמעריקע און נאַטירלעך אויך אין רוסלאַנד. די דאָזיקע צייטונג „זאָל וויניק געוויכט לייגן אויף דער שיינער ליטעראַטור. די הויפּט־זאַך דאַרף דאָרטן זיין טאָג־פראַגן. אַזאַ מין וועכנט־לעכע צייטונג, פריי און גוט רעדאַקטירט, איז נויטיק, מיינט וואָרטסמאַן, ניט בלויז פאַר לאָנדאָן, נאָר אויך פאַרן גאַנצן ציוניזם.

דער חודש־זשורנאַל דאַרף לויט אָט דעם פּראָיעקט זיין „באַשטימט פאַר דער גאַנצער וועלט". אַהין זאָלן אַריין אַ סך ליטעראַרישע אַרבעטן; די פּובליציסטיק מוז דאָרט זיין מער וויסנשאַפטלעך און פאַכמעניש, אַזוי אַז דער דאָזיקער לאָנדאָנער חודש־זשורנאַל זאָל קאָנען אויך גיין אין רוס־לאַנד, וואָס וועט מיט דער צייט „געבן עטלעכע טויזנט אַבאָנענטן".

דער זשורנאַל וועט די צייטונג שטיצן און פאַרקערט. דערביי קאָן זיך שפּעטער אויך אַנטוויקלען אַ פאַרלאַגס־בוכהאַנדלונג. דערווייל אָבער דאַרף די „מערבי" צום אַלעם ערשטן זאַמלען געלט פאַר די נויטיקע אויסגאָבן אויף צו גרינדן די אַקציע־געזעלשאַפט. י. וואָרטסמאַן פאַרענדיקט זיין זשורנאַליסטישן פּראָיעקט פאַר דער „מערבי" מיט אָט דער פּערזענלעכער באַמערקונג:

קומענדיק אין לאָנדאָן, בין איך פרעמד געווען. נאָכן אָפּזיין דאָרט

דריי חדשים, וואָלט איך עס געוועזן געקאָנט אָרגאַנזשירן. איך האָב אָבער געמוזט אַוועקפאָרן. „וואָלט איר ניט קאָנען זיין מיין י ו ר ש?"

צולעצט ראָט ער אונדז, אַז מיר זאָלן צו דער אַרבעט פאַר דער דאַזיקער אַקציע־געזעלשאַפט צוציען אויך ניט־מיטגלידער פון „מערבי". מיר דאַרפן אָבער זיי זאָגן אויסדריקלעך, אַז ניט „מערבי" וויל אַרויסגעבן די ציימונג: זי וויל נאָר העלפן גרינדן די אַקציע־געזעלשאַפט און נאָכדעם איז די אַרבעט פון „מערבי" געענדיקט. דאָס ווייטערע דאַרף די געזעלשאַפט אַליין דורכפירן. ער וואָרנט אונדז דערביי זיך „צו היטן ווי פאַר פייער" ניט אָנצוהייבן ווידער אַרויסצוגעבן אַ צייטונג מיט עטלעכע פונט, ווי מיר האָבן עס געטאָן לעצטן יאָר מיט אונדזער אָרגאַן פון „מערבי", נאָר עס איבערלאָזן אויף דער צייט, ווען עס וועלן זיין „געצייכנט" ווייניקסטנס טויזנט פונט אַקציעס און איינגעצאָלט ווייניקסטנס פינף הונדערט פונט. ער האַלט, אַז דאָס איז ניט פיל. אפשר נאָך צו־ווייניק. וואָרעם מיר וועלן דאָך געוויס גריינדן אַ גוטע צייטונג, און דאָס קאָסט געלט. אַזאַ צייטונג קאָן ניט באַשטיין פון „רחמנות אַרטיקלען", נאָר זי מוז האָבן גוט־באַצאָלטע מיטאַרבעטער. און אויך „אַ צוויי אָדער דריי רעדאַקטאָרן". קורץ, אַט די נייע לאָנדאָנער וועכנטלעכע צייטונג דאַרף ווערן „אַ מאָדערנע אייראָפּייאישע פאַר דעם יידישן פאָלק בכלל און פאַר דעם ענגליש־יידישן בפרט."

וואָרטסמאַן ווייזט אויך אָן, אַז מיר האָבן איצט אַ באַזונדערס גינסטיקע געלעגנהייט פאַר אַ נייער צייטונג: דר. יוסף לוריע, דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דעם „יוד", האָט פאַרקויפט זיין וואָכנבלאַט צו דער טאָג־צייטונג „פריינד" אין סט. פּעטערסבורג. דאָס איז דערפאַר, ווייל אַרויסגעבן אין קראָקע אַ צייטונג, וועלכע איז באַשטימט פאַר רוסלאַנד, איז פאַרבונדן מיט אומגעהויערע קאָסטן. דערווייל האָט אָבער דער „יוד" איבערגעלאָזן פריי אַ סך אַבאָנענטן אין רוסלאַנד און אַנדערע לענדער. דאָס וועט אויך טאָן ספּעקטאָרס וואַרשעווער „אידישע פאָלקסצייטונג", וועלכע געפינט זיך אין אַ שלעכטער לאַגע, און אַט די אַלע אַבאָנענטן וועט די לאָנדאָנער צייטונג קאָנען אַריינקריגן.

פאַרלויפיק איז קיינער פון אונדז אין דער „מערבי" ניט באַגייסטערט פאַר י. וואָרטסמאַנס פּראָיעקט. מיר זיינען פּראָלעטאַריער און טראַכטן כלל ניט פון אויפגעבן אונדזער יידישן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן אַרבעטס־פעלד. מיר זיינען גרייט פאַרצוזעצן ענערגיש אונדזער טעטיקייט אויפצוהויבן די יידישע פאָלקס־מאַסן אויף אַ העכערן קולטור־ניוואָ און זיי אויך באַקענען מיט דער יידישער געשיכטע, ליטעראַטור און קונסט.

הלל כץ, מיין חבר פון דער ווילנער „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן" פון 1894, איז געוועזן ביי מיר צוגאַסט היינטיקן חול המועד פּסח

(אין מיטן אַפּריל 1903). מיר האָבן זיך שוין יאָרן ניט געזען, נאָר שטודירנדיק אין דער שווייץ האָב איך, ווי שוין פריער דערמאָנט, פון אים דערהאַלטן אַ צאָל פּאָסט־קאַרטלעך וועגן זיינע אָנשטרענגונגען צו פּאַרלאָזן רוסלאַנד. ער איז אָבער אַוועק פון ווילנע נאָך פריער ווי איך, און האָט נאָך ווייניקער פון מיר פאַרבינדונגען מיט די דאָרטיקע אַלטע חברים. מיר האָבן דאַרום נאָר גערעדט וועגן דער צייט, וואָס מיר זיינען ביידע געווען טעטיק אין ווילנע: ער אַלס אַרבעטער אין אַ לאַזוריק פאַבריק און איך אַלס לערן־יינגל ביי טאָקעריי. אַזוי ווי ער איז מיט אַרום אַ צענדליק יאָר עלטער פון מיר און זיך פאַרהאַלטן צו מיר, ווי צו אַ יינגערן ברודער, האָט ער אויך איצט זיך מיט מיר געקושט און געהאַלדזט. צום סוף האָט ער אויסגעדריקט זיין אַנטציקונג איבער דעם ברידערלעכן אויפנאַם, וואָס ער האָט געקראָגן ביי אונדז אין הויז. שרה שפרה און איך האָבן געפּלאַנט, אַז ער זאָל ביי אונדז ווערן אַ גאָר אָפטער אַריינגייער. נאָר באַלד קומט אָן די שלעכטע בשורה וועגן דעם פּאָגראָם אויף די יידן אין קישינעוו, און ס׳ליגט מיר ניט מער אין זינען אים אויפזוכן *).

קאַפּיטל הונדערט זיבן און צוואַנציק

דער קישינעווער פּאָגראָם

דער קישינעווער פּאָגראָם האָט ביי מיר אַרויסגערופן שרעק און שאַנדע. ש ר ע ק, — דאָס זאָל ניט זיין אַן אָנהויב פון שחיטות אויף יידן איבער אַלע טיילן פון דעם צאַרס גרויסער מדינה. ש אַ נ ד, וואָס די בעסאַראַביער יידן, וואָס האָבן געהאַט אַ שם פאַר גבורים, זאָלן דעם שונא ניט שלאָגן צוריק. איך האָב זיך דערמאָנט וועגן דער העצע צו אַ פּאָגראָם אין ווילנע, אין זומער, 1890. מען האָט דעמאָלט געפונען אַ פאַרבלאָנדזשעט ניט־יידיש קינד אין הויז פון אַ גוט־האַרציקער יידישער פרוי, וואָס האָט עס געגעבן עסן און אויך צאַצקעס זיך צו שפּילן, ביז וואַנען מען וועט אויסגעפינען

*) מיר טרעפן זיך ערשט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער אין אַמעריקע נאָך מיינער אַ לעקציע אין קליוולאַנד. הירשע ביילין, מיינער אַ חבר פון דער ווילנער אַרבעטער־אָפּאָזיציע פון 1896, שטעלט מיר אים דעמאָלט פאָר אונטערן נאָמען „הלל כץ בלום״. אַן האָר אויפן קאָפּ און אַן וואָנצעס אויפן פּנים איז ער מער ניט געווען ענלעך אויף מיין יוגנט־חבר אין ווילנע. ער האָט אין די 20־ער און 30־ער יאָרן אויסגעזען מעלאַנכאָליש און אויסערסט פּעסימיסטיש.

זיין מאַמען. כיטרע אַנטיסעמיטן און פּראָוואָקאַטאָרס, ווי אויך סתם שלעכ־טע און נאַרישע מענטשן, האָבן געטענהט, אַז דאָס האָט די ווילנער יידישע געמיינדע געהאַלטן גרייט אַ קריסטלעך קינד אויף צו באַנוצן זיין בלוט אין די מצות אויף פּסח. די ווילנער יידן, כאָטש ניט אַזעלכע קרעפטיקע מענטשן, ווי די בעסאַראַביער, האָבן דעמאָלט תיכף געשלאָסן די קראָמען און זיך אַוועקגעשטעלט אין דרויסן מיט שטאַבעס אייזן אין די הענט, די קצבים זיינען אויך געשטאַנען גרייט מיט העק און יאַטקע־מעסערס, די טרע־גער און מאַרק־הענדלער — מיט פלעקער און דראַנגען, און די פּאָגראָמ־שטשיקעס האָבן ניט געוואַגט אָנהויבן קיין געשלעג. דאַרום איז גרויס דער ווייטיק און חרפּה צו הערן, אַז די בעסאַראַביער יידן האָבן זיך בכלל ניט געראַנגלט מיט די פּאָגראָמשטשיקעס, נאָר זיך געלאָזן פירן, ווי „שאָף צו דער שחיטה". איך האָב יעדן טאָג געוואַרט צו הערן פון יידישער נקמה פאַר דאָס פאַרגאָסן יידיש בלוט אין קישינעוו. איך האַלט ניט פון אינדי־ווידועלן טעראָר, דאָך האָב איך לעצטן זומער געשאַצט הויך דעם שטאָלץ און מוט פון דעם יידישן שוסטער, הירש לעקערט, וועלכער האָט געפּרואווט נעמען נקמה פון דעם ווילנער צאַרישן גובערנאַטאָר, וואָס האָט געוואַגט צו שמייסן יונגע יידן פאַר זייער דעמאָנסטרירן דעם ערשטן מאַי קעגן דער צאַרישער שקלאַפן־הערשאַפט.

שפּעטער, ווען עס קומט די נייעס, אַז אַ יידישער סטודענט, פּנחס דאַשעווסקי, איז באַפאַלן דעם פּאָגראָם־העצער קרושעוואַן, ווערט ער ביי אונדזערע נאַציאָנאַל־יידישע ראַדיקאַלן אַ נאַציאָנאַלער יידישער העלד. נאָר דאַשעווסקיס נקמה געפעלט מיר ווייניקער, ווי הירש לעקערטס. דער ווילנער גובערנאַטאָר, וואָס האָט געשמיסן די יידישע יוגנט, האָט די הויפּט־דעה אין ווילנע און איז דאַרום דער הויפּט־שולדיקער. קרושעוואַן אָבער, איז ניט מער ווי אַ געדונגענער „בלעם" (בילאָם) צו שילטן יידן אָדער העצן קעגן זיי. אויב נעמען נקמה פון די געדונגענע מינדלעכע און שריפטלעכע העצער, דאַרף מען ניט ווייניקער נעמען נקמה אויך פון די געדונגענע, אָנגעשיכורטע און אָנגעהעצטע כוליגאַנעס, וועלכע האָבן מיט זייערע אייגענע הענט געמאָרדעט און ראַבירט. מען דאַרף צעשטערן זייערע היימען, וועל־כע זיינען אָנגעפילט מיט יידישע האָב און גוטס און אויך פאַרטיליקן זיי אַליין, די געטויפטע, צווייפיסיקע ווילדע חיות.

פערזענלעך בין איך איצט מער פאַראינטערעסירט אין די מיטלען צו פאַרהיטן די יידן אין צאַרישן רוסלאַנד קעגן ווייטערדיקע פּאָגראָמען אויף זיי, ווי אין נעמען נקמה פון די אַנטיסעמיטן און פּאָגראָמשטשיקעס. איך בין ניט קעגן ש. פרוגס רחמנות־רוף, צו געבן פאַר די „טויטע אויף תכריכים" און פאַר די „לעבעדיקע אויף ברויט". נאָר איך אַרבעט ענערגישער פאַר וואָפן אויף צו פאַרטיידיקן זיך. עס פאַרדריסט מיר נאָר, וואָס עס איז זייער

שווער צו פֿאַראייניקן די יידישע יוגנט פֿאַר אַן אַלגעמיין יידישער זעלבסט־שוץ, וואָס זאָל האָבן פֿאַר זיך דעם איין־איינציקן ציל צו פֿאַרטיידיקן די יידישע מאַסן קעגן פּאָגראָמען. בפרט אַז הינטער די פּאָגראָמשטשיקעס שטייען צאַרישע פּאָליציסטן און זשאַנדאַרמען און ווער ווייסט, צי די צאַרישע מאַכט וועט ניט אַרויסשטעלן קעגן די יידן אויך מיליטערישע כּוחות.

דערווייל פֿירט אונדזער פֿאַראיין „מערבֿי" אַ גרויסע אויפֿקלערונג־קאַמפּאַניע. דער הויפּט־רעדנער אויף די גרויסע גאַסן־פֿאַרזאַמלונגען קעגן קישינעווער פּאָגראָם איז דער עלטסטער מיטגליד פֿון „מערבֿי", דער בייטל־מאַכער דובֿ־בער אבערסאָן. ער האָט אַ שטאַרקע שטים און זיין קול הערט זיך ווייט און ברייט און דערגרייכט צו טויזנטער צוהערער. מיר דערקלערן מינדלעך און שריפֿטלעך, אַז דער הויפּט שונא זיינען ניט די געדונגענע קרושעוואַנס, אויך ניט די הערשנדיקע גובערנאַטאָרן, און אפֿילו ניט דער מעכטיקער פּאָגראָם־מיניסטער פֿאָן פּלעווע, נאָר דער צאַריזם.

דער צאַריזם דריקט און שטיקט די יידן, דערקלערן מיר, ווייל עס איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל זיך פֿאַר זיי אָנגעמען, אָדער אַפֿילו הויך פּראָטעסטירן קעגן די פּאָגראָמען אויף זיי. מיר אַגיטירן דערום נאָך מיט מער ענער־גיע ווי פֿריער פֿאַר דעם ווידער־אויפֿבוי פֿון אַ יידישער מדינה און טאַקע אויף דעם זעלבן פּלאַץ ביים ברעג פֿון ים־הגדול (מיטללענדישן ים) אין מערבֿ אַזיע אויף די חורבֿות פֿון ארץ־ישׂראל.

⁂

לכּבוד דעם שקל־טאָג תרס"ג, זונטיק, דעם 17־טן מאַי, 1903, פּלאַנעווען מיר אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלע אַכט־זייטיקע צייטשריפֿט. דער גרעסטער לאָנדאָנער ציוניסטישער פֿאַראיין „שיבֿת ציון" שלאָגט אונדז פֿאַר צו דעקן אַלע אויסגאַבן, מיר זאָלן עס אַרויסגעבן אין זייער נאָמען. מיר באַשליסן עס צו טאָן כּדי קענען עס פֿאַרעפֿנטלעכן אין גרויסע מאַסן. איך ווער באַ־שטימט אַלס דער רעדאַקטאָר, און נעם זיך באַלד צו דער אַרבעט. איך ווענד זיך אויך צו דר. הערצל, ער זאָל וואָס עס איז אָנשרייבן פֿאַרן דאָזיקן נומער. ער האָט קיין צייט ניט פֿאַר אַן אַרטיקל, שיקט ער מיר צו אויף מיין אַדרעס בלויז אַ באַגריסונג צום פֿאַראיין „שיבֿת ציון", וואָס איז דער אַרויסגעבער פֿון דעם דאָזיקן נומער.

אַרטיקע מיטאַרבעטער האָב איך צופֿיל. יעדער ציוניסטישער טוער ברענגט מיר אַן אַרטיקל. זיי זיינען אָבער ניט דרוקבאַר. נעם איך אַריין בלויז אַ פּאָר קורצע זאַכן פֿון „שיבֿת ציון"־טוער, כאָטש די דאָזיקע אַרטיקלען זיינען מיר אויך ניט געפֿעלן, אפֿילו נאָכדעם, ווי איך האָב זיי אַ סך רעדאַקטירט.

איך גיב דערום אין דעם נומער אויך אַ פּאָר איבערגעדרוקטע זאַכן:

אַן אַרטיקל „די ציוניסטישע מטבע" פון ראובן אָשר ברוידעס, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין ציוניסטישן אָרגאַן „די וועלט", אין ווין, און אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון י. ל. פּרצעס פּאַלעמיק אין „יוד", קעגן אַן אַסימילאַטאָר, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם און עס פאַרשטייט זיך, — אויך קעגן דעם ציוניזם.

י. ל. פּרץ דערקלערט דאָרט אַז „דער ציוניזם, אַלס פאָלקס־ ניט קלאַסן־באַוועגונג, אַלס פּאָליטישע, ניט עקאָנאָמישע פּאַרטיי, פּאַראייניקט און אַר־בעט פאַרן גאַנצן פאָלק; קיינעם ניט אויסגעשלאָסן. די יידישע פאָלקס־פראַגע און די אַלגעמיינע אַרבעטס־פראַגע שטייען זיך ניט אַנטקעגן און דעקן זיך ניט. איין פראַגע קען פאַרענטפערט ווערן אָן דער צווייטער". — — — „די ציוניסטישע פּאַרטיי אַלס יידישע פאָלקס־פּאַרטיי, מוז זיך שטעלן א י ב ע ר די יידישע קלאַסן, ווי שאַרף זיי זאָלן זיך ניט אָפּשניידן איינער פון דעם צווייטן און ווי פאַרשידן אין ווידערשפּרוכן עס זאָלן ניט זיין זייערע אינטערעסן! דער ציוניזם האָט ניט דאָס רעכט צו פאַרווערן זיינע מיטגלידער צו ווירקן אויסערהאַלב דעם ציוניזם, אויף זייער אייגענער פער־זענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, לויט זייער אייגן געוויסן און איבערציי־גונגען; אָבער אין ציוניזם אַליין קאָן נאָר אַנגענומען ווערן אַ געוויסער אומשולדיקער קערן פון וואָס ס'איז פאַר אַ ווירטשאַפטלעכן פּראָגראַם און נאָר מיטן צוועק, אַז דער יידישער אַרבעטער זאָל ניט פאַלן נידעריקער פאַרן אָרגאַניזירטן ניט־יידישן!"

וועגן יענעמס אָנפאַל אויפן יידישן נאַציאָנאַליזם שרייבט דאָרט י ל. פּרץ אַזוי:

„מיר האָפן, אַז דיזער קעגנער מיינט עס אין אַלגעמיינעם, אַז ער מעסט אַלע נאַציאָנאַליזמען מיט איין מאָס... אַנדערע קעגנער טוען נאָך אַנ־דערש! פרעמדע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, פרעמדע מידות, אַנדערע פעלקער־זעלן, אַלערליי היסטאָרישע טיפן זיינען כשר, אפילו הייליק און פאַרדינען, אפילו פון אונדזער זייט, אויף מסירת־נפש און נאָר אונדזער אייגענער נאַ־ציאָנאַליזם איז אַלס אידייע — קעגן פּראָגרעס, אַלס פּאָליטיק — געפערלעך! נאָר יידישע אייגנאַרט, יידישע קונסט, יידישע שפּראַך, געוואוינהייטן און מנהגים זיינען „אַלטע לאַפּן אויפן מיסט אַרויסצוואַרפן" . . . און דיזן קעגנער מוזן מיר ענטפערן, אַז די אַלגעמיינע מענטשהייט אין געשטאַלט פון אַ וועלט־סטאַדע פון איינצל־פערזאָנען אין שוין אין שוסטער־גאַס באַ־קאַנט אַלס קאָמי־וואָיאַזשאָר אידעאַל! די מענטשהייט אַלס העכסטער אָר־גאַניזם, מוז באַשטיין פון פרייע און זאַטע פעלקער, ווי פעלקער — פון פאַ־מיליען און די לעצטע — פון איינצל־פערזאָנען. אַז דער „פּראָגרעס" פאַר־לאַנגט ניט די פאַרניכטונג פון פעלקער, אַזוי ווי ער פאַרלאַנגט ניט די פאַרניכטונג פון איינצלנע אָרגאַניזמען, אום אויפצולעבן און באַפרייען די

איינצלנע „קעמערלעך" אין לייב! דער פאַרשריט גייט ניט אַזוי פלאַך! ער פאַרלאַנגט — ניט בלויז אַ ברייט, נאָר אויך אַ הויך און טיף לעבן, און צו דעם צוועק מוזן זיך פאַרבינדן וואָס אַ מאָל העכערע אָרגאַניזמען! און פון נאַציאָנאַליזם ביז שאָוויניזם איז וווייט! מען טאָר זיי אונטער דער האַנט ניט אויסמישן, ניט פאַרבייטן, ווי מען טאָר עס ניט טאָן בנוגע צו גוטע און שלעכטע, קלוגע און נאַרישע מענטשן! עס וועט קיינער ניט זאָגן: פאַר־ניכטעט אַ מענטש, ווייל ער קען ווערן שלעכט! מען זאָגט: זוכט מיטל, ער זאָל גוט זיין! בפרט יידישער נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט קוים קראַפט זיך צו שיצן, און קען קיין בייזע חלומות ניט האָבן!"

די גרעסטע אָריגינעלע אַרבעט אין אָט דעם „שקל־טאָג"־נומער איז געווען אַ פעליעטאָן אין פעטיט: דער שקל אין יאָר תרפ"ג (פאַנטאַזיע), געשריבן פון אונדזער ליטעראַרישן דרוקער ישראל נאַראָדיצקי. די אַנ־דערע זאַכן זיינען געווען קליינע אַרטיקלען: „אַן ערנסט וואָרט" (ח. לאַזינסקי), „העלפט אייך זעלבסט" (י. ק. גאָלדבלום), „צום זעקסטן קאָנגרעס" (י. ראַ־זאַווסקי), און צושריפטן פון ליווערפּול (ה. אַדלער און יצחק א. כרמל). צום סוף קומט אַ באַריכט וועגן דעם גרויסן שקל־מיטינג אונטערן פרייען הימל, וואו אונדזער הויך־ריידנדיקער אָראַטאָר פון „מערבי", דוב־בער אבערסאָן, האָט גערעדט פאַר די פאַרזאַמלטע טויזנטער מאַסאָווע יידן פון מזרח־לאָנ־דאָן. אבערסאָן האָט אויך אויף דער לעצטער זייט אַ סעריע וויצן וועגן די קעגנער.

איך אַליין האָב געגעבן אַ קורצן לייט־אַרטיקל אויף דער ערשטער זייט, אונטערגעשריבן ק. מרמר. איך דערקלער דאָרט, אַז כדי צו שאַפן אַ היים פאַר יידן האָט דער ציוניסטישער קאָנגרעס באַשלאָסן צו גרינדן די יידישע קאָלאָניאַל באַנק; כדי אָט די יידישע היים זאָל געהערן צו אַלע יידן גלייך, האָט ער געשאַפן דעם יידישן נאַציאָנאַל פאָנד, און כדי צו דעקן די אַלע הוצאות וואָס אַזאַ גרויסע באַוועגונג קאָסט, איז נויטיק, אַז „יעדער זאָל צאָלן יידישן שטייער — אַ שקל אַ יאָר". יעדער שקל־צאָלער ווייזט דערמיט, אַז „זיין נאַציאָן איז די יידישע" און „אַלע יידן פון אַלע טיילן וועלט שטייען אים נעענטער ווי זיינע ניט־יידישע מיטבירגער פון דעם זעלבן לאַנד" — אַז זיין פאָטערלאַנד איז ניט דאָרט וואו ער איז צופעליקערווייזע געבוירן, נאָר „אין זיין אייגענער ארץ־ישראל". אַז זיין נאַציאָנאַלע מטבע איז ניט דער שילינג און ניט דער פראַנק, נאָר זיין „העברייאַישער שקל".

אין „מערבי" הערשט אייניקייט און שלום. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז מיר זיינען אַלע מיט איין מיינונג. כ'מוז זיך אָפט שטאַרק אָנשטרענגען ניט צו דערלאָזן צו קיין סכסוכים. בכלל געהערן מיר צו דריי ריכטונגען: „דעמאָקראַטישע פראַקציע" (אבערסאָן, פריער אויך וואָרטסמאַן און י. ל.

כהן); „העבראַאיזם" (ניביאַנסקי און יהושע פּויזניאַק); „עקאָנאָמיזם" (מאַלין און מוניץ). איך פֿאַרזענלעך בין אײניק מיט דער סטודענטישער פּאַראײניקונג „קדימה" אין דער שוייץ (פֿון וועלכער מאַקס נאָרדוי איז דער ערן־פּרעזידענט, דר. דניאל פּאַסמאַניק — פֿאָרזיצער און דר. זאַלקינד, הויפּט טוער), וועגן דער וויכטיקייט צו פֿירן אַ שטענדיקן אַקטיוון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. מיר באַמיען זיך אָבער אַלע אויסצומיידן צו גריבלען זיך אין אָט די מינדערוויכטיקע מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן, וועלכע קאָנען שטערן אונדזער וויכטיקער צוזאַמענאַרבעט פֿאַר אונדזערע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע אידייען און דער „מערבים" קולטור־טעטיקייט. ווען אבערסאָן טרעט אַרויס קעגן אונדזערן אַ פּלאַן אַריינצושרייבן דעם פֿאַראײן „מערבי" אין דעם גאָלדענעם בוך פֿון יידישן נאַציאָנאַל־פֿאָנד, ווייל די דעמאָקראַטישע פּראַק־ציע באַטראַכט דעם דאָזיקן בוך פֿאַר ניט דעמאָקראַטיש, נעמען מיר אָן אַנדערע מיטלען צו אַרבעטן פֿאַרן נאַציאָנאַל־פֿאָנד און צו ערן דעם „מערבי".

קאַפּיטל הונדערט אַכט און צוואַנציק

נייע פּלענער פֿאַר דער „מערבי"

נייע פּלענער פֿאַר דער „מערבי" שטעלט אונדז כסדר צו אײנער פֿון אונדזערע מיטגלידער, וועלכער געפֿינט זיך איצט אין באַזעל — דאָס איז י. וואָרטסמאַן. די „מערבי" איז אָבער ניט גערן זיך צו פֿאַרנעמען מיט זיינע פּלענער פֿון פֿאַרלעגערישער אַרבעט. מיר האָבן דערפֿאַר צוריקגעוויזן זיינע פֿאָרשלאָגן אַרויסצוגעבן אין לאָנדאָן אַ וועכנטלעכע ציטונג אויף דעם אָרט פֿון דר. יוסף לוריעס וואָכנבלאַט „דער יוד", וואָס האָט אויפֿגעהערט דער־שיינען אין גאַליציע, צוליב דער גרינדונג פֿון דעם טעגלעכן „פֿריינד" אין רוסלאַנד.

צו דעם דאָזיקן באַשלוס פֿון „מערבי" האָט אויך מיטגעווירקט מיין ניט איינשטימיקייט מיט י. וואָרטסמאַנס באַשטיין אויף דעם, אַז די דאָזיקע ציטונג, וואָס איז געפּלאַנט פֿאַר דער גאַנצער נאַציאָנאַל־יידישער וועלט, זאָל זיך באַשרענקען נאָר אויף טאָג־פֿראַגן און זאָל ניט געבן קיין שיינע ליטע־ראַטור. מיין מיינונג איז געווען, אַז אַ יידישע ציטונג, בפֿרט נאָך אַ וועכנט־לעכע, דאַרף אַנהאַלטן ניט בלויז פּובליציסטיק, נאָר אויך בעלעטריסטיק און ליטעראַטור־קריטיק.

אפֿילו פֿאַר אונדזער קליין ציטונגל דער „כותל מערבי" האָב איך זיך באַמיט צו קריגן אויך ליטעראַרישן מאַטעריאַל. די סיבה, פֿאַרוואָס דאָרט זיינען ניט אַריין קיין לידער און דערציילונגען, איז געווען גאָר צוליב דעם, ווייל איך האָב אין לאָנדאָן אַזוינס ניט געקענט קריגן. אין האַרבסט, 1902,

איז אין דער לאַנדאָנער געטאָ ניט געווען קיין איין דיכטער אָדער דערציילער אין יידיש. יעדנפאַלס האָט קיינער אין מיינע קרייזן ניט געוואוסט פון אַזוינע שרייבער. אפילו די פאָר פעליעטאָנען, וואָס זיינען דאָרט אַריין, האָב איך אַליין געמוזט שרייבן, כאָטש איך האָב ניט געהאַט די מינדסטע דערפאַרונג אין דעם. איינמאָל, פאַרן צווייטן נומער „כותל מערבי" (דעצעמבער, 1902), האָב איך באַאַרבעט עפּעס פון י. ל. פּרצעס — מיין גרעסטן יידישן שריי־בערס — העברייאישע שריפטן. איך האָב דאָרט אַריינגעגעבן אַ בילדל: „דעם נביאס מזל, נאָך י. ל. פּרץ (אויס דעם העברייאישן פון ק. מ.)".

י. ל. פּרץ שילדערט דאָרט, ווי אַזוי אַ מאַמע קוקט מיט פאַרגעניגן אויף איר קינד, וואָס האָט זיך זאַט אָנגעזויגן: „זיינע בעקעלעך האָבן געבליט, ווי די רויזן, און די אויגעלעך האָבן זיך פאַרמאַכט". פאַרזיכטיק, פאַמעלעך, קושט זי אים, לייגט אים אַריין אין זיין וויגל און זעצט זיך דערביי. ביס־לעכווייז נעמט זי דרעמלען און „ווען זי כאַפּט זיך אויף" זעט זי אַ מלאך שטיין ביי איר קינדס צוקאָפּנס. זי ווייסט שטיל אין איר האַרץ: אַז דאָס איז „יענער" געקומען צונעמען איר קינד. דער מלאך דערקלערט איר, אַז ער איז ניט דער מלאך־המות. זי שרעקט זיך אָבער, אַז איר קינד וועט בלייבן אַ יתום, ווייל זי האָט געזען אַ מלאך און וועט מוזן שטאַרבן. דער מלאך טרייסט זי, אַז קיין שלעכטס וועט איר ניט געשען. ער איז דער מלאך פון גוטע בשורות און איז געקומען איר אָנזאָגן די בשורה, אַז ווען איר זון וועט גרע־סער ווערן וועט ער זיין אַ נביא! זי בעט אים ער זאָל איר דערקלערן, וואָס פאַר אַ זאַך איז אַ נביא. און דער מלאך ענטפערט: „אַ נביא איז פיל מער ווי אַ זאַך! ער אַליין באַשאַפט גרויסע זאַכן!" און ווען ער שילדערט אין אַ הויכער פּאָעטישער שפּראַך די אויסערגעוויינלעכע גייסטיקע קראַפט פונעם נביא און זי פאַרשטייט ניט וואָס ער מיינט, בעט זי אים ער זאָל איר זאָגן, וואָס וועט זיין איר זונס פאַרדינסט, אפשר וועט זי דאָס פאַרשטיין. דעם מלאכס ענטפער: „שטיינער!" איז איר אויך ניט פאַרשטענדלעך. און אַז ער זאָגט איר אויס צום סוף דעם באַטייט: „מען פאַרשטיינט דעם נביא, ווייל ער איז אַ נביא!" גיט די פרוי אַ ביטערן געשריי און פאַלט אין חלשות. ווען זי דערוואַכט, איז דער מלאך שוין ניטאָ, נאָר דעם קינדס פּנימל שטראַלט פון דעם מלאכס ליכט.

⁂

איך שטיי אינמיטן צווי קאַמפן. איינעם: צו דערוויילן ערלעכע יידישע יידן פאַר דעלעגאַטן צום זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל; אַ צווייטן: אויסצוהיילן מיינע קראַנקע לונגען, וועמעס נאָכאַנאַנדיקע „העמאָרעדזשעס" (בלוט־שטורצן) שטעלן מיין לעבן אין געפאַר.

שרה שפרה און איך האָבן לעצטן ווינטער (1902—1903) דורך שווערער אַרבעט: זי דורך נייען קליידער, און איך דורך געבן „שטונדן", אָפּגעשפּאָרט היפּשע עטלעכע פונטן. מיר האָבן שוין אויך געהאַט אויסגעאַרבעט אַ רייע פּלענער צו פאַרבעסערן אונדזער לעבן. איצט אָבער בין איך שווער קראַנק און אונדזערע אָפּשפּאָרעניש גייען אַוועק צו באַצאָלן פאַר דאָקטערשע וויזיטן און מעדיצינען.

אָנהויב פרילינג האָב איך נאַטירלעך געפילט בעסער אין געזונט ווי ווינטער־צייט אין נאַסקייט און פאָגעס. איך האָב אפילו אָנגעהויבן האָפן, אַז מיינע לונגען וועלן זיך אויסהיילן, ניט געקוקט אויפן דייטשישן דאָקטאָרס פאָראויסזאָגונג, אַז איך וועל איינעם פון זיי אינגאַנצן פאַרלירן. נאָר די אויפרעגונג נאָכן קישינעווער פּאָגראָם און די עקסטרע זאָרג און טעטיקייטן: כסדרדיקע פאַרזאַמלונגען וועגן דעם אין „מערבי" און אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, די פאַרגרעסערטע קאָרעספּאָנדענץ אין לאַנד און אויסלאַנד, די פאַרפּילפּאַכונג פון די פּראַגעס אין „נחס קאַסטן", פאַר וועלכע איך בין געוואָרן דער איינציקער ענטפערער, זינט מיין עלטערער חבר ד. ב. אַבערסאָן איז פאַרנומען מיט אונדזערע גאַסן־פאַרזאַמלונגען אויף בייקערס פּלאַץ און אַנדערע „סקווערן" — דאָס אַלץ האָט שטאַרק אָנגעגריפן מיינע לונגען און ס'האָבן זיך אין דער צווייטער העלפט פון חודש מאַי אָנגעהויבן די אומאויפהערלעכע „העמערעדזשעס". איך מוז ליגן אָן אַ קישן צוקאָפּנס, ניט האַלטן מיינע הענט פאַרלייגט הינטערן קאָפּ, ניט אויסריידן אַ וואָרט (וואָס דאָס איז פאַר מיר אַ שווערע גזירה, ווייל מיר דוכט זיך כסדר, אַז איך האָב עפּעס וויכטיקעס וואָס צו זאָגן און מוז שווייגן). מיין שפּייז באַשטייט פון אייז, וואָס מען הייסט מיר שלינגען און פון רפואות וואָס מען גיט מיר איין טראָפּנווייז. מיין געזונט האָט זיך נאָך ניט פאַרבעסערט, נאָר סוף מאַי מוז איך סיי־ווי אַרונטער פון מיין געלעגער, ווייל שרה שפרה „גייט צו קינד", און, ווי דאָס רוב ערשטליגנס ליידט זי שרעקלעכע געבורטס־ווייען. איך מוז דאַרום זיצן כסדר לעבן איר כדי מיר זאָלן זיך קענען האַלטן פאַר די הענט, ווייל דאָס, זאָגט זי, פאַרלייכטערט אירע ווייטיקן. דעם ערשטן טאָג שבועות (דעם 1־טן יוני, 1903) ווערט געבוירן אונדזער ערשט קינד, אונדזער בכור שמואל.

דאָקטוירים הייסן מיר פאַרלאָזן ענגלאַנד. זיי ראָטן מיר זוכן היילונג אויף די שווייצער בערג נאָענט פון די שניי־באַדעקטע אַלפּן. די יידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע באַוועגונג גרייט צו פאַר מיר אַן אָפּשייד באַנקעט שבת־צו־נאַכט, דעם 13־טן יוני. פאָרזיצער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער ענגליש־ציוניסטישער פעדעראַציע א. (אפּאָלאָן) וואל. (וואַלענטין) פּינקענשטיין (דער אַמאָליקער רוסישער רעוואָלוציאָנערער „ליטווינאָוו"). אָנגעהויבן האָט זיך דער אָוונט מיט כאָר־געזאַנג און מיט אַ רעדע פונעם פאָרזיצער.

נאָכדעם האָט מיין חבר, דער זייגערמאַכער י. ל. כהן פאָרגעלייענט דעם פאָל־גנדיקן „אַדרעס" צו מיר *):

„טייערסטער פריינט און געזינונג גענאָסע! אומדערוואַרטעט און גאָר אומגעריכט האָט אונדז געטראָפן די נאַכריכט אַז דו, אונדזער האַרצנס־פריינט, מיטקעמפער פון אונדזער פרייהייט־אידייע, וועסט אונדז פאַרלאָזן און שיידן זיך מיט אונדז אויף אַ לאַנגער — — — צייט. מיר זיינען אַזוי איבערראַשט, אַזוי געטראָפן פון דיזער נאַכריכט, אַז מיר געפינען ניט אַצינד קיין ווערטער אין אונדזער אָרעמען לשון אום דיר צו מאָלן ווי גרויס עס איז אונדזער שמערץ און ווי טיף עס איז אונדזער ווייטיק, בשעת מיר דערמאָנען זיך, אַז באַלד, באַלד וועלן מיר זיך מוזן צעגיין און שיידן זיך — — —

ערלויב אונדז, טייערער חבר, אין דיזער פייערלעכער שטונדע, — — — דיר אויסדריקן דאָס, וואָס עס פילט אונדזער טיף געריהרט האַרץ:

אַ קיילעכדיקער יאָר איז שוין פאַרבייגעלאָפן זינט מיר האָבן זיך דערקענט — — — זינט דו ביסט אַריינגעטראָטן אין אונדזערע רייען, צוזאַמען מיט אונדז צו קעמפן פאַר אונדזער גרויסן אידעאַל, פאַר דער באַפרייאונג פון אונדזער פאָלק.

און ווי שווער עס איז פאַר אונדז געווען דער קאַמף!

מיר אַ קליין הייפעלע פון יונגע מענטשן און גרויסע ענטוזיאַסטן, האָבן זיך דאַמאָלסט פאַראייניקט און אויסגעאַרבעט פאַר זיך אַ פּראָגראַם און אויפגעשטעלט זיך אַ פּלאַן ווי אַזוי צו אַרבעטן און צו פאַרשפרייטן דעם ציוניזם צווישן די נידעריקסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לאָנדאָן.

און צוליב וואָס האָבן מיר עס געטאָן? מיר האָבן עס געטאָן צוליב דעם, ווייל אונדז איז ניט געפעלן געווען דער סדר און די אַרט פּראָפּאַגאַנדע וואָס איז געטריבן געוואָרן ביז אַהער פון אונדזערע געזינונגס גענאָסן, ווייל אונדז איז ניט געפעלן געווען די געמאַכטע מיוחסים און די „האַי העטס" מיט זייערע קאַפּריזן און פוסטע פראַזן, מיר האָבן ניט געהאַלטן פון דעם מאָדערנעם שפּיל אין פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט, אין טשערמאַן און וויס־טשערמאַן און פון די אַלע איבעריקע כלי־קודש, וועלכע זוכן נאָר הויכע טשינען, פּריווילעגיעס און כבוד אין דעם ציוניזם.

מיר אָבער, די יונגע, אָדער בעסער געזאָגט, די פאַרגעשריטענע ציוניסטן האָבן גאַנץ אַנדערש פאַרשטאַנען די זאַך:

---

*) מיר גיבן עס דאָ אין דעם מאָדערנעם אויסלייג.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אום דער ציוניזם זאָל דאָ קענען האָבן אַ דערפאָלג — — — מוזן מיר אָנגיין מיט אַ גאַנץ אַנדער טעאָריע און זיך נעמען דערצו גאָר אויף אַן אַנדער אופן.

גערעדט און געטאָן!

באַלד האָבן מיר זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט און געגרינדעט אַ דעמאָקראַטישן ציוניסטן־פאַראיין אונטערן נאָמען „מערבי."

אונטער דיזן נאָמען האָבן מיר אָפּגעהאַלטן מיטינגען פאַראַנשטאַלטעט לעקטשורס, אַרויסגעגעבן פלוג־בלעטער און געאַרבעט מיט אַלע כוחות אַליין און אויך צוזאַמען מיט אַנדערע אום צו דערגרייכן אונדזער ציל.

און דאָ, טייערער פריינט, פאַלט דיר צו די גרעסטע טעטיקייט. דער שווערסטער טייל אַרבעט פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע.

ווען מיר באַטראַכטן די פאַרשיידענע שטעלעס, וואָס דו האָסט אין איינער און דערזעלבער צייט ביי אונדז פאַרנומען; ווען מיר באַדענקען, אַז דו ביסט געווען אונדזער אַגיטאַטאָר, אונדזער לעקטשורער און רעדאַגירער פון אונדזערע פלוג־בלעטער; ווען מיר נעמען דאָס אַלץ צוזאַמען וואָס דו האָסט פאַר אונדז געטאָן און פאַר דער באַוועגונג אין אַלגעמיין, געפינען מיר ניט קיין ווערטער דיר אויסצודריקן אונדזערע טיפסטע דאַנקבאַרע געפילן. — — — אָבער נאָך פיל גרעסער, פיל טיפער איז אונדזער שמערץ ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז באַלד, באַלד וועסטו אונדז פאַרלאָזן און זיך שיידן מיט אונדז קעגן אונדזער און אויך קעגן דיין אייגענעם ווילן, דורך אַ סיבה, וואָס איז אַלעמען באַקאַנט.

מיר קענען אָבער די זאַך ניט אַנדערש מאַכן.

מיר מוזן זיך יעצט דערמונטערן, ווייל קורץ איז די צייט און מיר ווילן דיר נאָך געבן אונדזער וואונטש אין וועג.

און מיר ווינטשן דיר, פאַר געזונטערהייט און ווער שטאַרק אין דיין גייסט! — — — עמפּפאַנג אויך פון אונדז דיזע קליינע מתנה אין אָנדענק פון אונדזער גרויסער פריינטשאַפט און נעם אויך מיט מיט זיך אונדזער פאַרזיכערונג, אַז די אַרבעט וואָס דו האָסט אָנגעפאַנגען, וועלן מיר מיט אַלע אונדזערע כוחות פאַרזעצן, אַזוי לאַנג אַזוי ווייט, ביז מיר וועלן ערגייכן אונדזער ציל — — — (אונטערגעצייכנט): דוב אבערסאָן, יהודה לייב כהן, דוד שוואַרץ, ישראל גיביאַנסקי, ברוך־לייב דעלאָוויץ, יעקב לערמאַן, אברהם מאַרקס, יהושע פויזניאַק, ל'ואיס קאָהען, אברהם מאַלין, וויליאַם פויזניאַק, ה. מאָרגנשטערן, משה באַטמאַן, דוב געלמאַן, מאַקס פּאָלאַק.

נאָכן איבערלייענען דעם אַדרעס גיט י. ל. כהן אַ דעקלאַמאַציע, מאַקס שייער — אַ טאָסט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, ב. אבערסאָן — אַ

פאַרלעזונג „די גרויסע נדבה" פון דר. שמריהו הלוי (שמערל לעווין), ה. לאַזינסקי — אַ טאָסט פאַרן זעקסטן קאָנגרעס, י. ל. כהן — נאָך אַ דעקלאַמאַציע און דער כאָר — וויטערע געזאַנגען.

קאַפּיטל הונדערט ניין און צוואַנציק

וואַל־קאַמף צווישן די יידן אין לאָנדאָן

אין דעם וואַל־קאַמף צום זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס פאַרגעס איך מיין קראַנקהייט. ס'איז דאָס ערשטע מאָל, אַז איך באַטייליק זיך אין אַ וואַל־קאַמף, און כ'בין אַריינגעטאָן אין דעם מיט לייב און לעבן.

מאָדנע. מיט צוויי יאָר צוריק ווער איך דערוויילט פאַר אַ דעלעגאַט צום פינפטן ציון־קאָנגרעס פון מענטשן, וועלכע איך האָב פריער קיינמאָל ניט געזען, און פון אַ שטאָט, וואו כ'בין קיינמאָל ניט געווען. איצט פיר איך אַ וואַל־קאַמף צווישן ברייטע מאַסן אין לאָנדאָן, וועלכע קענען מיך פערזענלעך און איך קען זיי. דעם דאָזיקן קאַמף פיר איך אָבער ניט פאַר זיך, צו זיין אַ דעלעגאַט אויף אַ קאָנגרעס, נאָר פאַרן כלל, צו דערוויילן אין ענגלאַנד אַ דעלעגאַציע, וועלכע זאָל פאַרטרעטן ענדלעך די אינטערעסן פון ברייטן יידישן מאַסן.

אַ דאַנק דער פריער־דערמאָנטער טעטיקייט פון דעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן עלעמענט אין לאָנדאָן, האָבן ציוניסטן אין ענגלאַנד אַלץ מער זיך דערוואוסט וועגן די פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַרן זעקסטן ציוניסטן־קאָנגרעס. דורך אונדזערע לעקציעס אין דער „מערבי" און דורך אונדזערע ענטפערס אויף די פראַגן אין „נחס קאַסטן" האָבן מיר באַקאַנט דעם עולם מיט די פּראָגראַמען פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" און פון אַלע אַנדערע ראַדיקאַלע עלעמענטן אין דעם ציוניזם, אויך די סאָציאַליסטישע אין כלל. די פאָדערונגען פון זעקסטן קאָנגרעס האָבן זיך פאַרפילפאַכט, נאָר די צאָל פון פאַסנדיקע דעלעגאַטן איז ניט געוואַקסן אין פּראָפּאָרציע צו די פאָדערונגען פון די נאַציאָנאַל און דעמאָקראַטיש געשטימטע ציוניסטן. דאָס איז דערפאַר, ווייל אָט די יידישע מענטשן זיינען געוויינלעך אַרבעטער, אָדער קליינהענדלער, העברייאישע לערער א. ד. גל., וועלכע קאָנען ניט פאָרן צום קאָנגרעס אין באַזעל אויף זייער אייגענעם חשבון, און יענע ציוניסטישע פאַראייגען, וועלכע זיינען אימשטאַנד צו געבן אַ דעלעגאַט אויף הוצאות באַשטייען פון באַלעבאַטישע, קאָנסערוואַטיווע און אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן.

אונדזער „מערבי" האָט דארום זיך באַמיט צו קריגן אין ענגלאַנד מאַנדאַטן פאַר נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן אין אויסלאַנד, וועמען מ'וועט ניט דאַרפן

געבן אויף הוצאות. מיר האָבן דערמיט אויך באַצוועקט צו דערוויילן דעלע־גאַטן באַדייטנדיקע יידישע קינסטלער און געלערנטע, ווי אויך מיטגלידער פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע״ און אַנדערע אויסלענדישע ראַדיקאַלע ציוניסטן, וועלכע די „מזרחי״־אָרטאָדאָקסן און באַלעבאַטישע פּאָליטיקאַנטן וועלן דורכוואַרפן אין זייערע לענדער.

די „מערבי״ באַשליסט אויך אַרויסצוגעבן אַ ספּעציעלן קאָנגרעס־נומער „כותל מערבי״. מיר שטעלן זיך וועגן דעם אין פאַרבינדונג מיט וואָרט־זאָגער פון דער פראַקציע „חרות״, ציוניסטישע אַרבעטער אָדער סאָציאַליסטן־ציוניסטן, וועלכע מיר לאַדן איין צו באַטייליקן זיך אין אָט דער אויסגאַבע.

אַזוי ווי דער דאָזיקער קאָנגרעס־נומער דאַרף זיך דרוקן אין לאָנדאָן און איך פאָר באַלד אָפּ זיך היילן אין דער שווייץ, באַשטיי איך אויף דעם, אַז איך זאָל ניט זיין דער איינציקער רעדאַקטאָר, אַזוי ווי פון די פריערדיקע אויסגאַבעס, נאָר מיר זאָלן אויך האָבן אַ רעדאַקציע־קאָמיטעט אין לאָנדאָן. איך וועל באַשטעלן די אַרטיקלען און עס צוגרייטן צום דרוק, אָבער נאָכדעם, ווי כ׳וועל צושטעלן דעם מאַטעריאַל קיין לאָנדאָן, זאָלן די דאָרטיקע רעדאַקציע־מיטגלידער זיין פאַראַנטוואָרטלעך. מיר מאַכן אויך אָפּ, אַז אַלץ וואָס וועט אַריין אין אָט דער אויסגאַבע דאַרף פון אונדז אָנגענומען ווערן איינשטימיק.

***

צוליב קישינעוו קאָרעספּאָנדירן מיר אויך מיט אַמעריקע. מיר טוען עס דערפאַר, ווייל מיר דערוויסן זיך פון די אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען, אַז דאָרט, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, רודערט זיך מער ווי דאָ, אין ענגלאַנד, וועגן דעם פּאָגראָם אין קישינעוו. דאָרט, אין ניו־יאָרק, קומען אויך פאָר גרויסע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס; ס׳טרעטן אַרויס אַלס רעדנער ניט בלויז טוער פונעם הייפל נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן, ווי אונדזער „מערבי״ אין לאָנדאָן, נאָר אויך פּאָפּולערע ציוניסטישע מגידים און סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרס; אַז אַ צאָל ראַדיקאַלן זיינען דאָרט איצט נאַציאָנאַל געשטימט און אַ טייל פון זיי האָט אָרגאַניזירט אַ פאַראיין מיטן נאָמען „פּועלי ציון״. איך באַמי זיך איצט אויסצוגעפינען, צי זיי זיינען מער סאָציאַליסטיש, ווי די מינסקער „פּועלי ציון״, וועמעס פאָרשטייער, יצחק בערגער, איז געווען אַ דעלעגאַט אויף דער ציוניסטישער יוגנט־קאָנפערענץ אין באַזעל 1901, וואו ס׳האָט זיך געגרינדעט די דעמאָקראַטישע פראַקציע.

אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע געפין איך אויך מער אינפאָרמאַציע ווי אין ענגלאַנד, וועגן דער שטעלונג פון די באַדייטנדיקסטע רוסישע שריפטשטעלער צו די קישינעווער געשעענישן. איך טייל דאָס אַלץ

מיט מיינע חברים אין דער שווייץ, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידישע נייעסן, וואָס כ׳דערוויס זיך דורך די אַמעריקאַנער צייטונגען און צושריפטן.

איך בין איצט איינגעלאַדן אין באַזעל, בערן און זשענעווע צו קומען אַהין אויסגעפינען דעם פּאַסנדיקן פּלאַץ אין שווייצאַריע, וואו צו היילן מיינע לונגען.

פון באַזעל שרייבט מיר וועגן דעם מיין חבר, י. וואָרטסמאַן, וועלכער דאַנקט מיר דערביי פאַר די „אַמעריקאַנישע מיטטיילונגען". ער האַלט, אַז איך מוז אומבאַדינגט אַט די אַלע „דרוקסאָרטן" מיטברענגען צום יונג־ציוניסטן־קאָנגרעס פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, וואָס וועט זיך אָנהויבן דעם 15־טן אויגוסט אין באַזעל, אפשר וועט מען געפינען אַ פּאָר „יונגע" צו שיקן נאָך ניו־יאָרק. צוגלייך בעט ער מיך איך זאָל אים פאַר־שלאָגן פאַר אַ דעלעגאַט פון לאָנדאָן צום זעקסטן ציוניסטן־קאָנגרעס אין באַזעל. דאָס טו איך תיכף. כ׳שלאָג פאָר, אַז די „מערבי" זאָל אים דערוויילן פאַר אונדזער דעלעגאַט. פאַר מיר זאָלן זיי ניט זאָרגן, ווייל איך קאָן לייכט קריגן אַ מאַנדאַט פון וועלכן ס׳איז אַנדער לאָנדאָנער פאַראיין. כ׳נעם אָבער ניט אָן וואָרטסמאַנס איינלאַדונג צו קומען קיין באַזעל און פון דאָרט פאָרן זיך היילן אין לוגאַנאָ, אויף דער גרענעץ פון איטאַליע. כ׳באַשליס צום אַלעם ערשטן באַזוכן זשענעווע, וואו ס׳געפינט זיך די צענטראַלע פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע", כדי צוקוקן זיך פון נאָענטן צו אירע טוער און באַטראַכטן, צי די „מערבי" קאָן מיט זיי צוזאַמען אַרבעטן אויפן זעקסטן קאָנגרעס. כ׳דאַרף אויך אויסגעפינען גענויער, וואָס די „פראַקציע" האָט אויפגעטאָן זינט איר גרינדונג אין האַרבסט 1901.

***

איך גרייט זיך אין וועג. כ׳פּלאַן אָפּצופאָרן זונטיק דעם 21־טן יוני פון לאָנדאָן קיין פּאַריז, מיין געווינלעכער מאַרשרוט צו און פון דער שווייץ. חברים פון „מערבי" און פון „הערצל־נאָרדוי קולטור־פאַראיין", ווי אויך פון אַנדערע פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע היטן איצט אָפּ מיין געזונט מער ווי אי ך טו עס אַליין, פּאַקן איין מיך טשעמאָדאַן מיט יענע זאַכן, וועלכע וועלן מיר זיין נויטיק אין שווייצאַריע. זיי לאָזן מיך עס אָבער ניט מיט־נעמען מיט זיך אין וועג, נאָר באַשטימען עס מיר צושיקן אַהין, וואו כ׳וועל מיך באַזעצן. זיי לייגן אויך צוזאַמען מיינע ביכער אין אַ קאַסטן, כדי שרה שפרה זאָל ניט האָבן קיין שוועריקייטן אַריבערצוקלייבן זיך אין אַן אַנדער דירה, נאָך מיין אָפּפאָרן.

שרה שפרה ציטערט שטאַרק איבער מיין געזונט. זי ווינטשט, אַז מיינע לונגען זאָלן אינגיכן איינאָטעמען די שווייצער באַרג־לופט. צוגלייך ווילט

זיך איר אָבער אויך, אַז כ׳זאָל שטיין דאָ, אין לאָנדאָנער געטאָ נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, כדי צו טיילן מיט מיר דעם נחת פון אונדזער מלאכל, ווי זי רופט אָן אונדזער דריי־וואָכיקן בן־יחידל. זי קען אויף אויסווייניק מיין פריער דערמאָנטע פאַראידישונגען פון י. ל. פרצעס העברייאיש בילדל וועגן דעם גורל אָדער מזל פון אַ נביא צו ווערן פאַרשטיינט פאַר זיין איינשטעלן זיך פאַר אמת און גערעכטיקייט. דאָך האָפט זי, שרה שפרה, אַזוי ווי איך, אויף דעם טאָג, ווען אונדזער בכור שמואל וועט זיין אַלט גענוג צו דערהערן דעם רוף פון ווערן אַ נביא, ווי דאָס האָט דערהערט „דאָס קינד שמואל" אין דעם ביבלישן ספר אויף זיין נאָמען...

און ווען מיין עלטערער חבר און פריינט פון „מערבי", דוב־בער אבערסאָן, וועלכער לעבט איצט פון „סלעק" (אַרבעטלאָזיקייט), קומט אַריין צו אונדז אין הויז, 164 קענאָן סטריט־ראָוד, וואָס איז ביז איצט אויך געווען דער צענטער פון דער „מערבי" און די רעדאַקציע פון אירע אויסגאַבעס, און האַלט אַ דרשה מיט זיין לייבן־שטים פאַר דאָס פאַר־וואָכיקע עופהלע, וואָס האָרכט, ווי ס׳וואָלט פאַרשטאַנען, וואָס דער הונגעריקער אַרבעטער וויל פון אים... אַזוי פאַרגעסט דעמאָלט דעם קינדס מאַמע אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעליטן, און דערוואַרט נאָך צו ליידן... און זי, די „שיינע גייטאַרין", שטראַלט מיט העכסטער גליקזעליקייט...

דער הויכער און ברייטער אַפּאָלאָן וואַלענטין פינקענשטיין, איינער פון די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן אינעם אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן אין ווילנע, וועלכער איז איצט מיינער אַ נאָענטער חבר און אַן אינטימער פריינט, פירט מיך אַרונטער די טרעפ פון מיין דירה צום גאַס. ער האַלט פעסט מיין אָרעם און לאָזט מיך ניט אָפּ ביז ער זעצט מיך אָוועק אינעם וואַגאָן, וואָס פירט מיך צו דעם ענגלישן קאַנאַל. ער דערציילט מיר אַלערליי אינטערעסאַנטע אַנעקדאָטן, אַפּנים מיך צו מאַכן פאַרגעסן מיין איצטיקע לאַגע... סיי־ווי טראַכט איך איצט ניט וועגן זיך נאָר וועגן שרה שפרהן און אונדזער קינד, וועגן דער „מערבי" און דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער באַוועגונג; וועגן דעם וואָל־קאַמף און אַנדערע טעטיקייטן מיט וועלכע די חברים זיינען איצט פאַרנומען אין לאָנדאָן.

ביינאַכט, ביים דערגרייכן דעם ענגלישן קאַנאַל, דערפיל איך זיך אויסערסט שוואַך. כ׳שטאַרק זיך אָבער. דערצאָל דעם אונטערשייד אין פרייז און פאָר מיט דער שיף אינעם צווייטן קלאַס.

אין פאַריז שרייב איך אויף עטלעכע שורות אויף אַ בילדער־פּאָסט־קאַרטל צו שרה שפרהן. כ׳פאָר אָבער ניט אַריין אין דער יידישער געגנט פון שטאָט, ווי אַלעמאָל, זיך צו טרעפן מיט מיינע דאָרטיקע חברים און יוגנט־פריינט. ערשטנס איז עס פיזיש פאַר מיר איצט שווער. צווייטנס

בין איך מיט דער מיינונג, אַז די יידישע אַרבעטער אין פּאַריז וועלן בלייבן גלייכגילטיק, אָדער קעגן דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער באַוועגונג, אַזוי לאַנג ווי ס'וועלן זיך דאָרט ניט באַזעצן אַ צאָל מוטיקע קעמפער פאַר איר. ליידער קאָן איך איצט קיין ביישפּיל ניט געבן דערפאַר...

ביידע נעכט אויף מיין רייזע פון לאָנדאָן קיין זשענעווע זיינען געווען שטאָק־פינצטער, און אַזוי האָט מיר אויך אויסגעזען מיין נאָענטע צוקונפט. מיר דאַכט, אַז מיינע כוחות ענדיקן זיך. איך טראַכט: די אַרבעט פאַרן אידעאַל איז שווער, די אַרבעטער זיינען ווייניק און דער ציל איז נאָך גאַנץ ווייט. און ס'פאַרדריסט מיר שטאַרק, וואָס איינער, וועלכער איז גרייט זיך אָפּצו־געבן אינגאַנצן פאַרן אידעאַל, איז אין געפאַר צו פאַלן ביים סאַמע אָנהויב...

דעם 23־טן יוני קום איך אָן אין זשענעווע. איך פאַרפאַר צום ייִנגערן ברודער פון מיין לאָנדאָנער חבר און פריינט, דוב־בער אבערסאָן. דער ייִנגערער ברודער, צבי אבערסאָן, איז אויך מיט אַ פינף־זעקס יאָר עלטער פון מיר. כ'האָב זיך מיט אים באַקאַנט נאָך אינעם „19־טן יאָרהונדערט" (אין 1899), ווען מיר זיינען ביידע געווען געסט, געזונייער — באַאָבאַכטער, אויפן דריטן ציוניסטן־קאָנגרעס אין באַזעל. כ'קען אויך זיין פרוי, ראָזע גרינבלאַט, אַ מיטגלידערין פון „בונד", אין 1897, וועלכע ווערט נאָכדעם באַגייסטערט אויך פאַרן ציוניזם. זומער 1899 שטודירן מיר ביידע, ראָזע גרינבלאַט און איך, אין בערנער אוניווערזיטעט. צבי אבערסאָן איז שוין דעמאָלט אַ זשענעווער און זיין הויפּט־שפּראַך איז פראַנצויזיש; מיט מיר רעדט ער צוערשט העברייאיש, נאָר ביסלעכווייז נעמט ער אויך ריידן יידיש.

צבי אבערסאָן האָט מיט צוויי יאָר צוריק, געמאַכט אין באַזעל גרויס אויפזען מיט זיין רעפעראַט אויף דער ציוניסטישער „יוגנט־קאָנפערענץ", וועלכע האָט אָרגאַניזירט די „דעמאָקראַטישע פראַקציע". זיין שאַרפע קריגערישע קריטיק קעגן דער שטעלונג פון „בונד" צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, באַוועגט דעמאָלט די ציוניסטן צו איבערטרייבן דעם באַטייט פון דעם דאָזיקן רעפעראַט, און פון דער אַנדער זייט, די בונדיסטן, פאַרקערט, — מבטל צו זיין אים, און דערביי דעם רעפערענט שטעמפּלען פאַר אַ קעגנער פון סאָציאַליזם. פאַקטיש אָבער האָט דאָרט צבי אבערסאָן ניט אַנטדעקט קיין נייעס. ער האָט בלויז געשילדערט, אין אַ שיינער קלאָרער שפּראַך און אין אַ פיינער וויסנשאַפטלעכער פאָרם, פול מיט חריפות, מיט שאַרפזין און בקיאות אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, פונעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" ביז אירע היינטצייטיקע אויטאָריטעטן, צו באַווייזן איר שטעלונג צו נאַציאָנאַלע פראָבלעמען. ער שטעלט פעסט, אַז דער מאַרקסיזם אָנער־קענט נאַציאָנאַלע אונטערשיידן און פרעדיקט ניט קיין וועלטבירגערשאַפט, אָדער אַסימילאַציע, נאָר אינטערנאַציאָנאַליזם, צווישנפעלקערלעכע באַצי־אונגען און פעלקערפרידן.

ביידע, צבי און ראָזע, נעמען מיך אויף גאַנץ פריינטלעך און ריידן מיט מיר וועגן אַלץ פריי און אָפן. איך געפין באַלד אויס, אַז ער איז ניט מער דער גליענדיקער ענטוזיאַסט, וואָס ער איז געווען אין זומער 1899. ער האָט איבערגעלעבט אַ סך אַנטוישונגען אין די פּאָר יאָר זינט דעם פינפטן קאָנגרעס און דער ערשטער יוגנט־קאָנפערענץ. דאָס האָט אין אים אַרויסגערופן אַ געוויסע מאָס ביטערניש, סקעפּטיציזם, איראָניע און סאַרקאַזם. ער האָט פאַר מיר געשילדערט סאַרקאַסטיש די טראַגי־קאָמעדיע פון זיין קורצער „וועלט־באַרימטקייט"...

די ציוניסטישע סענסאַציע וועגן זיין רעפעראַט באַוועגט אַ רייכן ציוניסט, ה׳ שרירע פון באַקו, זיך אונטערנעמען עס אָפּצודרוקן אין צענד־ליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן אין יידיש, אין רוסיש און אין אַנדערע שפּראַכן. דער דאָזיקער מעצענאַט באַשטימט אויך אַ געוויסע סומע געלט פאַרן רעפערענט — ער זאָל קאָנען צוגרייטן זיין ווערק צום דרוק.

צוליב דער סענסאַציע אַרום דעם דערוואַרט מען פון אַבערסאָנען אַ באַדייטנדיק ווערק פון אַ הויכן וויסנשאַפטלעכן פאַרנעם, מיט אַ היפּשן אַפּאַראַט. אַזוי ווי ער איז הויפּטזעכלעך אַן אָראַטאָר און האָט ווייניק שריי־בעריש באַגאַבונג, פאַלט אים צו די דאָזיקע אַרבעט אויסערסט שווער. דערווייל באַנוצן זיך פייאיקע רעדנער און זשורנאַליסטן מיט זיינע אַרגו־מענטן, וועלכע ווערן דורכדעם „אָפּגענוצט". דער סוף איז, אַז די סענסאַציע וועפּט זיך אויס, די הייסע באַגייסטערונג קילט זיך אָפּ. די ציוניסטישע באַוועגונג און איר מעצענאַט ווערן גלייכגילטיק און צבי אבערסאָן ווערט ניט בלויז אַ „פאַרגעסענער מענטש", נאָר בלייבט אויך „אַ נאַר און אַ בעל־עוולה"...

ראָזע גרינבלאַט, דאַקעגן, איז אַזוי אידעאַליסטיש, ענטוזיאַסטיש און האַרציק ווי געווען. נאָר וועגן איר און די אַנדערע אינטעליגענטע מענטשן, מיט וועלכע כ׳האָב פאַרבראַכט מיינע פינף טעג אין זשענעווע, וועל איך דערציילן שפּעטער.

קאַפּיטל הונדערט און דרייסיק

אין זשענעווע מיט אינטעליגענטע יידישע מענטשן

אין זשענעווע בין איך שוין אַמאָל געווען. איך האָב דאָרט פאַרבראַכט עטלעכע שעה אויף מיין וועג, צופוס, צוריק פון איטאַליע. כ׳טרעף זיך אָבער דעמאָלט דאָרט בלויז מיטן סטודענט י. מ. זאַלקינד, דר. דניאל פּאַס־מאַניק, געאָרג פּלעכאַנאָוו און ראַב־נער ווערטהיימער.

דאָס מאָל פֿאַרברענג איך אין זשענעווע איבער פֿינף טעג, און מיט אַרום אַ צענדליק אינטעליגענטע יידישע מענטשן, וואָס איך רעכן אויס לויטן אלף־בית: צבֿי אַבערסאָן, ראָזע גרינבלאַט, דר. חיים ווייצמאַן, שאול־איזיק סטופּניצקי, בערטאָלד פֿייוול, יעקבֿ ראַבינאָוויטש און שטערקע שנייערסאָן. מ׳שטעלט מיך פֿאָר פֿאַר דעם פֿילאָסאָף פֿון דער ציוניסטישער דעמאָקראַ־טישער פֿראַקציע, דר. מאַרטין בובער. ער איז אָבער פֿאַר מיר „צופֿיל דייטש״, כאָטש זיין זיידע איז ר׳ שלמה בובער, וועמען איך שעץ הויך פֿאַר זיין וויסנשאַפֿטלעכן אויספֿאָרשן און רעדאַקטירן אַ גאַנצע רייע מדרשים.

לענגער ווי מיט אַלע אַנדערע יידישע מענטשן פֿאַרברענג איך אין זשענעווע מיטן דר. איסידאָר עליאַשעוו, וועלכער האָט מיך דערמוטיקט, זומער 1900, צו ווערן אַ רעדנער און אַ לעקטאָר. ער צייכנט זיך איצט אויס מיט זיינע פּאָעטיש־דורכגעפֿילטע ליטעראַטור־קריטיקן, וועלכע ער פֿאַר־עפֿנטלעכט אונטער זיינע פּען־נעמען „בעל־מחשבות״ און „גר־צדק.״

מיר האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען אַ סך שטונדן נאָכאַנאַנד. ער האָט אַ סך גערעדט און איך האָב אים אויסגעהערט אויפֿמערקזאַם. לעבנדיק עטלעכע יאָר אין דער קליינער שווייצער אוניווערזיטעט־שטאָט, פֿריבורג, בין איך געווען אָפּגעריסן פֿון דער יידישער ליטעראַטור און אַריינגעטאָן דער עיקר אין דער וועלטלעכער. איך בין דערום געווען אַנטציקט פֿון אַלץ, וואָס בעל־מחשבות האָט מיר דערציילט פֿון דער נייער ליטעראַטור אין יידיש. ער, ווידער, געפֿינענדיק אין מיר אַן אויפֿמערקזאַמען צוהערער, איז ניט מיד געוואָרן מיר אַלץ מער און מער צו דערציילן.

ער שילדערט פֿאַר מיר ניט בלויז דאָס געוועזענע און זייענדיקע, נאָר אויך דאָס קומענדיקע — די קינסטלערישע פּלענער פֿון אים און זיינע פֿריינט. ער דערציילט מיר אויך עפּיזאָדן פֿון זיין רעדאַקציע־אַרבעט אין דעם „יוד״. ווען ער האָט אָנגעהויבן דאָרטן מיטאַרבעטן, דערציילט מיר דר. עליאַשעוו, איז אָט דאָס וואָכנבלאַט געווען לאַנגווייליק און ניט אינטערעסאַנט. ס׳האָט ניט געהאַט קיינע קאָרעספּאָנדענטן און זיך געפֿונען אויסערהאַלב דעם רייך־פּולסירנדיקן יידישן לעבן. ער, דר. עליאַשעוו, הויבט דעמאָלט אָן אַליין צו שרייבן קאָרעספּאָנדענצן פֿון אַלע טיילן רוסלאַנד און אויך פֿון אויסלאַנד. אויף אַזאַ אופֿן דערציט ער אַ גאַנצע רייע עכטע צייטונגס־קאָ־רעספּאָנדענטן. גלייכצייטיק האָט ער צוגעצויגן אַ גאַנצע רייע שרייבערשע טאַלאַנטן, צווישן זיי אויך אַזוינע, פֿון וועלכע י. ל. פּרץ האָט צוערשט ניט געהאַלטן. צום סוף פֿאַרלאָזט זיך שוין י. ל. פּרץ אינגאַנצן אויף זיין, דר. עליאַשעווס, מבֿינות.

דר. עליאַשעוו גיט מיר אויך איבער דעם אינהאַלט פֿון זיינער אַ סעריע אַרטיקלען אין דעם חודש־זשורנאַל „די יודישע פֿאַמיליע״, געשריבן אונ־טערן פּסעוודאָנים „גר־צדק״, וועגן מענדעלע מוכר־ספֿרים. ווען איך דער־

מאָן דערביי, אַז איך האָב געלייענט אין העברייאיש אַ ליטעראַטור־קריטיק איבער מענדעלען פון מיין באַליבטן העברייאישן שרייבער ראובן ברײנין, באַמערקט דערצו דר. עליאַשעוו: „דאָן מוזט איר דורכאויס לייענען, וואָס איך האָב געשריבן וועגן מענדעלען, ווייל ברײנין אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז מיין קריטיק איז פון מער באַדייטונג". ער האַלט עס פאַר דער „בעסטער אַרבעט" איבער מענדעלען.

וועגן מיינער אַ באַמערקונג איבער דער ניט־יידישער ליטעראַטור, פון וועלכער מענדעלע איז געווען באַאיינפלוסט, האָט מיר דר. עליאַשעוו געענטפערט:

— יעדער שרייבער ווערט באַאיינפלוסט פון עמיצן ביים אָנהויב פון זיין שאַפן. דער זעלביקער איינפלוס האָט אָבער ניט אויף יעדן שרייבער די זעלביקע ווירקונג. גיט אַ טרייב אַ קאַטשקע, וועט זי אָפּשפּרינגען אַ פּאָר טריט און ניט ווייטער. אַ האָן וועט דערלאַנגען אַ פלי אויפן דאַך, אַן אָדלער וועט זיך אויפהויבן הויך איבער די וואָלקנס...

אַן אַנדערש מאָל גיט איבער דר. עליאַשעוו דעם אינהאַלט פון זיינעם אַן אַרטיקל וועגן יעקב דינעזאָן, געשריבן פאַר דעם פּעטערבורגער „פריינד", וואו ער מאַכט אַ פּאַראַלעל צווישן דינעזאָנען און י. ל. פּרצן. דעם ערשטן פאַרגלייכט דר. עליאַשעוו צו אַ צאַרט קינד, און דעם צווייטן — צו אַ שוויי־צער אַלפּ...

דר. עליאַשעוו אַנטלייט מיר נאָכדעם אויך דעם דאָזיקן נומער „פריינד" כ׳זאָל עס קאָנען איבערלייענען פאַר זיך.

מיר שמועסן אויך ביידע וועגן דער נייער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע: וועגן די סקיצן פון ליבין און קאָברין און וועגן די דראַמען פון גאָרדין און פּינסקי. ריידנדיק וועגן יעקב גאָרדינס פּיעסע „גאָט, מענטש און טייוול", באַמערקט דערצו דר. עליאַשעוו, אַז אָט דער נאָמען איז צו פּרעטענציעז, און אַ ניט־באַרעכטיקטער פאַרמעסט מיט געטעס „פאַאוסט". די דאָזיקע פּיעסע דאַרף ליבער הייסן: „געלט" — „אַ פאַמיליע־דראַמע", וואָס אין דעם פּרט איז עס אַ געלונגען ווערק.

בערטאָלד פייוול, דער איבערזעצער פון מאָריס ראָזענפעלדס לידער אין דייטש, איז דער ערשטער יידישער ייד צווישן די דייטשישע ציוניסטן. ער האָט דערוויל זיך אַליין נאָך ניט גאַנץ געפונען. פאַרלויפיק איז ער שטאַרק באַאיינפלוסט פון דר. עליאַשעווס ליבשאַפט צו דער יידישער שפּראַך און דער יידישער ליטעראַטור אין יידיש. ער איז דאָך ניט פאַרבונדן אַזוי ענג מיט דער יידישער פאָלקס־שפּראַך און פאָלקס־ליטעראַטור ווי אַ בעל־מחשבות. אין אַ קאָנפליקט צווישן יידיש און ציוניזם וועט אים דעריבער זיין לייכט זיך אָפּצוזאָגן פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור און בלייבן נאָר אַ ציוניסטישער קולטור־טוער אין דייטש, ווי זיין חבר מאַרטין בובער,

וועמעס אויפטואונגען, אויך ווייצמאַנס און זיינע, פּיוולס, פאַר דער יידישער קולטור, ער האָט פאַר מיר געשילדערט מיט סימפּאַטיע.

ראָזע גרינבלאַט, ווי אַן אויפריכטיקע גרינדערין פונעם „בונד", שטייט פעסט פאַרן סאָציאַליזם. זי איז אָבער גלייכצייטיק דורכגעדרונגען מיט דער אידייע ווידער אויפצולעבן ארץ־ישראל און העברייאיש. דאָס שטערט איר אָבער ניט צו ריידן מיט באַגייסטערונג וועגן דער נייער ליטעראַטור אין פראַנצויזיש און דעקלאַמירן פאַר מיר מעטערלינקס לידער. זי און איר חברטע, שטערקע שנייערסאָן, פון דער באַרימטער חסידיש־רבייאישער משפחה אין ליאַדי, וועלכע איז איצט בערטאָלד פּיוולס פרוי, האָבן פון מיר געשפּאַסט, אַז כ׳בין אָפּנים אַזוי פאַרליבט אין מיין פרוי, אַז כ׳זע גאָר ניט קיין אַנדערע... די צוויי שיינהייטן האָבן דורכאויס געוואָלט, אַז איך זאָל זיי זאָגן, צי כ׳האַלט מיין פרוי פאַר שענער פון זיי... ראָזען האָב איך געקענט פאַר אַ ווייצלערין נאָך פון יאָרן צוריק. נאָר שטערקע, מיט וועלכער כ׳האָב שטודירט צוזאַמען אין בערן אין 1899, איז דעמאָלט אַרומגע־גאַנגען שטענדיק אַ פאַרטראַכטע און קיינמאָל קיין שמייכל ניט געגעבן. איצט באַנעמט זי זיך ווי אַ לוסטיקע, שטיפערישע פאַריזערין און זי שפּאַסט פון מיר נאָך מער ווי ראָזע. דאָך דערלויב איך זיך נאָר צו ווייצלען אויף ראָזעס חשבון. איך שילדער, למשל, ווי זי וועט אַמאָל זיין אַ „פרומע גבאיטע" אין ירושלים, גיין דאַוונען מיט אַ דיקן „קרבן־מנחה"־סידור אונ־טערן אָרעם און זאָגן תפילות ביים „כותל־מערבי"... שטערקען זאָג איך גאָרניט אַריין, אַפילו ווען זי לאַכט אויס מיין אַלטמאָדישע מאָנאָגאַמיע, און מיין זיין אַריינגעטאָן אין כלל־זאַכן, אַז כ׳זע אַפילו ניט, וואָס פאַר אַ שיינע פרויען עס געפינען זיך אין זשענעווע...

שאול אייזיק סטופּניצקי, מיין אַלטער פריינט, מיט וועלכן איך בין כמעט אַלעמאָל געזעסן צוזאַמען אין פּראָפעסאָר לודוויג שטיינס פילאָסאָ־פיע־קלאַסן פון זומער 1899, איז לעצטנס דער סעקרעטאַר פון דער פּראַק־ציעס האָכשול־ביוראָ, צו גרינדן אַ יידישן אוניווערזיטעט פאַר סטודענטן פון מזרח־אייראָפּע. ווי שוין פריער דערמאָנט, זיינען מיר אין דער „מערבי" געווען מער באַגייסטערט פאַר טאָן קולטור־אַרבעט צווישן די ברייטע מאַסן, ווי מיט פאַרנעמען זיך שאַפן אַ יידישן אוניווערזיטעט פאַר אויסלענדישע פערזאָנען. דאָך בין איך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער ביוראָ און סטופּניצקי פלעגט מיר צושיקן אַלע צושריפטן, געשריבן אין דייטש. איצט באַקלאָגט ער זיך דאָ פאַר מיר, אַז דר. חיים ווייצמאַן, דער אָנפירער פון אָט דער ביוראָ, איז צופיל פאַרנומען און ס׳וועט דעריבער גאָרניט ווערן פון דער פּראַקציעס אוניווערזיטעט־פּלענער.

דר. ווייצמאַן, פּריוואַט־דאָצענט פון כעמיע אינעם זשענעווער אוניווער־זיטעט, האָט מיר אָפּגעגעבן אַ סך צייט צו שילדערן פאַר מיר די אויפטו־

אונגעץ פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע זינט איר גרינדונג. להיפּך צו דר. עליאַשעוו, האַלט וויניק דר. ווייצמאַן פון ציוניסטישער קעגנוואַרטס־אַרבעט. ער וויל זיך אין דעם ניט אַריינלאָזן, ווייל ער באַטראַכט עס פאַר „פליק־אַרבעט", וועלכע קאָן אין יעדן מאָמענט ווערן פאַרניכטעט אַ־לאַ קישינעוו. ער איז ניט קיין סאָציאַליסט, אָבער ער וויל, אַז די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט זאָל זיין געבויט אויף אַ געזונטן פונדאַמענט: מ'זאָל פריער גוט אויספאָרשן דאָס לאַנד און מ'זאָל אַלץ טאָן מיט אָפענע אויגן.

ד וואָרטזאָגער פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" אין זשענעווער צענטער זיינען דר. חיים ווייצמאַן, צבי אבערסאָן, דר. איסידאָר עליאַשעוו און בערטאָלד פייוול. איך באַשליס אָבער צו שטיין אין שטענדיקער די־רעקטער פאַרבינדונג וועגן די איצטיקע ציוניסטישע פּראָבלעמען בלויז מיט דר. חיים ווייצמאַן.

קעגן אָט די פיר טוער פון דעמאָקראַטישער פראַקציע פירן אַ ביטערן קאַמף צוויי ציוניסטישע קעגנער זייערע אין זשענעווע: דר. דניאל פּאַס־מאַניק און יעקב ראַבינאָוויטש.

דר. דניאל פּאַסמאַניק, דער רעדאַקטאָר פון דער „ציוניסטישער קאָרעס־פּאָנדענץ", איז דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער פריער דערמאָנטער יידישער סטודענטישער פאַראייניקונג „קדימה" אין בערן, וועלכע באַטראַכט די פּראַקציע פאַר אַ שטערונג צום ציוניזם. פּערזענלעך איז דר. פּאַסמאַניק אַ פריינטלעכער מענטש און אונטער אַנדערע באַדינגונגען קאָן ער ברענגען נוצן דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער באַוועגונג, און אפילו מיטהעלפן דער „מערבי"', און די סאָציאַליסטן־ציוניסטן.

יעקב ראַבינאָוויטש איז אַ טאַלאַנטפולער העברייאישער שרייבער. נאָר אַלס פּאָליטיקער איז ער אַ צעשטערנדיקער עלעמענט. ער איז מער בריה חרוב צו מאַכן ווי צו בויען. כ'רייד אים צו ער זאָל אויפגעבן די פּאָליטיק און זיך ליבער אָפּגעבן מער מיט זיין ליטעראַרישער שאַפונג, וואו ער קאָן נאָך עפּעס וואָס אויפטאָן ממשותדיקס.

די פראַקציאָנערן באַקעמפט ראַבינאָוויטש דער עיקר אַלס פּערזאָנען. ער דערקלערט מיר געענוי, אַז אבערסאָן, ווייצמאַן, עליאַשעוו און פייוול זיי־נען געפערלעכער פערזענלעך ווי זייערע אידייען. זיין איינפלוס אויף דר. פּאַסמאַניקן, וועלכן ער „האַלט אויף אַרענדע" ברענגט דערמיט שאָדן דער נאַציאָנאַל־יידישער באַוועגונג. איך טראַכט איצט וועגן געפינען מיטלען ווי אַזוי צוזאַמענצוברענגען דר. ווייצמאַנען מיט דר. פּאַסמאַניקן, כדי אויס־צוגלייכן זייערע פּערזענלעכע סיכסוכים. אַזוי ווי ביידע זיינען צו מיר גאָר פריינטלעך, און אויך יעקב ראַבינאָוויטש איז מיר געוואָרן אַן אינטימער חבר, האָף איך, אַז עס וועט מיר געלינגען אַריינצוברענגען שלום צווישן די אינטעליגענטע יידישע מענטשן אין זשענעווע.

גלייכצייטיק באַמי איך זיך אויך צו קריגן אין זשענעווע אַ צאָל אַר־טיקלען פאַרן געפּלאַנטן קאָנגרעס נומער פון „מערבי". דר. ווייצמאַן איז מער אַ רעדנער ווי אַ שרייבער. ער וועט אָבער זען, אַז איך זאָל קריגן אַן אויספירלעכן אינפאָרמאַטיוון אַרטיקל וועגן דער דעמאָקראַטישער פראַק־ציע. כ'האָב שוין אַליין גערעדט וועגן דעם מיט איר סעקרעטאַר, מיין חבר, שאול־אייזיק סטופּניצקי, און ער וועט אויפשרייבן פאַר מיר אַזאַ אַרבעט. דר. עליאַשעוו זאָגט מיר צו אַן אַרבעט וועגן מ. אוסישקינס גרופּע „גאולה", וואָס וויל באַנייען דעם „חיבת ציון". ער פּלאַנט אויפצושרייבן אַ שאַרפע קריטיק וועגן איר אונטער זיין פּסעוודאָנים „בעל־מחשבות". ער זאָגט מיר צו אויך מיטצוהעלפן דורכקוקן מיין גאַנצן מאַטעריאַל פאַרן קאָנגרעס־נומער און מיר אויך העלפן עס רעדאַקטירן.

איך דערוואַרט נאָך מאַטעריאַלן צו קריגן פון אַנדערע שטעט אין שווייצאַריע, ווי אויך פון ענגלאַנד און אַמעריקע, אַזוי גיך ווי כ'וועל זיך איינ־אָרדענען אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ. מ'רעדט מיר צו, כ'זאָל זיך באַזעצן אין קאַנטאָן לוצערן. מיר געפעלט אָבער מער צו וואוינען אין קאַנטאָן בערן, נאָענט צו די מיט שניי־באַדעקטע אַלפּן פונעם „בערנער אויבערלאַנד."

קאַפּיטל הונדערט איין און דרייסיק

אין דער קאָלאָניע פון יידישע סטודענטן

אין דער סטודענטישער יידישער קאָלאָניע אין בערן, וואוהין איך בין צוגעפאָרן פון זשענעווע, פיל איך זיך היימיש. כ'בין דאָך געווען צווישן אירע גרינדער, כאָטש איך האָב שוין דעמאָלט, אין 1901, שטודירט אין פריבורג. דערצו באַשטייט איר אַקאַדעמישע ביבליאָטעק צום גרעסטן טייל פון די מאַסן ביכער (אין יידיש, העברייאיש און אין אַנדערע שפּראַכן), וועל־כע זי האָט פון מיר געקראָגן אַ מתנה. אַלע זיינען דאָ פריינטלעך צו מיר — די נייע באַקאַנטע אַזוי גוט ווי די אַמאָליקע נאָענטע, פון וועלכע איך טרעף נאָך:

י ע ק ב מ א י ר ז א ל ק י נ ד, דעם פירער פון דער סטודענטן פאַר־איייניקונג, „קדימה". ער איז לעצטן ווינטער געווען אין לאָנדאָן צוליב זיין געפּלאַנטן שידוך מיט איינער פון די שוין פריער געשילדערטע דריי שוועס־טער, דע־סילוואַ, וועלכע פּראָדוצירן מאָדערניסטישע קאָרסעטן אין לאָנ־דאָן און אין פּאַריז. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען פאַרנומען מיט זיין פּערזענלעכער זאַך, האָט זיך זאַלקינד געווענדעט צום פאַראיין „מערבי", וועגן אָרגאַנזירן פאַר אים אַ לעקציע. דער סטודענט, יחזקאל

וואָרטסמאַן, אַ מיטגליד פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע אין בערן, וועלכער איז דעמאָלט געווען טעטיק אין לאָנדאָן אין דער „מערבי״, האָט ניט דערלאָזן, אַז אונדזער פאַראיין זאָל אײַנאָרדענען אַ לעקציע מיט אַ „קדימה־נער״, וועלכער באַקעמפּט די דעמאָקראַטישע פראַקציע, און דערצו גרייט ער זיך נאָך אויך צו ווערן אַן אָרטאָדאָקסישער רב...

איך האָב דאָס אַלץ געוואוסט און דאָך געהאַט פּאַראיבל אויף זאַלקינדן מײַן נאָענטסטער חבר זינט זומער 1899, פאַרוואָס ער האָט זיך געהאַלטן ווײַט פון די לאָנדאָנער בריטע יידישע מאַסן. איך האָב דאָס אים פּערזענ־לעך אויך איצט געזאָגט אין בערן. דאָס שטערט אונדז אָבער ניט צו בלײַבן ווײַטער גוטע פרײַנט *).

יוסף חיים הורוויץ, דער „קאָפּ״ פונעם בערנער פאַראיין „אחדות״, וועלכער קאָרעספּאָנדירט מיט מיר זינט יאָרן. כ׳האָב אים אַ לאַנגע צײַט באַטראַכט פאַר אַן אָרטאָדאָקס, נאָר די „אחדותניקעס״ דערקלערן מיר איצט, אַז דער עיקר איז ער אַ העברייאיסטישער קולטור־טוער, און איז כלל ניט רעליגיעז.

אהרן מיכל באָרוכאָוו, וועמעס פאָטער איז געווען רב אין מיישעגאָלע, קופּישאָק און וועקסנע, איז דאָרט באַקאַנט געווען אונטערן נאָ־מען פון זײַן ספר „חבל יעקב״. מײַן אַלטער „פרײַנט און לאַנדסמאַן״ אהרן מיכל שרײַבט פײַנע עסייען אין העברייאיש און ווערט איצט באַטראַכט פאַר איינעם פון די פירנדיקע „פראַקציאָנערן״ אין דער בערנער קאָלאָניע. באַלעבאַטישע ציוניסטן באַשולדיקן אים, אַז ער באַקעמפּט שאַרפער די ציוניסטישע קעגנער פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע״, ווי ער קעמפּט קעגן די אַסימילאַטאָרן.

יחזקאל וואָרטסמאַן (מײַן חבר נאָך פון בערן, 1899), האָט די וואָך דורכגעמאַכט זײַן עקזאַמען פאַר דאָקטאָר כעמיע אין באַזעל. ער דער־ציילט מיר „חידושים״, ווי אַזוי ער האָט עס דורכגעפירט מיט „נסים״. ער

---

*) נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דר. י. מ. זאַלקינד זאָגט זיך אָפּ פון צו זײַן ווײַטער אַ רב אין ענגלאַנד און ער ווערט דער רעדאַקטאָר פון דעם לאָנדאָנער אַנאַרכיסטישן וואָכנבלאַט „דער אַרבעטער פרײַנט״, פאַרעפנטלעכט ער דאָרט מײַנע אַרטיקלען קעגן נאַציאָנאַליזם. שפּעטער ווען דר. זאַלקינד קומט קיין אַמעריקע וועגן זײַן תלמוד־איבערזעצונג אין יידיש, שרײַב איך מיט סימפּאַטיע אין דער „פרײַהייט״ וועגן דער דאָזיקער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט זײַנער. נאָך זײַן פריצײַטיקן טויט אין ארץ־ישראל, אין 1938, באַשרײַב איך זײַן לעבן און שאַפן אין דער „מאָרגן־פרײַהייט״ און אין דער פּאַריזער „נײַע פרעסע.״

האָט געוואוסט, זאָגט ער, אַז ער איז הינטערשטעליק אין כעמיע און נאָכמער אין פיזיק. איז אויף געווען אַ גאַנצע נאַכט און זיך איינגעחזרט אויף אויס־ווייניק אַלע פאָרמולירונגען פון די לערנביכער אין פיזיק. צום סוף האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט און אַלץ איבערגעזאָגט קאַפּויר... און דאָ האָט פּאַסירט דער „נס“. די באַזעלער פּראָפעסאָרן האָבן אַפּנים זיך ניט געקאָנט פאָר־שטעלן וואָס דאָ קומט פאָר. זיי האָבן געגלויבט, אַז דער בערנער פּראָפעסאָר פון פיזיק האָט מסתמא עפּעס אַזוינס דערקלערט, וואָס זיי (די באַזעלער פּראָפעסאָרן) פאַרשטייען דאָס נאָך ניט קלאָר גענוג. זיי האָבן דאַרום אומ־זיסט געבראָכן זייערע מוחות עס צו באַגרייפן. דערווייל איז געוואָרן שפּעט אים, וואָרטסמאַנען, ווייטער צו עקזאַמענירן און ניט וועלנדיק מער מאַטערן זיך און דעם סטודענט, האָבן זיי צוליבן כבוד פון זייער בערנער קאָלעגע אונטערגעשריבן די פּאַפּירן פון זיין סטודענט וואָרטסמאַן...

דערווייל אָבער ווייסט נאָך דר. וואָרטסמאַן ניט וואָס צו טאָן איצט; ער בעט מיך אים העלפן עפּעס צוטראַכטן...

י ו ס ף ד אָ ב ק י ן, אַן אַנדער בערנער סטודענט, וועלכער האָט לעצטנס פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין לאָנדאָן. אַזוי ווי וואָרטסמאַן און זאַלקינד (ער האָט דאָרט געהערט צום לאָנדאָנער פאַראיין „התחיה“, געגרינדעט פונעם העברייאישן שריטשטעלער „י. ש. ק.“ (י. ש. קאַצענעלסאָן). דאָבקין דערציילט מיר, אַז אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער רוסישער קאָלאָניע, וועגן קישינעווער פּאָגראָם, האָט ער זיך אַזוי אויפגערעגט, אַז ער געדענקט ניט מער, צי ער האָט גערעדט פאַר אָדער קעגן דער דאָרט־פאָרגעשלאָגענער רעזאָלוציע...

י. ל. ב אָ ר ו כ אָ װ י ץ, מיינער אַ באַקאַנטער פון 1901. ער איז אַ פיינער דיכטער אין העברייאיש און יידיש. זיין העברייאיש ליד וועגן „רצפּה בת עיה“, די עלנטע מאַמע פון צוויי זין פונעם קעניג שאול, וועלכע ווערן איבער פּאָליטישע מאָטיוון אויפגעהאַנגען צוזאַמען מיט שאולס פינף אייניקלעך פון זיין געליבטער טאָכטער מיכל, און זי, רצפּה, וואַכט איבער זייערע טויטע קערפּערס, זיי זאָלן ניט ווערן אויפגעגעסן פון רויב־פייגל און ווילדע חיות, — דאָס דאָזיקע ליד מאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. מיר געפעלט אויך שטאַרק זיין איבערדיכטונג אין יידיש פון היינעס ליד „די פרינצעסין שבת“. י. ל. באָרוכאָוויץ איז אָבער צו סענטימענטאַל, כדי צו קאָנען ווערן אַ פירער אין דער יידישער קאָלאָניע אין בערן.

לויט מיין פריער אויסגעאַרבעטן פּלאַן פאָרן ספּעציעלן קאָנגרעס־נומער פון „מערבי“, האָט דאָרט וועגן דער אָרגאַניזאַציע „חרות“ געדאַרפט שרייבן איר הויפּט־וואָרטזאָגער, מיין אַלטער פריינט ד ר. נ ח מ ן ס י ר ק י ן. איך געפין אָבער אויס, אַז ער איז מער ניטאָ אין בערלין, וואוהין איך האָב אים געשריבן. ער איז אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן צו אַגיטירן דאָרט פאָרן

„חרות". מיר וועלן זיך דאַרום ערשט קאָנען טרעפן אויף דער „חרות"־קאָנפערענץ אין באַזעל, וואוהין איך בין אויך איינגעלאַדן. כ'האָב דעריבער אַט דעם נויטיקן אַרטיקל באַשטעלט ביי אַן אַנדער „חרות"־פירער, ביים ציריכער סטודענט אהרן פערלמאַן פון אָדעס *).

יעקב כהן, דער יונגער העברייאישער דיכטער און דערציילער, מיט וועלכן איך באַקאָן זיך דאָ צום ערשטן מאָל, מאַכט אויף מיר אַ באַזונדער גוטן איינדרוק סיי מיט זיין אידעלער, עלעגאַנטער פערזענלעכקייט און סיי מיט זיינע פיינע, עלעגאַנטע שאַפונגען**).

כאָטש איך באַטראַכט זיך איצט, אין 1903, פאַר אַן אַנפשרהדיקן נאַציאָנאַלן ייד, וועמעס לאַנד איז דאָס חרובע ארץ־ישראל און זיין שפּראַך איז דאָס ניט געדעדעטע העברייאיש, איז מיר דאָך זייער אַנגענעם צו טרעפן זיך מיט מיין חשובן קעגנער „בן־אהוד" (בען־איהוד — דר. חיים זשיטלאָווסקי), וועמעס פערזאָן איז מיר אַ סך סימפּאַטישער, ווי דאָס זיינען די פאַרשיידענע היגע ציוניסטן.

דר. חיים זשיטלאָווסקי איז נאָך דער זעלביקער קעגנער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ווי ער איז עס געווען מיט פיר יאָר צוריק, ווען מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן אין בערן, אָנהויב מאַי, 1899. ער פלעגט דעמאָלט פירן שאַרפע דעבאַטן מיט דעם רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פירער, געאָרג פּלעכאַנאָוו. דאָך האָט ער וועגן אים גערעדט מיט רעספּעקט. גאָר אַנדערש דריקט זיך איצט אויס פאַר מיר דר. זשיטלאָווסקי וועגן דעם דייטשן אָנגעזעענעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן טעאָרעטיקער, קאַרל קאַוטסקי. דר. זשיטלאָווסקי רעדט פון אים מיט עקל.

אונדזער שמועס גייט נאָכדעם איבער אין אַ פריינטלעכער באַראַטונג,

---

*) אהרן פערלמאַן ווערט שפּעטער באַקאַנט אַלס מיטאַרבעטער פון דער קאָנסטיטוציאָנעל־דעמאָקראַטישער, רוסישער טאָג־צייטונג, „ריעטש", וואו ער שרייבט אונטערן פּסעוודאָנים, „סיטועןן" (בירגער). ער איז אויך דער איינציקער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער שרייבער אין העברייאיש, וועמעס אַן אַרטיקל דער קאָסטערוואַט־ווער העברייאישער עסייאיסט און פּובליציסט, אחד העם (אשר גינצבערג), האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין זשורנאַל „השלח."

**) איך איבערזעץ שפּעטער „פריי" עטלעכע פון זיינע שאַפונגען אין פּראָזע און איך פאַרעפנטלעך זיי אין די פון מיר רעדאַקטירטע צייטשריפטן: „דער טעגלעכער אַדווערטאַיזער", אין לאָנדאָן (1905) און דער וועכנטלעכער „אידישער קעמפער."

ווי אַזוי אויסצוגעפינען אַלע שריפטן פון משה העס, כדי איך זאָל אים קאָנען ריכטיק כאַראַקטעריזירן, ווי איך וויל עס טאָן אין אַ ספּעציעלער שריפט. ווען דר. זשיטלאָווסקי דערקענט, אַז דער עיקר פון אַט דער אַרבעט מיינער איז פאַר מיר אַ מיטל צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם נאַציאָנאַל־יידישן געדאַנק, וועלכער באַשטייט לעת־עתה הויפּטזעכלעך אין שאַפן אַ היים, האָט ער צו מיר אַ טענה:

— צו וואָס דאַרפט איר אויפשטעלן נייע טעאָריעס און נאָכטאָן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט אַ זאָגענאַנטע וויסנ־שאַפטלעכע טעאָריע, וועלכע ווערט צעפאַלן ביים דעם ערשטן בלאָז פון דער פרייער קריטיק ?...

נאַטירלעך האָב איך ניט איינגעשטימט מיט אים, דעם טעאָרעטיקער פון די „עס־ערן", וועגן דעם צוגאַנג זיינעם צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָריעס, וועלכע ער איז קיינמאָל ניט געווען אימשטאַנד צו באַזיגן אין זיינע עפנטלעכע דיסקוסיעס מיט זיי. כ'האָב דעריבער זיך באַגנוגנט מיט מיין פאַרטיידיקן דעם „נאַציאָנאַל־יידישן געדאַנק" פון משה העסן, וועלכן דר. זשיטלאָווסקי אונטערשעצט *).

לויט דער עצה פון מיינע אַלטע און נייע פריינט אין בערן באַשליס איך צו פאָרן זיך דערהאָלן קיין אינטערלאַקן, דעם גערימטן שווייצער זומער־פלאַץ ביי די אַלפּן אינעם קאַנטאָן בערן. מיינע בערנער פריינט קריגן מיר אויך פאַר אַ שטענדיקן באַגלייטער דעם יונגען קרעפּטיקן סטודענט, יעקב קראָל, אַ זון פון וואוילהאָבנדיקע עלטערן אין קרעמענטשוג. דער וואוילער און אינטעליגענטער קראָל נעמט זיך אונטער מיטצופאָרן אַהין און וואוינען דאָרט מיט מיר צוזאַמען אין איין דירה און אַכטונג געבן אויף מיין געזונט. צוגלייך וועט ער אויך זיין מיין סעקרעטאַר און שרייבן די בריוו און אַר־טיקלען, וועלכע כ'וועל אים דיקטירן.

דעם ערשטן טאָג אין יולי קלייבן מיר זיך ביידע אַריין אין אונדזער וואוינונג „אַלפּענרו", אין אונטערזעען, ביי אינטערלאַקן, וואו די לעבנס־מיטלען קאָסטן וויניקער, ווי אין אינטערלאַקן גופא. כ'טייל עס תיכף מיט שרה שפּרהן, אין אַ פּאָסט־קאַרטל, אין מיין אייגענער האַנטשריפט, און הויב אָן זיך גרייטן צו מיינע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, באַזונדערס דאָס אַרויס־געבן דעם ספּעציעלן קאָנגרעס־נומער פון „מערבי", וואָס איך האָף צו קאָנען דורכפירן אפילו קראַנקערהייט.

---

*) דר. זשיטלאָווסקי ענדערט שפּעטער, אין וואָרט און אין שריפט, זיינע נעגאַטיווע מיינונגען וועגן משה העסן.

קאַפּיטל הונדערט צוויי און דרייסיק

טעטיקע וואָכן אין אינטערלאַקן

נאָך ניט אָפּגערוט געגוג פון וועג און שוואַך אין געזונט, הויב איך דאָ אָן תיכף אַרבעטן צוצוגרייטן דעם ספּעציעלן „קאָנגרעס־נומער", וואָס מיין לאָנדאָנער אָרגאַניזאַציע „מערבי" האָט באַשטימט אַרויסצוגעבן דעם קומענדיקן חודש. איך קאָרעספּאָנדיר אַ סך וועגן דעם מיט נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע יידישע טוער אין ענגלאַנד, אין דער שווייץ און אין אַנדערע לענדער. די מאַסן בריוו וועלכע איך שיק אַרויס פון דאַנען שרייבט פאַר מיר מיין פּריי־ווילעקער קאָמפּאַניאָן און סעקרעטאַר, יעקב קראַל. איך דיקטיר זיי אים אויף פאַרשיידענע אופנים: זיצנדיק בייב שרייב־טישל, ליגנדיק אויף אַ סאָפע, שטייענדיק ביים פענצטער, אָדער אַרומגייענדיק איבערן צימער. דער וואוי־לער קרעמענטשוגער בחור'ל, וועלכער האָט אין זיין היים געהערט צו אַ גרופּע יונגע ראַדיקאַלע ציוניסטן, נעמט פון מיר מיין דיקטאָווקע מיט באַ־גייסטערונג. ער פאַרצייכנט יעדן וואָרט מיט אַ קלאָרער און ריינער האַנט־שריפט.

צום אַלעם ערשטן ווענד איך זיך מיט מיינע בריוו צו די וועלכע האָבן מיר צוגעזאָגט צו געבן עפּעס־וואָס פאַר דער „מערבי"־אויסגאַבע. איך בעט יעדן מיר עס צושטעלן וואָס פריער. באַזונדערס דערמאָן איך עס מיינע חברים אין לאָנדאָן.

מיינע לאָנדאָנער חברים זיינען כמעט אַלע האַרעפּאַשניקעס און האָבן ווינציק צייט עפּעס־וואָס אָנצושרייבן. מיט דעם אויסנאַם פון דוב־בער אבערסאָן, און י. ל. כהן, זיינען זיי אַלע אויך „שווער אויף דער פען". דער אינטעליגענטער פּרעסער אורי מוניץ, דער קאַסירער פון „מערבי", האָט אַ סך וואָס צו זאָגן מינדלעך, ווען עס רעדט זיך וועגן געוויסע פראַגן פון פּראַקטישער אַרבעט אין לאָנדאָן, ווי אויך אין ענגלאַנד בכלל. ער וויל אָבער זיך ניט אונטערנעמען עפּעס־וואָס אויפצושרייבן וועגן דעם. דאָס גלייכן קאָן איך ניט דערוואַרטן קיין שום אַרטיקל פון די איבעריקע וויכטיקע טוער פון דער „מערבי" אין לאָנדאָן. דערפאַר ווענד איך זיך נאָך דעם הויפּט־מאַטעריאַל פאַרן קאָנגרעס־נומער צו דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער סטודענטנשאַפט און אַנדערע אינטעליגענטע יידישע מענטשן אין דער שווייץ.

גלייכצייטיק מיט מיין טעטיקייט וועגן דעם קאָנגרעס־נומער, פיר איך אויך אַ היפשע קאָרעספּאָנדענץ מיט די טוער פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע", „חרות" א. ד. גל. פון איינעם פון זיי, דר. חיים ווייצמאַן אין זשענעווע, דערהאַלט איך שויז צושריפטן זינט דעם דריטן טאָג פון מיין קומען אַהער, אין אינטערלאַקן. כ'קריג אויך בריוו און צייטונגס־אויסשניטן

פון לאָנדאָן וועגן אונדזער „מערבים" וואָל־קאַמפּאַניע אין ענגלאַנד, צו דערוויילן דאָרט וואָס מער אמת דעמאָקראַטישע דעלעגאַטן צום זעקסטן קאָנגרעס אין באַזעל.

אונדזער לאָנדאָנער אָרגאַניזאַציע „מערבי" אַרבעט דעם זומער ענער־גיש, אַז די ציוניסטישע פאַראיינען אין ענגלאַנד זאָלן דערווילן צום זעקסטן קאָנגרעס אין באַזעל יענע מיטגלידער פון דער „דעמאָקראַטישער פראַק־ציע" פון אויסלאַנד, וועלכע ווערן אין זייערע לענדער שטאַרק באַקעמפט פון די דאָרטיקע אָרטאָדאָקסישע און אַזוי־גערופענע „ריין פּאָליטישע" ציוניסטן. איך שרייב דאָרום בריוו צו מיינע פריינט אין די פאַרשיידענע לאָנדאָנער פאַראיינען, אַז זיי זאָלן זיך שטאַרק אָנשטרענגען, אַז זייער אָר־גאַניזאַציע זאָל דערווילן דעם אָדער יענעם אויסלענדישן „פראַקציאָנער" פאַר איר דעלעגאַט צום זעקסטן קאָנגרעס.

לויט דער בקשה פון דר. חיים ווייצמאַן, באַמי איך זיך אויך צו קריגן אַ מאַנדאַט פאַר דעם קינסטלער און געלערנטן דר. אַלפרעד נאָסיג, וועלכן די ציוניסטישע הויפּט־פירערשאַפט אין ווין וויל ניט צולאָזן, אַז ער זאָל דאָס יאָר דערווילט ווערן פאַר אַ קאָנגרעס־דעלעגאַט.

די דאָזיקע בריוו מיינע זיינען איצט, אין יולי 1903, באַזונדערס וויכטיק איבער דעם, וואָס קעגן דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" ווערט לעצטנס געפירט אַ ספּעציעלע העץ־קאַמפּאַניע. דער טעגלעכער יידישער „עקס־פּרעס", אַן אָרגאַן פון קאָנסערוואַטיווע באַלעבאַטים אין לאָנדאָן, שרייבט אין זיין נומער פון דעם 1־טן יולי 1903, אַז די „דעמאָקראַטישע פראַקציע" באַשטייט פון „אַנטי־ציוניסטן", וועלכע זוכן אונטערצוגראָבן הערצלס אוי־טאָריטעט און „צו וואַרפן אַ שטיין אין קאָפּ הערצלען אָדער נאָרדוין."

ניט געקוקט אויף די אַלע העצעס, קריג איך דורך בריוו אַ גאַנצע רייע צוזאָגונגען פון לאָנדאָנער פאַראיינען צו דערווילן פראַקציאָנערן, באַזונ־דערס די טוער פון דער פראַקציע, דר. ווייצמאַן, פייוול, דעם איבערזעצער פון מאָריס ראָזענפעלדס לידער אין דייטש. דערוויסנדיק זיך דערפון, טרעט אַרויס דער לאָנדאָנער יידישער „עקספּרעס" מיט ספּעציעלע העצעס קעגן די פראַקציאָנערן און קולטוריסטן אין דער שווייץ. די דאָזיקע ציַיטונג נוצט אויס קעגן זיי די פריער־דערמאָנטע דיסקוסיע אין דער „רוסישער קאָלאָ־ניע" וועגן קישינעווער פּאָגראָם. אויף יענער דיסקוסיע האָט דער אַסימי־לאַטאָרישער עלעמענט פאָרגעשלאָגן, אַז אין דער רעזאָלוציע זאָל אויסגע־דריקט ווערן קלאָר, אַז די דאָזיקע פאַרזאַמלונג פּראָטעסטירט קעגן קישי־נעווער פּאָגראָם ניט אַלס יידן נאָר אַלס מענטשן. דער „עקספּרעס" איז געוועזן געווי אינפאָרמירט, אַז עס איז אָנגעגאַנגען וועגן דעם אַ שטורמישע דעבאַטע און אַז אַ סך יידישע סטודענטן האָבן געשטימט קעגן דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט. ער פאַרשווייגט בכלל אַז עס איז געוועזן אַן אָפּאָזיציע צום דאָזיקן פאָרשלאָג און נוצט אויס דעם גאַנצן ענין אָנצופאַלן אויף דער „דע

מאָקראַטישער פּראַקציע". ער דערציילט, אַז די דאָזיקע רעזאָלוציע איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן פון „אַ גרויסער באַנדע יידישע סטודענטן", וואָס „זיי־נען פאַרוואַלגערט געוואָרן נאָך דער שווייץ כלומרשט שטודירן" א. אַז. וו. צולעצט גיט ער צו נאָך אַן „איינצלהייט" ספּעציעל וועגן דער „דעמאָקראַ־טישער פּראַקציע". ער שרייבט אַזוי (אין זיין אויסגאַבע פונעם 8־טן יולי, 1903):

„אונטער די חברה־לייט זיינען אויך געווען איניקע ציוניסטן כלומרשט. (עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי זייַנען אַזעלכע ציוניסטן ווי יידן. דאָס זייַנען פּראַק־ציאָנערן בונטאָווששיקעס אין ציוניזם, וועלכע האָבן זיך בכיוון אַנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג אום זי צו שעדיקן). דאָס איז זייער אַ טרויעריקער פאַקט, אַז עס קען אַרויסוואַקסן, אונד אַזאָלכע נידעריקע באַשעפענישן, וועלכע קריכן אומעטום און ווילן נאָך אַ ראָלע שפּילן ביי דעם יידישן פאָלק... די יידן דאַרפן אַזאָלכע ניט און ציוניסטן ווילן זיי ניט קענען. זיי ענטהייליקן נאָר דעם נאָמען ציון. אָפּדאַרן מעג יענעמס האַנט וועלכער גיבט זיין שטימע צו ווילן אַזאָלכע פאַררעטער פון יודנטום צו אונדזער ציוניסטישן קאָנגרעס."

ווען איך האָב די דאָזיקע שרייבעכץ פון „עקספּרעס" מיטגעטיילט מיינע חברים אין דער שווייץ, האָבן ניט אַלע עס געוואָלט גלויבן. דער איינציקער, וואָס האָט עס געקאָנט באַגרייפן איז געווען מיין חבר יחזקאל וואָרטסמאַן, וועלכער איז דאָך געווען מיט מיר צוזאַמען אַ רייע חדשים אין ענגלאַנד און זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון „מערבי" און קען די דאָרטיקע קאָנסערוואַטיווע יידישע פּרעסע. פונדעסטוועגן האָט ער מיך צוגערעט גע־טאַדלט און מיר געשריבן, אַז איך בין „ווערט פּעטש!!!" פאַר מיין אָנ־שטרענגען זיך צו קריגן אין ענגלאַנד מאַנדאַטן פאַר די פירער פון דער „דעמאָקראַטישער פּראַקציע" אין דער שווייץ. זיין טענה איז געווען, אַז יענע פּערזאָנען וועלן ווערן אָדער זייַנען שוין געוואָרן דערוויילט. ער האָט מיך געוואָרנט, אַז צוליב מיין אַרבעט פאַר יענע, וועל איך דערוויל אַליין בלייבן אָן אַ מאַנדאַט צום זעקסטן קאָנגרעס (ווייל אונדזער אָרגאַניזאַציע „מערבי" האָט דאָך, אויף מיין פאַרלאַנג, באַשלאָסן אים, וואָרטסמאַנען צו דערוויילן). דר. וואָרטסמאַן האָט זיך אויך שטאַרק געבייזערט וואָס איך פאַרלאָז זיך מיט מיין דערוויילט ווערן אויף די „לאָזינסקי * און קאמאר **) ציוניסטן??"...

---

*) אַ קאָנסערוואַטיווער קליינהענדלער. ער וואַנדערט אויס שפּעטער קיין קאַנאַדע.

**) אַ רעסטאָראַטאָר מיט אַ שיינער בלאָנדער באָרד, וואָס פאַרנעמט זיך אויך מיט כלל־זאַכן און פּאָליטיק. שלום־עליכם שילדערט אים אין זיין ראָמאַן „די בלאָנדזשענדע שטערן" (טאַקע אונטער זיין נאָמען קאמאר).

איצט אָבער שרייבט מיר דר. וואַרטסמאַן, אַז ער האָט פריער בשום אופן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער „עקספּרעס" זאָל אַזוי שרייבן... און ווען ער האָט מיר פריער געשריבן, אַז דער „עקספּרעס" לאָזט אים קאַלט האָט ער דערביי געמיינט, אַז אָט דער שמוץ רירט אים ניט אָן. איצט אָבער האָט עס „אַלעס איבעגעטראָפן"... איצט איז ער (דר. וואַרטסמאַן) גראָדע וויליק צו ענטפערן, נאָר ער האָט ניט וואו. ער נוצט בלויז אויס דעם דאָזיקן אינצידענט צו באַשטעטיקן זיין מיינונג, אין זיינע פריערדיקע בריוו צו מיר, וועגן דער וויכטיקייט אַרויסצוגעבן אין לאָנדאָן אַ נייעם וואָכנבלאַט. זיין אויספיר איז: „נאָר וואו נעמט מען צוויי דריי טויזנט רובל?"

די „ענגליש זייאָניסט פעדערעישאָן" האָט אַפּנים צו הויך געשעצט דעם איינפלוס פון דעם געדרוקטן וואָרט (אין „עקפּרעס"). זי האָט דעריבער געשריבן צו אַלע אירע פאַראיינען, אַז ביז דעם 15־טן יולי (1903) זאָלן ווערן געשלאָסן אַלע וואַלן. אָבער זעענדיק אַז מען מיינט אין לאָנדאָן ערנסט צו דערווילן „פּראָקצי־אָנערן" פאַר דעלעגאַטן צום זעקסטן קאָנגרעס, פאַרוואַנדלט זיך די עקזעקוטיווע פון דער „פעדערעישאָן" (דעם 3־טן יולי 1903) אין אַן „עיליען קאָמישאָן", אַ קאָמיסיע וועגן פרעמדע, קעגן אויסלענדער. אַזוי ווי די „אַנטי־עיליענס" („פרעמדן־פיינט") זיינען דאָרט געווען אין דער מערהייט, פירן זיי דורך אַ ציוניסטישן „עיליען־ביל" קעגן אויסלענדישע ציוניסטן.

אַזוי ווי די פעדערעישאָן וויס פון דערפאַרונג, אַז די פאַראיינען פירן ניט דורך פּינקטלעך אירע באַשלוסן, און האָבן מסתמא נאָך ניט געשלאָסן די וואַלן דעם 15־טן יולי, ווי זי האָט באַשטימט, האָט זי אויף מאָרגן באַקאַנט געמאַכט צו די ציוניסטישע פאַראיינען אין ענגלאַנד איר ציוניסטישן „עיליען־ביל" (אַנטי־אויסלענדער געזעץ), וואָס פאַרבאָט זיי צו דערווילן אויסלענדישע ציוניסטן פאַר דעלעגאַטן פון ענגלישע יידן צו אַ ציוניסטישן קאָנגרעס. זי דערקלערט, אַז ציוניסטישע דעלעגאַטן קאָנען זיין נאָר אַזוינע, וועלכע האָבן די לעצטע צוויי יאָר געצאָלט שקלים און זיינען ענגלישע איינוואוינער. זי וואָרנט דאָרום די ציוניסטישע פאַראיינען ניט צו דערווילן קיין אויסלענדער פאַר דעלעגאַטן, ווייל זי, די פעדערעישאָן, וועט זיי ניט אָנערקענען, און די פאַראיינען וועלכע האָבן דערווילט אויסלענדער וועלן דאָרום בלייבן ניט רעפּרעזענטירט...

עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָס דאָזיקע באַפעל, ווי אַלע אַנדערע באַפעלן פון דער „פעדערעישאָן", איז איגנאָרירט געוואָרן. ניט געקוקט אויף זייער פאַרבאָט האָבן די לאָנדאָנער פאַראיינען געוויילט פינף אויסלענדער, פינף „אַנדעזיירעבלס" (אומגעווינטשטע פרעמדע)... דער הערצל־נאָרדוי קולטור־פאַראיין האָט געוויילט די פריער־דערמאָנטע דריי; די „מערבי" איינעם, דעם דר. וואַרטסמאַן. איך — איר צווייטער דעלעגאַט, בין אָנער־

קענט געוואָרן אַלס אַ היגער; מיין מאַנדאַט איז דאַרום געווען געזעצלעך; דעם פינפטן „עיליען", דר. אַלפרעד נאָסיג, האָט דערווײַלט דער פּאַראיין „דגל ציון."

צו אַן עפנטלעכן פּראָטעסט קעגן דעם ציוניסטישן „עיליען־ביל" איז אין לאָנדאָן ניט געקומען. ווייל דער פריער־דערמאָנטער מר. ל. גרינבערג האָט דערקלערט אין דער עקזעקוטיווע פון דער „פעדערעישאָן", אַז ער האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון דר. הערצל, אַז מען זאָל ניט דערווײַלן קיין פּראָקציאָנערן. און כאָטש ער, דר. הערצל, איז דאָך ניט שולדיק וואָס די עקזעקוטיווע האָט אויסגעפירט זיין ווילן דורך אַזאַ אַנטי־נאַציאָנאַלן מיטל, האָט דאָך שוין קיינער ניט געוואָלט פּראָטעסטירן עפנטלעך קעגן דעם ציוניסטישן „עיליען־ביל", כדי ניט צו באַליידיקן דעם כבוד פונעם באַליבטן פירער. איבער אָט דער אורזאַך האָט אויך דר. גאַסטער, וועלכער האָט פּראָ־טעסטירט אין דער עקזעקוטיווע פון דער „פעדערעישאָן" קעגן דעם דאָזיקן „עיליען־ביל" — אַז דאָס פאַרלייקנט די איינהייטלעכקייט פון דעם יידישן פאָלק — ניט געוואָלט ריידן וועגן דעם אין דער עפנטלעכקייט, ווי ער האָט עס דערקלערט פּערזענלעך צו אַ פאַרטרעטער פון דער „מערבי."

אויף דער פּראָווינץ האָבן די ציוניסטן ניט געוואוסט פון דער פעדע־רעישאָנס דיפּלאָמאַטישע סודות: די לאָנדאָנער טוער האָט מען די דאָזיקע סודות פאַרטרויט יעדן באַזונדער... די פּראָווינץ האָט דאַרום נאָר פּראָ־טעסטירט קעגן דער זעלבסטהערשאַפט פון דער ציוניסטישער „פעדערעי־שאָן" צו מאַכן געזעצן אָן אַ קאָנפערענץ פון די פאַראיינען. אין אַן אַרטיקל וועגן דעם אין דער גלאַזגויער „יודישער ציטונג" אונטערגעשריבן: „אַ ציוניסט אויס בעלפאַסט" (אירלאַנד), ענדיקט דער שרייבער אַזוי:

„אַזוי לאַנג ווי די חברה האָט געווירטשאַפט אין איר אייגענער שכונה, האָבן מיר כמעט ווי געשוויגן... יעצט ווען זי איז אַרויסגעטראָטן מיט איר אויטאָקראַטישער ממשלה אָפן און זוכט אונדז אויפצודרענגען (אַרויפצו־צווינגען אויף אונדז) פאַרברעכערישע „רולס" (געזעצן), יעצט איז שוין „עת־לעשות" (צייט צו טאָן), יעצט טאָר מען ניט שווייגן... דער „רול", ניט צו דערווײַלן קיין אויסלענדישע דעלעגאַטן, וועלכע די „פעדערעישאָן" האָט געפּאַסט וואָלט פיר זיך גאָר ניט אַזוי שרעקלעך געווען, אַזוי לאַנג ווי זיי וואָלטן אונדז געגעבן אַ געזונטן טעם, אַ גענוגענדע אורזאַך וואָרום זיי האָבן אים געפּאַסט. זיי האָבן עס אָבער ניט געטאָן און דער „רול" זעט דע־ריבער אויס ווי אַ געוואַלטאַט. מיר ווילן אַזוי!! מיר הייסן, מיר באַפעלן אייך, פרעגט ניט קיין קשיות, און טוט וואָס מען הייסט אייך! קעגן אַזאַ צו־גאַנג מוזן מיר פּראָטעסטירן!"

פון אַ נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט האָט בלויז איין אָרגאַניזאַציע פּראָ־טעסטירט. דאָס איז געווען די מערביאַנישע „חלוצי־ציון" אין לידז. זי

איז אַרויסגעטראָטן עפנטלעך קעגן אַזאַ ציוניסטישן „עליען־ביל", וועלכער זוכט אויסצושליסן אויסלענדישע ציוניסטן פון אַנטיילצונעמען אינעם ציוניזם אין ענגלאַנד, ווײַל דער ציוניזם איז אַן אַלגעמיינע יידישע פאָלקס־באַוועגונג."

קאַפּיטל הונדערט דריי און דרייסיק

פאַרוואָרט צו די ווײַטערע פאַרזעצונגען

ביים שרייבן די ביז־איצט פאַרעפנטלעכטע קאַפּיטלעך אָדער פאַרזעצונגען, האָב איך זיך אַלעמאָל באַמיט צו דערציילן אַלץ, אַזוי ווי כ'האָב געטראַכט און געפילט אין דער צייט, ווען כ'האָב עס דורכגעלעבט, אין מיין קינדהייט און יוגנט. וואָס איך טראַכט און פיל וועגן דעם איצט, אויף דער עלטער, האָב איך ניט אַנגעמערקט.

דעם דאָזיקן מעטאָד האָב איך אַנגעווענדט מיט אַ באַשטימטן מיין: זיך צו פאַרזיכערן קעגן אַן אומבאַוואוסטזיניקן „רעטושירן" פון מיינע אַמאָליקע איבערלעבונגען; צו פאַרהיטן, זיי זאָלן ניט קריגן דעם אויסזען פון מיינע היינטיקע מחשבות און געפילן.

אַזוי ווי כ'האַלט זיך דער עיקר פאַר אַ לערער, שריפטלעך, ווי מינדלעך, פיל איך שטאַרק די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ לערער פאַר דאָס וואָס כ'רייד און שרייב. איך טראַכט דאַרום לעצטנס אַ סך וועגן דעם, ווי אַזוי אויסצודריקן גענוג קלאָר מיין היינטיקע מיינונג וועגן אַלץ וואָס איך דערצייל איצט פון מיין לעבנסגעשיכטע, כדי מיינע לייענער זאָלן מיך ניט מיספאַרשטיין צוליבן מעטאָד מיט וועלכן כ'שרייב זי.

למשל, לעצטנס האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל: כ'האָב דערמאָנט אַ געשעעניש וואָס דער ווילנער פּיאָנערישער יידישער סאָציאַליסט פון אָנהויב די זיבעציקער יאָרן, פינקענשטיין („ליטווינאָוו") האָט מיר דערציילט אין לאָנדאָן מיט 47 יאָר צוריק. לויט זיין דערציילונג האָט פּעטער קראָפּאָטקין פאַרטיידיקט, אין אַ רעדע, די ניט־יידישע פּויערים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די צאַרישע פּאָגראָמען אויף יידן אין 1881; ער, קראָפּאָטקין, זאָל האָבן דערקלערט, אַז די פּויערים האָבן עס געטאָן דערפאַר, ווייל יידן האָבן זיי עקספּלואַטירט. נאָך ציטירנדיק גענוי פינקענשטיינס ווערטער, האָב איך ניט צוגעגעבן דערצו, אַז לויט מיין מיינונג איצט, סוף 1949, איז פּעטער קראָפּאָטקין מיספאַרשטאַנען געוואָרן. און ווייל כ'האָב ניט געמאַכט דעם דאָזיקן צוגאָב בין איך אַליין אויך געוואָרן מיספאַרשטאַנען.

מיינער אַ לייענער, ה. ראָזענבערג, פון בראָנקס, מאַכט מיך אויפמערק־

זאָם אויף דעם, אין אַ בריוו צו דער „מאָרגן פרייהייט". כ'דריק אים דאָ אויס דערפאַר אַ האַרציקן דאַנק.

דער ציל פון מיין לעבנסגעשיכטע ווי איך האָב שוין דערקלערט ביים אָנהויב, איז צו שילדערן די איבערלעבונגען פון אַ געוויסן טיפּ יידישן מענטשן, וואָס האָט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט זיך באַטייליקט אין דער קאָלעקטיווער טעטיקייט פון אַ באַדייטנדיקן טייל יידיש פאָלק אין דער עפּאָכע פון אונדזער יידישן רענעסאַנס.

די דאָזיקע „קאָלעקטיווע טעטיקייט" האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר, אין 1894, ווען כ'ווער אַ מיטגליד פון דער געהיימער גרופּע „יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" אין ווילנע. אין אירע ערשטע 22 יאָר מאַך איך דורך פאַרשיידענע זיגזאַגן און בלאָנדזשעניש. אין אירע ווייטערע 32 יאָר גיי איך שוין כסדר אויפן פּראָלעטאַרישן וועג, ניט אָפּנויגנדיק רעכטס אָדער לינקס.

איבער פאַרשיידענע סיבות, צום גרעסטן טייל פיזישע, בין איך ניט געווען אימשטאַנד צו זיין געננוג שפּאָרעוודיק און אַזוי קאָנדענסירן מיין ערשטן פּעריאָד (1894—1916) כדי עס פאַרענדיקן, ווי כ'האָב געהאָפט, ביזן סוף יאָר 1949. כ'מוז דאָרום איצט זיך עקסטרע אָנשטרענגען צו קאָנען פאַרענדיקן דעם דאָזיקן פּעריאָד וויניקסטנס אין פאַרלויף פונעם קומענדיקן יאָר, 1950. דאָס מיינט, אַז כ'וועל פון איצט אָן באַמיען צו קאָנצענטרירן זיך אויף מיינע סאַמע וויכטיקסטע איבערלעבונגען פון די נאָכפאָלגנדיקע דרייצן יאָר (1903—1916).

***

די קליינע גרופּע „מערבי", וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין לאָנדאָן אינעם זומער 1902, מיטן ציל צו דעמאָקראַטיזירן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד, שטעלט זיך וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע אויפגאַבן. זומער 1903 באַנוגנט זי זיך שוין ניט מער מיטן הערצלשן ציוניזם בכלל, נאָר שטעלט אויף אַ פּראָגראַם פאַר דעם רענעסאַנס, פאַר דער אויפלעבונג און פאַראיינגערונג פון מערב־אַזיע. איך בין אין יענער צייט איר הויפּט־טעאָרעטיקער און פאַרטיידיק אונדזער נייעם פּראָגראַם מיט שטאַרקער עקשנות. איך טו עס צוערשט מינדלעך אין לאָנדאָן נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם, און שפּעטער — שריפטלעך אין אינטערלאַקן, שווייצאַריע, וואוהין איך קום דעם ערשטן יולי 1903 זוכן היילונג פאַר מיינע קראַנקע לונגען. כ'דערקלער עס דעמאָלט אַזוי:

„גריכנלאַנד און רוים זיינען די קלאַסיקער פון אייראָפּע. און הגם דאָס אויפבליען און פאַרוויאַניען פון אָט דעם אַלטערטום האָט זיך אָפּגעשפּיגלט,

ווען דאָס איבעריקע אייראָפּע איז נאָך געווען אין גאַנץ און האַלב ווילדן צושטאַנד, האָט דאָך אַ באַדייטנדיקער טייל פון די אונטערגייענדיקע קול־טורן זיך געראַטעוועט פון פולער פאַרניכטונג. ס׳האָט אַריבערגעלעבט די שטורעמס פון פינצטערן מיטל־אַלטער און איז אויפגעשטאַנען צו אַ נייעם לעבן מיט דעם רענעסאַנס, מיט דער ווידערגעבורט פון אייראָפּע. אָט די אַנטיקע קולטורן פון גריכנלאַנד און רוים זיינען אָבער גאָר מאָדערנע, אין פאַרגלייך מיט די קלאַסישע קולטורן פון מערב־אַזיע. דאָרט האָט שוין עקזיסטירט אַ רייכע הויך־אַנטוויקלטע קולטור מיט טויזנטער, טויזנטער יאָרן פריער נאָך איידער די גריכן און רוימער זיינען געוואָרן פעלקער. דאָס איז געווען די קולטור פון שם (שיים) און עבר (איווער), פון בבל (באָוול) און כנען (קענאַאַן).

„נאָר אין דער צייט ווען גריכלאַנד און רוים לעבן דורך אַ צווייטע יוגנט און די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע אַרבעט אומדערמידלעך צו אַנט־וויקלען ווייטער זייערע אַלטע קולטורן, איז מערב־אַזיע — דער טויזנט־יאָריקער קולטור־צענטער פון אַ הויך־אַנטוויקלטער מענטשן־מאַסע — גע־בליבן אין דעמזעלביקן צושטאַנד, אין וועלכן אירע צעשטערער האָבן זי אַריינגעוואָרפן. פון אַלע אירע פאַרצייטיקע קולטור־פעלקער זיינען געבליבן בלויז צוויי: די אַראַבער און די יידן. די ערשטע זיינען אפילו געזעצלעכע יורשים און האָבן אויך די גרויסע מעלה, וואָס כמעט גאַנץ מערב־אַזיע איז פון זיי באַזעצט. דאָך זיינען די אַראַבער גאַנץ ווייט פון קולטורעלן ווידער־געבורט. דער מאָהאַמעדאַניזם, פון וועלכן זיי זיינען גייסטיק באַהערשט, האָט נאָך ניט פאַרענדיקט זיין מיטל־אַלטער און דער אַראַבער פון מערב־אַזיע איז דער הויפּט־טרעגער פון דעם מאָהאַמעדאַנישן מיטל־אַלטערלעכן פאַנאַטיזם. די אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן אַ פּרעטענזיע אויף דער קולטור־ירושה פון מערב־אַזיע, זיינען די יידן. זיי געהערן דירעקט צו דער סעמיטיש־העברייאישער משפּחה, וועלכע האָט איינגעוואַנדערט אין כנען אין דער צייט, ווען די מערב־אַזיאַטישע קולטור האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער דעמאָלטיקער קולטור־וועלט. אַלס אַ צווייג פון דעם פּרוכטבאַרן סעמיטישן בוים, בליט זיך פאַנאַנדער די יידישע משפּחה און גיט אַרויס פון זיך אַזוינע זאַפטיקע פּרוכט פון וועלכע די וועלט געניסט נאָך ביז אויף היינטיקן טאָג.

„אמת, די יידן זיינען אַ קליינע מינדערהייט צווישן די איצטיקע איינ־וואוינער פון מערב־אַזיע, נאָר אָט דער חסרון איז פאַר זיי געוואָרן אַ מעלה. זייענדיק געצוואונגען צענדליקער דורות נאָכאַנאַנד צו וואַנדערן צווישן פאַרשיידנאַרטיקע פעלקער אין אַלע טיילן וועלט, האָבן די יידן מיטגעמאַכט די אַנטוויקלונג פון יעדן פאָלק און לאַנד, וואו זיי האָבן געלעבט, און זיי נעמען אויך אַ גרויסן אַנטייל אין דעם אייראָפּייאישן רענעסאַנס, וועלכער איז נאָך

ניט איינגאַנצן פֿאַרענדיקט. דאָס האָט די ייִדן געגעבן אַ מעגלעכקייט איינ־צוזאַפּן אין זיך דאָס בעסטע פֿון אַלע קולטורן און זיי צוגעגרייט צו זײַן די טרעגער פֿון אַ העכערער קולטור.

„די ייִדן האָבן נאָך אַ מעלה, וועלכע עס מעגן זיי מקנא זײַן אפילו די יורשים פֿון גריכנלאַנד און רוים. דאָס איז דער לעבעדיקער צוזאַמענהאַנג, דער אומאויפֿהערלעכער המשך צווישן די אַלטע און נײַע דורות ייִדן. די איצטיקע גריכן און רוימער (אין איטאַליע), אפילו יענע, וועלכע שטאַמען אָפּ דירעקט פֿון די אַמאָליקע, זײַנען איצט, קולטורעל, גאַנץ דערווייטערטע פֿון יענע. זיי זײַנען גייסטיק נעענטער צו די בערג מוריה און ציון פֿון יהודה ווי צום אָלימפּ און פּאַרנאַס אינעם אַלטן גריכנלאַנד. די הײַנטיקע קריסט־לעכע גריכן זײַנען קולטורעל מער יודעיער ווי העלענער, און האָבן ניט מער מעגלעכקייט פֿון אַנדערע פֿעלקער צו אַנטוויקלען ווייטער די אַלט־גריכישע קולטור. דאָס זעלביקע גילט אויך פֿאַר די איטאַליענער קריסטן בנוגע דער קולטור פֿונעם אַלטן רוים.

„גאָר אַנדערש אָבער איז די שײַכות פֿון די הײַנטיקע ייִדן צום אַלטן ייִדישע פֿאָלק. זיי זײַנען צו אים צוגעבונדן מיט אומצייליקע פֿעדעם; זיי האַלטן טײַער זייער אַלטע ירושה, און די זיטן, מנהגים און ימים־טובים פֿון די ייִדישע אָבות האָבן אין פֿאַרלויף פֿון צענדליקער יובלס זיך ווייניק געענדערט.

„דער העכסטער אויסדרוק פֿון דער קולטור פֿון מערבֿ־אַזיע זײַנען די נביאים פֿון שומרון און ירושלים. זיי האָבן שוין מיט טויזנטער יאָר צוריק פּראָקלאַמירט, אַז אַלע זײַנען מענטשן־קינדער פֿון איין טאַטע־מאַמען און דאַרפֿן לעבן אין פֿרידן און גערעכטיקייט.

„דער רענעסאַנס פֿון אייראָפּע האָט געמיינט, צו באַנײַען די עסטעטיק, די שיינקייט פֿון יפֿת (יעפֿעס), די קונסט און פֿילאָסאָפֿיע פֿונעם אַלטן גריכנלאַנד. דער רענעסאַנס פֿון מערבֿ־אַזיע מיינט, די באַנײַאונג פֿון דער עטיק — די אידייען פֿון פֿעלקער־פֿרידן און סאָציאַלער גערעכטיקייט פֿון די נביאים פֿון ישׂראל און יהודה. דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פֿון אָט דער קולטור־ירושה זײַנער. ס'האָט נאָך דעריבער דעם ווילן און די פֿיִיקייט צו העלפֿן דורכפֿירן דעם רענעסאַנס פֿון מערבֿ־אַזיע."

אין אײַנקלאַנג מיט דער דאָזיקער אידייע מײַנער וועגן דעם רענעסאַנס פֿון מערבֿ־אַזיע, דיקטיר איך דעם 12־טן יולי, 1903 צו מײַן פּריוואַטן סעקרעטאַר, יעקבֿ קראַל, אַ בריוו צו מײַנע חבֿרים „מערבֿיאַנער", וועגן אונדזער שטעלונג צום ציוניזם און צו זײַן זעקסטן קאָנגרעס.

מיין בריוו צו דער „מערבי" פון 12טן יולי, 1903

מיין בריוו צו דער „מערבי" פון 12־טן יולי 1903 אַנטהאַלט צווישן אַ רייע אַנדערע זאַכן אויך די פאָלגנדיקע זאַצן:

„די מערביאַנער, וועלכע שטייען אויף דעם באָדן פון דער קלאַסישער מערב־אַזיאַטישער קולטור, אַזוי ווי זי איז אויסגעדריקט אין די קורצע טיפע ווערטער פון אונדזערע סאָציאַלע יידישע נביאים, ווילן אַרבעטן פאַר דעם רענעסאַנס פון דיזער (דער דאָזיקער) קולטור. מיר ווילן ניט ווייטער פירן און אַנטוויקלען דעם גלות־לעבן. מיר ווילן אַרויס פון גלות, ווידער ער־אָבערן אונדזער היים, און ווידער זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון מערב־אַזיע און פאַרטיידיקן אונדזער אַלטן פּרינציפּ — דעם נאַציאָנאַלן אינטערנאַצי־אָנאַליזם (אַ מענטשהייט פון פרייע נאַציאָנען).

„דאָס יידישע פאָלק האָט לאַנג געקעמפט פאַר זיין אַלטן נביאימשן אידעאַל. ער האָט אים נאָך ניט דורכגעפירט. די מאָדערנע ציוויליזירטע וועלט איז נאָך אויך געגנווערטיק ניט גרייט אים צו פאַרווירקלעכן. און ווען מיר זאָלן ווען דיזן (אָט דעם) אידעאַל ווייטער פירן, גייען מיר ניט אויף צוריק, נאָר מיר לאָזן די איראָפּייער נאָך וויט הינטער אונדז „אַזיאַטן".

„אונדזער שטעלונג צום ציוניזמוס איז אַלזאָ קלאָר. מיר זיינען אויף אַזויפיל ציוניסטן אויף וויפל דער ציוניזמוס מיינט ערנסט מיט דער „באַזעלער פּראָגראַם" (צו שאַפן פאַר דאָס יידישע פאָלק אַן עפנטלעך רעכטלעך געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל), און אויף וויפל דער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט זוכן מיטלען ווי אַזוי דאָס צו דערגרייכן. פון דער זאָגענאַנטער (אַזוי־גערופענער) געגנוואַרטס־אַרבעט אין גלות קאָנען מיר נאָר סימפּאַטיזירן און מיטאַרבעטן פאַר דער יעניקער אַרבעט, וועלכע פירט דירעקט צו אונדזער ציל. צום ביישפּיל: די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזירונג פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן: די נאַציאָנאַל־העברייאישע ערציאונג פון אונדזערע קינדער און פון אונדז זעלבסט. יעדע אַרבעט, וועלכע פאַרבינדט אונדז שטאַרקער מיט דעם גלות; וועלכע מאַכט דעם גלות פאַר אַ פּרינציפּ, און שליסט אויס פון איר פּראָגראַם אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך און היימאַט, איז אונדז פרעמד און מיר לאָזן זי איבער פאַר אונדזערע קעגנער.

„מיר מערביאַנער זיינען אַלע עקסטרעמע סאָציאַליסטן. דאָס הייסט, ווי שוין פריער געזאָגט אין אַנדערע ווערטער: מיר זיינען די פאַרטרעטער פון דעם אַלט־יידישן פּרינציפּ. מיר מיינען עס ערנסט מיט אונדזער נביאישער תורה, מיר ווילן זי ניט באַפּוצן מיט גאָלד און בריליאַנטן און זי לאָזן שטיין איינזאַם און פאַרלאָזן — אין אַן אָרון־קודש; זי באַנוצן נאָר

אין די ימים־טובים, מערער צוליב איר צירונג ווי צוליב איר אינהאַלט. ניין, מיר ווילן די תורה פון די נביאים ניט באַהאַלטן. מיר ווילן זי אַרויס־טראָגן אין לעבן. מיר ווילן, אַז אירע סאָציאַלע געזעצן זאָלן ווערן לעבנס־געזעצן און אירע הויכע געדאַנקען זאָלן איבערגיין אין אונדזער בלוט און פלייש. מיר ווילן ניט זיין צווייזייטיק: שטאָלצירן מיט די שיינע סאָציאַלע אָרדענונגען, וועלכע זיינען פאַרשריבן אין אונדזער תורה און האַנדלען פונקט פאַרקערט. נאָר מיר ווילן, אַז דער „ו א ה ב ת ל ר ע ך כ מ ו ך" (ליב דיין מיטמענטשן, ווי זיך אַליין), וועלכער הייסט אין אונדזער אַלטן הללס איבערזעצונג: „טו ניט דעם צווייטן, וואָס דו ווילסט ניט מען זאָל דיר טאָן", — זאָל זיין דער פונדאַמענט פון דער יידישער קאָנסטיטוציאָן. דער באָדן פון ארץ ישראל מוז ווידער אַמאָל דעם גאַנצן פאָלק געהערן, און די הייליקע ווערטער: „אפס כי לא יהיה בך אביון (עס זאָלן ביי איך ניט זיין קיין באַזיצלאָזע) זאָלן ביי אונדז ניט זיין קיין פוסטע פראַזן, נאָר אינעם גייסט פון אונדזער נביאישער תורה זאָלן די סאָציאַליסטישע געזעצן, ענלעך צו שבת, שמיטה און יובל, ווייטער געפירט און אַנטוויקלט ווערן.

„אונדזער מאָטאָ איז פאָלגנדע: „כל ישראל ערבים זה בזה" (נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט) — דער יחיד פאַרן רבים און דער רבים פאַרן יחיד."

אין דעמזעלביקן בריוו מיינעם פונעם 12־טן יולי, 1903, ווערט אויך געגעבן אַרומגערעדט די שטעלונג פון די מערביאַנער צו די פראַגן, וועלכע וועלן סוף אויגוסט באַהאַנדלט ווערן אויף דעם זעקסטן קאָנגרעס. באַזונדערס ווערט אין מיין בריוו געלייגט געוויכט אויף דער „קאָלאָניזאַציאָנס־פראַגע" אין ארץ ישראל און דעם פּראָיעקט צו קאָלאָניזירן די נאָענטע געגנט פונעם „וואדי" (טאָל) „על־אריש". ס׳ווערט אין מיין בריוו וועגן דעם געזאָגט אַזוי:

„די קאָלאָניזירונג פון ארץ ישראל קאָנען מיר אויסנוצן אויף וועלכע אופנים די טערקישע רעגירונג וועט אונדז נאָר דערלויבן. מען דאַרף נאָר זוכן ווי צו באַזעצן דאָס לאַנד. ווען ארץ ישראל וועט זיין באַזעצט מיט די „קינדער פון ישראל", דאַן וועלן זיך שוין געפינען „נייע מאַקאַבייער", וועלכע וועלן דעם פרייהייטס־קאַמף ווידער אויפנעמען. זייענדיק אין ארץ ישראל קאָנען מיר אויך אונטערן טערקישן יאָך אַנטוויקלען אַ נייעם דור, וועלכער זאָל ריידן העברייאיש, וועלכער זאָל ליבן זיין פאַטערלאַנד און זיין דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט.

„די קאָלאָניזאַציע אינעם „וואדי־על־אריש", וואָס געהערט איצט צו מצרים, קאָנען מיר אויף אַזוי פיל אונטערשטיצן אויף וויפל זי פירט צום ציל — צו באַקומען ארץ ישראל... אין „וואדי־על־אריש", אונטער ענגלישן שוץ, איז אָבער פאַראַן די געפאַר אַז אונדזער נייער דור זאָל דאָרט ריידן די ענגלישע שפּראַך און זיך פילן אַלס בירגער פון דער גרויסער

מעכטיקער ענגלאַנד. דאַן וועלן מיר האָבן אַ צווייטע אויפלאַגע פון די חובבי־ציוניסטע ראָטשילדישע קאָלאָניעס, נאָר מיט דעם אונטערשייד, אַז אַנשטאָט דער פראַנצויזישער אַסימילאַציע וועלן מיר האָבן אַן ענגלישע, וועלכע וועט זיין שטאַרקער פון דער פראַנצויזישער, שוין דערפאַר אַליין, ווייל פראַנקרייך איז ווייט און די פאַרענגלישטע מצרים צו ווענען „וואדי־על־אריש" געהערט, איז זייער נאָענט...

„מיר קאָנען נאָר דאַן אָט די קאָלאָניזאַציע אָננעמען, אויב מיר זיינען גרייט צו קעמפן מוטיק קעגן יעדער פילאַנטראָפיש־אַסימילאַטאָרישער אַד־מיניסטראַציע; אויב עס געפינט זיך ביי אונדז אַזאַ אינטעליגענטע יוגנט, וועלכע וועט מיטגיין מיטן פאָלק, וועט זיך פאַרמישן מיט די ברייטע יידישע מאַסן און זיי אָרגאַניזירן צום ווידערשטאַנד קעגן די אומאידישע, אַנטי־סאָציאַליסטישע אָרדענונגען; וועט לערנען מיט אייערע קינדער די העב־רייאישע שפּראַך און באַקעמפן אויף אַלע געביטן די אַסימילאַציע, און וועט אַנטוויקלען און דערציען אַ פרייען דור, וועלכער זאָל זיך אָפּווענדן מיט עקל פון דעם אַלטן שקלאַפנלאַנד (מצרים) און זאָל בליקן מיט בענקשאַפט נאָך זיין אַלטן פאָטערלאַנד (ארץ־ישראל), וואָס ער דאַרף נאָך עראָבערן."

צוויי נאָכבאַמערקונגען

1). ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל פאַרגעלייגט פאַר מיינע חברים „מערביאַנער" די פרינציפּן, וועלכע זיינען דאָ ציטירט פון מיין בריוו פונעם 12־טן יולי, 1903, האָב איך געמיינט, אַז כ'דריק אויס דערמיט די לאָגישע קאָנסעקווענץ פון די אידייען פון די אַלטע יידישע סאָציאַלע נביאים. נאָר היינט, 47 יאָר שפּעטער, זע איך איין, אַז כ'בין דעמאָלט דערצו באַ־ווירקט געוואָרן דירעקט פון דער פאַרצווייפלטער לאַגע פון דער יידישער אימיגראַנטישער אָרעמשאַפט אין לאָנדאָן.

זינט דעם קישינעווער פּאָגראָם, אין אַפּריל 1903, האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלה־אימיגראַציע פון באַדנלאָזע יידישע מענטשן. זיי פלעגן קומען צו מיינע לעקציעס אין „מערבי" און מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן, מינדלעכע און שריפטלעכע, אינעם פריער־דערמאָנטן „נחס קאָסטן" פון „מערבי". מיין האַרץ האָט פאַר זיי געוויטיקט, נאָר זייענדיק אַליין אויך אַ באָדנלאָזער, אַ פּראָלעטאַרישער אינטעליגענט, און נאָך מיט קראַנקע לונגען דערצו, האָב איך זיי ווייניק, אָדער גאָרניט געקאָנט העלפן אין זייער פילפאַכער נויט. כ'האָב אויך דעמאָלט ניט געקאָנט זען קיין שום באַלדיקע הילף פאַר זיי אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; אויך ניט אין דער טרעיד־יוניאָן, צו וועלכער די דאָזיקע היימלאָזע לופטמענטשן האָבן ניט געקאָנט געהערן. זיי האָבן אויך ניט געקאָנט געפינען קיין טרייסט אין די רעדעס פון געוויסע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן אויסגעמאָלט אַ גליקלעכע צו־

קונפט פאַרן אַרבעטער־קלאַס, צו וועלכן אַט די יידישע לופטמענטשן האָבן ניט געהערט.

דאָס איינציקע, וואָס כ׳האָב געקאָנט טאָן פאַר אַט די אומגליקלעכע מענטשן איז געווען: זיך טיילן מיט זיי מיט מיינע גרענעצלאָזע פאַנטאַזיעס וועגן אַ רענעסאַנס — ווידער אויפלעבונג און באַנייאונג — פון דער אַלטער מערב־אַזיע, וואו אונדזערע איצט באַדנלאָזע יידן וועלן ווערן ניט בלויז מענטשן און פעלקער־גלייך, נאָר נאָך אויך פאַרנעמען אַ גאַר חשובן פלאַץ...

2). די שפּראַכן־פּראַגע, העברייאיש און יידיש, האָט מיר, אַזוי ווי מיין פריינט דר. איסידאָר עליאַשעוו (בעל־מחשבות), פאַרשאַפט אַ סך האַרצ־ווייטיק אינעם אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט. מיר האָבן ליב געהאַט אונדזער מאַמע־לשון און גלייכצייטיק באַגריפן, ווי בעל־מחשבות האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער ציוניזם טראָגט אין זיינע פאַלדן אַ חלף קעגן יידיש... נאָר איך, דעמאָלט אַ מאַקסימאַליסטישער מערביאַנער, און אויסערסט קאָנ־סעקווענט, האָב איך אנערקענט העברייאיש פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פונעם יידישן פאָלק. צוגלייך אָבער האָב איך דעמאָלט זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשפּרייטן צווישן די ברייטע יידישע מאַסן יידישע און אַלוועלטלעכע קולטור־ווערטן אין יידיש.

קאַפּיטל הונדערט פינף און דרייסיק

אין דער ווילע „אַלפּענרוע"

אין דער ווילע „אַלפּענרוע", אין אונטערזעען־אינטערלאַקן, וואו איך האָב געוואוינט אין יולי־אויגוסט 1903, האָב איך זעלטן אָדער גאָרניט גערוט. געקומען בין איך אַהין היילן מיינע קראַנקע לונגען. נאָר פּאַקטיש האָב איך דאָרט אָפּגעגעבן מיין גאַנצע ענערגיע דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער באַוועגונג, צו וועלכער כ׳האָב דעמאָלט געהערט.

איצט, נאָענט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, ווען כ׳שרייב מיין לעבנס־געשיכטע, זעט אויס די גאַנצע באַוועגונג פון אַ קליינעם באַטייט אין דער געשיכטע פונעם לעצטן יאָרהונדערט מיט זיינע אומגעהויערע גרויסע וועלט־געשעענישן.

מיינע לייענער קאָנען מעגלעך דאָרום מיר שטעלן די פראַגע, צי עס האָט געלוינט אָפּגעבן אויף דעם אַזויפיל כחות, בפרט נאָך, אַז איך בין שפּעטער אַוועק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אירע אָנהענגער באַ־קעמפן מיינע איצטיקע אידייען און פאַרפאַלגן מיינע הייניטיקע חברים!?...

איך מאַך דאָך אָבער ניט קיין אָפּשאַצונג פון מיין לעבנסגעשיכטע. איך שילדער זי בלויז. און אַזוי ווי איך ווייס, אַז אויך אַט די טעטיקייט איז

געווען באַוועגט פון מיין אויפריכטיקן וואונטש צו טאָן דאָס, וואָס האָט מיר אויסגעזען גוט און גערעכט, פאַרצייכן איך אויך אָט דעם עטאַפּ אויף מיין לעבנסוועג.

וועגן דעם ווערט פון אָט דער טעטיקייט איז אויך דעמאָלט, אין 1903—1904, געווען צווייערליי מיינונגען. למשל, די קליינע אָרגאַניזאַציע, „מערבי״, וועלכע איך האָב געהאָלפן גרינדן, און איר אָפּגעגעבן אַלע מיינע פיזישע און גייסטיקע כחות, איז פון געוויסע לייט אויך אין יענער צייט אויסגעלאַכט געוואָרן. יענע לייט, די פירער פון די גרויסע ציוניסטישע פּאַראַיינען אין לאָנדאָן האָבן מיך דעמאָלט אָנגערופן „יעזוס מיט זיינע צוועלף אַפּאָסטאָלס״ — אַ חוזק, וואָס האָט מיר נאָך עקסטרע ווי געטאָן צוליב מיין האַלטן דאָס קריסטענטום פאַר אַ פייניקער און בלוט־פאַרגיסער פון מיין יידישן פאָלק...

דאָך ניט געקוקט אויף זיין קליינקייט האָט דאָס פּיצל „מערבי״ שטאַרק באַווירקט די גרויסע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד. זיין „טוץ״ פּראָלעטאַריער שטעלט זיך אין 1903—1904 קעגן דער אוגאַנדע־באַוועגונג, הינטער וועלכער עס זיינען דעמאָלט געשטאַנען מעכטיקע כחות, ברייטע מאַסן און איינפלוסרייכע יחידים.

איך וועל נאָך, מעגלעך, אַמאָל דערציילן ווי אונדזער קליינע גרופּע מערביאַנער האָט געמוזט האַלטן אַ וואַך צו באַשיצן אונדזערע רעדנער אין לאָנדאָן, אָדער, ווי אַזוי אַן ערלעכער יידישער האַרעפּאַשניק האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט מיך געוואָלט „דערשטעכן מיט אַ מעסער״, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז איך בין דער, וואָס דערלאָזט ניט יידן אָנצונעמען די „גרויסע מתנה״ — אַ יידישע מלוכה אין אוגאַנדע, — וואָס ענגלאַנד האָט אונדז יידן דעמאָלט „געוואָלט שענקען״...

***

די ווילע „אַלפּענרוע״ אין אונטערזעען—אינטערלאַקן געפינט זיך ביי די אַלפּן פונעם בערנער „אָבערלאַנד״ (הויכלאַנד), איינע פון די שענסטע געגנטן אין שווייצאַריע. פון אינטערלאַקן פירט אַ גלייכער וועג קיין גרינדלוואלד, דער לעצטער עטאַפּ צו די גלעטשערס און שנייפעלדער. פון דאָרט אָן און העכער זעט מען בלויז הימל און שניי, אָדער אייז.

אינמיטן צווישן אָט די אַלפּן־בערג פון בערנער אויבערלאַנד פליסן שיינע אָזערעס, וועלכע זיינען צווישן זיך פאַרבונדן מיט אַ קינסטלעכן קאַנאַל, און שיפלעך און דאַמפּערס באַוועגן זיך אויף זיי הין און צוריק. אַרום די דאָזיקע אָזערעס ליגן מאַסן שטעטלעך, דערפער און דערפלעך. פון יעדן פון זיי הויבן זיך אַרויס פּראַכטפולע האָטעלן מיט שיינע גערטענער דערביי, אין וועלכע עס שפּאַצירן אַרום, אין פאַרביקע קליידער, אויסגעפּוצטע

געסט, טוריסטן, וועלכע זיינען זיך אַהער צונויפגעקומען פון אַלע טיילן וועלט, צו קוויקן זיך מיט דער מחיהדיקער געזונטער אַלפּן־לופט.

הויך אויף די אַלפּן גייט אַ ספּעציעלע באַן פאַר יענע געסט, וועלכע ווילן זיך ניט אָנשטרענגען אַרויפצוקלעטערן אויף די מיט שניי באַדעקטע פעלדזן. איך וואַרט אָבער ביז כ'וועל זיך פילן געזונט און וועל קאָנען אויף זיי אַרויפשטייגן מיט מיינע אייגענע פיס.

דורך די פענצטער פון מיין צימער אין דער ווילע אַלפּענרוע זע איך די אומגעהויער הויכע בלויע בערג, באַדעקט מיט בלענד־ווייסן שניי. אַרום און אַרום בלישטשען שניי־ווייסע פעלדער, קופּאָלן און שפּיצן פון די ריזיקע אַלפּן: „יונגפרוי" (אַרום 14,000 פוס), „מענך" (מאָנאַך), „ווילד האָרן", „פינצטערהאָזן" און אַנדערע „הערנער" פון בערנער אַלפּן־קראַנץ. ווען די זון שיינט אויף זיי, ציבדט זיך אַן זייער אייז און שניי מיט פיל־קאָלירטן רעגנבויגן ליכט. זיי קוקן מיר דעמאָלט אויס, ווי זיי ברענען אין פייער, נאָר ווערן ניט פון אים צעשמאָלצן. ערשט גאָר אונטן, נאָענט פון דער פלאַכער ערד קריגט די זון אַ שליטה איבער זייער שניי. ס'הויבן זיך אָן ציען פון זיי פעדעם און שנירלעך, וועלכע פלעכטן זיך צוזאַמען אין אַ קריש־טאָלענעם שטראָם, וואָס פליסט צו די בלויע אָזערעס.

***

מיט דער הילף פון מיין פריוויליקן קאָמפּאַניאָן און סעקרעטאַר יעקב קראַל*), הויב איך אָן אויפנעמען געסט אין דער ווילע אַלפּענרוע. עס באַזוכן מיך דאָרט: „בעל־מחשבות" (דר. איסידאָר עליאַשעוו), דר. חיים ווייצמאַן, וועלכער קומט צו „רייטן" אויף אַ וועלאָסיפּעד, אַנגעטאָן אין גרויע ספּאָרט־הויזן, ספּאָרט־זאָקן און ספּאָרט־מיצל. דער איין־אויגי־קער העברייאישער בעלעטריסט יעקב ראַבינאָוויטש, און אַ רייע אַנדערע פריינט פון נאָענט און ווייט: פון ביען, בערן, לוזאַן, זשענעווע, ציריך און אַזוי ווייטער.

דר. איסידאָר עליאַשעוו העלפט מיר איבערקוקן מיינע דערהאַלטענע מאַטעריאַלן פאַר מיין געפּלאַנטן קאָנגרעס־נומער. ער, דר. עליאַשעוו, מאַכט באַמערקונגען, גיט מיר עצות, וועלכע מאַנוסקריפּטן אַריבערצושיקן קיין לאָנדאָן צום דרוקן, און וועלכע צוריקגעבן צו די שרייבער. ער רעדט מיך אָפּ פון איבערדרוקן יהואשעס אַ ליד, וואָס איז דערשינען אין אַ ניו־יאָרקער צייטונג, און פון אַריינגעבן אינעם קאָנגרעס־נומער אַן איבערזעצונג פון דר. יהושע טהאָנס אַן עסיי אין העברייאיש.

---

*) שפּעטער אַן אָנגעזעענער קאָלאָניסט אין „פּתח תקווה", וועלכן איך באַזוך אין 1907—1908, ווען כ'וואוין אין ירושלים.

דר. חיים ווייצמאַן דיסקוטירט מיט מיר וועגן די פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַרן זעקסטן קאָנגרעס אין באַזעל און אונדזער שטעלונג צו זיי, איבער וועלכער מיר דיסקוטירן אויך אין אונדזער קאָרעספּאָנדענץ. ער גיט מיר אויך איבער, וואָס ער ווייס פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אין ווין און פון די ציוניסטישע פאָרשטייער אין מזרח־אייראָפּע. מיר באַטראַכטן אויך די לאַגע אין ענגלאַנד, וואו איך באַמי זיך צו קריגן מאַנדאַטן פאַר די מיטגלידער פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, וועלכע דר. הערצל איז ניט גערן זיי צו האָבן פאַר דעלעגאַטן.

יעקב ראַבינאָוויטש איז דער „לץ" פון ווילע אלפּענרוע. ער לאַכט פאַר מיר אויס אַלץ און אַלעמען. מיינע פּעליעטאָנדלעך אינעם נוסח פון תהילים לייענט ער עקסטרע מיטן וויינענדיקן ניגון, מיט וועלכע פרומע ווייבער זאָגן תחינות. זיין „שאַרפע צונג" לאַכט אויך אויס און באַרעדט אַלע אַנפירנדיקע מיטגלידער פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, וועלכע איך רעספּעקטיר. דאָך האָב איך אים גערן צוליב זיין אָפנהאַרציקייט. למשל, ער זאָגט מיר אָפן, אַז אַלץ וואָס ער הערט פון זיינע פריינט וועגן זייער קינדהייט און יוגנט נוצט ער אויס פאַר זיין בעלעטריסטיק. דערביי טראַכט ער צו אַזוינע עפּיזאָדן, זאָגט ער, וועלכע וועלן זיכער שאָקירן מיין עטישן חוש, אויב כ'וועל עס אַמאָל איבערלייענען.

אלישבע ראַבינאָוויטש, אַ טאָכטער פון דעם היסטאָריקער „שפר" (שאול פּנחס ראַבינאָוויטש), דער העברייאישער איבערזעצער פון פּראָפעסאָר גרעצס יידישער געשיכטע; אַ שוועסטער פון דער פּאָפּולערער וואַרשעווער פּעדאַגאָגין, פועה ראַקאָווסקי און פון דער געלערנטער דר. שרה ראַבינאָוויטש, וועלכע שרייבט אין דייטש ביכער און אַרטיקלען וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, באַזונדערס וועגן „בונד". אלישבע קומט אין ווילע אלפּענרוע איינצולאַדן מיך זיך אָנצושליסן אין אַ גרופּע בערג־קלעטערער. נאָכדעם ווערט זי שוין אַן אָפטע אַריינגייערין, צוזאַמען מיט יעקב ראַבינאָוויטש און אַנדערע *).

---

*) שפּעטער דערוויס איך זיך אויך, אַז אלישבעס אַן עלטערער ברודער שמואל ראַבינאָוויטש, איז געווען איינער פון די פּיאָנערישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין פּוילן. ער האָט איבערגעזעצט פון פּויליש אין יידיש דיקשטיינס באַרימטע מאַרקסיסטישע בראָשור „פון וואָס איינער לעבט" (לאָנדאָן, 1887). פאַר זיין טעטיקייט צו פאַרשפּרייטן אָט די בראָשור צווישן יידישע אַרבעטער מאַסן אינעם צאַרישן רוסלאַנד ווערט ער פאַרשיקט קיין סיביר. אויף דער עלטער האָט שמואל ראַבינאָוויטש געוואוינט אין דניעפּר־ראָפּעטראָווסק און געלעבט פון דער פּענסיע, וואָס די סאָוועטישע מלוכה האָט פאַר אים באַשטימט.

אויף מיינע שפּאַצירן אויסערהאַלב דער ווילע אַלפּענרוע באַקאַן איך זיך דעמאָלט מיט מאַטעי רוסו און זיין פרוי — סטודענטן פון מאָנפּעליע, פראַנקרייך. ער איז פאַרליבט אין דער נייער יידישער ליטעראַטור אַזוי ווי בערטאָלד פייוול *). מאַטעי רוסו איז צו יידיש נאָך נעענטער פון יענעם, ווייל ער קומט פון יאַסי, רומעניע, פון אַ בעסאַראַביער היים, און זיין מאַמע־לשון איז יידיש. אויך זיין פרוי דערמאָנט מיך אין פייוולס כלה, שטערקע שנייערסאָן. פרוי רוסו איז נישט בלויז אַ שיינהייט ווי שטערקע, נאָר דריקט אויך אויס פאַר מיר אַזוי וויציק, ווי יענע, פראַנצויזישע אידייען וועגן ליבע, הייראַט און טרייהייט.

***

ווייניקער אַנגענעם זיינען מיר געווען מיינע באַקאַנטשאַפטן מיט אַ דייטשישן דר. „ראַבינער" און מיט אַ בורזשואַזער „ציוניסטישער" דאַמע. דער ערשטער אַ שיינער מאַן מיט אַ פיינער שוואַרצער באָרד האַלט זיך נישט פאַר קיין ייד, נאָר פאַר אַן עכטן דייטש. קימערט מיך דאָס ווייניק, זאָל ער זיין אַ „גוי" פון יידישן גלויבן. ווען ער דערקלערט אָבער אויך מיך פאַר נישט קיין יידן, נאָר פאַר אַ „רוסע" פון דער יידישער אמונה, דערקלער איך אים, אַז איך געהער בלויז צום יידישן פאָלק, נאָר האָב נישט קיין שום שייכות מיט וועלכער עס איז רעליגיע. פאַרשטייט ער נישט אַזאַ מעגלעכקייט, כאָטש ער אַנערקענט, אַז פאַר אַ „דייטשע" אָדער אַ רוסע איז מעגלעך נישט אָנ־צוגעהערן צו קיין שום רעליגיע.

זאָגט ער, אַז כ'בין משוגע און דאַרף גיין צו אַ דאָקטאָר, ער זאָל מיך אויסהיילן פון דער „איינריידעניש", אַז כ'קאָן זיין אַ ייד אָן רעליגיע. ס'איז פונקט, זאָגט ער, אַזוי ווי עמיץ זאָל זיך איינריידן, אַז ער קאָן זיין אַ „קריסט" און נישט גלויבן אין „קריסטענטום"...

און וויפל איך טענה מיט אים אַריין, אַז כאָטש ס'איז פאַראַן אַזאַ אמונה, וואָס הייסט „יידישע" קאָן עס נישט פאַרנעמען דעם אָרט פון יידישן „פאָלק", וואָס הערט נישט אויף צו זיין יידיש אפילו ווען אַלע יידן זאָלן ווערן בעדו־איינער אָדער פייער־דינער, העלפט עס נישט.

אַמאָל טראַכט איך, אַז ער באַגרייפט עס יאָ, נאָר פאַרלייקנט עס פאַר

---

*) אַזוי ווי בערטאָלד פייוול, פאַרעפנטלעכט מאַטעי רוסו אויך אַ באַנד לי־דער פון מאָריס ראָזענפעלד. ער איבערזעצט זיי אין רומעניש, אונטערן נאָמען: „לידער פון געטאָ" (יאַסי, 1904), מיט אַן אַריינפיר פון איבערזע־צער, דאַטירט מאַי, 1904. פאַראַן דאָרט אויך אַ פּאָר צייכענונגען פון אפרים משה ליליען, פון פייוולס אויסגאַבע.

זיך אַליין. ער פילט, אַז אין דעם מאָמענט וואָס ער וועט אַנערקענען מיין רעכט צו זיין אַ ייד אָן דער יידישער אמונה, מוז ער אויך אַנערקענען, אַז יידן זיינען אַ „פאָלקסטום", אַ נאַציאָנאַליטעט, כאָטש זיי האָבן ניט קיין איי־גענע מלוכה, וואָס איר הויפּט־סימן איז אין דער היינטיקער צייט דער פּ אַ ס פּ אָ ר ט. איך געדענק דאָך זייער גוט, ווי כ'בין געפאָרן דאָס ערשטע מאָל קיין ענגלאַנד צוזאַמען מיט פּאַליאַקן, וואָס האָבן געהאַט אַ שטיק טע־ריטאָריע (קרוין־פּוילן, גאַליציע און פּרייסיש־פּוילן). אָן אייגענע שפּראַך: פּויליש, און אָן אייגענע קולטור: ערשט־ראַנגיקע מוזיקער, דיכטער, דער־ציילער, מאָלער, סקולפּטאָרן, וויסנשאַפטלער א. אז. וו. נאָר ניט קיין איי־גענעם פּוילישן פּאַספּאָרט, האָט מען זיי פאַרשריבן פאַר דייטשן, רוסן און עסטרייכער... און אַנערקענט דער דייטשישער ראַבינער, אַז יידישע רע־ליגיע און יידיש פאָלק זיינען צוויי באַזונדערע געגנשטאַנדן, איז ער דאָך שוין ניט מער זיכער מיט זיין „עכטן" דייטשטום.

נאָך מער פאַרדרוס פאַרשאַפט מיר די בכבודיקע, שיינע ציוניסטישע דאַמע, די פרוי פון אַ רייכן פרומען סוחר. כ'האָב זיך אונטערגענומען פאַר אַ געהעריקן פרייז צו געבן אירע קינדער „שטונדן" אין העברייאיש. נאָר יעדעס מאָל ווען כ'קום מיט זיי לערנען דערוועקט זיך ביי מיר דאָס געפיל, אַז ניט אַלץ איז דאָרט ווי געהעריק. איך זע איר מאַן, וועלכער איז געקומען פון זייער היים אין אַן אַנדער לאַנד, זיך זען דאָ מיט זיין פרוי און קינדער, דאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין און זאָגט שטיקער „זוהר". נאָכדעם זע איך איר שפּאַצירן מיטן יונגן איטאַליענער, וועלכן כ'פלעג זען כסדר אין איר ווילע איידער איר מאַן איז געקומען. איז מיר געוואָרן אומאַנגענעם צו באַ־זוכן זייער הויז, כאָטש די קינדער זיינען מיר זייער ליב און כ'זע, אַז איך לערן זיי עפּעס וואָס אויס.

צוליב זיי ביידן, דעם דר. ראַבינער און דער נגידישער דאַמע, ווילט זיך מיר וואָס פריער פאַרלאָזן די אַלפּן־בערג־געגנט, כאָטש איך ווייס און פיל, אַז זי היילט און קרעפטיקט מיינע לונגען.

קאַפּיטל הונדערט זעקס און דרייסיק

מיין קאָרעספּאָנדענץ האַלט אין וואַקסן

מיין קאָרעספּאָנדענץ האַלט אין איין וואַקסן. מיין שטיל קראַנקן־ציי־מער ווערט אַ רוישיקע ביוראָ, אַ טומלדיקע קאַנצעלאַריע. ס'איז גוט וואָס איך וואוין ביי האָרעפּאַשנע מענטשן אין אַ פּריוואַטער ווילע, אַנשטאָט ביי רייכע, פּראָפּיטירנדיקע האָטעל־באַזיצער. די האָרעפּאַשנע שווייצער קוקן אויף אַ סטודענט ווי די אַמאָליקע מזרח־אייראָפּעיִשע יידן פלעגן קוקן

אויף אַ וואויל־לערנער. זיי האָבן פאַר מיר אַ געוויסן דרך־ארץ און ווייזן מיר אויך אַרויס אַזוינע פריינטלעכקייטן, וועלכע אַ האָטעל־באַזיצער וואָלט דאָס פאַר מיר בשום אופן ניט געטאָן.

די ווילע „אַלפּענרוע" ווערט דורך מיין קאָרעספּאָנדענץ אַן אינסטי־טוציע. עס איז געוואָרן אַ מנהג צו שרייבן מיין אַדרעס: „סטודענט מרמר, ווילע אַלפּען רוהע, שווייצאַריע", אַז אַ בריוו זאָל צו מיר אָנקומען אַפילו פון אויסלאַנד. עס קומען מיר אָן מאַסן בריוו פון בערן, באַזעל, זשענעווע, ציריך, לאָנדאָן, פּאַריז און אויך פון מיישעגאַלע און ווילנע. די באַדייטנדיקסטע קאָרעס־פּאָנדענץ איז פון לאָנדאָן און זשענעווע; אין וועלכער מיר דיסקוטירן פּראָגראַם און טאַקטיק פון די פּראָגרעסיווע דעלעגאַטן צום זעקסטן קאָנגרעס אין באַזעל.

פון לאָנדאָן שרייבט מיר וועגן דעם, הויפּטזעכלעך, דער אַרבעטסלאָזער שאַפּ־אַרבעטער, דער בייטלמאַכער, ב. אַבערסאָן. איך קאָרעספּאָנדיר אויך מיט אַנדערע לאָנדאָנער חברים פון אונדזער אָרגאַניזאַציע „מערבי". מיר האָבן באַשלאָסן:

1. ניט אַנצורופן אונדזער געפּלאַנטן קאָנגרעס־נומער, אַזוי ווי אונדזערע פריערדיקע פּלוג־בלעטער, אָדער צייטונגלעך, מיטן נאָמען „כותל מערבי" נאָר פשוט: „קאָנגרעס נומער".

2. פאַרעפנטלעכן פון דעם ביז איצט דערהאַלטענעם מאַטעריאַל בלויז דריי זאַכן: א) אַרויסטריט פון בעל־מחשבות (דר. איסידאָר עליאַשעוו) קעגן די נייע חיבת־ציון־פּלענער צו קאָלאָניזירן ארץ־ישראל. ב) קריטישן פעליעטאָן פון „יחי־אמת" (קלמן מרמר) וועגן דער סטודענטישער יידישער קאָלאָניע אין בערן. ג) אָפּהאַנדלונג פון שאול אייזיק סטופּניצקי וועגן דער קאָנסערוואַטיוו־רעליגיעזער „מזרחי" אין דער דעמאָקראַטישער פראַקציע. ניט פאַרעפנטלעכן אהרן פערלמאַנס פאַרטיידיקונג פון דער פּראָגראַם פון „חרות" און אויך ניט אַריינגעמען קיין אַטאַקע קעגן איר פון דר. יחזקאל וואָרטסמאַן.

3. דעם גאַנצן מאַטעריאַל פאַרן קאָנגרעס־נומער זאָל איך שיקן די־רעקט צו אונדזער לאָנדאָנער דרוקער ישראל נאַראָדיצקי, און די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע אין לאָנדאָן וועלן, צוליבן מאַנגל אין אייגענע קוואַר־טירן, דורכקוקן אין דער דרוקעריי דעם מאַטעריאַל.

צו אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון „מערבי" אונטערן פריינעם הימל, וועגן דער איצטיקער יידישער לאַגע, זיינען געקומען אַרום זעקס טויזנט מענטשן. אַזוי שטאַרק איז געווען דער אינטערעס צו אונדזער וואָרט.

די „מערבי" האַלט זיך ווייטער ביי איר אַלטן באַשלוס אַריינצונעמען פאַר מיטגלידער אין איר אָרגאַניזאַציע בלויז אַקטיוויסטן און נאָר אַזוינע וועלכע געהערן ניט גלייכצייטיק צו קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע. זינט דעם

קישינעווער פּאָגראָם אָרגאַניזירט זי אָבער מיטגלידער פון די אַלטע יידישע טרעיד־יוניאָנס אין פּועלי ציון פּאַראייגען. זי רופט זיי אָן לויט זייערע מלאכות: קאַרפּענטער (סטאָליאַרעס) פּועלי ציון, בעקער פּועלי ציון, שניי־דער פּועלי ציון א. ד. גל. ווי אויך לויט די נומערן, למשל: שניידער פּועלי ציון נומער 1, פרעסער פּועלי ציון נומער 2 א. אַז. וו.

העד פּערסיק, אַ רייכער יונגער ייד פון רוסלאַנד, מיט פּעך־שוואַרצע האָר און אַ קליין שוואַרץ בערדל, וואָס פלעגט אַמאָל קומען צו אונדזערע פאַרזאַמלונגען פון „מערבי״, ווען איך בין נאָך געווען אין לאָנדאָן, און ער האָט זיך אויך באַקאַנט מיט מיר פּערזענלעך, האָט צוגעזאָגט צו שאַפן אַ גוטע יידישע צייטונג אין לאָנדאָן. פון זיינע אַלע צוזאָגן איז אָבער גאָרניט געוואָרן. די „מערבי״ האָט דאָרום אָנגענומען מיין פאָרשלאָג צו פּרואוון אַליין גרינדן, מיט אירע אייגענע מיטלען, אַ ליטעראַרישן פרעסע־פּאַראיין — אַ פונט אַ שער (אַקציע). דער פרעסע־פּאַראַ״ין זאָל אָנהויבן אַרבעטן ניט פריער ווי עס וועלן זיין איינגעצאָלטע שערס פאַר הונדערט פונט.

דער זייגערמאַכער י. ל. כהן, אַן אַמאָליקער מיטגליד פון „מערבי״, וואָס געהערט איצט צום „חרות״־פאַראיין „פאָרווערטס״, האָט געפּרואווט אָרגאַניזירן אַ פּועלי ציון פאַראיין, וואָס זאָל זיין פאַרבונדן מיט „חרות״. פאַר זיין בענעפיט קומט דר. נחמן סירקין קיין לאָנדאָן (דעם 4־טן יולי, 1903). אָבער י. ל. כהנען געלינגט דאָס ניט, כאָטש אונדזערע טרעיד־יוני־אָניסטישע פּועלי ציון ברענטשעס „מערבי״ האַלטן כסדר אין וואַקסן און פאַרגרעסערן זיך.

דער „שיבת ציון״, דער גרעסטער פאַראיין פון ענגלאַנד, האָט מיר צו־געשיקט אַ מאַנדאַט, באַשטעטיקט פון דער „ענגליש זייאָניסט פעדערעישאָן״, אַז איך בין פון אים דערוויילט געוואָרן פאַר אַ דעלעגאַט אויפן זעקסטן קאָנגרעס אין באַזעל. ער שיקט מיר אויך צו אַ „שער״ (אַן אַקציע) פונעם קאָלאָניאַל באַנק, כדי כ׳זאָל זיך באַטייליקן אין דער זיצונג פון די „שער האָלדערס״ (אַקציאָנערן) און באַזעל.

דעם לענגסטן בריוו וואָס איך האָב דערהאַלטן דאָ אין ווילע „אַלפּען רוהע״ איז פון דעם פריער־דערמאָנטן אָנגעזעענעם פּראַקציאָנער דר. חיים ווייצמאַן, פּריוואַט־דאָצענט (לעקטאָר) פון כעמיע אין זשענעווער אוניווער־זיטעט. זיין בריוו פון איבער צוויי טויזנט ווערטער, געשריבן אין דעם זומער־פלאַץ הילטערפינגען, דעם 25־טן יולי, 1903, איז אַן ענטפער אויף מיינער אַ פאָסטקאַרטל פון ווילע „אַלפּען רוהע״ אין וועלכן איך האָב שטאַרק קריטיקירט די דעמאָקראַטישע פראַקציע און אויך אים, דר. ווייצמאַנען, פּערזענלעך.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט דער העברייאישער בעלע־

טריסט, יעקב ראַבינאָוויטש, ניט אויפגעהערט צו באַריידן פאַר מיר און אָפּ־מאַלן אין די ערגסטע פאַרבן דר. חיים וויצמאַן. יעקב ראַבינאָוויטש דער־ציילט מיר דעמאָלט אַלערליי מעשיות צו באַווייזן, אַז דר. וויצמאַן וויל ניט צולאָזן צו דער ציוניסטישער פירערשאַפט אין שווייצאַריע דעם דר. דניאל פּאַסמאַניק, אַ סאָציאַליסט־ציוניסט, כאָטש יענער קען אויפטאָן וויכטיקע אַרבעט. דר. חיים וויצמאַן שטערט אים אין דער אַרבעט ווייל ער האָט מורא, אַז פּאַסמאַניק וועט אים, וויצמאַנען, שטעלן אין שאָטן. איך באַשליס דעריבער איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסצוזאָגן אַלץ פּנים אל פּנים, אָדער אין אַן אינטימען בריוו צו דר. וויצמאַן, וועמען איך רעספּעקטיר און גע־טרוי. שפּעטער דוכט זיך מיר אָפּ, אַז איך האָב אים באַליידיקט און איך האָב שטאַרק חרטה פאַר מיין אויסהערן יעקב ראַבינאָוויטשעס „רכילות" און „לשון־הרע"...

צו מיין צופרידנהייט האָט מיר דר. וויצמאַן תיכף געענטפערט און דערצו נאָך צו אַלעם ערשטן מיר באַדאַנקט פאַר מיין אָפנהאַרציקייט. ער באַמערקט דערצו אַזוי:

„זי, די אָפנקייט איז אַזוי זעלטן אין אונדזערע ציוניסטישע רייען, אַז איך פריי זיך שטענדיק צו זען איינעם וואָס זאָגט מיר אפילו ביטערע זאַכן אָבער דירעקט אין געזיכט."

נאָך אַן אַלגעמיינער הקדמה וועגן זיין פריערדיקער ציוניסטישער טע־טיקייט, אַ שטיק אויפריכטיקע אויטאָ־ביאָגראַפיע, אַנאַליזירט דר. וויצמאַן אַלע מיינע טענות צו דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" און צו אים פער־זענלעך, און ער ענטפערט אויף זיי פּונקט ביי פּונקט.

וועגן מיין קריטיק קעגן דער דעמאָקראַטישער פראַקציע שרייבט מיר דר. וויצמאַן אַזוי:

„איר ווייסט גאַנץ גוט און איך האָב דאַכט זיך אין מיין אונטערהאַלטונג מיט אייך קלאָר אַרויסגעזאָגט, אַז מיר קענען מיט דער יעצטיקער פראַקציע ניט צופרידן זיין. איך — איינער וואָס האָט געהאָלפן בויען די פראַקציע און איר באַגרינדן, בין דער ערשטער וואָס זאָגט דאָס, אַז אַזוי קען זי ניט און טאָר ניט עקזיסטירן."

„פאַרוואָס" — פרעגט ער און ענטפער אומגעפּער אַזוי: „ווייל בלויז עטלעכע און נאָר אַלס יחידים האָבן געאַרבעט. די גאַנצע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר דעם ניט אַרבעטן פון די אַנדערע איז געפאַלן אויף די וואָס פלעגן אַרבעטן. די פראַקציע האָט בלויז עקזיסטירט אין די זידלערייען פון געוויסן ציוניסטן און אין דעם קאָפּ פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, וועלכער פלעגט קעגן אונדז מלחמה האַלטן."

בערטאָלד פייוול, מאַרטין בובער און ער, דר. חיים וויצמאַן, זיינען געווען שטענדיק אויפן ערשטן פייער. קיין אָרגאַניזאַציע איז ניטאָ און „דאָס וואָס עס איז געמאַכט געוואָרן ביז איצטער: הויכשולע, סטאַטיסטיק,

יידישער פאַרלאַג, צייטשריפט „פּאַלעסטינע", אַגיטאַציאַן אין רוסלאַנד און אויסלאַנד — איז געמאַכט געוואָרן ווידער און ווידער פון איינצלנע פּער־זאָנען וועלכע מ׳קאָן אָפּציילן מיט די פינגער פון איין האַנט".

וועגן דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער דעמאָקראַטישער פראַק־ציע שרייבט מיר דר. ווייצמאַן אַזוי:

„מיר אַלע, איך שפּרעך אינעם נאָמען פון אונדזער גאַנצער גרופּע, צו וועלכער עס שטייען אויך צו דר. אַלפרעד נאָסיג און דר. כהן־בערנשטיין און אַנדערע, זיינען איבערצייגט אַז עס מוז קומען אַן ענדערונג, עס מוז גע־מאַכט ווערן אַ טאַלק, עס מוז געבילדעט ווערן אין פ ע ס ט ע א ר ב ע ט ס־ג ר ו פּ ע, פיליכט אינעם זין פון אַ פּראָגרעסיווער ליגע, ווי כהן־בערנשטיין האָט פאָרגעשלאָגן נאָך אויף דער יונגע (יוגנט) קאָנפערענץ (אין 1901)."

וועגן זיין שטעלונג צו דר. פּאַסמאַניק און „צו די רייד פון הער (יעקב) ראַבינאָוויטש א. אַז. וו." שרייבט מיר דר. ווייצמאַן אַזוי:

„מיין הייסער וואונטש, ווי איר ווייסט עס אַליין, איך האָב אייך אפילו געראָטן איר זאָלט זיין דער פאַרמיטלער, איז געווען צו מאַכן אַ סוף צו די שמוציקע וועש. אויב מ׳קען אין איניקע פונקטן ערלעך גיין צוזאַמען, זאָל מען גיין. אַלעס אַנדערעס טוט יעדער פאַר זיך". לעצטנס האָט ער, דר. ווייצמאַן, ווי ער שרייבט מיר ווייטער, זיך אַליין דורכגערעדט מיט דר. פּאַסמאַניקן אין דער געגנוואַרט פון דר. פאַרבשטיין, דער שווייצער ציוניסט וועלכער איז דער סאָ־ציאַליסטישער דעפּוטאַט אינעם קאַנטאָנאַלן פּאַרלאַמענט פונעם קאַנטאָן ציריך. ער האָט דר. פּאַסמאַניקן געזאָגט וועגן דער פּראַקציע דאָס זעלבע וואָס מיר, אויך וועגן דער „מזרחי" האָט ער, דר. ווייצמאַן, דעם דר. פּאַסמאַניק גע־זאָגט דאָס זעלבע וואָס מיר, אַז די „מזרחיסטן" קימערן אים ניט אַזוי לאַנג ווי „זיי ווילן ניט אַרויפדריקן זייער צורה אויף דער באַוועגונג."

צולעצט דריקט דר. ווייצמאַן אויס די מעלאַנכאָלישע שטימונג, אין וועל־כער ער געפינט זיך, צוליב דעם דורכפאַל פון דעם פּלאַן צו קאָלאָניזירן „על־אריש" און וועגן דעם מיט וואָס פאַר אַ מיטלען מ׳גרייט צו דעם זעקסטן קאָנגרעס. ער שרייבט:

„איך געפין מיר קיין אָרט ניט שוין צוויי וואָכן, און איך האָב זיך אויך דערוואוסט אַז מיט „על־אריש" איז לגמרי גאָרניט און ווי מען באַרייטעט פאַר דעם קאָנגרעס, מיט וועלכע מיטלען? איך זע, אַז מיר, די קליינע גרופּע האָבן קיין כח ניט זיך צו ווערן קעגן אַלץ און אָפּט קומט מיר דער ביטערער געדאַנק, וואָס פאַרסמט מיר מיין גאַנצן לעבן, אַז מ׳וועט דאַרפן אויסמעקן אַלץ וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין מיין ציוניסטישער פאַרגאַנ־גענהייט. עס איז אַ ביטערער ווייטיק: נאָך אַזוי פיל יאָרן אַרבעט, זיין אין אַזאַ שטימונג ווי מיר זיינען איצטער. מיר וועלן נאַטירלעך זוכן, זוכן מענטשן, זוכן זיך צו פאַרבינדן, הלוואי זאָל אַלעס גוט זיך ענדיקן."

דער דאָזיקער בריוו דערנעענטערט אונדז נאָך מער ווי פֿריִער. איך דערפֿיל אויך נאָכדעם זײַן פֿאַרלאַנג אים צו באַזוכן אין הילטערפֿינגען. כ׳טרעף זיך דאָרט מיט נחום סאָקאָלאָוו אַ סימפּאַטישן בלאָנדן בחורל און מיט אַ רייע אַנדערע פֿרײַנט, קרובים און באַקאַנטע פֿון ד״ר חיים ווײַצמאַן. מ׳שטעלט מיר אויך פֿאָר זײַן נײַע כּלה, די „ראָסטאָווער שײַנהייט״. נאָר אַלץ שוועבט פֿאַרבײַ מײַנע אויגן צו שנעל און מײַנע אײַנדרוקן פֿון ד״ר. חיים ווײַצמאַנס סביבֿה אין הילטערפֿינגען קריצן זיך ניט אײַן אַזוי טיף אין מײַן זכּרון, ווי זײַנע סבֿיבֿות פֿון בערן, באַזעל, זשענעווע א. דגל. מײַן געדאַנק איז אויך געווען דעמאָלט צופֿיל פֿאַרנומען מיט פּערזענלעכע און געזעל־שאַפֿטלעכע נײַעס פֿון לאָנדאָן און מיט די צוגרייטונגען צו די פֿאַרשיידענע קאָנפֿערענצן אין באַזעל פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿטן און געזעלשאַפֿטן: פּראַקציע, חרות א. דגל., ווי אויך „מזרחי״, וועלכע כ׳וויל באַאָבאַכטן מיט מײַנע אײ־גענע אויגן.

קאַפּיטל הונדערט זיבן און דרײַסיק

קאַלײדאָסקאָפּיש

קאַלײדאָסקאָפּיש, פֿיל־פֿאַרביק האָט זיך שנעל געדרייט די געשטאַלט־רײַכע פּאַנאָראַמע פֿונעם לעבנס־ראָד אַרום מיר אינעם זומער, 1903. דער־בײַ בין איך געווען ניט בלויז אַ צוקוקער נאָר אויך אַ באַטייליקטער און אַ באַוועגער.

דער אָנהויב איז פֿאַר מיר געווען זייער גוט. מײַנע לונגען, וועלכע די לאָנדאָנער פֿאָגעס האָבן ווינטער צעגריזשעט און צעוואונדעט, האָט די שווייצער אַלפּן־לופֿט, אונטער דער זומערדיקער זון, געהיילט און געשטאַרקט. יעדן טאָג האָב איך זיך געפֿילט געזינטער און קרעפֿטיקער. סוף יולי באַ־טייליק איך זיך שוין אין אַן אויספֿלוג (עקסקורסיע) צו דער בערגיקער געגנט פֿון „לויטערברונען״. דער שפּאַציר אַהיים צוזאַמען מיט מײַן פֿרײַוויליקן קאָמפּאַניאָן און סעקרעטאַר, יעקבֿ קראָל, די צוויי ראַבינאָוויטשעס, פֿרײַלין אלישבֿע און דעם העברייִשן שרײַבער יעקבֿ, ווי אויך אַ גרופּע נײַע באַקאַנטע סטודענטקעס, איז מיר געווען אָנגענעם. איך פֿאַרברענג פֿײַן אויף דעם דאָזיקן אויספֿלוג. איך טייל אויך מײַן פֿרייד מיט שׂרה שפּרהן אין לאָנדאָן דורך שיקן איר אַ בילדער־פּאָסטקאַרטל דירעקט פֿון „לויטער־ברונען״ מיט אַ בילד פֿון אָט דעם שיינעם פּלאַץ.

איך פֿיל זיך גוט אויך קומענדיק צוריק אויף מײַן קוואַרטיר אין דער ווילע „אַלפּען רוהע״. מײַן אַרבעט צו רעדאַקטירן דעם קאָנגרעס־נומער איז געענדיקט. דער גאַנצער מאַטעריאַל געפֿינט זיך איצט בײַם לאָנדאָנער

טייל פון זיין רעדאַקציע. איך בין שוין גרייט צו פאָרן קיין באַזעל צו זיין אַנוועזנד אויף די פאַרשיידענע פאַר־קאָנפערענצן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, פּאַרטייען, פראַקציעס און גרופּירונגען. איך פאַרנעם זיך איצט בלויז מיט דיקטירן מיינע ענטפערס אויף די פּערזענלעכע בריוו אין „אַלפּען רוהע", וועלכע כ'האָב פריער ניט געקאָנט ענטפערן צוליב מיין זיין פאַרנומען מיטן קאָנגרעס־נומער און מיט דער פריער־דערמאָנטער וואַל־קאַמפּאַניע צום זעקסטן קאָנגרעס, וועלכע איך האָב אָנגעפירט אין ענגלאַנד שריפטלעך פון דער שווייץ. איך פלאַן דאָרום שוין איצט אַביסל צו קלעטערן אויף די אַלפּן־בערג, אַזוי ווי מיט דריי יאָר צוריק, און צו זאַמלען אויף זיי די זעלטענע אַלפּן־בלומען „עדעלווייס", זיי איינפּרעסן אין ביכער און נאָכדעם זיי שיקן שרה שפּרהן אין מיינע בריוו. איך גרייט זיך אויך צו באַזוכן די פּרע־זענטן־קראָמען אין אינטערלאַקן און איינשאַפן זיך דאָרט מיין געפּלאַנטע מתנה פאַר שרה שפּרהן — אַ בראָש, פיין אויסגעשניצט פון שניי־ווייסן העלפאַנט־ביין, אין דער פאָרעם פון אַן „עדעלווייס"־בלום.

***

אין מיטן אויגוסט בין איך שוין אין באַזעל. איך ווער דאָרט באַלד שטאַרק באַשעפטיקט. איך האָב אפילו קיין צייט ניט זיך אויסצושלאָפן. איך זיץ אויף פאַרזאַמלונגען ביז 3־2 אַזייגער ביינאַכט, כאָטש איך בין ניט זיכער, אַז איך וועל אינדערפרי קאָנען שלאָפן לענגער אַ ווייל.

באַלד נאָך מיין אָנקומען קיין באַזעל האָבן מיך אָרומגערינגלט די קאָ־רעספּאָנדענטן פון דער העברייאישער פּרעסע, אפשר קאָן איך זיי מיטטיילן אַ ביסל נייעס פון לאָנדאָן? יעדעס וואָרט וואָס איך האָב אַרויסגערעדט האָבן זיי פאַרשריבן, צוזאַמענגעשטעלט שורות און עס אַוועקגעשיקט אין די רעדאַקציעס. איצט וויים „כל־ישראל" אַז אַ לאָנדאָנער דעלעגאַט מיטן נאָ־מען מרמר (מאַרמאָר) איז געקומען קיין באַזעל מיט אַ סך פּעק נייעס. און אַז די אָרגאַניזאַציע „מערבי" אין לאָנדאָן גיט אַרויס אַ קאָנגרעס־נומער אין וועלכן עס געפינען זיך אַזעלכע און אַזוינע אַרטיקלען.

שבת־צו־נאַכט דעם 15־טן אויגוסט באַטייליק איך זיך שוין אין דער גרויסער פאַרזאַמלונג פון דער חברה „עבריה" (איווריאַ), וועלכע האָט צו־נויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון העברייאיש־ריידער. דער פאַרזאַמלונגס־זאַל איז געווען געפּאַקט. מען האָט אומגעהויער פיל גערעדט און אויך אַ ביסל געפּלוידערט. דאָך האָט די קאָנפערענץ בכלל זיך געפירט שיין און האָט אויסגעאַרבעט אַ טאָג־אָרדענונג פאַר אירע ווייטערדיקע זיצונגען.

אויף מאָרגן, זונטיק, דעם 16־טן אויגוסט, פאַרברענג איך אויף דער אסיפה, צוזאַמענגערופן פון קיעווער ציוניסטן, אינעם נאָמען פון אַ חברה „דרכי ציון", וועלכע האָט זיך געגרינדעט אויפן „פּאָדאָל", אין קיעוו, באַלד

נאָכן קישענעווער פּאָגראָם. די חברה באַשטייט פון 85 פאַמיליעס פון דעם מיטלשטאַנד: קרעמער, קליין־הענדלער און דער גלייכן. זיי האָבן יעדערער פון צוויי הונדערט ביז טויזנט רובל. דאָס איז אָבער ניט גענוג איינצואָרדענען זיך אין ארץ־ישראל. זיי פאַרלאַנגען דאַרום, אַז די ערד, וואָס וועט געקויפט ווערן פאַרן געלט פון דעם „נאַציאָנאַל־פאָנד", זאָל מען געבן די מיטגלידער פון זייער פאַראיין אויף צו באַאַרבעטן. זיי פאַרפליכטן זיך אומצוקערן דעם דאָזיקן באָדן צוריק צום נאַציאָנאַל־פאָנד צו יעדער צייט וואָס דער ציוניסטישער קאָנגרעס וועט דאָס פאַרלאַנגען. זיי האַלטן אַז דער באָדן פון ארץ־ישראל דאַרף געהערן צו דער גאַנצער יידישער נאַציאָן, אַז קיין פּריוואַט־אייגנטום דאַרף אויף דעם יידישן באָדן ניט עקזיסטירן. און זיי פאַרלאַנגען בלויז צו „זיין לאַנד־אַרבעטער ביי דער יידישער נאַציאָן."

קעגן אָט דעם קיעווער דעלעגאַט האָט גערעדט אַ קישינעווער ייד מיטן נאָמען קאַינארסקי. ער האָט מיט אַ פאַרשטיקטן קול און מיט טרערן אין די אויגן געשילדערט די שלעכטע לאַגע פון די יידן אין קישינעוו. טויזנטער יידישע פאַמיליעס, זאָגט ער, זיינען גרייט צו פאַרלאָזן די שטאָט און צו עמיגרירן וואוהין מען וועט זיי נאָר פירן. ער דערציילט אַז אוסישקינס פּלאַן אַריבערצונעמען די קישינעווער יתומים קיין ארץ־ישראל האָט דערווייל נאָך ניט געבראַכט קיין שום רעזולטאַט.

לויט ווי קאַינארסקי דערקלערט האָט דר. כהן געגרינדעט דעם קאָמיטעט פאַר אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל בלויז כדי אָפּצורייזן דערפון די יעניקע יידן וואָס זיינען געקומען זיך נאָכפרעגן... קאַינארסקי האַלט, אַז די קאָמיטעטן האָבן אַ טייל קישינעווער יידן פאַרוואַנדלט אין פּאַראַזיטן. ער באַטאָנט, אַז כאָטש זיין טאַטע איז דערמאָרדעט געוואָרן אין דער קישינעווער בלוט־באָד, און ער האָט אים איבערגעלאָזן פינף שוועסטער אויסצוהאַלטן... דאָך פּראָטעסטירט ער, קאַינארסקי, מיט זיין גאַנצער ענערגיע קעגן באַלדיקער קליין־קאָלאָניזאַציע, וועלכע וועט פאַרדאַרבן אַלץ וואָס דער ציוניזם האָט ביז־איצט געשאַפן.

די דיסקוסיע ווערט נאָכדעם וואָס ווייטער אַלץ מער אויפגערעגטער. אַ סך דעלעגאַטן ריידן פאַר און קעגן קליין־קאָלאָניזאַציע און די פאַרזאַמלונג שליסט זיך ערשט 12 אַזייגער ביינאַכט.

פון די אַלע רייד דאַרט געפעלט מיר דער משל וואָס מ'האָט דערציילט אין דר. הערצלס נאָמען צו באַווייזן דעם אונטערשייד צווישן דער קליין־קאָלאָניזאַציע פון באַראָן ראָטשילד און דער נייער „גרויס־קאָלאָניזאַציע", וועלכע ער, דר. הערצל, שלאָגט פאָר.

צוויי רייכע פאַריזער „ספּאָרטס", האָט הערצל דערציילט, האָבן זיך אַמאָל געוועט ווער פון זיי ביידן וועט קאָנען צוזאַמענברענגען 100,000 מענטשן אויף אַ גרויסן פּלאַץ עטלעכע מייל פון פּאַריז. איינער פון זיי האָט אָנאָנ־

סירט אין די ציַיטונגען אַז ער וועט באַצאָלן 10 פראַנק פאַר יעדן איינעם, וואָס וועט קומען אין אַ באַשטימטן טאָג אויף יענעם פּלאַץ. דער דאָזיקער ספּאָרט איז געווען גרייט צו „ספּענדן" אויף דעם איבער אַ מיליאָן פראַנק, און ער האָט דערוואַרט, אַז עס וועלן קומען ניט ווייניקער ווי 100,000 פּער־זאָנען ביי וועמען 10 פראַנק איז אַ פאַרמעגן. צום סוף זיינען געקומען בלויז עטלעכע טויזנט בעטלער, זיי האָבן גענומען זייערע 10 פראַנקען־שטיק און אים, דעם גביר, געוואונטשן אַלדאָס בייז פאַרוואָס ער האָט זיי צוליב אַ נדבה פון צען פראַנק געשלעפּט ווייט אויסערן שטאָט... דער צווייטער ספּאָרט האָט אַנאָנסירט אין די ציַיטונגען, אַז אויף יענעם פּלאַץ, אויך אין אַ באַשטימטן טאָג, וועלן פאָרקומען געוויסע ספּאָרטס. די פּלעצער קאָסטן אַזוי פיל און אַזוי פיל. דער סוף איז געווען, אַז צו יענעם באַשטימטן טאָג זיינען געקומען הונדערט טויזנט מענטשן. זיי האָבן געצאָלט גרויסע געלט פאַר פּלעצער און די אונטערנעמונג האָט נאָך געמאַכט דערביי אַ גרויסן פאַרמעגן.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער און דער וועג אַ זאַמדיקער. די מענטשן האָבן זיך אומגעקערט צוריק פאַרשטויבט, מיד און דאַרשטיק. דאָך האָט קיינער דעם אונטערנעמער ניט געשאָלטן. פאַרקערט, זיי האָבן גערעדט מיט באַגייסטערונג פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג און פון די תענוגים, וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט.

דר. הערצלס אויספיר איז געווען, אַז באַראָן ראָטשילד האָט צוגעצאָלט זיינע קאָלאָניסטן און זיי זיינען געווען אומצופרידן. די גרויסע קאָלאָניזאַציע אָבער וועלכע ער, דר. הערצל, שלאָגט פאָר, וועט נאָך מאַכן גרויס פּראָפיט פון די קאָלאָניסטן, און זיי וועלן אים נאָך דאַנקבאַר זיין, וואָס ער גיט זיי אַ געלעגנהייט אויפצובויען פאַר זיך אַ מאָדערנעם גוט־איינגעאָרדנטן ישוב.

וואָס אַ טאָג נעענטער צום קאָנגרעס אַלץ גרעסער ווערט די צאָל פאַר־זאַמלונגען און דיסקוסיעס. מאָנטיק בייטאָג, דעם 17־טן אויגוסט, בין איך צוערשט אַנוועזנדיק אויף דער פאַרזעצונג פון דער זונטיקדיקער פאַרזאַמ־לונג, צוזאַמענגערופן פון קיעווער דעלעגאַטן. אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמ־לונג ווערט פאַרגעשלאָגן, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע זאָל דורכפירן אַ פּלעביסציט (אָפּשטימונג) פון גאַנצן יידישן פאָלק קעגן דער „יקא", אין דעם זין פון זאַנגווילס אַ רעדע וועגן דעם. דער פאָרשלאָג איז אָבער ניט פאַרהאַנדלט געוואָרן ערנסט. דעם זעלבן טאָג מאָנטיק, דעם 17־טן אויגוסט, קומט פאָר אויף אַ גרויסן פאַרנעם אַ פאַרזאַמלונג פון דער „עבריה", אויף וועלכער דער באַרימטער פּאַלעסטינער לערער יצחק עפּשטיין לייענט אַ רעפעראַט אין העברייאיש. זיין טעמע איז געווען וועגן די מיטלען דורך וועלכע מען קען לעבעדיק מאַכן די פּאַרצייטיקע העברייאישע שפּראַך. אין זיין מויל אָבער לעבט שוין די דאָזיקע שפּראַך אויך איצט. האָרכנדיק

זיין רעדע האָב איך זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַט אַזוי האָבן מסתמא גערעדט די „בני הנביאים״ אין די צייטן פון עמוס און ישעיה, און אַט אַזוי װעלן װאָרשיינלעך אויךריידן די גוטע רעדנער פון אַ באַנייטן ארץ־ישראל.

יעדן טאָג פון היינטיקער װאָך (די דריטע אין אויגוסט) און אָפט אויך עטלעכע מאָל אַ טאָג, באַטייליק איך זיך אין די פאַרזאַמלונגען פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, פראַקציעס און גרופּעס. דינסטיק דעם 18־טן אויגוסט, באַזוך איך צווישן אַנדערע אסיפות אויך די קאָנפערענץ פון דער אָרטאָ־דאָקסישער אָרגאַניזאַציע „מזרחי״, װעלכע האָט מיר געגעבן אַ „כרטית־כניסה״ (אַן איינטריטס קאַרטע), אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער פון מיר רעדאַקטירטער לאָנדאָנער צייטונג דער „כותל מערבי״...

קאַפּיטל הונדערט אַכט און דרייסיק

מיין ענגלישע לאַנדסמאַנשאַפט

מיין אייגענע לאַנדסמאַנשאַפט, די ענגלישע, האָט צו אירע זיצונגען ניט צוגעלאָזן די אויסלענדישע מיטגלידער פון דער „דעמאָקראַטישער פראַקציע״, װעלכע זיינען דערװיילט געװאָרן אין ענגלאַנד פאַר דעלעגאַטן צום זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס. די ענגלישע לאַנדסמאַנשאַפט האָט אָבער אנערקענט די צווי דעלעגאַטן פון „מערבי״, דעם פּראָפעסער אורי מוניץ, דער קאַסירער פון „מערבי״, און מיך, דעם רעדאַקטאָר פון די „מערבי״־אויסגאַבעס, דערפאַר װייל מיר זיינען ביידע איצט איינװאוינער אין ענגלאַנד. די אַלע אַנדערע פּראָגרעסיװע דעלעגאַטן: צבי אבערסאָן, דר. יחזקאל װאָרטסמאַן, דר. חיים װייצמאַן, דר. אַלפרעד נאָסיג און בערטאָלד פייװל זיינען אַלס „אויסלענדער״ ניט צוגעלאָזן געװאָרן צו די זיצונגען פון דער ענגלישער לאַנדסמאַנשאַפט.

אַזוי װי אַט די אַלע פּראָגרעסיװע דעלעגאַטן זיינען אויך דערװיילט געװאָרן פון אַנדערע לענדער, האָבן זיי זיך באַטייליקט אין יענע לאַנדס־מאַנשאַפטן, װאו זיי זיינען געװען טעטיק אויך אין די פריערדיקע יאָרן, און זיינען דאָרט באַקאַנט און אָנגעזען אַלס רעדנער און טוער. דאָך איז ניט אויסגעשלאָסן אַז װעגן דעם „עיליען ביל״ (פרעמדן געזעץ) פון דער „ענגליש זייאָניסט פעדערעישאָן״ זאָל קומען אַן אָנפראַגע צום פּרעזידיום פונעם קאָנגרעס.

ניט געקוקט אויף דעם װאָס צבי אבערסאָן, דר. װייצמאַן און בערטאָלד פייװל זיינען ניט צוגעלאָזן געװאָרן צו דער קאָנפערענץ פון דער „ענגליש

זייאָניסט פּעדערעישאָן", פּאַרלאַנגען פּראָגרעסיווע לאַנדאַנער פאַראייגען, אַז אָט די דריי דעלעגאַטן זאָלן קומען קיין ענגלאַנד אָפּגעבן אַ באַריכט פון זעקסטן באַזעלער קאָנגרעס. די לאָנדאָנער פּראָגרעסיווע ציוניסטן נעמען זיך אונטער צו דעקן אַלע הוצאות פון אָט די דריי דעלעגאַטן, די רייזעס הין און צוריק ווי אויך זייערע קאָסטן אין צייט פון קאָנגרעס און פון זייער „לעקטשור־טור" אין ענגלאַנד.

מיין לאָנדאָנער חבר, דער פּראָפעסאָר אורי מוניק, וואָס פון אונדז ביידן באַשטייט די פּאַרלויפיקע עקזעקוטיווע פון דער אָרגאַניזאַציע „מערבי", האָט מיר געבראַכט גרוסן פון שרה שפּרהן און אונדזער קינד שמואל, ווי אויך פּעקלעך קליידונג און וועש, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר מיר. מיר טוט הנאה, וואָס אָט דער לאָנדאָנער גוטער פרײַנט מיינער שטייט מיט מיר צוזאַמען אויף מיין באַזעלער קוואַרטיר. ווייניקער בין איך צופרידן מיט מיין נייעם באַקאַנטן, מיט וועלכן אויך ער, מוניק, האָט זיך דאָ באַקאַנט. דאָס איז אַ סטודענט מיטן נאָמען מילנער. ער איז אויסערגעוויינלעך שיק, און שטענדיק אַרומגערינגלט פון פרויען. ער באַרימט זיך פאַר אונדז מיט זיינע גרויסע דערפאָלגן דאָ אין באַזעל ביי די ניט־יידישע דאַמען פון דער העכערער געזעלשאַפט. עס פאַלט מיר אָבער קיין מאָל ניט איין אים צו פרעגן, צי ער איז אפשר אויך דער שמעון מילנער, וועלכער שרייבט אין העברייאיש אונטערן פּסעוודאָנים „בר כוכבא", די אָנפאַלן אויף דער דע־מאָקראַטישער פראַקציע.

ביי דער פאַר־קאָנפערענץ פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, צו וועלכער מ'האָט מיך איינגעלאַדן, האָט דר. חיים ווייצמאַן אַרויסגערופן פּראָ־טעסטן קעגן זיין פאָרשלאַג אַריבערצופירן דעם ביז־איצטיקן צענטער פון ווין קיין ניו־יאָרק אין פאַל די צאַרישע רעגירונג וועט פאַרבאָטן דעם ציוניזם. די רוסלענדער „פראַקציאָנערן", באַזונדערס די יונגע, ווילן ליבער אַן אונטערערדישע פּירערשאַפט אין רוסלאַנד איידער אַ כלומרשטע פרייע אין אַמעריקע.

דער באַזוך פון דר. הערצל ביי דעם צאַרישן אינערן־מיניסטער פאָן־פּלעווע, וועלכער האָט אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם אויף יידן אין קישינעוו, האָט אַרויסגערופן אַ סך ביטערקייט אין די רייען פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע. דר. הערצל ווערט פון זיי באַשולדיקט אין פירן אומפּאַראַנט־וואָרטלעכע „שתדלנות־פּאָליטיק" זינט ער איז דורכגעפאַלן אין זיין דיפּ־לאָמאַטיע מיט דער טערקישער רעגירונג. עס טראָגן זיך אַרום קלאַנגען, אַז דר. הערצל האָט זיך געווענדעט צו פאָן־פּלעווען ער זאָל אים באַהיל־פיק זיין ביי דער טערקישער רעגירונג צו קריגן פּאַלעסטינע פאַר יידן... אַז ער, דר. הערצל, האָט צוגעזאָגט פאָן־פּלעווען, אַז די יידישע יוגנט אין

רוסלאַנד וועט דערפאַר זיך אָפּזאָגן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קעגן צאַריזם...

אין דער דעמאָקראַטישער פראַקציע זיינען אָבער ניטאָ איצט אַזוינע היץ־קעפּ ווי דאָס איז אַמאָל געווען דר. נחמן סירקין, בעת ער איז אַרויס־געטראָטן אין 1898 מיט אַ באַליידיקנדער באַמערקונג קעגן צאַריזם. ניטאָ דאָ אויך קיין קאַליאַ טעפּער, וואָס זאָל אַפילו „סקאַנדאַליזירן" די ציוניסטישע יוגנט־קאָנפערענץ, ווי מיט צוויי יאָר צוריק. אַלע זיינען דאָ איצט דיפּלאָ־מאַטיש און סטאַטעטשנע, די יוגנט פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע, אַזוי ווי זקנים פון דער אָרטאָדאָקסישער „מזרחי". אפילו דר. נחמן סירקין איז איצט אין באַזעל אַ „דיפּלאָמאַט" און אַ „סטאַטיק."

אויף דער „חרות"־קאָנפערענץ אין באַזעל, פון אויגוסט 1903, האָט דר. נחמן סירקין גערעדט זייער פאַרזיכטיק וועגן דער „ייק"א". זיינע ווער־טער קעגן אָט דער יידישער פלוטאָקראַטיע האָט מען געקענט רואיק אַרויס־זאָגן אפילו אין דעם ענגלישן לאָרדן־הויז. פון זיינע אַמאָליקע רייד וועגן „טעראָריזירן" די פירער פון „ייק"א" איז געבליבן בלויז אַ פּלאַן צו טעראָ־ריזירן די קליינע יידישע קרעמער אין לאָנדאָן און זיי צווינגען צו צאָלן אַ טאַקסע פון די הוצאות אָנצופירן די כלומרשט טעראָריסטישע אַקציעס און טעטיקייטן קעגן דער „ייק"א".

דר. נחמן סירקין איז שוין אַמאָל געווען אין ענגלאַנד נאָך אין די 80־ער יאָרן. מיט אַ 17 יאָר צוריק איז ער געווען פאַרבונדן מיט אַ לאָנדאָנער גרופּע טעאַטער־ליבהאָבער. ער האָט אויך בשותפות מיט אַ שרייבער, שטיינהאַרט, פאַרפאַסט אַ „היסטאָרישע פּיעסע",*) וועלכע איז אויפגעפירט געוואָרן אין אַ לאָנדאָנער טעאַטער־קלוב דורך די שפּעטער באַרימט־געוואָ־רענע יידישע שוישפּילער און שוישפּילערינס אַדלער, שיינגאָלד, ליפּצין און אַנדערע. פון יענע יאָרן אָן איז אים אַפּנים ביי אים געבליבן די געוואוינ־הייט צו באַנוצן אין זייןריידן וועגן ענגלאַנד אַזוינע ווערטער ווי „עמי־גרעישאָן", „קאָלאָניזעישאָן", „נעישאָן" א. ד. גל. אָנשטאָט עמיגראַציאָן, קאָלאָניזאַציאָן, נאַציאָן א. אַז. וו. מיט דריי יאָר צוריק האָב איך אים צוליב אָט די ענגלישע ווערטער געהאַלטן פאַר אַ קענער פון ענגלישע געגנשטאַנדן. איצט אָבער, סוף אויגוסט 1903, ווי כ'בין געווען אַ לאַנגע צייט טעטיק אין לאָנדאָן, בין איך געוואָרן קריטיש צו זיינע באַריכטן און מיינונגען וועגן ענגלאַנד.

אין מיין „קאָר־רעפּעראַט" (קעגן רעדע), אַלס איינגעלאַדענער גאַסט

---

*) פון דער צייט פונעם טיראַן הורדוס, ווען ער דריקט אונטער ברוטאַל די יידישע רעוואָלוציאָנערן קעגן רוים אין גליל, מאָרדעט אויס די דינאַס־טיע פון די מאַקאַבייער, אויך זיין פרוי מרים, די „לעצטע פּרינצעסין פון די חשמונאים", און אירע קינדער, וועלכע זי האָט אים געבאָרן.

אויף דער „חרות״־קאָנפערענץ אין באַזעל, האָב איך שאַרף קריטיקירט ד״ר. נחמן סירקינס באַריכט דאָרט, און אָנגעוויזן אויף אַ רייע ווידערשפּרוכן און טעותן. מיין אויספיר איז געווען, אַז מיין עלטערער חשובער חבר און גוטער פריינט איז כלל ניט באַקאַנט מיט דעם יידישן „המון״ (האַמוין) אין ענגלאַנד, אין וועמעס נאָמען ער רעדט: ער קען ניט די ברייטע יידישע מאַסן אין לאָנדאָן און די דאָרטיקע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען אים אינגאַנצן פרעמד. ד״ר. נחמן סירקין האָט עס אויך באַלד באַגריפן און צוגעגעבן, אַז ער איז דאָס מאָל געווען צו ווייניק צייט אין ענגלאַנד און ער גיט נאָר איבער דאָס, וואָס זיינע דאָרטיקע באַקאַנטע פון „חרות״ האָבן אים דערציילט. ער האָט אויך באַמערקט, אַז איך, אַלס טעטיקער טוער אין לאָנדאָן בין געוויס מער באַקאַנט מיט דער דאָרטיקער לאַגע, ווי ער.

קאַפּיטל הונדערט ניין און דרייסיק

צום דריטן מאָל אין לאָנדאָן

צום דריטן מאָל אין לאָנדאָן פאָר איך שוין אַריין ווי אין אַן אַלטער היים. איך קום דאָך אַהין צו מיין ווייב און קינד.

אין מיין היים הערשט לייד און זאָרג, קראַנקהייט און נויט. פאַראַן אָבער דאָרט אויך מאָמענטן פון נחת און פרייד.

נחת פון אונדזער קינד שמואל, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אויסערגע־וויינלעכער שיינקייט און מילדקייט. ווען עס איז געזונט, ליגט עס רואיק אין זיין וויגל, שפּילט זיך מיט זיינע אייגענע הענטלעך און לאַכט אַזוי זיס, אַז מיר פאַרגעסן אַלע אונדזערע טאָג־טעגלעכע צרות.

די נייע לאַגע צווישן די יידישע עמיגראַנטן־מאַסן אין לאָנדאָן — די צעשפּאַלטונג פון דעם נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן עלעמענט אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן, פּאַלעסטיניסטן און אוגאַנדיסטן, באַוועגט מיך און מיין קרייז צו קאָנצענטרירן אונדזער טעטיקייט אויף בילדונג פאַר די ברייטע מאַסן און אויף געבן באַלערנדיקע ענטפערס אויף אַלע פראַגעס, וואָס דער עולם שטעלט אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען.

מיין אויסגעאַרבעטער פּלאַן פון סעריעס לעקציעס איבער געשיכטלעכע, ליטעראַרישע און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע טעמעס האָט געווירקט אויף אונדזערע צוהערער זיי זאָלן אויסהערן טאָלעראַנט אַלערליי מיינונגען, אַפילו וועגן יענע געזעלשאַפטלעכע פראַגעס, וואָס האָבן פריער אַרויסגערופן בייז־בלוט און סקאַנדאַלן.

צוליב דעם וואָס דער עולם האָט זיך גוטמוטיק אָפּגעזאָגט פון רויכערן ביי די לעקציעס, כדי צו שאַנעווען מיינע שוואַכע לונגען, האָבן אויך פרײ־מערע עמיגראַנטן גענומען באַזוכן שבת אונדזערע פאַרזאַמלונגען, כאָטש

מיר פלעגן דערקלערן פריי און אָפן, אַז מיר האַלטן מער פון ערלעכקייט ווי פון פרומקייט. די איינציקע, וועלכע פלעגן זוכן אונדז צו שטערן, אָן אונטערשייד וועגן וואָס מיר פלעגןריידן, זיינען געווען די אוגאַנדיסטישע היץ־קעפּ, וועלכע זיינען נאַטירלעך געווען קעגן אונדזערע ענטפערס אויף די געשטעלטע פראַגעס פון דעם עולם. זיי האָבן געוואָלט איפּרייסן דעם מיטינג נאָך איידער איך אָדער מיין חבר אַבערסאָן האָט געענטפערט אויף די פראַגעס.

איין מאָל האָט אַן אוגאַנדיסט געצילט אויף מיר מיט אַ שווערן שטיק האָלץ. צו מיין גליק האָט עס אַבערסאָן אַלס פאָרזיצער באַמערקט און אָפּגע־שטופּט מיין קאָפּ. דאָס שטיק האָלץ האָט געמאַכט אַ לאָך אין וואַנט, נאָר איך בין אָפּגעקומען מיט אַ לייכטער וואונד. מיר האָבן דאַרום צו אונדזער יעדער פאַרזאַמלונג אויסגעוויילט אַ צאָל אויפּפּאַסער, וועלכע זאָלן האַלטן אָרדענונג אין זאַל. צו פאַרמיידן ענלעכע שטערונגען האָבן מיר אויך איינ־געפירט איינטריט־קאַרטן אויף וועלכע עס האָט זיך געשריבן אין יידיש און אין ענגליש, אַז זיי זיינען גילטיק בלויז פאַר די, וועלכע האָבן זיי אַליין דערהאַלטן.

די לעקציעס, פראַגעס און דיסקוסיעס זיינען געהאַלטן געוואָרן דריי מאָל אין וואָך: דאָנערשטיק פון 9 ביז 11 אין אָוונט, פרייטיק־צו־נאַכט פון 8:30 ביז 10:30 און שבת־צו־נאַכט פון 5:30 ביז 7:30. זיי זיינען געווען איינגעטיילט אין באַזונדערע סעריעס. אַן אָנהייב פון דער פערטער סעריע געפינט זיך אין מיין אַרכיוו און דאָס איז דער אינהאַלט:

„דעם 15־טן יאַנואַר 1904: רעדנער קלמן מרמר. טעמע: די נביאים און דער המון. דעם 21־טן יאַנואַר: פאַרלעזונג פון אַ צום־דרוק באַשטימ־טער בראָשור „די פאַראיינגערונג פון דער יידישער נאַציאָן". דעם 22־טן יאַנואַר: טעמע: „דער באַפרייאונגס־קאַמף אין נאָרד־אַמעריקע", רעד־נער: ב. אַבערסאָן. דעם 23־טן יאַנואַר: פראַגעס, דיסקוסיעס און ענט־פערס. דעם 28־טן יאַנואַר: „רעפאָרמען אין מאַהאָמעדאַניזם", רעדנער: קלמן מרמר. דעם 29־טן יאַנואַר („שבת שירה") לעקציע איבער דער טעמע: „אַלטע העברייאישע העלדן־לידער", רעדנער: ק. מרמר. דעם זעלביקן אָוונט אויך פראַגעס, דיסקוסיעס און ענטפערס. דעם 30־טן יאַ־נואַר, טעמעס: א. „ראש השנה לאילנות" (ראש השנה פאַר ביימער), ב. די פלאַנצונגען פון ארץ־ישראל, רעדנער: שמואל ראַפּאַלאָוויטש (אַ פּאַלעסטינער פּאַרשער). דעם 4־טן פעברואַר: טעמעס: א. „די כתובים אחרונים" (די פאַרצייטיקע, נאָך־ביבלישע שריפטן), רעדנער: יעקב באַראַ־כאָוויטש, ב. „דער מאָדערנער מאַטעריאַליזם", רעדנער: ק. מרמר. דעם 5־טן פעברואַר: פראַגעס, ענטפערס און דיסקוסיעס. דעם 6־טן פעברואַר: „זשאַרגאָן־ליטעראַטור", רעדנער: ב. אַבערסאָן. דעם 11־טן פעברואַר: „נחמן קראָכמאַל", רעדנער: ב. ראַבינאָוויטש. דעם 12־טן פעברואַר: „די

השכלה באַוועגונג ביי יידן אין רוסלאַנד", רעדנער: הירש וואָלאָדאַרסקי. דעם 13־טן פעברואַר: פּראַגעס, דיסקוסיעס און ענטפערס. דעם 18־טן פעברואַר: א. „טעאָריע און פּראַקטיק", רעדנער: ישראל נאַראָדיצקי. ב. „דער קריטישער אידעאַליזם", רעדנער: ק. מרמר. דעם 19־טן פעברואַר: „יידישע ליטעראַטור אין רוסישער שפּראַך", רעדנער: ב. אבערסאָן. דעם 20־טן פעברואַר: פּראַגעס, דיסקוסיעס און ענטפערס. דעם 25־טן פעברואַר: „די באַפרייאונגס־קאַמפּף פון אירלאַנד", רעדנער: וויליאַם פויזניאַק. ב. „דער אינדיווידואַליזם", רעדנער: ק. מרמר. דעם 26־טן פעברואַר: פּראַגעס, דיסקוסיעס און ענטפערס. דעם 27־טן פעברואַר: „חיים נחמן ביאַליק", רעדנער: יצחק יאַנישעווסקי

דער ערשטער מערץ: פורים־אָוונט. 3־טער מערץ: „אַנטוויקלונג, צופּאַסונג און אָפּקלייב", רעדנער: ק. מרמר. דעם 4־טן מערץ: פּראַגעס, דיסקוסיעס און ענטפערס. דעם 5־טן מערץ: א. „די פּוילישע מיאַטעזשן", רעדנער: ק. מרמר. דעם 10־טן מערץ: א. „די פּוילישע מיאַטיעזשן", רעדנער: ק. מרמר. דעם 10־טן מערץ: „ליכט, ספּעקטראַל־אַנאַליז, רענטגען־שטראַלן" („עקס־רעי") א. אַז. וו. רעדנער: ק. מרמר. דעם 11־טן מערץ: „אחד־העם", רעדנער: ב. ראַבינאָוויטש. דעם 17־טן מערץ: א. „די אַנטשטייאונג פון שטאַטן" (נאַציעס און מדינות), רעדנער: אברהם מאַרקס. ב. „דער באַפרייאונגס־קאַמף אין גריכנלאַנד", רעדנער: ק. מרמר. דעם 18־טן מערץ: „די יידישע פּריוהייטס־קאַמפן קעגן רוים", רעדנער: ב. אבערסאָן. דעם 19־טן מערץ: דיסקוסיעס און ענטפערס. דעם 24־טן מערץ: א. „די פּוריטאַנישע באַוועגונג אין ענגלאַנד", רעדנער: וויליאַם פויזניאַק: ב. „דער באַפרייאונגס־קאַמף אין אונגאַרן", רעדנער: ק. מרמר. דעם 25־טן מערץ: פּראַגעס דיסקוסיעס און ענטפערס. דעם 26־טן מערץ: א. „די אַלט־איינגעזעסענע פעלקער פון ארץ־ישראל און זייער באַציאונג צום לאַנד", רעדנער: ש. ראַפּאַלאָוויטש. ב. „די נייע ליטעראַטורן פון אַזיע", רעדנער: ק. מרמר. דעם 1־טן אַפּריל: א. „די לעגענדעס פון יציאת מצרים", רעדנער: ב. אבערסאָן. ב. „די פּאַראיינגערונג פון יאַפּאַן", רעדנער: ק. מרמר. דעם 2־טן אַפּריל: „די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען ביי די יידן אין רוסלאַנד", רעדנער: ח. וואָלאָדאַרסקי. דעם 7־טן אַפּריל: א. „די משיח־באַוועגונג אין דער יידישער געשיכטע", רעדנער: י. נאַראָדיצקי. ב. „די באַפרייאונג און פאַראייניקונג פון איטאַליע", רעדנער: ק. מרמר. דעם 14־טן אַפּריל: „די עלעמענטן־אַטאָמען", די פּעריאָדישע סיסטעם פון דער כעמיע", רעדנער: ק. מרמר. דעם 15־טן אַפּריל: פּראַגעס, דיסקוסיעס און ענטפערס.

די דאָזיקע מאַסאָווע קולטור־טעטיקייט האָט געמאַכט אַ רושם אין מזרח לאָנדאָן און איז אויך באַקאַנט געוואָרן אין ווייטערע קרייזן. די „דזשואיש קראָניקל" — דער אָרגאַן פון די ענגליש־ריידנדיקע יידן האָט

באַשריבן די דאָזיקע אויפקלערערישע אַרבעט אַלס די „ליכט־שטראַלן פון מזרח לאָנדאָן״ און די „יוניאָן אָוו דזשואיש ליטעראַרי סאָסייעטיס״ פון ענגלאַנד (דער פאַרבאַנד פון די יידישע ליטעראַטור־פאַראיינען) האָט אונדז איינגעלאַדן אַריינצוטרעטן אין דער „יוניאָן״. דער שידוך האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די „יוניאָן״ האָט זיך געוואָלט באַטייליקן אין אונדזער אַרבעט דורך אַ געוויסער צאָל לעקטאָרן און לעקציעס אין ענגליש. מיר האָבן אַרויסגעשטעלט דעם באַדינג, אַז די „יוניאָן״ זאָל אונדז געבן אַ געלעגנהייט זיך צו באַטייליקן אין איר אַרבעט דורך לעקטאָרן און לעקציעס אין יידיש. ניט נאָכגעבנדיק איינער דעם צווייטנס פאָדערונגען, זיינען מיר זיך פריינטלעך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אין אונדזער נייער וואוינונג אין ווייטשעפּל, לעבן ברידי סטריט, האָבן מיר אַן עקסטרע קעמערל. מיר באַשליסן עס אָפּגעבן מיין נאָענטן חבר, דעם בייטל־מאַכער אַרבעטער, דוד־בער אבערסאָן, וועלכער איז ווידער אַרבעטסלאָז און היימלאָז און קען ניט צאָלן קיין דירה־געלט. שרה שפרה האָט עס גאַנץ פיין אויסגעפּוצט און מיין חבר פילט זיך דאָרט זייער היימיש. באַזונדערס איז ער צופרידן, וואָס ער קען פון צייט צו צייט זיך שטעלן לעבן מיין שמואלס וויגעלע און האַלטן פאַרן עופהלע אַ „שטאַרקע רעדע״, ווי פאַר אַ גאַנצן עולם פון דערוואַקסענע. דאָס קינד קוקט אויף אים פאַרוואונדערט און אבערסאָן רעדט זיך איין, אַז ער ווערט פאַרשטאַנען.

פון גרעסערער באַדייטונג איז נאָטירלעך געווען אבערסאָנס מיטאַרבעט מיט מיר אין דער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער טעטיקייט צווישן די עמיגראַנטישע יידישע מאַסן. באַזונדערס זינט סוף יאַנואַר 1904, ווען אונדזערער אַ חבר, באַרנעט גרינבערג, אַ טיכטיקער יוניאָן־מאַן און געוועזענער באַאַמטער פון דער אַלטער „יידישע נאַציאָנאַלע שניידערס, מאַשינערס און פּרעסער־יוניאָן״, אין די יאָרן 1898—1900, האָט באַאיינפלוסט די פירער פון „יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס אָוו גרעיט בריטען״, לואיס לייאָנס*)

---

*) לואיס לייאָנס, דער אין ענגלאַנד געבאָרענער שניידער־פירער און שניידער־פּרעזידענט, האָט ניט געהאַט קיין גוטן נאָמען אין לאָנדאָן. מ׳האָט געצווייפלט אין זיין ערלעכקייט, כאָטש ס׳איז געווען אַלגעמיין באַוואוסט, אַז ער האָט געפירט איינעם אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן אַ מוטיקן קאַמף קעגן דער „סוועטינג סיסטעם״, געווען טעטיק אינעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַראיין און געשריבן סעריעס אַרטיקלען קעגן די בורזשואַזע פירער פון דער לאָנדאָנער יידישער קהילה.

די מיטגלידער פונעם דערמאָנטן פועלי־ציון פאַראיין נומער 1, זיינען דעמאָלט באַשטאַנען פון ערלעכע פּשוטע טרעיד־יוניאָניסטן, וועלכע זיינען אונטערן איינפלוס פונעם קישינעווער פּאָגראָם געוואָרן פאַראינטערעסירט אין נאַציאָנאַלע יידישע פּראָבלעמען.

און איזראַעל ראַט, מ׳זאָל אים דערלויבן גרינדן אין דער יוניאַן אַ פּועלי־ציון „ברענטש״. מיר העלפן זיי אין דער אַרבעט, און מיר אַרבעטן אויך אויס אַ פּראָגראַם פאַר זייער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אין איינקלאַנג מיט די פּרינציפּן פון טרעיד־יוניאָנס, ווי למשל, אַז יעדער אַרבעטער קען געהערן צו זיי, ער מוז אָבער צוגלייך געהערן אויך צו אַ יוניאַן פון זיין טרעיד. ניט־יוניאָניסטן קענען ניט זיין קיין מיטגלידער אין זייער „ברענטש״. מיר קריגן אויך פאַר זייער פאַראיין די פּריווילעגיע אויסצוטיילן אינטריטס־קאַרטן צו זייערע מיטגלידער אויף זייער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו באַזוכן אונדזערע לעקציעס און דיסקוסיעס. זייערע באַאַמטע אַרבעטן מיט אונדז צוזאַמען צו גרינדן נאָך אַזוינע פאַראיינען, נאָר איבער דעם דע־מאָלטיקן פאַרביטערטן קאַמף פאַר און קעגן אוגאַנדע ווערן זיי טיילווייז צע־בראָכן. דאָך שטעלן זיי מיט זיך פאָר דעם פונדאַמענט פאַר דער שפּעטער־דיקער פּאַרטיי פּועלי־ציון אין ענגלאַנד און אויך אין אַמעריקע.

מיין פריער־דערמאָנטע מאַסאָווע קולטור־טעטיקייט האָט מיר גאָרניט אַריינגעבראַכט מאַטעריעל. אין יענער צייט, ווינטער 1903—1904, פלעגן מיר ניט נעמען קיין שום געצאָלט פאַר קולטור־אַרבעט, ניט פאַר מינדלעכער און ניט פאַר שריפטלעכער. פאַר אונדזער חיונה האָבן מיר געטאָן אַנדערע אַרבעטן. דוב־בער אבערסאָן האָט געניית לעדערנע בייטלעך, י. ל. כהן האָט פאַרריכט זייגערלעך, סיימאָן פויזניאַק און זיגמונד סאַפּירשטיין האָבן גע־מאַכט פּאַפּיראָסן, וויליאַם פויזניאַק *) האָט געטאָן אָפיס־אַרבעט, אַנדערע האָבן געניית קליידער, אָדער שיך, אָדער געמאַכט מעבל און דאָס גלייכן. איך האָב ווידער, ווי לעצטן ווינטער, זיך פאַרנומען מיט געבן שטונדן. כאָטש איך האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז שעדלעך פאַר מיינע לונגען. דערצו האָט עס אויך צו וויניק אַריינגעבראַכט.

מיין פריינט און חבר, דער פּראָפעסער אורי מוניק, רעקאָמענדירט דאָרום איך זאָל ווערן רעדאַקטאָר פון אַ נייעם יידישן וואָכנבלאַט אין לאָנדאָן. דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט האָבן געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ גרופּע יידישע טוער, וועלכע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דער הילפס־אַרבעט פאַר די קישינעווער יתומים. אַרום יענער צייט זיינען פאַרהאַנדלט געוואָרן אַ סך פּלענער ווי צו העלפן די דאָזיקע קרבנות פון קישינעווער פּאָגראָם. איינער פון די פּלענער איז געווען אַוועקצושיקן קיין ארץ־ישראל, וואו דער באַקאַנ־טער „בילויעץ״, דער שרייבער, לערער און קאָלאָניסט ישראל בעלקינד וועט זיי דערציען. דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן און די דאָ־

---

*) שפּעטער אַ פּאָפּולערער צייטונג־שרייבער אין דער מיטל־וועסט. געשטאָרבן אָנהויב יאַנואַר, 1919, אין קליוולאַנד, אינעם עלטער פון 34 יאָר.

זיקע געזעלשאַפט האָט אויסגעגעבן אין לאָנדאָן אַ סך געלט אויף אַנאָנסן, האָבן זיך אירע טוער באַטראַכט ליבער אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטונג, וועט דאָס זיי איינשפּאָרן דאָס צאָלן פאַר אַנאָנסן און אויך אַריינברענגען מער הכנסה, און זיי וועלן קענען מער אויפטאָן פאַר די יתומים. די פאַרוואַלטונג פון אָט דער געזעלשאַפט האָט זיך געפונען אין רשות פון דעם לאָנדאָנער העברייאישן לערער-פאַראיין, וואָס איז באַשטאַנען פון יידיש-ריידנדיקע עמיגראַנטישע משכילים און לומדים. זייער פאָרזיצער, יוסף-חיים כהן-לאַסקי, אַליין אַ זשורנאַליסט, האָט זיך אָנגענומען אָנצופירן אין דער גע-פלאַנטער צייטונג דעם אָפּטייל וועגן קהלשע עניינים, צו וואָס עס פאָדערט זיך אַ סך באַקאַנטשאַפט, מיט געזעלשאַפטלעכע טוער און טעטיקייטן אין לאָנדאָן.

אַזוי ווי כ'האָב קיינמאָל פריער ניט געאַרבעט אין דער פּעריאָדישער פּרעסע, און ניט געהאַט קיין זשורנאַליסטישע דערפאַרונג, נעם איך פאַר אַ מוסטער די בעסערע יידישע צייטונגען אין אויסלאַנד.

פון דער לאָנדאָנער יידישער פּרעסע פאַר דעם אַלגעמיינעם עולם קאָן איך זיך גאַרניט אָפּלערנען. זי איז דעמאָלט באַשטאַנען צום גרעסטן טייל פון שלעכט-איבערגעדרוקטן לייענשטאָף. אַ טעגלעכע יידישע צייטונג אין לאָנדאָן האָט זיך אפילו ניט געשעמט איבערצודרוקן איר שונד-ראָמאַן פון אַ בוך, וואָס געפינט זיך צום פאַרקויף אין דער בוכהאַנדלונג. דאָס פּאָפּו-לערסטע יידישע וואָכנבלאַט, ברילס „טעלעפאָן", פלעגט אויך איבערדרוקן לייט-אַרטיקלען פון ניו-יאָרקער יידישע צייטונגען.

די דאָזיקע אַרבעט פלעגט דורכפירן זיין פּייאיקער שרייפטזעצער מיטן פּסעוודאָנים „אַחיזבל". אויף מיין פראַגע פאַרוואָס דאָס לייט-אַרטיקל האָט יעדע וואָך אַן אַנדער ריכטונג? ענטפערט ער מיר פּשוט, אַז ער וויל געבן אַ געלעגנהייט די מיינונגען פון יעדער צייטונג: אַנאַרכיסטישע, סאָציאַ-ליסטישע, אָרטאָדאָקסישע א. אַז. וו...

אונדזער נייעם וואָכנבלאַט רופן מיר אָן „דער לאָנדאָנער יוד". איך אַרבעט אויס פאַר אים אַ פּלאַן פון אַ וועכנטלעכער צייטונג, וואָס זאָל זיך פּאַסן פאַר דער עמיגראַנטישער יידישער מאַסע אין ענגלאַנד, באַזונדערס אין לאָנדאָן. מיין פּלאַן איז געווען, אַז דאָס דאַרף זיין אַ צייטונג, וואָס זאָל איב-פאָרמירן און אויפקלערן די ברייטע יידישן מאַסן, זיי איבערגעבן ריכטיק און געטריי אַלע וויכטיקע נייעסן און זיי אויך אָנווייזן וואָס דאָס מיינט און וואָס פאַר אַ באַדייטונג דאָס קאָן האָבן.

אין מיין דערקלערונג וועגן „אונדזער פּראָגראַם" ווייז איך אָן, אַז ווען מען אורטיילט די יידישע לאַגע לויט דער יידישער פּרעסע אין לאָנדאָן, קען מען מיינען, אַז אין גאַנץ ענגלאַנד איז ניטאָ קיין יידישע מאַסע, קיין אייגנאַרטיק יידיש לעבן, נאָר בלויז אָקאָרשט-ערשט אָנגעלאָפענע עמי-

גראַנטן, וועלכע האָבן ניט קיין שום אינטערעס פאַר אָרטיקע פראַגן און וואַרטן נאָר אויף אַ ביסעלע נייעס פון זייער אַלטער היים, די אייראָפּייאישע מזרח־לענדער.

מיין אויספיר איז געווען, אַז „דער לאָנדאָנער יוד" איז צו אַלעם ערשטן „פאַראינטערעסירט אין דעם יידישן לעבן אין לאָנדאָן און וועט אָפּגעבן יעדע וואָך אַ גרויסן טייל פון זיינע קאָלומס פאַר די לאָקאַלע אינטערעסן. נאָך לאָנדאָן וועט קומען די פּראָווינץ (די „קאָונטריס"), און „דער לאָנדאָנער יוד" וועט ברענגען יעדע וואָך בריוו און באַריכטן און גאַנץ אָפט אויך קורצע אַרטיקלען איבער דאָס יידישע לעבן אין דער פּראָווינץ. צו גלייכער צייט וועט ער אויך געבן זיינע לייענער אַלע וויכטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע נייעסן פון דעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין ענגלאַנד און אין אויסלאַנד. ער וועט געבן דעם יידישן לעזער ניט בלויז טרוקענע פאַקטן, נאָר אויך די דערקלערונגען צו די פאַקטן. צו דעם צוועק וועט ער געבן פּובליציסטישע אַרטיקלען, אין וועלכע די געשעענישן פון לעבן ווערן פאַרשטענדלעך און קלאָר אַרומגערעדט".

איך זאָג אויך צו, אַז „דער לאָנדאָנער יוד" וועט אָפּגעבן אַ סך פּלאַץ פאַר ליטעראַטור. „ער וועט געבן גוטע ראָמאַנען און דערציילונגען פון דער יידישער געשיכטע, ווי אויך פון דעם היינטיקן יידישן לעבן אין ענגלאַנד. ער וועט אויך געבן פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען איבער נאַטור און מענטשן, לענדער און פעלקער, לייכט־פאַרשטענדלעכע אַרטיקלען איבער היגיענע און געזונט פון דעם איינצלנעם מענטשן ווי אויך איבער דער פאָלקס־געזונטהייט."

און כדי צו דערפילן אָט די אַלע אויפגאַבן וועט „דער לאָנדאָנער יוד" האָבן פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען:

„1. לייט־אַרטיקלען: קורצע פאַרשטענדלעכע באַטראַכטונגען איבער די וויכטיקסטע לעבנס־פראַגן, וואָס אינטערעסירן יעדן יידן; 2. נייעס און פּאָליטיק: וועכנטלעכע אַלגעמיינע און פּאָליטישע נייעס און אויך קורצע באַטראַכטונגען איבער דער פּאָליטישער לאַגע; 3. יידישע נייעס אין ענגלאַנד און אין אויסלאַנד; 4. צייטונגען און זשורנאַלן: אַן איבערבליק איבער אַלע יידישע צייטונגען וועגן פראַגן, וואָס ווערן דאָרט באַהאַנדלט, וועגן מיינונגען וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט, צוזאַמען מיט דער מיינונג פון „לאָנדאָנער יוד" איבער זיי; 5. פאַרבייגייענדיק: אַ קריטישער איבערבליק איבער דאָס יידישע לעבן אין ענגלאַנד; 6. קאָרעספּאָנדענציע פון אינלאַנד און אויסלאַנד; 7. פאָלקס־טריבונע: צושריפטן פון די לעזער; 8. פון געזעלשאַפטלעכן לעבן: קורצע באַריכטן פון אַלע יידישע פאַראיינען וועגן זייערע מיטגלידער און עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען; 9. בעלעטריסטיק: ראָמאַנען, דערציילונגען, לידער און פעליעטאָנען; 10. ארץ־ישראל און ציוניזם אַרטיקלען, מיטטיילונגען און באַריכטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

בריוו און נייעס פון ארץ־ישראל; 11. וויסנשאַפטלעכע אַפּטיילונג: היגי־ענע — געזונטהייט, ריינלעכקייט. נאַטור־וויסנשאַפט, געשיכטע, ביאָגראַ־פיעס א. אַז. וו.; 12. קריטיק: רעצענזיעס, באַטראַכטונגען איבער ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן, באַזונדערס איבער יידישע און העברייאישע; 13. לוח פון פאַרזאַמלונגען: אַ צעטל פון די מיטגעטיילטע פאַרזאַמלונגען און רעדעס פאַר דער קומענדיקער וואָך; 14. אַלערליי פאַרשיידענע, קורצע מיטטיילונגען, נייע דערשינענע ביכער, וויצן, אַנעקדאָטן א. אַז. וו.; 15. בריוו־קאַסטן: ענטפערס אויף אַלע פראַגן פון די לעזער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אויפשטעלן אַט דעם פּראָגראַם איז געווען אַ סך לייכטער ווי אים דורכפירן. לויטן מנהג פון דער יידישער פרעסע אין לאַנ־דאָן האָט אַ צייטונג ניט געדאַרפט האָבן קיין מיטאַרבעטער. עס איז געווען גענוג אַ רעדאַקטאָר מיט אַ שער אויף אויסצושניידן די מאַטעריאַלן פון אַנ־דערע צייטונגען. אַזוי ווי איך האָב עס ניט געוואָלט טאָן און קיין פאָנד מיט וואָס צו צאָלן שרייבער האָב איך ניט געהאַט, האָב איך אַליין אויסגע־פילט כמעט די גאַנצע צייטונג, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַרום 18 זייטן לייען־שטאָף. צוליב דעם האָב איך נאַטירלעך געאַרבעט אונטער פאַרשיי־דענע פסעוודאָנימען: „יחי אמת" (זאָל לעבן דער אמת) פאַר דעם אַנטייל „אין צייטונגען און זשורנאַלן", „קמץ" (קלמן צבי), „ה. ש. בלומעס" (הירשל שרה בלומעס), „ה. שרהזאָן" (הירשל דער זון פון שרהן) און אַנדערע פאַר איבערזעצונגען.

די צוויי הויפּט־איבערגעזעצטע ווערק זיינען געווען די ראָמאַנען: 1) „מאַרטאַ" (מרים) פון עליזא אָרזשעשקאָוואַ, היסטאָרישער ראָמאַן פון דעם יידישן לעבן אין רוים באַלד נאָך דעם חורבן ירושלים; 2) „דמעות עשוקים" (טרערן פון באַרויבטע), קראָקע, 1890, דערציילונג פון דוד ישעיהו זיל־בערבוש, וועלכע שילדערט די ברוטאַלע פאַרפאָלגונג פון דער רומענישער רעגירונג אויף די יידן אין רומעניע אין די אַכציקער יאָרן. דאָרט ווערן באַשריבן אַ גאַנצע רייע געשטאַלטן. פון איין זייט די ברידער בראַטיאַנאָ, באַוואוסטע רעאַקציאָנערן און אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן געשפּילט די ראָל פון „ליבעראַלן", פון דער אַנדער זייט אַ גאַנצע רייע יידישע טוער, די דע־מאָלט יונגטלעכע רעדנער און שרייבער דר. משה גאַסטער, אליהו שוואַרצ־פעלט און אַ סך אַנדערע ערלעכע און געבילדעטע מענטשן, וועלכע נעמען זיך אָן פאַר די יידישע מאַסן, און באַקעמפן די אויסערלעכע וועלט, אַז די רומענישע רעגירונג היט ניט אָפּ דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך צו געבן יידן גלייכע רעכט. דר. גאַסטער ווערט געוואָרנט און צולעצט אַרויסגע־טריבן פון רומעניע.

מיינע ווירקלעכע מיטאַרבעטער אַ חוץ דעם פריער־דערמאָנטן כהן־לאַסק, זיינען געווען מיינע חברים אבערסאָן און דר. וואָרטסמאַן, אין לאָנ־

דאָן; אייב גאָלדבערג, אין ניו־יאָרק; יצחק גאָלדמאַן אין יפו (ארץ־ישראל) און אַנדערע.

צו אונדזער איבערראַשונג דערהאַלטן מיר אַ בריוו פון י. ל. פּרץ, אין וועלכן ער באַגריסט אונדז: ערשטנס, וואָס קיין זאַך איז אין „לאָנדאָנער יוד״ ניט איבערגעדרוקט פון קיין אַנדער צייטונג. צווייטנס, לויבט ער „אונדזער פּראָגראַם״ און לייט־אַרטיקל, וועלכע זיינען אים שטאַרק געפעלן.

אין מיין לייט־אַרטיקל: „וואָס זאָלן מיר דאָ טאָן?״, וועלכן י. ל. פּרץ האָט געלויבט, האָב איך געשילדערט ווי אַזוי יידישע שריי־בער אין לאָנדאָן קריגן זיך: „וועלכעס לאַנד איז בעסער פאַר די יידישע אויסוואַנדערער״? זיי דיסקוטירן היציק: וואוהין זאָלן די היגע יידן עמי־גרירן און עס פאַלט קיינעם גאָר ניט איין זיך צו שטעלן די פראַגע: „וואָס זאָלן מיר דאָ טאָן?״ מיין טענה צו זיי איז: „ניט אַלע יידן אין ענגלאַנד טראַכטן דאָך וועגן אויסוואַנדערן, מאַנכע זיינען דאָ צוגעבונדן דורך זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן, אַנדערע דורך זייערע פאַמיליע אָנגעלעגנהייטן. דאָ זיינען זייערע קינדער, קרובים און פריינט, און אַנדערשוואו וועלן זיי זיין עלנט, איינזאַם און פאַרלאָזן״. דערביי טרעט איך אַרויס קעגן דער מיינונג, אַז אין ענגלאַנד מוזן יידן זיך גאַנץ אַסימילירן. כ׳ווייז אָן אויף אַ גאַנצער רייע פאָזיטיווע אַרבעטן, וועלכע מיר קאָנען און דאַרפן דורכפירן עקאָנאָ־מיש און גייסטיק אין ענגלאַנד, ווי אַזוי אויפצוקלערן די ברייטע מאַסן און צו דערציען דעם נייעם דור יידיש און מענטשלעך צוגלייך; ווי אַזוי צו פאַר־בעסערן און פאַרשענערן אונדזער לעבן מאַטעריעל און קולטורעל אין דעם יידישן ישוב פון ענגלאַנד, פונקט אַזוי ווי מיר האָבן עס געטאָן, און טוען עס נאָך איצט אויך, אין אַלע אונדזערע אַנדערע יידישע ישובים אויף דער וועלט.

דריי עמיגראַציע־שטראָמען האָבן זיך כסדר געצויגן פון רוסלאַנד קיין ענגלאַנד אין דעם ווינטער 1903—1904.

אַחוץ דעם שטענדיקן שטראָם יידישע אויסוואַנדערער, געטריבן פון הונגער און נויט, זיינען אויך געלאָפן די דורך דעם קישינעווער פאָגראָם אָנגעשראָקענע יידן. וואָרעם די העצעס און די פאַרפאָלגונגען פון דעם צאַריזם קעגן זיי האָבן נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט. זינט אָנהויב יאָר 1904 איז נאָך צוגעקומען דער שטראָם פון יוגנטלעכע יידישע אויסוואַנדערער, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אָפּגעבן זייער לעבן אין דער מלחמה קעגן יאַפּאַן, וואוהין דער בלוטיקער צאַרישער שונא האָט זיי געשיקט.

דער אָנגעלאָף פון מאַסן אויסלענדישע יידן אויף לאָנדאָנער גאַסן איז אויסגענוצט געוואָרן פון רעאַקציאָנערע ענגלישע פּאָליטיקער צו וואַרפן אויף די יידישע איינוואַנדערער די שולד פאַר דער אַרבעטסלאָזיקייט אין ענגלאַנד און צו מאַכן זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ליידן פון די אָרימע ענגלישע מאַסן. אָט די העצעס האָבן צוערשט געפירט צו פאַראייניצלטע

אָנפּאַלן אויפן יידישן קוואַרטאַל. נאָר דער שטאַרקער ווידערשטאַנד פון די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן האָט שנעל אָוועקגענומען דעם חשק פון די שלע־גער צו גיין אויף אָט דעם ריזיקאַלישן וועג. דער דאָזיקער מין ענגלענדער איז נאָך ניט געווען דערצויגן פאַר פּאָגראָמען. אים איז נאָך געווען פרעמד די פּאָגראָם־טעכניק פון אַ קישינעוו. דער אויפגעהעצטער ענגלישער קבצן האָט דאַרום צום אַלעם ערשטן גערופן די עמיגראַנטישע יידן אויסצוקעמפן עס מיט קולאַקעס, לויט די כללים און רעגלען פון די אָפּטע גאַסן־געשלעגן צווישן די שיכורים אין די אָרימע לאָנדאָנער קוואַרטאַלן.

די עמיגראַנטישע יידן זיינען אויף דעם ניט געווען גרייט. זיי האָבן צוריקגעשלאָגן יעדן אָנפאַל אויף זייער אייגענעם שטייגער: וואו מען קען און ווי מען קען. די שיכורים האָבן דעריבער זיך געשראָקן אָנצו־הייבן אַ „פּאַיט" אין דעם יידישן קוואַרטאַל. אָרגאַניזירט זיי די רעאַקציע אין אַ פאַרבאַנד פון „בריטישע ברידער" און פירט דורך מיט זיי דעמאָנ־סטראַציעס אויסערהאַלב דער יידישער געטאָ, דורך די זייטיקע גאַסן ביים וואַסער־פראָנט אין דרום־וויטשעפּל. דאָרט האָבן זיי געשריען און געזונגען: „וואַרפט די יידן אין טעמזע"! (דער לאָנדאָנער טייך), נאָר דעם יידישן קוואַרטאַל פון מזרח־לאָנדאָן האָבן זיי אויסגעמיטן.

די דאָזיקע אַנטי־יידישע דעמאָנסטראַציעס זיינען געווען רעגולירט פון „הויכע פּענצטער", וואו באַטיטלטע „דזשענטלמען" האָבן דורכגעפירט אַ באַשטימטע פּאָליטיק. די דאָזיקע פּאָליטיק איז באַשטאַנען אין מאַכן דעם איינדרוק, אַז ניט אַן אויפגעהעצטער „מאָב" (ווילדער המון), נאָר דאָס רו־איקע אַרבעטנדיקע פאָלק פון ענגלאַנד פאַרלאַנגט אָפּצושטעלן די מאַסן־אימיגראַציע פון פרעמדע אויסלענדער, „אָוועקצונעמען דעם ביסן ברויט פון די אַרבעטנדיקע ענגלישע מאַסן". די רעגירונג, וועלכע באַשטייט פּאַקטיש פון פּריצים, באַנקירן און פאַבריקאַנטן, וועט זיך, הייסט עס, דאַרום אָננעמען די קריוודע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און „דורכפירן דעם ווילן פון דעם ענגלישן פאָלק."

זי האָט עס טאַקע אויך דורכגעפירט צירלעך־מאַנירלעך: אָוועקגעזעצט אַ קאָמיסיע פון חשובע גבירים און מיוחסדיקע לאָרדן; גערופן עפנטלעכע פאַרהערן; אויסגעהערט אויך דעם פּראָמינענטן יידישן וואָרטזאָגער אין ענגלאַנד, דעם מיליאָנער לאָרד ראָטשילד. די פּריציש־גבירישע „פרעמדן־קאָמיסיע" איז געגאַנגען נאָך ווייטער און צוגעלאָזן צום פאַרהער אפילו אַן אויסלענדישן יידן, דר. הערצל: אָפיציעל, — ווייל ער איז אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פון אַן אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס, און ניט־אָפיציעל, — ווייל מען קען דערביי דערציילן די גוטסקייט פון טשעמבערלעינס רעגי־רונג אָנצובאָטן די אָרימע רוסישע יידן אַן אייגענע מדינה אין מזרח־אַפריקע.

אומזיסט האָט דר. הערצל געטענהט, אַז פאַר דער יידישער מאַסן־עמיגראַציע איז פאַראַנטוואָרטלעך די צאַרישע רעגירונג מיט אירע אויס־

נאָם־געזעצן, גירושים און פּאָגראָמען. די ענגלישע רעגירונג דאַרף דעריי־בער עפּעס טאָן דערצו אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. „אַז איר גע־פינט אַ געהאַרגעטן מענטשן אויף אַ לאָנדאָנער גאַס — האָט ער אַרגומענ־טירט — קאָנט איר זיך דאָך ניט באַנוגענען בלויז מיט אָוועקנעמען פון דאָרט דעם טויטן קערפּער און אָפּוואַשן זיין בלוט. איר דאַרפט דאָך אויך אויספאָרשן: ווער עס האָט אים דערמאָרדעט?"

נאָך שטאַרקערע טענות קעגן דער ענגלישער רעגירונג האָבן אַרויס־געשטעלט אַ רייע פּראָגרעסיווע יידן און ענגלענדער, נאָר די בריטישע „פרעמדן־קאָמיסיע" האָט שוין געהאַט פאַראויס באַשטימט איר אורטייל. די זעלביקע הענט, וועלכע האָבן צוגעגרייט די קינסטלעכע געריכטס־דע־קאָראַציע, די דעמאָנסטראַציעס פון די „בריטישע ברידער", האָבן אויך דורכגעפירט דעם „עיליען ביל" (פרעמדן־געזעץ) צו באַשרענקען שטאַרק די עמיגראַציע קיין ענגלאַנד פון פאַרפאָלגטע יידן.

די עמיגראַנטישע באַפעלקערונג אין לאָנדאָן ווערט קלענער — ניט בלויז דורך דעם איינוואָנדערונגס־געזעץ, נאָר פיל מער דורך דער אַרבעטס־לאָזיקייט אין ענגלאַנד און דורך דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ צווישן די שיף־קאָמפּאַניעס. די דאָזיקע קאָנקורענץ רעדוצירט דעמאָלט דעם פּרייז פון אַ שיפסקאַרטע פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק ביז 2 פונט (אַרום 10 דאָלאַר) און ווער עס קען זיך נאָר איינשאַפן די דאָזיקע סומע, וואַנדערט אויס פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע.

⁂

דאָס פריער־דערמאָנטע וואָכנבלאַט „דער לאָנדאָנער יוד", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 19־טן פעברואַר 1904 אונטער מיין רעדאַקציע, איז אַרויס אין פאָרמאַט פון דעם דעמאָלט וועלט־באַרימטן ענגלישן וואָכנ־בלאַט „דזשוּאיש קראָניקל", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די ענגלישע „יאַהודים". עס האָט געהאַלטן 24 זייטן, פון וועלכע 6 זייטן זיינען געווען פאַרנומען מיט אַנאָנסן. פון די איבעריקע 18 זייטן לייען־שטאָף זיינען כמעט אַ העלפט געווען אָפּגעגעבן מיט יידישע און אַלגעמיינע נייעס פון לאָנדאָן און פון לאַנד, ווי אויך פון אַנדערע לענדער.

אַ גאָר היפשן פּלאַץ האָבן דאָרט פאַרנומען די מלחמה־נייעס. מיר האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט איבערזעצן די אָפיציעלע טעלעגראַמעס, נאָר שטודירט די מלחמה־פראָנטן אויף די ריזיקע לאַנד־קאַרטן אין לאָנדאָנער ביבליאָטעקן, וואו די מאַפּעס זיינען געווען אילוסטריט מיט פיל קאָלירטע שפּילקעס, וואָס האָבן געגעבן אַ קלאָרן באַגריף גענוי ווי יעדער פראָנט זעט אויס, ווער עס געווינט און ווער עס פאַרלירט. מיר האָבן אויך געלייענט אויפמערקזאַם די אָפּשאַצונגען פון די אָנערקענטסטע סטראַטעגן פון ענגלאַנד און פון אויסלאַנד און אינפאָרמירט וועגן דעם גענוי אונדזערע לייענער.

אין דער דאָזיקער מלחמה זיינען די יידן געווען אַ צד. אַלע עמיגראַנ־טישע יידן און אפילו אַ היפּשער טייל איינגעבאָרענע אין לאָנדאָן, ווי אין ענגלאַנד בכלל, האָבן געוואונטשן די מפּלה פון דער צאַרישער רעגירונג. בפרט, אַז קעגן איר זיינען געווען כמעט אַלע דעמאָלט־באַרימטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועמעס נעמען עס האָבן צו אונדז דערגרייכט, צו די ברייטע יידישע מאַסן.

די יידיש־ריידנדיקע סאָציאַליסטן אין לאָנדאָן האָבן צירקולירט אַן אַרטיקל פון דעם רוסישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן טעאָרעטיקער אין אויס־לאַנד, פּלעכאַנאָוו, אין יידישער איבערזעצונג, אַז די וויכטיקסטע פראַגע פאַרן רוסישן פאָלק איז דער קאַמף קעגן צאַריזם און מען דאַרף זיך דערוי־בער קאָנצענטרירן אויף אַט דעם פּונקט, כדי צו פאַראייניקן אַלע כחות אין רוסלאַנד קעגן דעם הויפּט־שונא, דעם צאַריזם.

פערזענלעך האָב איך געהאַט וועגן דער מלחמה נאָך אַ שטאַנדפּונקט, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון מיין דעמאָלטיקער ליבלינגס־אידייע: דער רענעסאַנס פון מערב־אַזיע. צוליב דעם מערב פון אַזיע האָב איך אויך סימ־פּאַטיזירט מיט אַנדערע טיילן פון אַזיאַטישן קאָנטינענט. איך גריבל זיך דעמאָלט אַ סך אין יענע זשורנאַלן, וועלכע ברענגען אינפאָרמאַציע און דרוקן איבער אַרטיקלען וועגן רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, געשריבן פון אַנדערע אַזיאַטישע פעלקער.

אין מיינעם אַן אַרטיקל אין „לאָנדאָנער יוד" וועגן דעם אונטערן נאָמען „די ווייסע געפאַר אין מזרח־אַזיע" האָב איך דעמאָלט איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון אַ רייע אַרטיקלען אין אַזיאַטישע צייטונגען, וואו אַלע קאַפּי־טאַליסטישע לענדער פון איראָפּע זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס די „ווייסע געפאַר", וועלכע דראָעט צו פאַרשקלאַפן און אומצוברענגען די אַזיאַטישע פעלקער. די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה איז דאָרום פאַר אַט די צייטונגען ניט געווען קיין קריג צווישן צוויי מלוכות, נאָר צווישן צוויי ראַסן — ווייסע און געלע, און צווישן צוויי קאָנטינענטן, — איראָפּע און אַזיע. זיי דערקלערן דאָרט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע ווייסע ראַסע אין איראָפּע האָט שוין פאַר־שקלאַפט כמעט די גאַנצע דרויסנדיקע וועלט, און יאַפּאַן קעמפט דאָרום קעגן איר פאַר אַלע ניט ווייס־הויטיקע מענטשן. איך ברענג אויך אין מיין אַרטיקל ציטאַטן פון אַגעזעענע צייטונגען אין אינדיע און טערקיי, אין וועל־כע זיי רימען דאָרט יאַפּאַן דערפאַר, וואָס זי גיט די איראָפּייאישע אימפּע־ריעס אַ לעקציע, אַז די פעלקער פון אַזיע קענען שלאָגן צוריק און עס וועט ניט בעמען לאַנג ביז וואַנעט אַזיע וועט ווערן פריי פון דעם איראָפּייאישן יאָך. דער ווייס־הויטיקער איראָפּייער וועט זיך דעמאָלט איבערצייגן, אַז ער איז ניט פייאיקער און ניט מער יחסן פון דעם געל־הויטיקן מענטשן אין אַזיע. קורץ, לויט דער מיינונג פון די אַזיאַטישע צייטונגען האָט יאַפּאַן דע־

מאַלט געקעמפט ניט בלויז פאַר זיך, נאָר פאַר גאַנץ אַזיע און אפילו פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

***

קיין אַנדע צייטונג אין ענגלאַנד איז ניט געווען אַזוי אינפאָרמירט ווי „דער לאָנדאָנער יוד" וועגן דער אַזוי־גערופענער „יידישער מלחמה" צווישן ציוניסטן און אוגאַנדיסטן. יענע צייטונגען האָבן נאָר געקראָגן דעם אָפיציעלן שטאַנדפונקט פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט. דער „לאָנדאָנער יוד" איז אָבער געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג מיט אַזוינע פירער פון דער אָפּאָזיציע ווי אינזשעניער אוסישקין אין יעקאַטערינאָסלאַוו, דר. יחיאל טשלענאָוו אין מאָסקווע און אַנדערע פּראָמינענטע רוסלענדער ציוניסטן, ווי אויך דר. חיים ווייצמאַן און זיינע חברים אין מערב־אייראָפּע און דר. גאַסטער אין ענגלאַנד. דער לעצטער האָט מיר פּערזענלעך כסדר מינדלעך אינפאָרמירט פון אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין די אָפיציעלע פאַרהאַנדלונגען וועגן דער געפּלאַנטער קאָלאָניזאַציע אין אוגאַנדע.

ווען דר. חיים ווייצמאַן קומט אַריבער אין 1904 קיין ענגלאַנד, צוערשט אין לאָנדאָן, וואו ער וואוינט ביי מיין חבר דעם פּראָפעסאָר מוניץ אין וויטשעפּל און שפּעטער אין מאַנטשעסטער, וואו ער אַרבעט אַלס כעמיקער אין דער פאַרבן־פאַבריק פון דר. טשאַרלס דרייפוס, טרעפן מיר זיך ביידע זייער אָפט אין דר. גאַסטערס הויז „מצפה", אין מערב־לאָנדאָן, וואו מיר דיסקוטירן די אַנגעלעגנהייטן פון דער אָפּאָזיציע צום אָפיציעלן ציוניזם און באַזונדער צו זיינע אוגאַנדיסטישע פּלענער. ווען איך באַזוך דר. גאַסטערן אַליין, אָן דר. ווייצמאַנען, דיסקוטירט דר. גאַסטער מיט מיר אויך ספּעציעלע יידישע ענינים פון ענגלאַנד און לאָנדאָן, וועלכע פּלעגן ווערן באַהאַנדלט אין „לאָנדאָנער יוד". דר. גאַסטער פּלעגט דעמאָלט אויך שמועסן מיט מיר וועגן זיינע פאָרשונגען אין יידישע געשיכטלעכע ענינים. ער פּלעגט מיך אַרויפנעמען אויפן צווייטן עטאַזש אין זיין גרויסער און הויכער ביבליאָטעק, וואָס איז געווען פון אויבן ביז אונטן פול מיט ביכער און מאַנוסקריפּטן און צו וועלכער מען פּלעגט דאַרפן צו די הויכע פּאָליצעס צוקומען מיט לייטערס. ער פּלעגט אַליין פאָטאָגראַפירן אַלטע מאַנוסקריפּטן און אַליין אויסאַרבעטן די פאַקסימיליעס פאַר זיינע געפּלאַנטע ווערק. ער האָט דערביי תמיד געטראָגן אַ טערקישן פעץ און דאָס רויטע מיץ האָט זיך געפּאַסט צו זיין פּיינעם פּנים מיט דער שוואַרצער באָרד.

דר. ווייצמאַן איבערראַשט מיך איינמאָל אין יענער צייט מיט זיינעם אַ פאָרשלאָג, וואָס איך האָב פון אים — אַ בירגערלעכן אינטעליגענט — קיינמאָל ניט דערוואַרט. ער שלאָגט מיר פאָר, אַז מיר זאָלן איינפירן פאַר אונדז ביידן אַ „קאָמונע"... און מיר זאָלן זיך ביידע טיילן מיט אונדזערע

פאַרדינסטן און אויסגאַבן... איך האָב אים דערקלערט, אַז אַזוינס קען ניט מעגלעך זיין אונטער אונדזערע אומשטענדן, ווען מיר האָבן ניט קיין גלייכע הכנסות און קיין גלייכע הוצאות. איך וויז אים אויך אָן, אַז צוליב דעם, וואָס ער איז נאָך דעמאָלט ניט געווען פאַרהייראַט און איך האָב שוין געהאַט אַ ווייב און קינד, איז אַ קאָמונע צווישן אונדז ביידן בכלל ניט פּראַקטיש.

קאַפּיטל הונדערט און פערציק

מיינע מיטאַרבעטער מ. מ. אוסישקין און דר. משה גאַסטער

צווישן מיינע מיטהעלפער אין דעם וואָכנבלאַט „דער לאָנדאָנער יוד", זיינען געווען באַזונדערס טעטיק דער אינזשיניער מ. מ. אוסישקין פון רוס־לאַנד און דער ספרדישער חכם (כאכאם) דר. משה גאַסטער פון ענגלאַנד.

אינזשיניער אוסישקין, דער אָנפירער פון דער דעמאָלט באַרימטער „כאַרקאָווער" אָפּאָזיציע פון רוסלענדער ציוניסטן קעגן די מערב־אייראָ־פּיאישע אונטער דר. הערצל, איז פרייוויליק געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „לאָנדאָנער יוד". זיין אינטערעס אין אָט דעם וואָכנבלאַט איז געווען צו־ליב דעם, וואָס די דאָזיקע צייטונג איז געווען דער אייציקער אויסדרוק פון דער כאַרקאָווער אָפּאָזיציע אין ענגלאַנד, — די פעסטונג פון דעם אָפּי־ציעלן ציוניזם, וואָס פאַרהאַנדלט דעמאָלט מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע פון יידן אין בריטישער מזרח־אַפריקע, אין דער טעריטאָריע אוגאַנדע. אינזשיניער אוסישקין פלעגט דעריבער פון מיר כסדר פאַרלאַנגען אינפאָרמאַציעס וועגן די אוגאַנדיסטישע פּלענער אין ענגלאַנד און מיר צושיקן דערקלערונגען און אַרטיקלען צו פאַרעפנטלעכן אין דעם „לאָנדאָנער יוד". ער פלעגט אויך צייטנווייז שרייבן דירעקט אַר־טיקלען פאַר דער דאָזיקער צייטונג לכבוד יידישע יום־טובים, וועלכע ער האָט באַנוצט אַלס פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. אָט זיינען עטלעכע מוסטערן פון אוסישקינס פערזענלעכע בריוו צו מיר פון יענער צייט (1904), וועלכע איך איבערזעץ דאָ פון העברייאיש:

„איך בין איצט דער אָנפירער פון דעם מרכז (מערקאַז — צענטער) פאַר די ציוניסטן אין רוסלאַנד און איך גרייט צו דעם „קומענדיקן טאָג", ווען דער זיג וועט זיין אונדזערער — דער זיג פון ארץ ישראל איבער אַפריקע, — דער זיג פון נאַציאָנאַליזם איבער דער פאַלשער פילאַנ־טראָפּיע, דער זיג פון דער א מ ת ע ר אָרגאַניזאַציע איבער די פעסט־

געשטעלטע געזעצן פון „ל'עטאַ ס'עי מואַ" *) ווי עס פירט זיך איצט ביי אונדז...

„אין אַ חודש פאַר איך קיין אויסלאַנד: קיין ווין, זיך צו דער־וויסן די געדאַנקען פון דעם אַקציאָנס־קאָמיטעט איבער דער ווייטע־רער ציוניסטישער פּאָליטיק. קיין בערלין, וואו איך וועל לייענען אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער יוגנטלעכער (דעמאָקראַטישער) פראַקציע אַ רעפעראַט איבער דער אַרבעט אין ארץ־ישראל. קיין פּאַריז, כדי אָפּ־צוגעבן פאַר די מיטגלידער פון דער ייק"א אַ באַריכט פון מיין אַרבעט אין ארץ־ישראל, און מעגלעך, אַז איך וועל אויך אַריינפאָרן קיין לאָנדאָן, אויב עס וועט זיין נויטיק. פאַרלויפיק וועט צו אייך אַריבערקומען איי־נער פון מיינע תלמידים אין ציוניזם — דער סטודענט מאָסינזאָן פון בערן. ער וועט ריידן, ניט פאַרשטעלט, מיט די וואָס זיינען פאַר אַפריקע — ער איז אַן אויסגעצייכנטער רעדנער אויף זשאַרגאָן און וועט זיך ניט שרעקן צו ריידן — ניט פאַר זאַנגווילן און ניט פאַר גרינבערגן**).

„אויף ווייטער שטייט מיט מיר אין שטענדיקער שריפטלעכער פאַר־בינדונג. שיקט מיר אויך אייער אויסגאַבע, (די אַנדערע) לאָנדאָנער צייטונגען וועט איר מיר שיקן, אויב דאָרט וועט זיין עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז מיר נויטיק צו וויסן, לויט אייער מיינונג. גלייכצייטיק בין איך אויך גרייט צו ענטפערן אויף אַלע אייערע פראַגן, וואָס איר וועט מיר שטעלן."

ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, וואו ער שיקט מיר צו אַן אָפענעם בריוו צו פאַרעפנטלעכן (אין יידישער איבערזעצונג) אין „לאָנדאָנער יוד" שיקט ער מיר צוגלייך אויך אַ פּריוואַטן בריוו. אין דעם פּריוואַטן בריוו טיילט ער מיר מיט, אַז ער פאָרט נאָך פּסח קיין ווין, און גיט מיר אָן דעם אַדרעס פון אַ ווינער האָטעל, וואוהין איך זאָל אים שרייבן. דערביי טיילט ער מיר אויך מיט, אַז ער צווייפלט שטאַרק צי די ציוניסטישע קאָנפערענץ אין ווין וועט ברענגען פרידן. ער דערקלערט עס אַזוי:

„אויב עס וועט גיין די עקספּעדיציע קיין אוגאַנדע, וועט דער קריג ביי אונדז זיך נאָך פאַרשטאַרקן און פאַנאַנדערפלאַקערן. איר דאַרפט וויסן אַז די מיינונג פון דער מערהייט אָרגאַניזאַציעס דאָ אין רוסלאַנד איז אויף אונדזער זייט. אויך אין אָדעס און אין וואַרשע געפינען זיך ענטוזיאַסטישע ארץ־ישראל ציוניסטן, וואָס האָבן קיין מורא ניט צו

---

*) די מלוכה דאָס בין איך (אַן אַנדייט אויף דר. הערצלס אויטאָקראַטיע).

**) דר. הערצלס פאַרטרעטער אין די פאַרהאַנדלונגען מיט דער ענגלי־שער רעגירונג.

זאָגן, אַז הערצל דאַרף פאַרלאָזן זיין פּלאַץ, אויב ער וועט ניט צושטימען אויף די פאָדערונגען פון כאַרקאָוו.

„שיקט מיר אַרויס קיין ווין אַלע נומערן פון דעם „לאָנדאָנער יוד". לאָמיר זען וואָס עס שטייט דאָרט געשריבן. לאָזט מיר אויך וויסן בכלל אַלץ, וואָס עס איז מיר נויטיק צו וויסן, לויט אייער מיינונג, וועגן לאָנ־דאָנער אָנגעלעגנהייטן אין דער צייט פון דער קאָנפערענץ."

אין זיין ענטפער־בריוו, אין וועלכן ער באַגריסט דעם „לאָנדאָנער יוד", אַטאַקירט אוסישקין זייער שאַרף די אוגאַנדיסטן, וועלכע ער שטעמפּלט פאַר פאַלשע און ניט־ערלעכע. ער האַלט, אַז זיי האָבן קיין מוט ניט צו זאָגן, אַז זיי האָבן פאַרראַטן, אָדער זיינען אַנטוישט מיטן ציוניזם און ווילן אים פאַרבייטן אויף טעריטאָריאַליזם, און זיי וויקלען זיך אַרום מיט דער ציוניסטישער פאָן בלויז כדי צו פאַרדעקן זייערע אַנטי־ציוניסטישע כוונות... און אַז עס קומען די וואָס פאַרשטייען דאָס און רייסן אַרונטער די מאַסקע פון זייערע פּנימער, דערקלערן זיי יענע — אַלטע לאַנגיאָריקע איבערגעגעבענע ציוניסטישע פירער — פאַר פאַררעטער... און אוסישקין פאַרענדיקט דעם דאָזיקן בריוו אַזוי:

„אַלע זידלערייען וועלן אונדז ניט אָפּשרעקן. אויך רעספּעקט פאַר הערצלען און זיין גרויסקייט איז נאָר אַזוי לאַנג ווי ער שטייט אויפן ציוניסטישן באַזיס. אין דעם מאָמענט אָבער וואָס ער וועט פאַרלאָזן דעם באַזיס און זוכן פאַרשיידענע נאַכט־אַזילן, פאַרלירט ער זיין קראַפט און ער בלייבט נאָר יענער הערצל, וואָס איז געווען באַקאַנט בלויז אַלס פעליעטאָניסט, אָבער ניט אַלס פירער פון אַ נאַציאָנאַלער באַוועגונג".

נאָך דער קאָנפערענץ מאַכט אוסישקין אַ קליינעם אָרגאַניזאַציע־טור און ער שרייבט מיר זיינע איינדרוקן פון דער קאָנפערענץ און די אויס־זיכטן פון זיין טור. ער שרייבט מיר, אַז פון 7־טן ביזן 10־טן מאַי וועט ער זיין אין יעקאַטערינאָסלאַוו (וואו ער האָט אין יענער צייט געוואוינט) און בעט מיך צו שרייבן אַהין, וואָס עס הערט זיך אין לאָנדאָן און, אויב איך קען, זאָל איך אים שיקן דעם „לאָנדאָנער יוד" אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל עס קריגן ניט צענזורירט...

די לערער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם „לאָנדאָנער יוד" מיט אַ היפּשן דעפיציט, האָט געגלויבט, אַז זי איז באַרעכטיקט צו אַ סוב־סידיע פון דער כאַרקאָווער אָפּאָזיציע, וועמעס מיינונגען דער „לאָנדאָנער יוד" פאַרטרעט. זי האָט אויך ענדלעך אַרויסגעשטעלט אַזאַ פאָדערונג און איך האָב עס מיטגעטיילט אוסישקינען. זיין ענטפער איז געווען, אַז קיין געלט האָבן זיי ניט, די כאַרקאָווער, ווייל פאַרלויפיק איז זייער קאַסע אַבסאָלוט ליידיק... די אַרויסגעבער פון דעם „לאָנדאָנער יוד" זוכן דעמאָלט צו שאַפן מיטלען אויף אַנדערע וועגן און מאַכן אַזוינע ענדערונגען, אויף וועלכע

איך בין ניט מסכים. איך רעזיגניר דעריבער פון מיין רעדאַקטאָר־אַמט. מ. אוסישקין איז דערפון געווען שטאַרק אומצופרידן. ער שרייבט מיר וועגן דעם אין זיין בריוו פון 15־טן מאַי, 1904:

„עס פאַרדריסט מיר שטאַרק, וואָס איר האָט פאַרלאָזן דעם „לאָנדאָנער יוד" אין אַזאַ צייט... בפרט, אַז מיר האָבן באַשלאָסן אים צו העלפן מיט 200 רובל, ווי דר. ווייצמאַן האָט שוין אייך געשריבן. איז מעגלעך, אַז איר זאָלט אַריינגיין צוריק אין „יוד"? — צו אייער קליינער מחנה איז איצט צוגעקומען דר. וואָרטסמאַן און אינגיכן וועט אויך קומען דר. ווייצמאַן".

צוריק אין „לאָנדאָנער יוד" בין איך ניט אַריין. אַ געוויסע צייט האָב איך געגעבן שטונדן און שפּעטער בין איך אַוועק אַרבעטן אין אַ האָלץ־פאַבריק אַלס אַ „מאָלדער" (מאָדעלירער פון געזימסן) און איך בין געווען כסדר אין שרעק ניט צו פאַרלירן מיינע פינגער ביי דער מאָדעליר־מאַשין, ווי אַ סך אַנדערע אַרבעטער דאָרט... דעם 1־טן יולי, 1904, צוויי טעג פאַר דר. הערצלס טויט, האָבן מיר, עטלעכע פרעזאָן, מיט אונדזערע אייגענע קליינע מיטלען אַרויסגעגעבן אַ פּראָבע־נומער פון אַ נייעם וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „יידישע פרייהייט". אוסישקין האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט זייענדיק אין אַ רעזאָרט אין בייערן. ער בעט מיך איך זאָל עס אים אַהין שיקן; ער שרייבט מיר נאָכדעם, אַז דאָס דאָזיקע בלעטל איז שוין צו פיל איינגעדאָרט... און כאָטש ער איז צופרידן צו געפינען אין דער „יידישע פרייהייט" „געשמאַק און אמת", באַדויערט ער, אוסישקין, וואָס „דער סטיל איז ניט ריין יידיש. פאַראַן דאָרט צופיל גערמאַניזמען און אַנגליציזמען און אַ סך ווערטער עס ניט פאַרשטיין."

דעם דאָזיקן איינדרוק האָט אוסישקין געקראָגן צוליב אַ פעליעטאָן פון דעם פריער־דערמאָנטן הומאָריסט, וויליאַם פּויזניאַק, קעגן די אַנגליזירטע אוגאַנדיסטן אויף דער פּראָווינץ, וועמעס פאַרענגלישטן יידיש ער האָט אין זייערע דיאַלאָגן איבערגעגעבן גענוי ווי זיי האָבן דעמאָלט גערעדט.

פּילזייטיקער, כאָטש מער אינדירעקט (און בלויז מינדלעך, דורך באַראַטונגען מיט מיר) איז געווען די מיטאַרבעטערשאַפט פון דר. משה גאַסטער. ער פלעגט זיך אויך אינטערעסירן וועגן די אַלגעמיינע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָנגעלעגנהייטן אין ענגלאַנד בכלל און אין לאָנדאָן בפרט, ווי אויך אין אַלע אַנדערע ענגלישע שטעט און קאָלאָניעס.

דר. משה גאַסטער איז ניט געווען אַזוי קעמפעריש קעגן דר. הערצל ווי אוסישקין. ער האָט אָבער כסדר אונטערגעשטראָכן דר. הערצלס דיפּלאָמאַטישע טעותן. ער פלעגט מיך אַוועקזעצן אויף דעם שטול, אויף וועלכן דר. הערצל איז געזעסן אין זיין, דר. גאַסטערס, הויז און מיר אָנווייזן: „איך

זעט, דאָ אַנטקעגן איז געזעסן קלאָוד מאָנטעפיאָרע *). ער איז געקומען מיט די בעסטע אַבזיכטן (איך האָב אים גוט צוגעגרייט דערצו). דר. הערצל אָבער איז געווען ניט טאַקטיש. ער האָט מאָנטעפיאָרען אַזוי אַנטאַגאָניזירט, אַז יענער האָט שוין מער מיט אים זיך ניט געוואָלט טרעפן״...

אַזוי פלעגט דר. גאַסטער אויסרעכענען פאַר מיר אַ גאַנצן צעטל טעותן, וואָס דר. הערצל האָט געמאַכט אין לאָנדאָן, און צוגעבן, אַז אין אַנדערע לענדער איז הערצלס דיפּלאָמאַטיע ניט געווען בעסער. דער אויספיר איז געווען, אַז ער, דר. גאַסטער, האָט טאַקע צוליב דעם פאָרגעשלאָגן, אויף די ערשטע קאָנגרעסן, אַז דר. הערצל זאָל ניט זיין דער שטענדיקער פּרעזידענט... יענער אָבער האָט זיך געשראָקן, אַז דר. גאַסטער זאָל ניט פאַרנעמען דעם פּרעזידענט-אַמט און אויפטאָן מער, האָט דר. הערצל אים אָנגעהויבן צו באַקעמפן. דאָך איז ער נאָך אַלץ גרייט צו העלפן דעם דר. הערצל, אָבער עס פאַרשטייט זיך, ניט אין אַזויגע אַוואַנטורעס ווי דער אוגאַנדע-פּלאַן.

וועגן זיינע אייגענע דיפּלאָמאַטישע אָדער שטאַטסמענישע פיייקייטן האָט דר. גאַסטער קיין מאָל ניט גערעדט. ער האָט ליבער זיך גערימט מיט זיין טאַטן, אַ געוועזענער קאָנסול, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן אַ שווערד און אויסצייכענונגען פון אַ הויכן רעגירונגס-באַאַמטן.

ווען איך האָב אָבער דר. גאַסטערן דערמאָנט וועגן זיין אייגענער פאַרזענלעכער ראָל אַלס יוגנטלעכער רעדנער אין קעניגלעכן הויף פון רומעניע (ווי איך האָב וועגן דעם געלייענט נאָך ייִנגלווייז אין דער העברייִשער פּרעסע) און וועגן זיין מוטיקן קאַמף פאַר גלייכע רעכט פון יידן אין רומעניע, וואָס ווערט באַשריבן אויספירלעך אין דעם ראָמאַן „בלוט און טרערן״ פון דוד ישעיה זילבערבוש, וואָס איך האָב פריי איבערגעזעצט פאַרן „לאָנדאָנער יוד״ האָט דר. גאַסטער גאָרניט באַמערקט דערצו. ביי אַן אַנדער געלעגנהייט אָבער האָט ער זיך געוויצלט ווי אַזוי דער אַנטיסעמיטישער רומענישער מיניסטער בראַטיאַנאָ, וועלכער האָט אים אַרויסגעטריבן פון רומעניע, אַלס אַן אַנטי-מלוכהשן עלעמענט (פאַר גאַסטערס אָנקלאָגן די רומענישע מלוכה אין ניט אָפּהיטן איר צוזאָג צו געבן די רומענישע יידן גלייכע רעכט), איז אים נאָכגעלאָפן אין בערלין און אים געבעטן קומען אין זיין אַלט פאָטערלאַנד, וואו די מלוכה וויל אים אויפנעמען מיט גרויס כבוד...

די מעשה איז געווען אַזוי: די בערלינער אַקאַדעמיע האָט געפייערט איר 200-יאָריקן יובילי זינט איר גרינדונג. זי האָט איינגעלאַדן אַלע באַדייטנדיקע וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן פון דער וועלט. „די ראָיאַל סאָסייעטי״ (קיניגלעכע געזעלשאַפט פון ענגלאַנד) האָט געשיקט אַלס דעלעגאַט

---

*) הויך אָנגעזעענער ענגליש-יידישער אַריסטאָקראַט און רעליגיעזער רעפאָרמער.

דעם דר. משה גאַסטער. אַלס איר פֿאָרשטייער איז דר. גאַסטער דאָרט געווען דער אַנגעזעענסטער דעלעגאַט. בעת אויף דעם רומענישן דעלעגאַט דעם מיניסטער בראַטיאַנאַ האָט זיך קיינער דאָרט ניט אומגעקוקט. יענער זוכט דעריבער צו געווינען פּרעסטיזש דורך ווערן פֿאַרגעשטעלט פֿאַר דעם פֿריערדיקן רומעניש־יידישן פּאָליטישן עמיגראַנט און מאַטערט זיך פֿועלן ביי דר. גאַסטערן, אַז ער זאָל באַזוכן רומעניע אַלס גאַסט פֿון איר קיניג. דר. גאַסטער האָט זיך דערביי פֿאַר מיר פֿאַרענטפֿערט, אַז ער האָט אָנגענומען די דאָזיקע איינלאַדונג בלויז צוליב דעם, ער זאָל קענען דורכפֿירן ביי דער רומענישער רעגירונג געוויסע טובֿות פֿאַר די רומענישע יידן...

גרונטאָווע ענדערונגען אין דער לאָנדאָנער געטאָ מערק איך באַזונדערס אין די יאָרן 1904 און 1905. זיי קומען פֿאָר צוליב דער פֿריער־דערמאָנטער קאָנפֿערענץ צווישן די שיף־קאָמפּאַניעס, וועלכע פֿירן עמיגראַנטן פֿון אייראָפּע קיין אַמעריקע. די יידישע עמיגראַנטישע באַפֿעלקערונג אין ענגלאַנד, באַזונדערס אין לאָנדאָן, האַלט זיך דעמאָלט כּסדר אין ענדערן. צוליב דעם ענדערן זיך אויך נאָכאַנאַנד די לייענער פֿון מיין וואָכנבלאַט „דער לאָנדאָנער יוד" און די צוהערער פֿון מיינע לעקציעס, רעדעס און דיסקוסיעס.

פֿון לאָנדאָן און לידז פֿאָרט אויך אַוועק אַ היפּשער טייל פֿון דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער יידישער יוגנט, מיט וועלכער איך אַרבעט צוזאַמען זינט דעם פֿרילינג 1901, ווען מיין משפּחה ברענגט מיך אַריבער קיין ענגלאַנד, נאָכן טויט פֿון דער אַלטער קיניגן וויקטאָריע, צו זען די פּאַראַדן ביי דער קרוינונג פֿון איר זון, עדוואַרד דער 7־טער.

אין 1904—1905 פֿאָרן אויך אַוועק פֿון ענגלאַנד קיין אַמעריקע אַ רייע מיינע באַקאַנטע אַנאַרכיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און בונדיסטן. צווישן די לעצטע אויך הלל דער „לאַזורניק" (הלל כּץ), מיין עלטסטער ווילנער חבֿר פֿון דער „אַרבעטער אָפּאָזיציע" פֿון דער גרופּע „יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" פֿון 1894.

איבער די דעמאָלטיקע ביליקע שיפֿסקאַרטעס קיין אַמעריקע פֿאַרלאָזן ענגלאַנד אויך מיינע סאַמע נאָענטסטע חבֿרים: דער בייטל־מאַכער דובֿ־בער אַבערסאָן (אין אַמעריקע אַ פֿאָלקס־רעדנער און צייטונג־שרייבער); דער אינטעליגענטער פֿרעסער אורי מוניק, וועלכער שטאַרבט דאָרט פֿון שווינדזוכט; דער זייגערמאַכער יהודה־לייב כּהן, וועלכער ווערט אין אַמעריקע אַ מעצענאַט און פֿאַרלעגער פֿון גוטער יידישער ליטעראַטור און אַנטוויקלט זיך דאָרט אויך אין איינעם פֿון די באַדייטנדיקסטע יידישע פֿאָלקלאָריסטן; דער יוגנטלעכער בוכהאַלטער וויליאַם פֿויזניאַק, וועלכער ווערט אַ פּאָפּולערער זשורנאַליסט אין דער מיטל־וועסט; דער פֿאַבריק־אַרבעטער אבֿרהם מאַלין, וועלכער ווערט אַ טיכטיקער פֿאַרמער אין דאַקאָטאַ; אַ גאַנצע רייע

שאַפּ־אַרבעטער, און אַנדערע מינים פּראָלעטאַריער, וועלכע בלייבן ביי זייערע מלאכות אויך אין אַמעריקע, אָדער גייען דאָרט איבער צו אַנדערע באַשעפטיקונגען, ווי לייב הוטניק, מאַקס פּאָלאַק, די ברידער פּיראַטינסקי, יעקב באַבראָוויטש, אברהם מאַרקס, א. סוכאָוואָלסקי און מאַסן אַנדערע, צווישן זיי אויך מיין דעמאָלטיקער נאָענטער פריינט פון לידז, יואל ראָזאָוו־סקי, וועלכער ווערט שפּעטער דער סעקרעטאַר פון דער אַמעריקאַנער פּאַר־טיי פּועלי־ציון.

די לאָנדאָנער, לידזער און אַנדערע עמיגראַנטישע יידישע קוואַרטאַלן אין ענגלאַנד בלייבן אָבער ניט פּוסט. זיי ווערן תיכף אָנגעפּילט מיט נייע יידישע עמיגראַנטן, וועלכע ליפערן נייע יידישע לייענער און אויך אויפ־מערקזאַמע צוהערער פון לעקציעס, רעדעס און דיסקוסיעס און אפילו אויך בריוו־שרייבער אין צייטונגען און אין אונדזער פּראַגע־קעסטל אונטערן נאָמען „נחס קאַסטן״. איך באַקום אויך צווישן זיי אַ רייע נייע נאָענטע חברים און פריינט:

דער יוגנטלעכער בעקער־אַרבעטער, ראובן קענדזשערסקי, דער שפּע־טערדיקער פּועלי ציון טוער און יידישער לערער אין ענגלאַנד און אין אַמע־ריקע; דער לערער און שרייבער ש. ב. מאַקסימאָווסקי, וועלכער ווערט אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע באַרימט אַלס פיינער העברייאישער עסיי־איסט אונטערן נאָמען „מאַקסימאָן״, (ער שטאַרבט זייער יונג); יונה ספּיוואַק, וועלכער אַנטוויקלט זיך אין אַמעריקע צו אַ טיכטיקן יידישן זשורנאַליסט, ליטעראַרישער איבערזעצער און טעאַטראַל; באַטמאַן, באַגדאַן, זאַלקינד־סטאָלבאָוו און אַ היפּשע צאָל אַנדערע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן, פון וועלכע אַ טייל שרייבט אויך עפּעס וואָס אַריין אין „לאָנדאָנער יוד״. אַ רייע פריער־דיקע באַקאַנטע ווערן אויך נאָענטער צו מיר ווי פריער, למשל, סעם וויינ־שטיין, לואיס (ברוך־לייב) דעלאָוויטש, אין וועמעס עלטערנס הויז אין דאַלסטאָן, אין צפון־מזרח פון לאָנדאָן, איך טרעף זיך צום ערשטן מאָל מיט דעם יונגן, ערשט־איינגעוואַנדערטן פּיאַניסט און קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומ־שינסקי, אַ סימפּאַטיש בחורל, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, פריש פון „הזמיר״ אין לאָדזש.

דורך מיין נאָכפאָלגן דעמאָלט אַלץ, וואָס עס האָט אַ שייכות צו מיין באַ־ליבטן שרייבער י. ל. פּרץ, ווייס איך אויך פון דעם געזאַנג פאַראיין „הזמיר״ אין פּוילן, און יוסף רומשינסקי ווערט צוליב זיין שייכות צום „הזמיר״ שטאַרק געהויבן ביי מיר. דעלאָוויטש האָט געהאַט דערוואַקסענע שוועס־טער, כלה־מיידלעך, וועלכע פלעגן צייטנווייז זינגען, שפּילן און טאַנצן מיט זייערע חברטעס אין „פּאַרלאָר״ (זאַל) פון זייער הויז. איך האָב זיי אָבער ערשט באַמערקט דורך מיין זען און הערן יוסף רומשינסקיס שפּילן דאָרט אויף דער פּיאַנאָ. פריער פלעג איך זיך באַלד טרעפן מיט זייער פיינעם, איידעלן ברודער און די גאַנצע צייט פאַרברענגען מיט אים אין זיין צימער.

יוסף רומשינסקי באַזוכט מיך שפּעטער אין מיין היים. ער קומט צו מיר צוזאַמען מיט טשאַרלי (קלמן) צונזער, אַ זון פון דעם פּאָפּולערן יידישן פאָלקס־זינגער אליקום צונזער, וועלכער איז ביי מיין טאַטע־מאַמע, באָבען און עלטערער שוועסטער געווען זייער הויך אָנגעזען: מיין מאַמע פלעגט זיך איבערגעמען דערמיט, וואָס אליקום האָט געזונגען אויף איר חתונה און מיין באָבע, מיין טאַטע און מיין עלטערע שוועסטער פלעגן אַלע דריי אָפט זינגען צונזערס לידער. די באָבע פלעגט זינגען דאָס רוב זיין סאַטירע וועגן „פוסטן פּראַנט". מיין טאַטע — דאָס ליד פון דער „מוטער רחלס" איינ־שטעלן זיך פאַר דעם יידישן פאָלק, וואָס ווערט געטריבן פון שונא קיין בבל. מיין שוועסטער פלעגט קויפן און זינגען צונזערס אַלע נייע געזאַנגען באַלד ווי זיי פלעגן אַרויסגיין פון ווילנער דרוק.

אַ נאָענטער פריינט מיינער אין לאָנדאָן אין יענער צייט איז געווען מיין דרייפאַכער קעגנער: דער פרומער קאָנסערוואַטיווער אוגאַנדיסט, יצחק סוואוואָלסקי, דער רעדאַקטאָר פון דעם אָרטאָדאָקסישן וואָכנבלאַט „היהודי" און דער מחבר פון לומדישע און רעליגיעזע ספרים, ווי דער „חיי היהודי על פי התלמוד" (דאָס לעבן פון אַ יידן לויט דער גמרא) און דאָס גליכן.

באַקאַנט האָט אונדזביידן מיין נאָענטער פריינט, דער טאַלאַנטירטער יוגנטלעכער העברייאישער דערציילער יש"ק (י. ש. קאַצענעלבויגן), וועל־כער ווערט יונג דערטרונקען, זיך באָדנדיק אין אַ שווייצער טייך. דער על־טערער גוטמוטיקער סוואוואָלסקי פלעגט שפּאַסן פון מיר: למאי איך וויל ניט שרייבן אין זיין העברייאישן וואָכנבלאַט, אין דער צייט ווען ער שרעקט זיך בכלל ניט, אַז איך זאָל דאָרט צו אים אַריינברענגען דעם „אומגליק" — „עקה" (די מיינונגען פון די קעה (175) ניין־זאַגער, וואָס האָבן געשטימט קעגן אוגאַנדע און קעמפן קעגן דר. הערצל און דעם קאָנגרעס־באַשלוס). איך פלעג אים ענטפערן לאַכנדיק, אַז איך האָב קיין מורא ניט פאַר זיין „צרה", עס הייסט די מיינונגען פון די רצה (295) יאָ־זאָגער, וואָס האָבן גע־שטימט פאַר אוגאַנדע, נאָר צו וואָס „קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנ־קער בעט"...

כמעט אַלע מיינע פריינט און באַקאַנטע אין לאָנדאָן פון יענער צייט זיינען באַשטאַנען פון מענלעכן געשלעכט, די אויסנאַמען זיינען געווען קרובים, אָדער יענע פרויען, וועלכע פלעגן קומען צו אונדז אין שטוב מיט זייערע מענער, ווי למשל, די פרוי פון לייב ניימאַרגאָוו (אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט, וועלכער קלייבט זיך נאָכדעם אַריבער קיין קאַנאַדע), אָדער די פרוי פון יאַנקל דעם „טרעוולער" („קאָסטאָמער פּעדלער"), וועלכער פלעגט אונדז צושטעלן אַלע נויטיקע זאַכן אויף אויסצאָלן... ווי אויך יענע פרויען פאַר וועלכע שרה שפרה פלעגט נייען קליידער. איינע פון אָט די לעצטע

דאַמען איז צופעליק געוואָרן די ערשטע אויפצואוועקן אין מיר אַן אינטערעס אין אָסקאַר ווײַלדן. די מעשה איז אַזוי געווען:

די דאָזיקע דאַמע האָט מיך געפרעגט צי איך האָב זיך שוין אַביסל באַקאַנט מיט דער ענגלישער ליטעראַטור? אין מײַן ענטפער, האָב איך צווישן די עטלעכע קליינע זאַכן וואָס איך האָב געלייענט דערמאָנט אויך אַ קינדער־מעשהלע פון אָסקאַר ווײַלד. די פרוי איז געוואָרן בלאַס און רויט און מיר שטיל באַמערקט, אַז איך זאָל דעם דאָזיקן נאָמען מער ניט אַרויסריידן, ווײַל דאָס איז אין ענגליש אַ מיאוס וואָרט, וואָס ווערט אין קיין אָנשטענדיקער געזעלשאַפט ניט דערמאָנט... עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס באַוועגט מיך צו ווערן מער־ווײַניקער באַקאַנט מיט אָסקאַר ווײַלדס לעבן און שאַפן, נאָר זײַן נאָמען דערמאָן איך דעמאָלט מער ניט פאַר אומבאַקאַנטע מענטשן. ערשט אָנהויב יאָר 1905, ווען עס באַווײַזן זיך אין לאָנדאָן אויס־צוגן פון זײַן ווערק „דע פּראָפונדיס" (פון דער טיפעניש), וואָס ער האָט גע־שריבן אין תּפיסה, זײַענדיק געשמידט אין קייטן, ווערט זײַן נאָמען ווידער דערמאָנט מיט ליבע און רעספּעקט. מען רעדט דעמאָלט וועגן אים און זײַן ווערק ניט בלויז אין קינסטלער־קרײַזן, אין קלובן און סאַלאָנען, נאָר אפילו אויך אין אוניווערזיטעטן און קירכן.

מײַן איינציקע נאָענטע פרײַנדין אין לאָנדאָן, איז מײַן ווילנער לאַנדס־מיידל מאַניאַ די נייטאָרין — מײַן חברטע פון דער אונטערערדישער אַר־בעטער־באַוועגונג, די פריער־דערמאָנטע „גרופּע יידישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן", צו וועלכע מיר האָבן ביידע געהערט מיט אַ צען יאָר צוריק אין ווילנע. מאַניאַ רעדט צו מיר אין לאָנדאָן אַזוי אינטים און אַזוי פרײַ און אָפנהאַרציק ווי אין ווילנע. זי דערציילט מיר, אַז מײַן פרײַנט דר. י. וואָרטס־מאַן, וועלכער איז אין אַפּריל 1904 ווידער געקומען קיין לאָנדאָן, דער־קלערט זיך איר נאָכאַנאַנד אין ליבע. ער וויל אָבער ניט הערן פון אײַנ־אָרדענען אַן אייגענע היים, ווי עס פּירט זיך ביי לײַטן, און אויך צווישן די אַרבעטער־מאַסן. זי האַלט, אַז ער איז פּשוט צו קאַרג חתונה צו האָבן און צו זאָרגן פאַר אַ ווײַב און קינד. זי זאָגט פאָראויס, אַז ער וועט סוף כּל סוף שטאַרבן אַן עלנטער, איינזאַמער בחור *).

די ערשטע פרוי, מיט וועלכער איך ווער פרײַנט שריפטלעך, איז מײַנע

---

*) מאַניאַס פאָראויסזאָגונג ווערט גאַנץ דערפילט. דר. י. וואָרטסמאַן שטאַרבט אויפן גאַס אין ניו־יאָרק, עלנט און איינזאַם. געווען אַ מיטאַר־בעטער פון דעם „מאָרגן־זשורנאַל", ווערט ער ניט באַשריבן אין דער יידישער פּרעסע, ניט געקוקט אויף זײַנע פאַרדינסטן פאַר איר אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, סײַ בײַם אַטלאַנטיק און סײַ בײַם פּאַסיפיק.

אַ לעזערין פון לידז, וועלכע שרייבט אַריין אַ בריוו אין דער רעדאַקציע פון דעם „לאָנדאָנער יוד״. דאָס איז געווען אַן אַרבעטער־פרוי, אַ מאַמע פון פיר קינדער מיטן נאָמען בעסי שיינבלום, וועלכע פלעגט אַ חוץ אין שטוב־אַרבעט אויך אַרויסהעלפן איר מאַן אין זיין שניידער־וואַרשטאַט.

בעסי שיינבלום, אַ געבוירענע אין קורלענדער געגנט, אַ פּיאַיקע נייטאָרין פון דער היים, האָט פאַרמאָגט איינגעבוירענע אינטעליגענץ, קלוגשאַפט, טאַקט און איידלקייט. זי ווערט נאָכדעם אַ נאָענטער פריינט פון אונדזער גאַנצן קרייז און איר הויז אין לידז גילט אַ לאַנגע צייט ווי אונדזער הויפּט־קוואַרטיר. ווען מיין חבר אבערסאָן קומט קיין לידז האַלטן אַ לעקציע, ווערט ער אויפגענומען אין שיינבלומס הויז ווי אַ נאָענטער קרוב. אַן ענלעכע באַציאונג ווערט דאָרט אַרויסגעוויזן צו אַלע פּראָגרעסיווע טוער. ווען דר. וויצמאַן זאָגט צו אַמאָל זיך צו טרעפן דאָרט אויף אַ באַראַטונג און ער קומט ניט, פאַרוואַרפט מיך בעסי שיינבלום מיט בריוו פול מיט טענות: איז ניט וויצמאַן אונדזערער אַ מענטש? געהערט ער צו די „אַריסטאָקראַטן״? און עס נעמט מיר אַ סך צייט זי צו באַרואיקן, אַז נאָך אַלעמען איז ער דאָך „אונדזערער אַ מענטש.״

זי ווערט אויך דורך בריוו אַ אינטימע פריינדין מיט שרה שפרהן און קומט צו אונדז צופאָרן צו־גאַסט קיין לאָנדאָן, כדי זיך צו באַקענען מיט איר פערזענלעך.

איבער די זלזולים אין דער לאָנדאָנער פרעסע האָב איך צוערשט געוואָלט אינגאַנצן אויסמיידן פּאָלעמיקעס אין דעם „לאָנדאָנער יוד״, נאָר צוליב זאַנגווילס אָנפאַלן אויף די פריער־דערמאָנטע כאַרקאָווער אָפּאָזיציאָנער און זיינע שאַרפע ווערטלעך קעגן זיי, האָב איך אויך אָנגעהויבן פּאָלעמיזירן קעגן אים. ווען זאַנגוויל האָט געשריבן, אַז די יידן זיינען נאָר דעמאָלט שטאַרק, ווען זיי ווערן פאַרפאָלגט, האָב איך אויף דעם געענטפערט, אַז לויט זיין טעאָריע זיינען דאָס צאַרישע רוסלאַנד און די דעספּאָטישע מאַראָקאָ די „גליקלעכסטע לענדער״ פאַר יידן... אויף דעם זעלביקן אופן פלעג איך אויך אַנאַליזירן זיינע אָנגריפן אויף דער אָפּאָזיציע, זיינע אַרגומענטן פאַר אוגאַנדע, און אָנווייזן זייערע שוואַכקייטן און אַמאָל אפילו אים אויסלאַכן אויף זיין אייגענעם שטייגער...

מיין פריער־דערמאָנטע אַרבעט אַלס „מאָלדער״ (מאָדעלירער) פון הילצערנע אָרנאַמענטן איז פאַר מיר געווען פאַרבונדן מיט טאָפּלטער געפאַר. ערשטנס, בין איך געווען כסדר אין סכנה צו ווערן צעקאַליעטשעט ביי דער אַרבעט דורך דעם מאָדעליר מעסער. דאָס מעסער האָט זיך באַוועגט דורך עלעקטריע און צייטנווייז פאַרטשעפּעט אַ רעכטע האַנט אָדער אירע פינגער, וועלכע האָבן געהאַלטן דאָס האָלץ אויף צו מאָדעלירן. איך

האָב אַרום זיך געזען „מאַלדערס", טיכטיקע באַלמעלאָכעס, וועמעס הענט אָדער פינגער זיינען געוואָרן צעקריפּלט ביי דער דאָזיקער אַרבעט. עס איז געווען געווען געוואוינט, אַז אַ „מאַלדער" זאָל אַ רגע ניט זיין פאַרזיכטיק און דאָס מאַ־דעליר־מעסער זאָל אים מאַכן פאַר אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן. און איך זייענדיק אַ ניט־געשולטער „מאַלדער", וואָס איז נאָך דערצו געוואוינט אַ סך צו טראַכטן און זיך פאַרטראַכטן, בין איך, נאַטירלעך, געווען אין אַ גרע־סערער געפאַר.

צווייטנס, איז די פאַבריק געווען אָנגעפילט מיט אַ דינעם פיינעם האָלץ־שטויב, וואָס האָט מיך באַדעקט פון קאָפּ ביז די פיס. מיינע שוואַרצע האָר, אַזוי ווי מיינע קליידער און שיך, זיינען געווען ווייס אָדער גרוי. איך האָב אויסגעזען ווי אַ מילנער, אָדער ווי אַ מאַלער, אַ קאַלכער פון הייזער. דער שטויב איז אויך אַריינגעדרונגען אין מיין האַלדז און געשטערט מיינע לונגען צו אָטעמען.

יעדן טאָג, קומענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך געפונען שרה שפּרהן נערוועז פון איר שטענדיקער אָנגסט איבער די געפאַרן פון מיין געזונט און לעבן. נאָר אויפגעבן מיין אַרבעט און לאָזן איר זיין, ווי זי וויל, די איינציקע פאַרדינערין, האָב איך בשום אופן ניט צוגעשטימט. צו אונדזער פרייד אָבער, האָט איין טאָג מיך באַזוכט אין פאַבריק אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען לעווינסאָן און מיר אָנגעבאָטן צו ווערן רעדאַקטאָר פון אַ לאָנדאָנער טאָג־צייטונג פון וועלכער ער איז דער מענעדזשער (פאַרוואַלטער).

מ.ר. לעווינסאָן, אַ סימפּאַטישער יונגעמאַן, איז מיט מיר געווען אָפנ־האַרציק. ער האָט מיר דערציילט, אַז אָט די צייטונג „דער טעגלעכער אידישער אַדווערטייזער" איז לעצטנס אויף צרות. זי איז געגרינדעט גע־וואָרן מיט יאָרן צוריק פון אַ גרופּע עקסטרעמע פרומאַקעס מיטן נאָמען „מחזיקי הדת" (מאַכזיקיי האדאס — באַפעסטיקער פון רעליגיע). זייער געוועזענער הויפּט־רעדנער און טוער, רעווערענד פינטשוק, איצט דער אייגנטימער פון יידישע בעדער מיט כשרע מקווהס, איז דער עיקר אַ „ביזנעס־מאַן". און אַזוי זיינען איצט אויך די אַנדערע אַמאָליקע פירער פון דער צייטונג, וועמעס רעליגיעזער פאַנאַטיזם האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועפּט.

דער איצטיקער אייגנטימער פון דעם „טעגלעכן אידישן אַדווערטייזער" איז י. א. מעטשיק, דער אַרויסגעבער פון דער אַמאָליקער וועכנטלעכער צייטונג „דער יודישער אָבסערווער", וואָס איז אַרויס אין לאָנדאָן מיט אַ צען יאָר צוריק, אין 1894. מר. מעטשיק איז אַמאָל געווען אַן אַקטיווער „מחזיק־הדתניק", נאָר איצט, סוף ווינטער 1904—1905, איז ביי אים די צייטונג זיינע פונקט אַזוי ווי זיין דרוקעריי בלויז אַ „ביזנעס". ער האַלט זי אָבער אָן נאָר צוליב פּראָפיט, וואָס ער קריגט פון איר ווי אַ דרוקער און אַן אַרויסגעבער. ער האָט דעריבער זיך באַמיט צוצופּאַסן זיין צייטונג צום

היינטיקן לאָנדאָנער ידישן עולם. צוליב דעם האָט ער אײנגעלאַדן באַקאַנטע ידישע שרײבער צו רעדאַקטירן דעם „אַדװערטײזער" לױט הײנטיקע פאָדערונגען. זײן צײטונג נױטיקט זיך אָבער אין מער ראַדיקאַלע ענדערונגען און אַזױ װי ער, מר. לעװינסאָן, דעם „אַדװערטײזערס" פּאַרװאַלטער, װײס װעגן דעם פּרעסטיזש, װאָס דער „לאָנדאָנער יוד" האָט געהאַט אין לאָנדאָן אונטער מײן רעדאַקציע, האָט ער פאָרגעשלאָגן דעם אַרױסגעבער, מר. מעטשיק, זיך צו װענדן צו מיר איך זאָל װערן דער רעדאַקטאָר פון זײן צײטונג. מר. מעטשיק האָט מיט אים אײנגעשטימט און האָט אים אױך באַפולמעכטיקט אײנצוגײן אױף אַלע מײנע באַדינגונגען. אַזױ װי דער עיקר איז פאַר מיר געװען דאָס האָבן אַ פרײע האַנט צו רעדאַקטירן די צײטונג אַזױ װי מיר געפעלט, זײנען מיר לײכט דורכגעקומען. איך פאַרבײט דערײבער די האַלץ פאַבריק אױף אַ רעדאַקציע פון אַ טעגלעכער צײטונג.

„דער טעגלעכער אידישער אַדװערטײזער" איז געװײנלעך אַרױס אין 6 זײטן. דער גרעסטער טײל איז געװען פאַרנומען מיט אַנאָנסן און נײעס. די 4־טע זײט, די עדיטאָריעלע, האָב איך אױסגעפילט אינגאַנצן מיט מײן אײגענעם לײען־שטאָף: לײט־אַרטיקלען, עסײען, ביאָגראַפיעס און אָפּשאַצונגען פון חשובע מענטשן צו זײערע געבורטס־טעג, יאָרצײטן און אַנדערע געלעגנהײטן. איך האָב אױך געגעבן רעצענזיעס, ליטעראַרישע נאָטיצן װי אױך פרײ־באַאַרבעטע און איבערגעזעצטע בעלעטריסטיק (קײן איבערגעדרוקטע זאַכן גיב איך דאַרט ניט). אין מײנע דעמאָלטיקע ביאָגראַפיעס און אָפּשאַצונגען האָב איך געשריבן װעגן דר. הערצל, צו זײן ערשטן יאָרצײט (אָנהױב יולי 1905), װעגן משה העס, רבי צבי הירש קאַלישער, משה מאָנטעפיאָרע, רבי שמואל מאָהליװער; װעגן ניקאָלאַי בלינאָװ *) — דעם רעװאָלוציאָנערן רוסישן סטודענט, װעלכער איז דערהרגעט געװאָרן אין זשיטאָמירער פּאָגראָם, פּרילינג 1905, װען ער נעמט זיך אָן פאַר די פּאָגראָמירטע ײדן.

אין מײן באַשרײבונג פון ניקאָלאַי בלינאָװן אינעם „טעגלעכן אידישן אַדװערטײזער" פאַרגלײך איך זײן מאָרד דורך די צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס אין זשיטאָמיר מיט דעם מאָרד פון דעם כהן און נביא זכריה מיט קנאַפּע דרײ טױזנט יאָר פריער דורך די משרתים פון דעם קעניג יואש אין בית־המקדש פון ירושלים.

מײן ערשטע רעצענזיע, פאַרעפנטלעכט אין 1905, איז געװען װעגן דער זאַמלונג „גרינס אױף שבועות" (אַ יום־טוב בלאַט פאַר ליטעראַטור, אונ־

---

*) די זשיטאָמירער ײדישע אַרבעטער אין ניו־יאָרק ערן שפּעטער דעם אָנדענק פון ניקאָלאַי בלינאָװן דורך גרינדן אױף זײן נאָמען אַ ברענטש (צװײג) פון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן."

טערהאַלטונג און יידישע אינטערעסן", אַרויסגעגעבן פון י. גרינשטיין, לאָנ־דאָן, תרס"ה, 32 זייטן). דער אינהאַלט איז מיר ניט געווען געפעלן: ניט די סקיצן פון ל. קרעדיטאָר, ירוחם מאַן און ח. ראָטמאַן, און ניט די לידער פון י. גרינשטיין און ה. הורוויץ, און אויך ניט דער פעליעטאָן פון בעל־מטופל. געלויבט האָב איך דאָרט בלויז „דאָס אויסערלעכע אויסזען": פּאַפּיר און דרוק...

צווישן מיינע איבערזעצונגען אין דעם „טעגלעכן אידישן אַדווערטייזער" זיינען געווען סקיצן און שילדערונגען פון יעקב כהן, יהודה שטיינבערג און אַנדערע דעמאָלט מאָדערנע העברייאישע בעלעטריסטן, ווי אויך דייטשע שריפטן פון דר. טעאָדאָר הערצלס ירושה, וועלכע זיינען געווען פּאַרעפנט־לעכט אין דער ווינער צייטונג „נייע, פרייע פּרעסע", צווישן זיי אויך זיינע אַ לענגערע דערציילונג וועגן אַ פאָלקס־העלד, אַ געוועזענער סטאָליער־יונג, וועמען די אָרימע מאַסן רופן אָן „דער אייזערנער אויער", עסייען פון דר. מאַקס נאָרדוי און אַנדערע יידישע דענקער אין די אָנגעזעענע ווינער און בערלינער צייט־שריפטן.

מיינע לייט־אַרטיקלען אין „טעגלעכן אידישן אַדווערטייזער" אונטערן נאָמען „טעגלעכע נאָטיצן" האָבן באַהאַנדלט אַלערליי טאָג־פראַגן און פּאַ־סירונגען, פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, ווי אויך אינדיווידועלע. צום ביי־שפּיל: דעם 21־טן מאַי 1905 פאַראורטייל איך דאָרט די פירער פון דער ענגלישער „ליבעראַלער" פּאַרטיי פאַר זייער ניט קומען צום פּראָטעסט מאַס־מיטינג קעגן דעם „עיליען־ביל". איך צי דערפון צוויי שלוסן: ערשטנס, אומצוטרוי צו זייער כלומרשטן ליבעראַליזם; צווייטנס, אַז די יידן אין ענגלאַנד דאַרפן זיין בעסער אָרגאַניזירט און פאָרשטעלן מיט זיך אַ שטאַר־קערע מאַכט ווי איצט. ווען דאָס וואָלט געווען דער פאַל, דערקלער איך דאָרט, וואָלט די ענגלישע רעגירונג ניט „צוגעפּאַסט דעם ,עיליען־ביל' אַזוי אויפפאַלנדיק צו די יידישע עמיגראַנטן". איך ווייז אויך אָן, אַז דער יידישער כלל קען נאָר דעמאָלט ווערן אַ מאַכט ווען דער יידישער פּרט, דער האָרע־פּאַשנער יידישער מאַסן־מענטש וועט האָבן די מעגלעכקייט צו לעבן בעסער.

אין אַן אַנדער לייט־אַרטיקל, אַ פּאָר טעג שפּעטער, דעם 23־טן מאַי, ציטיר איך אַן אונטעררייידונג פון ראובן ברײנין מיט אַ רוסישן ליבעראַל, אַז יידן האָבן ניט קיין שום אייגענע נאַציאָנאַל־יידישע אינטערעסן און אַז די בונדיסטן און אַלע אַנדערע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע ריידן פון יידישע פאָלקס־אינטערעסן זיינען „שאָוויניסטן"... איך באַמערק דערצו, אַז אַזאַ באַציאונג פון אַ ליבעראַל צו יידישע פאָלקס־אינטערעסן שטאַמט דערפון וואָס די יידן פלעגן אומעטום פאָדערן מען זאָל זיי האַלטן פאַר אָנגעהעריקע צום פאָלק פון דער אַרומיקער מערהייט: פאַר פולע ענגלענדער אין ענג־לאַנד, פאַר פולע דייטשן אין דייטשלאַנד א. אַז. וו. און מען זאָל זיי, די יידן, דעריבער געבן פולע בירגערלעכע רעכט. די יידן שטעלן אָבער אין ערגעץ

ניט אַרויס די פֿאָדערונג פֿון גלייכע רעכט אַלס אַ פֿאָלק, אַזוי ווי דאָס פֿאָדערן מענטשן פֿון אַנדערע מינאָריטעטן־פֿעלקער. איך גיב צו, אַז עס איז שווער פֿאַר יידן צו פֿאָדערן גלייכהייט מיט דער אַרומיקער מערהייט אויפֿן קולטורעלן געביט אין אַזאַ מדינה ווי ענגלאַנד, אַז מען זאָל דאָרט בויען פֿאַר אונדז יידן באַזונדערע יידישע שולן און אונדז געבן גינסטיקע מעגלעכקייטן צו שאַפֿן קולטור־ווערטן אין אונדזער אייגענער פֿאָלקס־שפּראַך...

לויט דער ציוניסטישער טעאָריע, מיט וועלכער איך האָב דעמאָלט איינגעשטימט, איז טאַקע ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג צו בויען די יידישע קולטור ווי נאָר אין אַ יידישער מדינה, וואו די שפּראַך און קולטור, אַזוי ווי דאָס גאַנצע נאָרמאַלע לעבן דאָרט אין יידיש... פּראַקטיש אָבער, האָב איך אַזאַ צוגאַנג באַטראַכט פֿאַר אַסימילאַציע און געאַרבעט מיט אַלע מיינע כוחות פֿאַר יידישער קולטור אין יידיש. איך אַגיטיר אויך דערפֿאַר אין מיין לייט־אַרטיקל. מיין אַרגומענט איז, אַז כאָטש די יידישע לימודים גיבן דעם יידישן קינד וויניק אָדער גאָרניט אין דעם ענגלישן לעבן, און עס קאָן דערפֿון ניט פּראָפֿיטירן אַזוי פֿיל ווי פֿון זיין ענגלישער דערציאונג, איז דאָך די יידישע שפּראַך און קולטור נויטיק פֿאַר זיין יידישן לעבן, וואָס האָט אונדזערע עלטערן געקאָסט אַ סך מער ווי אַן ענגליזירטער ייד קען פֿאַרדינען פֿון לעבן אַלס אַ פֿולער ענגלענדער.

מיטאַרבעטער אינעם „טעגלעכן אידישן אַדווערטייזער" האָב איך געהאַט בלויז צוויי: דעם ראָמאַנען־שרייבער ל. א. אָפּענהיים און דעם נייעס־שרייבער שלמה גרינבלוי *). ל. א. אָפּענהיים, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פֿון דער פֿריער־דערמאָנטער וועכנטלעכער „יודישער צייטונג" אין גלאַזגאָ, פֿלעגט די טעגלעכע פֿאָרזעצונגען פֿון זיין ראָמאַן צושיקן דורך פּאָסט אָדער אַליין ברענגען אין דער דרוקעריי פֿון דעם „טעגלעכן אידישן אַדווערטייזער". דאָס איז געגאַנגען דירעקט צום הויפּט־שריפֿטזעצער, דעם אַרויסגעבער, מר. מעטשיקס אַ זון, אַ שיינער אינטעליגענטער יונגערמאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ חזקה אויף אויסצוקלייבן, זעצן און קאָרעגירן די ראָמאַנען פֿאַר זיין טאַטנס צייטונג. איך בין דערום כלל ניט געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן ראָמאַן. אויף די נייעס אָבער האָב איך געמוזט אַכטונג געבן, אַז די פּאָליטישע און מלחמה־נייעס זאָלן זיין געטרוי איבערגעזעצט פֿון זייערע ענגלישע קוועלן און אַז די שטאָטישע און קהלשע ידיעות זאָלן זיין באַוואָרנט קעגן „לאַיבל"־קלאָגן.

אַ היפּשן אָרט צווישן מיינע עדיטאָריעלע טעגלעכע נאָטיצן, ווי אויך

---

*) שלמה גרינבלוי איז אויך מיין נייעס־שרייבער אין דער לינק־סאָציאַליסטישער טאָג־צייטונג „די וועלט" אין שיקאַגאָ, וועלכע איך רעדאַקטיר אין 1917—1918.

די צופעליקע אַרטיקלען פאַרנעמען זומער 1905 די פּראָבלעמען, וועלכע זיי־נען אַרויסגעוואַקסן פון דער מלחמה צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן און פון די צאַרישע פּאָגראָמען קעגן יידן און רעוואָלוציאָנערן. ווען עס הויבן זיך אָן קלאַנגען פון שלום צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן, דערקלער איך, אַז כאָטש מיר זיינען אַלע צופרידן פון אַ סוף צו דער דאָזיקער בלוט־פאַרגיסונג, וועט אָבער אין רוסלאַנד גופא ניט קומען צו קיין שלום אַזוי לאַנג ווי די צאַרישע בלוטיקע רעגירונג וועט פאָרזעצן אירע שחיטות אויף אַלע פעלקער אין רוסלאַנד, אויך די רוסן אין כלל.

מיינע שאַרפסטע פּאָלעמישע לייט־אַרטיקלען זיינען געווען קעגן די אוגאַנדיסטן און די מילדסטע — קעגן די בונדיסטן. איך טרעט אַרויס קעגן דער פאָדערונג פון „בונד", אַז צו אים זאָלן געשיקט ווערן אַלע געלטער פאַרן יידישן זעלבסט־שוץ. איך דערקלער, אַז ביי זיין בעסטן ווילן וועט דער „בונד" ניט קענען זיין אומפּאַרטייאיש, צו די אַנדערע פּאַרטייען, אַפילו אין זעלבסט־שוץ אָנגעלעגנהייטן. ווען מיין פריינט דער דאַנטיסט דר. נאַדעל, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין פרוי, אויך אַ דאַנטיסטין, געווען טעטיק צווישן די בונדיסטן אין לאָנדאָן, טרעט אַרויס קעגן מיין באַהויפּטונג און טענהט, אַז דער „בונד" קען יאָ זיין גאַנץ אומאַפּאַרטייאיש, דערמאָן איך אַלעק־סאַנדער קרעמערס דיקטאַטאָרישע באַנעמונג קעגן דער ווילנער יידישער אַרבעטער־אָפּאָזיציע אין די ניינציקער יאָרן. נאָר ווען דר. נאַדעל וויזט מיר אָן אין אַ פּערזענלעכן בריוו, אַז מיין דערמאָנען די דאָזיקע שטעלונג אין ווילנע פון גענאָסע קרעמער קאָן שאַטן דער אַרבעט פון „בונד" אין לאָנדאָן, פאַרענטפער איך עפנטלעך די אַמאָליקע שטעלונג פון אַלעקסאַנדער קרעמער לויט די אומשטענדן פון די ניינציקער יאָרן. איך בלייב אָבער ביי מיין מיינונג, אַז דער פאָנד פאַר דער זעלבסט־שוץ, וואָס גייט אויס־שליסלעך בלויז אויף צו שאַפן וואָפן צו פּאַרטיידיקן די יידישע מאַסן קעגן פּאָגראָמשטשיקעס, און ניט פאַר קיין שום אַנדערע צוועקן, דאַרף האָבן אַ פּאַראייניקטן קאָמיטעט, אין וועלכן עס זאָלן זיין פאַרטראָטן פאַרשטייער פון אַלע פּאַרטייען, וועלכע באַטייליקן זיך אין די עקזיסטירנדיקע זעלבסט־שוץ אָרגאַניזאַציעס.

מיינע געסט אין לאָנדאָן אין די יאָרן 1903—1905 זיינען געווען צאָלרייך, ניט געקוקט אויף אונדזער קליינער דירה. לאָנדאָן איז דעמאָלט געווען אַ ווירקלעכער „נאַכט־אַזיל", אַן אכסניה אויפן וועג פון מזרח־אייראָפּע קיין אַמעריקע. יעדע וואָך האָבן אונדזער דירה באַזוכט נייע מענטשן, וועלכע זיינען מיר רעקאָמענדירט געוואָרן פון וייטע קרובים, חברים און פריינט.

אַ חוץ דעם כיבוד, וועלכן שרה שפרה פלעגט צוגרייטן פאַר אונדזערע דורכפאָרנדיקע געסט, פלעג איך פערזענלעך זיי נאָך מכבד זיין מיט אַרומ־פירן זיי, צו־פוס אָדער אויף באָסעס און טראַמוואַיס, צו ווייזן זיי „מייך"

שיינע, רייכע שטאָט. די פּשוטע מענטשן פלעג איך באַווייזן די רייכקייטן, און די איידעלע — די שיינקייטן. דורשטיקע נאָך וויסן פלעג איך פירן אין „דאַרווינס מוזייאומס״, — אַזוי פלעגט דער עולם אָנרופן דעם מוזייאום פון נאַטור־געשיכטע, וואו דאַרווינס סטאַטוע שטייט ביים אַריינגאַנג, אָדער דעם „בריטיש מוזייאום״ מיט זיינע צאָלרייכע מאָנומענטן אויף אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער קולטור.

מער ווי מיט אַלע מיינע געסט האָב איך זיך אַרומגעפּירט אין לאָנדאָן מיט דעם סטודענט — שפּעטער דאָקטאָר — בן־ציון מאָסינזאָן *), וועלכן דער אינזשיניער אוסישקין האָט מיר רעקאָמענדירט אַלס אַ מיטהעלפער אין אונדזער קאַמף קעגן דר. הערצלס פּראָיעקט צו באַזעצן יידישע מאַסן אין דער בריטישער קאָלאָניע אוגאַנדע, אין די ווילדערנישן פון מזרח־אַפריקע.

בן־ציון מאָסינזאָן, אַ הויכער שיינער יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ בערדל, איז געווען אַ זעלטענער אָראַטאָר. אַזוי ווי דר. שמריה לעווין, איז בן־ציון מאָסינזאָן געווען אַ מער פאָלקסטימלעכער מאַסן־רעדנער ווי אַ לעקטאָר אָדער אַ לערער. ער איז ניט געווען אַזאַ וויצלער און פּאָלעמיקער און אויך ניט אַזאַ חכם און פּקח (פּיקייעך) אין אַ שמועס אַרום טיש, ווי יענער. אויף דער רעדנער־טריבונע אָבער האָט בן־ציון מאָסינזאָן מיטגעריסן די מאַסן מיט זיין רייכן קוואַל פון יידישן פאָלקלאָר: פאָלקס־ווערטלעך, פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס. זיין שטים איז געווען מוזיקאַליש, זיין יעדעס וואָרט האָט געהאַט אַ פיינעם אָפּקלאַנג און איז געווען אָנגענעם צו הערן.

אַ סטודענט אין בערן פון ביבל־קריטיק און סעמיטאָלאָגיע, איז בן־ציון מאָסינזאָן געווען באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין די אויסגעגראָבענע מאָנומענטן פון די ביבלישע צייטן. איך האָב דעריבער כמעט יעדן טאָג מיט אים שפּאַצירט אַ סך מיילן צו־פוס פון אָנהויב ווייטשעפּל אין מזרח־לאָנדאָן צום בריטישן מוזיי אין מערב־לאָנדאָן און אָפט נאָך אַ סך ווייטער פון יענער געגנט, צום וויקטאָריע און אַלבערט מוזיי אין קענסינגטאָן, וואו עס געפינען זיך די קולטור־אוצרות פון דער אַלטער פּערסיע און אַנדערע פאַרצייטיקע ציוויליזאַציעס, וועלכע ענגלאַנד האָט אָוועקגענומען מיט געוואַלט פון נאָפּאָלעאָן דעם ערשטן, ווען איר פלאָט איז באַפאַלן זיינע שיפן אויפן מיטן ים. ווען מאָסינזאָן פלעגט מיט מיר צוריקקומען פון אַזאַ לאַנגן שפּאַציר, פלעגט

*) בן־ציון מאָסינזאָן ווערט שפּעטער באַרימט אַלס אַ לערער פון דער ביבלישער געשיכטע אין דער יפו־ער גימנאַזיע און ווערט אויך באַקאַנט ווי אַ לעקטאָר אין יידיש אין פאַרשיידענע לענדער. ער פלעגט אויך קומען אָפט אין אַמעריקע, וואו מיר האָבן אַ סך מאָל פאַרבראַכט צוזאַמען, באַזונדערס ווען איך האָב געוואוינט אין שיקאַגאָ.

ער זיך אָפּרוען דורך וויגן מיין קינד שמואל אָדער אַרומטראָגן זיך מיט אים איבערן שטוב און זיך שפּילן מיט אים, זינגענדיק קינדער־לידער.

לאָנדאָנער עמיגראַנטן אין אַמעריקע רופן מיך אויך אַהין. זיי זעען ניט קיין צוקונפט פאַר אונדזער מין יידישע יונגעליייט אין לאָנדאָן. זיי זוכן דאָרום פאַרשיידענע וועגן און מיטלען ווי אַזוי מיך איינצואָרדענען אין אַמעריקע. זיי שיקן מיר צו אַ באַשטעלונג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן פאַרלאַג" אין ניו־יאָרק, וועלכער האָט זיך דעמאָלט ספּעציאַליזירט אין אַרויסגעבן גוטע ביכער אין יידיש, איך זאָל פאַר אים אויפשרייבן אַן אַרבעט איבער די יידישע נביאים. זיי מיינען דערמיט אַ פאַרברייטערונג און פאַר־טיפונג פון מיין לעקציע „די נביאים און דער המון", וועלכע איך האָב אין יענער צייט געהאַלטן אין ענגלאַנד *). דער דאָזיקער פאַרלאַג באַשטעלט אויך ביי מיר אַן איבערזעצונג פון משה העס' בריוו און אַנדערע שריפטן אין זיין בוך „רוים און ירושלים" **). איך וויל אָבער ניט פאָרן קיין אַמע־ריקע כל זמן איך בין אַנגעוויזן בלויז אויף אַזוינע צופעליקע איינקונפטן, בפרט, אַז איך בין דערוויל געוועזן פאַרנומען אין לאָנדאָן מיט מיין אַרבעט צו רעדאַקטירן דעם „טעגלעכן אידישן אַדוועטייזער".

אין זייער פלייסן זיך מיך צו ברענגען קיין אַמעריקע, פאַרבינדן זיך מיינע לאָנדאָנער חברים דאָרט מיט מיין איינציקן פעטער מיט דעם פאַמיליע־נאָ־מען מאַרמאָר, מיין טאַטנס יינגערער ברודער פישל (פיליפּ). דער דאָזיקער פעטער מיינער האָט אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן אין מיטן פון די אַכציקער יאָרן. ווען איך קום אַהין פון דער שווייץ, אין פרילינג 1901, טרעף איך אים שוין דאָרט ניט מער. אויך אין דער אַלטער היים האָב איך אים געזען בלויז די טעג פאַר זיין אָפּפאָר פון אונדזער דאָרף, ווען איך בין געווען אַ קינד פון זיבן אָדער אַכט יאָר. אין אַלע זיינע בריוו צו מיין טאַטן האָט ער זיך תמיד נאָכגעפרעגט אויף מיר, און אַז איך האָב געוואָקסן אונטערוואַקסן, האָט ער כסדר פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל מיך אַריבערשיקן צו אים קיין לאָנ־דאָן. ער האָט געוואָלט פאַרהיטן, אַז איך זאָל ניט דאַרפן אויסברענגען, ווי ער, קיין יאָרן אויף צו דינען דעם קייסער. כדי איך זאָל דאָרטן זיך קענען דערנערן פון מיין אייגענער פראַצע, האָט ער פאָרגעשלאָגן מיין טאַטן מיר

---

*) איך גיב אויך די זעלבע לעקציע אין ירושלים ווינטער, 1907—1908, אין „בית עם" (בעט־אַם — פאָלקס־הויז), אין דער אָנוועזנהייט פון אליעזר בן יהודה און אַנדערע ירושלימער געלערנטע. שפּעטער פאַרעפנטלעך איך דאָס אונטערן נאָמען „א ל י ה ו ה נ ב י א, ד ע ר אָ נ ז אָ ג ע ר פ ו ן ד ע ר ג אוּ ל ה", אין דער „צוקונפט" אונטער ליעסינס רעדאַקציע, אין פינף אָדער זעקס פאָרזעצונגען, אין די יאָרן 1918—1919.

**) די ערשטע בריוו פון משה העס אין מיין איבערזעצונג זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל „יודישע פרייהייט", לאָנדאָן 1905.

צו געבן לערנען אַ מלאכה. ער רעקאָמענדירט איך זאָל ווערן אַ יואוועלירער (אַ צירונג־מאַכער) אָדער אַ זייגערמאַכער אָדערביידע צוזאַמען, — צוויי מלאכות, וועלכע ער האָט געהאַלטן, אַז מען קען פון זיי „מאַכן אַ לעבן" אין לאָנדאָן.

מיין טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן געוואָלט מאַכן זייער איינציקן זון פאַר אַ רב, האָבן נאַטירלעך ניט געוואָלט הערן פון דעם פעטער פישלס פאָר־שלאָג. יאָרן שפּעטער ווען איך קום צוגאַסט צו דער משפּחה אין לאָנדאָן, געפינט זיך שוין דער דאָזיקער פעטער אין אַמעריקע. ער וואוינט אין שי־קאַגאָ, וואו מיינע איינגעוואַנדערטע לאָנדאָנער חברים טרעפן זיך מיט אים, און זינט דעמאָלט הויבט ער אויך אָן מיר ווידער שרייבן וועגן קומען צו אים — דאָס מאָל קיין אַמעריקע. איך בין אָבער ניט וויליק צו פאַרבייטן לאָנדאָן אויף שיקאַגאָ אָן אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג. איך צווייפל אויך אין די אַלע גוטע אויסזיכטן דאָרט, וועלכע מיין יונגער לאָנדאָנער חבר, וויליאַם פויזניאַק, דעמאָלט שוין אין שיקאַגאָ, שילדערט פאַר מיר מיט שיינע פאַרבן *).

---

*) ווען איך קום קיין ניו־יאָרק אָנהויב 1906, פאַרבעט מיך אָפּט מיין פעטער פישל אים צו באַזוכן אין שיקאַגאָ. איך בין אָבער דעמאָלט צופיל פאַרנומען, פריער אין פילאַדעלפיע און נאָכדעם אין ניו־יאָרק, מיט רעדאַק־טירן דאָס וואָכנבלאַט „דער יידישער קעמפער" און מיט אַ סך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַרבעטן און איך קאָן ניט אונטערנעמען קיין רייזע אין דער מיטל־וועסט. אַרום פינף יאָר שפּעטער, ווען איך קום צוריק פון מיין רייזע קיין ארץ ישראל און פאָר פון ניו־יאָרק דורך שיקאַגאָ קיין דענווער, איז מיין פעטער פישל שוין אין לאָס־אַנדזשעלעס. ער באַ־וואָרפט מיך מיט בריוו קיין דענווער, אַז פון דאָרט קיין לאָס אַנדזשעלעס איז „איין טריט" און שלאָגט פאָר, אַז איך זאָל פאַרבייטן קאָלאָראַדאָ אויף קאַליפאָרניע. נאָך איידער וואָס־ווען בין איך שוין ווידער אין שיקאַגאָ אויף מיין וועג צוריק קיין ניו־יאָרק, אין שיקאַגאָ פאַרהאַלטן מיך די טוער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (דר. ק. פאַרנבערג, רעדאַקטאָר פון דער שיקאַגער „יידישע אַרבעטער־וועלט", וויליאַם צוקערמאַן, פאַרוואַלטער פון שיקאַגער „פאָרווערטס" א. א.), ווי אויך אַ רייע שיקאַגער פועלי־ציון־פירער, אַז איך זאָל דאָרט פאַרבלייבן. ווען איך קום ענדלעך אין 1930 קיין לאָס־אַנדזשעלעס אויף מיין דעמאָלטיקן טור פאַר דער „פרייהייט", איז מיין פעטער פישל שוין טויט. די דיכטערין שפרה וויס קען מיר בלויז צופירן זען זיין אלמנה, וועלכע טראָגט שוין דעם פאַמיליע־נאָמען פון איר צווייטן מאַן... (די דאָזיקע געשעעניש, ווי אויך אַנדערע טראַגעדיעס פון זיין לעבן האָט שפרה וויס געשילדערט אין אַ סקיצע אין דער „פרייהייט" מיטן נאָמען „דער פעטער").

צווישן מיינע אומאַנגענעמסטע איבערלעבונגען אין לאָנדאָן איז געווען אַ אָנפאַל פון כלומרשט פרומע שלעגער אויף די יידישע ראַדיקאַלן, כאָטש איך בין דערביי ניט געווען. איך פלעג קיין מאָל ניט גיין צו קיין יום־כיפור בעלער. איך האָב זיי באַטראַכט פאַר אַ ווידערשפּרוך צו די אַנאַרכיסטישע יום־כיפור־פּלאַקאַטן, אויף וועלכע זיין האָבן געשריבן: „יעהאָוואַ לוי האָיאָ ועלוי ניוראָ", אַז גאָט איז בלויז אַן אויסטראַכטעניש און איז אין דער אמתן קיינמאָל ניט געווען, און צום סוף מאַכן זיי אַן עקסטרע באַנקעט אום יום־כיפור אים אויף צו להכעיס...

די כלומרשט יידישע שלעגער זיינען אָבער אַרעסטירט געוואָרן פון דער פּאָליציי און געבראַכט געוואָרן אין געריכט. דער ענגלישער ריכטער האָט פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט גרויס אויפזען אין לאָנדאָן. מיינע באַקאַנטע ערלעכע פרומע יידן האָבן דעמאָלט זיך געשעמט איינע פאַר די אַנדערע און ניט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן פאַר בושה און חרפּה. דער חשובער ריכטער האָט געמוסרט די איינגעוואַנדערטע יידן פון לאָנדאָן אומגעפער אַזוי:

— איר האָט מיט רעכט פּראָטעסטירט קעגן דער אומטאָלעראַנץ, וואָס האָט אייך פאַרפאָלגט אונטער דעם צאַרישן רעזשים אין מזרח־איראָפּע. איר זייט געקומען אַהער, כדי צו קענען פירן פריי אייער אייגענעם לעבן. איצט ווייזט איר דאָ אַרויס אַזאַ אומטאָלעראַנץ צו אייערע אייגענע ברידער יידן. איר באַפאַלט די וואָס זיינען מיט אייך ניט איינשטימיק אין אייערע רעליגעזע מנהגים און איר פאַרפירט מיט יענע יידן געשלעגן אין אייער הייליקסטן טאָג אין יאָר.

י. א. מעטשיק, דער אַרויסגעבער פונעם „טעגלעכן אידישן אַדווער־טייזער", שעמט זיך, וואָס די היגע יידישע ראַדיקאַלן לויבן זיין צייטונג. ער איז צופרידן, וואָס זי ווערט אַלץ מער געלייענט און ברענגט אים אַריין גרעסערע פּראָפיטן. ווען ער דערמאָנט זיך אָבער אין זיינע קאָנסערוואַטיווע „יוגנט־אידעאַלן" אויסצוראָטן ראַדיקאַליזם, פריידענקערטום און סאָציאַליזם פון צווישן די יידישע מאַסן אין ענגלאַנד, שעמט ער זיך מיט די שבחים, וואָס ער קריגט, אַז זיין „טעגלעכער אידישער אַדווערטייזער" איז די ראַדי־קאַלסטע און פּראָגרעסיווסטע יידישע צייטונג אין ענגלאַנד... ווען ער האָט געגרינדעט די דאָזיקע צייטונג באַמערקט ער מיר, שעמעוודיק, האָט ער זיך כלל ניט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז מ'וועט איר אַמאָל געבן אַזוינע שבחים... קענטיק, אַז ער ווייס אַליין ניט גענוי מיט וואָס ער שעמט זיך איצט: צי מיט זיין פאַרגאַנגענהייט אַלס „מחזיק הדתניק", (פאַנאַטישער פרומאַק און קאָנ־סערוואַטאָר), אָדער מיט זיין קעגנוואַרט, אַלס אַן אַרויסגעבער פון אַ טעג־לעכער צייטונג, וועלכע באַקעמפט איצט אַלץ פאַר וועלכן צוועק זי האָט זיך געגרינדעט...

אַלע יידישע טעגלעכע צייטונגען אין לאָנדאָן באַקעמפן די צאַרישע פּאָגראָם־רעגירונג. נאָר זיין טעגלעכע יידישע צייטונג איז די איינציקע, וועמעס רעדאַקטאָר דערקלערט, אַז די ענגלישע רעגירונג איז ניט בעסער ווי די צאַרישע, ווי כ'האָב עס געטאָן אין מיינע לייט־אַרטיקלען אין דעם „טעגלעכן אידישן אַדוועטייזער" פון זומער 1905. למשל, אין מיינע „טעג־לעכע נאָטיצן", אין מיטן יולי 1905, באַשולדיק איך די ענגלישע רעגירונג, אַז זי איז ניט ווייניקער קאָרופּטירט ווי די צאַרישע. איך רעכן אויס אַ לאַנגן צעטל פון אירע פאַרברעכנס אין דרום־אַפריקע און אין אירע אַנדערע קאָלאָניעס, און אין ענגלאַנד גופא, און איך דערמאָן אויך איר „דערוועקן שנאה צו יידן, כדי צו פאַרפירן דעם פשוטן אַרבעטער, ער זאָל מיינען, אַז דער ייד איז זיין שונא און די גאולה פאַרן ענגלישן אָרימאַן וועט קומען דורך אַן „עיליען ביל", אַ געזעץ קעגן די יידן פון רוסלאַנד און רומעניע."

אין אַן אַנדער שטעלע איראָניזיר איך איבער דאָס כלומרשטע „גליק צו געהערן צו דער מעכטיקער רייכער ענגלישער נאַציאָן" און שילדער, ווי אַזוי „קינדער פון דער רייכער ענגלישער נאַציאָן גייען צופוס בעטלען קיין לאָנדאָן, אַז מען זאָל זיי העלפן, זיי זאָלן ניט שטאַרבן פון צופיל רייכטום און מאַכט"... ווי אַזוי ענגלישע „קינדער שלאָפן אין רעגן און קעלט אין די לאָנדאָנער גאַסן אונטערן פרייען הימל". מיין אויספיר איז, אַז „אַזאַ נאַציאָן איז ניט רייך — — — איר גאַנצער גלאַנץ איז ניט ווערט מער ווי דער גלאַנץ פון קאַרטאַגאָ אָדער — — — רוים אַ קורצע צייט איידער זיי זיינען צעפאַלן"...

קאַפּיטל הונדערט איין און פערציק

מיין קוואַרטיראַנט י. ח. ברענער

מיין קוואַרטיראַנט י. ח. (יוסף חיים) ברענער איז געקומען צו מיר אומגעריכטערהייט אין אַ שבת ביינאַכט, ווען אונדזער שטוב האָט אויסגעזען גאַנץ יום־טובדיק.

די „פראָנט־רום" — דאָס פאָדער־צימער — אָדער „פאַרלאָר" — דער זאַל — איז געווען פיין אויפגעראַמט און ניט געהאַט מער קיין סימן פון שרה שפּרהס נייטעריי אָדער שניידעריי, וואָס איז דאָרט אינדערוואָכן. די פאָר ניי־מאַשינען זיינען געווען איבערגעדעקט מיט אַ פיינעם שטאָף און האָבן אויסגעזען ווי אַ שטיק מעבל. די פענצטער זיינען געווען פאַרהאַנגען מיט ווייסע גאַרדינען, די בעט און די בעטגעוואַנט — איבערגעצויגן מיט אַ ווייסן ליילעך און ווייסע ציכן, דער טיש באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטעך;

און אָט די אַלע ווייסע זאַכן זייַנען געווען פאַרפוצט און באַזוימט מיט האַנטשטריקעריי און אויסהאַפטונג. שרה שפּרהס קליידער פון אייַנפאַכע שטאָפן, נאָר געניייט מיט איר׳ע „גאָלדענע הענט״ האָבן אויסגעזען קאָסטבאַר. זי איז געזעסן אויף אַ פּשוטן וויג־שטול מיט אונדזער „מלאכל״ דאָס קינד שמואל אויף איר שויס. זייַן שיין בליענדיק פּנימל האָט געלויכטן און געשיינט אין זייַן שבתדיקן אָנטאָן, וואָס זייַן מאַמע האָט מיט אירע קינסטלערישע הענט פאַרוואַנדלט פון ווערטלאָזע רעשטלעך אין „פּרינצלעכע״ מלבושים.

די שטוב האָט געבלישטשעט מיט איר ציכטיקייט און ריינקייט. אַלץ האָט געבלאַנקט און איז געווען אויסגעשטעלט אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדענונג. פּלוצלונג האָט זיך געעפנט די טיר און צוויי יונגעלייט אין זייערע מיטעלע צוואַנציקער יאָרן זייַנען אַרייַנגעקומען. דער לענגערער פון זיי, אַ דאַרער מיט ברוינע וואָנצעלעך, האָט פאַר מיר פאָרגעשטעלט דעם קירצערן, זייַן קאָמפּאַניאָן — אַ מיטלגעוויקסיקער, מיט אַ קרעפּטיק, אָבער גוטמוטיק פּנים מיט בלויע אויגן און מיט אַ קייַלעכדיק בלאָנד בערדל — און מיר געזאָגט, אַז דאָס איז י. ח. ברענער, וועלכער וויל זיך מיט מיר באַקענען.

י. ח. ברענערס נאָמען איז מיר געווען גוט באַקאַנט. איך האָב געלייענט זייַן ביכל סקיצן מיטן נאָמען „מעמק עכור״ (פונעם יאָמער־טאָל) און זייַן ראָמאַן „בחורף״ (ווינטער) און איך האָב פון אים אַ סך געהאַלטן. איך פלעג אויך נאָכפאָלגן די רעצענזיעס אויף זייַנע ווערק, באַזונדערס די רעצענזיעס פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי. איך בין נאַטירלעך געווען העכסט צופרידן פון ברענערס באַזוך. איך דערקלער תיכף שרה שפּרהן, אַז מיר האָבן הייַנט אַ גאָר געהויבענעם גאַסט און איך שטעל זי פאָר פאַר זיי ביידן. זי באַגריסט זיי פרייַנטלעך, גיט איבער דאָס קינד צו איר ייִנגסטער שוועסטערל גאָלדע (איינע פון די יתומות וועלכע שרה שפּרהס פריצייַטיק פאַרשטאָרבענע מאַמע האָט אונדז איבערגעלאָזן אַ ירושה), און נעמט זיך צוגרייטן כיבוד פאַר די געסט : טיי, ביסקוויט, פרוכט און דאָס גלייַכן.

ברענער איז צוערשט ניט געווען באַרעדעוודיק. ער איז געווען אַזוי שפּאָרעוודיק מיט זייַנע ווערטער מינדלעך, אַזוי ווי שריפטלעך, אין זייַנע סקיצן פונעם „יאָמער־טאָל״. נאָר וואָס ווייטער, האָט ער זיך ביי אונדז דערפילט אַלץ היימישער און געמיטלעכער און האָט זיך אפילו אַביסל געשמייכלט.

זייַן ווייצלען זיך איז געווען אויפן אייגענעם חשבון. איך האָב אים געפרעגט צי דער לאָנדאָנער העברייאישער פאַראיין האָט אים איינגעלאַדן צו ווערן אַ מיטגליד, און צי די העברייאישע לערער האָבן אים פאַרבעטן צו האַלטן פאַר זיי אַ לעקציע אין העברייאיש. ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם צוזאַמענשטויס, וואָס ער האָט שוין געהאַט מיט לאָנדאָנער „העברייער״.

ווי אַ העברייאישער שרייבער איז עס דאָך גאַנץ נאַטירלעך, ער זאָל ליב האָבן די דאָזיקע שפּראַך, זאָגט ברענער, פונדעסטוועגן איז ער לחלוטין קעגן ריידן העברייאיש מיט יידן, ווען מ'האָט מאַמע־לשון איז יידיש. ער דער־קלערט עס מיר אַזוי: שרייבן העברייאיש קומט אים ניט אָן לייכט, כאָטש ער האָט פאַר זיך אַזוינע מוסטערן ווי דעם תנ"ך, די משנה, די מדרשים, און באַזונדערס מענדעלע. דאָך מוז ער אַלץ פריער דורכטראַכטן אין יידיש און נאָכדעם ערשט אַרבעטן שווער, ווי אַזוי דעם אָדער יענעם באַגריף איבערגעבן אין אַ העברייאיש וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן דאָס וואָס ער, ברענער, האָט אין זינען. ריידן העברייאיש צו היימישע יידן אין לאָנדאָן, איז אָבער גאָר עפּעס אַנדערש: צו וואָס זיך אָנטאָן אַ צוים אויפן צונג און ריידן אַ שלעכטן העברייאיש, ווען מען קאָן אַזוי לייכט און פריי זיך אויס־דריקן אין יידיש?

ער האָט דעריבער זיך אָפּגעזאָגט פון ריידן העברייאיש אפילו צוליב פּרנסה. ער האָט ניט אָנגענומען קיין איינעם פון פאָרשלאָגן, צו ווערן אַ לערער אין אַ העברייאישער שול אין לאָנדאָן, וואו מען לערנט „עברית בעברית". ער וועט דאָס ניט טאָן, האָט ער געזאָגט, כל־זמן ער האָט נאָך ניט אויסגע־פּרובירט אַלע אַנדערע מעגלעכע מלאכות, וועלכע מען קאָן טאָן מיט ניט געבונדענע הענט און פיס, אָנשטאָט מיט אַ געפּענטעטן צונג... דערביי דערציילט ער מיר אַ וויץ:

אַ לאָנדאָנער העברייאישער לערער, יצחק יאַנישעווסקי, אַ ייד אַ כעסן, האָט געהערט ברענערן אויסדריקן זיך שאַרף צווישן עולם אויף אַ יידישן מיטינג, קעגן ריידן העברייאיש אין לאָנדאָן. ניט קענענדיק ברענערן פּער־זענלעך, האָט יאַנישעווסקי אויסגעשריען צו אים אומגעפּער אַזוי:

— מילא, ווען אַ העברייאישער שרייבער ווי י. ח. ברענער דריקט זיך אויס מיט אַזוינע אַרגומענטן קעגן ריידן העברייאיש, איז ער דאָך פאָרט אַ באַרימטער העברייאישער שרייבער, אָבער דו, חצוף, שווייג, אַניט וועל איך געבן פּעטש...

אין פאַרלויף פון אונדזער שמועס האָט י. ח. ברענער מיר אויך דער־ציילט, אַז ער האָט אַ סך יאָרן געשריבן אין יידיש פאַר די אונטערערדישע בונדיסטישע אויסגאַבעס. ער האָט אויך געהאַט פאַרטיק צום דרוק אַ צאָל סקיצן און איינאַקטערס אין יידיש. זיינע יידישע שריפטן זיינען אָבער פאַר־לאָרן געגאַנגען, ווען מען האָט אים אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. ברענער האָט געגלויבט, אַז אברהם רייזען, ביי וועמען ער האָט איבערגעלאָזן דעם פּעקל „כתבים", האָט זיי צוליב די פּאָליטיש נישט־כשרע פּאַפּירן דאָרטן, זיי באַהאַלטן אין אַן אייוועלע, וואָס מ'פלעגט געוויינלעך ניט הייצן. נאָר אויף זיין, ברענערס שלימזל, האָט די באַלעבאָסטע עס איינמאָל גראָד איינגע־הייצט און אַלץ איז דאָרט פאַרברענט געוואָרן. י. ח. ברענער האָט עס דער־

ציילט גוטמוטיק אַזוי ווי זיינע אַנדערע וויצן קעגן זיך אַליין, אָן קיין שום פּאַראיבל אויף אַברהם רייזענען *).

פאַר זיין אָפּשייד פון אונדז אָט דעם שבת בייטאָג, האָט ברענער צו מיר געזאָגט אַזוי:

— בכלל באַטראַכט איך אַזאַ פּאַרפּוצטע שטוב און דאָס האַלטן דאָס אַזוי אין אָרדענונג, אַלס אַ „בורזשואַזע מידה". פאַר אייך אָבער מאַך איך אָן אויסנאַם. איר געפעלט מיר ביידע. איך פיל ביי אייך „ליבשאַפט און ערלעכקייט". בין איך אייך ביידע מוחל דעם פוץ און די אָרדענונג, וואָס איך זע דאָ. כ'וועל גערן ווידער קומען אייך זען און פאַרברענגען מיט אייך.

ער דריקט אויך אויס זיין אַנטציקונג פאַר אונדזער קינד שמואל און רעדט וועגן אים מיט התפעלות.

זיינע ווייטערע באַזוכן מאַכן אונדז ברענערן אַלץ נעענטער. ווען מיר דערוויסן זיך פון זיין פריינט, אַ שריפטזעצער, אַז ער, ברענער, האָט ניט קיין גוטן אָפּרו, באַשליסן מיר צו מאַכן פאַר אים פּלאַץ אין מיין שרייב־צימער.

אין מיין שרייב־צימער, אין אַ הינטערשטן קאַמער מיט אַ פענצטער צום הויף, איז געשטאַנען אַ חוץ מיין שרייב־טיש אויך אַ בעטל און אַ שטול. באַשליסן מיר צו מאַכן דאָרט אַ געלעגער פאַר ברענערן.

אַזוי ווי מיין שרייב־טיש, געקויפט אין אַ געשעפט פון גענוצט מעבל, איז געווען זייער גרויס, דערקלער איך ברענערן, אַז ער קאָן שרייבן אויף דעם זעלביקן טיש, בפרט אַז מיינע לייט־אַרטיקלען און אַ טייל אַנדערע ציטונגס־אַרבעט שרייב איך אין רעדאַקציע. פון מיין זייט קאָן ער עס אויך טאָן אפילו ווען איך בין אין צימער, ווייל מיר וועלן דאָך ביידע זיין אַריינגעטאָן אין אונדזער אַרבעט און ניט שטערן איינער דעם אַנדערן. ער אָבער האָט אויף דעם ניט איינגעשטימט, כאָטש ער האָט אָנגענומען אונדזער פאָרשלאָג צו וואוינען ביי אונדז.

אַריינקלייבנדיק זיך צו אונדז, האָט י. ח. ברענער מיטגעבראַכט מיט זיך זיין גאַנץ פאַרמעגן אין אַ קליינעם רענצל, וואו ער האָט געהאַלטן אַ חוץ זיינע וועש און אַ פּאָר קליידער־שטיקלעך, אויך זיין „קניפּל", אין וועלכן ער האָט געזאַמלט פּעני צו פּעני אויף נדן פאַר זיין עלטערער שוועסטער. ווי געזאָגט, האָט ער ניט געוואָלט שרייבן אויפן זעלבן שרייב־טיש, האָבן

---

*) ווען איך האָב אַמאָל דערמאָנט רייזענען דעם דאָזיקן עפּיזאָד, איז ער געוואָרן אין כעס. אויך זיין ברודער, זלמן רייזען, וועלכער דערציילט אין „לעקסיקאָן", אַז י. ח. ברענער „האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אין ביאַליס־טאָק, וואו ער האָט צוזאַמען מיט זיין פריינט אברהם רייזען געאַרבעט פאַרן פאַרלאַג פון א. קאַטיק", דערמאָנט ער בלויז, אַז דאָרט זיינען ברענערס „כתבים אין העברייאיש און יידיש" פאַרלאָרן געגאַנגען „ד ו ר ך א צ ו פ א ל"...

מיר פאַר אים אַריינגעשטעלט אַ קליין טישל אין צימער לעבן זיין בעט און דאָרט געמאַכט פאַר אים פּלאַץ צו שרייבן. דערמיט אָבער ענדיקן זיך נאָך ניט אַלע אונדזערע „סכסוכים" מיט אים. מיר האָבן געהאַלטן, אַז ער „מאַרעט" זיך, כאַטש ער האָט עס ניט געטאָן בכיון, נאָר כדי אָפּצושפּאָרן נאָך אַ פּעני פאַר דער שוועסטערס נדן. דאָך האָבן מיר אַ מיטל, ער זאָל עסן צו זאַט, און מיר האָבן אים פאַרגעשלאָגן, אַז ער זאָל זיין ביי אונדז אויף קעסט. האָט ער זיך געבייזערט, אַז מיר ווילן אים אַרייננאַרן ער זאָל לעבן אויף אונדזער חשבון... שרה שפרה האָט זיך דאַרום גענומען אים צוצו־שטעלן אַ געניועם חשבון פון יעדן מאָלצייט, וואָס זי וועט פאַר אים קאָכן. אַט אַזוי האָט מען אים ביסלעכווייז צוגעוואוינט ער זאָל ביי אונדז עסן מיטאָגס. שרה שפרה האָט אים פּולשטענדיק איבערצייגט, אַז ער קאָן עסן אַ מיטאָג מיט פליייש און זופּ און נאָך מיט פאַרשיידענע גרינסן און אַנדערע נויטיקייטן דערצו, און עס זאָל באַטרעפן באמת אַ העלפט, אָדער נאָך ווייניקער, ווי זיין ביליקסטער מיטאָג אין ביליקסטן רעסטאָראַן...

צוליב י. ח. ברענערן ווערט ביי אונדז אַן אָפּטער אַריינגייער דער באַ־רימטער רוסישער רעוואָלוציאָנער ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי, וועלכער איז געוועזן ווייט באַרימט נאָך איידער מיין טאַטע־מאַמע האָבן חתונה געהאַט, און אויך וועמעס נאָמען עס איז שוין געוועזן אַ פּאַרטיי פון רעוואָלוציאָנערן („טשאַיקאָווצעס") יאָרנלאַנג איידער איך בין געבוירן געוואָרן. דער אַלטער רעוואָלוציאָנער טשאַיקאָווסקי, אַ שיינער מאַן מיט אַ פיינער גרויער באָרד, פלעגט אַריינקומען אין מיין שרייב־צימער, זיך דורכשמועסן מיט ברענערן וועגן די בראַשורן פון דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן", וועלכע ברענער פלעגט איבערזעצן אָדער באַאַרבעטן פון רוסיש אויף יידיש. איך האָב קיינמאָל ברענערן ניט געפרעגט מיט וועלכן נאָמען ער שרייבט זיך אונטער אויף זיינע איבערזעצונגען און באַאַרבעטונגען פאַר דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן", נאָר מיר דוכט, אַז ער האָט זיך אונטערגע־שריבן „יוחנן הקנאי". דער אַלטער טשאַיקאָווסקי פלעגט דורכגיין מיט ברענערן שורה נאָך שורה און גענוי דורכקאָנטראָלירן ווי אַזוי ער, ברענער, גיט עס איבער אין יידיש.

אַן אַנדער שטענדיקער אַריינגייער איז געוועזן אַ יונגער סטודענט פון יידישע וויסנשאַפטן אין ענגליש, מיטן נאָמען ב. האַלפּער (דער שפּעטער באַרימטער געלערנטער דר. בן־ציון האַלפּער, דער פּראָפעסאָר פון דער באָך־ביבלישער העברייאישער ליטעראַטור־אַנטאָלאָגיע אין העברייאיש און אין ענגלישער איבערזעצונג). דער סטודענט האַלפּער פלעגט דעמאָלט ברענערן לערנען ענגליש שרייבן און ריידן. ער פלעגט עס טאָן ניט אין מיין שרייב־צימער, וואו טשאַיקאָווסקי פלעגט פאַרברענגען מיט ברענערן, נאָר אין דער גרויסער שטוב, וואו שרה שפרה האָט אָנגעפּירט איר נייטעריי, און וואו זי פלעגט אַלעמאָל מאַכן פּלאַץ פאַר האַלפּערן און ברענערן. איך

פלעג זיך וויצלען איבער ברענערס מאַטערן זיך אויסצורײדן דעם ענגלישן „טי עיטש". ער פלעגט אָבער ניט זײן פאַרצווייפלט און האָט געגלויבט, אַז ער וועט סוף כל סוף באַמייסטערן די ענגלישע שפּראַך און זיך קענען אויסדריקן אין איר סיי שריפטלעך און סיי מינדלעך.

מײן קאָרעספּאָנדענץ אויף י. ח. ברענערס נאָמען האָב איך געפירט צוליב אונדזער אָפּמאַך: ער זאָל זײן דער סעקרעטאַר פון די „פּועלי ציון" בלויז אָפיציעל און די גאַנצע אַרבעט זאָל געטאָן ווערן פון מיר.

מיר האָבן ביידע אַזוי אָפּגעמאַכט, ווען מיר טרעטן אַרײן אַלס מיט־גלידער אין אַ פאַראײן „פּועלי ציון". פריער האָב איך צו אַזוינע פאַראײנען ניט געהערט, כאָטש איך האָב אַליין געהאָלפן זיי גרינדן און בין געווען זייער ראַטגעבער און אַרויסהעלפער. דאָס האָב איך אָבער געטאָן בלויז אַלס אָנפירער פון דער אַמאָליקער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער אָרגאַניזאַציע „מערבי". ווען מײנע דאַרטיקע אַמאָליקע חברים וואַנדערן אויס כמעט אַלע קיין אַמעריקע, בלייבט מיר ניט איבער קיין אַנדער ברירה ווי אָנצו־שליסן זיך אין דעם אײנציקן לאָנדאָנער טרעיד־יוניאָניסטישן פאַראײן „פּועלי ציון", וועלכער האָט נאָך אָנגעהאַלטן די פּרינציפּן, אויף וועלכע ער האָט זיך געגרינדעט. די אַנדערע פּועלי ציון פאַראײנען האָבן זיך צעשפּאַלטן איבער דער פראַגע פון קאָלאָניזירן יידן אין אוגאַנדע, און זײנען אונטער־געגאַנגען אָדער געוואָרן „אוגאַנדיסטן."

ווען איך שטים אײן צו ווערן טעטיק אין די פּועלי־ציון, קום איך אַהין צו זייער מיטינג צוזאַמען מיט י. ח. ברענערן, וועלכער שטייט דעמאָלט אונטער מײן אידעאָלאָגישן אײנפלוס, און מיר פאַרשרייבן זיך ביידע פאַר מיטגלידער. דער פאַראײן פאַרלאַנגט דורכאויס, אַז איך זאָל ווערן דער סעקרעטאַר און זאָל אָנפירן מיט דער פּועלי ציון אַרבעט מיט דער זעלבער ענערגיע, מיט וועלכער איך האָב אַמאָל אָנגעפירט די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע באַוועגונג אין ענגלאַנד. איך וועל עס אָבער ניט טאָן אונטער מײן נאָמען כדי די אוגאַנדיסטן זאָלן ניט זאָגן, אַז דאָס איז מײן פריערדיקע אָרגאַני־זאַציע אונטער אַ נייעם נאָמען, שלאָג איך פאָר י. ח. ברענערן פאַרן סעק־רעטאַר און זאָג צו די פּועלי ציון, אַז איך וועל אים אַרויסהעלפן. אים אַליין מוז איך נאַטירלעך צוזאָגן צו טאָן די גאַנצע אַרבעט. איך טו עס אָבער אונטער זײן נאָמען*). איך שרייב זיך אונטער מיט זײן נאָמען ניט בלויז

*) אין מײן אַרכיוו געפינען זיך נאָך קאָפּיעס פון בריוו אָדער צוריק באַקומענע אָריגינאַלן וועגן פאַרשיידענע פּועלי־ציוניסטישע ענינים, גע־שריבן אין מײן האַנטשריפט און אונטערגעשריבן מיטן נאָמען „י. ח. ברע־נער" (אויף דער הילע פונעם פּוע"צ חודש־זשורנאַל „יודישע פרייהייט" איז אויך געווען אָנאָנסירט, אַז „אַלע קאָרעספּאָנדענציעס צו דער אָרגאַני־זאַציאָן פּועלי ציון" זאָל מען אַדרעסירן צו י. ח. ברענער").

אויף נאָטיצן און צושריפטן צו מיטגלידער, אָרגאַניזאַציעס און ציַיטונגען, נאָר איך פיר אויך די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אין לאַנד און אויסלאַנד אויך מיט פרעמדע, מיר אומבאַקאַנטע פּערזאָנען. איך שרייב אויך אונטער דעם נאָמען „י. ח. ברענער" אויף מיינע „אָפענע בריוו" צו ישראל זאַנגוויל, דעם פירער פון דער טעריטאָריאַליסטישער פּאַרטיי. נאָר ווען איך שיק אַ קאָפּיע אין וואַרשע צו דער דאָרטיקער העברייאישער ציַיטונג „הצופה", וואו ברענער איז דעמאָלט געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער און מען קען דאָרט זיין האַנטשריפט, מוז ער איבערשרייבן מיין פּאָלעמישן בריוו מיט זיין אייגענער האַנט און אַליין אונטערשרייבן זיין נאָמען אויף מיין „מאמר"...

מיין אַזוי גערופענער שרייב־צימער פלעגט פריער פון מיר באַנוצט ווערן בלויז בייטאָג. ביינאַכט פלעגט דאָרט שלאָפן די פריער־דערמאָנטע יתומה. נאָך דעם אָבער ווי ברענער קלייבט זיך אַריין צו אונדז, מאַכט שרה שפרה אַ פּלאַץ פאַר איר אין דעם גרויסן פאָדער־צימער, וואו עס איז געווען בייטאָג די בייטערריי. איך האָב דעריבער געמוזט נעכטיקן אין דער זעלבער קאַמער מיט י. ח. ברענערן. דער דאָזיקער חסרון, די ענגשאַפט, ווערט אָבער פאַר מיר אַ מעלה. —

י. ח. ברענער פלעגט אין די אָוונטן זיין באַריידעוודיק און מיר פלעגן שמועסן שעה'ן נאָכאַנאַנד וועגן ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע ענינים. צופרידן מיט מיינע באַמערקונגען וועגן זיינע שריפטן, האָט ער אָנגעהויבן פאָרלייענען פאַר מיר זיין יעדן מאַנוסקריפּט איידער ער האָט עס געשיקט אין „הצופה", אין „הזמן" אָדער אין „השלוח."

איין אָוונט ווען ער האָט מיר פאָרגעלייענט זיינע אַ הומאָרעסקע פאַרן „השלוח", אַ מעשה וועגן אַ שידוך צווישן פּשוטע פאָלקס־מענטשן, האָב איך אים באַמערקט, אַז דערצו וואָלט זיך מער געפּאַסט אַ דראַמאַטישע פאָרם. ברענער האָט מיר באַלד צוגעגעבן, אַז ער האָט עס טאַקע צוערשט געשריבן (אין יידיש) אַלס אַ קאָמעדיע און ער אַרבעט עס באַלד איבער אין אַזאַ פאָרם פאַרן „השלוח" (ער שרייבט עס נאָכדעם אויך אויף פון דאָס ניי אין יידיש).

מיט דעם אויסנאַם פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקין, האָט י. ח. ברענער וויניק געהאַלטן פון זיינע רעצענזענטן. באַזונדערס זיינען אים ניט געווען געפעלן די, וועלכע האָבן געזונגען שבחים צו אים אַלס אַ שרייבער אָנשטאָט ציטירן זיינע ווערק. דערפאַר איז ער געווען מער צופרידן פון די רוסישע רעצענזיעס פון דעם אַריאַלער „קאַזיאָנעם רב" קאַצענעלסאָן, כאָטש זיי זיינען אים כלל ניט געווען געפעלן. זיי האָבן אָבער אַנטהאַלטן אַ סך ציטאַטן פון די רעצענזירטע ווערק. י. ח. ברענער האָט אין דעם געזען צוויי מעלות: ערשטנס — דאָס באַקענען די לייענער דירעקט מיט דעם שרייבערס שאַפן. צווייטנס — דאָס איבערזעצן שטיקער אין רוסיש, וואָס דאָס גיט דעם העב־רייאישן שרייבער די געלעגנהייט צו זען ווי אַזוי זיינע שילדערונגען און

דיאַלאָגן זעען אויס אין אַ היינטיקער, לעבעדיקער שפּראַך, פּריי פון יעדער אַלט־העברייאישער מליצה.

אויסערסט באַשיידן ווי י. ח. ברענער איז געווען, האָט ער דאָך ליב געהאַט זיך צו באַרימען פאַר מיר מיט זיין גבורה. ער האָט געגלויבט, אַז זיין ברוסט איז אַ „שטאָבע אייזן". ער פלעגט ליגנדיק אויף זיין געלעגער קלאַפּן זיך מיט זיינע הענט אין ברוסט און דערקלערן מיר, אַז ער האָט גענוג כחות אַלץ אַריבערצוטראָגן און וועט נאָך לעבן ביז 120 יאָר...*).

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס איך האָב געהאַט די פולע מעגלעכקייט אויסצודריקן פריי מיינע מיינונגען אינעם „טעגלעכן אידישן אַדווערטייזער" אַפילו אין זיינע לייט־אַרטיקלען, האָב איך דאָך געהאַלטן פאַר נויטיק, אַז די פּאַרטיי פּועלי ציון זאָל האָבן איר אייגענעם אָרגאַן. נאָך אַ סך באַראַטונגען באַשליסן מיר צו גרינדן אַ חודש־זשורנאַל, וואָס זאָל אויסדריקן גענוי און קלאָר דעם פּראָגראַם פון די פּועלי־ציון און זיך אָפּגעבן מיט אירע ספּעציעלע פּאַרטיי־אינטערעסן.

אין פריילינג 1905 הויבן מיר אָן אַרויסגעבן אַזאַ חודש־זשורנאַל מיטן נאָמען „די יודישע פרייהייט". דעם נאָמען האָבן מיר גענומען פון דעם פּראָבע־נומער פון אַ וואָכנבלאַט, וואָס איז אַרויס אין 1904 אונטער מיין רעדאַקציע. יענעם בלאַט האָט אַרויסגעגעבן אַ „פּאַראייניקטער פּרעסע קלוב", וואָס ווערט צעפאַלן צוליב מיין פּאַרעפנטלעכן אין אָט דער אויסגאַבע אַ הומאָרעסקע פון דעם פריער דערמאָנטן לאָנדאָנער שרייבער, וויליאַם פּויזניאַק, קעגן די אוגאַנדיסטן.

דאָס ערשטע העפט פון דעם חודש־זשורנאַל „די יודישע פרייהייט" איז אַרויס אין אַפּריל 1905 אין בוך־פאָרמאַט. עס האָט אַנטהאַלטן 32 זייטן, אינגאַנצן לייען־שטאָף. די עטלעכע אַנאָנסן זיינען געווען אויף די זייטן 2 און 4 פון דער הילע. אויף דער ערשטער זייט האָט זיך געפונען אַ צייכענונג פון בלומען און אונטער זיי די ווערטער — מיט גרויסער שריפט: „ד י י ו ד י ש ע פ ר י י ה י י ט" — ראַדיקאַל־ציוניסטישער אַרבעטער־אָרגאַן" און מיט קלענערער שריפט: „אַרויסגעגעבן פון די פּאַראייניקטע פּועלי־ציון פון ענגלאַנד. רעדאַקטאָר — ק. מרמר". נאָך דעם איז געווען אָנגעגעבן דער נומער פון העפט, דער חודש און דער יאָרגאַנג, און אונטער דעם דער פאָלגנדיקער אינהאַלט:

„ציוניסטן־סאָציאַליסטן" — ק. מרמר, „הומאַניטעט און נאַציאָנאַליטעט" — מאַזעס העס, „העברייאיש און זשאַרגאָן" — י. ל. פּרץ, „צום יידישן אינטעליגענט" — ק. מ. „די יודן פראַגע און דער סאָציאַליסטישער יודן־שטאַט" — בן־אליעזר (דר. נחמן סירקין), „דגל חרות" (שיר). „יודישע

*) ער ווערט ליידער דערמאָרדעט אין עלטער פון אַרום 40 יאָר ביי דעם ערשטן פּאָגראָם אין ארץ־ישראל אין 1921.

פרייהייט״ (ליד). „די עקאָנאָמישע פראַגע אין ציוניזמוס״ — דר. יוסף קלויזנער. „אין צייטונגען און זשורנאַלן״ — יחי אמת (קלמן מרמר).

די דריטע זייט הילע איז געווען פאַרנומען מיטן לאַנגן צעטל נעמען וועלכע האָבן געשאַפן די מיטלען אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן זשורנאַל. די העכסטעביישטייערונג איז דאָרט געווען פון „י. ח. ב.״ (ברענער). ניט געקוקט אויף זיינע קליינע פאַרדינסטן, און זיין שפּאָרן פּעני צו פּעני, האָט ער בייגעשטייערט 57 פּענס, איבער פינפטהאַלבן שילינג. דערלאַנגט האָט ער עס דראַמאַטיש, אומבאַוואוסט דערפון. ס׳האָט פּאַסירט אַזוי:

איידער דאָס ערשטע העפט „די יודישע פרייהייט״ איז אַריינגעגעבן געוואָרן אין דרוק, האָב איך (אַ פּאָר טעג פאַר פסח 1905) פאָרגעלייענט פאַר אַ צאָל חברים, צווישן זיי אויך ברענער, מיין אַריינפיר־אַרטיקל „ציוניסטן־סאָציאַליסטן״, אין דעם דאָזיקן העפט. צווישן אַנדערע זאַכן האָב איך דאָרט אויך געשריבן וועגן יענעם טייל רעוואָלוציאָנערער יידישער יוגנט, וועלכער שטאַמט פון די האַרעפּאַשנע יידישע פאָלקסמאַסן און האָט זיך דערצויגן אין מאַמע־לשון, אין זייערע חדרים און ישיבות, און אויך אויף דער נייער יידישער ליטעראַטור. דערביי שילדער איך דאָרט די איבערלעבונגען פון אַ פילנדיקן יידיש קינד ביים לערנען תנ״ך, מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„עס ווערן פאַר אים ווידער לעבעדיק געשטאַלטן, וועלכע האָבן גע־לעבט (אָדער די פאָלקס־לעגענדע האָט געשאַפן) מיט טויזנטער יאָרן צוריק. עס פילט זיך אַלס טייל־נעמער אין דער אַלטער יידישער גע־שיכטע. עס וואַנדערט צוזאַמען מיט די אבות פון לאַנד צו לאַנד. עס ליידט צוזאַמען מיט די „בני־ישראל״ פון דער שקלאַפעריי אין מצרים. — זיין קינדערש הערצל שפּרינגט פאַר פרייד און אויפרעגונג ווען משה מיט די „בני־ישראל״ גייען בשלום אַריבער דעם ים־סוף — פיבער־האַפט לעבט עס איבער די ווידער דעראָבערונג פון זיין לאַנד, די מלחמות צווישן די שבטים, די אונטערדריקונג דורך די פלישתים, די נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג אונטער די קיניגן, די שפּאַלטונג צווישן יהודה און ישראל, די פאַרטרייבונג אין אשור און אין בבל און די ווידער־אויפלעבונג פון יהודה. הויך איבער די פירשטן און קיניגן וואַקסן פאַר אים אַרויס די ערהאַבענע געשטאַלטן פון די נביאים — די יעניקע, וועלכע געדענקען גוט די געטלעכע ווערטער: „זייט הייליק!״ „אַנטלויפט פון שקר״, „פאַר־דערט גערעכטיקייט — גערעכטיקייט!״ — און ווען עס זעט, אַז דאָס לעבן איז אַנדערש ווי אין חומש, אַז אויף יעדן טריט און שריט הערשט אומריינקייט, שקרים און אומגערעכטיקייט — ווערט עס דאָך ניט אָפּ־הענטיק און פאַרצווייפלט, ווייל עס האָפט און גלויבט, אַז עס וועלן דער־פילט ווערן די הבטחות פון די נביאים, אַז עס וועט נאָך קומען אַ צייט אין וועלכער די מענטשן וועלן צעברעכן זייערע שווערדן אויף אַקער־אייזנס.״

נאָך דעם קומט אַ קורצע שילדערונג פון דעם וואָס עס לעבט איבער אַ פילנדיק ייִנגל ביים לערנען דעם תלמוד:

„דיין בלוט איז ניט טייערער פאַרן צווייטנס", „וואָס דיר איז ניט ליב טו ניט דעם צווייטן", רבי יהודה הנשיא ווערט האַרט באַשטראָפט, ווייל ער האָט קיין רחמנות ניט געהאַט אויף אַ קאַלב, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער שחיטה. רבי אליעזר בויגט זיך ניט אפילו פאַר גאָט, כביכול, ווען ער גלויבט, אַז ביי אים איז דער אמת. רבי עקיבא און די איבעריקע מאַרטירער פון די „עשרה הרוגי מלכות" (צען דערמאָרדעטע דורך דער רעגירונג) נעמען אויף דעם קאַמף קעגן רוים און אָפּפערן זיך פאַר זייערע אידייען. די אַרבעט ווערט פאַרהערלעכט אין דער קעגנוואַרט און פאַרגעשטעלט אַלס גליק אין דער צוקונפט. — פול מיט רעוואָלטירנדע מחשבות, וואַנדערט אום דאָס יידיש ייִנגל — — — עס זעט און פאַרשטייט די אַלע ווידערשפרוכן צווישן די תורות און די מעשים פון די מענטשן און עס זוכט דעם נביא, וועלכער זאָל ווידער אויסשרייען צו די זינדיקע מענטשן: — „וואַשט אייך, רייניקט אייך! — אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט"...

אין אָט דעם טאָן איז געשילדערט די אַנטוויקלונג פון יענער יידישער יוגנט, וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם לאַנגן וועג פון תנ"ך און תלמוד ביז צו די מאָדערנע רעוואָלוציאָנערע אידייען פון סאָציאַליזם, און טראַגט זיך אַרום מיט די געדאַנקען פון באַפרייען פאָלק און קלאַס, ייד און מענטש...

י. ח. ברענער, וועלכער האָט דערביי, קענטיק, טיף איבערגעלעבט זיין אייגענעם לעבן, וואָס מיינע ווערטער האָבן אים דערמאָנט, איז אויפגעשפרונגען פון זיין פּלאַץ אין גרויס עקסטאַז און אַרויסגעצויגן פון אונטערן בעטל זיין רענצל, אַרויסגעוויקלט פון דאָרטן פעקלעך גרויסע קופערנע מטבעות און אויסגעשאָטן אויפן טיש די סומע פון 4 שילינג מיט 9 פּענים; כדי צו העלפן אָפּדרוקן דעם ערשטן העפט „יודישע פרייהייט"*).

מיין הויפּט־מיטאַרבעטער אינעם זשורנאַל „די יודישע פרייהייט" איז געוועזן מיין קוואַרטיראַנט י. ח. ברענער. דעם ערשטן העפט האָב איך כמעט אַליין אויסגעפילט. אַ חוץ דעם ערשטן טייל פון מיין לענגערן אַרטיקל „סאָציאַליסטן־ציוניסטן" אונטער מיין אייגענעם נאָמען, האָב איך אין ערשטן העפט אויך געגעבן אַ פעליעטאָניסטישע פרעסע־איבערזיכט אונטערן פּסעוודאָנים „יחי אמת" ווי אויך דריי פערזן „צום יידישן אינטעליגענט" אונ־

*) צווישן די פילע אַנדערע ביישטייערער איז אויך געווען ש. ב. מאַקסימאָווסקי; ער צייכנט זיך אויס שפּעטער אַלס העברייאישער עסייאיסט „מקסימון", וועלכער האָט געשריבן אינעם נוסח פון זיין פאַרערטן שרייבער אחד העם.

טערגעשריבן מיט מיינע איניציאַלן „ק. מ.״ די דאָזיקע געגראַמטע פּראָזע האָב איך אויפגעשריבן ווי אַ פּאַראָדיע אויף דר. חיים זשיטלאָווסקיס אַ לידל, אין וועלכן ער האָט גערופן די יידישע אינטעליגענטן זיי זאָלן אַריין אין זיין פּאַרטיי. איך האָב עס געהאַלטן ניט פאַר קיין פּאָעזיע, נאָר פאַר אַגיטאַציע און אָנגעוויזן מיינע חברים, אַז מען קען באַנוצן דר. זשיטלאָווסקיס פערזן צו אַגיטירן פאַר יעדער אַנדערער פּאַרטיי, מען דאַרף בלויז ענדערן אַ פּאָר ווערטער.

אין מיינע איבערזעצונגען פון דייטש פון משה העס „ראָם אונד יערו־זאַלעם״ און דר. סירקינס „סאָציאַליסטישער יודנשטאַט״ האָט מיר י. ח. ברענער האָט מיר איך געהאָלפן צוזאַמענשטעלן דעם אָפּטייל „פון אונדזער געגעבן. צום טאָפּל־העפט (נומער 2 און 3) האָט אָבער ברענער אַליין מיר אָנגעבאָטן זיין מיטאַרבעטערשאַפט דורך אַן איבערזעצונג אין יידיש פון אַ העברייאישער דערציילונג „נאָכן פּאָגראָם״, — אַ בילד פון ג. שאָפּמאַן. ברענער האָט מיר אויך געהאָלפן צוזאַמענשטעלן דעם אָפּטייל „פון אונדזער לאַגער״ (נאָטיצן און באַמערקונגען), וואָס איז דערשינען אונטער מיין פּסעוו־דאָנים „יחי אמת״.

אין דער שריפטלעכער טעטיקייט פון מיין קרייז האָב איך דורך דעם „טעגלעכן יודישן אַדווערטייזער״ און „יודישער פרייהייט״ זיך אַ סך באַ־טייליקט. אין דער מינדלעכער אָבער, האָב איך בלויז געקאָנט האַלטן לעק־ציעס פאַר הונדערטער מענטשן. אַרויסטרעטן אין גאַס אָבער פאַר ברייטע מאַסן, וועלכע זיינען געקומען אין די טויזנטער אונדז הערן, האָבן מיר מער ניט געקענט, זינט דאָס אויסוואַנדערן פון אונדזער חבר, דעם בייטל־מאַכער אבערסאָן, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ לייבן־שטימע. מיט מיינע שוואַכע לונגען האָב איך אַפילו זומער־צייט ניט געטאָרט ריידן צו הויך. דאָס האָט אונדז פונדעסטוועגן ניט געשטערט דורכצופירן אַ גאָר גרויסן מאַסן־מי־טינג אין פריילינג 1905, צו פּראָטעסטירן קעגן דעם „עיליען ביל״, דעם אַנטי־פרעמדן געזעץ פון דער ענגלישער רעגירונג. אַ דאַנק מיין פּערזענ־לעכער פריינטשאַפט מיט דר. מאָזעס גאַסטער, האָט אונדזער קרייז ביי אים געפועלט ער זאָל זיין דער פאָרזיצער פון אָט דעם איינציקן עפנטלעכן יידישן מאַסן־פּראָטעסט קעגן דער קאָנסערוואַטיווער ענגלישער רעגירונג.

דר. גאַסטער האָט ווירקלעך אַרויסגעוויזן דערביי אַ סך מוט. ער האָט זיך כלל ניט גערעכנט מיט די הויכע יידישע אַריסטאָקראַטן פון דער פּאָר־טוגעזישער יידישער געמיינדע וועמעס „כאַכאָם״ (ספרדישער אויבער־ראַ־בינער) ער איז געווען פאַר דער גאַנצער ענגלישער אימפּעריע, און ער איז אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן דער בריטישער רעגירונג פאַר איר אומ־רעכט קעגן די אָרימע יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, פּוילן און רומע־ניע. דערצו האָט ער עס נאָך געטאָן אויף אַ פּלאַטפאָרם פון אימיגראַנטישע

סאָציאַליסטן ווי די וויטעשפּלער טרעיד־יוניאָניסטישע פּועלי־ציון זיינען דעמאָלט געווען. לײדער האָבן די אוגאַנדיסטן געזוכט צו שטערן אָט דעם גרויסן מאַסאָוון פּראָטעסט־מיטינג.

פאַרבלענדט פון זייער פראַקציאָנעלער שנאה האָבן די אוגאַנדיסטן געטײלט בלעטלעך קעגן דר. גאַסטער ווי אויך קעגן די ווייניקער באַקאַנטע רעדנער און אָרגאַניזירער. ווען עס געלינגט זיי ניט צו צעשטערן דעם מי־טינג, דורך דעם שטאַרקן ווידערשטאַנד פון אונדזער קליינער, אָבער ענער־גישער אָרגאַניזאַציע, לאָזן זיי נאָכדעם אַרויס אַ פּאַסקוויל מיטן נאָמען „גלח גאַסטער און ציונס קאָזאַקן", אין וועלכן זיי פאַרגלייכן דעם הויך־אָנגעזעענעם יידישן געלערנטן און אומדערמידלעכן קעמפער פאַר גערעכ־טיקייט, דר. גאַסטער, מיט אונדזער בלוטיקן שונא, דעם צאַריסטישן רע־אַקציאָנער פּאָבעדאָנאָסצעוו. דערביי דערציילט דער פּאַסקוויל באַבע־מעשיות ווי אַזוי 25 פון אָט די יידישע „קאָזאַקן" זיינען באַפאַלן יעדן איי־נעם פון זיי און געשלאָגן צווייי פּרויען, וועלכע האָבן זיך פאַר יענע איינגע־שטעלט... ווען דר. וואָרטסמאַן ברענגט אַריבער זיין חודש־זשורנאַל „די אידישע צוקונפט" פון וואַרשע קיין לאָנדאָן, פאַרעפנטלעכט ער דאָרטן אויסצוגן פון אָט דעם פּאַסקוויל און מאַכט פאַראַנטוואָרטלעך דר. נ. סירקין פאַר די מיאוסע מעשים פון זיינע תלמידים. פאַקטיש אָבער האָבן אָט די יונגטלעכע אוגאַנדיסטן־טעריטאָריאַליסטן געערעדט רייד פון וועלכע דר. סירקין וואָלט געהאַט ווייניק נחת. זיי האָבן דעמאָלט אָנגערופן ארץ־ישראל „דאָס געפייגערטע לאַנד", און העברייאיש — „די פאַרשימלטע שפּראַך".

איבער דער אויסערגעוויינלעכער אָרימקייט אין דער לאָנדאָנער יידי־שער געטאָ צעברעכט ברענער איין מאָל די גאַנצע פּאָדלאָגע פון אונדזער גרויסן פּאָדער־צימער, וואו עס איז געווען שרה שפרהס נייטערײ. געשען איז עס אַזוי: אין אונדזער דירה, אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע אָרימערע וואוי־נונגען אין וויטשעפּל, האָט געברענט גאַז נאָר דעמאָלט ווען מען האָט אַריינ־געוואָרפן אַ גרויסע קופּערנע פּעני אין „גאַז־מיטער". ווען עס האָט אויס־געברענט די מאָס גאַז פאַר דער פּעני איז געוואָרן אין הויז שטאָק פינצטער. שרה שפרה פלעגט דאָרום האַלטן שטענדיק געגרייט אַ צאָל קופּערנע פּעניס. איינמאָל האָט זי ניט באַוויזן צו צעבייטן אַ שילינג (אַ זילבערנע 12 פּעני שטיק) אויף 12 קופּערנע פּעניס. דאָס קינד, אָדער עמיצער אַנדערש האָט אומגערן עס אַרונטערגעוואָרפן אויף דער ערד. עס האָט זיך וואו פאַר־קייקלט און מיר האָבן עס ניט געקענט געפינען. י. ח. ברענער האָט נאַ־טירלעך עס באַטראַכט פאַר אַ גרויס אומגליק און אונדז געהאָלפן זוכן דעם פאַרלוירענעם שילינג. ווען ער האָט איינגעזען, אַז אונדזער זוכן איז אומ־זיסט, האָט ער געכאַפּט אַ האַק און גענומען אויפרייסן אַ ברעט נאָך אַ ברעט פון אונדזער פּאָדלאָגע. דעם שילינג האָבן מיר אויך דאָרט ניט געפונען.

ברענער אָבער האָט נאָכדעם שווער געאַרבעט צו מאַכן ווידער גאַנץ די פּאַדלאָגע, וואָס ער האָט אויפגעריסן.

ניט געקוקט אויף דער אָרימקייט אין דער לאַנדאָנער געטאָ, האָט אונדזער יידישער אַרבעטנדיקער עולם זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון גוטער מוזיק. מיר פלעגן אָפט הערן דעם קינסטלערישן סימפאָניע אָרקעסטער, דיריגירט פון מר. (שפּעטער סער) העגרי וואוד. שבת־צו־נאַכט פלעגט זיין אַ „סילווער קאָלעקשאָן", אַנשטאָט בילעטן, פלעגן מיר האָבן צוגעגרייט אַ זילבערנעם „טריפּענס" (אַ דריי פּעני שטיק), די קלענסטע זילבערנע מטבע, וואָס איז אונדז געווען מעגלעך צו געבן. שווערער איז אונדז געווען צוליבן פיל העכערן פּרייז, צו באַזוכן דעם הויך־קינסטלערישן „דרורי לעין טעאַטער", וואו עס האָבן געשפּילט סער העגרי אירווינג און מיס עלען טערי.

איינמאָל קריג איך צוויי בילעטן פאַר אַ „מאַטינע" אין אַ וואָכעדיקן טאָג און שרה שפּרה קאָן דעמאָלט ניט אַוועקגיין פון דער נייטערײַ. גיי איך אַהין צוזאַמען מיט ברענערן, און אונדזערע איבערלעבונגען האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

מיר זיינען ביידע געזעסן באַצויבערט אין העכסטער אַנטציקונג פאַר ענגלאַנדס גאונישן דראַמאַטורג וויליאַם שעקספּיר, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל סימפּאַטיע זיך פאַרטיפט אין דער נשמה פון אַ מיטלאַלטערלעכן געטאָ־ייד, וואָס כאָטש ער איז געצוואונגען צו לעבן פון פּראָצענט, דערהויבט ער זיך הימל־הויך איבער דער הויכער געזעלשאַפט פון פּריצים און רייכע סוחרים, וועלכע קוקן אויף אים פון אויבן אַראָפּ. טיף דערשיטערט זיינען מיר געווען, בעת סער העגרי אירווינג, אַלס „שײַלאָק", קומט אַהיים און געפינט אויס, אַז מען האָט פון אים אַוועקגעגנבעט ניט בלויז זיינע דימענטן, נאָר אויך זיין קינד, וואָס איז אים אַן אַ שיעור טייערער פון אַלע ערדישע רייכטימער. זיין אַרומבלאָנקען אין דער פינצטערער נאַכט און זיין שטילער האַרץ־רייסנדיקער רוף „דזשעסיקאַ!" האָט געלעכערט ניט בלויז אונדזערע יידישע הערצער. ניט ווייט פון אונדזער פּלאַץ אויפן באַלקאָן איז געזעסן אַן עכט־ענגלישע לעידי אין באַקס (לאָזשע) און געוויינט מיט ביטערע טרערן אויף שײַלאָקס אומגליק...

אין דער פּריילעכקייט, אין דעם לעצטן אַקט מיט שײַלאָקס מפּלה און מיט דזשעסיקאַס „גליקן" זיינען בלויז געווען קינסטלעכקייטן, כאָטש גע־שפּילט קינסטלעריש פון ערשט־ראַנגיקע קינסטלער. די פינצטערקייט און מרה־שחורה אַרום שײַלאָקן, ווען ניט ווייט פון אים קומט פאַר אַ קאַרניוואַל פול מיט ליכט, פריידע און געזאַנג, האָט אונדז דערמאָנט די פּאָגראָם־שרעקן אין דער צאַרישער מדינה און די פּאָגראָם־קרבנות פון זשיטאָמיר און אַנ־דערע שטעט, וואו דאָס אומשולדיק־פאַרגאָסן יידיש בלוט (אין 1905) האָט נאָך געזאָטן און אונדז גערופן עס ניט צו פאַרגעסן... גלייכצייטיק איז פאַר מיר

אויך קלאָר געווען, אַז יענע עלעמענטן, וועלכע סימפּאַטיזירן מיט די פּאַ־גראָמען־מאַכער און זיינען אַליין אויך אַנטיסעמיטן און ראַסן־האַסער, זענען אין שעקספּירס פּיעסע אַלדאָס בייז אויף יידן און האָבן דערפון פאַרגעניגן...

קאַפּיטל הונדערט צוויי און פערציק

מיינע שמועסן מיט הלל צייטלינען

מיינע שמועסן מיט הלל צייטלינען אין באַזעל זיינען פאָרגעקומען אין צייט פון 7־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, סוף יולי און אָנהויב אויגוסט 1905. דער העברייאישער שרייבער הלל צייטלין איז מיר דעמאָלט געווען טאָפּלט נאָענט: אי אַלס שרייבער אי אַלס פריינט פון מיין חבר י. ח. ברענער.

אַלס אַ שרייבער איז הלל צייטלין מיר געווען נאָענט, ווייל זיינע ווער־טער האָבן געוואוינען מיין האַרץ. באַקאַנט האָב איך זיך מיט זיין שרייבן צום ערשטן מאָל ווען איך האָב געלייענט זיינע האַרץ־אויסגוסן אין דוד פרישמאַנס וואָכנבלאַט „הדור". ער פלעגט אַרויסזאָגן קלאָר, לייכט און שיין דאָס, וואָס איך האָב אין יענע צייטן געפילט. איך בין געווען מיט אים פולשטענדיק איינשטימיק, אַז שלעכטס פון דער וועלט דאַרף אונדז ניט ברענגען צו קיין יאוש, נאָר צו פאַרביטערונג, — צו שרייען און פּראָטעסטירן קעגן דעם. באַזונדערס איז מיר געווען געפעלן זיינער אַן אויסדרוק אין אַ פּערזענלעכן בריוו צו ברענערן: „חי אלהי אשר בלבבי" (איך שווער ביי מיין גאָט אין האַרצן). דאָס האָט מיר דערמאָנט אין די גריבלענישן פון מיין מאַמען, די פּשוטע דאָרפס־פרוי, וואָס האָט ניט געקענט לייענען און שרייבן אַפילו אין יידיש און דאָך זיך געגריבלט אין פראַגן פון אמת און גערעכ־טיקייט און אָפּגעשאַצט די מענטשן לויט דעם אויף וויפל זיי האָבן, לויט איר מיינונג, „אַ גאָט אין האַרצן"...

הלל צייטלין, אַ הויכער דאַרער מאַן מיט אַ היפּשער באָרד, וואָס זעט מיר אויס רויטלעך, שפּאַצירט מיט מיר אַרום אַ סך שעה'ן נאָכאַנאַנד איבער דעם פּאָדער־זאַל פון דער באַזעלער קאַסינאָ, וואו דער ציוניסטישער קאָנ־גרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן. הלל צייטלין זעט אין מיר אַ „חבר לדעה" (אידייען־חבר). אים געפעלן מיינע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, אַז „ישראל קודם", — דאָס יידישע פאָלק איז בילכער ווי דאָס יידישע לאַנד. ער וואונ־דערט זיך דערום פאַרוואָס איך בין ניט פאַר אוגאַנדע אָדער אַפילו פאַר טע־ריטאָריאַליזם בכלל, אַזוי ווי ער. נאָר כאָטש איך בין געווען איינשטימיק מיט אים, אַז דער עיקר איז פאַר אונדז, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל קאָנען עקזיסטירן און האָבן פון וואָנען צו לעבן, האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט איינזען, ווי ער, די מעגלעכקייט דאָס צו דערגרייכן דורך באַזעצן יידן אין

אַן ענגלישער קאָלאָניע אין מזרח־אַפריקע. מיין טענה איז געווען, אַז די מאַסן יידישע הענדלער וועט אַנקומען אויסערסט שווער צו פאַרבייטן וואָג און מאָס אויף אַקער און סערפּ אַפילו אין ארץ־ישראל, וואו זיי וועלן האָבן די מיטהילף פון פּסיכאָלאָגישע איינפלוסן. דאָרט, אין אַ סביבה, וועלכע איז פול מיט נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע זכרונות וועלן אַזוינע „אימפּאָנדער־אַבלען" (כחות וועלכע מ׳קאָן ניט וועגן און מעסטן), ווי, למשל, די פּאַראָויס־זאָגונגען פון די נביאים, און דער טויזנט־יאָריקער פאָלקלאָר, קאָנען מעג־לעך סטימולירן ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן צו באַוויזן וואונדער...

מיינע עטלעכע יאָר לעבן אין ענגלאַנד און מיין באַקאַנטשאַפט מיט די צושטאַנדן אין אירע קאָלאָניעס, דורך שטודירן אָפיציעלע און אומאָפיציעלע, שריפטלעכע און מינדלעכע באַריכטן פון אויטאָריטעטן און ספּעציאַליסטן איבערצייגן מיך, אַז די בריטישע קאָלאָניאַלע מאַכט וועט דערשטיקן ביי די יידישע קאָלאָניסטן אין מזרח־אַפריקע יעדע אילוזיע פון שאַפן דאָרט אַן אייגענע יידישע מדינה, געבויט אויף אַ לעבן פון אייגענער אַרבעט און אויף די גערעכטיקייט־פּרינציפּן פון די אַלטע יידישע נביאים אָדער גאָר פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם.

אויף אונדזערע שפּאַצירן שמועסן מיר וועגן אונדזער געמיינזאַמען פריינט י. ח. ברענער. אויך צייטלין האָלט ברענערן פאַר אַ פיינעם שרייבער און אַ העכסט־ערלעכן מענטשן. צוגלייך אָבער דערקלערט ער מיר, אַז י. ח. ברענער האָט כלל ניט פאַרשטאַנען די פּערזענלעכקייט פון זיין העלד דאַווידאָווסקי, אין זיין ראָמאַן „מסביב לנקודה" (אַרום דאָס פּינטע־לע). הלל צייטלין האָט, ווי ער זאָגט מיר, געקענט פּערזענלעך דעם האָמלער אינטעליגענט (ה׳ בוים), וועלכן ברענער שילדערט אונטערן נאָמען „דאַווי־דאָווסקי" און ער, צייטלין, האָלט, אַז ס׳איז גאָר ניטאָ קיין פאַרגלייך צווישן זיי: בוימס פילאָסאָפיע האָט ניט געפירט צו זעלבסטמאָרד, כאָטש ער, בוים־דאַווידאָווסקי, איז געווען אומצופרידן פון אונדזער וועלט, פון אירע אידייען, אָרדענונג און פירונגען.

ווייניקער ווי מיט הלל צייטלינען פאַרברענג איך אין באַזעל מיט מיין אַלטן פריינט, דר. חיים ווייצמאַן. איך בין גאַנץ פאַרנומען דאָרט מיט מיינע נייע חברים פון עסטרייך, רוסלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע זיינען ניט בלויז ציוניסטן נאָר אויך סאָציאַליסטן.

דר. חיים ווייצמאַן האָט מיט מיר קאָרעספּאָנדירט פון מאַנטשעסטער, ענגלאַנד, אַזוי פריינטלעך־אינטים ווי פון זשענעווע. מיר זיינען אָבער אין די לעצטע פאַר יאָר ווייט אַוועק אידייאיש איינע פון די אַנדערע. ער איז געבליבן דער זעלביקער בירגערלעכער ציוניסט ווי געווען און האָלט זיך נאָך פאַר אַזאַ דעמאָקראַט ווי ער איז געווען אין זשענעווע, אַלס איינער פון די פירער פון דער ציוניסטישער דעמאָקראַטישער פראַקציע. אין פאַרגלייך

מיט אַ. ל. גרינבערג פון לאָנדאָן, איז דר. ווייצמאַן באמת נאָך איצט אויך אַ דעמאָקראַט און אַ פּאָלקס־מענטש. נאָר זיין פירן דיפּלאָמאַטיע אין די הויכע פענצטער פון ענגלאַנד צו פאַרטיידיקן די מזרח־אייראָפּיאישע ציוניסטן, למאי זיי ווילן ניט אָננעמען ענגלאַנדס מתנה — אוגאַנדע, פירט אים אַוועק אַלץ ווייטער פון מיין נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן קרייז. מיינע חברים און איך פאַרענטפערן זיך ניט פאַר דער ענגלישער רעגירונג, פאַרוואָס מיר נעמען ניט אָן די דאָזיקע מתנה. פאַרקערט, מיר אַטאַקירן די קאָנסערוואַטיווע טשעמבערלעינס, וואָס באַטן אונדז יידן אָן כלומרשטע מתנות און צוגליך פאַרשפּאַרן זיי די טויערן פון ענגלאַנד פאַר אונדזערע היימלאָזע יידישע וואַנדערער. מיר שווינען אויך ניט די כלומרשטע ליבעראַלן, וועלכע האָבן מסכים געווען מיטן „עיליען ביל" און דערמיט באַוויזן, אַז זיי זיינען ניט בעסער פון די קאָנסערוואַטיוון און פירן צוזאַמען מיט יענע אַן ענלעכע פּאָליטיק ווי דער צאַריזם: באַשטראָפן די יידן נאָך יעדן פּאָגראָם אָדער פּאָגראָם־שרעק, ווי דאָס זיינען געווען די דעמאָנסטראַציעס, אין 1903, פון די אַנטיסעמיטן אין לאָנדאָן.

מיט דער רוסלענדער פּועלי־ציון דעלעגאַציע בין איך צוערשט געווען ווייניק באַקאַנט. שלמה קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי פון ווין, וועמען איך באַטראַכט פאַרן פירער און טעאָרעטיקער פון די פּועלי־ציון אין עסטרייך, באַקענט מיך מיט אַ גרופּע פּועלי־ציוניסטישע דעלעגאַטן, וועלכע רופן זיך אָן מיט פּסעוודאָנימען: בן־אריה, באָרוכסאָן, וויטעבסקי א. אַז. וו. אַלס זייער הויפּט שטעלט מען פאַר אַ שיינעם יונגנמאַן מיטן נאָמען לעווקאָווסקי, פון יעקאַטערינאָסלאַוו. פון אַלגעמיינע ציוניסטן דערוויס איך זיך וועגן נאָך אַ באַדייטנדיקן פּועלי־ציון דעלעגאַט מיטן נאָמען באָראָכאָוו, נאָר לעוו־קאָווסקי און קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי וואָרענען מיך קעגן יענעם, אַז ער חברט זיך מיטן קאָנסערוואַטיוון „חובב ציון", אינזשיניער אוסישקין און דעריבער קען מען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן... אַזוי ווי איך האָב געקענט אוסישקינען זינט עטלעכע יאָר און געהאַט צו אים מער צוטרוי ווי צו אַ סך באַלעבאַטישע ליבעראַלן, האָב איך ניט געזען קיין חטא אין באָראָכאָווס חברן זיך מיט אוסישקינען. דערוויל דערוויס איך זיך, אַז די פּועלי־ציון פראַקציע פון קאָנגרעס, אָנגעפירט פון לעווקאָווסקין און קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקין, אַראַנזשירט אַ וויסנשאַפטלעכע לעקציע מיט דעם זעלביקן באָראָכאָוו, כדי אויפצוקלערן די ליבעראַלע ציוניסטן וועגן די פּרינציפּן פון פּועלי־ציוניזם. איך פאַרשטיי דעריבער, אַז זייער וואָרענונג קעגן באָראָכאָוון איז געווען צוליב אַנדערע מאָטיוון ווי זיי האָבן מיר אָנגעגעבן, און איך דערנענטער זיך צו אים.

ב. באָראָכאָוו איז אַ יונגערמאַן אין מיין וואוקס, נאָר ניט אַזוי דאַר ווי איך, ער זעט אויך אויס עלטער צוליב זיין היפּשער קיילעכדיקער באָרד (איך

פלעג דעמאָלט טראָגן אַ קליין „קנעפּל" האָר אונטער דער אונטערשטער ליפּ, צו וואָס עס האָבן מיר איינגעוואוינט די פראַנצויזישע פריזירער אין פריבורג). באַראָכאָוו מאַכט באַלד אַ גוטן איינדרוק אויף מיר. כ׳בין אָבער ניט איינשטימיק מיט זיין באַגרינדן דעם פּועלי־ציוניזם אויף מאַרקסיסטישע יסודות. איך באַנוגן זיך מיט אַ מעכאַנישער פאַראייניקונג פון ציוניזם און סאָציאַליזם, און באַמי זיך כלל ניט זיי צו פאַראייניקן כעמיש: זיי זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַזונדער שטאָף, וואָס איז ניט מער ענלעך צו די שטאָפן פון וועלכע עס איז צוזאַמענגעזעצט.

די מערסטע צייט פאַרברענג איך אין באַזעל מיט דעם אַמעריקאַנעם פּועלי־ציוניסטישן דעלעגאַט חיים פיינמאַן, אַ סטודענט פון אַ פילאַדעלפיער אוניווערזיטעט, וואו ער ווערט שפּעטער אַ פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור.

מיט די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון שטיי איך אין פאַרבינדונג זינט זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט. איך בין מיט זיי פאַרבונדן הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס אַ טייל פון זייערע טוער און רעדנער זיינען געווען מיינע חברים און תלמידים אין ענגלאַנד. זיי פלעגן מיר אויך שיקן זייער ניו־יאָרקער דריימאָנאַטלעכע אויסגאַבע, „די נייע שטימע" — איידער זי ווערט טעריטאָריאַליסטיש — צו פאַרשפּרייטן אין ענגלאַנד, און איך האָב זיי געשיקט אונדזער חודש־זשורנאַל „די יודישע פרייהייט" צו פאַרשפּרייטן אין אַמעריקע. די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון זיינען אָבער אַ געוויסע צייט ניט געווען קיין געאייניקטער עלעמענט. זיי האָבן געהאַט אין זייערע פאַראיינען סיי ציוניסטן און סיי טעריטאָריאַליסטן. זייערע פיר פאַראיינען — פון באַלטימאָר, באָסטאָן, ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע, מיט 22 דעלעגאַטן — האַלטן אָפּ אַ קאָנפערענץ אין פילאַדעלפיע, פון דעם 29־טן אַפּריל ביז דעם ערשטן יולי, 1905. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס באַשליסן זיי, כדי צו פאַרמיידן אַ שפּאַלטונג אין זייערע רייען, צו לאָזן אָפן די פראַגע ארץ ישראל אָדער אַ טעריטאָריע. זיי דערוויילן אויך צוויי דעלעגאַטן צום קאָנגרעס: איינעם פאַר דער טעריטאָריאַליסטישער ריכטונג — מיין סטודענטישן חבר פון בערן, ירחמיאל אווערבאַך, וועלכער איז איצט אַ דענטיסט אין ניו־יאָרק, און פאַר דער ארץ־ישראל־ריכטונג — דעם פריער דערמאָנטן פילאַדעלפיער סטודענט חיים פיינמאַן, וועלכער ווערט אינסטרואירט זיך צו האַלטן צוזאַמען מיט מיר, דעם דעלעגאַט פון ענגלאַנד, ווייל איך בין עלטער און דערפאַרענער: איך בין דאָך שוין דאָס פערטע מאָל אויף אַ קאָנגרעס אין באַזעל.

חיים פיינמאַן, דער סימפּאַטישער יונגער אַמעריקאַנער סטודענט, ווערט מיר נאָענט, ווי ער וואָלט געווען מיינער אַ יינגערער ברודער. מיר וואוינען אין באַזעל אין איין צימער און עסן צוזאַמען אונדזערע מאָלצייטן. איך באַקען אים אויך מיט אַלע מיינע חברים, פריינט און באַקאַנטע און נעם אים צו אַלע אונדזערע קאָנפערענצן און באַראַטונגען. נאָכן קאָנגרעס פיר איך אים אַוועק

קיין אינטערלאקן צו מיין אַלטער וואוינונג פון 1903 אין ווילע „אלפענרוע". מיר ווערן אויפגענומען פון אירע באַזיצער, האַרעפּאַשנע שווייצער פּויערים, זייער פריינטלעך. זייער יינגל, האַנס פליק, איצט אַ מיטלשול שילער, ווערט צו מיר צוגעבונדן נאָך מער ווי אין 1903. איך מוז אים איבערלאָזן מיין לאָנדאָנער אַדרעס און ער שיקט מיר אַהין בריוולעך און בילדער פּאָסט-קאַרטן. איך וויל ווייזן מיין יונגן אַמעריקאַנער חבר די שיינקייטן פון דער שווייץ. איך פיר אים צו פון אינטערלאַקן מיט דער באַן קיין גרינדלוואַלד, פון וואַנען מיר קלעטערן מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן שווייצער „גאַיד" אויף די אַלפּן. מיר באַזוכן אויך דעם פריער-דערמאָנטן באַרימטן טונעל אין די אַלפּן-אייז מיטן פאַנטאַסטישן ליכט, וואָס דערגרייכט דאָרט דורך אַרום 600 פוסיקער וואַנט פון אייז און שניי. איך פיר אים אויך ווייזן עטלעכע שיינע שווייצער אַזיערעס. מיר פאָרן אויך צוזאַמען פון דער שווייץ קיין לאָנדאָן, פון וואַנען ער קערט זיך אום צוריק קיין אַמעריקע. פאַר זיין פאָרן באַקענט ער מיך מיט זיינעם אַ לאַנדסמאַן, אַ יונגן פילאַדעלפיער יידישן מאַלער, ברוך משה פעלדמאַן, מיט וועלכן איך ווער נאָענטע פריינט אין לאָנדאָן.

קאַפּיטל הונדערט דריי און פערציק

גאַסטער און ווייצמאַן ווילן איך זאָל ווערן כעמיע-לערער

דר. משה גאַסטער און דר. חיים ווייצמאַן ווילן איך זאָל ווערן אַ „פּראָ-פעסאָר" אָדער פּשוט אַ לערער פון כעמיע אין אַ פּריוואַטן ענגלישן קאָלעדזש. דר. ווייצמאַן פאַרזיכערט מיר, אַז איך וויים גענוג כעמיע צו קאָנען לערנען מיט סטודענטן אין איינעם פון די פּריוואַטע ענגלישע לערן-אַנשטאַלטן אין לאָנדאָן. איך דאַרף בלויז דערלערנען זיך בעסער אויסצודריקן אין ענגליש. אַ כעמיע-לערער דאַרף דאָך ניט האַלטן קיין הויך-שפּראַכיקע לעקציע ווי אַ לערער פון געשיכטע אָדער ליטעראַטור. דערצו ווערט נאָך דער לימוד פון כעמיע אויסגעדריקט, פּונקט ווי אין מאַטעמאַטיק, דורך אינטערנאַציאָנאַלע צייכנס.

כדי צו זיין זיכער, אַז די כעמישע עקספּערימענטן אינעם קלאַס-צימער וועלן ניט באַנייען מיין לונגן-קראַנקהייט, לאַדעט איין דר. גאַסטער זיינעם אַ יינגערן ברודער, אַ הויך-אָנגעזעענער דאָקטאָר-מעדיצין און ספּעציאַליסט אויף אינערלעכע קראַנקהייטן, צו אונטערזוכן מיין געזונט-צושטאַנד. יענער עקזאַמענירט מיך גרינטלעך און דערקלערט, אַז די כעמיע-לערעריי קאָן מיר ניט שאַטן.

מיינעביידע פריינט, גאָסטער און ווייצמאַן, שלאָגן נאָכדעם פאָר, אַז איך זאָל פאַר אַ געוויסע צייט זיך אַריינקלייבן אין אַן ענגליש־ריידנדיקער געגנט און דאָרט אָפּגעבן זיך אינגאַנצן מיט דער צוגרייטונג צום לערנען כעמיע מיט ענגלישע סטודענטן. כדי עס דורכצופירן, מוז איך איבערלאָזן שרה שפּרהן מיט אונדזער קינד שמואל אין דעם אימיגראַנטיש־יידישן קוואַרטאַל פון מזרח־לאָנדאָן, וואו זי האָט איר נייטעריי, און פאָר זיך אַליין נעמען אַ צימער ערגעץ אַנדערשוואו. באַטירלעך איז דאָס מיר ניט געווען צום האַרצן. נאָר בלייבן וואוינען אין ווייטשעפּל האָט געמיינט ווידער, ווי לעצטן יאָר, גיין אַרבעטן אַלס אַ „מאַלדער" אין אַ האָלץ־פאַבריק, וואָס איז געווען שעדלעך פאַר מיינע לונגען. דערצו האָט עס ניט געהאָט פאַר מיר קיין שום אויסזיכט אויף בעסערס, ווי דאָס האָט אַ לערער־שטעלע פון כעמיע אין אַן ענגלישן קאָלעדזש.

די טעגלעכע צייטונג, וועלכע איך האָב רעדאַקטירט פאַר מיין אָפּפאָרן קיין באַזעל אַלס אַ דעלעגאַט פון זיבעטן קאָנגרעס, איז אונטערגעגאַנגען אין דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט פון לאָנדאָן. און אונטערגעגאַנגען איז זי ניט בלויז דערפאַר וואָס זי איז צו־לאַנג געווען אָן אַ רעדאַקטאָר, נאָר דער עיקר צוליב דער קאָנקורענץ פון אַ נייער טאָג־צייטונג מיטן נאָמען: „דער אידישער זשורנאַל."

די נייע צייטונג ווערט אַרויסגעגעבן פון אַ יידישן גביר, וועלכער שרייבט זיך אונטער מיטן נאָמען: „אנשל בן ר' דוד זשוק הלוי". איך קען אים ניט פערזענלעך, נאָר איך געדענק פון מיין קינדהייט זיין טאַטנס גרויסן זייף־געשעפט אויף קאַמעניצקער גאַס אין ווילנע. לויט ווי מען זאָגט מיר, איז אנשל זשוק אַן אַגענט פון מאַרקאָניס דראָטלאָזער טעלעגראַפיע אין לאָנדאָן און ער האָט אַ רייכן אָפיס אין דער „ביזנעס"־געגנט פון שטאָט. דער דאָזיקער אַרויסגעבער שרייבט צייטנווייז אַליין אויך עפּעס וואָס אין זיין צייטונג, נאָר זיין שרייבן האָט ניט קיין שום ליטעראַרישן ווערט.

זיין נייע צייטונג אימפּאָנירט מיר מיט איר גוטן ווייסן פּאַפּיר און מיט די פיינע בוכשטאַבן, געזעצט מיט אַ לינאָטיפּ דורך אַ מאָדערנער זאַץ־מאַשין, אַנשטאָט צו זעצן פון איינציקע בוכשטאַבן דורך אַ האַנט־זעצער, ווי אין דער דרוקעריי פון „טעגלעכן אידישן אַדוועטייזער". דער אינהאַלט אָבער פון אָט דער אויסערלעך־שיינער צייטונג געפעלט מיט ניט מער ווי פון דעם אַלט־מאָדישן אָרטאָדאָקסיש־באַלעבאַטישן „עקספּרעס", וואָס איז געדרוקט אויף שלעכטן פאַרפלעקטן פּאַפּיר מיט מיאוסע בוכשטאַבן. דער „זשורנאַל" ווערט נאַטירלעך ניט חשובער ביי מיר דורך זיינע אָפטע אָנפאַלן אויף דר. מאָזעס גאָסטער און אַנדערע העכסט־אָנגעזעענע פערזאָנען צווישן מיינע פריינט.

צוזאַמען מיט מיין נייעם אַמעריקאַנער פריינט, דעם יונגן מאַלער, ב. מ.

פעלדמאַן פון פילאַדעלפיע, באַזעץ איך זיך אין דער ענגליש־ריידנדיקער געגנט, בעלהאם, אין דרום־מערב פון לאָנדאָן, ביים ברעג שטאָט, נאָענט פון פעלד און וואַלד. מיר האָבן דאָרט צוויי באַזונדערע צימערן און אַ גרויסן פּאַרלאָר, וואו מיר פאַרברענגען צוזאַמען אין די אָוונטן. פון אונדזער זאַל פירט אַ ברייטע דיקע גלעזערנע טיר צו אַ פיינעם דופטנדיקן בלומען־גאָרטן. דאָרט, פונקט אַנטקעגן אונדזער זאַל, שטייען צוויי ריזן־ביימער, איבער וועלכע עס קוקט אָפט אַרונטער ביינאַכט אַ גרויסע ליכטיקע לבנה, ווי זי וואָלט געוועז עקסטרע געמאָלן פאַר אונדזער פאַרגעניגן וועגן.

אונדזערע שמועסן אין אָוונט זיינען איבער צוויי טעמעס: די קונסט־אויסשטעלונגען אין לאָנדאָן און די פּאָגראָמען אויף יידן אין דעם צאַרישן רוסלאַנד. מיר באַזוכן יעדע קונסט־אויסשטעלונג, באַזונדערס די אינטער־נאַציאָנאַלע, אונטער דער אויפזיכט פון דעם פראַנצויזישן סקולפּטאָר, אגוגוס ראָדען, וועלכער מאַכט אויף פערזענלעך אַ שטאַרקן איינדרוק.

מיר דיסקוטירן העפטיק יעדן קונסט־ווערק. עס טרעפט אויך אַמאָל, אַז מיר צעקריגן זיך איבער אונדזערע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און מיר ווערן אפילו ברוגז איינער מיטן צווייטן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. מיר זיינען ביידע פאַרליבט אין ראָדענס סקולפּטורן און אין וויסטלערס געמעלן: פאַרבן־סימפאָניעס און „נאָקטורן", ווי אויך „עטשינגס" און ליטאָגראַפיעס, נאָר וועגן די ווערק פון אַ סך אַנדערע קינסטלער קאָנען מיר זיך ביידע אָפט ניט אייניקן און גייען אויך ניט איין אויף קיין שום פשרה...

מיר קריגן זיך אויך אַ סך אַרום איבערן שייכות פון עטיק און עסטעטיק. פאַר מיר איז דער מוסטער פון אַ דיכטער אָדער פון וועלכן עס איז אַנדער קונסט־שאַפער, — אַ פערזענלעכקייט ווי מיין באַליבטער שרייבער און לערער, י. ל. פּרץ, וועלכן איך האַלט פאַר עטיש און עסטעטיש צוגלייך. און עטיש מיינט פאַר מיר באַטירלעך אויך סאָציאַל, צו שטיין פאַר אמת און גערעכטיקייט. מיין שכן, דער יונגער אַמעריקאַנער מאָלער, לאַכט מיך אָבער אויס. ער דער־מאָנט מיר אַ גאַנצע רייע דיכטער און אַנדערע קינסטלער, וואָס לויטן אַנגע־נומענעם באַגריף, זיינען זיי ניט קיין „אָנשטענדיקע" מענטשן, און דאָך ווערן זיי אַלוועלטלעך אָנערקענט ווי באַדייטנדיקע קונסט־שאַפער.

אין בעלהאם וואוינט אַ קולטורעלער עלעמענט. יעדן פרימאָרגן שטעלן זיך אָפּ לעבן אַ סך הייזער, צוזאַמען מיט די ברויט און מילך־וועגענער, אויך פורלעך מיט ליטעראַטור. מען קען דאָ פאַר גאָר אַ קליינער סומע קריגן צו לייענען מאָדערנע ליטעראַטור אין פאַרשיידענע שפּראַכן און מען ברענגט עס אין הויז אַריין אַזוי ווי שפּייז און געטראַנקען. איך ווער דאָ צוליב דעם אַזאַ פלייסיקער לייענער, ווי איך בין געווען אַלס יוגנטלעכער אַרבעטער אין ווילנע און אין קאָוונע, און אַלס סטודענט אין בערן און אין פריבורג. די צרה איז נאָר וואָס איך האָב זיך דאָ אַריינגעלאָזן אין לייענען פלייסיק די ליטעראַטור

פון קלײנע פֿעלקער, װי, למשל, די אַרמעניער, בולגאַרן, דענען, האָלענדער, טשעכן, ליטװינען, סערביער, עסטאָניער, פֿינען, רומעניער, און אַזױ װײטער און װײטער. זײערע װערק זײנען צום גרעסטן טײל איבערגעזעצט אין דער דײטשער שפּראַך. עס קומט מיר דאַרום אױס צו לײענען יעדן טאָג מער שטונדן אין דײטש, װי אין ענגליש, װאָס איך דאַרף דאָ מער דערלערנען.

דערפֿאַר אָבער רײד איך און הער דאָ מער ענגליש װי יעדע אַנדערע שפּראַך. איך גײ דאָ אָפֿט הערן ענגלישע לעקציעס איבער קונסט און ליטעראַטור, געשיכטע און נאַטור־װיסנשאַפֿט, װי איך פֿלעג גײן הערן אין די מוזײען פֿון בעטנאַל גרין און װײטשעפּל, און אין דעם טרעיד־יוניאָניסטישן פּיפּלס־קאָלעדזש (פֿאָלקס־אוניװערזיטעט) אין מײל ענד, אין מזרח־לאָנדאָן. אַ פּאָר מאָל בין איך אױך צוגעפֿאָרן אין צענטער פֿון שטאָט צו גרױסע פּראָטעסט־מאַס־מיטינגען קעגן די נײַע צאַרישע פּאָגראָמען און פֿאַרפֿאָלגונגען אױף ייִדן, װאו די הױפּט־רעדנער זײנען געװען פּראָמינענטע ענגלענדער. איך פֿאָר אױך אָפֿטמאָל צום האַיד־פּאַרק הערן דאָרט די פּאָפּולערע ענגלישע רעדנער פֿון די פֿאַרשײדענע סאָציאַליסטישע פּאַרטײען.

קאַפּיטל הונדערט פֿיר און פֿערציק

איך גרײט זיך פֿאָרן קײן אַמעריקע

איך גרײט זיך פֿאָרן קײן אַמעריקע, כאָטש מײנע גוטע פֿרײנט דר. מאָזעס גאַסטער און דר. חיים װײצמאַן רײדן מיך שטאַרק אָפּ דערפֿון. דר. חיים װײצמאַן װאָרנט מיך, אַז דאָס מײנט שױן מײן אױפֿגעבן אײנגאַנצן כעמיע.

עטלעכע חדשים גרײט איך זיך ענערגיש פֿאַר דער פּריװאַט־דאָצענטער פּראָפֿעסאָר־ אָדער לערער־שטעלע פֿון כעמיע אין אַן ענגלישן קאָלעדזש. צוליב דעם זאָג איך זיך אױך אָפּ פֿון צו פֿאָרן װידער האַלטן סעריעס לעקציעס אין אַנטװערפּן (בעלגיע) און לידס (ענגלאַנד), װאו מײנע לעקציעס האָבן שטאַרק אױסגענומען פֿאַריקן זומער. איך נעם אױך ניט אָן דעם אָנבאָט צו װערן רעדאַקטאָר פֿון דעם ניו־יאָרקער װאָכנבלאַט, „דער יוד" אױפֿן אָרט פֿון ד. מ. הערמאַלין, מיט װעמען די פֿאַרװאַלטער זײנען ניט צופֿרידן. די לאַגע ענדערט זיך אָבער סוף יאָר 1905, װען „די פֿאַראײניקטע פּועלי־ציון („פּאַלעסטינצעס") פֿון אַמעריקע און קאַנאַדע" הױבן זיך אָן גרײטן אַרױסצוגעבן אַ װעכנטלעכן אָרגאַן.

די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון װענדן זיך דעמאָלט מיט בריװ צו י. ח. ברענער און מיר, מיר זאָלן באַלד אַריבערקומען קײן אַמעריקע: ער אַלס מיטאַרבעטער און איך אַלס רעדאַקטאָר. דער סעקרעטאַר פֿון זײער „אָרגאַ־

ניזאַציאָנס קאָמיטעט" אין ניו־יאָרק, יואל ראַזאָווסקי, שיקט צו ביידע בריוו אויפן אַדרעס פון דער דרוקעריי, וואו עס האָט זיך געדרוקט דער פריער־דער־מאָנטער זשורנאַל „די יודישע פרייהייט". י. ח. ברענער, וועלכער שטעלט זיך פאַר, וואָס מען שרייבט מיר פון ניו־יאָרק, פאַרט באַלד צו מיטן בריוו פאַר מיר צו שרה שפרהן. זי עפנט אים אויף, לייענט איבער און גיט אים אויך ברע־נערן איבערלייענען. שרה שפרה שיקט מיר צו דעם דאָזיקן בריוו קיין בעל־האם צוזאַמען מיט אַ לענגערן צושריפט אין העברייאיש פון י. ח. ברענערן.

י. ח. ברענער פאַרלאַנגט פון מיר, אין זיין צושריפט, אַז איך זאָל אים תיכף מיטטיילן, צי איך נעם אָן דעם פאָרשלאַג צו ווערן רעדאַקטאָר פון דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון די אַמעריקאַנער פועלי־ציון. דערביי שרייבט ער מיר, אַז ער ווייסט ניט, צי ער וועט דאָרט קאָנען מיטאַרבעטן: דערציילונגען אין יידיש שרייבט ער דאָך ניט און קיין פובליציסט איז ער אויך ניט. גלייכצײ־טיק דערמאָנט ער מיר מיין צוזאָג אָנצושרייבן עפּעס וואָס אין העברייאיש פאַר זיין זשורנאַלכל „המעורר" (דער וועקער). ער טיילט מיר אויך מיט אַז דער „המעורר" וועט באַלד אָנהויבן אַרויסגיין יעדן חודש און אין אַ באַזונ־דער הילע *).

דער דרוק אויף מיר צו קומען קיין אַמעריקע ווערט כסדר שטאַרקער. אין יאַנואַר 1906, דערהאַלט איך שוין אַן אָפיציעלן דאָקומענט, אַז „דער פאַרוואַלטונגס־ראַט פון „דער יידישער קעמפער", אַ וועכנטלעכער אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פועלי־ציון פון אַמעריקע, וועלכער וועט דערשיינען אין פילאַדעלפיע דעם ערשטן מערץ, 1906,—אַנגאַזשירט חבר קלמן מרמר אויס (פון) לאָנדאָן אַלס רעדאַקטאָר". די מיטגלידער פון פאַר־וואַלטונגס־ראַט גאַראַנטירן מיר פערזענלעך „דעם וועכנטלעכן געהאַלט פון צען דאָלאַר פאַר זעקס מאָנאַטן."

אונטער דער דאָזיקער גאַראַנטיע זיינען אונטערגעשריבן אַלע צען מיט־גלידער פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט מיט זייערע אייגענע האַנטשריפטן, יעדער אויף אַ באַזונדערער שורה, לויט אָט דער אָרדענונג: „חיים פיינמאַן, משה גוטמאַן, א. שולשטיין (וואַלדשטיין), דר. ל. קאָפּעליאָוויטש, ח. כהן (קאַהאַן), צבי בערלין, יחזקאל עדעלשטיין, א. אפלבוים, יעקב בריק (טרעזשורער), י. ראַזאָווסקי (סעקרעטאַר)."

אין מיטן יאַנואַר, 1906, דערהאַלט איך שוין אויך מיין שיפסקאַרטע,

---

*) ווען כ׳האָב איבערגעגעבן י. ח. ברענערס בריוו צו מיר און שרה שפרהן פאַר זיין בריוו־זאַמלונג, פאַרעפנטלעכט פון מנחם פאָזנאַנסקי אין תל־אביב, האָב איך דעם דאָזיקן בריוו ניט באַמערקט, ווייל אויף דער אַנדערער זייט איז געווען אַ צושריפט פון שרה שפרהן און צוליב דעם האָט זיך עס געפונען צווישן אירע בריוו צו מיר פון יענער צייט.

צווייטע קלאַס, אויף דער שיף „האָווערפאָרד", אָדער „העיווערפאָרד", פון דער „אַמעריקען לאַין", וואָס גייט דירעקט פון ליווערפול קיין פילאַדעלפיע. צוזאַמען מיט דער שיפסקאַרטע, באַקום איך אויך דעם פלאַן פון דער שיף. איך זע דאָרט אַז די „האָווערפאָרד" האָט בלויז צווי קלאַסן. מיין קעבין איז דאַרום דאָרט אין אַזאַ געהויבענעם פלאַץ, ווי עס האָבן אַנדערשוואו בלויז די פּאַסאַזשירן פון דעם ערשטן קלאַס...

דר. חיים וויצמאַנס וואָרענונג, אַז מיין אָננעמען די רעדאַקציע פון אַ פּאַרטיי־אָרגאַן אין אַמעריקע מיינט פאַר מיר שוין אויפגעבן אינגאַנצן די בעמיע, גייט מיר ניט אַרויס פון זינען. איצט עקזיסטירט שוין אָבער ניט מער פאַר מיר דער אויסוואַל צווישן זשורנאַליזם און נאַטור־וויסנשאַפט, ליטעראַטור און בעמיע, נאָר דאָס אויפקלערן און דערציען יידישע מאַסן. איך זע פאַר זיך אין אַמעריקע אַ ברייטע יידישע מאַסע וועלכע לייענט יידיש און האָט אַ היפשע צאָל יידיש־שרייבנדיקע אינטעליגענטן, קינסטלער און געלערנטע, מיט וועמעס הילף ס'איז מעגלעך צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישן וואָכנבלאַט, וואָס זאָל ניט פאַרשעמט ווערן פאַר די אָנגעזעענע צייטשריפטן פון דער אַלטער היים.

אַזוי ווי איך שטעל זיך פאָר, לויט די אָפיציעלע בריוו צו מיר פון דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט אין ניו־יאָרק, אַז די נייע אַמעריקאַנער צייטשריפט האָט אַ פעסטן באָדן, ווענד איך זיך מיט איינלאַדונגען פאַר מיטאַרבעטערשאַפט, צו יידישע שרייבער ניט בלויז אין אַמעריקע נאָר אויך אין איראָפּע: קיין וואַרשע (צו בעל־מחשבות, יצחק גרינבערג און אַנדערע), ווילנע (הלל צייטלין, יעקב ראַבינאָוויטש און אַנדערע), רוסלאַנד (ב. באָראָכאָוו און אַנד.), עסטרייך — ווין (ש. קאַפלאַן־קאַפלאַנסקי און אַנד.), דייטשלאַנד — קעלן (א. קאָראַלניק און אַנד.), שווייצאַריע (אהרן פערלמאַן, דר. דניאל פּאַסמאַניק, מ. פ. זיידמאַן און אַנד.). דאָס מאָל האָב איך שוין אויך אַזאַ אָנגעזעענעם מיטאַרבעטער פון ענגלאַנד, ווי י. ח. ברענער, ווי אויך ל. שאַפּיראָ, דער טאַלאַנטפולער יוגנטלעכער שרייבער, וואָס איז לעצטנס אַריבערגעקומען אַהער פון פוילן.

דער דאָזיקער יונגער שרייבער ווערט מיט מיר נאָענט באַלד ווי ער קומט פון וואַרשע קיין לאָנדאָן. געשען איז דאָס טיילוויז צוליב דעם, וואָס דר. וואָרטסמאַן, דער רעדאַקטאָר פון דער „יידישער צוקונפט" אין לאָנדאָן האָט שטאַרק געהאַלטן פון מיין „ליטעראַרישן געשמאַק" אָדער „מבינות", און ער האָט ניט געוואָלט דרוקן קיין אָנפאַנגער סיידן איך נעם אויף זיך די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ל. שאַפּיראָן אָבער האָט דר. וואָרטסמאַן שוין געקענט אין וואַרשע און געוואוסט, אַז ער מעג אים דרוקן. צום „שלים מזל", אָבער, גיט אים ל. שאַפּיראָ אַ דערציילונג וועגן אַ הונט. איז דר. וואָרטס־

מאַן ניט געווען זיכער צי אַזוינס איז פּאַסיק פאַר אַן ערנסטן זשורנאַל... לאָזט ער מיך ניט צורו, כ׳זאָל עס דורכקוקן און נעמען אויף זיך די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט עס צו דרוקן.

מיר געפעלט גראָד די מעשה מיטן „טיגער״, ווי ל. שאַפּיראָ רופט אַן זיין הינטישן העלד. איך רעקאָמענדיר דאָרום דר. וואָרטסמאַנען עס תיכף צו פאַרעפנטלעכן אין דער „יידישער צוקונפט.״

אין מיין לעצטער וואָך אין בעלהאם פאַרטיק איך אָפּ מיין פערזענלעכע קאָרעספּאָנדענץ. איך שרייב צו מיין טאַטן און עלטערער שוועסטער אין ווילנע, צו מיין באָבען און איר יינגסטער טאָכטער אין געדרעוויטש, צו מיין טאַטנס שוועסטער, פּאַשע אַלכאָוו אין יעקאַטערינאָסלאַוו, צו שרה שפּרהס פאַטער אין אַלעקסאָט און צו איר קוזין, דעם בונדיסט ברוך נאָסעל אין קאָוונע, צו בעסי שיינבלום אין לידס, אבערסאָן און ראָזאָווסקי אין ניו־יאָרק, יחזקאל עדעלשטיין אין פילאַדעלפיע און צבי גראַנדזיצקי אין באָסטאָן, דער עלטסטער זון פון מיין ערשטן מייסטער, יאָשטשיק דער טאָקער אין מיישעגאָלע.

אַ פּאָר טעג פאַר מיין אָפּפאָר קיין אַמעריקע, קום איך אַריבער פון בעלהאם קיין לאָנדאָן צו פאַרבלייבן דאָרט ביז מיין אָפּפאָרן צו דער שיף. אויפן וועג צו מיין היים באַגעגנט מיך י. ח. ברענער און נעמט אַוועק פון מיר אַלע מיינע פּעקלעך און טראָגט זיי צו ביז מיין טיר. אַ טאָג שפּעטער קומען צו מיר די חברים באַטמאַן, באַגדאַן, סעם ווײנשטיין, יהושע פויזניאַק, ראובן קענדזשערסקי און אויך ה׳ יונה ספּיוואַק און העלפן מיר אַלץ אָפּשיקן צום יוסטאָן סטעישאָן; פון וואַנען דאָס גייט צום שיף. דעם זעלביקן אָוונט באַזוכן מיך י. ח. ברענער און ל. שאַפּיראָ. דער לעצטער ברענגט מיר אַ צאָל מאַנוסקריפּטן פון זיינע בעסטע זאַכן, איך זאָל אויסקלייבן פון זיי וואָס איך וויל פאַר דעם וואָכנבלאַט, וואָס איך וועל רעדאַקטירן אין אַמעריקע. איך קלייב אויס אַ מעשהלע מיטן נאָמען „אַמאָל איז געווען אַ רב מיט אַ רביצין״ און אַ סקיצע: „שטאָרקער, שטאָרקער״, געשריבן אין אַ מאָדערנעם קינסט־לערישן סטיל. י. ח. ברענער זאָגט מיר צו מיטברענגען, אָדער אַרויסצו־שיקן באַלד מיט פּאָסט קיין פילאַדעלפיע, אַ אָריגינעלן פּעליעטאָן אָדער אַן איבערזעצונג פון אַ קונסטווערק (ביאַליקס „משלנו״, אָדער לעאָניד אַנ־דרעיעווס „טעוויעס זון״).

באַגדאַן און מייקלסאָן בעטן איך זאָל זיי איבערגעבן מיינע „לעסנס״ (שטונדן) אין דרום־מערב לאָנדאָן. איך האָב שוין אָבער עס צוגעזאָגט פריער מיין שכן, דעם יונגן פילאַדעלפיער מאָלער ב. מ. פעלדמאַן. כ׳וויל האָפן, אַז ער, אַ געבאָרענער אַמעריקאַנער, וועט האָבן אַ באַזונדערס גוטע ווירקונג אויף מיינע ענגליש־ריידנדיקע שילער.

דער לעצטער טאָג פאַר מיין אָפּפאָרן פון לאָנדאָן איז פאַר מיר געווען

פול מיט פאַרדרוס איבער דער שווערקייט צו קריגן באַרגן די צוויי פונט (אומגעפער צען אַמעריקאַנער דאָלאַרן), וואָס איך דאַרף באַווייזן ביי מיין אַנקומען קיין אַמעריקע. י. ח. ברענער האָט מיר געהאָט צוגעזאָגט צו אַנט־לייען די דאָזיקע סומע. ער האָט אָבער ניט געקאָנט דערפילן זיין צוזאָג, ווייל זיין געלט געפינט זיך ביים דרוקער באַראַדיצקי און יענער קאָן עס איצט אים ניט צושטעלן. איך לויף אַרום צו פאַרשיידענע באַקאַנטע זיי זאָלן עס פאַר מיר אַנטלייען ביי אַ פּראָצענטניק פאַר דריי וואָכן צייט און איך וועל אים צאָלן פאַר די דאָזיקע פערציק שילינג צוויי שילינג אַ וואָך פּראָצענט. נאָר זיי באַווייזן עס היינט ניט דורכצופירן. איך קום אין אָוונט אַהיים, מיד, הונגעריק, און פאַרביטערט, דאָך שרייב איך נאָך אויף אַ האַרציקן געזעגע־נונגס בריוול צו דר. חיים ווייצמאַן אין מאַנטשעסטער. צולעצט באַשליס איך צו טאָן וואָס איך האָב געוואָלט פאַרמיידן, און בעט די דאָזיקע הלוואה ביי מיין שוואָגער דעם שניידער־אַרבעטער העריס. ער קריגט דאָס אַנטלייען און ברענגט עס מיר באַלד צו מאָרגן מיט פרייד.

מיינע קרובים און פריינט געזעגענען זיך מיט מיר זייער פריינטלעך. מען קושט מיך און האַלדזט מיך אַזוי ווי מען וואָלט זיך מיט מיר געזעגנט אויף אייביק... י. ח. ברענער ברענגט מיר אַ מתנה דעם צווייטן העפט „המעורר". ער און זיין הויפּט־מיטאַרבעטער ה׳ ראדלער, אַ קלוגער און טאַלאַנטפולער, הויך אינטעליגענטער גאַליציאַנער יונגערמאַן *), ווילן איך זאָל זיי נאָכאַמאָל פאַרזיכערן, אַז איך וועל צושיקן עפּעס פאַר זייער זשור־נאַלכל. איך וואָרן זיי, אַז איך וועל דאָרט אַרויסטרעטן קעגן זייערע מיינונ־גען. ביידע אָבער דערקלערן מיר, אַז זיי גיבן מיר אַ פרייע האַנט צו שרייבן וואָס און ווי איך וויל. איך זאָג זיי דאָרום צו, אַז איך וועל זיך פלייסן אויפ־צושרייבן אויף דער שיף קיין אַמעריקע אַן עפנטלעכן בריוו קעגן י. ח. ברענערס יאוש און געוויין וועגן דער „דעגענעריר ונג" און „אונטערגאַנג" פון אונדז יידן, אין דער צייט, וואָס פאַר מיינע אויגן ווערט דאָס יידישע פאָלק פאַראייניגערט, און עס וואַקסט און בליט!..."

... צוועלף אַזייגער ביינאַכט פאַר איך אָפּ פון לאָנדאָן קיין ליווערפּול. אויף דער סטאַנציע באַגלייטן מיך אַזוי פיל מענטשן, אַז עס בלייבט מיר ווייניק פריוואַטקייט זיך צו געזעגענען מיט מיין פרוי און קינד.

דעם 30־טן יאַנואַר אינדערפרי קום איך אָן קיין ליווערפּול. איך פּרואוו באַקוקן אַ ביסל די שטאָט. איך שרייב אויף אַ צאָל פּאָסטקאַרטלעך פאַר אינלאַנד און אויסלאַנד און מעלד זיך אויפן שיף. דער דאָקטאָר עקזאַמע־נירט באַזונדערס שטרענג מיינע אויגן. ער מאַטערט זיי צופיל, רייסט זיי פשוט מיט צוואַנגלעך. עס זעט אויס, אַז אים פאַרדריסט שטאַרק, וואָס ער

*) שפּעטער באַרימט אונטער זיין פּסעוודאָנים „ר׳ בנימין."

געפינט ניט אין זיי קיין שום פעלערן.. זיין באַנעמען זיך באַליידיקט מיך, נאָר איך ווייז עס אים ניט אַרויס. ווען ער הויבט אָבער אָן זיך גריבלען צופיל אין מיין קאָפּ, באַמערק איך סאַרקאַסטיש: „דו זוכסט אומזיסט"...

איידער די שיף פאַרלאָזט דעם האַפן שרייב איך שנעל אויף אַ טעלעגראַמע אין יידישע ווערטער צו שרה שפרהן און אונדזער קינד. איך גיב עס אָן ענגלישער פריילין עס אָפּצושיקן פון שטאָט. מיין האַרץ באַרואיקט זיך אָבער ניט... ס'איז פול מיט וואונדן און טוט מיר שטאַרק וויי...

כ'פאָר קיין אַמעריקע רעדאַקטירן אַ יידישע צייטונג. כ'פיל זיך דאַרום ניט ווי קיין עמיגראַנט, נאָר ווי אַ „פאַרבעטענער גאַסט" פון מיין יידישן פאָלק.

דאָס קליינע 10,000 טאָניקע „העיווערפאָרד", פון דער „אַמעריקען לאַין", גייט לאַנגזאַם. מיין רייזע פון ענגלאַנד צו די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאַנואַר־פעברואַר 1906, דויערט 13 טעג. דאָך פיל איך זיך ניט לאַנגווייליק. אַדרבא, איך אונטערהאַלט זיך פיין, אפילו ווען די קליינע שיף וואַרפט זיך ווי אין אַ קדחת. איך קוק זיך צו מיט אינטערעס צו איר „משוגענעם טאַנץ": אָט שטעלט זי זיך אויף די „שפּיץ פינגער" אויף אַ ריזיקער כוואַליע, און דערגרייכט, דאַכט זיך, די וואָלקנס, נאָר אַ רגע שפּעטער זינקט זי אין אַ טיפן אָפּגרונט פון וועלכן זי דערהויבט זיך אין אַ כהרף עין אויף אַן אומגעהויער הויכן וואַסער־באַרג, וואָס איז באַדעקט מיט אַ ווייסן שוים און זעט מיר אויס ווי אַ שווייצער אַלפּ מיט אייביקן שניי אויף זיין קאָפּ.

אַ באַזונדערן איינדרוק מאַכן אויף מיר די דונערן און בליצן ביי נאַכט. כ'זע אַזוינע אויסערגעוויינלעכע נאַטור־בילדער צום ערשטן מאָל אויף מיין לעבן. איך ווער דערפון אַזוי אַנטציקט, אַז כ'הויב אָן פּאַטשן בראַוואָ. עמיץ פון מיינע מיטרייזנדע בעמערקט עס אַפּנים און טיילט עס מיט אין די קאַיוטעס. קומט אַרויס אַן עולם צו באַטראַכטן די משונהדיקע אויפפירונג פון דעם מאָדנעם יידישן בחור מיטן בלאַסן פּנים און לאַנגע שוואַרצע לאָקן, וועלכער קוקט פאַרגאַפט צום הימל.

מען פרעגט מיך פון וואָס בין איך דאָ אַזוי אַנטציקט און וועמען איך אַפּלאָדיר? איך ענטפער פשוט, אַז כ'האָב אין בעסטן לאָנדאָנער טעאַטער קיינמאָל ניט געזען אַזאַ וואונדער־שיינע סצענע און דורכגעפירט אַזוי מייסטערהאַפט, ווי די נאַטור האָט דאָ אָפּגעשפּילט...

אַ צאָל פּאַסאַזשירן, פרויען און מענער פאַראינטערעסירן זיך אין מיר. מרס. עליס ט. גאַרסטין און עטלעכע אַנדערע ענגלענדערינס לייענען פאַר מיר גוטע ליטעראַטור, כ'זאָל הערן זייער באַטאָנונג פונעם ענגלישן וואָרט און באַמיען זיך אַרויסצורייידן קאָרעקט די ענגלישע ווערטער, וועלכע איך

באַנוץ. זיי באַוועגן מיך אויך צו לייענען פּאָר זיי אויפֿן קול די רייזע־בילדער פֿון ראָבערט לואיס סטיווענסאָן און זיי פֿאַרריכטן דערביי מיין ענגלישן אַקצענט. איך לערן אויך די ענגלישע שפּראַך פֿון זייערע מענער, וועלכע דיסקוטירן מיט מיר פּראָגעס פֿון קונסט און וויסנשאַפֿט, כאָטש כ׳קאָן זיך נאָך ניט אויסדריקן קלאָר און גענוי אין ענגליש. עטלעכע אַמעריקאַנער האַלטן מיך אַפֿנים פֿאַר אַ קענער אָדער מבֿין פֿון קונסט... זיי קומען אַריין צו מיר אין קאַיוטע מיט די קונסט־ווערק, וועלכע זיי האָבן איינגעקויפֿט אין שפּאַניע, צו הערן מיין מיינונג וועגן דעם, אפֿילו ווען דאָס זיינען רעפּראָדוקציעס פֿון בילדער אין דעם באַרימטן על־פּראַדאָ־מוזיי.

די פֿריינשאַפֿט פֿון וואוילהאָבנדיקע ענגלענדער און אַמעריקאַנער צו מיר, אַ ייד און אַן אויסלענדער, איבערראַשט מיך צוערשט. באַלד אָבער זע איך אין דעם נאָך אַ באַשטעטיקונג פֿון מיין אידייע, אַז דער מענטש איז פֿון נאַטור אויס גוט און וואויל, און אין אַלע קריגערייען און רייסערייען צווישן מענטשן זיינען שולדיק דרויסנדיקע אומשטענדן. ס׳איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז דאָ אויף דער שיף, אויף וועלכער מיינע חבֿרים אין אַמעריקע האָבן מיך באַזאָרגט מיט אַ שיפֿסקאַרטע פֿון צווייטן קלאַס, וואו די פּאַסאַזשירן קריגן אַלע גלייך פֿון דאָס בעסטע און שענסטע, זאָלן זיך מענטשן פֿילן ווי אין משפּחה. איך פֿאַרשטיי אָבער, אַז דאָס איז נאָר אַ פֿאַריבערגייענדיקע דערשיינונג: אָנקומענדיק אין די שטעט, וואוהין זיי פֿאָרן, וועט איין שיף־שוועסטער ניט מער דערקענען די צווייטע, און יעדער איצטיקער שיף־ברודער וועט באַטראַכטן דעם צווייטן ווי אַ פֿרעמדן... דאָך בלייב איך פֿעסט ביי מיין מיינונג, אַז מענטשן זיינען פֿון דער נאַטור ניט אַזוינע רשעים און אכזרים, ווי זיי ווערן שפּעטער אין דער פֿאַרביטערטער מלחמה פֿאַרן ענגלישן פֿונט אָדער פֿאַרן אַמעריקאַנער דאָלאַר.

די עמיגראַנטישע יידן אויף דער שיף זעען זיך כמעט ניט אָן. די ברייטע יידישע מאַסן, וועלכע וואַנדערן פֿון מזרח־אייראָפּע קיין אַמעריקע פֿאָרן געוויינלעך דריטע קלאַס, אָדער אין „צווישן־דעק". מ׳זעט דעריבער זעלטן אַ יידישן פּנים אויף דעם אויבערשטן דעק, די פּראָמענאַדע, וואו עס שפּאַצירן אַרום די פּאַסאַזשירן פֿון צווייטן קלאַס, וואָס איז אויף אָט דער קליינער שיף אויך דער ערשטער קלאַס. איך בין דעריבער שטאַרק צופֿרידן, ווען אונדזער שיף שטעלט זיך אָפּ אין קווינסטאָן, אירלאַנד, אָוועקצוגעבן און אַרויפֿצונעמען פּאָסט־זאַכן. ס׳קומען דערביי אויך אַרויף פֿון אונטן אַ צאָל יידישע עמיגראַנטן מיט וועלכע איך שליס באַקאַנטשאַפֿט. איך דערוויס זיך, אַז די יידישע וואַנדערער זיינען אָנגעפּאַקט אין דריטן קלאַס צו 36 פּערזאָן אין איין קאָמפּאַרטמענט. קאַיוטעס קריגן בלויז פֿאַמיליעס, איין קאַיוטע פֿאַר צוויי משפּחות.

אַ יעקאַטערינאָסלאַווער יונגערמאַן דערציילט מיר, אַז ער האָט דאָס

גליק צו פאָרן צוזאַמען מיט זיין גרויסער משפּחה. זיי פאָרן דאָרום אַלע אין אַ באַזונדערער קאַיוטע. דערביי מאַכט ער אַ באַמערקונג, אַז ווען ער וואָלט חלילה געפאָרן אין איין קאַמפּאַרטמענט מיט די „ווילדע ליטוואַקעס" וואָלט ער ניט דערפאָרן ביז אַמעריקע. כ'וויל אים ניט פאַרשעמען און זאָג אים ניט, אַז דאָס רעדט ער צו אַ ליטוואַק פון סאַמע ווילנע... דאָס ווירקט אָבער אויף מיר צו ווערן טאָלעראַנטער צו מיין שכנטע ביים עס־טיש, די ענגלענדערין מיס טאַפּנעל, אויף וועלכער כ'האָב „געוואָרפן אַן אומחן", ווען זי האָט אָפּגעלאַכט פון די קאַפּלאַנס, אַ יידישע פאַמיליע פון ראַסיין, קאַונער גובערניע, וועלכע פאָרן מיט אונדז אין צווייטן קלאַס.

די קאַפּלאַנס ריידן צו אַלעמען אין יידיש. ווען אַן ענגלענדער אָדער אַן אַמעריקאַנער לאַכט זיך פון זיי אויס, נעמען זיי עס גוטמוטיק. זיי שמייכלען צו יענעם צוריק גאָר פריינטלעך. ס'פאַלט זיי אַפילו אויך ניט איין, אַז עמיצער פון די ניט־יידן איז אומצופרידן פון די פריינטלעכע עצות, וועלכע זיי גיבן אין יידיש, ניט געבעטנערהייט, ווי אַזוי צו שפּילן גוט שאַך אַ. ד. גל.

די ראַסיינער יידישע קינדער זיינען מיר אַזוי נאָענט ווי פריער. איך טראַכט אָבער איצט אַזוי: אויב אַ ייד פון אוקראַינע קאָן ריידן מיט ביטול וועגן אַ יידן פון ליטע, טאָ פאַרוואָס זאָל איך האָבן פאַראיבל אויף אַן ענגלענדערין, וועמען ס'געפעלן ניט די יידישע טעכטער, וועלכע קליידן זיך ניט לויט דער ענגלישער מאָדע און האָבן גאָר אַנדערע זיטן און פירונגען?

אַ יונגער ענגלענדער מיט אַ שוואַרץ־קיילעכדיקער באָרד, מר. ראַבינסאָן, שטעלט זיך פאָר מיר פאָר ווי „אַ מיסיאָנער פון אַ נייער אמונה". ער פּריידיקט פאַר קריסטן זיי זאָלן רוען שבת אַנשטאָט זונטיק. ער באַווייזט זיי מיט פּסוקים פון דער תורה און פון די נביאים, ווי אויך פון דעם נייעם טעסטאַמענט, אַז דער געבאָטענער רו־טאָג דאַרף זיין שבת און ניט זונטיק, וועמעס יום־טובדיקייט איז איינגעפירט געוואָרן, טענהט ער, פון די רוימער.

ער קלאָגט זיך פאַר מיר, אַז זיין גאַנצע משפּחה איז קעגן אים. קיינער פון זיי וויל ניט פאַרבייטן דעם זונטיק אויף שבת. ער אָבער היט אָפּ שטרענג דעם שבת און וועט עס בשום אופן ניט אויפגעבן.

אַן אַנדער פּונקט פון דעם ענגלענדער ראַבינסאָנס נייער אמונה איז, אַז דער גן־עדן און דער גיהנום זיינען דאָ אויף דער וועלט. ווען אַלע מענטשן,זאָגט ער, וועלן זיך אויפהויבן אויף אַ העכערער מדרגה, וועט די ערד ווערן אַ גן־עדן. אַזוי לאַנג אָבער, ווי מענטשן גייען ניט אויפן וועג פון יושר, הערשט דער גיהנום אויף אונדזער ערד און זיין ערגסטער פלאַץ

— דער „זיבעטער אַפּטייל" — געפינט זיך אין דעם צאַרישן רוסלאַנד.

ווען כ'האָב באַמערקט, אַז ער רעדט ענלעך ווי איבסנס „בראַנד" האָט מר. ראַבינסאָן געקוקט אויף מיר פאַרוואונדערט און געפרעגט: „ווער איז דער דאָזיקער איבסן."

אײַן זונטיק בײַטאָג האָבן די קריסטלעכע פּאַסאַזשירן, ענגלענדער און אַמעריקאַנער, פאַרפירט אַ שמועס וועגן יידן. אָנגעהויבן האָט זיך עס דורך דער באַמערקונג פון אַן ענגלענדער, אַז די ענגלישע רעגירונג פּלאַנט צו גרינדן אַ יידישע מדינה, וואו יידן וועלן קאָנען זיך אַליין רעגירן אַזוי ווי די קאַנאַדער אין קאַנאַדע.

ווען איינער האָט דערמאָנט דעם ציוניזם און דעם פּלאַן פון באַנייען די יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע, האָט אַן ענגלענדער באַמערקט, אַז עס וועט שנעלער קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע אײדער די יידן וועלן אויס־בויען אַ אייגענע יידישע מדינה...

דער שמועס גייט נאָכדעם אַריבער צו דער פראַגע וועגן דעם כאַראַק־טער, מעלות און חסרונות, פון דעם יידישן פאָלק בכלל. איין ענגלישע פרוי באַמערקט, אַז דאָס „וואַנדערנדיקע פאָלק" פאַרמאָגט אַ סך גדולים אויף די געביטן פון קאָמערץ, פינאַנץ און מוזיק און אין די גייסטיקע ספערן בכלל...

קיינער לייקנט עס ניט אָפּ און קיינער דיסקוטירט ניט וועגן דעם. אַ לאַנגע דעבאַטע רופט אָבער אַרויס די פראַגע פון אַן אַנדער ענגלענדערין:

— פאַרוואָס זיינען יידן אין יעדן לאַנד פיזיש שוואַכער פון דער ניט־יידישער מערהייט?

ווען אַ יונגערמאַן באַמערקט, אַז דאָס איז מעגלעך דערפאַר, ווייל דאָס יידישע פאָלק איז שוין אַזוי אַלט, לאַכט מען אים אויס. פון אַלע זייטן הערן זיך שטימען, אַז „אַ פאָלק ווערט קיינמאָל ניט אַלט". פאַר אַ ביישפּיל ווערט פון זיי גענומען דאָס אירלענדישע פאָלק, וועמעס זין ווערן פון דור צו דור שטאַרקער... אַן ענגלישע פרוי דערקלערט דערביי, אַז די יידן זיינען שוואַכער ווי ניט־יידן צוליב גאָר אַ פּשוטער סיבה: זיי עסן וויניק פלייש און דאָס ביסל פלייש, וואָס יידן עסן יאָ, האָט וויניק בלוט; דאָס בלוט ווערט אָפּגעצאַפּט צוערשט דורך דער יידישער שחיטה און נאָכדעם דורך דעם יידישן מנהג פון זאַלצן פלייש. די דאָזיקע דערקלערונג פירט צו אַ דיס־קוסיע וועגן וועגעטאַריער און פלייש־עסנדיקע בכלל, און דער שמועס וועגן יידן הערט אויף.

ביי מיין אָנקום אין אַמעריקע דעם 12־טן פעברואַר 1906, האָט מיר אויס־געזען וויכטיק יעדער דעטאַל פון מיינע רייזע־איבערלעבונגען. באַזונדערס צוליב דעם, וואָס כ'האָב דעמאָלט אויפגעגעבן מיין היים אין ענגלאַנד, וואו

כ׳בין געווען שטאַרק צוגעבונדן צו מיין פרוי און קינד, און געפאַרן אַנהויבן אַ ניי לעבן אין דער פרעמדער „נייער וועלט.״

איצט אָבער, אַרום 45 יאָר שפּעטער, ווען כ׳באַשרייב יענע צייט לאָז איך אויס אפילו אַזוינע דעטאַלן, וועלכע שטייען נאָך קלאָר פאַר מיינע אויגן און בעטן זיך כ׳זאָל זיי דערציילן. איך דערמאָן נאָר יענע פּרטים, וועלכע, ווי מיר דוכט זיך, האָבן אַ שייכות צו מיינע צענדליקער יאָרן אין אַמעריקע.

דאָס וועטער אין דער ערשטער העלפט פון פעברואַר 1906 איז אויפן אַטלאַנטישן ים געווען אַזוי ווי פרילינג־צייט אין ענגלאַנד. די זון האָט געשיינט און געוואַרעמט. די פּאַסאַזשירן האָבן פאַרבראַכט אויפן אויבערשטן דעק אין אַלערליי שפּילן. איך וואָלט גערן געווען צו באַטייליקן זיך אין זיי, נאָר מיין כאַראַקטער און דערציאונג האָבן מיר געשטערט.

איך קוק זיך צו סימפּאַטיש, ווי מיין באַקאַנטער ענגלענדער מר. וויליאַם ראָבינסאָן, דער פּריידיקער פון אַ נייער אמונה, שפּרינגט אַזוי ווי אַ קינד איבער אַ שטריקל. כ׳האָב אויך הנאה צו זען, ווי מיין שכנה, אין עס־צימער, די שטאָלצע ענגלענדערין, מיס עלען מ. טאָנפעל, שפּילט זיך צוזאַמען מיט איינער פון די פיר יידישע מיידלעך קאַפּלאַן פון ראַסיין, אין דעם וועט־שפּיל צווישן פרויען און מענער (צוויי פרויען קעגן איין מאַן): ווער וועמען וועט אַריבערציען צו זיך מיט אַ שטריק. אַליין אָבער פאַרנעם איך זיך מיט גייסטיקער אַרבעט. איך פּלאַן אַ שריפט וועגן דער חשיבות פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט און דער קדושה פון לעבן. איך אַרבעט אויך איבער אַן עסיי אין העברייאיש, וואָס י. ח. ברענער און ראַדלער („ר׳ בנימין״) האָבן ביי מיר באַשטעלט פאַר זייער לאָנדאָנער זשורנאַלכל „המעורר״. מיין באַשלוס איז צו פאַרטראַכטן אָט די אַרבעט פון אָנהויב ביזן סוף דירעקט אין העברייאיש און ניט אַריינגעבן דאָרט קיין איין וואָרט, וואָס כ׳האָב געטראַכט אין אַן אַנדער שפּראַך.

אַזוי האָב איך עס טאַקע אויפגעשריבן. איך באַווייז דאָרט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז ניט „חרוב״ און ניט „פאַרפוילט״, ווי י. ח. ברענער האָט אים אין יענער צייט באַקלאָגט. כ׳שרייב דאָרט צו ברענערן אַזוי:

„דאָ, וואו דו, מיין ברודער, זעסט אַמאָל חורבן און פאַרפוילטקייט, זע איך וואַקסן און שפּראָצן. דו זעסט גסיסה, און איך זע חבלי יצירה (גע־בורטס־ווייען). דו זעסט „גלות השכינה״ און איך זע „גילוי השכינה״. ווי דו, פאַרנעם איך אויך דעם צאַרטן „בת־קול״, ווי דאָס „וואָרקען״ פון אַ טויב, נאָר כ׳הער אויך דעם שטאַרקן קול פון דעם לייב, וועלכער ברומט אין זיין אייזערנעם שטייג, נאָר בעט ניט קיין רחמנות... „כ׳פיל מיט דעם יאוש פונעם „מקונן״ (דעם באַקלאָגער פון יידישע ליידן), נאָר כ׳גיי ניט זיין וועג.

מיין לערער איז ישעיה דער טרייסטער, און איך זאָג צוזאַמען מיט י. ל. פּרצן: טרייסט מיין פאָלק, ס'איז ווערט דעם טרייסט" *).

ווען איך גיי אַרונטער פון שיף אין פילאַדעלפיער פּאָרט, דערנענט־טערט זיך צו מיר אַ מיטלגעוויקסיקער שיינער יונגערמאַן מיט לאַנגע בלאָנדע וואָנצעס, אויסגעפלאַכטן אַלאַ קאַיזער ווילהעלם. ער שטעלט זיך מיר פאָר: ווי דער „מענעדזשער" (פאַרוואַלטער) פון דעם געפלאַנטן וואָכנבלאַט, וואָס כ'וועל דאַרפן רעדאַקטירן אין פילאַדעלפיע.

ד. עדעלשטיין ברענגט מיך צוערשט צו זיין שוך־געשעפט אין 725 סאוט סעקאָנד סטריט, וואָס איז אויך געווען דער פאַרלויפיקער אָפיס פון דער צוקונפטיקער צייטונג. דאָרט האָט געוואַרט שוין אויף מיר אַ גרופּע חברים, פאַר וועלכע עדעלשטיין שטעלט מיך פאָר.

ווען כ'עפן אויף מיין האַנט־געפּעק און נעם אַרויס צום אַלעם ערשטן אַ קליידער־בערשטל, ברעכט אויס אַ געלעכטער. כ'דערוויס זיך באַלד אַז דאָס לאַכט מען טאַקע צוליב מיר. זייער יונגער חבר, דער סטודענט (שפּע־טער פּראָפעסאָר) חיים פיינמאַן, וועלכער איז זומער 1905 געווען מיין גאַסט אין דער שווייץ, האָט פאַר זיי געשילדערט מיין איבערגעטריבענע מידה פון ריינלעכקייט. ער האָט זיי דערציילט, אַז כ'פלעג מיטנעמען אַ קליידער־בערשטל אַפילו אויף די אַלפּן...

נאָכן פאָרשטעלן מיך פאַר אָט דער גרופּע, פירט מיך י. עדעלשטיין אַוועק צו די עלטערן פון מיין לאַנדסמאַן, שכן און פריינט, דעם פילאַדעל־פיער יונגן מאָלער, ב. מ. פעלדמאַן. איך ווער זייער גאַסט ביז וואַנען כ'קריג צו דינגען אַ שטענדיקע קוואַרטיר מיט קעסט („רום" און באָארד").

---

*) מיין אַרטיקל איז אַריין אין פערטן העפט פון י. ח. ברענערס „המעורר" 1906. הלל צייטלין, אין זיין רעצענזיע איבער דעם פערטן העפט „המעורר", אין דער ווילנער העברעאישער טאָג־צייטונג „הזמן", האָט געלויבט מיין ענטפער צו ברענערן און געגעבן מיין שרייבן דעם פאַרצוג איבער דר. יוסף קלויזנערס אַרטיקל אין דעם זעלביקן העפט. דער אַלטער העברעאיש־יידישער שריפטשטעלער אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש, אין זיין ביכל „יוסף חיים ברנר", אַרויס אין יפו, תרפ"ב, אַ יאָר נאָך ברענערס מאַרטי־רער־טויט, ציטירט מיט באַגייסטערונג איבער צוואַנציק שורות פון מיין דאָזיקן אָפּטימיסטישן אַרטיקל. ליידער האָט אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָ־וויטש זיך פאַרפלאָנטערט. ער מיינט, אַז ברענער איז אין לאָנדאָן געוואָרן אָפּטימיסטיש און גיט אים אַריין אין מויל מיינע רייד... ווען כ'דערוויס זיך דערפון, באַווייז איך אים זיין טעות. ער שרייבט מיר באַלד, אַז ער וועט עס פאַרריכטן. נאָר קיין צווייטע אויפלאַגע פון אָט דעם ביכל איז ניט דערשינען.

די פעלדמאַנס מאַכן אויף מיר דעם איינדרוק פון פיינע ערלעכע פאָלקס־מענטשן. כ׳פיל זיך היימיש אין זייער טראַדיציאָנעל־יידיש הויז, אויף 221 ספרוס סטריט. איך באַקאַן זיך דאָרט אויך מיט זייער זונס יידישע און ניט־יידישע חברים קינסטלער, און מיט אַ פּאָר ענגליש־יידישע שרייבער. דער באַדייטנדיקסטער פון זיי איז פאַר מיר געווען דער יונגער שריפט־שטעלער, דזשאַן קורנאָס.

דזשאַן קורנאָס, וועלכער ווערט שפּעטער באַרימט אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד, ווי דער פאַרפאַסער פון אויפזען־מאַכנדיקע ווערק אין ענגליש, איז אין פעברואַר 1906 געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער פילאַדעלפיער אַנגעזעענער טעגלעכער צייטונג „לעדזשער". קורנאָס האָט געקענט אויסלענדישע שפּראַכן און געשריבן אין „לעדזשער" איבער אויסלענדישע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט אויך געמאַכט איבערזעצונגען פון פרעמדע שפּראַכן. מיר ווערן נאָענטע פריינט און איך קום אַריין צו זיינע עלטערן אין הויז. איך פאַרברענג אויך צייטנווייז מיט זיין פאָטער, אַ גאַליציאַנער תלמיד חכם, מיט אַ גוטהאַרציקער קוילעכדיקער באָרד. דער עלטערער קורנאָס פלעגט אויך שרייבן פאָלקסשטימען אין אַלע וויכטיקע יידישע צייטונגען איבער ענינים פון לומדות און השכלה. ער האָט עס געטאָן צוליב זיין ליבע צום אמת. ווען ער האָט אין אַ יידישער צייטונג געזען אַ טעות, האָט ער אַריינגעשריבן אַ בריוו אין רעדאַקציע, פעסטצושטעלן די אמתע פאַקטן. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק, מיט אַ סך זעלטענע שריפטן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָרט איז פאַראַן אפילו אַלץ וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן מאַזאָכיזם, די אין זיין צייט דיסקוטירטע דערשיינונג פון זעלבסטפּייניקן זיך, און איר דייטשישער שילדערער זאַכער־מאַזאָך, א. ד. גל., שריפטן, וועלכע מ׳קאָן ניט קריגן אין קיין אַנדער ביבליאָטעק.

קאַפּיטל הונדערט פינף און פערציק

מיינע ערשטע טעג אין פילאַדעלפיע

אַ טיפן איינדרוק מאַכט אויף מיר דעמאָלט מיין ערשטער באַזוך אין דעם אומאָפּהענגיקייטס־הויז אויף וואַשינגטאָן־סקוועיר. איך באַטראַכט מיט אַנטציקונג די בילדער און דאָקומענטן פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע אין 1774: די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, מיט די אונטערשריפטן פון די רעוואָלוציאָנערן, דעם פרייהייט־גלאָק מיט די ציטאַטן אויף אים פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, וועלכע זיינען פאַר מיר נאָך איצט אויך פריש און ניי.

מיין שמחה מיט דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז אָבער ניט געווען פּאַרפולט. איך דערוויס זיך גאָר אײַנגיכן, אַז אויפן אָרט פון דעם אַמאָליקן ענגלישן קעניג פאַר 1774 הערשן אין 1906 נייע היימישע קעניגלעך, וועלכע זיינען נאָך ערגערע טיראַנען ווי יענער, פון וועמען די רעוואָלוציע האָט דאָס אַמעריקאַנער פאָלק באַפרייט.

מ׳דערציילט מיר, אַז קורץ איידער כ׳בין געקומען אַהער צו פאָרן איז דאָ אין פילאַדעלפיע פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע צום „סיטי האָל" (שטאָט־ראָט), וואו בירגער האָבן מיט זיך געטראָגן שטריק, ווי אַ סימבאָל, אַז דער היגער מעיאָר (בירגער־מייסטער) און די „אָלדערמען" (ראָט־מענער) פאַרדינען צו ווערן געהאַנגען פאַר זייערע גנבות און גזלות. מען וויזט מיר אויך אַ בילדער־פּאָסטקאַרטל, אילוסטריט דורך אַ תליה, ווי אַ דראָאונג צו די רעגירנדיקע פילאַדעלפיער שטאָט־גנבים און שטאָט־רוי־בער. כ׳הער אויך, אַז אין העריסבורג, די הויפּט־שטאָט פון פּענסילוועיניע, האָבן די מלוכה־לייט אויסגעבויט אַ נייעם רעגירונגס־הויז, האָבן זיי דערביי אַזויפיל געגנבעט און געגזלט, אַז זיי מוזן איצט מאַכן משונה־ווילדע חשבונות פון זייערע אויסגאַבן, ווי, למשל, אַז יעדע שפּיי־קעסטל דאָרט האָט זיי גע־קאָסט ניט ווייניקער ווי 15 דאָלאַר אַ שטיק...

מיין ערשטע געדונגענע קוואַרטיר מיט עסן איז געווען ביי די עלטערן פון דעם דעמאָלט־באַקאַנטן דר. גאָלדבערג, 946 סאוט פינפטע גאַס. זיי האָבן געהאַלטן אַן אַפּטייק און געהאַט אַ היפּש הויז. זיי האָבן מיר געגעבן פאַר זיך אַליין אַ גרויס ליכטיק צימער אויפן ראָג מיט צוויי פענצטער אין צוויי באַזונדערע גאַסן. דאָס עסן ביי זיי איז געווען נאַרהאַפט, און די וואוילע פרוי גאָלדבערג האָט מיך געבעטן ניט צו זיין שעמעוודיק, נאָר זאָגן וואָס איך וויל, וועט זי אַלץ שאַפן. פאַר מיין צימער מיט עסן און וועש האָט זי מיר גערעכנט סך־הכל פיר דאָלאַר אַ וואָך.

פון זייערע צוויי דערוואַקסענע טעכטער, איז איינע, די קירצער־גע־וואַקסענע און שוואַכערע, געווען אַ לייענערין פון דעם דעמאָלט פּאָפּולערן זשורנאַלכל „דהי פּיליסטין", אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט פון עלבערט האַבאַרד. זי האָט עס מיר געגעבן איבערלייענען. כ׳בין געבליבן גלייכ־גילטיק צו האַבאַרדס שיינע פּראַזן. זיין פּאָפּולערסטער ביכל, „דהי מעסעדזש אָוו גאַרסיאַ", וואָס האָט זיך פאַרקויפט אין גרויסע צאָלן, באַטראַכט איך פאַר אַ בלויז געלונגענער רעקלאַמע. מער געפעלן זיינען מיר די שיינע בויג־זאַמע לעדערנע איינבאַנדן פון זיינע אויסגאַבעס און די פּראַכטפולע ציטאַטן פון דער וועלט־ליטעראַטור, מיט וועלכע ער באַצירט זיין ביכל.

עלבערט האַבאַרדס קעשענע־אויסגאַבעס זיינען ניט די איינציקע אין אַמעריקע, ס׳זיינען דאָ אויך אַנדערע, כאָטש ניט אַזוי אַרטיסטיש געדרוקט און געבונדן ווי זיינע. פּאָליטיש זיינען זיי אַלע כלומרשט ליבעראַל, נאָר

זייערע שיינע פראַזן וועגן סתם מענטשלעכקייט פאַרפּליכטן זיי ניט צו קיין פּאָזיטיווער טאַט. ניט געקוקט אויף זייערע ציטאַטן פון באַדייטנדיקע דענ־קער און דיכטער, פּילט זיך אין זיי אַ געוויסע מאָס שונד, פון אַ באַזונדער מין.

איבערפּלעכלעך זיינען אויך עלבערט האַבאַרדס לעקציעס. אַלץ איז אים געקינצלט, זיין קליידונג און זיין וואָרט. זיין שפּראַך איז רייך, נאָר זיין געדאַנק איז אָרים.

מיין נאָענטסטער פילאַדעלפיער פריינט איז מיין לאָנדאָנער חבר דוד־בער אבערסאָן. כ׳וועל אויך באַקאַנט מיט זיין כלה אסתר מינץ. זי קען העברייאיש און כ׳גיב איר איבערלייענען מיין פריער־דערמאָנטן אַרטיקל פאַר ברענערס לאָנדאָנער זשורנאַל „המעורר״, איידער איך שיק עס צו אים אַוועק. איך באַקאָן זיך אויך מיט צוויי פילאַדעלפיער שרייבער: יעקב זיזמער און דוד טירקל. דער לעצטער פלאַנט אַרויסגעבן אַ זאַמלבוך אין יידיש פאַר אַ מאַקאַבייער־אָרגאַניזאַציע. ער בעט מיך זיך צו באַטייליקן אין דער זאַמלונג. כ׳האָב אים צוגעזאָגט צו געבן מיינס אָן אַרבעט איבער ר׳ צבי הירש קאַלישער, איבער וועלכן כ׳האָב אַמאָל געלייענט אַ רעפעראַט אין לאָנדאָן.

די „היברו ליטעראַרי סאָסאַיעטי״ (יידישער ליטעראַטור־פאַראיין) איז געווען די ערשטע יידישע קולטור־אינסטיטוציע, מיט וועלכער איך באַקאָן זיך אין פילאַדעלפיע. ניט געקוקט אויף איר ענגלישן נאָמען, פיל איך זיך דאָרט אין אַ פאָלקסטימלעכער יידישער סביבה. די מענטשן אַרום מיר ריידן אַלע יידיש. כ׳זע צווישן זיי ראַדיקאַלע יידן פון אַלערליי סאָציאַליס־טישע און ציוניסטישע שאַטירונגען.

מעגלעך, אַז דאָרט געפינען זיך אויך אַזוינע אַסימילאַטאָרן און העב־רייאיסטן, וועלכע זיינען ניט צופרידן פון דער קולטור־טעטיקייט אין יידיש. די אָנפירער פון דער „היברו ליטעראַרי סאָסייעטי״ גיבן זיך אָבער אָפּ ענערגיש מיט פאַרשפּרייטן אַלגעמיינע און יידישע קולטור צווישן די ברייטע יידישע מאַסן אין זייער אייגענעם יידישן מאַמע־לשון. זיי פלייסן זיך אַריינ־צוציען נייע כחות אין דער קולטור־טעטיקייט פון זייער אינסטיטוציע. ווען זיי געפינען אויס וועגן איך בין, פאַרבעטן זיי מיך באַלד כ׳זאָל דאָרט האַלטן אַ לעקציע איבער יידישער געשיכטע אָדער ליטעראַטור.

אין ביבליאָטעק און לייען־צימער פון „ה. ל. ס.״ געפינען זיך ביכער און צייטשריפטן פון אַלערליי ריכטונגען אין יידיש און העברייאיש, ענגליש און אַנדערע שפּראַכן. מ׳קאָן דאָרט אויך אונטער געוויסע באַדינגונגען אַרויסנעמען ביכער און זשורנאַלן אויף צו לייענען ביי זיך אין דער היים. איך וועל טאָקע צוליב דעם אָן אָפּטער באַזוכער, כאָטש איך באַנוץ זיך אויך מיט דער שטאָט־ביבליאָטעק.

אויף דעם וואַנט־טאָוול אין „ה. ל. ס.״ זע איך אָנאָנסירט אויך אַזוינע

לעקציעס, וועלכע ווערן איינגעאָרדנט פון פאַרשיידענע אַנשטאַלטן און פאַרטייען אין אַנדערע פלעצער. אָט אַזוי דערוויס איך זיך וועגן די אַרויס־טרעטונגען פון בנימין פייגענבוים, אב. קאַהאַן א. ד. גל. פערזאָנען, וועמעס נעמען זיינען מיר געווען באַקאַנט פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, אויס־לענדישע יידישע זשורנאַלן און בראָשורן, וועלכע כ׳האָב געלייענט, אַנגע־הערנדיק צו דער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין צאַרישן רוס־לאַנד.

איך בין געווען גריילעך בייגעריק צו זען די דאָזיקע אַמאָליקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לערער און פירער, וועמעס ווערטער כ׳פלעג לייענען מיט איבער צוועלף יאָר צוריק (אַרום 1894) אויף די געהיימע רעוואָלוציאָנערע קוואַרטירן, אָדער אין די אַרומיקע וועלדער פון ווילנע. כ׳בין דעריבער געגאַנגען זיי אַלעמען הערן.

ב. פייגענבוים, אַן אַלטער שוואַכער מאַן, מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַן אויפריכטיקן מענטשן. ער האָט גערעדט אָן הומאָר, אָבער פשוט און זאַכלעך, געגעבן אַ היפש ביסל אינפאָרמאַציע וועגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. ניט געפעלן איז מיר געווען זיין פאַרטיידיקן די חסרונות פון דער סאָציאַליסטישער „מאָרגן צייטונג״, אונטער זיין רעדאַק־ציע, דורך אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף דעם „פאָרווערטס״, וואָס האָט געהאַט די דעה איבער איר. כ׳בליב אויך ווייטער אַ קעגנער פון זיין גוט־געמיינטער, נאָר כלל ניט וויסנשאַפטלעכער אפיקורסות...

אב. קאַהאַן, יינגער און קרעפטיקער פון פייגענבוימען, האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דעם גרויסן אָנטייל פון די יידן אין דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905. ער האָט אויפגעדעקט די פסעוודאָנימען פון די רו־סיש־יידישע רעוואָלוציאָנערע פירער. ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ לויב־געזאַנג צום „בונד״ און אויסגערופן מיט פאַטאָס דעם פסוק „כי ילד יולד לנו״ (אַ קינד איז אונדז געבאָרן), און ער האָט עס אויסגעטייטשט, אַז דער „בונד״ וועט דערלייזן און באַפרייען דאָס יידישע פאָלק... די יידישע סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע האָט ער כמעט ווי ניט דערמאָנט. כ׳האָב באַטראַכט זיין רעדע פאַר צופיל „אתה בחרתנו״ און נאַציאָנאַליסטיש. ס׳האָט זיך מיר אויך, אַז ער טרייבט איבער דעם איינפלוס פון די יידן, ווי דעם „זויערטייג״ פון דער רעוואָלוציע. כ׳טרעט טאַקע אַרויס קעגן דער דאָזיקער מיינונג אין מיינעם אַ לייט־אַרטיקל ערב פסח, מיטן נאָמען „בדיקת חמץ״. כ׳דערקלער דאָרט, אַז די יידן זיינען צו־ווייניק צו קאָנען באַאיינפלוסן דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע אין אַ גרויס לאַנד. כ׳ווייז אָן, אַז די רעאַק־ציאָנערע כחות טרייבן אומישנע אַ סך איבער דעם יידישן איינפלוס, כדי איינצורײדן די קאָנסערוואַטיווע ניט־יידישע מאַסן, אַז די רעוואָלוציע איז אַ יידישע פאַרשווערונג און העצן מ׳זאָל זי דערטרינקען אין יידיש בלוט...

נאָך אב. קאַהאַנס לעקציע באַקאָן איך זיך מיט אים. דאָס טו איך

הויפטזעכלעך צו דערפילן מיין צוזאָג צו מיין לאָנדאָנער פריינט ל. שאַפּיראָ, צו ריידן מיט אַב. קאַהאַנען וועגן אַראָפּברענגען אים, שאַפּיראָן, קיין אַמעריקע, ווי אויך מכח די שריפטן, וועלכע ער, ל. שאַפּיראָ, האָט צוגעשיקט פאַרן וואָכנבלאַט „צייט גייסט". אַב. קאַהאַן דערקלערט מיר, אַז מרס. קאַהאַן, אַ ווייטע קרובה פון ל. שאַפּיראָ, שטייט שוין מיט אים אין פאַרבינדונג, וועגן שיקן אים אַ שיפסקאַרטע, און אַז שאַפּיראָס „ים־לידער" וועלן באַלד זיין געדרוקט. דערביי פרעגט אַב. קאַהאַן מיך אויס וועגן מיינע אייגענע פּלענער פאַר אַמעריקע.

מיין צעטל מיטאַרבעטער, וועלכן איך האָב צוגעגרייט פאַרן „אידישן קעמפּער" נאָך זייענדיק אין לאָנדאָן, באַפרידיקט מיך דאָ ניט. די אין מיין רשימה אָנגעמערקטע שרייבער, ווי בעל־מחשבות, י. ח. ברענער, הלל צייטלין א. ד. גל. זיינען געווים ערשט־ראַנגיקע, בפרט י. ל. פּרץ, וועמען דר. י. וואָרטסמאַן אין וואַרשע פאַרזיכערט מיך צו געווינען פאַר מיינעם אַ מיטאַרבעטער, און הייסט מיר באַלד אַרויסשיקן פאַר אים אַן „אַוואַנס" *). אַ יידישע צייטונג אין אַמעריקע, האַלט איך, דאַרף אָבער צום אַלעם ערשטן האָבן אַמעריקאַנער מיטאַרבעטער. איך ווענד זיך דעריבער צו אַ גאַנצער ריי באַקאַנטע היגע שרייבער.

אַ טייל זאָגן מיר באַלד צו און שיקן מיר אפילו עפּעס וואָס פאַר אַ „פּאַטשאַטעק" (אַן אָנהויב), אַנדערע ווידער קאָנען עס ניט אָננעמען איבער אויסערלעכע סיבות. למשל מאָריס ראָזענפעלד און ז. ליבין זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַ טעגלעכער צייטונג („פאָרווערטס"). דער ערשטער שיקט מיר אָבער צו אַ האַרציקע באַגריסונג. ליידער ווערט ער באַלד קראַנק און מוז אַ לענגערע צייט אינגאַנצן אויפהערן צו שרייבן. פּיליפּ קראַנץ, וועלכער איז דעמאָלט געווען פאַרנומען אין מסחר, האָט נאָך פריער דערקלערט, אַז ער מוז איצט אָפּגעבן זיין „גאַנצע צייט" צו זיין „ריעל עסטעיט"־געשעפט. — „אַבוואָל" (כאָטש) ער האָסט אים „פון טיפסטן האַרצן". פּראָפעסאָר יצחק אייזיק הורוויטש, וועמעס פשוטער מינסקער יידיש, אונטערן נאָמען יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי, איז מיר דעמאָלט געווען שטאַרק געפעלן האָט געענטפערט (אין זיין אָריגינעלער שריפט, מיט גאָר גרויסע בוכשטאָבן אויף דער אַנדער זייט פון זיינעם אַ מאַנוסקריפּט, אויף אַ בלאַנק פון אַ וואַשינגטאָנער מלוכה־דעפּאַרטמענט, וואו ער איז געווען אָנגעשטעלט

---

*) דר. וואָרטסמאַן דערקלערט נאָכדעם, אַז י. ל. פּרץ האָט געהאַט צוגעזאָגט אַן אַרבעט פאַרן „אידישן קעמפּער", וועלכע דר. יוסף לוריע קריגט פון אים אַרויס פאַר „דאָס יודישע פאָלק" אין ווילנע. פאַר דעם „אַוואַנס" שיקט צו דר. וואָרטסמאַן זיינעם אַן אייגענעם פּעקל מאַנוסקריפּטן...

אַלס פּאַכמאַנישער סטאַטיסטיקער), אַז פּאַרלויפיק איז ער צופיל פאַרנומען מיט זיין רואיקער, טאָג־טעגלעכער אַרבעט אויף זיין אַמט.

לעאָן קאָברין, דער שוין דעמאָלט אויף ביידע זייטן ים באַרימטער דראַמאַטורג, נאָוועליסט און ראָמאַנען־שרייבער, גיט מיר באַלד זיין פיר־אַקטיקע דראַמע, „דער נאַטור־מענטש", וועלכע ווערט שפּעטער שטאַרק פּאָפּולער אונטערן נאָמען „יאַנקל בוילע". כ'פאַרעפנטלעך זי אין פאָרזעצונגען, כאָטש מ'וואָרנט מיך, אַז דאָ אין לאַנד דרוקט מען ניט קיין דראַמעס אויף אַזאַ שטייגער. מיין ענטפער איז, אַז פאַר אַזאַ וויכטיק ווערק מעג מען מאַכן אַן אויסנאַם. לעאָן קאָברין גיט מיר נאָכדעם אויך סקיצן און מיר ווערן גאָר נאָענטע פריינט (אונדזער פריינטשאַפט האַלט אָן ביז צו זיין טויט אַרום פערציק יאָר שפּעטער).

דוד פּינסקי שיקט מיר צו דורך מיין חבר דוב־בער אבערסאָן, אַ ליד אונטער אַ פּסעוודאָנים (ער איז דעמאָלט רעדאַקטאָר פון אַ קעגנערישער צייטשריפט „דער אַרבעטער", דער אָפיציעלער אָרגאַן אין יידיש, פון דער ס. ל. פּ. — סאָשעליסט לעיבאָר פּאַרטיי (סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי).

יואל ענטין, דער אָנגעזעענער טעאַטראַל, ווי אויך לעקטאָר און שרייבער איבער דער וועלט־דראַמע (הויפּטמאַן, זודערמאַן, מעטערלינק א. אַז. וו.) נעמט אָן צו שרייבן פאַר מיר רעצענזיעס איבער די לויפנדיקע אויפפירונגען אינעם יידישן טעאַטער.

ווען ער קריטיקירט אַמאָל שאַרף דעם דעמאָלט באַרימטסטן שוישפּילער יעקב אַדלער, און יענער דראָעט אַוועקצונעמען איבער דעם זיין אַנאָנס פון אונדזער וואָכנבלאַט, ענטפער איך אים אין בריוו־קאַסטן מיט יוגנטלעכער געוואַגטקייט, אָדער „חוצפּה", אומגעפער אַזוי: איר מעגט זיך אַנאָנסירן אַלס „נשר הגדול", דאָך קאָנט איר ניט דיקטירן וואָס אונדזערע טעאַטער רעצענזענטן זאָלן שרייבן וועגן אייער שפּילן. נאָר אויב איר האָט וואָס צו ענטפערן אויף ענטינס רעצענזיע, שיקט אונדז צו, וועלן מיר עס באַלד פאַרעפנטלעכן. יעקב אַדלער נעמט נאָכדעם ניט אַוועק זיין אַנאָנס און ער האָט אויך ניט מער קיין טענות צו אונדז.

מ. לעאָנטיעוו (לעאָן מאָיסעיעוו) זאָגט באַלד צו מיר געבן ליטעראַטור־קריטיק, אָדער קריטישע עסייען. ער שרייבט הויפּטזעכלעך איבער דייטש־יידישער ליטעראַטור („ווערטער דער יודע" פון לודוויג יאַקובאָווסקי, „דער ראַבי פון באכראך" פון היינריך היינע א. ד. גל.). ער פלעגט זיך אַלעמאָל באַראַטן מיט מיר וועגן וואָס צו שרייבן. נאָך אַזאַ באַראַטונג האָט ער דאָס פון אונדז באַשטימטע ווערק דורכגעלייענט פון דאָס ניי „געדיכט", ווי ער פלעגט עס אָנרופן און נאָכדעם אויפשרייבן זיין קריטישן עטיוד אָדער עסיי.

לעאָן מאָיסעיעוו ווערט מיט מיר אַזוי נאָענט ווי לעאָן קאָברין. צייטנווייז אַפילו נאָך נעענטער. אַזוי ווי קאָברין, בלייבט אויך מאָיסעיעוו אַן

אינטימער פריינט מײַנער ביז צו זײַנע סאַמע לעצטע טעג. אין זײַן לעצטן בריוו, אַ טאָג אָדער צוויי פֿאַר זײַן טויט, פֿאָדערט ער מיך אויף, אין נאָמען פֿון אים און זײַן פֿרוי, זיי צו באַזוכן אָפטער ווי פֿריער, און טאַקע באַלד ווי כ׳וועל זיך צוריקקערן אין שטאָט פֿון די בערג.

יהואָש איז געווען מײַנער אַ באַליבטער דיכטער נאָך אין מײַן יוגנט, ווען איך בין געווען אַ לערן־ייִנגל אין אַ טאַקער־וואַרשטאַט. זײַנע לידער „מזמור שיר ליום השבת!״ — „רבי מתיא״ — „דאָס בלוט פֿון דעם נביא״ א. ד. גל. זײַנען געווען אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון און מיך אָנגעפֿילט מיט אַנטציקונג, ווי אין דער צײַט ווען כ׳האָב זיי געלייענט אין דעם זאַמלבוך „ייִדישע ביבליאָטעק״ פֿון י. ל. פּרץ. ווען כ׳פֿאַרבעט יהואָשן שרײַבן פֿאַר מיר, טו איך עס מיט גאָר אַ סך אַכטונג און ליבשאַפֿט. יהואש ענטפֿערט מיר זייער האַרציק און שיקט מיר באַלד צו זײַן באַקאַנט ליד „חלום פֿריינד״, וואָס כ׳נעם עס אָן פֿערזענלעך, ווי ער וואָלט עס פֿאַרפֿאַסט ספּעציעל פֿאַר מיר... הייסט מיר חלומען ווײַטער מײַנע חלומות־אידעאַלן, ווײַל דער חלום פֿון הײַנט איז די ווירקלעכקייט פֿון מאָרגן. ער שרײַבט פֿאַר מיר אַ סך. אַמאָל אַפֿילו אויך אויף מײַן באַשטעלונג, צוליב אַ יום־טוב, אָדער אַ יובילײַ. דאָס רוב לידער אין זײַן ערשטן באַנד (ניו־יאָרק, 1907) זײַנען טאַקע דער־שינען אונטער מײַן רעדאַקציע.

אויך יהואָש בלײַבט מיט מיר לעבנס־פֿריינט. ער קאָרעספּאָנדירט מיט מיר פֿון אײַנלאַנד און אויסלאַנד, אויך ארץ ישראל אין כלל. ער פֿאַרבעט מיך צו זיך און נעמט מיך אויף העכסט האַרציק גאָר נאָענט פֿאַר זײַן פֿרי־צײַטיקן טויט.

קאַפּיטל הונדערט זעקס און פֿערציק

מײַנע צוויי מיטאַרבעטער פֿון איסט־בראָדוויי

מײַנע צוויי מיטאַרבעטער פֿון איסט־בראָדוויי זײַנען געווען די דאָק־טוירים הלל זאָלאָטאַראָוו און איסר גינזבורג.

איסט בראָדווייער דאָקטוירים האָבן דעמאָלט געגאָלטן פֿאַר קאָסמאָפּאָ־ליטן אָדער גאָר אַסימילאַטאָרן. דאָס איז געווען דערפֿאַר, ווײַל צווישן זיי זײַנען געווען הימישע דאָקטוירים, וועלכע האָבן אויסגעשטודירט אין רוס־לאַנד און זייער שפּראַך איז געווען רוסיש.

דר. הלל זאָלאָטאַראָוו, און דער פֿון אים ייִנגערער דר. איסר גינזבורג האָבן אָבער שטודירט מעדיצין אין ניו־יאָרק. זיי האָבן ביידע גערעדט ייִדיש, כאָטש דער ערשטער האָט געשטאַמט פֿון יעליסאַוועטגראַד, וואו ייִדן האָבן גערעדט רוסיש (זײַן פֿאָטער, אַ שנײַדער, איז געווען צווישן די מיטגלידער

פון דער „דוכאָוונאָיע ביבליעיסקאָיע בראַטסטוואָ" — גייסטיקע ביבלישע ברודערשאַפט, וואָס יעקב גאָרדין האָט דאָרט געגרינדעט אָנהויב 1880),ביידע האָבן פאַר מיר געשריבן עסייען, דער ערשטער איבער סאָציאָלאָגיע, דער צווייטער איבער יידישע געשיכטלעכע פּראָבלעמען.

דר. זאָלאָטאַראָוו ווערט מיט מיר באַלד גאָר נאָענטע פריינט. כאָטש ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ „פּאַרטייאישער" אַנאַרכיסט, אַ רעדנער און טוער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס האָט זיך תמיד דערקלערט אַלס אַזוינער. איך באַטראַכט אים פאַר אַן עטישער פּערזענלעכקייט, כאָטש ער האָט מיר אַמאָל שאָקירט מיט זיינעם אַ „ניבול־פה" *).

דריי חברים זיינען זיי געווען: דער אינזשיניער מאָיסעיעוו און די דאָקטוירים זאָלאָטאַראָוו און גינזבורג. לעאָן מאָיסעיעוו איז געווען דער עסטעטיקער צווישן זיי. הלל זאָלאָטאַראָוו — דער עטיקער און איסר גינז־בורג — דער למדן און משכיל. מיט די ערשטע צוויי בין איך געווען און געבליבן תמיד נאָענטע פריינט. מיטן דר. גינזבורג האָב איך צייטנווייז געפירט שאַרפע אידעאָלאָגישע וויכוחים. אַמאָל אויך עפנטלעך. מיר בלייבן אָבער „גוט־פריינט" (זיין לעצטער בריוו צו מיר איז געשריבן גאָר האַרציק).

ה. אַלעקסאַנדראָוו, דער באַדייטנדיקער פּובליציסט, עסייאיסט און בעל־טריסט, וועלכער איז געווען דער ניו־יאָרקער קאָרעספּאָנדענט פון פּע־טערבורגער „פריינד", שרייבט פאַר מיר אַ סעריע ליטעראַרישע עסייען, וועלכע ער רופט אָן „בריוו וועגן יידישן טעאַטער" (אין אַמעריקע **).

ביסלעכווייז קריג איך אַריין אַ צאָל דערציילער פון אַמעריקאַנעם יידישן לעבן: מ. שמואלזאָן, יצחק רייז — דער שפּעטערדיקער משה נאַדיר, דר. ישראל מאַרקוס, מ. גערשויג, ש. דאָלינסקי, ישעיה בלינדער, — עלטערער ברודער פון ב. לינדער אין „טאָג", מאיר בלינקין, ה. אַרדיטשעוו — פּסעוו־דאָנים פון דר. הלל זאָלאָטאַראָוו, מ. אַדערשלעגער, אונטער אַ פּסעוודאָנים

---

*) עדעלשטאַט האָט אים דערפאַר געטאַדלט אין די 80־ער יאָרן אין זיינע בריוו, פאַרעפנטלעכט אינעם בוך „דוד עדעלשטאַט" פון קלמן מרמר (ניו־יאָרק, פאַרלאַג איקוף 1950, זייט 231).

**) אַ צאָל שרייבער וועגן בילִיקערן טעאַטער שיקן מיר אַריין צושריפטן אין וועלכע זיי דריקן זיך אויס מיט ביטול וועגן ה. אַלעקסאַנדראָווס דער־מאָנטע „בריוו". איך שעץ אים אָבער זייער הויך און באַטראַכט די אָנפאַלן קעגן אים פאַר ניט גערעכט און פאַר ניט אָנשטענדיק. דאָס שטערט מיר אָבער ניט צו פּאָלעמיזירן שאַרף קעגן אים אידעאָלאָגיש, וועגן זיינע אַר־טיקלען געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים „דאָן קיכאָט", אין „ס. ל. פּ."־אָרגאַן — „דער אַרבעטער."

מ. ווילנער, פאַרעפנטלעכט אויך בילדער פון ניו־יאָרקער יידישן אַרבעטער־לעבן; דער אַלטער ראָמאַנען־שרייבער פון „טאָגעבלאַט" משה זייפערט...

איך באַקאָן זיך אויך מיט די דעמאָלט יונגטלעכע דיכטער י. י. שוואַרץ, ה. רויזנבלאַט, מאַני לייב א. אַ. וועלכע ווערן מיר אויך נאָענט פּערזענלעך. איך קוועל אָן פון זייער שעפערישקייט און פון דעם חשובן אָרט, וואָס זיי הויבן אָן פאַרנעמען אין דער יידישער ליטעראַטור *).

י. י. שוואַרץ איבערזעצט אויך פאַר מיר פון העברייאיש אין יידיש אַ היפשע צאָל פון ביאַליקס לידער און פּאָעמען („המתמיד", „דור המדבר" א. א.); ה. רויזנבלאַט איבערזעצט אויף מיין באַשטעלונג אָסקאַר וואַילדס „באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה", וואָס איך פאַרעפנטלעך אינגאַנצן אין איין נומער צייטונג.

ל. לאַנדוי, אַ דיכטער און זשורנאַליסט, וועלכער אַרבעט דעמאָלט אין „פאָרווערטס", שרייבט פאַר מיר אונטערן פסעוודאָנים „א. וואָלינער" פּוב־ליציסטיש־פעליעטאָניסטישע „שטיקלעך און ברעקלעך", וועלכע מאַכן אים אַ נאָמען פון אַ טעמפּעראַמענטפולן פעליעטאָניסט אויף ביידע זייטן ים. די פעליעטאָנען דערשיינען אויך אין בוך־פאָרם.

שלום עליכם שטעלט מיר צו שפּעטער אַ רייע פעליעטאָנען פון אַ הויכן ליטעראַרישן ווערט, פון זיין אײדעם, דעם שוין דעמאָלט באַרימטן דערציילער אין העברייאיש און יידיש, י. ד. בערקאָוויטש. איך פאַרעפנטלעך בערקאָוויטשעס אַ קונסטווערק, „דאָס נישט גוטע שטיבל", אַ דערציילונג אין עטלעכע פאָרזעצונגען. איינעם אָדער צוויי פעליעטאָנען, אייגנטלעך ליטעראַרישע עסייען, גיט מיר אויך דער דעמאָלט יונגטלעכער בעלעטריסט משה יונה חאַימאָוויטש.

בעל־מחשבות און ברענער גיבן געוויכט דעם „יידישן קעמפער" אונ־טער מיין רעדאַקציע, כאָטש זיי שרייבן ווייניקער וויפל מ'האָט פון זיי דער־וואַרט. דער צושטייער פון בעל־מחשבות האָט געמאַכט אויפזען שוין צו־ליב דעם אַליין, וואָס ער האָט געגעבן אָפּשאַצונגען פון די אַמעריקאַנער יידישע דראַמאַטורגן יעקב גאָרדין און דוד פינסקי.

---

*) יאָרן שפּעטער, ווען איך קום אַמאָל צוגאַסט פון שיקאַגע קיין ניו־יאָרק, דערציילט מיר מאַני לייב, אַז געוויסע דיכטער קריטיקירן אים דער־פאַר וואָס ער שאַפט קורצע לידער אָנשטאָט אַ לאַנג ליד, וואָס זאָל פאַר־נעמען אַ גאַנצן בוך וועגן אַ היסטאָרישער טעמע. איך ענטפער אים, אַז אַ שנירל קליינע פערעלעך איז פון אַ סך העכערן ווערט ווי אַ גרויסע פיל־קאָלירטע פאַטשערקע. איך ראָט אים צו שאַפן וואָס מער פערעלעך און זיי אָנציען אויף שנירעלעך — צונויפזאַמלען אין בוך־פאָרם.

י. ח. ברענערס מיטאַרבעטערשאַפט איז געווען פון באַדייטונג דורך זיין וויזן אַ ביישפּיל, אַז מ׳קאָן זיין אַן אַנגעזעענער העברייאישער שריפטשטע־לער און צוגלייך שרייבן אין יידיש, אין דער שפּראַך פון דעם פּשוטן פאָלק. איך ווענד זיך מעגלעך אויך דאַרום צו אַזוינע העברייאישע שרייבער ווי „בר־טוביה״ (דר. פרענקעל), יעקב שטיינבערג, זלמן שניאור (ער ענטפערט מיר דעמאָלט, אַז ער איז גרייט מיטצואַרבעטן, אויב די פאַרוואַלטונג וועט אים אַרויסשיקן באַלד אַן „אַוואַנס״), יעקב ראַבינאָוויטש („ציוני פּרולטרי״) און אַ סך אַנדערע.

בכלל האָט די צאָל פון מיינע אויסלענדישע מיטאַרבעטער געהאַלטן כסדר אין שטייגן.

ל. שאַפּיראָ, וועלכער האָט מיר מיטגעגעבן אַ צאָל שריפטן זיינע, פאַר מיין אָפּפאָרן פון לאָנדאָן, שיקט מיר צו נאָכדעם ווידער זאַכן אויך פון דער שווייץ. פון דאָרטן קריג איך מאַטעריאַלן פון דר. דניאל פּאַסמאַניק, דר. פּ. ליפשיץ, מ. פּ. זיידמאַן, דר. יחזקאל וואָרטסמאַן און אַנדערע באַקאַנטע מיינע. איך דערהאַלט אויך אַרטיקלען פון שלמה קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי אין עסטרייך, בער באָראָכאָוו פון רוסלאַנד, משה פּראַסטיג פון לעמבערג, א. ל. שוסהיים פון קראָקע, א. מ. גאָנצאַר און שמריה גאָרעליק פון בערלין (דער לעצטער באַשרייבט שפּעטער פאַר מיר, אין מערץ 1907 די ערשטע אויפ־פירונג פון שלום אַשעס פּיעסע „גאָט פון נקמה״ אין בערלינער טעאַטער). איך דערהאַלט אויך קאָרעספּאָנדענציעס פון פּעטערבורג, קיעוו (פון ב. גאָלדשטיין — דער איצט־באַקאַנטער דערציילער און ראָמאַנען־שרייבער אין „טאָג״), אָדעס (סאָלאָמאָן זאַלצמאַן, וועלכער האָט מיר פאָרגעשלאָגן די מיטאַרבעטערשאַפט פון ח. נ. ביאַליק), ארץ ישראל (י. ד. פרייער, דער יינגערער ברודער סמיליאַנסקי און אַ גרויסע צאָל אַרבעטער און אַליין אַר־בעטנדיקע קאָלאָניסטן).

מאָריס ראָזענפעלד ווערט שווער קראַנק אינגיכן נאָך מיין קומען קיין אַמעריקע. אַ צאָל ניו־יאָרקער קולטור־טוער און שריפטשטעלער לאָזן אַרויס אַן אויפרוף פאַר הילף. זיי שיקן עס צו יעדן רעדאַקטאָר ער זאָל צוגעבן זיין נאָמען אויפן רוף און עס איבערדרוקן.

אַזוי ווי איך בין נאָך ניט גענוג באַקאַנט אין לאַנד, האַלט איך פאַר ניט פּאַסנדיק צוצושטעלן מיין נאָמען אויפן רוף. פּערזענלעך אָבער שיק איך אים מיין סימפּאַטיע־אויסדרוק, באַגלייט פון אַנווייזונג אויף אַ צאָל דאָ־לאַרן. ער ענטפערט מיר תיכף, אַז ער וויל ניט קיין שטיצע פון יחידים, נאָר פון דער געזעלשאַפט. פאַר דער פון מיר צוגעשיקטער סומע געלט שיקט ער מיר די דע־לוקס אויסגאַבע פון זיין בוך לידער איבערגעזעצט אין דייטש פון בערטאָלד פייוול און אילוסטרירט פון אפרים משה ליליען.

אין זיין בריוו צו מיר, געשריבן מיט דער לינקער האַנט, ווייל זיין

רעכטע איז געווען פּאַראַליזירט, שרייבט מיר מאָריס ראָזענפעלד, אַז פון „אַלע אומגעלומפּערטע געשרייען אין די יידישע בלעטער" וועגן הילף פאַר אים, האָט ער „אויסער חרפה קיין זאַך ניט געוואָסן". זיינע אָפּטישע נערוון זיינען אים רואינירט פון דעם פּאַראַליז און ער „איז אין סכנה צו ווערן בלינד און בלייבן שטיין אַ בלינדער בעטלער אין די אָפענע גאַסן"... אויב איך וויל שאַפן פאַר אים הילף, בעט ער מיך זיך צו ווענדן נאָר צו אָר־גאַניזאַציעס.

טו איך טאַקע אַזוי:

אומעטום וואו נאָר מ'לאַדט מיך איין צו האַלטן אַ רעדע, פאַרלאַנג איך צום אַלעם ערשטן, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל שאַפן הילף פאַרן קראַנקן דיכטער. די געזאַמלטע סומען ווערן קוויטירט אין אונדזער וואָכנבלאַט, און ווערן אַריבערגעשיקט צום דיכטערס פאַמיליע, אָדער יענע קומט עס „קאָלעקטן" אין אָפיס פון דער צייטונג.

שפּעטער ווען איך קום באַזוכן דעם דיכטער אין זיין היים אין יאָנקערס, מאַכט ער אויף מיר אַ זעלטן גוטן איינדרוק. ער איז פריינטלעך און באַשיידן, ניט געקוקט אויף זיין האַלטן זיך פאַר מער דיכטער, ניט בלויז פאַר יהואָשן, נאָר אויך פאַר ח. נ. ביאַליקן...

מיט גרויס אַכטונג רעדט פאַר מיר מאָריס ראָזענפעלד פון יהודה הלוי און היינען, וועגן וועלכע ער האָט פאַרפאַסט בראָשורן. ריידנדיק וועגן קלאַ־סישע דיכטער און וועגן פּאָעזיע בכלל פאַרגעסט ער וועגן זיך אינגאַנצן. ער שוועבט נאָר אַרום אין די ספערן פון גייסט און דערהויבט זיך הויך אי־בער זיין קראַנקהייט און אַלע אַנדערע אומאָנגענעמלעכקייטן פון זיין שווערן לעבן. ניטאָ מער פאַר אים קיין קנאה און שנאה צו קאָלעגן און קיינע פער־זענלעכע קריוודעס צו זיין סביבה. ער איז אינגאַנצן פאַרנומען מיט די ליידן און פריידן פון האַרעפּאַשנעם ייד און מענטש, פאַר וועמעס פּאָעטישן וואָרט־זאָגער ער באַטראַכט זיך.

די צאַרישע רעגירונג פאַרבאָט אין רוסלאַנד דעם פון מיר רעדאַקטירטן וואָכנבלאַט „דער יידישער קעמפער" אין פילאַדעלפיע *).

אונדזער פּעטערבורגער קאָרעספּאָנדענט טיילט אונדז מיט, אַז דער פאַרבאָט איז ניט בלויז צוליב אונדזערע אַרויסטרעטונגען פאַר סטרייקנ־דיקע אַמעריקאַנער אַרבעטער און פאַרן סאָציאַליזם אין אַמעריקע, נאָר

---

*) צוליב דעם דאָזיקן פאַרבאָט געפינט זיך די אַמעריקאַנער וועכנט־לעכע צייטונג „דער יידישער קעמפער" פון 1906—1907 אין דער ביבלי־אָטעק פון „לענין אינסטיטוט" אין מאָסקווע, צווישן די פאַרבאָטענע יידי־שע אויסגאַבעס אונטערן צאַרישן רעזשים.

אויך, און אפשר טאַקע דער עיקר, צוליב מיינער אַן עדיטאָריעלער באַמער־קונג אויף דער ערשטער זייט צייטונג, וואו כ׳האָב אַנגערירט דעם כבוד פון צאַרישע גובערנאַטאָרן.

פּאַסירט האָט דאָס אַזוי:

אַ מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אַ מיניסטער, מיטן נאָמען באָנאַפּאַרטי, האָט אין 1906 פאָרגעשלאָגן צו באַשטראָפן אַמעריקאַנער ראַ־דיקאַלן מיט שמיץ. אין מיין דערמאָנטער עדיטאָריעלער באַמערקונג האָב איך אָט דעם דאָזיקן רעגירונגס־מאַן פאָרגעשטעלט ווי אַ „תלמיד" פון די דעמאָלט טרויעריק־באַרימטע צאַרישע גובערנאַטאָרן, וועלכע האָבן באַ־שטראָפט מיט שמיץ, צוערשט, די בונטאַרישע פויערים און נאָכדעם, אויך די קעמפערישע אַרבעטער.

מיין הויפּט־קאַמף איז אָבער דעמאָלט געווען קעגן דער „באַמבע־פּאָ־ליטיק" פון דעם אַמעריקאַנישן גרויס־קאַפּיטאַל. זיינע פאַרשטייער האָבן געשאָסן אויף סטרייקנדיקע מיינערס אין נעוואַדאַ און אין קאָלאָראַדאָ. זיי האָבן אויך געזוכט צו ברענגען אויף דער תליה די סטרייק־פירער העיוואוד, מאַיער און פּעטיבאָן. דערביי האָט מען זיי ניט אָנגעקלאָגט פאַרן אָרגאַניזירן דעם סטרייק, נאָר זיי באַשולדיקט, ווי, מיט צוואַנציק יאָר פריער, די שיקאַ־גער מאַרטירער, אין וואַרפן אַ באָמבע, אין 1886 — אויף דער פּאָליציי; אין 1906 — אויפן גאָווערנאָר סטיונענבערג פון נעוואַדאַ, דעם צעשיסער פון סטרייקנדיקע מיינערס.

טיף דערשיטערט איבער דעם דאָזיקן שקר־בלבול, און דער ווילדער העצע צו פאַראורטיילן צום טויט דריי אַמעריקאַנער פרייהייט־קעמפער, און דערצו זיי נאָך שטעמפּלען פאַר פּשוטע פאַרברעכער, האָב איך מינדלעך און שריפטלעך פאַרדאַמט און פאַראורטיילט די דאָזיקע באָמבע־פּאָליטיק. כ׳האָב אויך אָנגעוויזן אויף דעם אומרעכט פון דעם רעפּובליקאַנישן פּרע־זידענט, טעאָדאָר רוזוועלט, אַריינצומישן זיך אויף דער זייט פון די העצער קעגן די דריי אַמעריקאַנער אַרבעטער־פירער, איידער אַ געריכט געפינט זיי שולדיק.

אַ קאַפּיטאַליסטישער חוזק פון דעם רוף „כל ישראל חברים!" איז פאַר מיר געווען דער אַנטיסעמיטישער שקר־בלבול פון יידישע קליידער־פאַבריקאַנטן אויף סטרייקנדיקע אַרבעטער־יידן אין פילאַדעלפיע, 1906. מיין לייט־אַרטיקל וועגן דעם, געשריבן מיט אַ געפיל פון ווייטיק און שאַנד, רוף איך טאַקע אָן, סאַרקאַסטיש, מיטן נאָמען: „כל ישראל חברים!" די מעשה איז אַזוי געווען:

כדי צו צעברעכן דעם סטרייק פון זייערע אַרבעטער האָבן אָט די יידישע קליידער־פאַבריקאַנטן פאַרשפּרייט העץ־בלעטלעך צווישן דער ניט־יידישער באַפעלקערונג, אַז דער דאָזיקער סטרייק ווערט געפירט ניט צוליב עקאָנאָ־

מישע מאַטיוון, נאָר בלויז דערפֿאַר, ווייל זיי, אַט די פֿאַבריקאַנטן, האָבן ניט נאָכגעגעבן די פֿאָדערונג פֿון די יידישע אַרבעטער אָפּצוזאָגן פֿון דער אַר־בעט די ניט־יידן, מיט וועלכע די יידן ווילן ניט אַרבעטן צוזאַמען. מיט אַט דעם אַנטיסעמיטישן שקר־בלבול האָבן די יידישע סטרייק־ברעכערישע קליידער־פֿאַבריקאַנטן געזוכט צו „שיסן צוויי האָזן מיטאַמאָל": אַוועקנעמען די סימפּאַטיע מיט די סטרייקנדיקע יידישע אַרבעטער דורך שטעמפּלען זיי פֿאַר שאָוויניסטישע „אַנטי־גוים", און ריינוואַשן די סטרייקברעכער אין די אויגן פֿון דער ניט־יידישער אַרבעטערשאַפֿט.

אונדזער שאַרפֿער אַרויסטריט קעגן דער אַנטיסעמיטישער העצע פֿון די דאָזיקע יידישע קליידער־פֿאַבריקאַנטן אין פֿילאַדעלפֿיע וועקט אויף די יידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט קעגן אָט דער נבלה (נעוואָלע) פֿון „ברידער יידן", און פֿירט ענדלעך צום זיג פֿון די סטרייקנדיקע קליידער־מאַכער אַרבעטער.

אין דעם נאָמען פֿון סאָלידאַרישקייט צווישן די האַרפּאַשנע יידישע פֿאָלקס־מאַסן טרעטן מיר אויך אַרויס אין „יידישן קעמפּער" קעגן די פּרוּוון פֿון די דאָרטיקע יידישע העמדער־פֿאַבריקאַנטן צו צעברעכן דעם סטרייק פֿון די יידישע „שוירט־מעיקער"־אַרבעטער און מיר העלפֿן דערמיט צום זיג פֿון די סטרייקער.

באַזונדער שווער איז דעמאָלט געווען דער קאַמף פֿון די יידישע בעקער־אַרבעטער אין פֿילאַדעלפֿיע קעגן הונגער־שכירות און לאַנגע אַרבעטס־שטונדן (אַ 14—15 שטונדיקער אַרבעטס־טאָג) אונטער ניט־סאַניטאַרישע באַדינגונגען.

ניט האָבנדיק קיין דערפֿאַרונג אין די געזעצן וועגן „לאַיבל", האָב איך, אויף דער ערשטער זייט צייטונג, אַלס איר רעדאַקטאָר, אומגעזעצלעך גע־רופֿן די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אין פֿילאַדעלפֿיע ניט צו קויפֿן קיין סקעב־ברויט, וואָס ווערט געבאַקן פֿון אַ ניט־יוניאָן בעקעריי. אונדזער צייטונג ווערט דעמאָלט אָנגעקלאָגט פֿאַר „לאַיבל" און זי לעבט דורך אַ שווערע צייט. די וואוילע ערלעכע יידישע פֿאָלקס־מאַסן העלפֿן אָבער טיכטיק די יידישע בעקער־אַרבעטער אויסצוקעמפֿן טרעיד־יוניאָן באַדינגונגען אין אַלע פֿילאַ־דעלפֿיער בעקערייען און קיין בעקער־מייסטער וואָגט ניט מער זיך צו שטעלן קעגן.

דער חרם קעגן אַן אָרטאָדאָקסישן רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער אין יענער צייט מאַכט אויף מיר אַ שווערן איינדרוק. דער חרם איז פֿאָרגעקומען אין שיקאַגע, אין דער אָנוועזנהייט פֿון אַרום צוויי טויזנט יידן. ער איז דורכ־געפֿירט געוואָרן מיט אַלע מיטלאַלטערלעכע צערעמאָניעס. אין מיין אַרויס־טריט קעגן דעם דאָזיקן מיטלאַלטערלעכן חרם האָב איך אויך אָנגעוויזן, אַז די אַנטיסעמיטישע העץ־בלעטלעך פֿון די פֿילאַדעלפֿיער יידישע קליי־דער־פֿאַבריקאַנטן איז אַ שווערערער פֿאַרברעכן, ווי דאָס באַליידיקן אַ רב

דורך דעם שיקאַגער אָרטאָדאָקסישן רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער. דאָך האָבן די פאָרשטייער פון דער יידישער רעליגיע עס פאַרשוויגן.

די סיבה איז געווען קלאָר. די יידישע רעליגיע אין אַמעריקע האָט ניט באַקעמפט קיין געזעשאַפטלעכע אומרעכטן, נאָר בלויז די זינד קעגן אירע דינים און צערעמאָניעס. דער שיקאַגער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון אַן אָרטאָדאָקסישער צייטונג אין יידיש, ר׳ יואל ליבלינג, איז ניט געווען אַנדערש פון זיינע קאָלעגן, וועלכע האָבן זיך באַנוצט מיט זייערע צייטונגען צו „פאַרקויפן״ דעם יידישן וואָוט (די יידישע וואַל־שטימען) צו יענעם פאָליטישן, וואָס האָט באַצאָלט מער, אָן אונטערשייד צו וועלכער פּאַרטיי ער האָט געהערט. זיי האָבן אויך געהאַנדלט מיט יידישקייט, צדקה און ציוניזם, איינגאַנצן פאַר זייערע פּריוואַטע געלט־אינטערעסן. קיינער פון זיי איז ניט געוואָרן געטאַדלט דערפאַר, נאָר, אדרבא, געוואָרן באַלוינט מיט כבוד און רייכקייט. ר׳ יואל ליבלינג האָט אָבער געהאַט דעם שלים־מזל צו באַליידיקן אַ רב, וועלכער האָט געהאַט די שטיצע פון אַן איינפלוסרייכער צייטונג און פון אַ שטאַרקער גרופּע ציוניסטן. דאָס דערמעגלעכט זיינע קעגנער צו אָרגאַניזירן דעם חרם קעגן אים.

עטלעכע יאָר שפּעטער געפין איך אויס אין שיקאַגע, אַז דער חרם האָט ליבלינגען ניט געשאַדט. ער איז געווען גענוג פּראַקטישער „ביזנעס־מאַן״ צו פאַרוואַנדלען זיין רעליגיעזע דערנידערונג אין אַן עקאָנאָמישער דערהויבונג: ער געווינט סימפּאַטיע ביי פרומע לייט דורך זיין אָפּהיטן פּינקטלעך אַלע דינים און מנהגים פאַר דעם וואָס ליגט אין חרם, און אויך דורך זיין פּינקטלעכע דורכפירן די ראָלע פון אַ הכנעהדיקן, אונטערטעניקן בעל־תשובה.

צו זיין מאַטעריעלן דערפאָלג העלפט אויך מיט ליבלינגען דער פאַקט, וואָס אין יענע יאָרן איז אויך דער גראַף לעוו טאָלסטאָי געווען אַריינגע־לייגט אין חרם דורך דער אָפיציעלער צאַרישער פּראַוואָסלאַוונער (גריכיש־קאַטוילישער) קירך. פאַר די פּשוטע ניט־יידישע געשעפטס־לייט איז דאַרום ר׳ יואל ליבלינג געווען אַ מין „יידישער טאָלסטאָי״, וועמען ס׳איז ווערט צו שטיצן מיט אַנאָנסן אין זיין צייטונג, און אויך מיט פּאָליטישע טובות. אָט אַזוי איז צוליבן חרם געוואַקסן ליבלינגס הכנסה און פּאָליטישער איינפלוס.

קאַפּיטל הונדערט זיבן און פערציק

די אָנפאַלן אויף מאַקסים גאָרקי און י. ח. ברענער

די אָנפאַלן קעגן מאַקסים גאָרקי, אין 1906, זיינען פאָרגעקומען אין דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע צוליב פאַרשטענדלעכע מאָטיוון.

מאַקסים גאָרקי איז געקומען קיין אַמעריקע ווי אַ שליח פון יענע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען ניט בלויז קעגן צאַריזם, נאָר אויך קעגן קאַפּיטאַליזם. ער ווערט דעריבער באַקעמפט סיי פון די צאַרישע אַגענטן און סיי פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן. עס באַקעמפן אים אפילו אַזוינע עלעמענטן, וועלכע סימפּאַטיזירן מיט דער אידייע צו פאַרבייטן דעם צאַרישן אַבסאָלוטיזם אויף אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע, ווי אין ענגלאַנד, אָדער אַ רעפּובליק, ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע, טריי צו איר טראַדיציע ניט צו קעמפן דירעקט קעגן סאָציאַליסטישע אידייען, נאָר פון הינטן אַרום, צו דירקרעדיטירן זייערע טרעגער, פאַלט אָן אויף מאַקסים גאָרקין כלומרשט דערפאַר, ווייל זיין פאַמיליע־לעבן איז „ניט מאָראַליש.”

די ניו־יאָרקער קאָנסערוואַטיווע יידישע צייטונג „טאַגעבלאַט” גייט באַטירלעך אין שפּאַן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע און פאָלגט נאָך איר ליניע. דאָס „טאַגעבלאַט” גיט אָבער אויך צו אַ „יידישלעכן” שטריך, דורך אַן אָנפאַל אויף י. ח. ברענערן, וועלכן דער לאָנדאָנער „דזשואיש קראָניקל” האָט אָנגערופן „יידישער גאָרקי” — מעגלעך דערפאַר, ווייל ס'איז גרינגער אָנצורופן אין ענגליש אַ יידישן שרייבער מיטן נאָמען גאָרקי, מאַרק טוועין, מעטערלינק א. ד. גל. איידער צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון זיין שאַפן פאַר ניט־יידישע לייענער. דאָס ניו־יאָרקער „טאַגעבלאַט” האָט באַשולדיקט י. ח. ברענערן אין „אוממאָראַלישקייט”, פאַר זיינער אַ דערציילונג אין העברייאיש, אין וועלכער ער שילדערט קינסטלעריש אַן אָפּגעלעבטע זונה.

וועגן די העצעס קעגן מאַקסים גאָרקי האָבן מיר, ווי אַנדערע ראַדיקאַלע יידישע צייטשריפטן, געגעבן אַן אויספירלעכן לייט־אַרטיקל. אויף דעם אָנפאַל אויף ברענערן האָב איך געענטפערט אין די ליטעראַרישע נאָטיצן, אונטער מיין פּסעוודאָנים „יחי אמת”. איך ווייז דאָרט אָן, אַז אין דעם זעלביקן נומער פון אָרטאָדאָקסישן „טאַגעבלאַט”, וואו י. ח. ברענער ווערט באַשולדיקט אין שרייבן אוממאָראַליש, ווערן געשילדערט אַזוינע אָפענע זנות־סצענעס, געשריבן פאַרן מאַסן־לייענער אין יידיש, וואָס י. ח. ברענער האָט אַזוינס קיינמאָל ניט געשריבן פאַר די ניט פילע משכילים אין אַמעריקע, וועלכע לייענען העברייאיש.

אין מיינע ליטעראַרישע נאָטיצן נעם איך זיך אויך אָן די קריוודעס פון אַנדערע יידישע שרייבער און אפילו צייטשריפטן. למשל, איך נעם זיך דאָרט אָן פאַרן כבוד פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע”, ווען זי ווערט ברוטאַל אַטאַקירט, מיט מיאוסע זלזולים, פון דער צייטשריפט „ברויט און פרייהייט” (נאָוועמבער 1906) אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פילאַדעלפיער אַנאַרכיסטן. פון דער אַנדער זייט לויב איך דאָרט דעם לאָנדאָנער פאַרלאַג „אַרבעטער פריינד” פאַר זיין אַרויסגעבן אין יידיש גוטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, פיין איבערזעצט פון אברהם פרומקין. דערביי ווייז איך

אָן, אַז די דאָזיקע איבערזעצונגען זײַנען צוערשט געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין „אַרבעטער פֿרײַנד", און אין „זשערמינאַל", בײדע רעדאַקטירט פֿון אַ „גוי", רודאָלף ראָקער, וועמען איך רוף אָן „מאָדערנער אונקלוס" — דער איבערזעצער פֿון תנ"ך אין אַראַמײיִש, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „תרגום אונקלוס" (די איבערזעצונג פֿון אונקעלאָס).

ביאַליק מאָנט פֿון מיר 200 דאָלאַר. ער אַלײן געפֿינט זיך אין אָדעס און האָט מיר וועגן דעם קײן וואָרט ניט געשריבן. אדרבא, ער איז, לויט אונדזער אָדעסער קאָרעספּאָנדענט, סאָלאָמאָן זאַלצמאַן, אַ פֿרײַנט פֿון וואָכנבלאַט „דער ייִדישער קעמפֿער", און איז אַפֿילו גרײט צו ווערן אונדזער אַ מיטאַרבעטער. דער טיכטיקער מאָנער פֿאַר ביאַליקן איז געווען אַ געשעפֿטסמאַן, מיטן נאָמען לובאַרסקי, וועלכער האָט פֿאַרטראָטן אין אַמעריקע די באַרימטע טײ־פֿירמע פֿון ק. ז. וויסאָצקי.

לובאַרסקי האָט געטענהט, אַז מיט אונדזער איבערדרוקן אין „ייִדישן קעמפֿער" ביאַליקס פּאָעמע „אין דער שחיטה־שטאָט", האָבן מיר ביאַליקן „געקוילעט אָן אַ מעסער". ער האָט די דאָזיקע פּאָעמע געקאָנט פֿאַרקויפֿן דעם ניו־יאָרקער „טאָגעבלאַט" פֿאַר 200 דאָלאַר און דורך מײַן איבערדרוקן זי אין אײן נומער „א. ק." האָט דער באַרימטער דיכטער פֿאַרלאָרן אָט די באַדײַטנדיקע סומע. די דאָזיקע געשעעניש האָט מיר פֿאַרשאַפֿט אַ סך האַרצווייטיק און שלאָפֿלאָזע נעכט. כ'האָב געהאַלטן די דאָזיקע עוולה קעגן ביאַליקן פֿאַר אומגעהויער גרויס. נאָר דער פֿאַרוואַלטער פֿון „א. ק.", י. עדעלשטײן, האָט מיך געטרײסט , אַז דער פּיאַיקער געשעפֿטסמאַן לובאַרסקי וועט פֿון „טאָגעבלאַט" סײ־ווי אַרויסקריגן וויפֿל זײ וואָלטן אים געגעבן אַפֿילו ווען מיר דרוקן עס ניט איבער. י. עדעלשטײן דערקלערט מיר, אַז די „טאָגעבלאַט"־ייִדן ווייסן אַפֿילו ניט, אַז עס גײט דאָ אַרויס אַזאַ בלאַט ווי אונדזערער, נאָר ווײַל זײ ווילן ניט באַצאָלן אַזאַ הויכן פּרײַז אַפֿילו פֿאַר אַ ליד פֿון אונדזער „נאַציאָנאַלן דיכטער" און אַפֿילו וועגן דעם פּאָגראָם אין קישינעוו, פּרוּווט לובאַרסקי קריגן נאָך געלט דורך אָנוואַרפֿן אַ פּחד אויף מיר, וועלכער נעמט דעם ענין צו־ערנסט...

אַלנפֿאַלס בין איך געווען העכסט צופֿרידן, ווען כ'האָב דערזען, אַז ביאַליקס פּאָעמע „אין דער שחיטה־שטאָט" דרוקט זיך אין ניו־יאָרקער „טאָגעבלאַט."

דער פּרוּוו צו אַנטוויקלען פּרויען־שרײַבערינס, דורכן „ייִדישן קעמ־פֿער", איז מיר ווייניק געלונגען. די אײנציקע פֿרוי, וואָס האָט אונדז צוגע־שיקט בריוו און אַרטיקלען איז געווען די אין ציוניסטישע קרײַזן דעמאָלט פּאָפּולערע רעדנערין, מאַדאַם בעלאַ אָדער בראָניסלאַוואַ פּעוזנער. זי איז געווען גרײט צו שרײַבן איבער אַלערלײ טאָג־פֿראַגן. מ'האָט געמוזט איבער־

שרייבן אין יעדן צושריפט שורה נאָך שורה, צוליב איר ניט קאָנען אונטער־שיידן צווישן אַרגומענטירן און זידלען, צווישן דיסקוסיע און באַליידיקונג. יעדער בונדיסט איז פאַר איר געווען אַ שונא־ישראל, און יעדער יידישער „פּ. ס.״־ניק אָדער „עס־ער״ — אַ משומד. זי האָט ניט דעבאַטירט מיט אַ קעגנער, נאָר אים פאַרדאַמט. זי איז ניט געווען מער טאָלעראַנט אפילו קעגן ס. ט. (סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן), ס. ס.־ניקער, „סעימיסטן״ אָדער „סערפּיסטן״ און אַלע אַנדערע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן, וואָס אַנערקענען ניט דעם באַזעלער פּראָגראַם פון ציוניזם.

די ערשטע מיר צו ברענגען אַ לידל איז געווען די איינגעוואָנדערטע ראָסיינערין, טויבע פּרעס. מיר האָבן אין רעדאַקציע סטיליזירט אירע עטלעכע פּועלי־ציוניסטישע פּערזן, פּראָפּאַגאַנדע אין גראַמען, און זיי אָפּ־געדרוקט. נאָר קיין דיכטערין איז זי צוליב דעם ניט געוואָרן. די צווייטע פרוי, וועלכע האָט צוגעשטעלט אַ לידל דעם „יידישן קעמפער״ איז געווען ראָזע קירשענבוים, שפּעטער די פרוי פון דר. שמואל מאַרגאָשעס. דער דיכטער ל. לאַנדוי (אַ וואָלינער) בעסערט עס פאַר אונדז אויס און מיר דרוקן עס אָפּ. ראָזע קירשענבוים פאַרנעמט זיך אָבער ניט לאַנג מיט פּאָעזיע נאָר גייט אַריבער צו זשורנאַליזם. זי איז אויך אַ געוויסע צייט טעטיק אין דער טעגלעכער יידישער פּרעסע. מיר געלינגט אויך ניט פּערזענלעך אַריינצו־פירן אין דער יידישער ליטעראַטור די טאַלאַנטפולע דיכטערין ראָזע לעבענסבוים, איך באַטראַכט זי שוין דעמאָלט פאַר מער פּאָעטיש, ווי אַ סך עלטערע פון איר פּאָעטן. זי מאַכט אָבער ניט אין יענער צייט קיין פּרואוו צו שרייבן פּאָעזיע, נאָר באַנוגנט זיך מיט ריידן פּאָעזיע. האָבן זיך אירע שיינע ראַפינירטע רייד, אין יידיש און העברייאיש, איינגעקריצט אין מיין זכרון. דרוקן אירע לידער אָבער האָט זי אָנגעהויבן יאָרן שפּעטער און פאַרשוועכט לײדער אַ סך פון אירע קאָסטבאַרקייטן אויף דעם רוטין פון זשורנאַליזם.

בלויז אין פרויען־שרייבערין האָט אָנגעהויבן שרייבן בעלעטריסטיק מיט דער הילף פון „יידישן קעמפער״. דאָס איז געווען די הויכע ברידזש־פּאָרטער רעטושירערין, מרים קאַרפּילאָוו. זי שיקט מיר אַריין פיינע באַ־ריכטן פון פאַרזאַמלונגען. איך דערמוטיק זי צו שרייבן פעליעטאָנען און בילדער. זי טוט עס אַ צאָל יאָרן. שפּעטער ווערט זי אַ ראָמאַנען־שרייבערין אין טעגלעכע צייטונגען.

דזשעיקאָב שיפס ,רעמואוול אָפיס׳ און די רעגולירונג פון דער יידישער אימיגראַציע קיין גאַלוועסטאָן אין 1906—1907 ווערט פון מיר באַקעמפט. פערזענלעך האָב איך דעמאָלט גראָד סימפּאַטיזירט מיט דזשעיקאָב שיפן. דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס דער דאָזיקער אָנגעזעענער יידישער באַנ־קיר האָט זיך צייטנווייז באַנומען ווי אַ פילאַנטראָפּישער אַרבעטער־פריינט.

יאָרן שפעטער באַגריף איך, אַז דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס זיין באַנק־פירמע האָט געהאַט ווייניק אָדער גאָר קיין שייכות ניט צו די יידישע קליידער־פאַבריקאַנטן. ער האָט זיך דעריבער פאַרהאַלטן נייטראַל צום קלאַסנ־קאַמף אין זייער אינדוסטריע און געקאָנט אַפילו ביי אַ סטרייק אָדער לאָקאַוט אָרגאַניזירן הילפס־טעטיקייט פאַר בויט און הונגער־ליידנדיקע יידישע אַרבעטער־פאַמיליעס. איך סימפאַטיזיר אויך מיט אים פאַר זיין באַטייליקן זיך אין יידישע פאָלקסטימלעכע צדקה־חברות, פאַר קומען צו זייערע אסיפות און נעמען אָנטייל אין זייערע וויכוחים, כאָטש ער פירט דערביי דורך זיינע קאָנסערוואַטיווע מיינונגען וועגן יידישע ענינים.

די יידישע אָרטאָדאָקסן באַטראַכטן דעמאָלט דזשעיקאָב שיפן פאַר זייערן אַן אייגענעם מענטשן. ער איז דאָס אָבער ניט געווען. זיי זיינען געשטאַנען פאַר זייער אַלטמאָדישן יידישן לעבן, פון וועלכן ער האָט, ווי אַלע אַנדערע יהודים, געוואָלט אַוועקנעמען דעם יידישן מאַמע־לשון און די יידישע פאָלקס־קולטור, כאָטש דער פאַמפלעטיסט אפרים דיינארד האָט אים שפעטער באַשולדיקט אין פאַרשפרייטן סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור אין יידיש, און אַז ער טוט עס נאָך דערצו דורך דעם יידישן אָפטייל פון דער ניו־יאָרקער שטאָט־ביבליאָטעק...

קענענדיק די שטעלונג פון די יהודים צו די יידישע אימיגראַנטן, וועלכע זיי האָבן געזוכט צו אַמעריקאַניזירן דורך שטערן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפראַך און דער יידישער ליטעראַטור, האָב איך געקוקט מיט חשד אויף דער אָרגאַניזירונג פון זייער „רעמואוול אָפיס”, וועמעס ציל איז געווען צו צעשפרייטן די יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן איבער די שטעט און שטעטלעך פון דער „סאַוט”, וואו דאָס ביסל דאָרטיקע יידן איז מער־ווייניקער אַסימילירט. ווען איזראַעל זאַנגווילס איטאָ (יידישע טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַניזאַציע) פאַראייניקט זיך מיט דזשעיקאָב שיפס „רעמואוול אָפיס” צו רעגולירן די יידישע אימיגראַציע פון מזרח־אייראָפע, עס הייסט פון רוסלאַנד, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דורך דער פאָרט־שטאָט גאַלוועסטאָן, אין טעקסעס, זוך איך עס אונטער גענויער. איך לייען יעדע צושריפט און יעדן באַריכט וועגן גאַלוועסטאָן. איך פלייס זיך אויסצוגעפינען גענוי, וואָס אָט דער נייער ישוב באַטייט פאַרן יידישן אימיגראַנט עקאָנאָמיש און קולטורעל. עס נעמט מיר ניט לאַנג איינצוזען, אַז די יידישע אימיגראַנטן פאַרדינען דאָרט ווייניקער ווי אין דער נאָרט און זיינען נאָך דערצו איזאָלירט פון געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן און אָפגעפרעמדט פון דער יידישער פאָלקס־קולטור. איך זאָג עס אויך דעמאָלט אַרויס מינדלעך און שריפטלעך.

אַרום יענער צייט, חלומט זיך מיר אַ חלום, וואָס מאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. כ'זע מיין גוט־באַקאַנטן איזראַעל זאַנגוויל פון לאָנדאָן גיין בראש פון אַ גרויסן עולם, וואָס דערווייטערט זיך פון אַ הויז, נאָר קומט אַהין אין

אָונט פֿון צוויטן זייט. זאַנגוויל רייט אויף אַ פֿערד און האַלט אַ פֿאַקל אין האַנט. די גרויסע מחנה גייט אים נאָך מיט פֿאַקלען אין די הענט. ווען דער באַלעבאָס פֿון הויז טרעט אַרויס קעגן זיי, לעשן זיך באַלד אויס אַלע פֿאַקלען. ס׳ווערט שטאָק פֿינצטער. עס באַפֿאַלט מיך אַ שרעק און איך כאַפּ זיך אויף...

אַ „באַרישקייט״, וואָס געדענקט זיך פֿון יענער צייט איז געווען מיין ערשטער באַזוך אין באַלטימאָר. מיינע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע חברים לאָזן אַרויס אַ בלעטל אָדער אַ „ליפֿלעט״, וואָס אַנאָנסירט די „לעקטשור״ און רעקלאַמירט גאָר הויך די צוויי רעדנער: אַבערסאָנען און מיך. די אומדערפֿאַרענע באַלטימאָרער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן פֿון יענער צייט צעטיילן ניט פֿאַראויס די „ליפֿלעטס״ אין די אַרומיקע גאַסן, נאָר גיבן זיי יעדן איינעם ביים אַריינגאַנג אין זאַל... ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז דער עולם איז געווען זייער קליין. דער פֿון מיר עלטערער אַבערסאָן, אַ פֿאָלקס־רעדנער מיט אַ פֿלאַמענדיקער פֿאַנטאַזיע, האָט אָבער סיי־ווי געזען פֿאַר זיינע אויגן גרויסע מאַסן און אָנגעהויבן זיין רעדע, ווי אַמאָל אין לאָנדאָן צו אַ גרויסן מאַסן־מיטינג, און אויסגעשריגן מיט זיין לייבן־שטמע: „איר זייט געקומען אין אייערע טויזנטער!״...

מיין ערשטער באַזוך אין ניו־יאָרק האָט געדויערט בלויז איין מעת־לעת. מ׳ברענגט מיך אַהין אַרונטער שבת־צו־נאַכט דעם 24־טן דעצעמבער, 1906, צום באַנקעט, אין קלינטאָן האָל, לכבוד דעם וואָכנבלאַט „דער יידישער קעמפֿער״, וואָס דאַרף דערשיינען אַ וואָך שפּעטער, אונטער מיין רעדאַקציע, אין פֿילאַדעלפֿיע. דער עולם אין קלינטאָן האָל נעמט מיך אויף מיט אַ סך ליבשאַפֿט. כ׳בין דערפֿון אומצופֿרידן. ערשטנס, ווייל זיי האָבן דאָך די צייטונג נאָך ניט געלייענט און אַפֿילו נאָך ניט געזען... צווייטנס, האָב איך זיך פּשוט געשעמט, וואָס אומבאַקאַנטע מענטשן קושן און האַלדזן מיך, ווי זיי וואָלטן געווען מיינע לייבלעכע שוועסטער און ברידער, אָדער כאָטש מומעס און פֿעטערס, קוזינעס און קוזינען...

עס גייט מיר אויך ניט איין דער כבוד וואָס מ׳האָט מיר אָנגעטאָן דורך אָוועקזעצן לעבן מיר דעם פּאָעט נפֿתלי הערץ אימבער, דעם פֿאַרפֿאַסער פֿון דעם ציוניסטישן הימן „התקוה״. זיינע לאַנגע האָר זיינען גרוילעך און שיטער. זיינע קליידער — פֿראַנטיש און אָפּגעטראָגן. ניט געקוקט אויף מיין שעמעוודיקייט, באָט איך אים אָן אַ גלעזל וויין. ער נעמט ניט און באַמערקט, אַז ער טרינקט ניט אַזוינע געטראַנקען. איך דערצייל עס מיינע באַקאַנטע חברים, דערקלערן זיי מיר לאַכנדיק, אַז פֿאַר אימבערן איז וויין גאָר קיין געטראַנק ניט. זיי טראָגן אים צו אַ פֿלאַש קאָניאַק. גיסט ער באַלד אָן דערפֿון אַ פֿולע טיי־גלאָז און טרינקט עס אויס מיטאַמאָל ווי פּשוטע וואַסער...

פֿון די רעדנער וועגן מיר האָב איך געדענקט בלויז דר. לעאָן קאָפּעלאָוויטש,

װעלכן מ׳האָט פאַרגעשטעלט פאַר מיר װי אַ נאָך ניט־פּראַקטיצירנדיקן דענ־טיסט. דעמאָלט אַ שלאַנקער עלעגאַנטער יונגערמאַן מיט אַ קײלעכדיק שװאַרץ בערדל און מיט פּראָװינציזישע מאַנירן. מיט זײַן „פּראָװינציזישקײט״ דערקלער איך זיך זײַנע שײַנע װערטער װעגן מיר, װײַל „אַ פּראָװינציז קאָן װעגן אַלץ רײדן שײן״... איך פאַרשטענדיק זיך טאַקע מיט אים ער זאָל שרײַבן פאַר מיר װעגן פּראָװינציזישע סאָציאַליסטישע אָנגעלעגנהײטן. איך פּאַרעפנטלעך שפּעטער אין עטלעכע פאַרזעצונגען זײַן באַשרײַבונג פון דער דיסקוסיע צװישן דעם סאָציאַליסטישן פירער זשאָרעס און דעם בורזשואַזן פּאָליטיקער קלעמאַנסאָ װעגן דער פאַרװירקלעכונג פון סאָציאַליזם. זשאָרעס האָט עס דעמאָלט געשילדערט װי אַ געזעלשאַפטלעכע טראַנספאָרמאַציע פון פּריװאַטן אײגנטום צו אַ קאָלעקטיװן. קלעמאַנסאָ אָבער שטעלט עס פאָר װי אַ סאָציאַליסטישע קאָנפיסקאַציע פון פרעמדע פאַרמעגנס, און דעריבער מוז ער עס באַקעמפן.

אין מײַנע ערשטע עטלעכע חדשים אין פילאַדעלפיע האָב איך געאַר־בעט איבער מײַנע כחות. כ׳האָב דורכגעלײענט און קאָרעגירט יעדע שורה װאָס איז אַרײַן אין די גרױסע אַכט זײַטן פון יעדן נומער צײַטונג. איך בין אָפט געזעסן גאַנצע נעכט אין רעדאַקציע, געלײענט אָן אַ שיעור מאַנוס־קריפּטן: לידער, סקיצן, אַרטיקלען און פאָלקס־שטימען. אײנער אַלײן גע־טאָן אַלע רעדאַקציע־אַרבעטן, און אַלײן אָנגעפירט מיט אַנדערע געביטן. מ׳האָט מיר ניט אָנגעבאָטן קײן אַרױסהעלפער. געװוען טעג, װאָס כ׳האָב אױפגעשריבן מיט מײַן אײגענער האַנט אַרום 40 בריװ. כ׳האָב קאָרעספּאָנ־דירט מיט פיר טײלן װעלט: אַזיע (ארץ ישראל), אײראָפּע, אַמעריקע און אַפריקע, און פון אומעטום דערהאַלטן פּעק מאַנוסקריפּטן און בריװ. אַ דאַנק מײַנע הױך־אָנגעזעענע מיטאַרבעטער, ליטעראַטן און קאָרעספּאָנדענטן, באַטן זיך אָן נאָך אַ סך באַדײַטנדיקע שרײַבער צו װערן מיטאַרבעטער אין אונדזער װאָכנבלאַט. כ׳בין עס אָבער ניט אַלעמאָל געװען, איבער דעם מאַנגל אין פאָנדן צו באַצאָלן די נױטיקע האָנאָראַרן.

עס האָבן זיך דעמאָלט אױך געפונען שרײַבער פון ניו־יאָרקער צײַטונ־גען, װאָס פלעגן מיך בעטן איך זאָל זײ טאָן אַ טובה און אָפּדרוקן, אָן גע־צאָלט, זײערע אַ זאַך, װײַל דאָס װעט אױפהײבן זײער װערט אין דער צײַטונג, װאו זײ זײַנען באַצאָלטע מיטאַרבעטער...

צולעצט מוז איך אָנהײבן פאָדערן אַרױסהעלפער. אױף אַ װײַל װערט אָנגעשטעלט מײַן לאַנדסמאַן חבר דוב־בער אבערסאָן. מען גיט מיר אױך אַ סעקרעטאַר, פריער ע. עפּשטײן און נאָכדעם א. באַראָן, װעלכער װערט מיט יאָרן שפּעטער באַרימט װי אַ מוזיק־קריטיקער. איך זוך אױך דעמאָלט צו פאַרבעסערן מײַן געזונט־צושטאַנד דורך אַרײַנקלײַבן זיך אין אַ נײַער דירה, בײַם שוסטער פעלדשטײן אין „סטראָבערי מענשאָן״, בײַם סאָמע

פּאַרק. מיין נייע רעדאַקציע אָרדן איך איין טאַקע אין פּאַרק גופא, אויף אַ באַקוועמערער זייט באַרג. כ׳שטעל דאָרט אַוועק אַ פּאָר פּאַרק־בענק און אַ לאַנגן פּאַרק־טיש, וואו איך בין אַרומגערינגלט פון הויכע ביימער. אַ געוויסע צייט ווער איך דאָרט פון קיינעם ניט געשטערט און איך אַרבעט אין גוטער לופט. דער ערשטער אויסצוגעפינען מיין באַהעלטעניש איז געווען דער דעמאָלט ענערגישער און פּראָדוקטיווער אָנפאַנגער־דערציילער, מאיר בלינקין, אַ סטאָליער־אַרבעטער, וועלכער פלעגט מיר אָפט ברענגען גאַנצע פּעק מאַנוסקריפּטן. נאָך אים קומען אַ סך אַנדערע שרייבער און אויך סתם צייט־צערייבער.

דער ענערגישער בלינקין באַווייזט דעמאָלט אַרויסצוקריגן פון דעם ליטעראַטור־קריטיקער לעאָנטיעוו־מאָיסעיעוו אַ סימפּאַטישן פאָרוואָרט צו זיין, בלינקינס, אַ בעלעטריסטיש ביכל (אין „יידישן קעמפער״ פלעגט מ. לעאָנטיעוו דרוקן אַרטיקלען בלויז וועגן אַזוינע באַרימטע שרייבער, ווי היינריך היינע, יאַקאָב וואַסערמאַן און לודוויג יאַקובאָווסקי). ש. יאַנאָווסקי רייסט עס דעמאָלט אַרונטער צוזאַמען מיטן פאָרוואָרט. מאָיסעיעוו ענטפערט מילד, יאַנאָווסקי ווערט נאָך שאַרפער. נאָר דאָ פּאַסירט אַ מאָדנער „צופאַל״: אַלע באַליידיקנדיקע שורות קעגן מאָיסעיעוון ווערן אין דרוק איבערגעקערט און אויף זיין אָרט בלייבט אין יאַנאָווסקיס אַרטיקל אַ גרויסער שוואַרצער פלעק...

ווי אַזוי דאַרף מען שרייבן לייט־אַרטיקלען? — די דאָזיקע פראַגע פאַרשאַפט מיר אַ סך זאָרג. מיינע דעמאָלטיקע לייט־אַרטיקלען האָבן געהאַט אַ סך אָנהענגער. מען האָט זיי אָנגערופן „פּאָעזיע אין פּראָזע״, „פילאָסאָפישע עסייען״ און דער גלייכן נעמען. מיר אַליין זיינען זיי אָבער ניט געווען געפעלן. זייער „פּאָעזיע״ האָב איך געהאַלטן פאַר מליצה און זייער „פילאָסאָפיע״ פאַר פלפול. איך בין געווען שטאַרק אומצופרידן, וואָס מיין לייט־אַרטיקל וועגן פּסח, מיטן נאָמען „פרילינג און פרייהייט״ האָט זיך צעזונגען וועגן דער נאַטור־שיינקייט פון פרילינג און זיך אויסגעדריקט מיט התלהבות וועגן סתם פרייהייט, אָנשטאָט צו ריידן קאָנקרעט וועגן דער באַדייטונג פון פּסח פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן אין 1906, און אין וואָס פאַר אַ מין פרייהייט זיי נויטיקן זיך. דאָס גלייכן איז מיר ניט געווען געפעלן די פאָרם פון מיין לייט־אַרטיקל מיטן נאָמען „קאָסמאָפּאָליטיזם״, כאָטש איך בין געווען איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון מיין מיינונג, וועלכע כ׳האָב דאָרט אויסגעדריקט. כ׳האָב דאָרט אָנגעוויזן, אַז דאָס וואָס די קאַפּיטאַליסטן רופן אָן קאָסמאָפּאָליטיזם (וועלט־בירגערטום), איז ניט ראַסן־גלייכהייט און ניט פעלקער־פרייהייט, נאָר די פאַרשקלאַפונג פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, אָן אונטערשייד פון ראַסע און געשלעכט, שפּראַך און קולטור. נאָר אין מיין פלייסן זיך דעמאָלט אָנצואווייזן, אַז די אַלטע ביבלישע עטיק (ניט אַוועקצו־

נעמען אַ פויגל־מאַמע פון איר נעסט) שטייט העכער פון דער הײנטיקער קאַפּיטאַליסטישער מאָראַל, וואָס טרייבט די אָרימע פרוי אין פאַבריק און צעשטערט מענטשלעכע היימען, האָב איך ניט געווּנג קלאָר און שאַרף זיך אָפּגעגרענעצט פון דער קאָנסערוואַטיווער אידייע, אַז די פרוי דאַרף זיך פאַרנעמען דער עיקר מיט די דריי קופּן (קיך, קינדער און קירך), כאָטש כ׳האָב שוין אַ סך יאָרן נאָכאַנאַנד געקעמפט פאַר דער פולער גלייכהייט פון פרוי און מאַן...

ביסלעכווייז הויב איך אָן שרייבן לייט־אַרטיקלען, וואו כ׳רייד קאָנקרעט און צום פּונקט וועגן די באַטראַכטע פראַגן. אַ געוויסע צייט טו איך עס אונטערן פּסעוודאָנים „בן־מרדכי״ (מרדכיס זון). דער ערשטער לייט־אַרטיקל אונטערגעשריבן מיט מיין אייגענעם נאָמען איז געווען וועגן דעם פּאָגראָם אויף יידן אין רומעניע. די בעסערע פאָרם פון דעם אַרטיקל פאַרגיטיקט אָבער ניט פאַרן פאַרפעלן דאָרט צו רופן דירעקט צום קאַמף קעגן די שולדיקע רומענישע הערשער, אַזוי ווי מיר טוען עס דעמאָלט בנוגע דער צאַרישער מלוכה.

דר. ליבערעסקו, דער שפּעטערדיקער דר. ב. ליבער, און אַנדערע יידישע ראַדיקאַלן אַרגומענטירן דעמאָלט קעגן מיינע באַשולדיקונגען אויף די אומוויסנדיקע פאָגראָמשטשיקעס. זיי ווייזן אָבער ניט אָן גענוג אויף דער שולד פון די רומענישע הערשער, וועלכע האָבן געמאַכט דעם אַנשטעל, אַז זיי נעמען זיך אָן פאַר יידן קעגן פויערשע אָנפאַלער.

צופיל שיינע ליטעראַטור אין צייטונג — דאָס איז געווען די שאַרפסטע קריטיק קעגן דעם וואָכנבלאַט „דער יידישער קעמפער״. אַ היפּשע צאָל דעלעגאַטן אויף דער פּועלי־ציון קאָנווענשאַן אין באָסטאָן, דעצעמבער 1906, האָבן איבערגעחזרט אין פאַרשיידענע ווערטער די דאָזיקע אָנקלאַגע קעגן מיר.

די טענות זיינען געווען גערעכטע. זיי האָבן אויך געהאַט אַן עקאָנאָמישע באַזיס. אַנשטאָט צו געבן מער פּלאַץ פאַר אַרטיקלען און באַריכטן, וואָס קאָנען ברענגען באַלדיקע נוצן, פאַרנעם איך די צייטונג מיט שיינער ליטעראַטור: לידער, דערציילונגען, ליטעראַטור־קריטיק פון פאַכלייט, וואָס אַ טייל פון זיי לאָזן זיך גוט באַצאָלן. מיין פאַרטיידיקונג, אַז דאָס אויפהויבן די מאַסן אויף אַ העכערער קולטור־שטופע מאַכט זיי מער צוגענגלעך צו געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, האָט ניט פאַרענטפערט די פראַגע, ווי אַזוי צו דעקן די דעפיציטן... וועגן דעם האָט מען אָנגענומען אַ פאַרשלאַג אַריבערצונעמען די צייטונג קיין ניו־יאָרק, וואו ס׳איז פאַראַן מער מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן די צייטונג.

איך האָב אויך געהאַט דערהויבענע מאָמענטן אין באָסטאָן, ווי, למשל, די אַרויסטרעטונגען מיט באַרימטע אַמעריקאַנער יידישע פאָלקס־רעדנער

און דער עיקר מיטן פּאָפּולערסטן קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור — שלום עליכם! זיין פּאַרלייענען פון זיינע שריפטן האָט אויף מיר גע־מאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. ער האָט געלייענט נאַטירלעך אָן שום טעאַטראַלע עפעקטן. אַרויסגעקומען איז אָבער אַזאַ מין פּאַרלייענען פון שלום עליכמס ווערק, וואָס כ'האָב ניט פריער און ניט שפּעטער געהערט פון די סאַמע באַרימטסטע פּאַרלייענער.

מיין פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט שלום עליכמען רעכן איך פון זיין באַסטאַנער אויפטריט, נאָר אונדזער אינטימע פריינטשאַפט, וואָס מאַדאַם שלום עליכם, אַ גרויסער מענטש אויף איר אייגענעם חשבון, האָט יאָרנלאַנג פאַרגעזעצט, שטאַמט פון מיין באַקאַנען זיך מיט אים נעענטער אין ניו־יאָרק. דאָרט טרעטן מיר אויף צוזאַמען אויף פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און פאַרברענגען נאָכדעם אויך אין רעסטאָראַנען מיט זיין פרוי און זייער מיזיניק, און אַמאָל אויך מיטן באַרימטן פאָלקס־רעדנער, צבי מאַסליאַנסקי. באַזונדער איז איינגעקריצט אין מיין זכרון אונדזער אַן אָוונט אין „עדיור־קעישאַנאַל עלייענס", און נאָכדעם אונדזער רייזע ביז האַרלעם, וואו איך וואוין דעמאָלט אין שכנות פון לעאָן מאַיסעיעוון.

נאָר וועגן דעם אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

די טענה פון „צופּיל שיינע ליטעראַטור" האָט געמיינט צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז כ'גיב אין „דער יידישער קעמפּער", מער לידער און ליטעראַ־טור־קריטיק ווי באַריכטן און פּראָפּאַגאַנדע. צווייטנס, אַז אָט די „שיינע ליטעראַטור" קאָסט צופּיל און פאַרגרעסערט דעם דעפיציט פון דער צייטונג.

מיין ענטפער איז געווען, אַז דאָס אויפהויבן די יידישע פאָלקס־מאַסן אויף אַ העכערן קולטור־ניוואָ מאַכט זיי מער צוגענגלעך צו געזעלשאַפט־לעכע אידייען, און צו לעבן פאַרן אידעאַל.

דער פאַקט, וואָס אָט די צייטונג איז שטאַרק געליבט געוואָרן אין די ברייטע קרייזן פון אונדזער פּאַרטיי, איז מיר פון אַזאַ פאַכמאַן, ווי דר. יוסף לוריע, דער רעדאַקטאָר פון אַזוינע אָנערקענטע צייטשריפטן אין מזרח־אייראָפּע, ווי די וואָכנבלעטער „דער יוד" (אין קראָקע) און „דאָס יודישע פאָלק" (אין ווילנע) און די טאָג־צייטונג „דער פריינד" (אין פּעטערבורג), ווי אויך די דערמוטיקונגען פון די דעמאָלטיקע הויך־אָנגעזעענע יידישע שריפטשטעלער אין דער אַלטער און נייער וועלט, ווירקט אויף מיר צו בלייבן פעסט ביי מיין פריער־דער־מאָנטער מיינונג וועגן דעם הויכן ווערט פון קונסט און ליטעראַטור פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן.

קאַפּיטל הונדערט און אַכט און פערציק

מיינע באַגעגענישן מיט יעקב גאָרדין און מיט ראובן ברייני

יעקב גאָרדין פאַרבעט מיך צו זיך אַהיים און נעמט מיך אויף גאָר האַרציק. ער טוט עס, מעגלעך, כדי איבערצייגן מיך, אַז ער האָט ניט קיין שום פאַראיבל אויף מיר פאַר מיין פאַרעפנטלעכן די קריטיק פון בעל־מחשבות וועגן גאָרדינס פּיעסן.

אַזוי ווי איך בין געווען ניי אין ניו־יאָרק, באַגלייט מיך פון מיין קוואַרטיר אין האַרלעם צו גאָרדינס הויז אין ברוקלין, זיין שליח, דער סקיצןשרייבער מ. (משה) גערשוויג.

דער דעמאָלט וועלט־באַרימטער יידישער דראַמאַטורג מאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. איך בין אַנטציקט פון זיין אויפריכטיקייט און איינפאַכקייט. איך שטעל זיך פאָר, אַז אַט אַזוי וואָלט מיט מיר גערעדט דער אַרבעטער־דיכטער דוד עדעלשטאַט, ווען דער טויט וואָלט אים ניט אָפּגעריסן אין עלטער פון 26 יאָר. יעקב גאָרדין איז געווען שטאָלץ מיט זיין דראַמאַטורגיע, ווי דוד עדעלשטאַט מיט זיין דיכטונג. צוגלייך האָט אויך גאָרדין, אַזוי ווי עדעלשטאַט, ניט געהאַט אין זיך קיין שפּור פון „סנאָביזם", אָדער גאווה. הינטער זיין יעדן וואָרט איז געשטאַנען דער גאַנצער מענטש.

גאָרדין זאָגט מיר באַלד אין אָנהויב פון אונדזער שמועס, אַז ער איז גערן צו הערן ווי אַזוי דער יינגערער דור קוקט אויף זיין דראַמאַטישן שאַפן. דערביי באַמערקט ער, אַז די סוזשעטן פון זיינע פּיעסן זיינען ניט אַלעמאָל גענומען דירעקט פון לעבן. אָפטמאָל האָט ער זיי געפונען פאַרטיקע אין דער וועלט־ליטעראַטור, ביי די אַלטע מייסטערס פון גריכנלאַנד און ביי זייערע נאָכפאָלגער אין שפּאַניע, איטאַליע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, רוסלאַנד, אוקראַינע און אַזוי ווייטער. די יידישע פּערזאָנען און זייער סביבה האָט ער אָבער אַלע מאָל גענומען דירעקט פון דעם יידישן לעבן, דורך זיין אייגענעם באַאָבאַכטן, אויספאָרשן און שטודירן.

די ליטעראַטור אין יידיש איז, קענטיק, גאָרדינען, אַזוי ווי דעם פון אים יינגערן קאָבריגען, דעמאָלט ניט געווען גענוג באַקאַנט. אפילו מיט גאָלדפאַדנס פּיעסן באַקאַנט זיך גאָרדין ערשט אין אַמעריקע, דורך זיין אַרבעט פאַרן יידישן טעאַטער. פון דער אַלטער היים האָט יעקב גאָרדין געדענקט מער די השכלה־ליטעראַטור אין העברייאיש.

די סעריע ליטעראַטור־קריטישע אַרטיקלען פון בעל־מחשבות, וועלכע ער פאַרעפנטלעכט אונטער מיין רעדאַקציע, רופן אַרויס אַ קריג צווישן די

צווי גוטע פריינט, יואל ענטין און לעאָן קאָברין. אַזוי ווי בעל־מחשבות אונטערשאַצט דאָרט יעקב גאָרדינס באַדייטונג ווי אַ דראַמאַטורג, האָט יואל ענטין, מיין דעמאָלט שטענדיקער טעאַטער־רעצענזענט, געענטפערט מיט אַ סעריע אַרטיקלען אונטער דער איבערשריפט „יעקב גאָרדין און דאָס יידישע טעאַטער."

יואל ענטין ווייזט דאָרט אָן, אַז ווי אַ דראַמאַטורג שטייט גאָרדין העכער פון פרצן, פינסקין, שלום אַשן, לעאָן קאָברינען און פּרץ הירשביינען. דער־ביי מאַכט ענטין אַ באַמערקונג, וועלכע איז געווען איבעריק און אומפּאַסנדיק, אַז ער בעט פיל מאָל מחילה פאַר זיין דערמאָנען פרצן אין אַזאַ נאָענטער שכנות מיט קאָברינען...

אַזוי ווי ענטינס פאַרטיידיקן יעקב גאָרדינס כבוד איז מיר בכלל געווען געפעלן, האָב איך אַפּנים דעם שלוס, די לעצטע שורות פון ענטינס סעריע אַרטיקלען געלייענט ניט גענוג אויפמערקזאַם, און האָב עס פאַרעפנטלעכט אַזוי ווי ענטין האָט עס געשריבן. לעאָן קאָברין איז נאַטירלעך געווען אויפ־געבראַכט און באַלד אָנגעשריבן אַן ענטפער צו ענטינען. דער דאָזיקער ענטפער האָט מיר אויסגעזען צו־שאַרף און כ'האָב אים ניט געוואָלט דרוקן. קאָברין איז עטלעכע מאָל געקומען אין אָפּיס און שטאַרק פּראָטעסטירט, וואָס זיין ענטפער איז ניט געדרוקט. מיך האָט ער דאָרט ניט געטראָפן, וואָרפט ער אָן אַן אימה אויף דעם פאַרוואַלטער און די אַנדערע טוער דאָרט. זיי בעטן מיך דעריבער זייער שטאַרק כ'זאָל נאָך אַמאָל דורכלייענען קאָב־רינס ענטפער, אפשר קאָן איך מילדערן זיין שאַרפקייט און עס דאָך פאַר־עפנטלעכן.

וועלנדיק פאַרהיטן דעם כבוד פון יואל ענטין מעק איך אויס אַ סך אָנגריפן קעגן אים. נאָר ניט האָבנדיק גענוג דערפאַרונג אין אַזעלכע מחלוקות האָב איך ניט באַגריפן געוויסע פערזענלעכע אָנצוהערענישן פון קאָברינען קעגן זיין אַלטן פריינט ענטינען, און זיי איבערגעלאָזן. עס ווייזט זיך נאָכדעם אַרויס, אַז דער אויפברויזנדיקער לעאָן קאָברין איז געווען ווייניקער כעסן, ווי זיין שטילער חבר יואל ענטין; ס'האָבן מיר ניט געפעלט קיין צרות...

יאָרן שפּעטער אַנטדעק איך אין קאָברינען די זעלביקע אייגנשאַפט, וואָס כ'האָב פריער באַמערקט אין יעקב גאָרדינען, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ „בייזן פריץ" און אָנגעוואָרפן אַן אימה מיט זיין שטעקן... נאָר דאָס איז געווען בלויז קעגן בייזוויליקע אָנפאַלער. ווען עמיץ האָט אָבער אָנגעוויזן גאָרדינען שוואַכקייטן אפילו אין זיינע פּאָפּולערסטע פּיעסן, ווי איך האָב עס געטאָן אין מיין פריער דערמאָנטן באַזוך ביי אים אין הויז, האָט ער עס אויסגעהערט גוטמוטיק און געגעבן אַ פריינטלעכן ענטפער.

שלום עליכם שילדערט פאַר מיר זיינע פאַרלאַג־פּלענער ווען מיר פאָרן צוזאַמען פון אונדזערן אַן אויפטריט אין „עדיוקעישאַנאַל עלייענס" אין

ניו־יאָרק. (מיר זײַנען דאָרטן אויפגעטראָטן, אין דעצעמבער, 1906 אָדער יאַנואַר 1907, ער אין פּאַרלייענען פון זײַנע שריפטן, און איך אין אַ רעדע וועגן חנוכה). שלום עליכם איז געווען אין אַ גוטער שטימונג; אויף אונדזער וועג מיטן עלעוועיטער פון קאַנאַל סטריט ביז דער 103־טער גאַס, אין האַרלעם, וואו מײַן קוואַרטיר איז געווען, פאַרפירט ער מיט מיר אַ שמועס וועגן אַרויסגעבן זײַנע ווערק אין אַמעריקע אין 25 בענד.

ס׳איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. די באַן, מיט וועלכער מיר זײַנען געפאָרן, איז געגאַנגען לאַנגזאַם און שלום עליכם האָט גענוג צײַט פאַנאַנדערצוּוויקלען פאַר מיר זײַן פאַרלאַג־פּלאַן מיט אַלע איינצלהייטן.

שלום עליכם האָט שוין דעמאָלט געהאַט געשריבן נאָענט פון אַ 25 יאָר און געפּלאַנט אַרויסצוגעבן זײַנע געזאַמלטע שריפטן אין 25 בענד, וועלכע זאָלן זײַן „קאָפּירײַט״ אויף זײַן אייגענעם נאָמען און אים געבן אַ שטענדיקע הכנסה.

זײַן פּלאַן איז געווען, אַז די ווערק זאָלן אַרויסגיין מיט דער הילף פון אַבאָנענטן, יעדער אַבאָנענט זאָל קריגן די 25 בענד פאַר 20 דאָלאַר. די וואָס וועלן זיך ניט אַבאָנירן נאָר קויפן איינצלנע בענד וועלן דאַרפן באַצאָלן אַ דאָלאַר פאַר יעדן באַנד. ער איז געווען זיכער, אַז אַלע יידישע צײַטונג־לייענער וועלן זיך אַבאָנירן אויף זײַנע ווערק. ער האָט געזוכט מיך איבערצוצייגן, אַז די דאָזיקע שלום־עליכם־אויסגאַבע קאָן זײַן אַ גרויסער דערפאָלג. לויט זײַן חשבון האָבן די יידישע צײַטונגען אין אַמעריקע דעמאָלט געהאַט אַרום 200,000 לייענער און ווען בלויז אַ העלפט פון זיי וועלן זיך אַבאָנירן, דערקלערט ער מיר, וועט עס באַטרעפן אַרום צוויי מיליאָן דאָלאַר... ער באַמערקט דערצו האַפּערדיק, אַז אין דער אמתן וועלן זיך אַבאָנירן אַלע 200 טויזנט לייענער און זייער אַבאָנעמענט וועט באַטרעפן טאָפּלט, ס׳הייסט פיר מיליאָן דאָלאַר... און אַזוי ווי די עמיגראַציע קיין אַמעריקע וועט אין דער צײַט פון אָפּדרוקן זײַנע 25 בענד שריפטן אַרײַנברענגען מינדסטנס נאָך אַ 50 טויזנט יידישע לייענער, וואָס וועלן געוויס לייענען זײַנע ווערק, מעג מען רעכענען אויף אַ פערטל מיליאָן אַבאָנענטן, וואָס וועלן איינצאָלן אַרום פינף מיליאָן דאָלאַר...

ער האָט אויך שנעל באַרעכנט די קאָסטן פון דרוקן, בינדן און פאַרקויפן אָט די גרויסע צאָל ביכער, אַרום זעקס מיליאָן מיט אַ פערטל עקזעמפּליאַרן, און מיר באַוויזן „שוואַרץ אויף ווייס״, אַז די הכנסה פון זײַנע ביכער וועט אַרײַנברענגען מיליאָנען דאָלאַרן. דערבײַ האָט ער מיר פאַרגעוואָרפן, אַז „מײַנע״ אַמעריקאַנער „ביזנעסלײַט״, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט קויפן און פאַרקויפן הײַזער, אַנשטאָט מיט אַרויסגעבן ביכער, פאַרשטייען ניט קיין מסחר...

די פילע גרויסע שווינדלענדיקע ציפערן פון מיליאָנען ביכער און דאָלאַרן האָבן מיר דערמאָנט אין שלום עליכמס שילדערונגען פון מנחם מענדלס

„גליקן", בין איך געווען ניט זיכער צי ער מיינט ערנסט מיט זיינע מיליאָן־דאָלאַרדיקע פּלענער, אָדער ער וויצלט זיך נאָר. דאָך באַמערק איך אים, אַז דער פאַרקויף פון י. ל. פּרצעס יובּיליי־אויסגאַבע (אין איין גרויסן באַנד) איז ניט געווען קיין גרויסער דערפאָלג אין אַמעריקע. שלום עליכם ענט־פערט מיר אויף דעם מיט אַ פראַגע: צי כ'האָב אַמאָל געזען אַ פאָלקס־מענטש לייענען פּרצן? דערביי וויצלט ער זיך גוטמוטיק איבער פּרצעס פּינטעלעך, רמזים און סודות. צולעצט דערקלערט ער מיר גאַנץ ערנסט, אַז פּרץ איז ניט קיין „פאָלקס־שרייבער". ער שרייבט „מהרש"א" פאַר גע־לערנטע, אָבער ניט קיין פּשוטן יידיש. פאַרקערט, ער, שלום עליכם, שרייבט פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. אַלע יידן, מענער און פרויען, געלערנטע און ניט־געלערנטע קאָנען פאַרשטיין זיינע ווערק. מ'קאָן זיי דעריבער פאַר־קויפן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן, און דאָס קאָן זיין אַן עסק פון מיליאָנען דאָלאַרן. ער גיט נאָך צו, אַז אָט די 25־בענדיקע אויסגאַבע וועט ניט קאָנען אַריינגעמען אַלץ, וואָס ער האָט ביז איצט געשאַפן. אַחוץ דעם האַלט ער דאָך נאָך אין שרייבן נייע ווערק. מ'וועט דעריבער קאָנען נאָכן אויספאַרקויף פון אָט דער אויסגאַבע אָנהויבן צוגרייטן אַ נייע אויס־גאַבע פון וייטערע פינף און צוואַנציק בענד.

ראובן בריינינען האָב איך אָנגעהויבן לייענען נאָך אַלס בר־מצוה־ייִנגל. איך בין דעמאָלט געווען אַ תלמיד פון אַ קאַזיאָנער ישיבה, אַ רעליגיעזע רעגירונגס־שול אין ווילנע. אַדאַנק דער פריינטשאַפט צו מיר פון דעם בלינדן זייגערמאַכער אָדער דעם „בלינדן אַנטאָקאָלסקי" — ניסן גרעקנזאָן — וואָס איז אויך געווען אַן אַגענט פון העברייאישע צייטונגען, האָב איך ביי אים אין וואַרשטאַט געקאָנט לייענען די העברייאישע פּרעסע. איך האָב מיט אַ באַזונדערן אינטערעס געלייענט צוויי זאַכן אין „המליץ": די שיינע עסטעטישע פעליעטאָנען פון ראובן בריינין און די סענסאַציאָנעלע בריוו פון דער פּראָווינץ, וואו דער שרייבער פלעגט אויפדעקן סודות פון די רבנים און מנהיגים. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס שרייבט אַ קאָוונער פּרוש (ש. ראָזענפעלד), אַ באַהאַלטענער משכיל. איבערגייענדיק צו תורה פון מלאכה, האָב איך אויפגעהערט צו לייענען דעם „המליץ". בריינינען אָבער האָב איך געזוכט און געפונען אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און זאַמל־ביכער, אין העברייאיש און אין יידיש.

איך האָב געלייענט יעדן נומער פון זיין זשורנאַל „ממזרח וממערב", וואָס איז מיר געווען אַן אַ שיעור אָנציענדיקער ווי אחד העמס „השלוח". איך פלעג אים אויך לייענען אין די לוחות פון „אחיאסף" און פון אים זיך טאַקע דערוואוסט וועגן די באַדייטנדיקע שרייבער פון דער וועלט־ליטע־ראַטור. דורך ראובן בריינינען בין איך אויך יונג געוואויר געוואָרן פון באַ־רימטע מאַלער און סקולפּטאָרן פון פאַרשיידענע קונסט־אויסשטעלונגען און

אפילו פון בלומען־אויסשטעלונגען אין מערב־איראָפּע. ראובן ברייגין האָט געוואונען מיין האַרץ ניט בלויז מיט זיין פיינעם עלעגאַנטן סטיל, נאָר אויך מיט דער מאָדערניקייט און אַלוועלטלעכקייט פון זיין אינהאַלט. איך בין אים דריבער טריי געבליבן ווי אַ לייענער אפילו דעמאָלט, ווען איך האָב שוין אַליין געוואַנדערט איבער די קונסט־גאַלערייען פון מערב־איראָפּע און אַליין געלייענט די וועלט־שרייבער, וועגן וועלכע ער האָט מיר דער ערשטער דערציילט.

זיין קליין ביכעלע „מגבורי ישראל", בילדער פון יידישע באַלמעלאָכעס און אַנדערע יידישע העלדן (געדרוקט אין בן־אביגדורס „ספרי אגורה"); זיין דערציילונג „דעם גבירס נדבה" (אין פרצעס „אידישע ביבליאָטעק") און אַנדערע זאַכן האָבן אים געמאַכט מיר נאָענט אַפילו דאַן, ווען איך בין שוין געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אונטערערדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און געקראָגן לייענען אהרן ליבערמאַנס „האמת" און ווינטשעווסקיס ביכל „יהי אור".

פּערזענלעך האָב איך ברייגינען צום ערשטן מאָל געזען אין באַזעל, שווייץ, אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס. דאָרט האָב איך אויך אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיך מיט אים נעענטער באַקענט. ער האָט אַרויסגערופן צו זיך ליבשאַפט און רעספּעקט. ער איז געווען אין לעבן אַזוי ווי אין שרייבן — שיין, עלעגאַנט און מאָדערן. עס איז געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט אים, דעם מאַן פון הויכער קולטור.

מיר האָבן אַ לאַנגע צייט אויך קאָרעספּאָנדירט. זיין לעצטער בריוו צו מיר איז געשריבן אין 1937, ווען ער איז געווען אויף אַ באַזוך אין מאָנטרעאָל. עס איז דעמאָלט געווען אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז. ער שרייבט מיר דעמאָלט צווישן אַנדערעס אַזוי:

„איך ווייס פּאָראויס, אַז ווען עס וועט באַקאַנט ווערן עפנטלעך, אַז איך בין מסכים און גיב מיין נאָמען צום יידישן קולטור־קאָנגרעס, וועלן די העברייער מיך באַפאַלן מיט זידלערייען און דאָס וועט געוויס שאַדן דעם פאַרקויף פון מיינע העברייאישע שריפטן, אויף וועלכער איך פאַרווענד איצט מיינע לעצטע כוחות — דאָך קאָן עס מיך ניט צוריקהאַלטן פון מיין גוט־איבערגעלייגטן באַשלוס צו דערקלערן זיך אָפן און ערלעך אַלס אַנהענגער פון דער אידייע פון אַ יידישן קולטור־קאָנגרעס."

דער דאָזיקער בריוו איז, דוכט מיר, געווען דער ערשטער, אין וועלכן ער האָט מיר געשריבן אין יידיש. אַלע זיינע פריערדיקע בריוו זיינען געשריבן אין העברייאיש. זיין באַציאונג צו יידיש איז אָבער אַלעמאָל געווען אַ פּאָזיטיווע. מיר האָבן אונדזער ערשטן שמועס מיט אַ דריי און אַ האַלבצענדליק יאָר פריער געפירט אין העברייאיש, כאָטש מיר האָבן גערעדט מערסטנס וועגן מיינער אַן אויסגאַבע אין יידיש. אונדזער לעצטער שמועס

מיט אומגעפער אַ יאָר פאַר זיין טויט (געפירט מיט דער הילף פון זיין סעקרעטאַרין) איז געווען אין יידיש, כאָטש מיר האָבן גראָד גערעדט וועגן זיינע שריפטן אין העברייאיש... מעגלעך אַז ברייני‍ן וואָלט נאָך מיט יאָרן צוריק מיר געשריבן אין יידיש, ווען איך וואָלט געוואָגט זיך צו ווענדן צו אים אין אָט דער שפּראַך ווי אין דער צייט, ווען איך בין געווען סעקרעטאַר פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס סעפּטעמבער 1937.

אַלס רעדאַקטאָר פון „קאַנאַדער אַדלער" און פון „וועג" אין מאָנטרעאָל, האָט ברייני‍ן אַרויסגעוויזן זיין פיינע באַציאונג צום צווייטנס וואָרט. די יידישע פּראָווינץ־צייטונגען פלעגן דעמאָלט אין די מלחמה־יאָרן איבערדרוקן אַלע מיינע אַרטיקלען, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין דער שיקאַגער פּרעסע, ניט אָנפרעגנדיק קיין דערלויבעניש דערצו. זיי פלעגן מיר אפילו ניט שיקן דעם עקזעמפּליאַר פון זייער צייטונג, וואו מיין אַרבעט איז געווען געדרוקט. ראובן ברייני‍ן איז געווען דער ערשטער מיר מיטצוטיילן, אַז ער דרוקט איבער מיינע אַרטיקלען און צוגעשיקט זיין צייטונג רעגלמעסיק. אמת, ער האָט באַכדעם געבעטן ביי מיר די דערלויבעניש אַרויפצושטעלן איבער מיינע אַרטיקלען, אַז זיי זיינען געשריבן פאַר אים „ספּעציעל". ער פלעגט אָבער אויך זיך פילן פאַרפליכטעט פון צייט צו צייט צו מאַכן אַ פריינטלעכע באַמערקונג אין אַ לייט־אַרטיקל וועגן זיין שיקאַגער מיטאַרבעטער...

אַ ווירקלעכער מיטאַרבעטער פון ר. ברייני‍ן בין איך געוואָרן גראָד אין זיין ניו־יאָרקער העברייאישן וואָכנבלאַט „התורן". איך האָב דאָרט געשריבן אַחוץ איבער ליטעראַטור אויך איבער אַזוי געזעלשאַפטלעכע ענינים, וואָס קיין אַנדער העברייאישע אויסגאַבע וואָלט ניט געדרוקט. צום ביישפּיל, אין מיינעם אַן אַרטיקל „נס לגוים" (די פעלקער־פאָן) האָב איך געשריבן וועגן דער ראָל פון די יידן אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און אָנגעוויזן, אַז דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם איז אַ המשך פון דער נבואה פון עמוס, ישעיה, און זייערע נאָכפאָלגער.

איבערקלייבנדיק זיך פון שיקאַגע קיין ניו־יאָרק, האָב איך זיך מיט ראובן בריינינען פיל מאָל געטראָפן. אונדזער לענגסטער צוזאַמענקונפט איז געווען אין דער צייט, ווען ער ווערט נאָענט צו דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און צום „איקאָר". אין יענער צייט איז די העברייאישע פּרעסע, גענויער, דער ניו־יאָרקער העברייאישער וואָכנבלאַט, געווען פול מיט אָנפאַלן אויף ראובן בריינין. מען האָט אים געשטעמפּלט אַלס פאַררעטער און אים באַליידיקט מיט אַלערליי עפּיטעטן. ער האָט מיך דאַן געבעטן קומען צו אים, ער האָט מיט מיר עפּעס וויכטיקס צו ריידן. ער האָט אויך דערביי צוגעגעבן, אַז דאָס קאָן דויערן שיינע עטלעכע שטונדן.

ווען איך בין צו אים געקומען, אין דער באַשטימטער צייט, האָט ער מיך אויפגענומען אין זיין פיינעם הרחבהדיקן ביבליאָטעק־צימער. פרוי

ברײנין איז אַלעמאָל געװען גאַסט־פֿרײַנטלעך און אױך דאָס מאָל באַשטאַנען אױף דעם, אַז קודם־כּל זאָלן מיר געניסן פֿון איר כּיבוד. מיר האָבן אַזױ פֿאַרבראַכט אַלע דרײַ צוזאַמען אַרום אַ האַלבע שעה, נאָכדעם האָט פֿרױ ברײנין, װי אױף אַ באַשטימטן צײכן, פֿאַרלאָזן דאָס צימער און ראובן ברײנין האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו מיר און אָנגעהױבן זײַן שמועס. ער האָט גערעדט האַרציק, אינטים, און עס איז אַ גרױסער שאָדן, װאָס קײן דיקטאָ־פֿאָן האָט ניט פֿאַרצײכנט זײַנע רײד. דאָס װאָלט געװען אײנע פֿון די שענסטע עסײען פֿון דעם מײסטער פֿון דעם עסײ אין העברעיִש. עס איז געװען אַ לירישער אױסגוס פֿון אַ פֿאַרװאונדעטע האַרץ, דורכגעפֿלאָכטן מיט שײנע אָנדײַטונגען פֿון דער װעלט־ליטעראַטור.

אָנגעהױבן האָט ברײנין זײַן געשפּרעך מיט מיר מיט דער דערקלע־רונג הלמאי ער זאָגט דאָס אַלץ אַרױס פֿאַר מיר. אײן מאָל, זאָגט ער, מוז דאָך אַ מענטש זיך אַראָפּרײדן פֿון האַרץ, און איר זײַט, דוכט מיר, דער אײנציקער, װאָס װעט מיך קלאָר באַגרײַפֿן. איר האָט ניט נאָר געלײענט כּמעט אַלץ, װאָס איך האָב געשריבן, נאָר איר קאָנט אױך גוט מײַן געזעל־שאַפֿטלעכע טעטיקײט.

ראובן ברײנין איז דאָן דורכגעגאַנגען די גאַנצע געשיכטע פֿון די ייִדן זינט די פּאָגראָמען אין 1881. ער האָט גערעדט װי טראַכטנדיק אױפֿן קול: דערמאָנט צענדליקער עפּיזאָדן פֿון ייִדישן לעבן אין אַנדערע לענדער, קאָנ־גרעס־רעדעס, דעבאַטעס, ביכער, צײַטונגס־אַרטיקלען, און געמאַכט דעם פֿאָלגנדיקן אױספֿיר:

„איך בין טרײַ געבליבן מײַנע יוגנט־אידײען. פֿאַר מיר איז אַלעמאָל געװען און געבליבן דער עיקר דאָס ייִדישע פֿאָלק. איך האָב געשריבן העב־רעיִש, איך בין אָבער אױך געשטאַנען נאָענט צו דער ייִדישער ליטעראַטור. מײַן שטעלונג צו דער ייִדישער שפּראַך איז אַלעמאָל געװען אַ פּאָזיטיװע. איך האָב זיך אַפֿילו אױך אָפּגעגעבן מיט ייִדישן פֿאָלקלאָר נאָך לאַנג אײדער די נײַע ייִדישע ליטעראַטור האָט אָנגעהױבן רײדן דערפֿון.“

„זעט, דאָס זײַנען מײַנע אַרטיקלען װעגן ייִדישן פֿאָלקלאָר געשריבן פֿאַר דער ברײטער װעלט. איך האָב דעמאָלט געפּלאַנט זיך צו פֿאַרטיפֿן אױף אָט דעם געביט און שרײַבן מער. לײדער, האָבן מיר אַנדערע אַרבעטן עס ניט דערלױבט. מײַן באַציאונג צום ייִדישן װאָרט איז אָבער קײנמאָל אין מײַן לעבן ניט געװען קײן נעגאַטיװע. נאַטירלעך מײַן אינסטרומענט איז אין פֿאַרלױף פֿון צענדליקער יאָרן געװען די העברעיִשע שפּראַך. אין איר האָט זיך בײַ מיר צוזאַמענגעגאָסן פֿאָרם און אינהאַלט און געשאַפֿן יע־נעם סטיל װעלכן די העברײער האָבן אַזױ פֿיל געלױבט און מיר באַשטימט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור. דערפֿאַר איז מיר נאַטירלעך אױך הײַנט לײַכטער אױסצודריקן מײַן גאַנצן

ווען אין העברייאיש ווי אין יידיש. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז יידיש שטייט ביי מיר אויפן צווייטן פּלאַץ.״

ער האָט פאַר מיר דאַן געשילדערט ווי אַזוי ער איז אַלעמאָל געווען ראַדיקאַל געשטימט, ווי דאָס באַווייזן זיינע ערשטע דערציילונגען אין העב־רייאיש און אין יידיש. ער האָט אויפגעפּאַסט דעם ציוניזם ווי אַ נויטיקע פאָלקס־באַוועגונג. פאַר אים האָט דאָס געמיינט די פּראָדוקטיוויזירונג פון די יידישע מאַסן, די פאַרוואַנדלונג פון לופט־מענטשן אין אַקער־בויער און אין אינדוסטריעלע אַרבעטער.

זיי שרייען, זאָגט ער, אַז ברייינין האָט פאַרראַטן זיין פאַרגאַנגענהייט, דאָס ווילן זיי דערמיט דערשטיקן זייער אייגענעם געוויסן, וואָס זאָגט זיי, אַז זיי האָבן פאַרראַטן די ברייטע יידישע מאַסן, וועמען דער בונדיזם האָט געזאָלט באַפרייען. זיי אינטערעסירט ניט מער דאָס יידישע פאָלק מחוץ די גרענעצן פון ארץ־ישראל.

זיין לאַנגן האַרץ־אויסגוס האָט ברייינין פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „אַרויסטרעטנדיק פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זאָג איך זיך ניט אָפּ פון דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, פונקט אַזוי ווי איך האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט פון העברייאיש, ווערנדיק אַ שרייבער אין יידיש. דער עיקר פון מיין שרייבן, אַזוי ווי פון מיין געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט, איז געווען, און איז געבליבן, דאָס יידישע פאָלק, דער יידישער מענטש. זיי האָב איך געדינט און פאַר זיי וועל איך ווייטער אַרבעטן אַזוי לאַנג, ווי מיר איז באַשערט צו לעבן.״

מיר האָבן זיך אויך נאָכדעם עטלעכע מאָל געטראָפן און געהאַט אינ־טימע שמועסן. עס איז דעריבער פאַר מיר געווען פאַרשטענדלעך, ווען ער האָט מיר געשריבן פון מאָנטרעאָל, יולי 1936:

„טייערער חבר, גלויבט מיר, אַז איך האָב געפילט אין משך פון די דריי לעצטע יאָר אייער פעלן אין ניו־יאָרק. יעדעס מאָל, ווען איך האָב געפילט אַ באַדערפעניש אויסצוגיסן מיין האַרץ אין די אויערן פון אַ פריינט און אַ אי־דייען־ברודער, האָט איר מיר געפעלט. איצט טרייסט איך זיך, אַז ווען איך וועל צוריקקערן זיך אין סעפּטעמבער קיין ניוי־אָרק, וועל איך אויסזוכן אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך מיט אייך און צו הערן פון אייער מויל וועגן אייער ליטעראַרישער אַרבעט, וואָס איר האָט געטאָן אין דעם יידישן אינסטיטוט אין קיעוו און וועגן דעם נייעם לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.״

ליידער, האָב איך די לעצטע צייט ברייינינען ווייניק באַזוכט. מיר איז געווען פיינלעך צו ריידן מיט אים, זעענדיק ווי שווער אים איז אַרויסצורעדן אַ וואָרט. אָן דער הילף פון זיין סעקרעטאַרין פלעג איך אים שווערלעך אָדער אינגאַנצן ניט פאַרשטיין. דאָך האָב איך געפילט, אַז זיין גייסט איז נאָך געווען פריש און זיין זכרון שטאַרק.

קאַפּיטל הונדערט ניין און פערציק

פון פילאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק

מ׳קלייבט מיך אַריבער פון פילאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק, אָנהויב יאָר 1907, צוזאַמען מיטן וואָכנבלאַט „יידישער קעמפער״ אונטער מיין רעדאַקציע.

דער ניו־יאָרקער אָפיס פון אָט דער צייטונג איז געווען אין נומער 12 דזשעפערסאָן סטריט, אַנטקעגן דעם „דזשואיש עדיוקעישאַנאַל עליינס״, אויפן קאָרנער (ראָג) פון די גאַסן איסט־בראָדוועי און דזשעפערסאָן.

איבער דעם גאַסן־טומל, און די ניט־סאַניטאַרישע באַדינגונגען, איז מיר דאָרט ניט מעגלעך געווען צו אַרבעטן. מיר באַשטימען דאַרום גלייך, אַז כ׳זאָל אַהין קומען בלויז אַ געוויסע צייט אין וואָך, און אַנאַנסירן אין צייטונג די שעה׳ן ווען מען וועט מיך דאָרט קאָנען טרעפן.

ניט בעסער, אויב ניט נאָך ערגער, זיינען געווען די באַדינגונגען אויף דער קוואַרטיר, וואָס מ׳האָט פאַר מיר אין פאָראויס באַשטעלט אין אַן אַלטער טענעמענט־הויז, צווישן די געביידעס פון „טאָגעבלאַט״, „פאָרווערטס״ און „וואָרהייט״ אויף איסט־בראָדוועי.

נאָך לאַנגע זוכענישן געלינגט מיר, מיט דער הילף פון מיינער אַ קוזינע, בעסי מיכטאָם, אַ פלימעניצע פון אַ דעמאָלטיקן אַרבעטער־רינג־טוער, מאָריס מיכטאָם, צו קריגן אין האַרלעם אַ צימער מיט געסט ביי אַ פיינער אַרבעטער־פאַמיליע אויף 103־טער גאַס, נאָענט פון סענטראַל פּאַרק.

אַ שכנישער באָרדער, אַן עקסטרעמער „נאַטוראַליסט״ זוכט מיר „אויפצוקלערן״ אין יענער צייט, אַז אין אַמעריקע איז אַלץ „גנב און גזלן״: די מילך איז געמישט מיט „סינק״־וואַסער; די פּוטער און אַלע אַנדערע מינים פעטס, ווי אויך פיש און פלייש זיינען ניט עכט און ניט פריש, נאָר פאַרפּוצט מיט שעדלעכע כעמישע מיטלען, און אַפילו ברויט און חלה זיינען געפּאַלשעוועט און שעדלעך פאַרן געזונט. כ׳באַשליס דאַרום צו פאַרלאָזן זיך אויף מיין באַלעבאָסטע, צו עסן און טרינקען אַלץ וואָס זי גיט איר אייגענעם הויז־געזינד. מיין פירונג רופט אַרויס די קנאה קעגן דער מיסעס וואָולף, וואָס האָט אַזאַ „גוטן באָרדער״, וועלכער עסט אַלץ וואָס זי גיט אים.

מיין ווירט, דער ציגאַרן־אַרבעטער, מר. וואָולף, דערציילט מיר, אַז ער איז טעטיק אין זיין טרעיד־יוניאָן. ער איז אַמאָל, זאָגט ער, אויך געווען אַ טעטיקער סאָציאַליסט, נאָר זינט דער שפּאַלטונג אין דער „עס־על־פּי״ („סאָשעליסט לעיבאָר פּאַרטיי״) און דער גרינדונג פון דער „עס פּי״ (סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) איז ער געוואָרן גלייכגילטיק. ער גייט אַפילו ניט שטימען

ביי די וואַלן פאַרן סאָציאַליסטישן „טיקעט". ער וועט עס ניט טאָן אַזוי לאַנג, זאָגט ער, ווי די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן וועלן געהערן צו צוויי זיך באַקעמפנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. איך האָב אַ סך אַרגומענטירט קעגן אַזאַ מין שטעלונג, נאָר מר וואולף בלייבט איינגעשפּאַרט ביי זיין באַשלוס. בפרט אַז אַ סך פון זיינע פריינט און באַקאַנטע — אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און קליינהענדלער — זיינען דעמאָלט אויך ניט געגאַנגען שטימען, כאָטש יענע האָבן עס געטאָן צוליב אַנדערע זאַכן. זיי זיינען געווען שטאַרק פּעסימיסטיש וועגן דער מעגלעכקייט עפּעס וואָס אויפצוטאָן דורך שטימען ביי די וואַלן. זיי האָבן געגלייבט, אַז די אַמעריקאַנער טראַסטן און קאָמפּאַניס זיינען אומבאַזיגבאַר; אַז זיי זיינען אָן אַ שיעור מעכטיקער ווי די צאַרישע רעגירונג אין רוסלאַנד, און אַלע באַאַמטע און אַלע געריכטן שטייען צו זייער דינסט, און דאָס לעבן פון פּשוטן מענטשן אין אַמעריקע איז דאַרום גאַנץ הפקר און מ׳קאָן אַבסאָלוט גאָרניט טאָן קעגן דעם...

אין דער דרוקעריי פון אַ קעגנער ווערט געזעצט און צוזאַמענגעשטעלט אין ניו־יאָרק „דער יידישער קעמפער". איך ווער דאַרום גאַנץ נאָענט צום פאַרוואַלטער פון אָט דער דרוקעריי.

די דאָזיקע דרוקעריי האָט געהערט צום אַנאַרכיסטישן וואָכנבלאַט „פרייע אַרבעטער שטימע" און דער גאַנצער בעל־דעה איז דאָרט געווען איר דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר ש. יאַנאָווסקי. מיר ווערן ביידע גוטע פריינט, ניט געקוקט אויף אונדזער אידייאישער קעגנערשאַפט און די פילע אַנדערע אונטערשיידן צווישן אונדז: ער אַ פּיאָנער פון דעם קאָסמאָפּאָליטישן יידיש־ריידנדיקן ראַדיקאַלנטום אין אַמעריקע פון די אַכציקער יאָרן, און איך — אַ יוגנטלעכער מאָדערניסטישער סאָציאַליסט־ציוניסט, וועלכער איז ערשט אָנהויב 1906 געקומען אַהער פון שווייצאַריע און ענגלאַנד. אים האָט מען באַטראַכט פאַר אַ פּיפּיקן פּראַקטישן איסט־בראָדווייער, וועלכער קוקט אויף אַלץ אָפּלאַכעריש, אָדער אפילו ציניש; און מיך האָט מען געהאַלטן פאַר אַ סענטימענטאַלן נאַאיוון ראָמאַנטיקער. נאָר, אַפּנים, אַז אָט די עקסטרעמען האָבן אונדז דווקא דערנעענטערט בפרט, אַז אַ טייל וואָך האָבן מיר ביידע פאַרבראַכט גאַנצע טעג אין דער זעלביקער דרוקעריי, וואו מ׳האָט אויפגעזעצט און צוזאַמענגעשטעלט די וואָכנבלעטער, וועלכע מיר האָבן רעדאַקטירט.

וועגן אונדזערע הויפּט־אידייען דיסקוטירן מיר ניט אין דער דרוקעריי, כאָטש מיר טוען עס אָפטמאָל שריפטלעך אין אונדזערע וואָכנבלעטער. מינדלעך אָבער אַמפּערן מיר זיך אַ סך, הויפּטזעכלעך וועגן דער פראַגע פון גלייכהייט צווישן ראַסן, פעלקער און געשלעכטער. ש. יאַנאָווסקי לאַכט דערביי אויס מיינע דעמאָלטיקע נאַאיוו־אידעאַליסטישע עקסטרעמקייטן (ער באַנוצט אַמאָל אויך אַ ציניש וויץ).

צוליב זאָגן אַ וויץ לאַכט ער אַמאָל אויס אויך זיך אַליין. למשל, אַרגו־מענטירנדיק קעגן מיין „יידישן פּאַטריאָטיזם״, וויצלט זיך ש. יאַנאָווסקי אומגעפּער אַזוי:

יידן זיינען ווירקלעך אַ טייער פאָלק. צום ביישפּיל אַ מענטש מיט „אַזוי וויניק בילדונג״ ווי ער (ש. יאַנאָווסקי) פאַרמאָגט, וואָלט ביי אַנדערע פעלקער „קיין שום ווערדע ניט געהאַט״ — „מ׳וואָלט אים אפילו ניט באַמערקט״... ביי יידן, אָבער, איז ער אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג, אַ כלל־טוער און אַ וואָרט־זאָגער... לאַנג לעבן זאָל אונדזער „פאָלק ישראל!״ ניטאָ נאָך אַזאַ וואויל פאָלק ווי אונדזערע יידן!

בכלל אָבער האָט ש. יאַנאָווסקי, זיך פאַרהאַלטן צו מיר גאַנץ ערנסט. ער באַראַט זיך מיט מיר אפילו וועגן אַזעלכע פּערזענלעכע פּראַגעס, צו וועלכע עס האָט זיך געפאָדערט פון אים צו האָבן גאָר אַ סך צוטרוי צו מיר. דהיינו: ער דערציילט מיר אַמאָל, אַז אַלטע פריינט זיינע אין „פאָרווערטס״ ריידן אים צו, ער זאָל דאָרט ווערן אַ מיטאַרבעטער... מיין מיינונג איז געווען, אַז ער זאָל עס בשום אופן ניט טאָן, ווייל דאָס וועט האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער „אידעאַליסטישער יוגנט.״

ש. יאַנאָווסקי האָט אין יענער צייט ניט געשוינט זיינע קעגנער. ער האָט זיי באַקעמפט מינדלעך און שריפטלעך, אין אַרטיקלען און אין בריוו־קאַסטן, וואָס האָט מיר אויסגעזען, ווי כ׳האָב עס אים אויך געזאָגט, צו פּערזענלעך און צו אינטים. גאָר אַ באַזונדערע שטאַרקע שנאה האָט ש. יאַנאָווסקי, אַרויסגעוויזן צו לואי מילער, דעם רעדאַקטאָר פון דער טאָג־צייטונג „וואַר־הייט״, מיט וועמען ער האָט געהאַט אַלטע חשבונות נאָך פון די אַכציקער יאָרן, ווען זיי האָבן באַלאַנגט צו אַ רוסיש־ריידנדיקן פאַראיין אין ניו־יאָרק.

זיינע פאָרגייער האָט ש. יאַנאָווסקי קיינמאָל ניט דערמאָנט פאַר מיר, אפילו ניט דוד עדעלשטאַט, י. קאָפּילאָוו *) און דר. מעריסאָנען פון דער ערשטער „פרייע אַרבעטער שטימע״. ספּעציעלע טענות האָט ער געהאַט צו משה קאַטץ, לעאָן מאָיסעיעוו און דר. איסר גינזבורג. צו די ערשטע צוויי — צוליב זייער אַמאָליקן אַנאַרכיסטישן זשורנאַל „פרייע געזעלשאַפט״ און צו דר. גינזבורגן פאַר זיין דערווייטערן זיך פון די אַנאַרכיסטן, צו וועלכע

---

*) יאָרן שפּעטער, ווען י. קאָפּילאָוו גיט מיר רעדאַקטירן דעם מאַנוס־קריפּט פון זיין באַנד זכרונות „אַמאָל אין אַמעריקע״, ראַט איך אים (י. קאָ־פּילאָוו) אויסצולאָזן דאָרט זיינע אַטאַקעס קעגן ש. יאַנאָווסקין. ער פאָלגט מיך ניט. זיין ענטפער איז געווען, אַז ער קען ש. יאַנאָווסקין בעסער ווי איך. דאָך האָט קאָפּילאָוו, מיר צוליב, געמילדערט דאָרט עטלעכע צו־שאַרפע אויסדרוקן קעגן ש. יאַנאָווסקין.

ער האָט אַמאָל געהערט. ש. יאַנאָווסקי שרייבט מיר עס אויך אין אַ פּער־
זענלעכן בריוו. דר. גינזבורג אָבער האָט געלייקנט, אַז ער האָט ווען עס איז
געהערט צו זיי.

רעוורענד צבי־הירש מאַסליאַנסקי איז אין 1906—1907 געווען אַ סך
מער באַקאַנט ווי ראַבאַי סטיפען ווייז. פון דעם ערשטן האָב איך שוין גע־
מער באַקאַנט ווי ראַבאַי סטיפען ווייז.
וואוסט סוף זומער 1893, ווען מ׳ברענגט אים קיין ווילנע מאַכן אַ הספד אין
כאָר־שול נאָך דעם רעדאַקטאָר פון „המליץ״ — אַלעקסאַנדער צעדערבוים,
וועלכער איז אין יענער צייט געשטאָרבן. דאָך האָב איך פאַרדרוס ווען דער
באַרימטער מאַסליאַנסקי לויבט מיך אויפן חשבון פון ראַבאַי סטיפען ווייז.
פאַסירט האָט עס אויף אַ קבלת פנים פאַר דר. יחזקאל וואָרטסמאַן.
צבי־הירש מאַסליאַנסקי און איך זיינען דאָרט געווען צווישן דר. וואָרטס־
מאַנס באַגריסער. און ווען ער, מאַסליאַנסקי, טרעט אַרויס מיט זיין הויך־
קלינגענדיקער לייבן־שטים נאָך מיינע שטילע ווערטער, וויל ער מיך אַפנים
טרייסטן, אַז מ׳קאָן אויך מאַכן אַ גוטן איינדרוק מיט האַרציקע ווערטער
אַרויסזאָגנדיק זיי שטיל. ער הויבט דאַרום אָן זיין רעדע מיטן תלמודישן
ווערטל: „דברי חכמים בנחת נשמעים״, וואָס ער איבערזעצט, אַז ווערטער
פון תלמידי חכמים ווערן אַרויסגעזאָגט „ש ט י ל״. כ׳האָב עס באַטירלעך
אָנגענומען פאַר אַ שטיקל „דרוש״, אָבער ניט פאַר אַ ״פשט״, שוין צוליב
דעם אַליין, וואָס ער האָט עס אויסגעזונגען אַזוי הויך... דאָך וואָלט איך
עס באַלד פאַרגעסן, ווען ער ניצט ניט אויס זיינע שבחים פאַר וואָרטסמאַנען
און מיר צו טאַדלען דעם ראַבאַי ווייז.
ראַבאַי ווייז האָט דעמאָלט געהאַלטן פריינטלעכע דרשות וועגן קריסטנ־
טום און יעזוסן. מאַסליאַנסקי איז געוויס גערעכט געווען, אַז פון מיר וועט
מען קיינמאָל ניט הערן אַזוינע דרשות... קיינער האָט זיך אָבער דעמאָלט
ניט געקאָט פאָרשטעלן, אַז אין דעם האָט געהאַט אַ היפשן טייל דער פאַקט,
וואָס כ׳האָב נאָך אַלס חדר־יינגל געלייענט דעם „ברית חדשה״ (נייעם טעס־
טאַמענט) און געוואָרן איבערצייגט, אַז דאָס קריסטנטום איז אפילו אין זיינע
בעסטע און שענסטע אַרויסזאָגונגען ניט מער ווי אַ שוואַכער אָפּקלאַנג פון
דער סאָציאַלער עטיק פון די נביאים און פון דער מענטשלעכער קלוגשאַפט
און קלוגער מענטשלעכקייט פון תלמוד.
אָן ספק האָט אויף מיר אויך געהאַט אַ ווירקונג מיין דערציאונג אין
דאָרף, וואו כ׳האָב גוט געזען ווי אַזוי דאָס קריסטנטום איז פּראַקטיצירט
געוואָרן פון זיינע וואָרט־זאָגער און מאַכט־האָבער.
אַ סטרייק אין ווייך־קעלער פון ראשון־לציון, אין מערץ 1907, מאַכט
אויף מיר אַ שטאַרקערן איינדרוק, ווי די פיל באַדייטנדיקערע סטרייקס,
וועלכע יידישע אַרבעטער האָבן דורכגעפירט אין אַמעריקע זינט כ׳בין
אַהער געקומען פון ענגלאַנד אָנהויב 1906. די סיבה פון אָט דעם אויסער־

געווינלעכן איינדרוק אויף מיר איז געווען דער פאַקט, וואָס קעגן דעם דאָזיקן סטרייק אין ארץ־ישראל זיינען אַרויסגעטראָטן ניט בלויז די ביוראָקראַטישע אַדמיניסטראַטאָרן פון ווייך־קעלער און באַלעגופישע קאָלאָניסטן, נאָר אויך אַ פּאַטריאָטישע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „הפועל הצעיר". לויט פאַרשיידענע קוועלן האָלטן די דאָזיקע פּאַטריאָטן, אַז ביי יידן איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן אַרבעטער און באַלעבאַטים; אָרים און רייך, זיינען אַלע גלייך.

באַזונדערס ליאַרמען דעמאָלט יענע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן אויך פריער ניט געוואָלט אָנשטעלן קיין יידישע אַרבעטער אין זייערע ווירטשאַפטן. דעם סטרייק אין ווייך־קעלער נוצן זיי אויס פאַר אַ העצע קעגן יידישע אַרבעטער בכלל און קעגן די סטרייקערס בפרט. די פּועלי־ציוניסטישע סימפּאַטיזירער פון די סטרייקערס ווערן פון אַט די קאָלאָניסטן געשטעמפּלט פאַר שונאים פון דעם יידישן ישוב.

ווען אַן אינטעליגענטער אַרבעטער פון ישראל שטעלט מיר צו די פאַקטן ווי אַזוי אַ ביוראָקראַטישער שעף האָט זיך איזדיעקעוועט איבער די אַרבעטער פון ווייך־קעלער, ביז וואַנען עס איז פאַר זיי ניט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר צו סטרייקן, מאַך איך דערפון אַ קאָרעספּאָנדענץ מיטן נאָמען: „אַ שטימע פון ראשון־לציון" אונטערגעשריבן „פּועל עברי" (פּויעל איוורי — יידישער אַרבעטער), וועלכע איך פאַרענדיק אַזוי:

„מיר פאַרשטייען די היסטאָרישע וויכטיקייט פון אונדזער טאָג־טעגלעכער אַרבעט — — — מיר זיינען דעריבער געגרייט צו אָפּערן און ליידן. אין דערזעלבער צייט וועלן מיר אָבער ניט דערלאָזן, אַז קליינע מענטשעלעך, וועלכע נוצן אויס אונדזערע גרויסע קרבנות פאַר זייערע קליינע צוועקן, זאָלן אונדז טרעטן מיט די פיס און ניט רעספּעקטירן אונדזער מענטשן־ווערדע."

אין מיין צימער איז געווען געניג אָרט פאַר אַ צאָל ביכער־שאַפעס, כ'האָב זיי אָבער ניט געהאַט, זיינען מיינע ביכער געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע. מיינע באַזוכער וועלכע האָבן אַריינגעקוקט אין די דאָזיקע ביכער האָבן עס געטאָן זיצנדיק אָדער ליגנדיק אויפן קאַרפּעט דערביי.

איינמאָל איז דאָרט צייטווייליק פאַרשוואונדן ריכאַרד דעמעלס אַ באַנד פּאָעזיע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָעמע, אין דריי טייל, וועלכע האָט געשילדערט די געשיכטע פון אַ ליבע אין פרילינג, זומער און האַרבסט. יעדער טייל האָט אַנטהאַלטן 36 לידער צו 36 שורות. צוויי יונגע דיכטער האָבן דעמאָלט איינע די אַנדערע אומזיסט חושד געווען אין נעמען עס אָן מיין וויסן, כדי נאָכצומאַכן דעמעלס פּאָעזיע. קיינער פון אָט די צוויי דיכטער האָט אָבער קיינמאָל ניט אָנגעשריבן קיין ענלעכע פּאָעמע.

מיינע ניו־יאָרקער דיכטערישע מיטאַרבעטער פון יענער צייט זיינען

אַלע געווען יוגנטלעכע. נאָר ייִנגער פון זיי אַלעמען זעט מיר דעמאָלט אויס דער שלאַנקער מאַני לייב מיט זיין פיינעם קאָפּ שוואַרצע האָר. ער פלעגט זיך אָפּט אַריינכאַפּן אין מיין צימער אַ מידער פון דער אַרבעט אין אַ שוסטער־שאַפּ, זיך אויסציען אויף דער סאָפע ביי די צוויי פענצטער צו דער 103־טער גאַס און אויסריידן זיין האַרץ פאַר מיר.

מיין רעגולערער געלעגער איז געווען אויף אַן אַנדער בעטל, וואָס פלעגט בייטאָג שטיין צוזאַמענגעשטעלט, און מיר געדינט אַמאָל פאַר אַ שטול און אַמאָל פאַר אַ טיש, אויף וועלכן כ׳קאָן, לויט מיין געוואוינהייט, שרייבן שטייענדיק.

אין אַן אָוונט אַמאָל פלעגט מיך באַזוכן מיין נאָענטער שכן לעאָן מאָי־סעיעוו. ער פאַרעפנטלעכט דעמאָלט אונטער מיין רעדאַקציע זיין „קריטישע שטודיע" איבער יאַקאָב וואַסערמאַנס היסטאָרישער נאָוועלע „די יידן פון צירנדאָרף" (פון יידישן לעבן אין דייטשלאַנד אין דער צייט פון דער „שבתי־צבי" באַוועגונג). נאָר וועגן דער דאָזיקער אַרבעט פלעגן מיר געוויינלעך שמועסן ביי אים אין הויז, אין זיין רייכער פיל־שפּראַכיקער ביבליאָטעק. צו מיר אין צימער פלעגט ער געוויינלעך קומען דורכבלעטערן אָדער אַנט־לייען אַ העפט פון דעם בערלינער זשורנאַל „קריטיק דער קריטיק", אין וועלכן ס׳האָבן מיטגעאַרבעט געאָרג בראַנדעס, דר. מאַקס נאָרדוי און אַנ־דערע וועלט־באַרימטע ליטעראַטן פון יענער צייט.

צווישן מיינע באַזוכער אין פרילינג און זומער 1907 זיינען אויך געווען צוויי בריסקער אַרבעטער־מיידלעך: די ערשטע, מאַניע, איז הויך, שלאַנק און קרעפטיק, אַ היימישע רעוואָלוציאָנערקע, וועלכע האָט אין בריסק פאַר־שפּרייט רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס צווישן צאַרישע סאָלדאַטן, און אַמאָל אויך געקראָגן פון זיי רעוואָלווערן פאַר דער אָרטיקער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג. די צווייטע, ראָזע, איז קלענער, דינער און דעליקאַטער פון דער ערשטער, און אויסערסט סענסיטיוו, ווי זי וואָלט געהאַט אַ זעקסטן חוש און געקאָנט זען מיט פאַרמאַכטע אויגן. מיר פלעגן אָפטמאָל ריידן אין העברייאיש און איך פלעג אַמאָל צו איר שפּאַסהאַלבער זאָגן: „רזי לי רז" (ראָזע לי ראָז — פאַרטרוי מיר אַ סוד). יאָרן שפּעטער שרייבט זי לידער אונטערן פסעוודאָנים „אנא מאַרגאָלין", דעמאָלט אָבער ברענגט זי מיר אַמאָל אַ פּאָעמע און מאַנוסקריפּט פון איר בריסקער לאַנדסמאַן, דעם דיכ־טער מנחם. די פּאָעמע איז געווען שיין געשריבן, נאָר כ׳קאָן עס ניט פאַר־עפנטלעכן צוליב דער עראָטיק דאָרט, וועלכע האָט זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין דער צניעותדיקייט פון „יידישן קעמפער."

זיצנדיק אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק אויף דער פּאָדלאָגע, באַקאַנט זיך דאָרט מיט דער יוגנטלעכער ראָזע לעבנסבוים דער אַלטער משה זייפערט, דער ראָמאַנען־שרייבער פון ניו־יאָרקער „טאָגעבלאַט", אַן אַמאָליקער מיט־

אַרבעטער פון העברייאישע און רוסישע צייטשריפטן אין די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן אין רוסלאַנד. ער לויבט זי נאָכדעם פאַר אירע שמועסן מיט אים אין עטלעכע פרעמדע שפּראַכן און אויך אין העברייאיש.

דער קייזערין עליזאַבעט פון עסטרייך און דעם אַנאַרכיסט לוקאַני, וועל־כער האָט זי דערהרגעט, האָב איך קיינמאָל ניט געזען. (איר מאַן, דער קאַיזער פראַנץ יאָזעף, האָב איך יאָ צופעליק געטראָפן פערזענלעך און זיך מיט אים געגריסט ביים טויער פון זיין פּאַלאַץ אין ווין, פסח 1900, אויף מיין רייזע פון פריבורג (שווייצאַריע) קיין ווילנע, זיך צו זען דאָרט מיט מיין טאַטן און שרה שפּרהן, ווי אויך מיט מיין שוועסטער און אַנדערע נאָענטע קרובים). כ׳האָב אָבער געהאַט געלייענט, אַז די עסטרייכישע קייזערין עליזאַבעט איז געווען באַגייסטערט פון היינריך היינעס פּאָעזיע און אים געשטעלט אַ מאָנומענט אין איר פּריוואַטן פּאַלאַץ אין גריכנלאַנד. עס פאַרדריסט מיך דאָרום שטאַרק, ווען איך דערוויס זיך פון דער פּרעסע, אַז דער אַנאַרכיסט לוקאַני, דורכגעדרונגען פון פּאָלקס־צאָרן קעגן הונגער און טיראַניי, האָט דערשטאָכן די דאָזיקע אומשולדיקע אַלטע פרוי פאַר די זינד פון דער עס־טרייכישער מאָנאַרכיע קעגן די אונטערדריקטע פאָלקסמאַסן אין עסטרייך.

מיין פאַרדרוס שטייגט נאָך, ווען איך דערוויס זיך, אַז דער פּאַלאַץ פון היינעס פאַרערערין איז נאָך איר טויט פאַרקויפט געוואָרן צום דייטשישן קאַיזער, ווילהעלם דער צווייטער, וועלכער וואַרפט תיכף אַרויס פון דאָרטן די סטאַטוע פון דעם ייד און רעוואָלוציאָנער היינריך היינע.

צוויי יוגנטלעכע „מאַרקסיסטישע פּועלי ציון״ י. קרופּיצקי און וו. קאָווגאַט האָבן ווען דעם געשריבן בשותפות אַרטיקלען אין „יידישן קעמ־פער״. געוויסע אַפלאַכער האָבן דעם דאָזיקן פּאָרל געררופן: אַ קאַריקאַטור אויף מאַרקס — ענגעלס. נאָר אָט די צוויי יוגנטלעכע האָבן געגלויבט אויפ־ריכטיק, אַז ביידע צוזאַמען קאָנען זיי עפּעס וואָס וויכטיקס זאָגן.

ווען דר. הלל זאָלאָטאַראָוו האָט קריטיקירט די פּראָגראַם פון די מאַרק־סיסטישע פּועלי ציון האָט דאָס דערמאָנטע פּאָרל אַריינגעשיקט אַן ענטפער קעגן זיין קריטיק. זייערע אַרגומענטן זיינען אָבער געווען דורכגעמישט מיט זידלעריי. כ׳האָב דעריבער זייער שרייבן געמוזט אַ סך „רעדאַקטירן״. זיי האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם און ניט געוואָלט פאַרענדיקן די אַר־בעט ביז וואַנען איך וועל ניט צוזאָגן צו געבן צוזאַמען מיט זייער שלוס אַן עפנטלעכע דערקלערונג פאַר מיין אויסלאָזן אַ צאָל ווערטער און שורות אינעם ערשטן טייל פון זייער אַרבעט. זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז כ׳וועל דאָרטן אָנגעבן אויספירלעכע דערקלערונגען פאַר יעדער אויסלאָזונג אין זייערע אַרטיקלען און האָבן עס באַקאַנט געמאַכט אין דער שרייבערישער „קיבעצאַרניע״. זיי ווערן דאָרום, נאַטירלעך, שטאַרק אַנטוישט, ווען מען

טראָגט אַריין דעם נייעם נומער מיט מיין ענטפער פון בלויז דריי ווערטער:
„מ׳דאַרף ניט זידלען.“

פון די פיל היסטאָרישע און קינסטלערישע פּלעצער, וועלכע מיינע אויגן האָבן געזען אין 1906, אין ערשטן יאָר אין אַמעריקע, האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין מיין זכרון די סטאַטוע פון אַן אינדיאַנער רייטער אין פילאַדעלפיער גרויסן פּאַרק ביי „סטראָבערי מענשאָן“. זיין בליק אויף דער אַרומיקער סצענע האָט מיר תמיד אויסגעזען ווי ער וואונדערט זיך: „איז דאָס מיין אַמעריקע?“ כ׳זע אָפט פאַר מיינע אויגן זיין פאַרחידושטן בליק אויך אין ניו־יאָרק, וואוהין איך קלייב זיך אַריבער פון פילאַדעלפיע.

אויך איצט 45 יאָר שפּעטער שרייבנדיק מיינע מעמואַרן אין 1951, ביים פּאַסיפישן ברעג ים, אַרום 3,000 מייל ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו כ׳האָב צום ערשטן מאָל געזען דעם פאַרוואונדערטן רייטנדיקן אינדיאַנער, זע איך נאָך אַלץ זיין פאַרחידושטן בליק, נאָר איצט וואונדער איך זיך אָפטמאָל אַליין אויך, ווי ער: איז דאָס מיין אַמעריקע?

אַ ירושה פון פּעק מיט צרות לאָזט מיר איבער מיין שווער, שרה שפרהס טאַטע, לייבע לייבאָווסקי, ווען ער שטאַרבט אין 1906 אין קאָוונע.

שרה שפרה נעמט אַריבער קיין לאָנדאָן זיינע יתומים. די יינגסטע פון זיי, צוויי יינגלעך פון 7 און 11 יאָר, פּלאַנט זי מיטצונעמען מיט זיך, ווען זי וועט פאָרן צו מיר קיין אַמעריקע. מענטשן ראַטן איר זיך צו ווענדן וועגן דעם צו דער לאָנדאָנער יידישער קהילה, און כדי יענע זאָל העלפן עס באַלד דורכפירן, זאָל שרה שפרה אָנגעבן די צוויי ברידערלעך פאַר אירע אייגענע זין.

די לאָנדאָנער קהילה, שטענדיק גרייט צו העלפן אַריבערצושיקן יידישע אימיגראַנטן פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע, זאָגט עס גלייך צו. דער דאָזיקער פּלאַן ווערט צעשטערט, ערשטנס, דורך מיין ניט צושטימען זיך אָנצוגעבן פאַר דעם טאַטן פון שרה שפרהס ברידערלעך. צווייטנס, דורך דעם באַריכט פון אַ חשובן אַמעריקאַנער יידן, אַז מיין איינקופט איז ניט גענוג אויסצוהאַלטן אַזאַ געזינד.

דאָס אַנטוויקלט צווישן שרה שפרהן און מיר אַ צאָל מיספאַרשטייענישן. אונדזער פריינט י. ח. ברענער מישט זיך אויך אַריין. ער מוסרט און שרעקט מיט קללות און חרמות. איך וויז צוריק זייער שאַרף זיין אַריינמישונג. מיין בריוו וועגן דעם מאַכט אַפּנים אויף ברענערן אַ שטאַרקן איינדרוק. ער היט עס אָפּ אין זיין אַרכיוו *). דאָס שטערט איב אָבער ניט אָנצובאָטן שרה שפרהן זיך צו גטן מיט מיר און חתונה האָבן מיט אים...

*) אַ צאָל יאָרן נאָך זיין מאַרטירער־טויט (אין דעם פּאָגראָם אויף יידן אין יפו 1921), שיקט מען מיר קאָפּיעס פון מיינע בריוו. זיי זיינען געשריבן ווי אונדזער שטייגער איז געווען: ער צו מיר — אין יידיש איך צו אים — אין העברייאיש.

קאַפּיטל הונדערט און פופציק

איך פאָר קיין האַאג צום 8טן ציוניסטישן קאָנגרעס

צווישן אַרבעטער פון אַמעריקאַנער שווערער אינדוסטריע געפינען איך זיך אויף מיין וועג פון ניו־יאָרק קיין האַאג (האָלאַנד), אַרום סוף יולי 1907. איך פאָר אַהין, ערשטנס, ווי אַ דעלעגאַט פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון צום 8־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס קומט דאָרט פאָר קומענדיקן חודש. צווייטנס, ווייל שרה שפרה און איך האָבן אָפּגעמאַכט זיך דאָרט צו טרעפן, כדי אויסצוגלייכן אַלע מיספאַרשטייענישן צווישן אונדז.

אַזוי גיך ווי מ׳דערוויסט זיך אויפן שיף, אַז כ׳בין אַ צייטונג־שרייבער, ווער איך אַרומגערינגלט פון די פריער־דערמאָנטע אַרבעטער. יעדער פון זיי וויל מיר איבערגעבן זיינע דערפאַרונגען אין די שטאָל־פאַבריקן אין בעטלעהעם, פּענסילוועניע, אין גערי, אינדיאַנאַ, און אין אַנדערע צענטערס פון דער אַמעריקאַנער שווערער אינדוסטריע. זיי דערציילן מיר אַלע, יעדער אויף זיין שטייגער, די זעלביקע געשיכטע: געבאָרן און דערצויגן אין אַ דאָרף אויף יענער זייט ים, איינגערעדט פון אַן אַגענט צו קויפן אַ שיף־קאַרטע קיין אַמעריקע, וואו אַן אַרבעטער פאַרדינט אַ סך געלט און קאָן אָפּ־שפּאָרן גענוג צו באַצאָלן אַלע זיינע חובות, פאַרבעסערן זיין ווירטשאַפט און אַפילו זיך דערווערבן נאָך לאַנד אין זיין היימישן דאָרף. אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז ער האָט געאַרבעט איבער די כוחות און גאָרניט אָפּגעשפּאָרט אַ חוץ שווערע קראַנקהייטן...

פאַר אַ צאָל שעמעוודיקע, אָדער בטבע שוויגנדיקע אַרבעטער, ריידן זייערע כוואַטסקע פרויען, ענערגישע פויערטעס פון עסטרייך אָדער פּרייסן. זיי שילדערן פאַר מיר, ווי זייערע מענער האָבן אַ סך יאָרן געגאַרט מיט זיי־ערע כלומרשטע גליקן אין אַמעריקע, ביז וואַנען אָט די ווייבער און מאַמעס באַשליסן אַליין צו פאָרן און זען, וואָס עס איז געוואָרן מיט זייערע אַמאָל העלדישע מענער און טאַטעס פון זייערע קינדער. איצט, ווען זיי האָבן אויסגעפונען וואָס די אַמעריקאַנער פאַבריקן מאַכן אין עטלעכע יאָר צייט פון געזונטע שטאַרקע פויערים, האָבן זיי באַשלאָסן דורכאויס מיטנעמען זייערע מענער צוריק אין דער אַלטער היים, אפשר וועלן אָט די קאַליקעס אינוואַלידן מער־ווייניקער ווידער געזונט ווערן אין דער היימישער גוטער לופט און מיט נאַרהאַפטע דאָרפישע שפּייזן.

וואָס ווייטער די שיף פירט מיך פון ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע, אַלץ נעענטער ווערן זיי מיר. איך פיל, אַז כ׳וועל זיי שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך לעב ווידער דורך אַלץ, וואָס כ׳האָב דאָרט איבערגעלעבט, זינט מיין ערשטער נייער באַקאַנטער באַגעגנט מיך ביים אָנקום פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע —

יחזקאל עדעלשטיין אין פילאַדעלפיע (וועלכער וועט דערטרונקען אין ים קורץ פאַר מיין אָפּפאָרן קיין האָלאַנד), און זינט כ'באַקאַן זיך צופעליק מיט זיין דעמאָלטיקער אָנגעשטעלטער, עני פרידמאַן. די דאָזיקע צאַרטע, איי־דעלע, פיין־פילנדיקע שאַפּ־אַרבעטערין (שפּעטער די פרוי פון דעם יידיש־העברייאיש־ענגלישן שרייבער און לערער א. ש. וואַלדשטיין) איז אויך געווען, ניט אָפיציעל, מיין ערשטע רעדאַקציע־סעקרעטאַרין און זיך באַטייליקט אויך אין די „פּייערונגען" פאַר מיר, ווי די באַליבטע זינגערין פון ביאַליקס ליד „משהלעך און שלמהלעך". פונקט אַזוי געדענק איך אויך די פאַמיליע וואולף פון מיין לעצטער קוואַרטיר אין ניו־יאָרק. איך געדענק אויך די אַלע שרייבער, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אונטער מיין רעדאַקציע אין 1906—1907. איך פאַרצייכן זיי דאָ פאַר דעם געשיכטע־שרייבער פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע אין אַמעריקע:

ד. ב. אַבערסאָן, יעקב אַדלער, מ. אַדערשלעגער, א. איינהאָרן (פּאַריז), דוד איינהאָרן (ווילקאָוויסק), ראובן אייזלאַנד—אברבנאל, שמואל יעקב אימבער (טאַרנאָפּאָל), חיים אַלעקסאַנדראָוו—מילער, ב. באַראַכאָוו און זיין פאָטער: משה אהרן באַראַכאָוו, א. ל. באַראָן, מאיר בלינקין, מ. בן־אליעזר—לאַזאַרסאָן, בעל מחשבות—דר. עליאַשעוו, ד. בעלינקי (בערן) י. ד. בערקאָוויץ—ברקי, פיליפּ פּ. ברעגסטאָן (שיקאַגאָ), בר־טוביה—דר. פרענקל (זשענעווע), יוסף חיים ברענער, הערמאַן גאָלד, א. גאָלדמאַן, מ. גאָלדמאַן, ב. י. גאָלדשטיין, זאַוועל גאָלדשטיין און א. גאָלדשטיין (פּעטער־בורג), מנשה גאַלפּערן, א. מ. גאָנצאַר (בערלין), שמריה גאָרעליק (בערלין), דר. איסר גינזבורג, מ. גערשוויג, ש. דאָלינסקי, מרדכי דאַנציס, פּרץ הירש־ביין, דר. אַדאָלף העס (מילוואָקי), דר. אַלכסנדר וואולף (סט. לואיס), א. ש. וואַלדשטיין—שנייערסאָן, א. וואָהלינער—ל. לאַנדוי, דר. יחזקאל וואָרטס־מאַן—בעל דמיונות, יקיר וואַרשאַווסקי, מאַניע ווילבושעוויץ, דר. הלל זאָ־לאָטאַראָוו—אָרדיטשעוו, סאָלאָמאָן גאָלדמאַן (אָדעס), יצחק זאַר, מ. פּ. זייד־מאַן, ב. זיידע (באַלטימאָר), מאָריס זילבערט—שוחט בן הרב (שיקאַגאָ), אַלכסנדר זעלדין, משה יונה חאַאימאָוויץ, י. חייקין, חקרן—מ. גיליטץ, יוסף טונקעל, יהואש—בלומגאַרדן, א. ל. יעקובאָוויץ, לייב יפה (שפּעטער לעאָ קעניג), ש. כהן (שפּעטער פּראָפעסאָר שמחה קאָהאָן), אליעזר דניאל לאַקסאָן —דאָן לאַזאַר, ג. ליובעצקי (בערן), ב. ליברעסקו—דר. ב. ליבער, דר. פייטל ליפּשיץ (זשענעווע), ישראל לעווין, לעאָן מאַיסעיעוו—מ. לעאָנטיעוו, מאַני לייב—בראַהינסקי, ידידיה מאָרגאָליס, ח״י (חיים יוסף מגידס), דר. ישראל מארקוס (שיקאַגאָ), ט. ז. מילער, מ. מינץ (וואָוסטער), י. ש. נאַאומאָוו, יואל סלאָנים, מ. סמיליאַנסקי, פּנחס עדעלמאַן, יואל ענטין, דר. דניאל פּאַסמאַניק, צבי פּאַקמאַן, בעלאַ פּעווזנער, יהושע העשל פּעלאָוויץ (פּאַרפּאַסער פון פּוע"צ „שבועה"), דניאל פּערסקי—בן־רבקה, י. ש. פּרענאָוויץ, טויבע פּרעס, יוסף פּאָגעל, העברי פּירער, משה פּראָסטיג (לעמבערג), מאָריס פּרייליכאָוו,

י. ד. פריִער (יפו), מ. ציפין—בן־לוי, א. א. קאבאק, לעאָן קאָברין, נייטען קאַנטאָר, שלמה קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי—בן־ברכאל, אלכסנדר קאָפּעל—דר. א. מוקדוני, מרים קאַרפּילאָוו, דר. לעאָן קאָפּעלאָוויץ, ראָזע קירשענבוים, יעקב קענער (קראָקע), יעקב קרופּיצקי (צוזאַמען מיט וו. קאָווגאַט), יואל ראָזאָווסקי, דר. ראָשעווסקי (אָדעס), ב. ראָזענבלאַט, ה. רויזענבלאַט, אהרן שאַפּיראָ, ל. שאַפּיראָ—ל. ש.—רא (שווייץ), פּראָפעסאָר באָריס שאַץ, א. ש. שוואַרץ, י. י. שוואַרץ, א. ל. שוסהיים, יעקב שטיינבערג, מענדל שיינקין, יצחק שמי, מ. שמואלזאָן, י. מ. שערמאַן (יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע).

ניט געקוקט, וואָס איך בין אין האָלאַנד, זומער 1907, געווען שטאַרק פאַרנומען אַ חוץ מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אויך מיט מיינע פריער־דערמאָנטע פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן, נעם איך זיך דאָך גענוג צייט צו באַקוקן די מאָלערייען פון די האָלענדישע אַלטע מייסטער, וועלכע האָבן אַרייַנגעבראַכט אַ נייעם טאָן אין דער פלאַסטישער קונסט אין אייראָפּע.

איך האָב באַטראַכט אויפמערקזאַם זייערע לאַנדשאַפטן, לעבנס־שטייגערס און פאָרטרעטן, וואו דעם אויבנאָן פאַרנעמט אַלץ דער מאַסן־מענטש, אָנשטאָט קעניגן און פירשטן. איך באַוואונדער אויך צוגלייך יוסף איזראַעלס' בילדער פון האָלענדישן פישער־לעבן, וועלכע דער יידישער מאַלער אין האַאַג מאָלט מיט אַזוי פיל סימפּאַטיע, ווי דער האָלענדישער מאַלער רעמבראַנדט האָט אַמאָל געמאָלן געשטאַלטן פון דער יידישער געטאָ אין אַמסטערדאַם.

נייע יידן, וועלכע לעבן פון אייגענער אַרבעט און קעמפן פאַר אַ בעסערן און גערעכטערן לעבן, צוזאַמען מיט זייערע ניט־יידישע חברים פון אַרבעט, האָב איך געפונען אין אַמסטערדאַם, וואו אין דער אַלטער געטאָ שפּראָצט אַון וואַקסט אַ ניי לעבן. אויסערלעך איז שווער צו מערקן אַ המשך צווישן די אוריאל אַקאָסטאַס און ברוך שפּינאָזאַס פון אַמאָל און די יונגע יידן פון היינט. דאָך שטעל איך זיך פאָר די עקזיסטענץ פון אַזאַ המשך, וואָס ציט זיך נאָך פון יענע פאַרצייטיקע יידישע פרייהייט־קעמפער מיט טויזנטער יאָרן צוריק, וועלכע האָבן פאָראויסגעזאָגט, אַז קומען וועט אַ צייט, ווען מענטשן וועלן לעבן אין אַ בעסערער און גערעכטערער וועלט, אין גלייכהייט, פרייהייט און פרידן.

די אָרימקייט אין דער אַמסטערדאַמער יידישער געטאָ, דערמאָנט מיך אין דער אָרימקייט, וואָס איך האָב געזען אין ווילנער הקדש־געסל מיט איבער 17 יאָר פריער, אין האַרבסט 1889. איןביידע ערטער האָבן אָרימע יידישע לופט־מענטשן זיך געוואַלגערט און געהונגערט אין פינצטערניש און טוכלעקייט. זון־שטראַלן און פרישע לופט האָבן צו די דאָזיקע וואוינונגען ניט געקאָנט צוקומען.

אויסערלעך אָבער איז געווען אַ היפּשער אונטערשייד צווישן די דאָזי־קע צוויי ערטער. די אָרימע איינוואוינער אין דער אַמסטערדאַמער געטאָ האָבן ניט געדאַרפט אַרונטערנידערן פון קעלער צו קעלער, טיף אין דער ערד, ווי אין ווילנער הקדש־געסל, נאָר פאַרקערט, זיך אויפהויבן הויך צו זייערע בוידעם־שטיבלעך. זיי האָבן געקלעטערט פון שטאַפּל צו שטאַפּל אויף הויכע לייטערס צו דערגרייכן די שוואַרצע לעכער אין וואַנט, דורך וואַנען אַריינצוקריכן אין די פינצטערע בוידעמער.

קוקנדיק אַרויף פון אונטן אין גאַס, און באַוואונדערנדיק די פלינקייט מיט וועלכער די יידישע יוגנט קריכט אויף די ווענט, שמועס איך דערווייל מיט די דערוואַקסענע פרויען און מענער וועגן דער יידישער לאַגע אין האָלאַנד.

אויף מיין פראַגע, צי זייער מדינה איז פריי פון אַנטיסעמיטיזם, האָבן זיי צוערשט ניט פאַרשטאַנען, וואָס כ'מיין מיט דעם. ווען כ'האָב זיי דער־קלערט די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן „פרעמד וואָרט", האָבן זיי דאָס אַנגע־רופן מיט אַ פשוטן (פּאָשעטן) נאָמען „רשעות" (רישעס), און מיר אויך גע־געבן ביישפּילן דערפון. זייערע ביישפּילן האָבן מיר אָבער באַוויזן, אַז אין פאַרגלייך מיטן צאַרישן רוסלאַנד אין 1907, און אפילו מיט אַזוינע קאָנסטי־טוציאָנעלע מאָנאַרכיעס, ווי דייטשלאַנד און רומעניע אין יענער צייט, איז די „רשעות" אין האָלאַנד פון 1907 ניט ווערט געווען דעם דאָזיקן נאָמען.

די אָרימע געטאָ־איינוואוינער האָבן זיך באַקלאָגט, אַז ווען אַ פור מיט יידן פאָרט אַרויס זומער פון שטאָט, צו פאַרברענגען אין פרישער לופט, טייטלט מען אויף זיי מיט די פינגער, אַז די „יאָדן" (יידן) זיינען אַן אַ צאָל און לעבן אַלע אין רייכקייט און גליק.

אַ סך געסט און דעלעגאַטן צו דעם ציון־קאָנגרעס און די פּועלי־ציון קאָנפערענץ אין האַאַג, אין 1907, זיינען דאָרט ניט געווען צופרידן צוליב דער שיינקייט און ריינקייט. די שיינע האָלענדישע הויפּט־שטאָט מיט אירע פילע קאַנאַלן, וועלכע דערמאָנען די איטאַליענישע ווענעציע; דאָס צוואָגן און באָדן יעדן פרימאָרגן די גאַסן און די הייזער, גיט האַאַג אַ יום־טובדיקן אויס־זען אין אַלע טעג פון וואָך. דערצו פלעגן מיר אויך האָבן באַזאַטונגען אין שכעווניגען, דעם רייכן זומער־פּלאַץ ביים ים.

די דאָזיקע רייכקייט און שיינקייט איז אָבער געווען פאַר אונדז אַ חסרון. מיר האָבן ניט געקאָנט געפינען אַזוי לייכט ווי אין באַזעל אַ פּאַסנדיקן פּלאַץ, וואו צו עסן, און די מאכלים און געטראַנקען צו וועלכע מיר זיינען געוואוינט.

אין רעסטאָראַן וואו כ'פלעג עסן מיטאָג צוזאַמען מיט דער יידישער איני־טעליגענץ פון מזרח און מיטל־אייראָפּע, האָט די האָלענדישע דינערשאַפט אונדז אַלעמען אָנגערופן „ברויט־עסער". זיי האָבן זיך געוואונדערט צו וואָס מיר באַנוצן ברויט, ווען מ'קאָן אַלץ עסן מיט קאַרטאָפל און גרינסן.

מ׳האָט זיך אויך ניט געקאָנט צונויפריידן מיט דער באַפעלקערונג, ווי אין באַזעל, דורך „קאָנגרעס דייטש״ און אפילו ניט דורך דעם בעסטן ווינער אָדער בערלינער דייטש. נאָר אָט דער חסרון האָט געהאַט זיינע מעלות.

די הויפּט מעלה איז געווען, וואָס דאָס יידישע מאַמע־לשון איז געוואָרן ביי די יידישע געסט און דעלעגאַטן פּונקט אַזאַ מיוחס, ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן, ניט נאָר אין גאַס און אין די קולואַרן פון קאָנגרעס־זאַל, נאָר אַפילו אויך אויף דער רעדנער־טריבונע, וואו מ׳האָט דאָרט צום ערשטן מאָל געלייענט באַדייטנדיקע רעפעראַטן אין יידיש, וועלכע וואָלטן אַמאָל געמוזט געהאַלטן ווערן אין דייטש. אין אַ געוויסער מאָס האָט דערצו נאָך מיטגעווירקט די רוסישע רעוואָלוציע פון 1905, וואָס ניט געקוקט אויף איר דורכפאַל, האָט זי דאָך שטאַרק אויפגעהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און איר שפּראַך, — יידיש, צווישן דעם מיטל־קלאַס. מען האָט דאַרום אַ סך גערעדט אין יידיש און די מער־ווייניקער רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן האָבן זיך שטאַרק געלאָזט פילן אויפן קאָנגרעס אין האַאַג. דער הייפל סאָציאַליסטן־ציוניסטן פילט זיך דעריבער גענוג מוטיק אפילו צו אָרגאַניזירן זיך דאָרט אין אַ פאָרשטייערשאַפט פון אַ סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן „וועלט־פאַרבאַנד״. די גרינדער פון אָט דעם וועלט־פאַרבאַנד זיינען געווען (לויטן אַלף־בית): י. אַפּעלבוים, בער באָראָכאָוו, יצחק בן צבי, ל. בערלינרוט, נתן (נאַטאַן) גראָס, וויטעבסקי, יצחק זאַר, אַלעקסאַנדער כאַשין, קלמן מרמר, ניר (ראַפּאַלקעס), בעלאַ פּאָזנער, שלמה קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, לעאָן קאָפּעלאָוויטש, יעקב קענער, דר. מאַקס ראָזענפעלד, י. שוחט (שאָכעט) און אַנדערע, מיט וועלכע כ׳בין פּערזענלעך ניט געוואָרן באַקאַנט און בין ניט זיכער מיט זייערע נעמען, כאָטש מיר זיינען פאָטאָגראַפירט אויף אַ גרופּן־בילד פון 24 פּערזאָן.

דער סקולפּטאָר באָריס שאַץ, דער גרינדער פון דער קונסט־שול „בצלאל״ אין ירושלים, און דער דיכטער חיים נחמן ביאַליק, זיינען מיר נאַטירלעך געווען גוט באַקאַנט. נאָר פּערזענלעך טרעף איך זיך מיט זיי צום ערשטן מאָל אין האַאַג אין אויגוסט, 1907.

מיטן פּראָפעסאָר שאַץ ווער איך באַלד אינטימע פריינט. ער ווערט אויך, אַזוי ווי י. ח. ברענער, פאַרליבט אין מיין קינד שמואל און פירט זיך אָפּט אַרום מיט אים.

ביאַליק איז נאָך דעמאָלט ניט געווען צופרידן מיט זיינע איבערזעצער אין יידיש, אפילו ניט מיט י. ל. פּרצעס איבערזעצונג פון זיין „אין דער שחיטה־שטאָט״, און ער איבערזעצט עס נאָכדעם אַליין.

אַרומשפּאַצירנדיק מיט ביאַליקן און יעקב קאַהאַנען, דעם דעמאָלט יוגנטלעכן העברייאישן דיכטער, וועלכן כ׳האָב נאָך געקענט ווי אַ סטודענט אין בערן, האָבן מיר אַלע דריי, צוליב ביאַליקס באַריידעוודיקייט, נאָך אַ

האָר פאַרזאַמט צו פאָטאָגראַפירן זיך מיט אַלע יידישע שרייבער אין אַ גרופּן־בילד. אַלע זיץ־פּלעצער זיינען שוין געווען פאַרנומען. ביאַליק שלאָגט פאָר, אַז מיר זאָלן זיך אַלע דריי זעצן אויפן גראָז, צופוסן פון די, וועלכע זיצן אויף די שטולן. זיצן מיר דאָרט: דער יינגסטער, יעקב קאַהאַן אין מיטן; ביאַליק — רעכטס, און איך — לינקס. הינטער אונדז דריי, פון רעכטס צו לינקס זיצן: נחום סאָקאָלאָוו, מרדכי עהרנפּרייז, ראובן ברײנין און פּראָפעסאָר שאַץ. ביאַליק זיצט מיט זיין הוט אויפן קאָפּ, יעקב קאַהאַן און איך, וועלכע האָבן נאָך דעמאָלט געהאַט לאַנגע האָר, זיצן אָן היטלען. די אַנדערע אין דער ערשטער ריי, רעכטס פון פּרעזידענט, דוד וואַלפסאָן, זיצן דר. אַלפרעד נאָסיג, לעאָ ווינץ, רעדאַקטאָר פון דעם דייטש־יידישן קונסט־זשורנאַל, „אָסט און וועסט", נחום סלושץ, מאָלער פּיליכאָווסקי, שמריהו לעווין און בערטאָלד פייוול, דער איבערזעצער פון מאָריס ראָזענ־פעלדס לידער אין דייטש.ביים סאַמע ברעג שטייט דער יוגנטלעכער, אברהם קאַראַלניק, דער איינציקער דאָרט מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל...

אויפן בילד, וואָס געפינט זיך נאָך אין מיין אַרכיוו, דערקען איך איצט, אין 1951, דעם פּעליטאָגיסט א. לעווינסקי, מרדכי בן הלל הכהן, דעם היסטאָריקער דר. בערענפעלד, משה קליינמאַן, מיין בערנער חבר — דר. י. מ. זאַלקינד, דעם איבערזעצער פון תלמוד אין יידיש; דר. נעמיראָווער פון רומעניע, דעם מאָלער הערמאַן שטרוק, ישראל בעלקינד, דר. יוסף לוריע און די זשורנאַליסטן א. חרמוני, סאַלדורא — קאָרעספּאָנדענט פון דער רוסישער צייטונג, „ריעטש", ב. שעלווין, באַגראַטשאָוו פון יפו און אַ יונגער דעלעגאַט, וועלכן מ׳האָט אָנגערופן מיט אַ צונעמעניש „מאַרקאָ פּאָלאָ", צו־ליב זיינע וויטע רייזעס צופוס.

קאַפּיטל הונדערט און איין און פופציק

איך פאַרלאָז האָלאַנד אויפן וועג צו ארץ־ישראל

אַז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט (מאָנטיק באַגינען, דעם 18־טן נאָ־ וועמבער) אין פּאָרט פון ביירוט, איז נאָך געווען פינצטער. דער ים איז געלעגן רואיק. זיינע כוואַליעס האָבן זיך געוויגט לאַנגזאַם און עפּעס גע־ מורמלט שטיל און געהיימניספול. פון דער טיפער פינצטערניש האָבן אַרויס־ געשיינט אומצייליקע ליכט־שטראַלן, וועלכע האָבן דערגרייכט אַזש הויך אין הימל אַריין און זיך פאַרמישט מיט די פינקלדיקע שטערן. עס האָט אויס־ געזען, אַז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסער שטאָט, געבויט אויף אַ ריזיקן באַרג. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלעשן די שטערן פון הימל און דאָס ליכט אויף דעם באַרג. דער טיף־בלויער הימל איז גע־

וואָרן העלער און האָט אָפּגעטיילט באַרג פֿון טאָל. עס האָט זיך באַוויזן אַ הויכער טונקל־פֿיאָלעטער באַרג, איבער וועלכן עס דערהויבן זיך אומגעהויערע שוואַרצע ריזן, הויך אין הימל אַריין. צופֿוסן פֿון באַרג צאַנקען נאָך פֿייערלעך און פֿון נעפּל שיינען אַרויס מאָסן אָריענטאַלישע און אייראָפּייִשע געביידעס, אַרומגערינגלט מיט הויכע שוואַרצע פֿלעקן, אין דער נאַכטלעכער געשטאַלט פֿון ציפּרעסן און פּאַלמען.

איך שטיי אויף דעם דעק פֿון שיף און טרוים: ליכט און פֿינצטערניש ראַנגלען זיך אין מיין געמיט. אַ ווילע ווערט אין מיר ליכטיק און איך זע זעאונגען פֿון דער ווייטער גליקלעכער צוקונפֿט. אַ ווײַלע ווערן אַלע ליכטער אויסגעלאָשן און איך הער נאָר דעם יאָמער פֿון דער קעגנוואַרט. נאָר אין מיטן פֿון מיינע חלומות באַגעגנט מיך אַ ליכטיקער שטראַל: פֿון דער הויך פֿון די בערג זאָגט ער מיר אָן דאָס קומען פֿון אַ נייעם טאָג. פֿאַר מיינע אויגן באַווייזט זיך אַ ניי בילד:

דער טיף־בלויער ים איז איינגעשלאָסן אין אַ האַלב־רונדן קראַנץ פֿון ריזיקע בערג, וועלכע זיינען ערטערווייז באַדעקט מיט גערטנער און וועלדער, פֿון וועלכע עס הויבן זיך אַרויס קליינע און גרויסע גרופּעס ווייסע הייזער. פֿון די שפּיצן בערג קוקן אַרונטער פּרעכטיקע פּאַלאַצן און פֿון ווייטן, איינגעוויקלט אין פּיאָלעט, שטייען געוואַלטיקע ריזן, וועמעס גרייזגרויע קעפּ עס זיינען באַדעקט מיט דעם ווייסן, אייביקן שניי.

ביים אָנבליק פֿון דער בליסטשענדיקער ווייסקייט, פֿירט מיך מיין דמיון צוריק צו די שווייצער אַלפּן. איך פֿיל פֿונדאָסניי די שטאַרקע בענקשאַפֿט צום הימל־הויכן גלעטשער און מיין האַרץ איז פֿול מיט דעם יוגנטלעכן וואונטש אַרויפֿצושטייגן צו דער הויכער הימלשער ווייסער דינקייט און פֿון דאָרט אַרונטערקוקן, ווי אַזוי עס זעט אויס די שוואַרצע ערד מיט אירע ברואים.

אויף דעם בלויען הימל האָבן דערווייל אַרויסגעשפּראָצט רויטע בלומען. באַלד האָבן זיי זיך אויסגעשפּרייט אין גאַנצע פֿעלדער רויטער מאָן און נאָכדעם זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ בלוטיקן מבול. די הויכע ריזן זיינען אַרויסגעטראָטן פֿון אונטער דעם בלויען וואָלקן און זיך באַוויזן אין זייער שטאָלצער קופּער־פֿאַרביקער געשטאַלט. די ווייסע קעפּ באַפּוצט מיט ראָזיקן טול. אַ ווילע זיינען זיי געווען נאָענט צו ווערן דערטרונקען אין רויטן הימל־ים, אָבער תיכף איז דערשינען אויף דעם קאָפּ פֿון אַ ריז אַ פֿייערדיקער רינג, וועלכער איז באַלד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿייערדיקן שילד. דער רויטער ים האָט זיך געשפּאָלטן, דאָס רויט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין ראָז און איז צעשוואומען אין דער בלויער אומענדלעכקייט. הויך איבער די ריזן מיט זייערע פֿינקלדיק־בריליאַנטענע קרוינען האָט זיך דערהויבן אַ גרויסע שיינענדיקע זון און די דופּטנדיקע לופֿט איז פֿול געוואָרן מיט ליכטיקע און וואַרעמע שטראַלן.

פול מיט יראת הרוממות שטיי איך באַוועגלאָז אויף מיין פּלאַץ. מיינע אויגן זיינען געווענדט צו די בערג און ריידן:

„זיי געגריסט, דו שטאָלצער לבנון, מיט דיינע „וואויינונגען פון לייבן", און „בערג פון לעמפּערטן!" אָט פון דיינע דופטנדיקע בשמים־בערג האָט עס די שיינע שולמית אַרונטערגעבראַכט דעם „לבנון־ריח" פון אירע קליי־דער, מיט וועלכן זי האָט געפאַנגען דאָס האַרץ פון דעם פּאַרצייטיקן יידישן „שיר־השירים" זינגער... אָט צו דיינע הויכע צעדערן האָט דאָס שולמית פאַרגליכן איר געליבטן פאַסטוך! און פון דיינע וועלדער האָבן דאָס מיינע יידישע אור־אור־עלטערן זיך אויסגעבויט אַ וואונדער־שיינעם בית־המקדש, וואו זיי האָבן געמאַכט רוען זייער שכינה: זיי געגריסט, דו פּראַכטפולער חלום פון מיין קינדהייט!"

אין ביירוט האָט מען אונדז געהאַלטן דריי טעג קאַראַנטין. לויט דעם געזעץ, האָט מען אונדז געזאָגט, דאַרפן מיר אַרונטערגיין פון שיף און פאַר־ברענגען אין דער קאַראַנטין־סטאַנציע די גאַנצע דריי טעג. דאָך האָט מען אונדז אָפּגעפּטרט מיט נאָר אַ פּאָר שעה. אין דער קאַראַנטין־סטאַנציע האָט מען פון יעטוועדרן פּאַסאַזשיר פאַרלאַנגט פיר פראַנק פאַר דעם „סאַניטעטס־ראַט". פון די אַראַבער האָט קיינער ניט געצאָלט. אפילו די גרויסע סוחרים וואָס האָבן געפירט מיט זיך אַ באַדייטנדיקן טראַנספּאָרט פון קאָקאָס־ניס און האָבן ביי זיך געהאַט זעקלעך מיט גאָלד, האָבן אויך געענטפערט „מאַפיש מאַסארא!" (ניטאָ קיין געלט) און גענוג. נאָר די פרעמדע און די פּאָר ירושלימער אַריסטאָקראַטן, וועלכע זיינען געפאָרן ערשטע קלאַס האָבן גע־צאָלט. די יידישע אַרבעטער האָט מען ניט געגלויבט אויפן וואָרט און מען האָט זיי אויסגעטרייסלט אַלע קעשענעס. אָבער זיי זיינען געווען די איינציקע פּאַסאַזשירן ביי וועלכע עס איז באמת געווען „מאַפיש מאַסארא"...

קומענדיק צוריק אויפן שיף האָבן מיך באַגעגנט צוויי טערקישע זשאַנ־דאַרמען און געבעטן „באַקשיש" — דאָס הייסט אי אַ „מתנה" און אי "כאַבאַר". „למאי קומט אייך באַקשיש?" האָבן די יידישע אַרבעטער זיי פּאַר מיר געפרעגט. און די זשאַנדאַרמען האָבן געענטפערט בתמימות: „ס'אַראַ פראַגע דאָס איז? על־פּי דין דאַרף מען מיטנעמען דעם גאַנצן באַגאַזש צו דער קאַראַנטין־סטאַנציע און מאַכן דאָרט פון זיי אַ תל דורך דאָס פּאַ־רענען, אַ חוץ וואָס מען גנבעט אַראָפּ. מיר האָבן זיך געמאַכט ניט זעענדיק, אַז די זאַכן זיינען פאַרבליבן אויפן שיף, און מיר האָבן נאָך געהיט, אַז די וואָס זעען דאָס זאָלן עס ניט צו לקחנען". די דאָזיקע אַרגומענטן זיינען פאַר מיר געווען איבערגענוג און איך האָב ווידער געצאָלט.

זיך זעצענדיק אויפן שיף אין פּאָרט סאַאיד האָב איך געמיינט, אַז די רייזע פון דאָרט קיין יפו וועט דויערן נאָר אַכט שעה, און כ'האָב גאָרניט

מיטגענומען צום עסק. אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן האָבן געפירט מיט זיך צו עטלעכע קערב מיט עסנוואַרג. איך האָב דאָרום געמוזט אַלץ קויפן אין בופעט, וואו דער גריכיש־קאַטוילישער רעסטאָראַטאָר האָט געשונדן די הויט, וואו די מקחים זיינען געווען צו הויך אפילו זיי באַרעכענענדיק אין אַמעריקאַנעם דאָלאַר. אַז דאָס אויסגעביטענע געלט האָט זיך געענדיקט און עס איז מיר נאָר געבליבן מיין טשעק אויף דער יידישער קאָלאָניאַל באַנק אין ארץ־ישראל, האָט איינער פון די קאָקאָ־ניס סוחרים — דורך דער פאַרמיטלונג פון די יידישע אַרבעטער — מיר געליען גענוג געלט ביז יפו. איך האָב געפרעגט אויב ער וויל פּראָצענט? האָט ער זיך שטאַרק באַליי־דיקט און געענטפערט:

— איך בין, אַ דאַנק גאָט, ניט קיין גאַטלאָזער „כופר", דאָך אויב דער „פרענדזשי" (אייראָפּייער), וועט מיר וועלן געבן אַ „באַקשיש", למשל, אַ פּעקל שמעק־טאַבאַק, וועל איך עס אָננעמען מיט אַ דאַנק."

אויפן דריטן טאָג האָט דער צאַרישער שיפס־קאַפּיטאַן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אָפּצופאָרן קיין יפו. די הכנות דערצו האָבן געדויערט סך־הכל נאָר איין טאָג... צו אונדזער גליק האָט זיך דער קוילן־לאַגער ניט מער אָנגעצונדן, און אויפן פערטן טאָג זיינען מיר אָפּגעפאָרן בשלום קיין יפו.

אין ביירוט זיינען צוגעקומען פּאַסאַזשירן. איינער פון זיי אַ רוסיש־יידישער סוחר וועלכער וואוינט אין ביירוט, האָט מיך געפרעגט:

— מה שמיכם, פון וואַנען און וואוהין?

— פון אַמעריקע קיין ארץ ישראל, — האָב איך געענטפערט.

— רעדט זיך ניט איין קיין פויגעלעך אין בוזעם, — האָט ער איראָ־ניזירט. — איר פאָרט ניט קיין א ר ץ י ש ר א ל, נאָר קיין א ר ץ י ש מ ע א ל!

און ער האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן וויפל ער האָט זיך אויסגע־ליטן אין ביירוט פון די טערקישע באַאַמטע, וועלכע ווערן ניט מיד מאָנענ־דיק באַקשיש. ער איז אַ באַדייטנדיקער סוחר, דאָך יעטוועדעס מאָל, אַז ער דאַרף פאָרן פון ביירוט קיין יפו מיטן ים, קומט עס אים אָן מיט גרינע ווערים. אין יפוער פּאָרט לאָזט מען אים ניט אַריין אָן אַ ספּעציעלע „תזכרה" (טאַזקערא, פּאַספּאָרט) און די ביירוטער פּאָליציי פאַרלאַנגט דערפאַר אַ פעטן באַקשיש. תמיד פאָרט ער צוליב אָט דעם טעם מיט דער באַן, איבערן לבנון און דמשק, קיין חיפה און פון דאָרט מיט דער פור קיין יפו, הגם די רייזע דויערט אים מיט צוויי טעג לענגער און קאָסט אים טאָפּלט. אָבער דאָס מאָל מוז ער זיין אין צוויי טעג אַרום צוריק אין ביירוט און ער איז געווען גע־צוואונגען צו געבן דעם פאַרלאַנגטן באַקשיש, אַבי צו באַקומען אַ „תזכרה" פאַר יפו.

— אַז דאָ איז אַזוי שלעכט, פאַרוואָס פאָרט איר ניט צוריק קיין רוס־לאַנד? — האָב איך אים געפרעגט.

— זאָג איך איך דען, אַז דאָ איז ערגער ווי אין צאַרישן רוסלאַנד ? —
האָט ער געענטפערט, — ניין, איך וועל שוין קיין רוסלאַנד צוריק ניט פאָרן. אמת, איך האַלט זיך בײַ דאָס מייניקע, אַז דאָ איז ניט ארץ ישראל נאָר ארץ ישמעאל. געדענקט עס! אָבער דער „פעטער ישמעאל" איז ניט קיין „עשו". ער פאַרלאַנגט ניט דעם „נפש" נאָר דאָס „רכוש". גיב אים באַקשיש און דו ביסט ווי בײַ זיך אין דער היים. ניטאָ פאַר מיר קיין אויסנאַמעס און „פראַ־צענטן". איך מעג דעמאָלט פאָרן וואוהין איך וויל, זיך באַשעפטיקן מיט וואָס מיין האַרץ גלוסט. מיינע קינדער קאָן איך דאָ דערציען בעסער ווי אין צאַ־רישן רוסלאַנד. די קינדער־שולע איז ניט טערקיש און דאָרט בין איך אויך פטור פון באַקשיש..

אויפן אַכטן טאָג (פרייטיק דעם 22־טן נאָוועמבער) — אָנשטאָט אויף דער אַכטער שעה — איז די צאַרישע שיף („צאַרעוויטש") אָנגעקומען פון פאָרט סאַאיד קיין יפו.

יפו שטייט אויף אַ בערגל און זעט אויס פון וויטן ווי אַ גרויסע ווייסע פעסטונג פון וועלכער עס שטעקן אַרויס שפּיץ טורעמס, די מאָשעען. פון ביידע זייטן שטאָט ציען זיך לאַנגע געלע זאַמדיקע פאַסן. אָנשטאָט אַ פאָרט זעען זיך שוואַרצע שטיינערנע פאַרזעעניש, אין וועלכע עס צעקלאַפּן זיך די כוואַליעס אין ווייסן שוים. די שיף בלייבט שטיין פון וויטן. דער קאַ־פיטאַן האָט מורא צו זיין מיט איר צו נאָענט פון די שוואַרצע משחיתים. דער ים רוישט און שטורעמט, די שיף וואַרפט זיך מוראדיק און אין האַרצן איז אומעטיק.

אונדזער שיף ווערט אַרומגערינגלט פון לאָדקעס. פון אַלע זייטן שטייגן צו אונדז אַרויף די פאַרטרעטער פון אַגענטורן און האָטעלן, די דראַגאָמענער (איבערזעצער) פון די קאָנסולאַטן און די שיפער גופא. עס ווערט גערעדט אין אַלע שפּראַכן און עס וואַרפט זיך אין די אויגן די שפּראַכן־קענטשאַפט פון די אָריענטאַלן. באַרוועסע אַראַבישע שיפער ריידן ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, רוסיש, גריכיש, שפּאַניש, יידיש און אפילו העברייאיש.

אויפן שיף ווערט אַ תהו־ובהו. אַפּגעריסענע אַראַבער לויפן מיט די פעקלעך און נאָך זיי די פאַסאַזשירן. אַלע שרייען, מאַכן מיט די הענט און עס דוכט זיך, אַז באַלד וועט אויסברעכן אַ בלוטיקער געשלעג. אָבער דאָס דוכט זיך נאָר. בעת איך גיב איבער מיינע זאַכן צום פאַרטרעטער פון אַ יידישן האָטעל („קאַמיניץ"), קומט פלוצלונג אָן אַ „קאַוואַס" (פּאָליציאַנט) פון דעם אַמעריקאַנישן קאָנסול און מאָנט, אַז דער „דזשאַב" — מיך אַרונ־טערצונעמען פון שיף געהערט צו אים. די אַראַבישע פאַסאַזשירן האָבן אים געזאָגט, אַז איך פאָר פון אַמעריקע, און ער וועט דאַרום ניט לאָזן, אַז אַן אַמעריקאַנער זאָל געפירט ווערן פון שיף דורך אַ פרעמדן. אַ באַקשיש און

אַ „הבטחה לעתיד לבוא״ (צוזאָג אויף שפּעטער) האָט געמאַכט אַ סוף צו דער קריגערײַ.

אין דעם שיפל איז געפּאַקט. מיר זײַנען צען פּאַסאַזשירן און ווערן געפירט פון פיר העלדישע אַראַבישע שיפער. דער ים ברויזט און שטורעמט, די „קעסל גריבער״ זידן און קאָכן; די כוואַליעס שפּילן זיך מיט אונדזער שיפל, גיבן איר אַ הויב אין דער לופטן און לאָזן עס אַרונטער מיט כוח, אַז עס קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. די פיר אַראַבישע גבורים זײַנען באַגאָסן מיט שווייס, דאָס רוב פּאַסאַזשירן העלפן ביים רודער און די קורצע שטרעקע דויערט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג. שטאַרקער קלאַפּן די הערצער בעת מען פּאָרט אַרײַן פון בלויען ים אין דער ווייסער „מילך שטראָסע״, אינעם ווײַסן שוים, צווישן די שוואַרצע פּאַרזענישן. אַ קאַלטער שווייס באַדעקט דעם שטערן, און די סעקונדן ציען זיך ווי שעה'ן.

פון צאַל־אַמט צום ים הענגט אַ שמאָלע טרעפּ. די כוואַליעס פירן דאָ אָן זייער שפּיל אין פולן גאַנג, און קיין פּאַסאַזשיר וואַגט ניט דעם שפּרונג פון שיפל צום טרעפּ. צוויי שיפער שטעלן זיך אויף דער טרעפּ און די אַנדערע צוויי דערלאַנגען זיי איינציקווייז די פּאַסאַזשירן.

אַרויפקלעטערנדיק צום צאָל־אַמט האָט מיך אויפן „פּיער״ באַגעגנט אַ טערקישער באַאַמטער און זייער העפלעך, אין פראַנצויזיש, געפרעגט אויף אַ פּאַספּאָרט. ער האָט שנעל באַטראַכט די אונטערשריפט פון טערקישן גענעראַל־קאָנסול אין ענגלאַנד אויף מיין פּאַס, און האָט מיר דערקלערט, אַז דער פּאַספּאָרט בלייבט פאַרלויפיק אין צאָל־אַמט (טאַמאָזשנע) און איך וועל באַקומען אַ טערקישע „תזכרה.״

אַ טרעגער האָט מיך געפרעגט צי בין איך מרוצה צו געבן באַקשיש כדי דער צאָל־אַמט זאָל ניט דורכקוקן מיין באַגאַזש. איך האָב געפירט מיט זיך אַ סך ביכער, וועלכע דאַרפן על־פי טערקישן דין איבערגעגעבן ווערן דעם צענזאָר, אַ חוץ מיין „געווער״ און „אַמוניציע״ (אַ רעוואָלווער מיט קוילן), וועלכע זײַנען שטרענג פאַרבאָטן אַרײַנצופירן. איך האָב מיך דאַרום כלל ניט געדונגען און אויסגעצאָלט, פאַר 260 פונט באַגאַזש, גאַנצע צוויי פראַנק (40 סענט) באַקשיש.

צוויי אַראַבישע טרעגער האָבן פאַראויס געטראָגן מיין באַגאַזש. דער געדרענג און די ווילדע קולות פון „קאָסטאָם־הויז״ האָבן מיך באַגלייט ביז צו די ענגע אומריינע גאַסן ביים ברעג ים. די הייזער דאָרט זײַנען געבויט פון ערד־קאָלירטע שטיינער און זעען אויס ניט איבעריק שיין. אַנדערע זײַנען געטינקעוועט און געקאַלכט. פאַראַן אויך אַזעלכע וועלכע זײַנען נישקשה־דיק באַצירט און באַפאַרבט. די פאַראַדנע גאַס, וואו דאָס קאַמיניץ־האָטעל שטייט, איז ברייטער און ריינער. דאָרט שטייען אויך אַ סך נײַע הייזער געבויט אינעם אייראָפּייאישן סטיל, אָבער דער אַלגעמיינער איינדרוק, איז ווייניק דערקוויקנדיק.

אַראָפּגעשטעלט די זאַכן אין האָטעל, גיי איך גלייך צום אינפאָרמאַציע־אַנס ביוראָ. דאָרט דערוויס איך זיך אַ סך אינפאָרמאַציעס, וועלכע וואָלטן מיר פריער געקאָנט נוצלעך זיין. מיין גאַנג איז דאָך ניט אומזיסט. חברים פרעגן זיך נאָך אויף מיר. באַלד קומען די פירער און איינער ווענען איך קאָן נאָך פון האַאַג. עס ווערט אַ געקושערייי און מען וויל מיך פירן ווייזן די שטאָט מיט אירע איינוואוינער.

— אָבער קודם כל מוזט איר, — זאָגט איינער — אָפּנעמען אייערע זאַכן פון „בורזשואַזנעם" האָטעל. קיין פּראָלעטאַריער וועט אייך ניט קומען באַזוכן אין קאַמיניצעס האָטעל.

— ווילט איר ווערן נעענטער באַקאַנט מיט דער היגער יידישער אַר־בעטערשאַפט, אַזוי מוזט איר זיך אַריבערקלייבן אין ספּעקטאָרס פּראָלע־טאַרישן האָטעל, — רעדט צו מיר אַ צווייטער.

— ביי ספּעקטאָרן וועט איר האָבן אַ חוץ די אַרבעטער נאָך אייערן אַן אַמעריקאַנער, — גיט מיר אונטער חשק אַ דריטער. — דאָרט שטייט אויך איין אייערער אַן אַמעריקאַנער אינזשיניער גאָלדמאַן.

נאָך איידער איך האָב צייט זיך מישב צו זיין, באַווייזט זיך שוין אַ חבר אין דער באַגלייטונג פון אַ טרעגער און הייסט אים אָפּנעמען מיינע זאַכן. איך שטייג אַרויף די טרעפּ פון האָטעל צו מעלדן מיין אַרויסקלייבן זיך. די חברים דערוואַרטן מיך אונטן. באַלד שטייט שוין צווישן אונדז דער „נאָטאַל" (טרעגער), אַ קרעפּטיקער מאַן מיט ברייטע פּלייצעס. זיין ברוין געזיכט איז איינגעפּאַסט אין אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, זיינע פּיס באַרוועס און זיין קאָפּ איז פאַרוויקלט מיט אַ טורבאַן. ער טראָגט אויף זיך די משא פון צוויי אַראַבער און גייט גיכער פון אונדז. ער רעדט „בעלאַשן האַקאָדעש" (אין העברייאיש) און דערציילט מיר, אַז זיין נאָמען איז פּנחס פון שבט שמעון, און ער קומט פון אשור, טאַקע פון דער פאַרצייטיקער שטאָט נגוה (ניגווע), וועלכע הייסט היינט מאָסול.

— אין נגוה, באַרימט ער זיך, — זיינען פאַראַן צענדליקער טויזנטער יידן וועלכע שטאַמען אָפּ פון די „עשרת השבטים" (צען פאַרלאָרענע שוואַ־טים). — אַזוינע ווי ער, זאָגט ער, זיינען דאָרט פאַררעכנט פאַר „חגבים" (ער מיינט קאַרליקעס)...

ער לויפט ווי ער וואָלט גאָר אויף זיך ניט געפילט די משא. איך פרעג אים הלמאי ער איילט זיך.

— די זון איז שוין נעענטער צו מערב ווי צו מזרח און איך אייל זיך צו באַגעגענען וואָס פריער דעם הייליקן שבת, — האָט ער געענטפערט.

— און עס איז דאָ נאָך אַ טעם, — האָט ער מוסיף געווען און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געלויכטן מיט גליקזעליקייט: — איך האָב אויף אָט דעם רווח (רעוואַך) גאָרניט גערעכנט. איך וויל דאַרום אויף גיך לויפן אַהיים און זיך איינשאַפן נאָך אַ פּאָר געריכטן לכבוד שבת.

ספעקטאָרס פּראָלעטאַרישער האָטעל (וועלכער איז שפּעטער געוואָרן פּאָפּולער דורך דער באָמבאַרדירונג פון טערקישע זשאַנדאַרמען אויף יידישע אַרבעטער), איז באַשטאַנען פון איין גרויסער שטוב, וואָס האָט געדינט פאַר אַן עס־צימער און קאָנצערט־זאַל. איןביידע זייטן שטוב האָבן געפירט טירן צו די שלאָף־צימערן פון די געסט, וועלכע זיינען געשלאָפן צו דריי־פיר אין אַ צימער. דער גרויסער הויף איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט קאָלירטע שטיינער און זומער איז דאָרט געווען אַ מין גאָרטן־רעסטאָראַן, אַן עס־צימער אונטערן פרייען הימל.

אין אָט דעם פּראָלעטאַרישן האָטעל האָבן געגעסן און געגעסן נאָר די פּראָלעטאַרישע „אַריסטאָקראַטיע״. פאַר דער גרעסערער צאָל אַרבעטער איז אויך אָט דער אָרימער האָטעל געווען צו טייער, וואָרעם זיין פּרייז (5 סענט פאַר נעכטיקן און צען סענט פאַר אַ מאָלצייט) זיינען געווען צו־הויך לויטן חשבון פון זייערע פאַרדינסטן . . .

— דאָס לעבן אין דעם האָטעל, — האָט מיר אַן אַרבעטער דערקלערט, — קאָן אַריינטרייבן אין צען פראַנק (צוויי דאָלאַר) אַ וואָך. ווי איז אָבער דער דין, אַז איך פאַרדין דורכשניטלעך ווייניקער ווי צען פראַנק אַ וואָך און דערצו דאַרף איך דאָך נאָך אַ שוך, אַ קלייד, וועש און קליינע הוצאות.

דאָס רוב פון די אָנוועזנדיקע אַרבעטער אין ספּעקטאָרס האָטעל זיינען געווען פּועלי־ציון וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אָנגערופן „סאָציאַל־דעמאָקראַטן״. די „פּועל הצעיר״ די נאַציאָנאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט אַן אַנדער „האָטעל״ — ברוך לייבס. אַז עס פלעגן אָנקומען „גרינע״ אַרבעטער, האָבן ניט נאָר די „האָטעלשטשיקעס״ נאָר נאָך מער די אַרבעטער־פּאַרטייען זיך באַמיט צו געווינען דעם „גרינעם״ פאַר דעם האָטעל וואו זיי זיינען היימיש. דער חילוק פון די פּאַרטייען איז דעם גרינעם אַרבעטער ווייניק באַקאַנט, און אַז ער קומט אַריין אין איינעם פון זייערע האָטעלן, בלייבט ער דאָרט אַ לענגערע צייט.

אַז מיינע נייע פריינט האָבן מיך געפירט ווייזן די שטאָט, איז שוין געווען נאַכט. אויף דעם טיף־בלויען הימל־ים האָט געשוואומען אַ גרויסע ליכטיקע לבנה און מיליאָנען גרויסע דימענטן האָבן אונדז אַרונטערגעפינקלט אַ גרוס פון די אומציילבאַרע וועלטן אין ווייטן הימל־רוים. אויף דער ערד איז געווען ווייניק וואָס מחיהדיקס צו זען. אין די גאַסן האָבן געברענט קליינע ליכטערנעטשקעס, זייערע געלע פלעמלעך האָבן זיך גאַנץ פאַרבלאַסט אין דעם העלן שיין פון דער לבנה. אין די ענגע אַראַבישע געסלעך זיינען געלעגן אָנגעוואָרפענע בערגלעך שמוץ, און ערטערוויז, דורך דעם שטראָם פון פּאַמויניצעס, נישקשהדיקע בלאָטקעס. אין אַ טייל בערגלעך שמוץ און בלאָטיקע לוזשעס האָבן זיך געוואַלגערט געפגרטע קעץ און עופות. אין אַ סך געסלעך זיינען ניט געווען קיין טראָטואַרן און מיר זיינען געגאַנגען אין מיטן בלאָטע.

מיר זײַנען נאָכדעם געגאַנגען פֿאַרבײַ ים. די לופֿט איז געװען אַ מחיה. די לבנה מיט די שטערן זײַנען אין טונקל־פֿיאָלעטן שטורעמדיקן ים צע־שפּאָלטן געװאָרן אין אומצײליקע ליכט־שטראַלן און דער אָנבליק פֿון די פֿילע פֿאַרשײדענע קאָלירן אין דער באַצװיבערנדיקער באַרגיקער װאַסער האָט מיר געמאַכט פֿאַרגעסן אין די אומרײנע געסלעך הינטער מיר.

מיר זײַנען געגאַנגען צװישן די אַפּעלסינען־גערטנער. די גאָלדענע עפּל האָבן אַרויסגעלויכטן פֿון דער װײַטן. אין אַ טײל גערטנער זײַנען געשטאַנען הויכע פּאַלמען, זײערע לולבים אויסגעשפּרייט הויך איבער די גערטנער אַזוי װי זײ װאָלטן זײ בענטשן.

„די פּערציק טויזנט דונאַם אַפּעלסינען־גערטנער, װעלכע רינגלען אַרום די שטאָט יפֿו", האָב איך געטראַכט, „ברענגען אַרײַן אין יעטװעדן הויז אומצײליקע כװאַליעס פֿון געזונטע דערקװיקנדיקע בשׂמים־ריחות. דער גרויסער בלויער ים שװענקט אָפּ זײַנע אומרײניקײטן און ברענגט נאָך צו־טראָגן גאַנצע מחנות װינטן מיט רײנער מחיה־נפֿשדיקער לופֿט. װי שײן און רײן װאָלט יפֿו געװען װען אירע מענטשן זאָלן זי האַלטן אַביסל שענער און רײנער."

קאַפּיטל הונדערט און צװײ און פֿופֿציק

חברים פֿירן מיך אַרום װײַזן יפֿו

שבת אינדערפֿרי, דעם 23־טן נאָװעמבער, 1907, האָבן חברים מיך װידער געפֿירט װײַזן יפֿו.

מיר זײַנען אַרויף די טרעפּ, װעלכע פֿירן צו דער אַלטער שטאָט. דאָרט װאוינען װײניק יידן, און אויך אָט די װײניקע געהערן צו די אַראַביש־רײדנדיקע „מוגראַבים" (מאַראָקאַנער).

אויפֿן װעג זײַנען מיר פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ צאָל מאַכמעדאַניש־אַראַבישע קינדער־שולן. דער לערער, אַ הויכער, דאַרער אַראַבער, איז געשטאַנען מיט אַ שטעקן אין האַנט און געשריען מיט קולות. די קינדער האָבן אים נאָכגעשריען. אַפּנים, אַז דאָס האָט ער מיט זײ געלערנט דעם „אלף־בית."

װײַטער אַביסל איז געזעסן אַ גרופּע גרעסערע קינדער געקוקט אין ביכלעך און אויסגעשריען הויך אײנצלנע װערטער. מײַן אײנדרוק איז געװען, אַז די אַראַבישע קינדער־שול איז אויסערלעך ענלעך צום יידישן חדר, װי ער איז געשילדערט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אַרויפֿגײענדיק אויפֿן באַרג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט בײַ עטלעכע אַראַבישע זײף־פֿאַבריקלעך. יעדע פֿאַבריקל איז באַשטאַנען פֿון אַ גרויסער

שוואַרצער שטוב, מיט אַן אָפּגעצאַמט ווינקל פון אַ ביוראָ („אָפּיס"), וואו ס'איז געזעסן דער פאַבריקאַנט אָדער זיין פאַרוואַלטער. אין איין זייט פאַב־ריק איז געווען אָנגעוואָרפן דער רויער מאַטעריאַל. און אין אַן אַנדער זייט — פאַרטיקע סחורה. גאָר אויבנאָן איז געשטאַנען די מאַשינעריע: אַן אויוון און אַ קובל.

מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען דעם פּאָרט און די אַרומיקע געשעפטס־הייזער פון עקספּאָרט און אימפּאָרט. כמעט אַלץ ליגט אין ניט־יידישע הענט. די יידן אין יפו, זעט אויס, האָבן דאָ איצט די זעלביקע באַשעפטיקונגען ווי אין די געטאָס פון „חוץ־לארץ" אָדער „גלות־לענדער". די נאָדל און דער אַל, די קראָם און דאָס צווישן־האַנדל זיינען אָפּנים אויך אין יפו דער הויפּט־קוואַל פון דעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן.

דעם שבת האָב איך באַמערקט אין די פאַרמאַכטע קראָמען אויף דער האַנדלס־גאַס, און אין דער שבתדיקער שטילקייט אין די עכט־יידישע געס־לעך. נאָר אויפן הויפּט־מאַרק און אין די פאַראַדנע גאַסן פון יפו איז דער שבת געווען ווייניק קענטיק.

לויטן חשבון פון דעם „יידישן (ציוניסטישן) אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ" האָט איצט יפו 50,000 איינוואוינער. דערפון: 32 טויזנט מאַכמעדאַנער, צען טויזנט קריסטן און אַכט טויזנט יידן. זי איז פאָרלויפיק דער נאָענט־סטער האַפן פון ירושלים. עס קומען דורך אים אַריין לעצטנס, יערלעך, אַ פּאָר צענדליק טויזנט פּילגרימס. אין דעם פּאָרט פון יפו שטעלן זיך אָפּ איבער 600 שיפן אַ יאָר. דאָס אַלץ מאַכט יפו פאַר דער וויכטיקסטער האַנדל־שטאָט אין דעם דעמאָלטיקן ארץ־ישראל.

אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון דעם 20־סטן יאָרהונדערט האָט באַ־טראָפן דער האַנדל פון יפו בערך 6 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. דער הויפּט־עקס־פּאָרט, די אַרטיקלען וועלכע ווערן אַרויסגעפירט פון יפו אינעם אַנהויב יאָרהונדערט, זיינען: אַפּעלסינען, קאַווענעס, שומשום (סעזאַם), אַליוון־אויל, זייף, פעל, וואָל, ווייַן און קאָניאַק. דער הויפּט־אימפּאָרט, די אַר־טיקלען וועלכע ווערן אין אָט די יאָרן אַריינגעפירט און יפו, זיינען: מאַנו־פאַקטור, רייז, צוקער, קאַפע, טאַבאַק, פעטראָלעאום, אייזן און געהילץ.

יפו איז אַ גאַנץ אַלטע שטאָט. זי ווערט שוין דערמאָנט אין די היעראָגליפן (די בילדער־שריפט פון אַלטן מצרים), נאָך איידער די יידן קומען קיין כנען. נאָכן ערשטן חורבן גייט אַריבער יפו צו ניט־יידישע פעלקער, ביז די מאַקאַבייער מאַכן זי ווידער פאַר אַ יידישער שטאָט.

קומענדיק פון מיין שפּאַציר איבער די גאַסן פון אַלט־יפו צוריק צו ספּעקטאָרס פּראָלעטאַרישן האָטעל, דערקען איך דאָרט דעם ווילנער דעלע־גאַט צו אַ פּאָר ציוניסטישע קאָנגרעסן אין דער שווייץ, וועלכן איך האָב געטראָפן אין באַזעל אין 1899 און אין 1903, מיכל האַלפּערין.

מיכל האַלפּערין האָט זיך פּאַר די לעצטע אַכט יאָר וויניק געענדערט. ער איז נאָך אַלץ דער הויכער קרעפּטיקער מאַן, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ קאָפּ לאַנגע, בלאָנדע האָר, נאָר זיין ברייטע בלאָנדע באָרד איז שוין אַביסל באַזילבערט און גיט אים דעם הדרת־פּנים פון אַ חשובן אַראַבישן שעיך. זיין התלהבות איז ווי פון אַ 17־יאָריקן רעוואָלוציאָנער אָקאָרשט־ערשט אַרונ־טערגעקומען פון די באַריקאַדן. ער טראָגט אַ רוסישע בלוזע מיט אַ גאַרטל, און אויף דעם — אַן „אבאיע", אַ בעדואינישן מאַנטל.

ער באַגריסט מיך מיט אַ האַרציקן שלום און איך דערמאָן אים פּריינט־לעך אַ קאָמישע פּראַזע פון זיין רעדע אויפן דריטן קאָנגרעס, זומער 1899:

„איך בין אופּאָלנאָמאָטשעט פאָן דער ראַבאָטשי קלאַס אינען צו קלאַדעווען, דאָס זי זינד גאָטאָוו צו זשערטעווען איר טרוד אויף דעם מזבח פאָן סיאָניזם."

(כ'בין באַפולמעכטיקט פון דעם אַרבעטער־קלאַס איך צו באַריכטן, אַז זיי זיינען גרייט מקריב צו זיין זייער פּראַצע אויפן מזבח פון ציוניזם).

האַלפּערין האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכל מיר דערקלערט, אַז כאָטש „געברעאיש" (העברייאיש) איז אים נאָך איצט אויך שווער צו ריידן, „זאַטאָ" (דערפאַר) קען ער שוין איצט ריידן אַ ריינעם יודיש". ער הויבט גלייך אָן מיר אַגיטירן פאַר זיין אידייע פון אַ „נאַציאָנאַלער פאָרם" און אַ „לגיון העם" (אַ יידישן פאָלקס־לעגיאָן). דערביי דערציילט ער מיר שטיק־לעכווייז, און אָן אַ סדר, זיין לעבנסגעשיכטע, וועלכע האָט מיר צוערשט גע־קלונגען פאַנטאַסטיש, נאָר פון זיינע בלויע אויגן האָט אַרויסגעשיינט קינ־דערשע תמימות, וואָס האָט מיך איבערצייגט, אַז ער דערציילט נאָר אַזוינס, וואָס ער גלויבט באמת, אַז אַזוי האָט דאָס פּאַסירט.

די העברייאישע גימנאַזיע אין יפו איז געגרינדעט געוואָרן פון אַ יחיד: דר. מעטמאַן כהן. שפּעטער ווערט זי אָנגעפירט פון דער געזעלשאַפט „אגודת הגימנסיה העברית בארץ ישראל". יעדער מיטגליד פון אָט דער העברייאישער גימנאַזיע־געזעלשאַפט האָט געדאַרפט איינמאָל איינצאָלן די סומע פון 50 דאָלאַר.

דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע, דער פריער־דערמאָנטער דר. מעטמאַן כהן און די צוויי לערער־דאָקטוירים, באַגראַטשאָוו און מאָסינזאָן, זיינען אַלע דריי געווען שווייצער־סטודענטן. עס האָט זיך דאָרום געפילט שטאַרק דער שווייצאַרישער איינפלוס אין דער העברייאישער גימנאַזיע פון יפו אין 1907. אַזוי ווי אין דער שוויץ, האָבן אויך אין יפוער גימנאַזיע געלערנט יינגלעך און מיידלעך צוזאַמען, און אַזוי ווי דאָרט, איז אויך דאָ די באַציאונג צווישן לערער און שילער געווען אַ חברשע.

די העברייאישע גימנאַזיע האָט געהאַט אַכט קלאַסן און דערצו אַ דריי־קלאַסיקע צוגרייטונג־שולע. די ערשטע פינף קלאַסן האָבן געגעבן די ביל־

דונג פון אַ קאַמערץ־שול. די לעצטע דריי האָבן צוגעגרייט צום פּאָלי־טעכניקום אָדער צום אוניווערזיטעט. די לערן־שפּראַך איז געווען העבּ־רייאיש. די פרעמדע שפּראַכן זיינען געוואָרן געלערנט אין זיי גופא. פראַנ־צויזיש און אַראַביש — אין אַלע אַכט קלאַסן. טערקיש — פון פערטן קלאַס אָן. דייטש און ענגליש זיינען ניט געווען קיין מוז. דאָך האָט מען פון דריטן קלאַס אָן אויך געגעבן לעקציעס אין דייטש.

אַ נייעס אין דער יידישער דערציאונג איז געווען דאָס לערנען חומש און תנ״ך אָן היטלען. די אָרטאָדאָקסן האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן אָט דעם איינפיר, וועלכן זיי האָבן באַטראַכט פאַר אַ „חילול השם״. נאָר די לערער זיינען געבליבן איינגעשפּאַרט און זיך געהאַלטן פעסט בּו זייער פּרינציפּ, אַז די גימנאַזיע דאַרף זיין פריי פון רעליגיע. חומש און תנ״ך זיינען געשיכטע און ליטעראַטור און דאַרפן געלערנט ווערן ווי אַלע אַנדערע לימודים אָן אַ צומיש פון רעליגיע. די רעליגיעזע דערציאונג האָבן די לערער זיינען געבליבן איינגעשפּאַרט און זיך געהאַלטן פעסט ביי זייער

צוליבן לערנען יידישקייט אָן היטלען, און דאָס לערנען צוזאַמען יינגלעך און מיידלעך, האָבן אַ סך אָרטאָדאָקסן ליבער געשיקט זייערע קינ־דער לערנען אין די אַסימילאַטאָרישע „אליאַנס״־שולן און אפילו אין די מיסיאָנערסקע. בּפרט אַז אין גימנאַזיע האָט מען געדאַרפט צאָלן שכר־לימוד, בעת די „אליאַנס״ און די מיסיאָנערן האָבן נאָך „צוגעצאָלט״, דורך זייער געבן פרעזענטן פאַר די קינדער.

די לערער אין גימנאַזיע זיינען אַלע געווען יידן און האָבן גערעדט העברייאיש, אַ חוץ דער לערער פון אַראַביש און טערקיש, וועלכער איז געווען אַן אַראַבער. דאָס רוב שילער זיינען געווען פון אַשכּנזיש־יידישע עלטערן. די ספרדישע קינדער זיינען געווען ווייניקער ווי צען פּראָצענט. נאָענט פון צוויי דריטל שילער זיינען געווען פון יפו אַליין. אַ פערטל פון אויס־לאַנד — סאַוט־אַפריקע, אַרגענטינע און רוסלאַנד (דער גרעסטער טייל). די איבעריקע זיינען געקומען פון די קאָלאָניעס, דאָס רוב פון ראשון לציון און פּתח תקוה.

אין גימנאַזיע ווערט אין 1907 געלערנט חומש, תנ״ך און תלמוד אַלס יידישע ליטעראַטור, פון אַ פרייען היסטאָריש־קריטישן שטאַנדפּונקט. די שפּעטערדיקע ליטעראַטור און די אַנטוויקלונג פון דער העברייאישער שפּראַך ווערט גרינטלעך שטודירט. די אַראַבישע שפּראַך ווערט געלערנט אויף וויפל זי איז נויטיק אין טעגלעכן לעבן. פראַנצויזיש ווערט געלערנט גרינט־לעך, אַזוי אַז די שילער מוזן קאָנען אָפּגעבן עקזאַמען אויף אַלע לימודים פון גימנאַזיע אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. די וועלט־געשיכטע ווערט געלערנט צוזאַמען מיט דער יידישער. דעם בּכבודיקסטן פּלאַץ גיט אָפּ די גימנאַזיע דער געשיכטע פון די אַלט־אָריענטאַלישע פעלקער און די יידישע געשיכטע אין מערב־אַזיע. אויפן זעלבן שטייגער ווערט אויך געלערנט

די געאָגראַפֿיע. זי הויבט זיך אָן מיט ארץ ישראל, טערקיי און די לענדער אַרום ים הגדול (מיטללענדישן ים). די לערער גיבן אָפּ אַ ברייטן פּלאַץ דער קאָמערציעלער געאָגראַפֿיע און איר שייכות צו ארץ ישראל. זיי גיבן אויך אָפּ אַ סך פּלאַץ פֿאַר מוזיק, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, און אויך אַ סך מי און צייט פֿאַר מאָלן און צייכענען. אַ טייל שילער גרייטן זיך אַריינצוטרעטן שפּעטער אין דער קונסט־שול „בצלאל". אַ זייער גוטן איינדרוק מאַכן די שילער ביי דער גימנאַסטיק. זייער לערער איז געווען אַ טיכטיקער יידישער סאָלדאַט, וועלכער האָט אַ חוץ גימנאַסטיק אויך געקאָנט גוט מושטירן. די שילער מאַרשירן ווי העלדן און באַוועגן זיך ווי אַרטיסטן.

אַז איך האָב צום ערשטן מאָל באַזוכט די העברייאישע גימנאַזיע אין יפו, בין איך ווי באַרוישט געוואָרן פֿון די קינדערשע שוואַרצע פֿינקלדיקע אויגעלעך. שפּעטער, אַז כ׳האָב באַזוכט די יידישע קאָלאָניעס, האָב איך זיך צוגעוואוינט צו די שוואַרץ־אויגיקע קינדער, אַזוי ווי צו די בלויע בערג, דעם העל־בלויען הימל און דעם טיף־בלויען ים. צום ערשטן מאָל אָבער האָט עס אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעך־טיפֿן איינדרוק. איך האָב פֿאַר זיך געזען אַזאַ בילד:

צענדליקער פּאָר שוואַרצע פֿייערלעך פֿלאַקערן פֿאַר מיינע אויגן. אויף אַ זייטיקער וואַנט פֿון דרויסן האָט זיך געזען דער שאָטן פֿון אַ לייטער און די ווייסע דאַכלאַזע וואַנט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם בלויען הימל און האָט אויסגעזען ווי אַ אומענדלעך הויכער בלויער מויער, אונטן ווייס באַצויגן.

איין קינד האָט געלייענט אַ קאַפּיטל תנ״ך פֿון „שמואל". דאָס איז ניט געווען דער תנ״ך פֿון יידישן חדר. נאָר עפּעס נייעס. דאָס קינד האָט ניט געזאָגט קיין עבֿרי נאָר גערעדט, דערציילט, געמאָלן אַ בילד אין אַ לעבע־דיקער שפּראַך, מיט נאַטירלעכע פֿאַרבן, מחיהדיק זיס... נאָך אַ קינד האָט דערציילט ווייטער דאָס לעבן פֿון דעם נביא שמואל, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. און וואונדער־שיין האָט מיר געקלונגען די קינדערשע שטים, וועלכע האָט דערציילט מיט נאַטירלעכער באַגייסטערונג, ווי אַ פֿאַרבאָרגענער גאָט רופֿט דאָס קליינע שלאָפֿנדיקע קינד: „שמואל! שמואל!"...

ווי דימענטן פֿון אַלאַדינס צויבער־שלאָס, האָבן ביים קינד געבליצט די שוואַרצע אויגעלעך ביי אָט דער דערציילונג, ווען עס האָט אויסגערופֿן דעם לעגענדאַרן: „וואו ביסטו, שמואל?! קום, מיין קינד, דו ביסט אויס־דערוויילט צו זיין אַ נביא ביי יידן!"...

און פֿאַר די אויגן פֿון מיין פֿאַנטאַזיע האָט זיך באַוויזן אַ געדיכטער וואַלד, אין וועלכן עס פֿליסט שטיל און באַשיידן אַ שמאָל טייכל, פֿון וואַנען עס לויכטן אַרויס אומצייליקע ווייסע שטיינדלעך. עס איז נאָכמיטאָג־צייט. די וואַלד־באַפֿעלקערונג שלאָפֿט. איך ליג אונטער אַ געדיכטן סאָסנע־בוים;

מיין צוקאָפּנס איז פון ווייכע גרינע צווייגעלעך. איך קוק אויפן קלאָרן וואַ־
סער און האָרך...

די יידישע לערער אין יפו ווי אויך אין אַנדערע פּלעצער פון ארץ־ישראל האָבן אין 1907 געהאַט ווייניק אָדער גאָרניט לערנביכער אין זייערע קלאַסן. די דאָזיקע לערער האָבן זייערע לימודים פאַרצייכנט פאַר זיך פון פאַרשיי־דענע קוואַלן און פאַרשיידענע ניט־יידישע שפּראַכן. זיי האָבן דאַרום גע־מוזט זייער שטאַרק זיך אָנשטרענגען צו דערקלערן די קינדער קלאָר און דייטלעך יעדן געגנשטאַנד. בפרט נאָך אין העברייאיש, וואָס האָט דעמאָלט גע־האַט ווייניק ווערטער פאַר נייע און מאָדערנע לימודים. די לערער האָבן געמוזט זייער שווער אַרבעטן, אָבער דערפאַר האָבן דערפון אַ סך געוואונען די שילער. זיי האָבן ניט געהאַט צו טאָן מיט קיין טויטע בוכשטאַבן.

אין דער נאַטור־וויסנשאַפט, איבערהויפּט אין דער וועלט פון פלאַנצן און לעבעדיקע באַשעפענישן, האָבן די שילער כמעט אַלץ געלערנט דירעקט פון לעבן.

עלטערע שילער האָבן אַרויסגעוויזן זייער העכסטע באַגייסטערונג ביים לערנען תנ״ך. זיי זענען דעמאָלט ניט דעם פרעמדן צוקוקער, וועלכער קומט זיי באַאַבאַכטן. זיי זיינען אין גאַנצן פאַרטיפט אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער לאַגע, אין וועלכער די נביאים האָבן זיך געפונען. דאָס לערנען די רייד פון די נביאים אין אַ לעבעדיקער שפּראַך; די ליידנשאַפט מיט וועלכער די ווערטער ווערן אַרויסגערעדט; דער אָרט, די היים פון די נביאים, און די צוהערער, יונגע קינדער, וועמעס הערצער פילן מיט די סאָציאַלע גערעכ־טיקייט פון די נביאים, דאָס אַלץ מאַכט דאָס לערנען פאַר עפּעס אומגע־וויינלעכס. די צאָרן־ווערטער פון נביא פאַלן ווי גליענדיקע מעטעאָרן אין שטורעמדיקן ים און זיינע טרייסט־ווערטער צערטלען און גלעטן ווי אַ קאַלט ווינטל אין אַ הייסן זומער־טאָג.

ליכט און שאָטן גייען דאָ איצט האַנט אין האַנט. נאָענט פון דער גימ־נאַזיע אין יפו, וועלכע זאָגט אָן אַ נייע צייט, שטייט אַ לאַנגע געביידע — די יידישע תלמוד־תורה, מיט אַ סך חדרים, וואו יידישע קינדער לערנען „ווי גאָט האָט געבאָטן", ניט דער גאָט פון די נביאים און תהלים־זינגער, נאָר דער גאָט פון „שבט מוסר" און דעם "קיצור שולחן ערוך."

אין דער תלמוד־תורה איז ניטאָ קיין סדר־הלימוד. איין חדר האָט ניט קיין שייכות מיטן צווייטן. אין עטלעכע קעמערלעך לערנט מען די זעלבע תורה מיט קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער. אין עטלעכע קעמערלעך לערנט מען חומש מיט רש״י, אין אַנדערע לערנט מען גמרא, אָדער מ׳זאָגט „עברי". אין איינעם האָט דער רבי שוין געזאָגט דעם „שיעור". אין חדר פון „פּסוק" (תנ״ך), האָט מיך דער רבי געבעטן עפּעס וואָס פרעגן ביי זיינע תלמידים. זיי האָבן געלערנט וועגן דער מלחמה צווישן שאולן און די

פלישתים. כ׳האָב זיי געפּרעגט: וואו געפינען זיך די פלישתים?״ זיי האָבן ניט געוואוסט. איך האָב זיי געפרעגט אויף עקרון, וועלכע איז אַמאָל געווען איינע פון די פינף פירשטנטומס אין דעם לאַנד פון די פלישתים און איז היינט (אין 1907) די פרומסטע יידישע קאָלאָניע אין יהודה. די גרעסערע קינדער האָבן געענטפערט אַז זיי ווייסן ניט. אַ קליין יינגעלע האָט אויפגע־הויבן זיין האַנט און געזאָגט: „איך ווייס וואו עקרון איז. עקרון איז אַ קאָ־לאָניע מיט גערטנער און פעלדער, נאָענט צו די קאָלאָניעס „גדרה״ און „רחובות.״

„פון וואַנען ווייסטו דאָס?״ — האָב איך אים געפרעגט.

„איך האָב פריער געלערנט אין ,בית־ספר׳, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ ווייַנענדיקן קולכל, — מיין טאַטע האָט מיך פון דאָרט אַפּגענומען און אַהער געשיקט.״

די תלמוד־תורה האָט אָבער אויך אַ גוטע זאַך אויפגעטאָן. זי האָט אויסגעבויט אַ היפּשע געביידע פאַר אַ „בית־מלאכה״ צו לערנען אַרבעטן די עלטערע יינגלעך, וועמעס עלטערן ווילן זיי ניט מאַכן פאַר קיין רבנים. די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע שול שטייט אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַ מעכאַניק, וועלכער האָט שטודירט אין לאָנדאָן און איז אין אַ געוויסער צייט געווען אַ לערער פון צייכענען אין גימנאַזיע. דער דאָזיקער מעכאַניקער איז שטאַרק אָפּגעגעבן צו זיין לימוד און זיין דערפאָלג איז גוט קענטיק. אַ צאָל קינדער קאָנען שוין גוט צייכענען און פאַרפאַרטיקן אויך גאַנץ פיינע אייזן־אַרבעט. באַזונדערס האָט מיך איבעררעשט די צייכענונגען פון אַ תימנער שילער. ביי זיינע עלטערן, ווי ביי דאָס רוב תימנער יידן, איז ניט געווען קיין מעבל. ביינאַכט האָט ביי זיי געברענט אַ ליכטל אָדער אַ קליין לעמפּל, און פאַר אַט דעם שוואַכן שיין ליגט דאָס יינגל אויף דער ערד און מאַכט זיינע צייכענונגען.

אין בית־מלאכה פירט זיך, נאַטירלעך, גאַנץ יידישלעך. נאָך דער אַר־בעט ווערט געדאַוונט מנחה און מעריב. דערפאַר מאַכן זיך די פרומע לייט ניט הערנדיק אַז דאָרט ווערט גערעדט העברייאיש. דאָס מוז דאָרט אויך אַזוי זיין, ווייל אין דער „אַרבעטס־הויז״ אַרבעטן אויך אַזוינע יינגלעך, וועלכע פאַרשטייען ניט דעם יידיש פון אַ תלמוד־תורה.

קאַפּיטל הונדערט און דריי און פופציק

מיין באַקאַנטשאַפט מיט הרב קוק

דורך מיין וויזיט אין תלמוד־תורה „בית־מלאכה״ האָב איך זיך באַקענט מיט דעם רב פון יפו, הרב אברהם יצחק קוק. אַט דער רב ווערט באַקעמפט

פון צוויי זייטן: די אָרטאָדאָקסן האַלטן אים פאַר אַ „פאַרשטאָכענעם". זיי גלויבן ניט אין זיין פרומקייט, און זוכן אויף אים פגימות. די פרייגעזאָ־נענע האַלטן אים פאַר אַ קלעריקאַל. זיי גלויבן ניט אין זיין אויפגעקלערט־קייט און זוכן אין אים „צביעות". ער האָט מיט מיר גערעדט אין העברייאיש און האָט ענערגיש פאַרטיידיקט זיין מיינונג וועגן רבנים און יידנטום. ער האָט געטענהט, זאָגט ער, קעגן די ראַדיקאַלן, וואָס לערנען די תורה מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ, וועלכע ריידן העברייאיש דווקא אין דעם דיאַלעקט פון די עטלעכע הונדערט טויזנט ספרדים, און ניט ווי עס ריידן די מיליאָנען אשכנזישע יידן. אים אַרט ניט פאַר זיי. ער וויל ניט קיין רעליגיעזע אינ־קוויזיציע. זאָל יעדער „כיתה" („קיטע") זיך פירן ווי זי וויל, אָבער „מען מוז דאָך מסכים זיין" אַז די פרומע יידן קאָנען ניט שיקן זייערע קינדער אין אַזאַ „שקאָלע". געוויס, די פרומע יידן בלייבן היינטערשטעליק צוליבן דת (רעליגיע), און דעת (וויסנשאַפט), אָבער דערצו מוזן די וואָס ליבן דאָס פאָלק אָנווענדן אַנדערע מיטלען ווי זיי אויפצוקלערן. די מענטשלעכע נאַ־טור קאָן ניט מאַכן קיין „קפיצת הדרך" (צו גרויסע שפרונגען). אַלץ מוז גיין נאָך דעם געזעץ פון דער אַנטוויקלונג. וויל מען דאָס יידישע פאָלק אויפקלערן און אויפהויבן אויף אַ העכערער מדרגה פון וויסן, דאַרף מען זיי געבן דאָס נייע נאָר טראָפּנווייז, און דערביי ניט אָנרירן די אויסערלעכע פאָרמען, וועלכע זיינען געוואָרן הייליק אין דעם משך פון אומצייליקע דורות.

גיט אַ קוק אויף דער תלמוד־תורה. דאָרט איז קיין זאַך ניט געענדערט געוואָרן, אויסער דער „בית־מלאכה". דאָך איז עס אַ נייע פלאַנצונג, וואָס קען אויסוואַקסן אין אַ פרעכטיקן גאָרטן.

דער בית־מלאכה איז מיר אָנגעקומען זייער שווער. די פּאַנאַטיקער פילן אַז דאָ וועבט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס וועט מאַכן אַן ענדערונג אין יידישן לעבן אין ארץ־ישראל. און זיי האָבן רעכט, אויב, באַטירלעך, די פּראָבע וועט ניט בלייבן פאַראייינצלט, און יעדע תלמוד־תורה און ישיבה וועט מאַכן אַ בית־מלאכה.

ווייסט איר, — האָט ער ווייטער גערעדט — אַז דאָ אין ארץ־ישראל זיינען ניטאָ קיין רבנים אין די קאָלאָניעס? אין אַלע לענדער זיינען יידן גע־וואוינט צו האָבן רבנים אָרטאָדאָקסן אָדער רעפאָרמער, אָבי רבנים. יידישע קהלות גאָר אָן רבנים וועט איר זעלטן געפינען, נאָר ווי קומט עס, וואָס גראָד אין ארץ־ישראל, וואו די יידישקייט איז אַזוי שטאַרק, זאָלן אַלע קאָלאָניעס אויסקומען אָן רבנים? די סיבה דערפון איז, וואָס די קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל זיינען אויפגעוואַקסן אויף אַ נייעם יסוד. עס איז צו זיי ניטאָ קיין גלייכן אין אַלע אַנדערע לענדער.

אין די קאָלאָניעס זיינען דאָ יידישע כלל־אינטערעסן וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט „חכמת־המדינה" (פּאָליטיק). אַ רב אין אַ קאָלאָניע דאַרף זיין דערצויגן נאַציאָנאַל און האָבן אַ פּאָליטישן טאַקט. צווישן די קאָלאָ־

ניסטן זיינען דאָ לומדים און געלערנטע, מענטשן מיט אַ סך וויסן און ברייטע וועלט־קענטעניש. די שכירות פון אַ רב אין אַ קאָלאָניע זיינען זייער קליין. אַ גרויסער רב קאָן אַהין ניט קומען. אַ קליין רבל וועט ווערן אויס־געלאַכט און פּאַראַכט. ווען די רבנים וועלן אָבער זיין בעלי־מלאכות און פּראָפעסיאָנאַלן, דעמאָלט קען דער רב זיין דער שמיד, דער סטאָליער, דער מעכאַניק, אָדער דער דאָקטאָר פון דער קאָלאָניע. ער איז דערצויגן אין לאַנד און האָט אַלע מעלות פון אַ קאָלאָניסטישן רב. ער איז דערצו אומאָפּ־הענגיק און ווערט פון אַלעמען רעספּעקטירט פאַר זיין פּריוויליקער רבנות, די קאָלאָניעס האָבן דעמאָלט אַזוינע רבנים ווי אין די צייטן פון די תנאים. די תורה ווערט געאַכטעט פון די חכמים, די חכמה — פון די בעלי־תורה, און דאָס פאָלק וועט זיך אויפהויבן הויך אויף דעם לייטער פון חכמה און וויסן.

מיין פּלאַן איז, ניט נאָר צו דערציען בעלי־מלאכות נאָר אויך אינטעלי־גענטע פּראָפעסיאָנאַלן, די אמתע פרומע וועלן זיך איינגעוואוינען, אַז לערנען אַ מלאכה איז אַזאַ מצוה ווי תלמוד־תורה. זיי וועלן זיך אויך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז מען קען זיין אַ גוטער מעכאַניקער און דאָך אַ פרומער ייד. אָט־ווי מיר לערנען אונדזערע מעכאַניקער אין „בית־מלאכה". דעמאָלט וועלן מיר מאַכן ישיבות און מ'וועט לערנען תורה און חכמה צוזאַמען, וואו אַ רב וועט קענען זיין צו גלייכער צייט אַ גוטער בעל־מלאכה אָדער אַן אינ־זשיניער, אַ דאָקטאָר, און דאָס גלייכן. דער רב וועט דעמאָלט לעבן פון „יגיע־כפּים", פון זיין אייגענער אַרבעט, און די רבנות וועט ביי אים זיין ניט קיין „קרדום לחפור בו", ניט קיין פּרנסה־זאַך, נאָר אַן אידעאַל.

צווישן דער גימנאַזיע און דער תלמוד־תורה שטייט די רעליגיעזע שול „תחכמוני". בעת איך האָב זי באַזוכט, אין 1907, איז זי געשטאַנען אונטער דער פירערשאַפט פון דר. יוסף זעליגער. איך האָב אים געקענט נאָך אין דער צייט וואָס ער איז געווען אַ סטודענט אין בערן. ער איז געווען זייער פרום און האָט מיר אַמאָל דערקלערט אַז אַלס אַ פריידענקער בין איך אים ניט מער ברודער ווי עשו:

— מיר ביידע שטאַמען געוויס פון יעקב אָבינו, אָבער יעקב און עשו זיינען דאָך אויך לייבלעכע ברידער. נאָר דער עיקר איז ניט די ברודער־שאַפט, נאָר די רעליגיע.

ניט געקוקט אויף זיין דערקלערונג, ביי אונדזער ערשטער באַקאַנט־שאַפט, פלעגט יוסף הלוי זעליגער ריידן זייער שאַרף קעגן די חסידים אין זיין געבורטס־לאַנד גאַליציע. די דאָזיקע חסידים האָבן אים אויך ניט ליב געהאַט און שפּעטער, ווען עס עפנט זיך אין גאַליציע אַ יידישע גימנאַזיע אונטער זיין פירערשאַפט, ווערט ער שטאַרק פאַרפאָלגט סיי פון די אַסי־מילאַטאָרן, סיי פון די חסידים.

שטודירנדיק אין בערן, ווערן מיר ביסלעכווייז נאָענטע פריינט. אין זומער 1899 גרינדן מיר ביידע, צוזאַמען מיט אונדזער חבר דאָקטאָר יעקב מאיר זאַלקינד, אַ העברייאיש־ריידנדיקן פאַראיין מיט דעם נאָמען „דוברי עברית״. מיר האָבן אויך אַלע דריי צוזאַמען פאַרפאַסט דעם אויפרוף, וועלכן מיר האָבן אַרויסגעהאָנגען אויף דעם שוואַרצן אַנאָנסן־טאָוול אין די קאָרי־דאָרן פון אוניווערזיטעט. אונדזער פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע, דר. לודוויג שטיין, האָט זיך אָפּגעשטעלט און עס דורכגעלייענט און צוליב דעם מיך שפּעטער אויך שוין געקאָנט פערזענלעך.

אין „תחכמוני״ איז אַלץ געלערנט געוואָרן אין העברייאיש. נאָר די היטלען האָבן די קינדער געמוזט טראָגן אפילו ביים לערנען ניט־רעליגיעזע לימודים. אַ צווייטער אונטערשייד פון גימנאַזיע איז געווען, וואָס אין תחכמוני האָבן געלערנט בלויז יינגלעך. צוב אונטערשייד פון גימנאַזיע האָט מען אין תחכמוני אויך גערעדט און געלערנט אין העברייאיש אין זעלביקן אשכנזישן דיאַלעקט, אין וועלכן דאָס רוב יידן דאַוונען און לערנען תורה אויך אין ארץ־ישראל.

דאָס רוב שילער פון „תחכמוני״ זיינען געווען אָנגעטאָן אָרימער ווי אין גימנאַזיע, און אויך ניט אַזוי ציכטיק ווי יענע. נאָך אָרימער זיינען דאָרט געווען די פאָרמען פון די לימודים. דער ערשטער קלאַס, וועלכער איז באַ־שטאַנען פון פינף־יאָריקע קינדערלעך, האָט ניט געוואוסט פון קיין שפּיל און געזאַנג, ווי אין די קינדער־גערטנער און אין אַ טייל פאָלקס־שולן. די העברייאישע שפּראַך אָבער האָבן זיי געקענט אַזוי גוט ווי יענע. און האָבן נאָך דערצו געוואוסט די נעמען פון די יידישע חדשים.

פון די אַנדערע יידישע שולן אין יפו, וועלכע איך האָב באַזוכט אין יענער צייט, איז די ענלעכסטע צו דער גימנאַזיע געווען די מיידל־שול — „בית ספר לבנות״, וועלכע קאָן אייגנטלעך אָנגערופן ווערן „אַ גימנאַזיע פאַר מיידלעך״. די פּראָגראַם איז דאָרטן אַ ברייטע; אַזוי ווי אין גימנאַזיע, ווערן דאָרט אויך געלערנט יידישע און אַלגעמיינע זאַכן. די שול פאַר מייד־לעך איז געווען זייער פּאָפּולער אין יפו און איז געוואָרן אויסגעהאַלטן פון די „חובבי ציון״ אין רוסלאַנד.

אין יפו האָבן דעמאָלט אויך געהאַט שולן דער „הילפס־פאַראיין״ פון דייטשלאַנד, און די „אַליאַנס״ פון פּאַריז. אין דער פאָלקס־שול פון דייטשן „הילפס־פאַראיין״ איז אַלץ געלערנט געוואָרן אין העברייאיש, אַחוץ, נאַ־טירלעך, די דייטשע שפּראַך, וואָס מ׳האָט געלערנט אין דייטש. אין דער שול פון „אַליאַנס״, איז אַלץ געלערנט געוואָרן אין פראַנצויזיש; נאָר די העב־רייאישע לימודים האָט מען געלערנט אין העברייאיש. די שילער פון דער „אַליאַנס״־שול זיינען צום גרעסטן טייל געווען שפּאַניאָליש־ריידנדיקע קינ־דער. מ׳האָט זיי דאָרט געגעבן מיטאָג־עסן און אָפט אויך אַ פּאָר שיך, און דאָס גלייכן.

צי די „אַליאַנס"־שול וואָלט געקאָנט עקזיסטירן, ווי די איבעריקע שולן, אין וועלכע מ'האָט געדאַרפט נאָך עפּעס צוצאָלן, איז מיר געווען אַ גרויסער ספק.

אַ פיינעם איינדרוק מאַכן דעמאָלט אויף מיר אויך די פּאָר העברייאישע קינדער־גערטנער. אַלץ איז דאָרט געלערנט לויט דער סיסטעם פון די בעסטע קינדער־גערטנער אין אייראָפּע.

דער „אָפיס" פון די „חובבי־ציון" איז געווען צוגלייך אַ קלוב און אַ ביבליאָטעק. דער פאָרשטייער פון די „חובבי־ציון" איז דאָרט געווען מיין אַלטער באַקאַנטער, דר. חיים חישין פון בערן, שווייץ, וואו ער האָט שטודירט מעדיצין. מיר האָבן זיך געקענט נאָך אין 1899, ווען ער איז געווען דער פּרעזידענט פון דער „רוסישער סטודענטן־קיך". ניט געקוקט אויף דעם גרויסן אונטערשייד אין אונדזער עלטער אין יענער צייט זיינען מיר געווען זייער נאָענטע פריינט. ער, דער געוועזענער כאַרקאָווער סטודענט, איז נאָך די צאַרישע פּאָגראָמען אויף יידן אין דרום־רוסלאַנד אין 1881, געוואָרן אַ „בילועץ", אַ מיטגליד פון דער יידישער סטודענטישער געזעלשאַפט „בילו" — „בית יעקב לכו ונלכה", וועלכע זיינען געפאָרן גרינדן קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות. ווען ער קומט שפּעטער פון ארץ־ישראל אין דער שווייץ שטודירן מעדיצין, איז ער שטאַרק אָנגעזען אין דער רוסישער קאָלאָניע ניט בלויז פאַר זיין פּיאָנערישער געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט אין כאַרקאָוו און אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אַלס קאָרעס־פּאָנדענט פון יידיש־רוסישן וואָכנבלאַט „וואָסכאָד" אין פּעטערבורג. ניט געקוקט אויף זיין קאָלאָניסטישער פאַרגאַנגענהייט אין ארץ־ישראל איז חיים חישין געווען ווייניק באַקאַנט מיט יידישע גייסטיקע ענינים, און איך, פריש פון ווילנע, האָב אים אַ סך אַרויסגעהאָלפן אויף אָט דעם געביט. אין 1907 אָבער, אין יפו, האָט ער מיך שטאַרק אַנטוישט. ער איז געוואָרן גאַנץ פאַר־ענדערט. פון דעם רוסישן „נאַראָדניק", דעם פאָלקיסט־סאָציאַליסט, און דעם ציוניסטישן דעמאָקראַט (פון דער ווייצמאַן־מאָצקין „דעמאָקראַטישע פראַקציע"), איז ביי אים שוין ניט געווען קיין שפּור. ער איז געבליבן אַ גוטער „חובב ציון" נאָר מיט דעם „נאַראָד" און מיט דער „דעמאָקראַטיע" האָלט ער זיך פון וויטן. לויט ווי ער האָט מיר דערציילט, האָט דאָס אַנדערש ניט גע־קאָנט זיין.

דער ישוב פון ארץ־ישראל, דערקלערט מיר דר. חישין, איז געווען אַ סך יאָרן באַגרינדעט אויף צדקה. די יידישע באַלמעלאָכעס האָבן ניט פאַר־גונען די קאָלאָניסטן און אויך געוואָלט אַ חלק אין דער צדקה, בפרט אַז דער פאַראיין „חובבי־ציון" אין רוסלאַנד איז געווען פאַרצייכנט אָפיציעל ביי דער רוסישער רעגירונג, ווי אַ „חברה צו שטיצן באַלמעלאָכעס און אַקער־בויער". די באַלמעלאָכעס האָבן פון דר. חישינען געפאָדערט, ער

זאָל זיי געבן אַ חלק פון דעם חברהשן געלט. זיי האָבן עס אויך פון אים געמאָנט לויט דעם געזעץ און אים געוואָלט פשוט שלאָגן. דער פריער־דערמאָנטער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט, וועלכן דר. חישין האָט אָנגע־רופן „קאָמוניסט", מיכל האַלפּערין, האָט דאָ געפונען אַ געלעגנהייט „אויס־צוראָטן" פון ארץ־ישראל דעם „פּריוואַטן אייגנטום" פון די „חובבי־ציון". מיכל האַלפּערין האָט דאַרום אונטערשטיצט די יפוער באַלמעלאָכעס אין זייער קאַמף קעגן די „בורזשוקעס", און אַזוי איז דער אַמאַליקער נאַראָדניק חיים חישין, ביסלעכווייז פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַאַמטן, וואָס פירט דורך דאָס געזעץ און האָט מיט דער מאַסע קיין שייכות ניט.

די יידן פון ארץ־ישראל, זאָגט מיר דר. חישין, זיינען געווען אייגנע־וואוינט, אַז די גאַנצע יידישע וועלט דאַרף זאָרגן פאַר זייערע אינסטיטוציעס, ווייל זיי, די ארץ־ישראל יידן, נעמען דאָך אַריין יעדן יידן פון וועלכן לאַנד ער זאָל ניט קומען. זיי האָבן עס „אויסגעטייטשט", אַז דאָס רוב „טשאַריטיס" (צדקות) זיינען לכתחילה געמאַכט פאַר די יידן וועלכע קומען פון די „גלות־לענדער", זיינען דעריבער יענע יידן מחויב צו אונטערשטיצן אַלץ וואָס עקזיסטירט אין ארץ־ישראל. זיי (די יידן פון ארץ־ישראל) ווילן דעריבער אויך, אַז יעדער דורכרייזענדער ייד זאָל זען זייערע אינסטיטוציעס און זאָל קענען זאָגן וועגן זיי אַ מיינונג. אין יפו זיינען אַלוועלטלעכע יידישע וואויל־טעטיקע אינסטיטוציעס ניטאָ קיין סך. זייער הויפּט־קוואַרטיר איז אין ירושלים. דאָס ביסל וואָס יפו האָט, קאָן מען מיט דעם ניט שטאָלצירן. „אונדזער האָספּיטאַל איז נאָר גוט אין פאַל ווען עס זיינען ניטאָ קיין חולאים", פלעגן אַ סך יפוער יידן זיך וויצלען דעמאָלט.

פון יפו קיין ראשון־לציון בין איך געפאָרן מיטן דיליזשאַנס. די רייזע האָט געדויערט צוויי שעה, און געקאָסט אויף אַמעריקאַנער געלט פופצן סענט. דער דיליזשאַנס אין 1907 איז געשטאַנען אונטער דער השגחה פון דער קאָלאָניע און איז געגאַנגען יעדן טאָג אין באַשטימטע שעה'ן. דער שאָסיי האָט געפירט פאַרביי אָראַנזשען־גערטנער קיין „מקוה־ישראל", די לאַנדווירטשאַפטלעכע שול, וועלכע די אַליאַנס־איזראַעליט האָט געגרינדעט אין דער צייט, ווען צווישן אירע פירער זיינען געווען אַזוינע נאַציאָנאַליס־טישע יידן ווי קאַרל נעטער און אַדאָלף קרעמיע. דער וועג גייט ווייטער דורך דעם דאָרף „בני־ברק", וועלכער האָט דערמאָנט אין דער מעשה וועגן זיי אין דער הגדה. פון דאָרט גייט דער שאָסיי קיין ירושלים.

ראשון לציון ליגט אין אַ זייט פון דעם ירושלימער וועג און דער צופאָר אַהין איז אין האַרבסט געווען זייער שווער. ביי יעדן בערגל זיינען מיר אַלע פּאַסאַזשירן אַרונטער פון דיליזשאַנס, געבראַדזשעט אין בלאָטע און גע־שפּונען ווייטער די שמועסן, וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן אין דיליזשאַנס.

אינעם דיליזשאַנס זיינען געווען אַלטע ראשון־לציונער באַלעבאַטים.

איך בין געווען דער איינציקער פרעמדער. די קאָלאָניסטן האָבן גערעדט מכח דעם באַראָן ראָטשילד, מכח דעם וויין־געשעפט און אַנדערע עסקים. זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט טויזנטער נאַפּאָלעאָנס (אַ נאַפּאָלעאָן איז פיר דאָלאַר). איך האָב מיך שטאַרק געשעמט, וואָס איך קום פון אַזאַ אָרים לאַנד, ווי אַמעריקע, וואו מען ציילט אויפן דאָלאַר, און בין פון די קאָלאָניסטן נאָך פרעמדער געוואָרן, אָבער סיי־ווי האָט קיינער פון זיי זיך וועגן מיר ניט געקימערט. זיי זיינען שוין צוגעוואוינט, אַז מאַסן פרעמדע קומען באַזוכן זייער קאָלאָניע.

ראשון לציון שטייט אויף אַ באַרג. גאָר אויבנאָן שטייט די שיינע שול וואו מען דאַוונט, און פון שול זעט זיך דער מיטללענדישער ים. אַרום שול פאַרצווייגן זיך די הויפּט־גאַסן. דאָרט שטעלט זיך אָפּ דער דיליזשאַנס, און דאָרט שטייט אויך די פּאָסט־געביידע, אַ קליין הילצערן ביידל, אין וועלכן עס זיצט דער פּאָסט־באַאַמטער. אַז דער דיליזשאַנס קומט אָן, ווערט אַן עולם אַרום פּאָסט. אַ מודעה אָנגעקלעפּט אויף דער פּאָסט־געביידע, איז דאַרום די בעסטע רעקלאַמע, איז די פּאָסט טאַקע פאַרקלעפּט מיט אַלערליי קהלשע אַנאָנסן און רעקלאַמעס. די ברייטע גאַס, וועלכע ענדיקט זיך ביי די טרעפּ פון שול, איז דער הויפּט־שפּאַציר אין דער קאָלאָניע. אין אַ שיי־נעם פאַרנאַכט אָדער אין אַ שבת און יום־טוב איז דאָרט שוואַרץ די גאַס. קיין מאַשינען לויפן דאָרט ניט, און די גרופּעס שפּאַצירן איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס. אויף דער דאָזיקער גאַס וואוינען אַ סך פון די ערשטע קאָ־לאָניסטן. דאָרט איז אויך פאַראַן אַן אַראַבישער מאַרק פון אַלערליי גרינס, עופות און אייער.

ראשון לציון איז אַ קאָלאָניע פון וויין און אַ סך קאָלאָניסטן קויפן אַלע עסנוואַרגן אויפן מאַרק אַזוי ווי שטאָטישע איינוואוינער. אין דער זעלביקער גאַס שטייט אויך דער „בית־עם" (בעט־אַם — פאָלקס־הויז). אַ שיינער, לופטיקער זאַל, וואו ס'ווערן געהאַלטן פאַרזאַמלונגען און געגעבן קאָנצערטן. ווייטער אַרונטער איז דער וואַסער־רעזערוואואַר פון דער קאָלאָניע. די צווייטע, ברייטע גאַס רעכטס גייענדיק צום שול האָט אַ צאָל האַנדלס־היי־זער און האָטעלן. דאָרט שטייט אויך די קינדער־שול פון דער קאָלאָניע און דער בנין פון ראָטשילד אַדמיניסטראַציעס, וואו עס וואוינט איצט דער די־רעקטאָר פון דער וויין־געזעלשאַפט, אָדער „ווינצער־קאַרטעל" — די גוט־באַקאַנטע כרמל־וויין קאָמפּאַני.

דער שטאָלץ פון ראשון לציון איז דער „יקב" (יעקעוו), דער גרויסער מאָדערנער וויין־קעלער. דער אויפזעער האָט מיך אויפגענומען פריינטלעך, און האָט באַשטימט צוויי אַרבעטער מיך צו באַגלייטן און באַווייזן די רייכ־טימער פון דער „אגודת הכורמים" („ווינצער־סינדיקאַט", אָדער וויינער־געזעלשאַפט).

די חברים אַרבעטער זיינען געווען צופרידן עס צו טאָן. זיי האָבן מיר

אַנגעוויזן אויף יעדער זאַך מיט שטאָלץ, פּונקט אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ חלק אין דעם. מיך געמאַכט אויפמערקזאַם אויף יעטוועדער זעלטענער מאַשין און אויף יעדן מין ווייך. אַזוי ווי אין קעלער איז געווען פינצטער, זיינען מיינע „אַרבעטער־פירער" געגאַנגען פאַראויס מיט ליכט אין די הענט.

אינעם ווייך־קעלער האָבן געאַרבעט פּאָר ליכט צענדליקער יידישע אַרבעטער, צווישן זיי אַ סך קאָלאָניסטישע קינדער פון ראשון לציון און אַנדערע קאָלאָניעס. אין יעטוועדן אָפּטייל האָבן די דאָרטיקע אַרבעטער מיר דערקלערט זייער פריינטלעך דעם כאַראַקטער און דעם צוועק פון זייער אַרבעט. אַלץ איז דאָרט געווען איינגעאָרדנט אויף אַ ברייטן פאַרנעם: אַ סך מאַשינען און אַפּאַראַטן פאַר ווייַן, קאָניאַק און אַלערליי אַנדערע געטראַנקען וועלכע ווערן געמאַכט פון ווייַנטרויבן. געווען דאָרט אויך אַן אָפּטייל, וואו עס אַרבעטן באַנדערס, צו מאַכן נייע פעסער און צו פאַרריכטן די אַלטע.

די לאַבאָראַטאָריע, דער אָפיס, די שפּייכלער, וואו ס'ווערן אָנגעפילט די פעסער — אַלץ איז געבויט גרויס און רייך.

אין די אָנגעפילטע פעסער האָבן זיך געפונען ווייַנען פון אַלערליי סאָרטן און פאַרשיידענעם עלטער, זינט דער ווייַן־קעלער עקזיסטירט.

ביים סאַמע קעלער זיינען געשטאַנען אַ פּאָר קליינע געביידעס, אַרום־געצאַמט מיט אַ פּאַרקאַן, און אויף זייער טויער איז געהאַנגען אַ שלעסל. די אַרבעטער דערקלערן מיר, אַז דאָס איז די נייע פאַבריק, וואָס אַ רוסיש־יידישער כעמיקער, אינזשעניער פון פּאַריז, האָט ערשט אויסגעבויט. ער וועט דאָרט, דורך כעמישע מיטלען איבעראַרבעטן די פּסולת (פּסוילעס — אָפּפאַל) פונעם ווייַן־קעלער אין נייע פּראָדוקטן.

ראשון לציון צייכנט זיך אויס מיט איר גרויסן פיינעם פּאַרק, וואָס איז רייך אין פאַרשיידענע מינים בוימער און בלומען. דער גרויסער פּאַרק איז געדיכט באַוואַקסן און אין זיינע אַלייען געניסן אַלע חושים. בלומען און פירות דופטן מיט בשמים. מחיהדיקע ווינטלעך גלעטן, צערטלען און קושן. פויגל זינגען זייער „פּרק שירה" מיט אָנגענעמע ניגונים. דער העל־בלויער הימל שיינט אַריין דורך טיף־גרינע צווייגן און בלעטער. און די אויגן זעטיקן זיך אָן מיט זעלטן שיינע קאָלירן.

אַן אויסערגעוויינלעכער פאַרגעניגן איז פאַר מיר געווען דאָס בייזיין ביים לימוד אינעם קינדער־גאָרטן פון ראשון לציון אין אַ וואַרעמען טאָג. דאָס הויפּט־לערנען איז פאָרגעקומען אין דרויסן. די שיינע ליבלעכע קינ־דער האָבן געלערנט זיך שפּילנדיק. זיי האָבן דערביי אַרויסגעוויזן אַ סך ליבשאַפט צו זייערע לערערינס (די אָנפירערין פון קינדער־גאָרטן איז גע־ווען אַ שפּאַניאָלין, די פרוי פון אַ רוסישן יידן). עטלעכע קינדער האָבן דער־

ציילט אין אַ שיינער לייכטער העברייאישער שפּראַך באַחנטע מעשהלעך. זייער האַנט־אַרבעט איז געווען מיט אַ סך געשמאַק. מיין פרייד איז גע־שטיגן ווען כ׳האָב געטראַכט, אַז דאָס מאַכן יידישע דאָרפס־קינדער, וועמעס עלטערן האָבן זיך דערצויגן אין אַ רומענישן אָדער רוסישן חדר, וואו מ׳האָט זיי געלערנט: „קמץ אלף — אָ״ און זיי, אָט די פּאָלקס־מענטשן האָבן מיט זייערע אייגענע כחות, אין אַ פּרימיטיווער סביבה, זיך דערהויבן צו אַזאַ קולטורעלן לעבן.

געקליבן נחת האָב איך אויך אין דער פּאָלקס־שול פון ראשון לציון, ביים לימוד פון געאָגראַפיע. די קינדער האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך ידיעות אין דער פיזישער און פּאָליטישער לאַגע פון ארץ־ישראל. איין קינד האָט געשטעלט די פראַגע: וואָס פעלט דאָ ביי אונדז, עס זאָל קאָנען ווידער ווערן „אַ לאַנד פון מילך און האָניק?״ אַ סך קינדער האָבן אויפגעהויבן זייערע הענטלעך און געגעבן ענטפערס. איין יינגל האָט געראָטן צו באַפּלאַנצן די זאַמד־בערג ביים ברעג ים, באַזונדערס ראשון לציון. אַ צווייט האָט פאָרגעשלאָגן אַרויסצוגראָבן שטיינקוילן פון באַרג לבנון און אַרויסצושעפּן די מינעראַלן פונעם „ים המלח״. אַ דריט האָט דערקלערט, אַז עס פעלן גוטע וועגן: זאָל זיין מער שאָסייען און באַנען, וועט מען קאָנען גיך פאַר־קויפן די ווייַנטרויבן און בעסער פאַרשפּרייטן דעם ווייַן. אַ פערטע קינד האָט געזאָגט: עס פעלן פייאיקע הענט.

אַ מיידעלע האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעקוקט די יינגלעך מיט שפּאָט און באַמערקט אַזוי: „ניין! ניט דאָס פעלן פון מאַשינען, וועגן און באַנען איז דער עיקר. ס׳פעלן אונדז ניט קיין פייאיקייט. מיר דאַרפן נאָר האָבן מער מענטשן. זאָלן דאָ ווידער זיין מיליאָנען מענטשן, דעמאָלט וועט אַלץ דאָ זיין.״

אַ גוטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט אויך דער לימוד פון געשיכטע אין דער פאָלקס־שול פון ראשון לציון. די שול־קינדער האָבן מיך איבער־ראַשט מיט זייער באַהאַוונטקייט אין דער יידישער געשיכטע פון דער צווייי־טער תקופה (פון עזרא און נחמיה ביז בר־כוכבא) און איר שייכות צו דער וועלט־געשיכטע.

דעם ערשטן אָוונט אין ראשון לציון האָב איך ביחידות אַרומגעשפּאַ־צירט ביז שפּעט איבער די רייכע און ברייטע גאַסן פון דער קאָלאָניע. פון די ווייַן־גערטנער האָבן אַריינגעדרונגען אין גאַס אָנגענעמע ריחות. אויף די ברייטע טרעפּ פון שול זיינען געזעסן צוגעטוליעט עטלעכע פּאָרלעך און האָבן זיך געסודעט. די פענצטער פון די הייזער זיינען געווען העל באַ־לויכטן, און אויף די פאַרהאַנגען האָבן זיך באַוועגט מענטשלעכע שאָטנס אין פאַרשיידענע פּאָזעס. פון פיל פענצטער האָבן זיך געטראָגן קולות און געלעכטער, און האָבן אָפּגעקלונגען אַזוי מאָדנע אין דער שטילער גאַס.

פון אַ זייטיקער געסל צווישן די ווייגגאַרטנער האָבן סטרונעס פון אַ פידל דורכגעשניטן די לופט מיט זייער טרעלן, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די טענער פון אַ קלאַוויר אין אַן אַנדער הויז. און ווען די אַלע קולות זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך דערהערט דאָס פּאַרשטיקטע ברומען פון „גרויסן ים", דאָרט, הינטער די בערג־זאַמד. די בוימער ביי די הייזער האָבן זיך פאַמעלעך געוויגט און זייערע שאָטנס האָבן זיך באַוויזן אין מאָדנע געשטאַלטן, אין דעם שיין פון דער גרויסער, ליכטיקער לבנה, וועלכע איז אַרומגעשוואומען אויף דעם רונדן בלויען הימל, פון וועלכע ס׳האָבן זיך צו מיר געצויגן מיליאָנען ליכט־שטראַלן און מיר געמאָלן די צוקונפט פון דעם לאַנד און פאָלק אין שטראַלנדיקע זוניקע פאַרבן.

און פאַר מיינע אויגן באַווייזן זיך אומענדלעכע פעלדער מיט ווייץ, מיט פולע שווערע גאָלד־פאַרביקע זאַנגען. ריזן־מענטשן מיט לאַנגע פעך־שוואַרצע האָר, צוויי שוואַרצע פלאַמען גליען פון יעטוועדן פּנים, וואָס לייכט ווי אַ זון. די מענטשן זיינען אָנגעטאָן אין ווייסע בלוזעס מיט בלויע גאַרט־לען און באַגלייטן דעם גערויש פון זייער שניטד־מאַשין מיט געזאַנג — דאָס געזאַנג פון אַרבעטס־מאַן, וועלכער באַקומט די פולע פרוכט פון זיין אַרבעט.

אַרום טיש אין ספּעקטאַרס „פּראַלעטאַרישן האָטעל" אין יפו זיינען גע־זעסן יידישע אימיגראַנטן און גערעדט וועגן זייער צוריקפאָרן פון ארץ־ישראל אין זייערע אַלטע היימען אָדער וועגן פּרואוון זייער מזל אין נייע איינוואַנדערונגס־לענדער. איך בין מיט זיי אַריין אין אַ שמועס: פאַרוואָס פאָרן זיי צוריק? — יעטוועדער איינער האָט געגעבן אַן אַנדער פּערזענ־לעכע דערקלערונג, נאָר פון אַלעמענס רייד האָט אַרויסגעקלונגען דער זעלבער מאָטיוו:

„מיר וואָלטן דאָ גערן געבליבן. עס איז אַזוי שווער צו פאַרלאָזן דאָס שיינע זומערדיקע לאַנד, אָבער מיט געפילן פון שיינקייט אַליין קען מען ניט לעבן. מען מוז אויך האָבן ברויט און צום ברויט, אַ שוך און אַ קלייד, אַ גלעזער און אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָבער אָט די אַרטיקלען זיינען אַזוי שווער דאָ צו באַקומען."

„איך האָב גרויס רעספּעקט פאַר די אידעאַליסטן. איך האָב אָבער ניט קיין כוח זיי נאָכצוטאָן, כאָטש מיט איין האַנט קען איך אַוועקלייגן זייערע צען" — האָט געזאָגט אַ געזונטער, קרעפטיקער אַרבעטער, און בעת מעשה, אַ קלאַפּ געטאָן אַ צווייטן איבערן פּלייצע, אַז יענער האָט אַ שפּרונג געטאָן און אַרויסגעלאָזן אַ קללה. —„זיי, די אידעאַליסטן, קוקן ניט פאַר קיין תכלית. מיך באַפאַלט אָבער אַן אימה בעת איך דערמאָן זיך, אַז איך וועל קומען צו זייער מצב: לעבן ווי אַ בעטלער, גיין אָנגעטאָן קרוע־בלוע, און זיך אַרומ־רייסן וועגן „אידעאַלן" פאַר כלל ישראל."

האָרכנדיק מיין שמועס אין „פּראַלעטאַרישן האָטעל" אין יפו מיט די

יידישע אַרבעטער, וועלכע פאַרלאָזן דאָס לאַנד, זאָגט צו מיר דער פריער־דערמאָנטער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיקער, מיכל האַלפּערין: „ווייסט איר פאַרוואָס כ׳בין צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל? כ׳האָב דאָס געטאָן „אויף־צו־להכעיס״ דעם ציוניסטישן פירער, דר. הערצל...

האַלפּערינס פאַרדרוס אויפן דר. הערצל הויבט זיך אָן זומער 1903 אין ווילנע. דער ציוניסטישער פירער שטעלט זיך דאָרט אָפּ דעמאָלט אויף זיין וועג צו דער צאַרישער הויפּט־שטאָט, צום אינערן־מיניסטער פאָן פּלעווע (וועלכער האָט אָרגאַניזירט דעם פּאָגראָם אויף יידן אין קישינעוו, פּסח 1903).

צוזאַמען מיט אַ צאָל יידישע גאַרבער־אַרבעטער פון סמאַרגאָן רייסט זיך אַריין האַלפּערין אין הערצלס האָטעל. ער דערקלערט הערצלען, אַז די סמאַרגאָנער אַרבעטער זיינען אַלע גרייט צו ווערן ציוניסטן, אויב ער קאָן פאַרזיכערן, אַז דער ציוניזם וועט באַלד אויסגעפירט ווערן. האַלפּערין דער־ציילט, אַז דר. הערצלס ענטפער איז געווען, אַז „קיינמאָל זיינען מיר ניט געווען אַזוי נאָענט צו פּאַלעסטינע ווי איצט״. אַ קורצע צייט נאָכדעם טרעט אַרויס דר. הערצל אויפן זעקסטן קאָנגרעס אין באַזעל מיט דער „אַפריקע־באַמבע״, און דערקלערט אַז „פּאַלעסטינע איז ניט צו האָבן״. דאָס ווירקט אויף אים, מיכל האַלפּערינען, זיך אָפּצוזאָגן פון ציוניזם און אַוועק־צופאָרן צוריק קיין ארץ־ישראל.

דאָ, אין ארץ־ישראל, אין 1907, ציט האַלפּערין זיין חיונה פון דער איינ־פאַכסטער „טאָג־אַרבעט״ מיטן האַק און רידל. זיין פרוי און קינדער לעבן אין ווילנע, אין צאַרישן רוסלאַנד. ער האָט האַלט פּריוואַט־אייגנטום און צאַריזם פאַר זיינע ערגסטע שונאים און וויל אַהין ניט פאָרן. און כאָטש עס טוט אים הנאה וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון דעם „שמוץ״ פון פּרי־וואַט־אייגנטום, פאַרדריסט אים מער דאָס ניט זיין אימשטאַנד צו פאַר־ווירקלעכן זיינע נאַציאָנאַלע פּלענער. דערצו פאַרדינט ער אויך ניט גענוג צום לעבן, ניט געקוקט אויף זיינע שטאַרקע מוסקולן. ער האָט, זאָגט ער מיר, זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעוואוינט פון עסן צו־זאַט און ער קען אויך ניט אַרומגיין באָרוועס און נאַקעט. ער מוז דאַרום, צו זיין גרויסן פאַרדרוס, צייטנווייז „ציען יניקה פון טיוול״, דאָס הייסט, נעמען פון זיין פּריוואַט־אייגנטום, אין צאַרן־לאַנד, אויף דאָס, וואָס אים פעלט צום לעבן אין ארץ־ישראל.

עס פאַרדריסט אויך מיכל האַלפּערינען, וואָס ער ברענגט אויס צופיל צייט פאַר אַרויסגעוואָרפענער כלל־אַרבעט. ער גרינדעט פאַראיינען און מוז באַלד זיך אָפּזאָגן פון זיי, ווייל דאָ אין ארץ־ישראל, זאָגט ער, געפינען זיך נאָך גאָר אַ סך „סוואָלאָטשעס״ (אַזוי ווי אין צאַרישן רוסלאַנד), וועלכע האַלטן פון פּריוואַט־אייגנטום. צופרידן איז ער פון זיין געזאַנג־פאַראיין „כנור־ציון״, צוליב זיין „שוואַכקייט״ פאַר ניגונים. ער האָט אַ שטאַרקע שטים צום זינגען און ער קען אויך שפּילן. נאָך מער האָט ער ליב געזאַנג און

שפיל בציבור, אין געזעלשאַפֿט. און כאָטש ער איז פֿעסט אַנטשלאָסן ניט מער צו פֿאַרלאָזן ארץ־ישראל, האָט ער דאָך חשק צו פֿאָרן קיין אַמעריקע ווי אַ „דעלעגאַט" פֿון ארץ־ישראל. ער האָט זיך אָנגעהערט פֿון די מאַטע־ריעלע גליקן פֿון אייראָפּייִשע סאָציאַליסטישע דעלעגאַטן אין אַמעריקע, גלויבט ער אַז עס קען אים געלינגען צו באַקערן די אַמעריקאַנער צו זיין „קאָמוניזם" און אַרויספֿירן פֿון דאָרטן די יידן אָדער לכל הפחות זייער געלט, קיין ארץ־ישראל...

די פּאַלעסטינער ציוניסטן רופֿט ער אָן „בורזשוקעס", און האַלט גאָר־ניט פֿאַר ווערט מ׳זאָל ריידן צו זיי. די פּועלי־ציון אין ארץ־ישראל, זאָגט ער, זיינען אַלס אַ כלל סאָציאַל־דעמאָקראַטן. נאָר יעדערער באַזונדער וויל האָבן וואָס מער פּריוואַט־אייגנטום. האַלפּערינען קימערט ניט צו וועלכער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי אַן אַרבעטער געהערט. דער עיקר איז, אַז יענער זאָל גאָרניט פֿאַרמאָגן און זאָל ניט חלומען פֿון פּריוואַט־אייגנטום.

פּראָנץ אָפּענהיימערס פּראָיעקט צו מאַכן קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס אויף דעם באָדן פֿון נאַציאָנאַל־פֿאָנד האָט פֿאַר האַלפּערינען קיין ווערט ניט, וויל סוף־כל־סוף, זאָגט ער, וועלן דאָך אַלע מיטגלידער צוזאַמען האָבן פּרי־וואַט־אייגנטום, אויף וועלכן דאָס פֿאָלק האָט קיין דעה ניט, און קיינער קאָן זיי ניט שטערן צו ווערן פֿון אַ פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפֿט (קאָאָפּעראַ־טיוו) אַ בורזשואַזע אַקציאָן־געזעלשאַפֿט (אַ „קאָרפּאָרעישאָן") אָדער ווערן פּריוואַט־אייגנטימער, בורזשואַזע קאָלאָניסטן.

זיין פּראָגראַם פֿאַר דער קעגנוואַרט, צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די אַרבעטער שוין איצט, איז צו גרינדן צווייערליי קאָאָפּעראַטיוון: פֿאַר שאַפֿן פּראָדוקטן און פֿאַר קאָנסומירן שפּייז. אייגענע קיכן, בעקערייען און קראָ־מען, קאָאָפּעראַטיווע מייסטערסקאַיעס, הייזער און אַזוי ווייטער, הילפֿס־קאַסעס, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו פֿירן סטרייקס און צו קעמפֿן קעגן עקספּלואַטאַציע, לייַ־קאַסעס, כדי צו שטיצן אַרבעטער אין אַ נויט, קראַנקן־קאַסעס און אינוואַלידן־קאַסעס. ער פֿאָדערט אויך דערפֿאַר איבערצוגעבן אין די הענט פֿון אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע די „נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלן", ווי די קאָלאָניאַל־באַנק, נאַציאָנאַל־פֿאָנד און יק"א, כדי די אַרבעטער זאָלן קענען אָט די אַלע קאַפּיטאַלן באַנוצן איינצופֿירן אַ קאָאָפּעראַטיווע גע־זעלשאַפֿט.

קאַפּיטל הונדערט און פֿיר און פֿופֿציק

איך באַקען זיך מיט קאָלאָניסטן

מיינע פֿריינט אין ארץ־ישראל אין 1907 געהערן צו דער אַרבעטער־שאַפֿט. אַפֿילו אין פּתח־תקוה (פּעסאַך־טיקווע), וואו איך קום לכתחילה אַלס

גאַסט צום קאָלאָניסט יעקב קראַל, מיין טרייער פריינט אין אינטערלאַקן, שווייצאַריע, 1903, חבר איך זיך מער מיט דעם אַרבעטער־טוער יחזקאל חנקין (כאַנקין).

צוויי געשעענישן באַקענען מיך אָבער מיט ווייטערע קרייזן: די גרינ־דונג פון דער קאָלאָניע „באר יעקב" און די דריי־טאָגיקע קאָנפערענץ פון דער „אגודת הכורמים".

אויף דער שמחה לכבוד דער נייער קאָלאָניע טאַנצן אַרבעטער און קאָ־לאָניסטן צוזאַמען אַלערליי „האָפּקעס" און „בייגעלעך" אויפן פרייען פעלד. צולעצט דרייען מיר זיך אַלע אין אַ גרויסן טאַנצנדיקן ראָד אַרום דער גאַנ־צער קאָלאָניע. די יום־טוב רעדנער זיינען גוט־באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער אין ארץ־ישראל. נאָר ווי אַ גאַסט פון אַמעריקע ווער איך אויך פאַר־בעטן צו ריידן, ניט געקוקט אויף מיין יוגנט און אומבאַקאַנטקייט.

צוליב מיין אָנוועזנהייט אויף דער וואַינער קאָנפערענץ און מיין פּאַראינ־טערעסירטקייט אין אַלע אָנגעלעגנהייטן פון די קאָלאָניעס, ווער איך היימיש צווישן די קאָלאָניסטן. זיי באַנעמען זיך צו מיר ווי צו אַן אייגענעם מענטשן. ריידן אויס פאַר מיר זייערע הערצער, דערציילן מיר זייערע קריוודעס צום באַראָן ראָטשילדס אַדמיניסטראַטאָרן און צו מיינע חברים אַרבעטער.

אַ בכבודיקער פּיאָנער פון ראשון לציון דערקלערט מיר די לאַגע פון די קאָלאָניסטן אָט אַזוי:

— מען האַלט אונדז פאַר „שנאָרער" און יעדעס יינגל אין אַ רויטער „רובאַשקע" (בלוזע), מיט אַ „ברויונינג" (רעוואָלווער) אין גאַרטל דערלויבט זיך אונדז דאָס צו זאָגן ביי יעדער געלעגנהייט. זאָל אָבער דער וואָס רופט אונדז אָן שנאָרער זאָגן, ווי ער וואָלט זיך באַנומען אויף אונדזער אָרט? מיר זיינען אַהער געקומען מיטן געדאַנק צו מאַכן דאָס לאַנד פון די אָבות פאַר דאָס לאַנד פון די קינדער. מיר האָבן געגלויבט, אַז מאָסן יידן וועלן אונדז נאָכפאָלגן. מיר געפינען אָבער באַלד אויס, אַז מיר זיינען נאָר אַ הייפל טרוימער, וועלכע זיינען פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג. דאָך בלייבן מיר פאַרעקשנט, ניט אויפצוגעבן דעם קאַמף ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט: זיגן אָדער אונטערגיין, אָבער ניט אָפּטרעטן פון פּלאַץ. מיר טרינקען אומריין וואַסער, עסן אומגעזונטע מאכלים, וואוינען אין היילן און שטאַלן. צולעצט ווערן אָבער אונדזערע כחות אַלץ שוואַכער, און עס ווילט זיך אַזוי שטאַרק לעבן!

אין אָט דער צייט באַווייזט זיך צו אונדז דער באַראָן ראָטשילד, ווי אַ „משיח". ער צאָלט אונדז שכירות, מיר זאָלן האָבן צום לעבן, ביז מיר וועלן קאָנען געניסן די פּרוכט פון אונדזער אַרבעט. ער האָט אונדז אויסגעבויט שיינע הייזער און שטאַלן און געפלאַנצט וויינגערטנער, און אויפגעשטעלט דעם ריזיקן וויין־קעלער. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן דורך אַדמיניסטראַטאָרן,

װעלכע האָבן פֿון ערשטן טאָג אָן אויף אונדז געקוקט װי אויף שנאָרער, און אונדז אויך באַהאַנדלט װי אַזױנע. די ערשטע צייט האָבן מיר זיך געפֿילט באַליידיקט. מיר האָבן אָבער געשוויגן, כּדי ניט צו פֿאַרלירן דעם באַראָנס גוטסקייט, און די עקזיסטענץ פֿונעם נייעם ישוב. ביסלעכווייז האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צו דער נייער לאַגע און אָנגעהויבן צו זינקען. מען איז דאָך ניט מער װי אַ מענטש. איך וויים, אַז שמעון איז דאָ ערשט געקומען נאָכ־דעם װי דער באַראָן האָט אָנגעהויבן געבן צום לעבן, און זיי האָבן אַלע פּריווילע־גיעס, דערפֿאַר וואָס זיי קאָנען חנפֿענען דעם אַדמיניסטראַטאָר, און אַז דער לעצטער קימערט זיך גאָרניט פֿאַרן ישוב. פֿון זיינעטוועגן קען אונטערגיין כּל ישׂראל מיט ארץ־ישׂראל צוזאַמען. דער עיקר איז געלט. ער וויל אַנגנבענען פֿון באַראָן אַ פֿאַרמעגן.

און דער סוף? — איך וועל אייך דערציילן אַ מעשׂהלע:

— אַ מאַן האָט אַמאָל געהאַט אַ זייער טרייען הונט, וועלכן ער האָט געקענט אָנטרויען זיין מיטאָג־עסן. אַלע טאָג פֿלעגט ער שיקן דעם הונט אין אַ רעסטאָראַן נאָך מיטאָג. דער רעסטאָראַטאָר פֿלעגט אַלץ איינפּאַקן אין אַ קאָרב, און דער הונט פֿלעגט עס אַלץ ברענגען אומבאַרירט צו זיין באַלעבאָס. ויהי היום, און עס איז געווען אַ צרה. דעם טרייען הונט זיינען באַפֿאַלן אַ שייקע הינט, אַרויסגעריסן פֿון אים דעם קאָרב עסנוואַרג. דער טרייער הונט האָט זיך געשלאָגן ביז בלוט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן. די הינט האָבן אויפֿגעעפֿנט די טעפּלעך און אָנגעהויבן צו עסן. אַז דער צעבלוטיקטער, ערלעכער הונט האָט געזען אַז זיין קאַמף איז פֿאַרלאָרן, דאָס פֿלייש וועט סיי־ווי־סיי ווערן אויפֿגעפֿרעסן, איז ער צוגעלאָפֿן מיט אַ געביל און אָנגעהויבן צו פֿרעסן גלייך מיט אַלע איבעריקע הינט...

— די תּקופֿה פֿון חניפֿה און חלוקה איז שוין אַוועק, וועט זיך מער ניט אומקערן צוריק. היינט זיינען מיר אָנגעוויזן יעטוועדער אויף זיך אַליין. דערווייל געהערט נאָך אַלץ צום באַראָן. מיר וועלן דאָס אָבער אויסצאָלן. אויב ניט, וועלן דאָס טאָן אונדזערע קינדער. און ניט געקוקט אויף אַלע פֿעלערן, האָבן מיר געמאַכט אַ שטיק ארץ־ישׂראל פֿאַר דאָס לאַנד פֿון אונדזערע קינדער.

— איר זאָגט, אַז אונדזערע קינדער גייען אַוועק פֿונעם לאַנד און זיינען נעענטער צו פּאַריז װי צו ירושלים. דאָס איז אַן אַלטע טענה, און באַזונדערס קעגן אונדזער קאָלאָניע ראשון לציון. באַזוכט אונדזער „בית ספֿר” און איר וועט זען, אַז אויך אין אָט די רייען איז געקומען אַן ענדערונג. אונדזערע קינדער, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אין דער שולע פֿון דער אַד־מיניסטראַציע און האָבן געזען, אַז אונדזער קוואַל פֿון פּרנסה ליגט אין פּאַריז, אַז העברייאיש האָט ביי דער אַדמיניסטראַציע קיין ווערט ניט און ווער עס קען ריידן בעסער פֿראַנצויזיש האָט אַ מעגלעכקייט צו דערלאַנגען אַזש צום באַראָן אַליין! וואָס פֿאַר אַ חידוש וואָס אַלע שטרעבונגען פֿון

אונדזערע קינדער זיינען געווען קאָנצענטריט אויף פּאַריז, אַז זיי האָבן פּאַר־לאָזן זייער געבורטסלאַנד מיט אַ לייכטן האַרץ. די איצטיקע קאָלאָניסטישע קינדער זיינען שוין אָבער גאָר אַנדערע מענטשן. זיי באַטראַכטן אונדז, זייערע עלטערן, פאַר ווייניק נאַציאָנאַליסטיש דערפאַר וויל מיר ריידן „זשאַרגאָן", און יענע פּועלים וועלכע ריידן העברייאיש און הערן ניט אויף אונדז צו באַליידיקן זיינען ביי אונדזערע קינדער „לעילא ולעילא", „די איבערשטע פון כריין"...

עס איז אמת, אַז מיר האָבן אַ שוואַכקייט צו שיקן אונדזערע קינדער שטודירן. דערביי איז אָבער דאָ נאָך אַ סיבה. ניט געקוקט אויף דעם באַ־ראַנס מיליאָנען קאָן פון אַ מיטלמעסיקן וויינגאָרטן לעבן נאָר איינער. מיר האָבן ניט אַזוי פיל באָדן צו קאָנען איינטיילן אונדזערע קינדער אַזעלכע חלקים, פון וועלכע אַ פאַמיליע זאָל קאָנען לעבן. דאָס רוב וויינגערטנער גיבן ניט קיין גענוג פרנסה אפילו פאַר אָן איינצלנע פאַמיליע, און דער קאָ־לאָניסט בלייבט תמיד הינטערשטעליק. עס פאַסירט אַמאָל, אַז אין אַ שיי־נעם הויז פון פינף־זעקס צימערן זיצט אַ פאַמיליע און מאַכט פלענער ווי אַזוי צו קויפן אַ לעבל ברויט, ווען די חובות זיינען שוין איבערן קאָפּ, און ס'איז מער ניטאָ וואו צו באָרגן. אונטער אַזוינע אומשטענדן, וויל מען דאָס קינד, איבערהויפּט דעם זון, באַפרייען פון אַזוינע קאָפּדרייעניש.

געוויס, יעטוועדער איינער גלויבט, אַז זיין זון איז ניט געשאַפן צום אַרבעטן. דער טאַטע אַליין איז דאָך אויך ניט געווען קיין אַרבעטער פון קינדוויז אָן, בפרט אַז אַ טייל פון אונדז זיינען אַמאָל געווען סטודענטן, סוחרים אָדער ישיבה־לייט. די עלטערן גלויבן דאַרום, אַז זייערע זין זיינען געשאַפן פאַר עפּעס בעסערס און אַז יעדער איינער פון זיי איז אַ געבוירענער טאַלאַנט. מעגלעך, אַז בעת מיר וועלן זיין גאַנץ זעלבסטשטענדיק און קויפן לאַנד וועט זיין אַ לייכטע זאַך, וועט די מערהייט פון אונדזערע קינדער בלייבן אויפן לאַנד. על כל פנים, איצט ניט.

ניט געקוקט אויף די שיינע רייד וועגן מאַכן דאָס לאַנד פון די אָבות פאַר דאָס לאַנד פון די קינדער האָבן געוויסע יידישע קאָלאָניסטן, אין 1907, ניט גערן גענומען יידן צו דער אַרבעט אויף זייער באָדן. דער תירוץ איז געווען, אַז יידן פאַרלאַנגען אַ העכערן אַרבעטס־לוין ווי די פּרימיטיווע אַראַבער, וועלכע האָבן נאָך דערצו אויך געטאָן די אַרבעט פון לאַקייען און דינסטן.

פון דער אַנדער זייט האָבן דעמאָלט, אַ טייל קאָלאָניסטן אַרויסגעוויזן אַחוץ קלאַסנהאַס אויך פערזענלעכע ניט־אַכטונג צום יידישן אַרבעטער. כ'דערוויס זיך דאָס, ווען כ'ווער איינגעלאַדן צו אַ טאַנץ מיט קאָלאָניסטישע טעכטער. אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס זיי האָבן ניט פאַרבעטן די שיינע העלדישע אַרבעטער יוגנט אין זייער קאָלאָניע, דערקלערן מיר די דאָזיקע יונגע מיטטענצערינס מיינע, אַז די עלטערן דערלויבן ניט זייערע טעכטער

צו טאַנצן מיט די „באַסיאַקעס" (באָרוועסע), ווי די קאָלאָניסטן רופן אָן די איינגעוואַנדערטע באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע פון 1905 קעגן רוסישן צאַר און אין זעלבסט־שוץ קעגן פּאָגראָמען.

ווען די יידישע לאַנד־אַרבעטער געלינגט צו ווירקן אויף די אַראַבישע פעלאַכן ניט צו קאָנקורירן מיט די יידישע אַרבעטער אין די יידישע קאָלאָניעס און ניט אַרבעטן פאַר ביליקער, ברענגען אַרונטער יידישע קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל ביליקערע אַרבעטס־הענט פון מצרים.

די סאָציאַליסטישע אַרבעטער האָבן, נאַטירלעך, אָרגאַניזירט פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, וואו איך טרעט אויך אַרויס אַלס רעדנער. קאָלאָניסטישע וואָרטזאָגער דערקלערן, אַז דאָס פאָדערן די „נאַציאָנאַלע אינטערעסן": די אָראַנזשן פון ארץ־ישראל מוזן פאַרקויפט ווערן אויפן וועלט־מאַרק און טאָרן ניט זיין טייערער ווי די גריכישע און איטאַליענישע. די יידישע קאָ־לאָניסטן מוזן דאַרום זיך באַנוצן מיט ביליקער אַרבעט. מיין טענה: זיי זאָלן עס טאָן אויף זייער אייגענעם חשבון, דורך קלענערע פּראָפיטן... האָבן זיי אָנגערופן „סאָציאַליזם" און שוין דערמיט אַליין עס מבטל געווען...

עפּילאָג

פריער — שפּעטער

ניט אַלע מיינע איבערלעבונגען זינט מיין עלטער פון פינף־זעקס יאָר זיינען איינגעקריצט אין מיין זכרון כראָנאָלאָגיש, לויטן סדר ווי זיי האָבן פּאַסירט. אַ טייל דעראינערונגען רופן ביי מיר אַרויס אַסאָציאַציעס און פאַרבינדונגען מיט געשעענישן, וואָס געהערן צו אַ שפּעטערדיקער צייט.

אָט זיינען עטלעכע ביישפּילן:

ווען עס דערוואַכן אין מיין זכרון די געשטאַלטן פונעם „קלוטשוואָיט" טאָמאַשעווסקיס קינדער, וועלכע שפּילן זיך מיט מיר אין אונדזער גאָרטן, דערשיינען פאַר מיר צוגלייך זייער מאַמעס שפּעטערדיקע געהיימע פּוי־לישע שולע און די רוסישע אויפשריפט אין פּאָטשט אויפן וואַנט: „ריידן אויף פּויליש איז שטרענג פאַרבאָטן."

דערשיינט פאַר מיר די געשטאַלט פון דעם פון מיר עלטערן יינגל יאַשקע מיט זיין סידור, זע איך שוין אויך גלייכצייטיק די רויטע פאָן און די יוגנט־לעכע אַרבעטערשאַפט אינעם טיפן וואַלד הינטער ווילנע, וואו מיר פייערן צוזאַמען אין אַ צען יאָר שפּעטער אונדזער ערשטן מאַי־יום־טוב.

צוזאַמען מיט דער אַלטיטשקער רביצין, וואָס לערנט מיין עלטערע

זוועסטער, טאָנקע, שרייבן יידיש און „עברי־טייטש״, די אַלטע שריפט פון „טייטש־חומש״ און תחינות, שווימט אויף אַרויף אין מיין זכרון די אלמנה „חנה די טויבע״, וואָס כ׳האָב דעמאָלט געזען אין דעם זעלביקן שטיבל אויף „יורסדיקע״. צוגלייך זע איך שוין אויך אירע צוויי זין יאָשקע און יודקע. דעם ערשטן דערזע איך שוין באַלד אַלס „יאָשטשיק דער טאָ־קער״, וואָס לערנט מיך אין אַ צען יאָר אַרום זיין מלאכה און איך לייען מיט אים דוד פינסקיס אויפקלערערישע דערציילונג „ר׳ שלמה״. כ׳זע אים אויך אַלס זקן, וואָס שפּאַצירט מיט מיר אַרום אין באָסטאָנער „פּרענקלין פּאַרק״, וואו ער בעט מיך פאַרצוזעצן די אויפקלערונג, וואָס כ׳האָב אים אָנגעהויבן געבן מיט צענדליקער יאָרן פריער, ווען ער איז געווען מיין מייסטער און איך זיין לערן־ייִנגל. דעם ייִנגערן ברודער זע איך אין מיין קינדהייט אַרבעטנדיק אין מאַנעס איציק דעם שוסטער־וואַרשטאַט. יינגלוויז הער איך, אַז ער האָט געוואָרפן די מלאכה און זיך גענומען צום לערנען. ווען כ׳קום אַראָפּ פון דער שווייץ, אין פרילינג 1900, קיין מיישעגאָלע, באַזוכן די עלטערן פון מיין יונג־פאַרשטאָרבענער מאַמען, איז שוין דאָרט ר׳ יודל גאָלאָמב אַ חשובער למדן און משכיל, וואָס האָט קבלה אויף שחיטה, נאָר ציט זיין חיונה פון אַ קראָם. און דערמאָן איך זיך אין אים זע איך שוין אויך, ווי זיין זון, אברהם־איציק, וועלכער איז באַקאַנט אין דער אַלטער און נייער וועלט אַלס אָנגעזעענער פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער, באַגריסט מיך אויף אַ באַנקעט אין וויניפּעג, קאַנאַדע, און שטעלט מיך אויף פּאַר, אין זיין דאָרטיקער שול, פאַר זיינע תלמידים.

ביים דערמאָנען זיך אין מיין טאַטנס אַ פריינט, שלמה מעקלער, דער מיישעגאָלער שמש, וואָס איז אונטערגעשריבן, אַלס עדות, אויף מיין מאַמעס כתובה, און איז אויך געווען איינער פון מיינע ערשטע מלמדים, זע איך שוין אויך זיין זון, וועלכער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון אַ טעג־לעכער יידישער צייטונג, מיט וועלכער איך בין היפּשע עטלעכע יאָר געווען טעטיק צוזאַמען אין דער עקזעקוטיווע פון י. ל. פּרץ שרייבער־פּאַראיין אין ניו־יאָרק. און דערמאָן איך זיך דעם מיישעגאָלער רב פון מיין קינד־הייט, ר׳ אבא יעקב באָראָכאָוו (דער זון פון אַ שוסטער, וואָס איז געוואָרן באַרימט אַלס מחבר פונעם ספר „חבל יעקב״) זע איך אויך באַלד פאַר מיינע אויגן זיין זון אהרן מיכל („ברכיהו״) וואָס וואַרפט די רבנות און ווערט, אין זיינע מיטעלע יאָרן, אַ סטודענט אין בערן (שווייץ), מיט וועמען איך פאַרברענג יעדעס מאָל ווען כ׳קום אַהין פון דער נאָענטער פריבורג, וואו איך שטודיר דעמאָלט.

מיין יונגן טאַטן אין דאָרף זע איך צוגלייך ווי אַ מיטליאָריקן אין וויל־נע, וואו ער אַרגומענטירט מיט די יוגנטלעכע יידישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס עסן ביי אים אין גאָרקיך. אונדזערע חכמים זאָגן, דערציילט ער זיי,

„ווען ניט די מורא פאַרן מלכות, וואָלטן מענטשן איינער דעם אַנדערן איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט". פונדעסטוועגן באַהאַלט ער ביי זיך, אין צייט פון אַ סכנה, די ניט־לעגאַלע ליטעראַטור און דאָקומענטן פון די זעלביקע „מורדים" (ווידערשפעניקע) קעגן מלכות... איך זע אים אויך צוגלייך אַלס עלטערן מאַן אין פאַריז, וואו ער וואַנדערט־איין, ווען ער דערוויסט זיך, אַז דעם צאַרס „מלכות הרשעה" האָט אין 1903 אָרגאַניזירט דעם קישינעווער פּאָגראָם. איך זע אים זיצנדיק אויף דער בינע פונעם פּאַריזער יידישן „פאָלקס־אוניווערזיטעט", און האָרכנדיק אויפמערקזאַם מיין שילדערונג פון ארץ־ישראל, וואו כ'בין געווען טעטיק אין 1907—1908.

אויך מיין עלטערע שוועסטער העניע־טאַניע „שטייט ניט איין אויף אַן אָרט", ווען כ'זע זי, ווי מיין אַכט־ביין יאָריקע דערציערין טאַנקע. אָט איז זי שוין אַ זאַקנמאַכערקע, פאַרן ווילנער זאָקן־פאַבריקאַנט (דעם מחבר פון פרומע ספרים) ר' בן ציון אַלפּס, און אָט — די פרוי פונעם יונגן יידישן פאַכטער ביים באַראָן פון זאַמעטשיק, הינטער דעם זוואָרינעצער וואַלד, אין דרום־ווילנע. כ'זע זי אַלס מאַמע פון צוויי קינדער, אַ קרעפטיקע האָרעפּאַשניצע, וואָס העלפט איר מאַן, יאַשע מילכיקער, אין גאָרטן און פעלד, מעלקט די קי און אַרבעט אויס אַלערליי מילך־פּראָדוקטן, און ווען ער קומט־אום יונג דורך אַן אומגליק ביי דער אַרבעט, טראָגט זי אַליין דעם יאָך ווייטער.

„יאָרן ציען, יאָרן פליען". מיר זעען זיך ניט פולע 36 יאָר נאָכאַנאַנד. איך קריג נאָר בילדער און בריוו פון איר און אירע קינדער, אַ מיידל און אַ יינגל, וועמען זי גיט אַ מאָדערנע דערציאונג, מיט דער מיטהילף פון אונדזער ווילנער עלטער־מומען, מאַדאַם גאָרדאָן, די „גואווערנאַנטין רעבעקאַ", די אַדאָפּטירטע טאָכטער פון דעם זון פונעם העברייאישן דיכטער „אדם הכהן". חשובע געסט פון אַמעריקע, וועלכע ווערן אויפגענומען מיט כבוד פון ווילנער געזעלשאַפטלעכקייט, באַזוכן זי אין איר היים און ברענגען מיר גרוסן שוין פון אַן אַלטער, פיל־געליטענער שוואַכער פרוי. ענדלעך קומט דער טאָג אויף וועלכן מיר האָבן ביידע אַזוי לאַנג געוואַרט. איר פּנים שטראַלט ווען זי וויזט מיר, ווי אַזוי איר ווילנער יידישע צייטונג באַשרייבט מיין אָנקום פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויפן וועג צוריק אַהיים קיין אַמעריקע, און דערמאָנט אויסדריקלעך, אַז כ'בין געקומען קיין ווילנע עקסטרע צוגאַסט צו איר, מיין עלטערע שוועסטער.

איר מיטליאָריקער זון, שמואל (איטשע), מילכיקער, מיד פון די אַנטיסעמיטישע נגישות פונעם האַלב־פאַשיסטישן רעזשים אינעם דעמאָלטיקן פּוילן, פּלאַנט אויסצוואַנדערן קיין ארץ־ישראל. ער שיקט דעריבער זיינע קינדער אין דער „תרבות"־שולע און זיי ריידן מיט מיר אין העב־

רייאיש. זיין פרוי, פּאַליע שאבאַד־מילכיקער, אַ קרובה פון צבי גרשוני, דעם ערשטן רעדאַקטאָר פון דער ערשטער געדרוקטער צייטונג אין יידיש אין אַמעריקע, האַלט אויף איר שויס זייער מיזיניק, מאָטעלע, אַ נאָמען נאָך מיין טאַטן. ער קאָן שוין אַביסל ריידן און רעדט צו מיר אין דער שפּראַך פון מיין טאַטע־מאַמען, עלטער־באָבעס און עלטער־זיידעס.

מיין שוועסטערס עלטסטער אייניקל, יאָסעלע, דער זון פון איר טאָכ־טער שרה־בלומע (אַ נאָמען נאָך אונדזער יונג־פאַרשטאָרבענער מאַמען) רעדט מיט מיר אין יידיש. זיין פאָטער, מענדל גאָרדאָן, אַ ברודער פון דעם העברייאישן לערער אלימלך (מאַקס) גאָרדאָן אין דעטראָיט, האָט אים געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. דערמאָנט מיך יאָסעלע מיין איי־גענע יוגנט אין ווילנע, ווען כ׳האָב דאָרט געחלומט פון אַ וועלט־גאולה און פון אַ באַפרייטער מענטשהייט, געהייליקט דורך גערעכטיקייט...

אין די בריוו צו מיר, איידער די דייטשן זיינען אַריין אין ווילנע, האָט מיין שוועסטער און איר הויז־געזינד מיך כסדר געבעטן זיי ווידער צו באַזוכן. כ׳האָב ניט באַוויזן, איצט קומען זיי אַלע צו מיר אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט, פאַרפייניקטע און דערמאָרדעטע... זיי קומען צוזאַמען מיט מיין גאַנצער משפחה — די אַכציק טויזנט ווילנער אור־אור אייניקלעך פון אונדזער עלטער־עלטער זיידן אברהם, פון וועלכן מיין דאָרפישער זיי־דע שאול־יהודה האָט גערעדט צו מיר אין מיין פינפטן יאָר מיט אַזוי פיל שטאָלץ.

(ס ו ף)